STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00577

# TRADITSYE UN BANAYUNG

## Saul L. Goodman

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Eleanor & Leon Eidels*
*in memory of*
*Mary & Benjamin Eidels*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טראַדיציע און באַנייאונג

# שואל גוטמאַן

# טראַדיציע און באַנייאונג

עסייען 1944 — 1966

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

תשכ"ז 1967

SAUL GUTMAN

# TRADITSYE UN BANAYUNG

*Tradition and Innovation*

Essays 1944-1966

Copyright 1967
by SAUL L. GOODMAN
New York, N. Y.

פארלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינד
פון שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

*Published by*
FARLAG MATONES, 41 Union Square, New York 3, N. Y.
*Printed in U.S.A.*
by MARSTIN PRESS, INC., New York, New York 10017
I. LONDON, President

מיין טייערער שרהקען

דאָס בוך אַ מתנה

# א י נ ה אַ ל ט

## א

## וועלטלעכע ייִדישקייט אין אַן אַמעריקאַנער ראַם

זייט


רעליגיעזע וועלטלעכקייט — אַ שיטה אין ייִדישקייט .. 11

אַ שפּיגל פון דער יונגער ייִדישער אינטעליגענץ
אין אַמעריקע .......................... 54

מיר — און די קולטור אַרום אונדז .............. 64

פאַלשע שטריכן אין אַ פּאָרטרעט פון אַמעריקאַנער
ייִדישן קיבוץ .......................... 74

ניו־יאָרקער ייִדן ווי אַן עטנישע גרופּע ............ 84

טרעוואָר־ראָפּער און ייִדישע גבורה אין די געטאָס .... 89

יענע וואָס מאַנען גבורה ביי די אומגעקומענע ........ 96

וועלטלעכע ייִדישקייט פאַרן דריטן דור ............ 101

דאָס פּנים פון היינטיקע ייִדישע דורות .............. 107

זייט

איז וועלטלעכע ייִדישקייט פאַרמשפּט? ............ 112

קיערקעגאַרד און דער פאַרלאָרענער גן־עדן .......... 120

## ב

## ייִדישע דענקער און דיכטער — צייטלעך און איבערצייטלעך

דער ייִדישער געדאַנק אין דער נייער צייט .......... 133

דובנאָוויזם בלייבט אַקטועל פאַר אַמעריקאַנער ייִדן .... 138

זשיטלאָווסקיס ירושה פאַר אונדזער צייט .......... 152

ש. ניגער — דער קריטיקער־הומאַניסט ............ 159

קאַפּלאַן און בערגסאָן — זייער בשותפותדיקער יסוד און אַנדערשדיקער אויספיר ................. 177

האָראַס קאַלען און דער קולטור־פּלוראַליזם ......... 192

לייבוש לעהרערס טראַדיציאָנאַליזם ............... 200

בן־אדיר און י. נ. שטיינבערג — צוויי וואַריאַנטן פון איין אידעאַל ....................... 204

ישראל זאַנגוויל — אַ בריק צו די ייִנגערע דורות ..... 220

דער ייִדישער אני־מאמין פון אַ בונדיסט .......... 225

שלמה מענדעלסאָן — ייִדישער פאָלקס־סאָציאַליסט ... 230

אונדזער היסטאָרישער גאַנג (י. י. טרונק) .......... 234

דער ייִדישער יחיד איז די צענטראַלע פּראָבלעם (מנחם באָריישאַ) ....................... 242

ייִדישע פּאָעזיע און שליחות (קאַדיע מאָלאָדאָווסקי) ... 249

זייט


א. לעיעלעס — דיכטער פון וואָרט און טאַט . . . . . . . . . 256

יעקב גלאַטשטיין — מאָדערניסטישער פּאָעט . . . . . . . . 262

ה. לייוויק — דער עסייאיסט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 269

אברהם רייזען און די מאָדערנע יידישע שול . . . . . . . . 276

שלום אַש — און „איין גורל" . . . . . . . . . . . . . . . . . 278

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי „דער ווערטער־האָר" . . . . . . . . . . 284


## ג

## יידישע דערציאונג — פאַר פרייע יידן


דאָס פּנים פון יידישן חינוך אין אַמעריקע . . . . . . . . . . . 291

וואָס איז דער ענדציל פון יידישער דערציאונג ? . . . . . 301

אויפן וועג צו אַ דערציאונגס־פילאָסאָפיע פון
אַמעריקאַנער ציוניזם . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 308

ישראל־ און כלל־ישראל־באַוואוסטזיין אין
יידישער דערציאונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 315

דער וועלט־באַנעם פון דער נייער יידישער שול . . . . . . 321

דער מאָרגן פון דער יידישע־וועלטלעכער שול
אין אַמעריקע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 330

א מ ע ר י ק ע — אין דער יידישער שול . . . . . . . . . . 344

דער עקסיסטענציאַליזם און דער קריזיס
אין דערציאונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 349

אַ בליק פאָרויס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 357


## ד


ע פּ י ל אָ ג: אַ קיומיסט אויפן הר־ציון . . . . . . . . . . 365

# אַרײַנפיר־וואָרט

עס קען זיך, אין פלוג, אויסדאַכטן אַז אייניקע עסייען אין בוך באַטאָנען מער טראַדיציע, און אַנדערע באַנײַאונג — דאָך מיין איך אַז אַלע אַרבעטן אין בוך שטייען אונטערן צייכן אי פון היסטאָרישער יידישקייט, אי פון פרײַען געדאַנק; פון המשכדיקייט און גלײַכצײַטיק פון רעוויזיע; פאַרוואָרצלטקייט און צופּאַסונג צו דעם איצטיקן גײַסטיקן קלימאַט. דערפאַר מיין איך אַז די דילעמעס און שטרײַט־פראַגן וואָס ווערן דאָ באַהאַנדלט זײַנען און וועלן נאָך לאַנג זײַן אַקטועל און זינפול פאַר יידן אין אונדזער צעשפּרייטקייט — ספּעציעל אין די תּפוצות מיט אַ הויכער אַלגעמיינער קולטור, וואו דער אָרום איז לאָקנדיק, און וואו ס׳גייט אָן אַ „נאַטירלעכע״ נישט־אידעאָלאָגישע אַסימילאַציע. אין די דאָזיקע לענדער, וואו דער יידישער

יחיד קען פריוויליק באַשטימען צי ער וויל זײַן אַ טייל פון ייִדישן כּלל; וואו ייִד־זײַן ווערט נישט באַשטימט פון דער דרויסנדיקער וועלט — אין די דאָזיקע תּפוצות איז שווערער צו זײַן אַ ייִד ווי אין מזרח־אייראָפּע, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. און ווײַל די סוגיא: ישׂראל בין העמים ווערט וואָס ווײַטער אַלץ האַרבער און קאָמפּליצירטער — דערפאַר מוזן מיר זיך כּסדר פאַרטיפן אין דעם ענין, און זוכן אין יעדן דור נײַע תּרופות.

די עסייען וואָס גייען אַרײַן אין דעם בוך זײַנען געשריבן געוואָרן במשך די לעצטע צוויי און צוואַנציק יאָר, און זיי באַשעפטיקן זיך מיט אַ ריי צענטראַלע פּראָבלעמען בשייכות מיט די ייִנגערע ייִדישע דורות אין אַמעריקע; מיט אָפּשאַצונגען פון אַ ריי אײַנפלוסרייכע ייִדישע דענקער און פּאָעטן, און מיט תּוכיקע ענינים פון ייִדישער דערציאונג. דאָ קומען אַרײַן בלויז אַזעלכע אַרבעטן וואָס האָבן אַ דירעקטע, אָדער אומדירעקטע טעמאַטישע שייכות צווישן זיך. אַרטיקלען וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אַרום די זעלביקע יאָרן, אָבער זיי האָבן צו טאָן מיט אַנדערע געביטן, זײַנען דאָ נישט אײַנגעשלאָסן געוואָרן.

מערסטע פון די עסייען זײַנען פריִער געווען פאַרעפנטלעכט אין דער **דערציאונגס־ענציקלאָפּעדיע**, אין דעם **י. נ. שטיינבערג בוך**, **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **קולטור און דערציאונג**, **וועלט און פאָלק**, **אויפן שוועל**, און אַנדערע זשורנאַלן.

די לעצטע עסיי אין בוך איז אַ פּרואוו צו דעפינירן מײַן באַציאונג צו אַ דייל אין בית־ישׂראל, און קען באַטראַכט ווערן ווי אַן עיקר אין מײַן אני־מאמין. מ׳קען אפשר פון דעם דרינגען אַז פון רעליגיעזער וועלטלעכקייט — די ערשטע עסיי אין בוך — ביזן הר־ציון, איז דער מהלך נישט קיין ווײַטער, און אַז באַרג־לופט פון ציון דערגרייכט אויך אַ וועלטלעכן ייִד אין אַמעריקע...

**שואל גוטמאַן**

## ערשטער טייל:

# וועלטלעכע יידישקייט אין אַן אַמעריקאַנער ראַם

איך בין נישט פריי — פון מיינע זיידעס
ציט זיך נאָך מיר אַ לאַנגע קייט;
איך בין נישט פריי — מיין טראָט און קער איז
פון אויגן נאָענטע שטרענג באַגלייט!

דאָך אין דער נעץ פון פליכטן און געזעצן,
אַ, וויפל פרייהייט איז פאַראַן און פרייד!
און בלויז אַ שקלאַף קען מיינען, אַז אַן אָדלער
האַלט אין דער שטייג נישט זיינע אָרעמס אויסגעשפרייט!

זישא לאַנדוי

# רעליגיעזע וועלטלעכקייט — אַ שיטה אין ייִדישקייט

געווידמעט מיינע ברידער יצחק און יהושע (סעם)
לעדערמאַן, זכרונם לברכה — ביידע האָבן געזען
*די וועלט דורך ייִדישע אויגן.*

## 1 אויפֿקום פֿון וועלטלעכקייט ביי ייִדן

די מאָדערנע ייִדיש־וועלטלעכע שול איז ענג פֿאַרבונדן מיטן אויפֿקום און דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער וועלטלעכקייט, און וויל מען פֿאַרשטיין די עוואָלוציע פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, דאַרף מען זיך באַקענען מיט די פֿאַרשיידענע גילגולים, וואָס די אידעע פֿון וועלטלעכקייט האָט דורכגעמאַכט ביי ייִדן, וואָרעם אַזאַ קאָמפּליצירטע און פֿאַרשיידנאַרטיקע דערשיינונג ווי ייִדישער סעקולאַריזם, פּונקט ווי די רעליגיעזע ייִדישקייט, ווי ייִדישער נאַציאָנאַליזם, ווי ייִדישער סאָציאַליזם, ענדערט זיך אין אינהאַלט און אין די קאָנסעקווענצן אָפּהענגיק פֿון די היסטאָרישע באַדינגונגען.

מ׳קען אָנווייזן, אַז די וואָרצלען פֿון ייִדישער וועלטלעכקייט שטעקן אין בראשית פֿון דער ייִדישער געשיכטע, אָנהייבנדיק מיט די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן ביי די נביאים, און מיט די פֿילאָסאָפֿישע אינטערעסן ביי אַ ריי שאַפֿערס פֿון תּלמוד[1]. מ׳קען זיך אויך פֿאַררופֿן אויף פֿילאָנען, דעם רמב״ם, די אבן־עזראס, אליהו בחור, שלמה מיימון און זייערע יורשים, וואָס האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט פֿאַר דער השׂכּלה געפּרוּווט איבערוואַרפֿן בריקן פֿון דער ייִדישער קולטור צו דער קולטור פֿון די אומות־העולם[2].

מחמת ביזן 17טן יאָרהונדערט האָבן ייִדן אָנגעהאַלטן קולטורעלע קאָנטאַקטן מיט אַנדערע פֿעלקער, איז אַריינגעדרונגען אין דער מערבֿ־אייראָפּעאישער ייִדישער וועלט די אַנטיקע פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט, וואָס האָט געפֿירט צו דעם סכאָלאַסטיציזם און שפּעטער צו דער דערוואַכונג פֿון דעם פֿריִען רענעסאַנס. די דאָזיקע ייִדישע קולטור־קרייזן האָבן אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע באַוועגונגען פֿון זייערע תּקופֿות: די אַראַבישע פֿילאָסאָפֿיע, דעם

מיטל־עלטערלעכן אַריסטאָטעליאַניזם, דעם נעאָ־פּלאַטאָניזם, דעם סכאָלאַסטי־ציזם און דעם רענעסאַנס. די דאָזיקע אַלע השפּעות זיינען געוואָרן סינטע־זירט מיטן תוך פון דער ייִדישער קולטור, זיינען געוואָרן צוגעפּאַסט צו איר און זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט אין אַ לעבעדיקן און דינאַמישן כוח, נישט אויף צו פאַרלייקענען ייִדישע טראַדיציעס, אָדער צו צערייסן די קייט פון ייִדישער המשכדיקייט, נאָר פאַרקערט, אַריינצוברענגען פאַר ייִדן דאָס ווערט־פולסטע און שעפערישסטע פון די וועלט־קולטורן. אָבער אָרום אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער פרייער ייִדישער שטראָם אָנגעהויבן זיך איינשרומפּן: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשטאַרקן דער קאָנסערוואַטיזם און די וועלטלעכע עלעמענטן און מאָטיוון אין דער ייִדישער קולטור ווערן ביז דער השכלה פאַרשטופּט, אויב נישט אַרויסגעשטופּט[3].

## 2 ווידערגעבורט

### פון ייִדישער וועלטלעכקייט אין צייט פון דער השכלה

וועלטלעכקייט איז בכן ניט קיין נייע דערשיינונג אין דער ייִדישער געשיכטע, און מ׳קען געפינען וועלטלעכע, אָדער ווי לאַצקי־בערטאָלדי רופט זיי: עולמשע עלעמענטן און מאָטיוון אין אַ סך תקופות פון דער ייִדישער געשיכטע. אָבער די השכלה־צייט איז די תקופה ווען עס ווערט ווידערגעבוירן די מאָדערנע ייִדישע וועלטלעכקייט, די העברעאישע און ייִדישע וועלטלעכע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, ווען ס׳קומט אויף דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם אין אַלע זייערע שאַטירונגען[4].

בעת די השכלה אין מערב־אייראָפּע, — וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט קנאַפּע הונדערט יאָר פריער ווי אין מזרח־אייראָפּע, — אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך געענדיקט מיטן פונאַנדערפאַל פון דער אייגנאַרטיקער ייִדישער קולטור, מיטן אויפגעבן די אייגענע שפּראַך, דעם אייגענעם שטייגער לעבן און האָט זיך אָפּט אויסגעלאָזן מיט פולשטענדיקער אַסימילאַציע, מיט שמד, איז די השכלה אין מזרח־אייראָפּע געוואָרן דער באָדן, וואָס אויף אים זיינען אויסגעוואַקסן אַלע מאָדערנע ייִדיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אידעאָ־לאָגיעס, און די מאָדערנע ייִדיש־וועלטלעכע שול.

דאָ איז נישט דאָס אָרט איבערצורעכענען די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו אַזאַ קאָנטראַסט אין די רעזולטאַטן פון דער השכלה אין מזרח־אייראָפּע; ס׳וועט זיין גענוג אונטערצושטרייכן, אַז פאַר די ייִדן אין דייטשלאַנד איז געווען ניט־שווער זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אָפּגעזונדערטקייט און צו אָנערקענען עפנטלעך, אַז זיי בילדן נישט קיין באַזונדער פאָלק, נאָר אַ ריין רעליגיעזע געמיינשאַפט. ווארעם ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט האָט אין דייטשלאַנד געהערשט דער באַגריף פון סתם־מענטש אָדער לאַנד־בירגער; די אידעע פון נאַציאָנאַליזם האָט זיך נאָך געפונען אין עמבריאָנישן צושטאַנד. ס׳איז דעריבער געווען ביי ייִדן אַן עכטע איבערצייגונג, אַז זיי געהערן אין דער קאַטעגאָריע סתם־מענטשן אָדער זיי בילדן אַ רעליגיעזן ציבור.

אין מזרח־אייראָפּע, פון דער אַנדערער זייט, וואו ייִדן האָבן פאַרמירט קאָמפּאַקטע מאַסן־קיבוצים און האָבן געפירט אַן אָפּגעשלאָסן אינטענסיוו לעבן, זיינען די מתנגדים און חסידים געווען אַ מעכטיקער כוח פון טראַדיציאָנעלן ייִדנטום. אַחוץ אָט די פאַקטאָרן, וואָס האָבן געהאַמעוועט די אַסימילאַציע, איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס סיי רוסלאַנד, סיי עסטרייך זיינען געווען נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן, וואו די אונטערגעדריקטע טעריטאָריעל־קאָנצענטרירטע פעלקער האָבן במשך פון 19טן יאָרהונדערט געקעמפט פאַר אַן אויטאָנאָם נאַציאָנאַל לעבן. פאַר ייִדן שאַפט זיך אַ לאַגע, וואו ס׳איז ניטאָ קיין אָרט פאַר קאָסמאָפּאָליטיזם, ווארעם ס׳רוב פעלקער האָבן חשק איינצושליסן אין זייער חשבון די כלומרשט אַנאַציאָנאַלע ייִדן. ייִדן ווערן דעריבער געצוואונגען זיך דערקלערן פאַר אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט[5]). אָט די אַלע פאַקטאָרן האָבן אין די 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט דערפירט צום איבערבראָך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער השכלה־אידעאָלאָגיע אין די 80ער יאָרן.

אָבער דאָס איז ערשט געשען מיטן צווייטן דור משכילים. דער ערשטער דור אין רוסלאַנד — מיטן אויסנאַם פון דער גאַליצישער השכלה וואָס איז געווען פאָלקסטימלעך — האָט געשטרעבט צו בורזשואַזן ליבעראַליזם און צו רוסיפיקאַציע. פונדעסטוועגן האָבן די דאָזיקע פיאָנערן־משכילים צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אידעע פון ייִדישער וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיך שפּעטער פונאַנדערגעבליט אין פאַרשיידענע שאַטירונגען און אויסטייטשונגען. „אויף די געביטן פון דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג האָט דער דור פון השכלה געטאָן בלויז אומדירעקטע פיאָנערן־אַרבעט און געטאָן זי אָפּט קעגן זיין ווילן און אָן זיין וויסן. וואָס עס איז אָבער שייך צו דער פאַרוועלטלעכטער ייִדישער דערציאונג, האָט דער

משׂכּיל אויף אַ דירעקטן און דורכויס באַוואוסטזיניקן אופן געהאָלפן זי אַריינ־פירן אין דער ייִדישער וועלט. ער האָט, אמת, ניט אַריינגעלייגט אין דער אידעע פון וועלטלעכקייט דעם קאָנקרעטן אינהאַלט, וואָס מיר לייגן אין איר אַריין. ער האָט אָבער ענלעך צו אונדז געשטרעבט צו אַ ייִדישער שול, וואָס זאָל זיין נישט מיטל־עלטערלעך, נאָר מאָדערן... דער משׂכּיל האָט געזוכט צו פאַרוועלטלעכן און צו מאָדערניזירן די ייִדישע דערציאונג אינעם גייסט פון זיין צייט, אינעם השׂכּלה־גייסט, וואָס איז געווען דער גייסט פון ליבעראַ־ליזם און איראָפּעאישקייט״[6]).

אַזוי האָבן יצחק בער לעווינזאָן (1788—1860) און זיינע חברים געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער וועלטלעכער ייִדישער דערציאונג, וואָס האָט נישט געשטרעבט אָנצורירן דעם רעליגיעזן יסוד פון ייִדישן חינוך, נאָר האָט גע־וואָלט פאַראייניקן אין קוריקולום תורה און וועלטלעכע לימודים, וויסנשאַפט און שפּראַכן[7]).

די השׂכּלה האָט אויך אַנטוויקלט אַן אַנדער אַספּעקט פון ייִדישער וועלט־לעכקייט — ווי עס ווייזט אָן דער ליטעראַטור־פאָרשער נחום שטיף (בעל־דמיון). זי האָט געהאָלפן דעם ייִדישן יחיד זיך באַפרייען פון דער פאַריאָכונג ביים כּלל, און זי האָט אויפגעוועקט ביי אים דאָס רעכט אויף אינדיווידועלקייט. „... זי, די עדה, האָט געשטעלט צוועקן פאַרן מענטשנס לעבן און אָנגעוויזן די וועגן, געפילט די אַחריות פאַרן יחיד און ממילא געהאַלטן זיך פאַר דעם אַפּוטרופּס איבערן יחיד... דער אויפגעוועקטער יחיד האָט זיך געריסן פונעם כּלל... וואָס האָט געשטיקט און געוואָרגן יעדן פאַר זיך אַליין״[8]). דעם כּללס קאָנטראָל איז געבראָכן געוואָרן, און דער פּרט האָט אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער אויפקלערונג־באַוועגונג גענומען אידעאַליזירן די נישט־ייִדישע וועלט, רופן אַהין אין דער גרויסער וועלט אַריין, זיך אויסטאָן פון אייגנס און זיך צונויפגיסן מיט דער מענטשהייט. די לאַנד־שפּראַך, פרעמ־דע שפּראַכן זאָלן ווערן אונדזערע אייגענע שפּראַכן; מ׳דאַרף נישט קיין שום מחיצה צווישן ייִדן און דער וועלט, צווישן מענטש און מענטש.

צווישן די וויכטיקסטע פּונקטן אין דער נייער לעבנס־פילאָסאָפיע פון דער השׂכּלה איז געווען דער אויפגעוועקטער אינטערעס אין דער־וועלט, עולם הזה, און דאָס באַשאַפן אַן אַטמאָספער פאַר ליטעראַטור אין ייִדישן פאָלק. „די ייִדישע ליטעראַטור האָט דאָ געמוזט זיין די קינסטלערישע און פובלי־ציסטיק, די בימה און די ראָמאַנטיק, אַ גאַנצע קולטור אין בילדער, וואָרעם

דאָס איז געווען דאָס איינציקע וועלטלעכע און מאָדערנע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אויף ייִדיש״[9]).

ס׳איז דעריבער ניט קיין איבערטרייבונג צו דערקלערן, אַז דער ערשטער דור משכילים, נישט געקוקט אויף זיינע בלאָנדזשעניש, וואָס האָבן אים אַוועקגעפירט אויף פרעמדע וועגן און אַ סך פון אים אין גאַנצן אָפּגעריסן פון ייִדישן פאָלקס־לעבן — האָט ער פונדעסטוועגן פאַרוועלטלעכט אונדזער לעבן און געדאַנק, און ווען דער פּאַסיקער מאָמענט איז געקומען — ביים סוף 19טן יאָרהונדערט — האָט דער נייער דור משכילים בלויז געביטן דעם טראָפּ, די וועגן און מעטאָדן; ער האָט געבויט דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן בנין אויפן פונדאַמענט, וואָס עס האָט געלייגט דער פּיאָנערן־דור. „די שטרעבונג וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה־באַוועגונג אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איר אַנטוויקלונג, די שטרעבונג צונויפצוגיסן וועלטלעכקייט מיט רעליגיעזער ייִדישקייט, איז אין דעם צווייטן פּעריאָד פון דער השכלה פאַרבונדן געוואָרן מיט אַן אַנדער שטרעבונג, מיט דער שטרעבונג צו שאַפן אַ סינטעז צווישן וועלטלעכקייט און נאַציאָנאַלער ייִדישקייט. עס האָט זיך שוין מער ניט גערעדט וועגן בילדונג בלויז פאַרן יחיד, ווי פריער. דער אידעאַל איז געווען פאָלקס־בילדונג, נאַציאָנאַלע בילדונג. מען האָט זיך באַפרייט פון דער אַלט־משכילישער איינרעדעניש, אַז מע קאָן ראַטעווען דאָס פאָלק דורך דעם, וואָס מע וועט אויפקלערן יחידים; מען האָט שוין, פאַרקערט, געשיקט דעם יחיד צום פאָלק, צו זיינע היסטאָרישע אוצרות. דער איינציקער ייִד האָט איצט שוין געזאָלט זוכן אַ תיקון פאַר זיך אינעם תיקון פון כלל און נישט פאַרקערט, דער כלל — אין דער עמאַנציפּירונג פונעם יחיד״[10]).

אָט דער איבערבראָך אין דער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ ביים סוף 19טן יאָרהונדערט איז, ווי באַקאַנט, דער רעזולטאַט פון אַ ריי פאַקטאָרן און פּראָצעסן — עקאָנאָמישע, אינטעלעקטועלע, פּאָליטישע — אויסערלעכע און אינערלעכע, וואָס האָבן זיך אויסגערייפט אין ייִדישן לעבן און אין דעמאָלטדיקן רוסלאַנד און וואָס האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט אין ציוניזם, אין גלות־נאַציאָנאַליזם (דובנאָוויזם) און אין ייִדישן סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

פאַר אונדזער טעמע איז ניט נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער אַנטוישונג אין דער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע ווי אַ מיטל צו פאַרענטפערן די ייִדן־פראַגע. די ליטעראַטור אויף דעם

געביט איז גרויס און רייך. מיר דאַרפן אָבער דערמאָנען — אַז דער אידע־אישער קריזיס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ מערקט זיך אָן פאַר די פאָ־גראָמען פון 1881 און 1882, און אַז ביי אַ טייל פון דער ייִדישער אינטעלי־גענץ קומט אויף אַ מין ייִדיש־פאָלקיסטישע (נאַראָדנישע) באַוועגונג: אַ טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ וויל זיך באַהעפטן מיט דער ייִדישער מאַסע און וויל איר דינען. געווירקט האָבן דאָ, אַחוץ דעם עקאָנאָמישן קריזיס, דער אויפקום פון אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, און נאָך מער, די שטעלונג צו זיי מצד דער געבילדעטער רוסישער געזעל־שאַפט. די ייִדן־סאָציאַליסטן האָבן געהאַט אָנגענומען, אַז ייִדן זיינען נישט קיין נאַציע, און איצט האָבן זיי דערזען, אַז די רוסישע געזעלשאַפט האַלט ייִדן פאַר אַ באַזונדער פאָלק, און נאָך ערגער, אַ טייל פון די רוסישע ראַדי־קאַלן סימפּאַטיזירט גאָר מיט די פּאָגראָמשטשיקעס[11]).

### 3 די איבערפלאַנצונג
### פון וועלטלעכער ייִדישקייט קיין אַמעריקע

צווישן די ערשטע אָנזאָגערס פון די נייע שטימונגען איז געווען פּרץ סמאָלענסקין. ער איז נאָך אין 1872 אַרויס אין „השחר" מיט זיין באַרימטן קאַמף־אַרטיקל „עם עולם" („דאָס אייביקע פאָלק"), וואו ער קריטיקירט די „עמאַנציפּירטע" מערב־אייראָפּעאישע ייִדישע אַסאַמילאַטאָרן. שפּעטער זיי־נען געקומען נחום סאָקאָלאָוו מיט דער: „שנאת עולם לעם עולם" און לעאָן פּינסקער מיט דער „אויטאָעמאַנציפּאַציע",ביידע ביכער זיינען דערשינען אין 1882, ביידע זיינען געווען די בולטסטע אויסדרוקן פון דער נייער ווענדונג אין דער ייִדישער אינטעליגענץ. דעמאָלט איז אויפגעקומען צווישן ייִדן אין רוסלאַנד די גרויסע דעבאַטע: וואוהין: אַמעריקע אָדער ארץ ישראל? און עס פאָרמירן זיך די צוויי אַוואַנגאַרדן: פון ציוניזם, פון איין זייט, און פון אַמעריקאַנער ייִדישן ראַדיקאַליזם, פון דער אַנדערער — די „בילו" און „עם עולם". זיי ביידע זיינען געווען אַנטוישט אין רוסלאַנד. ס'איז אָבער געווען אַן עיקרדיקער אונטערשייד צווישן זיי. וואָס די פירערס פון „עם עולם" האָבן להיפוך צו „בילו" זיך בעיקר אינטערעסירט מיט פאַרבעסערן דעם ייִדישן מצב סאָציאַל־עקאָנאָמיש — נישט נאַציאָנאַל־קולטורעל; דערפאַר זיינען זיי

אין אַמעריקע — אַ גאַנץ לאַנגע צייט — פאַרבליבן רוסיפיצירטע אינטעליגענטן, אַזוי ווי אין מזרח־איראָפּע[12]).

נאָך אין 1890 — ווען אין רוסלאַנד האַלטן מיר שוין ביי ערב „בונד" און ערב פּאָליטישן ציוניזם — דרוקט אָפּ די „אַרבייטער צייטונג" אַ דערקלערונג אין שייכות מיט אַ קאָנפערענץ צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון יידישע אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די צייטונג שרייבט „מיר האָבן ניט קיין יידן־פראַגע אין אַמעריקע. די איינצלנע יידן־פראַגע וועלכע מיר אָנערקענען איז די פראַגע ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל נישט קומען צו אַזעלכע 'יידן־פראַגעס'; און בלויז ווייל נאָר מיר, יידיש־רעדנדיקע בירגערס, קענען ווירקן צווישן די יידישע עמיגראַנטן, בלויז ווייל מיר רעדן זייער שפּראַך און זיינען באַקאַנט מיט זייער לעבן — בלויז דעריבער מאַכן מיר דיזע ספּעציעלע יידישע קערפּערשאַפט"[13]).

גלייכצייטיק אָבער מיטן הויפּטשטראָם פון קאָסמאָפּאָליטיזם צווישן יידישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע מערקט זיך שוין דער אָנהייב פון אַן אַנדער שטרעמונג, וואָס וויל סינטעזירן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם אַזוי פּרי ווי אין 1888. „די ניו־יאָרקער אידישע פאָלקס־צייטונג" — וואָס איז דערשינען בלויז אין משך פון די צוויי יאָר 1888 און 1889 — איז די ערשטע שוואַלב, וואָס זאָגט אָן דעם פרילינג פון נאַציאָנאַלער יידישקייט אין אַמעריקע. צווישן די אַכט פּונקטן אין איר פּראָגראַם אַקצענטירט זי שאַרף דעם יידישן מאָמענט, צוזאָגנדיק, אַז זי וועט זיך אָפּגעבן מיט דער לאַגע פון יידישע אַרבעטער אין דער וועלט און אין אַמעריקע; מיט דער יידישער פראַגע אין שייכות מיט דער וועלט־קולטור און מיט די הויפּט־מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע[14]).

אָט די נאַציאָנאַלע שטרעמונג ווערט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט ביים סוף פון די 90ער יאָרן — סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אַמעריקע. אין דער אַלטער היים, וואו דער ציוניזם און דער יידישער סאָציאַליזם נעמען אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער, ווערן מצד די ציוניסטן געגרינדעט די חדרים־מתוקנים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר — לויט דובנאָוון — דעם ערשטן פּרואוו צו סעקולאַריזירן די יידישע דערציאונג. אויך אחד־העם, פּונקט ווי דובנאָוו, איז פאַר דער סעקולאַריזאַציע פון דער יידישער דערציאונג, און ער דערקלערט, אַז „דער צוועק פון דער יידישער שול דאַרף זיין צו דערציען אינעם תלמיד דעם מענטשן צוזאַמען מיטן יידן, ווי אַ גאַנצע זאַך, וואָס מע קען ניט צעטיילן"[15]). די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווידער, וואָס מער זי דרינגט

אַריין צווישן די יִדישע מאַסן, אַלץ מער מוז זי זיך רעכענען מיט די נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע נויטן פון יִדישן פאָלקס־מענטשן, און בהדרגה ווערט זיין שפּראַך אַ זעלבשטענדיקער ווערט, נישט בלויז אַ מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי ווערט צוגעגרייט דער באָדן, וואָס אויף אים וואַקסט אויס אין ערשטן צענדלינג פון 20סטן יאָרהונדערט סיי די בונדישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, סיי די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — צוויי מאַניפעסטאַציעס פון אַן אויסגעקריסטאַליזירטער וועלטלעכקייט־קאָנצעפּציע.

אין דער אַלטער היים זיינען די באַגרינדערס פון גייסטיקן ציוניזם — אחד־העם, און פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם — שמעון דובנאָוו — געווען די הויפּט־טעאָרעטיקערס פון וועלטלעכער יִדישקייט. דאָ, אין אַמעריקע, וואו די הויפּט־טרעגערס פון יִדישער וועלטלעכקייט זיינען געווען סאָציאַליסטן און פאָלקיסטן, דאָ זיינען די צוויי איינפלוסרייכסטע פאָרמולירערס פון יִדיש־וועלטלעכן געדאַנק געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און דער פריער דערמאָנ־טער באַרימטער יִדישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. זשיטלאָווסקי האָט אין אַמעריקע געהאַט אַ גרויסע השפעה נאָך איידער ער איז אַהער געקומען (אין 1904) אַ דאַנק די אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס ער האָט געדרוקט אין אַמעריקאַנער יִדישע צייטונגען און זשורנאַלן. אַ דאַנק זיינע לעקציעס, דעבאַטעס, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איז זשיטלאָווסקי דאָ אין אַמעריקע אי געווען דער מורה־דרך פאַר דער יִדיש־וועלטלעכער קולטור, אי ער איז געווען דער, וואָס האָט פאָרמולירט די פילאָסאָפיע פון וועלטלעכער יִדישקייט.

אויך שמעון דובנאָוו, דער טעאָרעטיקער פון אַן אַנדער וואַריאַנט פון יִדישער וועלטלעכקייט, האָט אַ דאַנק דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, — נאָך 1905, פון נייערע, מער נאַציאָנאַלע יִדן — לערערס, שרייבערס און פאָלקס־אינטעליגענטן — דאָ געהאַט אַ גרויסע השפעה אין ראַדיקאַלן סעק־טאָר פון אַמעריקאַנער יִדישן קיבוץ. אָט די אַלע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף דובנאָווס אויטאָנאָמיזם האָבן שוין פאַרמאָגט ברייטערע האָ־ריזאָנטן און אַ סך גרעסערע קולטורעלע אינטערעסן און אַפּעטיטן, ווי די פריערדיקע אימיגראַנטן. דערפאַר וועלן מיר דאָ אָנצייכענען די הויפּט־שטרי־כן אין דער וועלטלעכקייט־קאָנצעפּציע פון זשיטלאָווסקין און דובנאָוון[16].

## 4 סטאַדיעס

## אין יידישער וועלטלעכקייט אין אַמעריקע

### א פון קאָסמאָפּאָליטיזם ביז זשיטלאָווסקי'ס באַנעם פון וועלטלעכקייט

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (1865—1843) איז בלי ספק — נישט געקוקט אויף זיינע ווידערשפּרוכן, זיין טענדענץ צו סימפּליפיצירן דערשיינונגען, וואָס זיינען קאָמפּליצירט, און זיין נייגונג אויפצובויען לאָגישע קאָנסטרוקציעס, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט — נישט געקוקט אויף די אַלע חסרונות אין זיין געדאַנקען־סיסטעם, איז ער פונדעסטוועגן געווען דער רבי פון צוויי דורות יידישע סאָציאַליסטן און פאָלקיסטן, וועלכע ער האָט אַרויס־געפירט פון מדבר פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַליין־פאַרלייקענונג צו אַ נאַציאָ־נאַלער, מאָדערנער יידישקייט, וואָס שטימט מיט די באַגריפן פון ליבעראַליזם און אײראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער קולטור. און אויב מיר זעען היינט אַ סך בלויזן און חסרונות איז זיינע קאָנצעפּציעס, איז עס דערפאַר, ווייל מיר לעבן אין אַן אַנדער גייסטיקן קלימאַט; און ווייל מיר שטייען אויף זיינע פּלייצעס, קענען מיר דעריבער וויטער זען. אָבער ער דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן אין דער ראַם פון זיין צייט און זיין דור.

דער הויפּט־טעזיס אין זשיטלאָווסקיס יידישער פילאָסאָפיע איז זיין גרונט־געדאַנק, אַז מיר, יידן, זיינען אַ נאַציאָנאַליטעט מיט אַן אייגענער קולטור, וואָס איר סאַמע יסוד איז די יידישע שפּראַך. און ווייל ער איז געווען אַ קינד פון דער השכלה און איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די רוסישע נאַראָדני־קעס, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם רוסישן פויער פאַר דער פאַרקערפּערונג פון רוסישן געוויסן אין פאָלק, האָט ער דערפאַר אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט אונדז צו נאָרמאַליזירן, אַז מיר זאָלן זיין ככל הגוים, — אַז מיר זאָלן ווערן אַ „פּראָ־דוקטיוו" פאָלק. ווארעם, לויט די אידעען אָדער די פאַראורטיילן פון יענעם דור יידישע סאָציאַליסטן דאַרפן מיר טאָן אַלץ אין אונדזערע כוחות זיך צו פּראָלעטאַריזירן אָדער אַגראַריזירן, ווייל איצט זיינען מיר אַן אומפּראָדוקטיוו פאָלק פון קליינבירגער און פּראָפעסיאָנאַלן.

פון דעם הויפּט־פּאָסטולאַט, וואָס שטרייכט אונטער, אַז מיר זיינען אַ נאַציע, וועמענס צענטראַלער אַטריבוט איז די פאָלקס־שפּראַך יידיש — און אויב מעגלעך אַן אייגענע טעריטאָריע — איז געדרונגען, אַז ס'איז ניטאָ קיין סתם־מענטש, ווי די יידישע קאָסמאָפּאָליטן האָבן געטענהט; דעריבער איז

עכטער אָדער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם ניט קיין פאַרלייקענונג פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם.

דער טעאָרעטיקער פון יידישער וועלטלעכקייט האָט געזען אין יידיש און אין דער יידיש־ליטעראַטור דעם צענטראַלן נערוו פון דער הײַנטיקער יידישער נאַציאָנאַליטעט. זי איז פאַר אים במקום רעליגיע, וואָס שטערט אָבער נישט אין דער פרייער אַנטוויקלונג פון יחיד; פאַרקערט, בעת רעליגיע ווי אַ חוב פאַר יעדן יידן האָט אויפגעבויט אַ וואַנט צווישן דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק, וועט יידיש צעמענטירן אַלע טיילן פון פאָלק און גלייכצייטיק איי־בערלאָזן פאַר יעדן יידן די פרייהייט צו גלייבן אָדער נישט גלייבן אין וואָס ער וויל. און ווייל די נשמה פון אַ פאָלק איז זיין קולטור, און „די שפּראַך איז דער בולטסטער און קלאָרסטער אויסדרוק פון אַ זעלבשטענדיקער באַלעבאַ־טישקייט"[17]) איז דערפאַר „דער קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידיש דער קאַמף פון אַ נאָרמאַלער, פרייער, אַלזייטיקער, רייכער און פּרוכטבאַרער קולטור פון דעם יידישן פאָלק; דער קאַמף פאַר זיין לעבן און אַנטוויקלונג, פאַר זיין כבוד און ווערט"[18]).

פון דעם פליסט אַרויס דער געדאַנק, אַז מיר דאַרפן זיך נאָרמאַליזירן אויך אין פּרט פון רעליגיע, און דאָס איז מחייב פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן, צעשיידן די רעליגיעזע יידישקייט און די נאַציאָנאַלע קולטור. וואָרעם אין אונדזער צייט פון וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם מוז רעליגיע דערקלערט ווערן, ווי אַ פּריוואַט־זאַך, וואָס איז נישט אָבליגאַטאָריש פאַרן יידישן יחיד. אַזוי פירט זיך ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער, דאַרף זיך אַזוי פירן אויך ביי יידן. אַנדערש מיינט עס דאַך בינדן דעם יחיד אין דאָגמאַטישע קייטן, וואָס וועלן אים נישט לאָזן לעבן אין הסכם מיט די אידעען פון טאָלעראַנץ און געוויסן־פריי־הייט. „אַן אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג וואָלט פאַראייביקט און אויפגע־האַלטן אין פאָלק דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די אָפיציעלע אַנשויאונגען פון פאָלק און די פרייהייט־ליבנדיקע שטרעבונגען פון יחיד — אַן אַנטאַגאָניזם וואָס האָט ביז אַהער געהערשט אין דער יידישער געשיכטע און וואָס שטעלט מיט זיך פאַר איר העכסט טראַגישע און וויניקסטן סימפּאַטישע זייט. די אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג וואָלט געפירט צו רעגרעס"[19]).

זשיטלאָווסקי איז געווען באַוואוסטזיניק וועגן דעם אונטערשייד צווישן וועלטלעכקייט ווי אַ קולטור־קאָנצעפּציע און וועלטלעכקייט (סעקולאַריזם) ווי די סעפּאַראַציע פון שטאַט און קירך ביי די אומות העולם; און ער איז אויך

נישט פאַר וועלטלעכקייט ווייל ער באַקעמפּט רעליגיע. ער מאַכט קלאָר אַז „דער באַגריף וועלטלעכקייט איז קיין מאָל און אין ערגעץ נישט פאַרבונדן מיט אַנטי־רעליגיאָזיטעט. וועלטלעכקייט האָט צוויי באַטייטן: איינעם פאַר דעם אַלגעמיינעם מלוכישן לעבן, דעם אַנדערן פאַר דער דערציאונג־סיסטעם, און פאַר דער באַוואוסטזיניקער קולטור־טעטיקייט בכלל, וואָס טראָגט אַן אַל־געמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. „אין דעם אַלגעמיין מלוכה־לעבן איז דער טייטש: רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך. אין דער דערציאונג־סיסטעם און אין דער פרייער קולטור־טעטיקייט בכלל האָט וועלטלעכקייט דעם באַטייט פון אויסשליסן אַלץ, וואָס קומט אין נאָמען פון וועלכער עס איז אַנטפּלעקטער, אי־בערמענטשלעכער, איבערנאַטירלעכער אויטאָריטעט, אַ ,גאָטהייט׳, און פאַר־דערט פון דעם מענטשן דאָס אָדער יענץ, כדי דורכצופירן דעם ווילן פון אָט דער איבערנאַטירלעכער אויטאָריטעט... דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם, וואָס ווערט אָפט באַטראַכט ווי דער תמצית פון וועלטלעכקייט איז נאָר אַ באַשטימטע ריכטונג אין איר, אַ ריכטיקע צי אַ פאַלשע אַלץ איינס״[20]).

ניט צוליב זיין פערזענלעכער קעגנערשאַפט צו רעליגיע איז דעריבער זשיטלאָווסקי פאַר דער סעקולאַריזירונג פון יידישן לעבן; נאָר כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר יעדן יידישן יחיד — גלייביקן אָדער אַטעאיסט — צו געהערן צום יידישן קאָלעקטיוו. עס מוז זיין אין רשות פון יחיד יאָ אָדער נישט צו גלייבן. אַנדערש וועלן מיר מאַכן אוממעגלעך פאַר די פאָרגעשריטנסטע יידן פון אונדזער צייט — פאַר אַן איינשטיין, אַ פרויד, אַ לואי בראַנדייס, אַ מאָריס קאָהען — זיך צו באַטראַכטן ווי מיטגלידער פון אונדזער פאָלק. און זשיטלאָוו־סקי האַלט, אַז טאַקע דערפאַר, ווייל מיר האָבן אין עבר נישט פונאַנדערגע־שיידט די צוויי באַגריפן: פאָלק און רעליגיע, נאָר מיר האָבן זיי צונויפגעפלאָנ־טערט ווי אַן אומצערייסלעכע גאַנצקייט, דערפאַר האָבן מיר פאַרלאָרן אַ ריי פון אונדזערע פאָרגעשריטנסטע זין.

ווי אַן אָנהענגער פון דעם פילאָסאָפישן אידעאַליזם איז זשיטלאָווסקי גע־ווען סענסיטיוו צו רעליגיע, און ער דריקט אויס אַ סך מאָל זיין באַוואונדערונג פאַר די ווערטן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער יידישער אמונה. און טאַקע דערפאַר ווייל ער האַלט רעליגיע בכלל, און אַוודאי די יידישע רעליגיע, פאַר אַן אייביקן צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, דערפאַר וויל ער זי נישט פאַרוואַנדלען אין אַ מיטל צו קיום־האומה. ער מיינט, אַז מאַכן רעליגיע פאַר אַ באַדינג צו געהערן צום יידישן פאָלק איז „אַ באַליידיקונג פאַר דעם אמת

ריינעם רעליגיעזן גלויבן ווי אַ קראַפּט אין זיך גופא... מע וויל מעלקן רעליגיע, ווי מע מעלקט אַ קו צוליב אַריכת־ימים פאַרן פאָלק... מיט אונ־דזער בליק אויף רעליגיע פאַרטיידיקן מיר זי, לייטערן מיר זי"[21]).

און עס איז דעריבער בהסכם מיט זיין וועלטלעכקייט־קאָנצעפּציע — וואָס זשיטלאָווסקי האָט במשך פון זיין גאַנץ לעבן נישט אויפגעהערט צו אַנאַ־ליזירן, פאָרמולירן און פאַרטיידיקן — ווען שוין אַזוי פרי ווי אין 1909 לייגט ער פאָר אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל פירן צום נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע — וואָס אירע אויסגעלייטערטע הייליקטימער דאַרפן ווערן דער פונדאַמענט פאַר אַ פריי־רעליגיעזן לעבן פאַר יענע יידן, וואָס ווילן זיין סאָלידאַריש מיט דעם גורל און נויטן,ליידן און האָפענונגען פון זייער פאָלק[22]). ער האַלט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער מענטשהייט „קען זיך ניט באַפרידיקן בלויז מיט די אידעאַלן פון אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות אין זייער וואָכעדיקער טאָג־טעגלעכער געשטאַלט; אַז אַ דער טייל מוז זוכן די אידעאַלן אויפצוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה דורכן שטרעבן צו אייביקייט, אומענדלעכקייט און הייליקייט" וואָס דאָס איז, לויט אים, דער תמצית פון רעליגיע, און וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער יידישער אמונה. אַזוי אַז אַ ייד דאַרף נישט זוכן צו שטילן זיין רעליגיעזע בענקשאַפט אין דער פרעמד. דער־פאַר שלאָגט ער פאָר „אויסצוגעשטאַלטן נאַציאָנאַל־פּאָעטיש יענע פאָרמען פון דעם אַלטן גלויבן און איבערלאָזן פון זיי נאָר יענעם אינהאַלט זייערן, וואָס קאָן ווערן דער פונדאַמענט פון אַ מענטשלעכער גייסטיקער וועלט, אַ יידיש־מענטשלעכער אַטמאָספער, אין וועלכער עס זאָל קענען אָטעמען יעדער געבילדעטער, מאָדערן־דענקענדיקער און נאַציאָנאַל־פילנדיקער ייד"[23]).

לויט זשיטלאָווסקיס איינשטעל קען יעדער נאַציאָנאַל־געשטימטער ייד פייערן די מערסטע יידישע יום־טובים, און דער וויכטיקסטער „דין" פאַר אַ פרייען יידן איז צו רוען אין אַלע שבתים און יום־טובים. ער אַנאַליזירט די געשיכטע, די סימבאָלן, דעם באַטייט פון יעדן יידישן יום־טוב און ער קומט צו דער מסקנה, אַז אין יעדן פון זיי זיינען פאַראַן נאַציאָנאַלע און דערהייבנ־דיקע מאָמענטן, אַז זיי פאַרדינען געהייליקט צו ווערן אויך פון וועלטלעכע יידן. „די גאַנצע מענטשהייט", — רופט ער אויס, — „האָט געמעגט פייערן דעם יידישן יום־טוב פסח, זאָלן מיר אים פאַרגעסן ?!"[24]). וועגן די ימים־נוראים צווייפלט ער, צי דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום קען זיך פילן סאָלידאַריש מיטן רעליגיעזן טייל און זיי הייליקן.

אָבער ווייל רעליגיע איז לויט איר עצם אינדיווידועל און אוניווערסאַל

און ווייל איר אמתער מהות דריקט זיך אויס אין פּערזענלעכער אמונה, דערפאַר טאָר זי ניט אַרויפגעצוואונגען ווערן אויפן ייִד; דער ייִדישער מענטש מוז האָבן די ברירה זי אָפּצואוואַרפן אָדער זי אָנצונעמען, וואָרעם ס׳איז ניטאָ ביי אונדז קיין רעליגיעזער „מע מעג״ און קיין רעליגיעזער „מע טאָר נישט״; „מיר מעגן אַלץ, אַפילו טרויערן אום תשעה־באב, פאַסטן יום־כיפּור, אָנצינדן ליכט לכבוד שבת און נאָך „ערגערע זאַכן״, אויב מיר געפינען אין זיי אַ נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אינהאַלט, אַ מענטשלעכן געדאַנק, וואָס פאַר זיין שכל און יושר האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שעמען״[25]). פאַקטיש איז אָט דער געדאַנקען־גאַנג אָנגענומען געוואָרן ערשט מיט צוויי צענדלינג יאָר שפּעטער פון אַ היפּשן טייל ראַדיקאַלע ייִדן און ווערט דורכגעפירט אין די פּראָגראַמען פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן.

מע מוז אָנערקענען, אַז אין יאָר 1909 — בעת די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן — ווען דער ראַדיקאַלער סעקטאָר פון דער ייִדישער אַמעריקע איז נאָך אַלץ געווען דאָמינירט פון קאָסמאָפּאָליטן און „ייִדיש־שפּרעכנדיקע סאָציאַליסטן״ און אַנאַרכיסטן, אַז אין יענער אידעאישער לופט האָבן זשיטלאָווסקיס אַפּיקורסישע רייד, וואָס האָבן מתיר געמאַכט פאַר ייִדישע פרייַדענקערס זיך צו סאָלידאַריזירן מיט פרומע ייִדן, געווירקט אָפּפרישנדיק, פּאָזיטיוו. עס האָט גענומען נאָך אַ סך יאָרן, ביז די דאָזיקע טעאָריע פון ייִדיש־וועלטלעכן געדאַנק איז אַריין אין דער פּראַקטיק.

אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווען די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע איז שוין געווען אָפּגעשטעלט; ווען ייִדן אין אַמעריקע האָבן זיך ראַשיק אַמעריקאַניזירט; ווען מ׳האָט דערזען, ווי דער הי־געבוירענער דור ווערט אַלץ בלאַסער אין זיין ייִדישן אינהאַלט און אין זיינע ייִדישע אינטערעסן; ווען עס האָבן זיך אָנגערוקט שוואַרצע כמאַרעס אויפן ייִדיש־רעזערוואואַר אין מזרח־אייראָפּע, דעמאָלט האָבן נאַציאָנאַלע ייִדן — זשיטלאָווסקיס תלמידים — אָנגעהויבן ווערן אַנטוישט אין רבינס תורה. דערצו האָט דער רבי געהאַט אַ נייגונג צו זיין אַ סך נאַציאָנאַלער אין טעאָריע, ווי אין דער פּראַקטיק. אויף אַלעמענס ליפּן זיינען געווען האַרבע שאלות — שאלות, געבויט נישט בעיקר אויף דער טעאָריע פון וועלטלעכקייט, נאָר אויף דער פּראַקטיק פון צוויי צענדלינג יאָר ייִדיש־וועלטלעכע שולן. מ׳האָט דערזען, אַז דער טעאָרעטיקער פון וועלטלעכקייט האָט צו פיל געשטעלט אויף ייִדיש־לשון. צי קען ייִדיש טאַקע זיין דער הויפּט־שומר קעגן אַסימילאַציע אין אַ וועלט, וואו ייִדיש רוקט זיך אַלץ מער אַוועק פון צענטער צו דער

פעריפעריע; און אויב נישט — אויב לינגוויסטישע וועלטלעכקייט הערט אויף צו זיין די זיכערע סטראַטעגישע באַזע פון יידישן פאָלק, צי דאַרף מען ניט אויפבויען נייע פאַרטיידיקונג־ליניעס פאַרן יידישן מיעוט אין אַמעריקע? צי האָבן נישט די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע יידן אַ מאָראַלישן חוב, בעת זייער הויפּט־רעזערוואואַר אין אייראָפּע שטייט אין סכנה אָפּגעווישט צו ווערן, זיך צו באַנוצן מיט די אַלע אויסגעפּרוּווטע עלעמענטן פון דער דריי טויזנט־יאָריקער יידישער אמונה, כדי צו פאַראַנקערן דעם יונגן דור אין דער יידישער קולטור? עס האָט זיך געשאַפן אַ נייער קלימאַט פון תשובה און אמונה.

דער אַלטער לײדנשאַפטלעכער קעמפער פון יידישיזם האָט שוין נישט פאַרמאָגט יענעם טעאָרעטישן שאַרפזין פון אַמאָל און דערצו איז ער אַליין מבולבל געוואָרן און האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדן לאַגער, וועלכן ער האָט אַ לעבן לאַנג באַקעמפט — ער איז „געפאַנגען געוואָרן" פון די סאַמע דאָגמאַטישסטע אַנטי־אידעאַליסטישע מאַרקסיסטן. אָבער דעמאָלט אַפילו, אין 1941 — בלויז צוויי יאָר פאַר זיין טויט — פרעגט ער: „וואָר גיט די נעאָ־קלעריקאַלן דאָס רעכט אויסצוטראַכטן, אַז וועלטלעכקייט איז דער היפּוך פון דעם רעליגיעזן גלויבן? וועלטלעכקייט איז נישט דער היפּוך פון רעליגיעזן גלויבן און רעליגיעזן לעבן. וועלטלעכקייט איז דער היפּוך פון קלעריקאַליזם, פון פאַקטישן אָדער גייסטיקן צוואַנג... אין וועלטלעכקייט דאַרפן מיר פונאַנדערשיידן צוויי־ערליי אינהאַלטן: ערשטנס, די וועלטלעכקייט כלפּי חוץ. די וועלטלעכקייט ווי אַ שטאַטרעכטלעכער פּרינציפּ, וואָס מוז איינגעפירט ווערן אין דעם יסוד פון יעדער אַרט יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פון יעדער אַרט ריין עפנטלעכער יידישער טעטיקייט... והשנית, האָבן מיר אַ וועלטלעכקייט כלפּי פנים, ניט אַזאַ אין דער עפנטלעכקייט, ווי אין דעם אינטימען, אינעווייניקסטן יידישן נשמה־לעבן... דער קריזיס וואָס אונדזער וועלטלעכקייט לעבט איצט דורך איז אַ קריזיס... נאָר אין דער אינטימער, דער פאַרבונדענער מיט דעם לעבן פון דעם יידישן יחיד און מיט דער אַרט פון זיין אינדיווידועלן צונויפבונד מיט דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז אַ קריזיס אין דער וועלטלעכקייט כלפּי פנים"[26]).

מ׳מעג אפשר פון דעם דרינגען, אַז זשיטלאָווסקי האָט איינגעזען אַז די נייע צייט פאַרלאַנגט אַ רעוויזיע אין זיין טעאָרעטישן בנין. ער איז אָבער אַוועק פון אונדז, איידער ער האָט באַוויזן עס צו טאָן. אַנדערע — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — האָבן זיך געשטעלט איבערבויען, אָדער גאָר חרוב מאַ־

כן, זיין אַרכיטעקטאָניש־מייסטערהאַפטע, מיט גרויס וויסן און טאַלאַנט גע־בויטע, וועלטלעכקייט־שיטה.

ב. דובנאָווס קאָנצעפּציע פון יידישער וועלטלעכקייט

בעת זשיטלאָווסקי איז ביים פאָרמולירן זיין טעאָריע פון יידישן נאַציאָ־נאַליזם געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון סאָציאַליסטישן צוגאַנג צו דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע, איז שמעון דובנאָוו (1860—1941), אַ דאַנק זיין היסטאָרי־ציזם און זיין לעבנס־לאַנגן אָפּגעבן זיך מיט דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, צוגעגאַנגען צו אַלע יידישע פּראָבלעמען שורשדיק, יידיש־געשיכטלעך, און מיט אָט דער מאָס טרעט ער צו צום יידישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט זיין גייסטיקן נאַציאָנאַליזם אָדער אויטאָנאָמיזם אַנטוויקלט אין אַ סעריע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (דערשינען אין רוסיש אין 1907).

לויט דובנאָווס קאָנצעפּציע האָט דאָס יידישע פאָלק דורכגעמאַכט דריי פאַזעס אין זיין אַנטוויקלונג: א) אַ שבטימדיקע; ב) אַ פּאָליטיש־טעריטאָריע־לע און ג) אַ קולטור־היסטאָרישע — די לעצטע פאַזע איז די הענסטע, ווען דאָס יידישע פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַ קולטור־היסטאָרישע אָדער גייס־טיקע נאַציע. „און באַוויזן האָט עס דאָס יידישע פאָלק דערפאַר, ווייל אין דער קאָמבינאַציע פון כוחות, וואָס האָט פאַראייניקט די יידישע נאַציע, האָבן זיך די פיזישע און די מאַטעריעל־קולטורעלע עלעמענטן פאַראייניקט מיט אַ גרע־סערער דאָזע פון גייסטיק־קולטורעלע עלעמענטן איידער ביי אַנדערע פעל־קער. די אינטענסיווקייט פון די גייסטיקע פאַקטאָרן האָט דאָ תמיד קאָמפּענ־סירט די פאַרמינערונג פון די פּאָליטישע פאַקטאָרן, אַזוי ווי עס קאָמפּענסירט זיך למשל דאָס פעלן פון דער ראיה ביי בלינדע דורך דער פראָפּאָרציאָנעלער פאַרשאַרפונג פונעם טאַפּ־ אָדער הער־חוש"[27]). דערפאַר האַלט ער „אַז דער צעמענטירנדיקער פאַקטאָר פאַרן גורל פון פאָלק איז ניט זיין אויסערלעכע מאַכט, נאָר זיין גייסטיקער כוח, דער איכות פון זיין קולטור און די אינעווייניקסטע פאַרבינדונג פון זיינע מיטגלידער"[28]).

וואָס איז דער כוח, וואָס צעמענטירט אונדז, פרעגט ער, אין אַ קאָמ־פּאַקטן אָרגאַניזם? „רעליגיע און ראַסע קענען נישט דערקלערן דעם פאַקט פון אונדזער עקסיסטענץ, ווייל די פריידענקערס שטייען אין די ערשטע רייען פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער 'עפּעס', וואָס האַלט אונדז

צוזאַמען, איז די געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישן גורל פאַר אַלע צעוואָרפענע טיילן פון דער ייִדישער נאַציע... דער הויפּט־יסוד פון דער ייִדישער־נאַציאָנאַלער אידעע איז דער היסטאָרישער באַוואוסטזיין"[29]).

דער וויכטיקסטער אַספּעקט פון דובנאָווס נאַציאָנאַלער טעאָריע ליגט אין דעם אונטערשייד, וואָס ער מאַכט צווישן מלוכה און פאָלק אָדער נאַציאָנאַלי־טעט. אָט די נפקא־מינה איז דער יסוד פון זיין טעאָריע פון ייִדישקייט און ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום, און שוין אין ערשטן בריוו דערקלערט ער, אַז נאַציאָ־נאַליזם מיינט קאָלעקטיווער אינדיווידואַליזם. אין דער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק שפּילן די מאָמענטן פון ראַסע און מלוכה אַ קלענערע ראָלע איידער דער גייסטיקער און קולטור־היסטאָרישער מאָמענט, אַ סימן — די ייִדישע גייסטי־קע נאַציע, וואָס האָט זיך דערהאַלטן אָן אַ מלוכה אין משך פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. דער קאַמף פון די פּרושים און די צדוקים האָט טאַקע אויסגע־דריקט דעם קעגנזאַץ פון די צוויי פּרינציפּן: דעם פּאָליטישן און גייסטיקן. „ס'איז געווען אַ שטרייט וועגן דעם עצם טיף פון דער נאַציע, וועגן דעם — צי זאָל דאָס ייִדנטום זיין אַ דורכשניטלעכער אָדער אַן אייגנאַרטיקער מיט־גליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה... די נאַציע איז דער קערן און די מלוכה — די שאָלעכץ; די שאָלעכץ ווערט צעבראָכן, אָבער דער קערן בלייבט; און אויב דער קערן איז געזונט, וועט די נאַציע תמיד קענען איינ־היטן איר אויטאָנאָמיע קעגן דער העטעראָנאָמיע פון דער אַרומיקער סביבה און דינען ווי אַ פאָן פאַר פעלקער, ווי אַ מוסטער פון גייסטיקער שטאַנדהאַפּ־טיקייט"[30]).

דער סימן־מובהק פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם איז דעריבער זיין גייסטיקער כאַראַקטער; און גייסטיקייט, הומאַנישקייט פאַר קולטורעלן און סאָציאַלן פּראָ־גרעס זיינען די צענטראַלע מאָטיוון אין דובנאָווס קאָנצעפּציע. ער ווייסט, אַז עס זיינען פאַראַן עטלעכע מינים נאַציאָנאַליזם: אַן אימפּעריאַליסטיש־דעספּאָ־טישער און אַ פּראָגרעסיוו־הומאַניטאַרער, אָבער ווי אַ ייִד, זאָגט דובנאָוו, „רעד איך אַרויס דאָס וואָרט נאַציאָנאַל מיט שטאָלץ און איבערצייגונג, ווייל איך ווייס אַז צוליב די ספּעציעלע תנאים פון זיין מצב קען מיין פאָלק אין גלות אין ערגעץ נישט שטרעבן צו דער בכורה אָדער צו געוועלטיקן. מיין נאַציאָנאַליזם קען בלויז זיין אַ ריין אינדיווידועלער און דעריבער אַן אַבסאָ־לוט עטישער"[31]). ער ווייזט אָן אויף דעם פּלאָנטער, וואָס די ערשטע סאָציאַ־ליסטן האָבן געשאַפן ביים צוזאַמענמישן די באַגריפן אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם; איצט אָבער, אַז זיי האָבן איינגעזען זייער טעות, קענען

די קעמפערס פאַר סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע זיך פאַראייניקן מיט די קעמפערס פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט. און ער פאַרענדיקט דעם דריטן „בריוו" מיטן אויסרוף: „עס איז פאַסיק און ריכטיק פאַר די אָפּשטאַמענדיקע פון די נביאים אויפצוהייבן אויף זייער פאָן דעם ריינעם נאַציאָנאַלן אידעאַל, וואָס פאַראייניקט דעם חזיון פון די נביאים פון אמת און צדק מיט דעם דערהויבענעם חלום וועגן דער פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט"[32].

אַוודאי האַלט ער, ווי אַ קולטור־עוואָלוציאָניסט, אַז „דער יודאַאיזם ווערט געפורעמט לויט דער סאָציאַלער עקסיסטענץ פון פאָלק, אָבער נישט פאַרקערט"[33], און יידישקייט איז פאַר אים די גאַנצע יידישע קולטור, וואָס רעליגיע איז בלויז איין טייל פון איר, אָבער זייער אַ וויכטיקער עלעמענט. יידישער נאַציאָנאַליזם אין זיין גאַנצן היקף איז אַ קולטור־היסטאָרישע ענטיטעט, וואָס שליסט איין אַחוץ רעליגיע, אַנדערע עלעמענטן פון אַן עטישן, סאָציאַלן און פילאָסאָפישן כאַראַקטער. דערפאַר קען דער יידישער נאַציאָנאַליזם פאַראייניקן אַרום זיך אַלע יידן, רעליגיעזע ווי וועלטלעכע.

אין הסכם מיט דער אויפפאַסונג באַטאָנט דובנאָוו, אַז די טראַגעדיע פון ברוך ספּינאָזאַ וואָלט געווען אויסגעמיטן געוואָרן, ווען אין יענער צייט וואָלט דאָס ספרדישע יידנטום שוין געהאַט אַנטוויקלט די אידעע פון וועלטלעכקייט. „ספּינאָזאַ וואָלט געקענט בלייבן אין די רייען פון זיין פאָלק, אויב אין דעם פאַטאַלן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, וואָלט די נאַציאָנאַלע אידעע ניט געווען אַזוי צונויפגעפלאָכטן מיט דער רעליגיעזער אידעע, אַז דער אַרויסגאַנג פון דער רעליגיעזער עדה איז געווען גלייכבאַדייטיק מיטן אַרויסגאַנג פון דעם נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד. עס האָבן געמוזט אַוועקגיין דריי יאָרהונדערטער זינט ספּינאָזאָס געבוירן, אַז דער דור פון אַ סעקולאַריסטישן יידנטום זאָל קענען אָנערקענען, אַז מ'קען בלייבן אין דער נאַציע, הגם מען איז רעליגיעז אין גאַנצן פריידענקעריש"[34].

אָבער ער באַשטייט דערויף, אַז אַ ייד קען נישט איבערגיין צו אַן אַנדער אמונה און זיך האַלטן גלייכצייטיק פאַר אַ מיטגליד פון דער יידישער אומה. „אין אונדזער שטרעבן צו וועלטלעכקייט, אָפּצוזונדערן די נאַציאָנאַלע אידעע פון רעליגיע ווילן מיר בלויז נעגירן די איבערהערשאַפט פון רעליגיע, אָבער מיר ווילן זי נישט עלימינירן פון פאָלקס גייסטיקער שאַץ־קאַמער. ווען מיר שטעלן זיך איין פאַר יידישקייט ווי אַ קולטור־היסטאָרישע סיסטעם דאַרפן מיר געדענקען, אַז דער יודאַאיזם איז איינער פון די הויפּט־יסודות פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. און ווער עס וויל אים צעשטערן, איז ווי ער וואָלט

אונטערגעגראָבן דעם סאַמע פונדאַמענט פון דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. צווישן אונדז און די אָרטאָדאָקסן איז פאַראַן בלויז דער אונטערשייד, וואָס זיי אָנערקענען אַ טראַדיציאָנעלע יידישקייט, וואָס אירע פאָרמען זיינען פּערמאַנענטע, בעת מיר גלייבן, אַז יידישקייט אַנטוויקלט זיך, נעמט אָן נייע און וואַרפט אָפּ אַלטע פאָרמען, און האַלט זיך כסדר איין צופּאַסן צו נייע קולטורעלע באַדינגונגען... אַוועקגיין פון יידנטום דורך אָננעמען דאָס קריסטנטום, הייסט אַרויסטרעטן פון כלל ישראל"[35].

דער באַגריף כלל ישראל — איז אַ צענטראַלע דאָקטרין אין דובנאָווס גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. „פאַרוועלטלעכט אין היינטיקן גייסט, באַשטייט די יידיש־נאַציאָנאַלע אידעע אין דעם, אַז אַלע פּאָליטיש־צעשטויבטע טיילן פון יידנטום שטעלן פאָר אַן איינהייטלעכע קולטור־היסטאָרישע וועלט־נאַציע, וואָס אומעטום, צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די פיל־פעלקערדיקע מלוכות דאַרף זי שיצן אירע נאַציאָנאַלע רעכט — אויטאָנאָמיע פון קהילה, שול און שפּראַך. דאָס, וואָס מ'האָט יאָרהונדערטער אָפּגעהיט אונטערן לבוש פון רעליגיעזער יידישקייט, דאַרף איצטער אויסגעטיילט ווערן פונעם דאָזיקן לבוש און אַרויסטרעטן אין זיין אמתן אויסזען"[36].

דאָס איז מחייב, אַז דער צענטער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אַמאָל געווען דער בית־המדרש, זאָל איצט ווערן די אַלץ אַרומנעמענדיקע, וועלטלעכע, דעמאָקראַטישע קהילה, וועלכע שליסט איין אַלע פונקציעס סאָציאַלע, דערציערישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און אַנדערע.

די צענטראַלע פּאָזיציע פון אויטאָנאָמיזם אין דובנאָווס אידעען־קרייז איז שאַרף אויסגעדריקט אין זיין אַריינפיר צום „פּנקס המדינה", וואו ער שרייבט: „דער סוד פון קיום־האומה איז אָפּהענגיק אָן דעם פּאָזיטיוון געבאָט פון דער אַלטערטימלעכער נבואה: לא יסור שבט מיהודה (עס זאָל זיך ניט אָפּטאָן דער סצעפּטער פון יהודה). אין יעדן לאַנד בויט דאָס פאָלק אויף אַ מיניאַטור־מלוכה. אונדזערע שונאים שרייען אין יעדן דור: 'פאַראַן איין פאָלק צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קיניגרייך, און זייערע געזעצן זיינען אַנדערש ווי ביי יעדער פאָלק'. אין דער מאָדערנער צייט רופט מען דאָס 'אַ מלוכה אין אַ מלוכה', אָבער די כנסת ישראל גייט ווייטער מיט איר היסטאָרישן גאַנג, און זי זאָגט: אמת, אַ מלוכה אין אַ מלוכה, אַן אינעווייניקסטער אויטאָנאָמער קאָלעקטיוו אין אַן אויסערלעכן פּאָליטישן קאָלעקטיוו"[37].

אין פּרט פון שפּראַך איז דובנאָוו אַ דערמוטיקער פון דער אויפקומענ־

דיקער יידישער ליטעראַטור און אַ וואַרעמער אונטערשטיצער פון געדאַנק, אַז יידיש — אויך העברעאיש, און די לאַנד־שפּראַך — דאַרף זיין אַן אינ־סטרומענט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמער קהילה. אָבער ער בויט ניט אַלץ אויף יידיש, ווי זשיטלאָווסקי. אין 1927, שרייבנדיק וועגן זשיטלאָווסקיס אויטאָנאָמיזם, פרעגט ער: — „די יידישע שפּראַך איז דאָ [אין זשיטלאָוו־סקיס נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, — ש. ג.] דער איינציקער נאַציאָנאַלער קול־טור־ווערט, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין געשיכטע און וואָס קאָן אים פאַרהיטן אויף להבא. אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַ ירושה פון עטלעכע הונדערט יאָר. און וואָס מאַכט מען מיט אונדזער ירושה פון טויזנ־טער יאָרן? לערך אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק רעדט נישט אויף יידיש ביים היינטיקן טאָג און אין אַ פּאָר דורות אַרום קאָן נאָך אַ דריטל אָפּפאַלן פון דער פאָלקס־שפּראַך (באַזונדערס אין אַמעריקע) — דאַרפן מיר זיי מפ־קיר זיין אויף פולשטענדיקער אַסימילאַציע? די געשיכטע באַווייזט אונדז, אַז ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיך געהאַלטן נאָר אויף דעם שפּראַך־פונ־דאַמענט, וואָלט פון אים שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. וואָרעם אַפילו אין דעם אַלטן ארץ־ישראל און אין די מזרח־לענדער האָט דאָס פאָלק ניט אויסגעהאַלטן קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע, נישט נאָר אין לעבן, נאָר אַפילו אין אַ גרויסן טייל פון ליטעראַטור. די צוקונפט פון אַ פאָלק קען מען בויען אויף אַלע יסודות פון זיין קולטור־אויטאָנאָמיע, און נישט נאָר אויף איי־נעם, וואָס האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר און אין אַ פּאָר הונ־דערט יאָר קאָן ער פאַרלירן זיין אויפהאַלטנדיקע קראַפט. יידיש איז אונדז טייער, און מיר מוזן עס באַנוצן ווי אַ פאַראייניקנדיקע קראַפט פאַר דער גרעס־טער העלפט פון אונדזער פאָלק אין די נאָענטסטע דורות. אָבער בויען אויפן ׳יידישיזם׳ די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור — דאָס הייסט מפקיר זיין תיכף מיליאָנען יידן, וואָס רעדן נישט אין דער שפּראַך, און גרייטן צום באַנקראָט שפּעטער נאָך מיליאָנען״[38]).

מ׳קאָן, דוכט מיר, סומירן דובנאָווס אידעע פון יידישער וועלטלעכקייט אַזוי: יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אַ פאָלק, עס איז די היסטאָרישסטע אומה, וואָס האָט געשאַפן קולטור־ווערטן, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט[39]). די רעליגיעזע און פאָלקישע עלעמענ־טן אין יהדות זיינען במשך פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע געווען צונויפגעפלאָכטן אַזוי, אַז ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז היינו־הך: אָבער

„דאָס איז אַ רעזולטאַט פון וואַקסן פון נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם" און פון זיין „צופּאַסן זיך צו ניט־געווינטלעכע אויסנאַמאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונ־גען"[40]. דובנאָוון איז קלאָר, אַז די צוויי קרייזן — דער רעליגיעזער און פאָל־קישער — פאַלן זיך ניט צונויף, און מ'קען זיין אַ פּאַרוואָרצלטער ייִד, ניט אַקצעפּטירנדיק דעם רעליגיעזן עלעמענט אין דער ייִדישער ירושה. וואָרעם ייִדישקייט איז אַ קולטור־סיסטעם און... יעדער מין ייִד קאָן זיך אָפּ־קלייבן פון אונדזער קולטור, וואָסער טייל אָדער שטרעמונג ס'איז אים צום נאָענטסטן[41]).

בעת זשיטלאָווסקיס גרונט־אידעע קען מען פאָרמולירן: „זיי אַ נאַר־מאַל פאָלק מיט פעלקער גלייך", איז דובנאָווס כלל: „מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט אונדזער אַנדערשקייט!", ווייל אונדזער אייגנאַרטיקייט איז דער אויס־דרוק פון העכערקייט. בעת דער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער פון וועלט־לעכקייט מיינט, אַז דאָס אָרט פון דער ייִדישער אמונה קען, אין אונדזער צייט, פאַרביטן ווערן מיט שפּראַך, ווייסט דער טיפער קענער פון דער ייִדי־שער געשיכטע, אַז שפּראַך אַליין איז אַ קנאַפּע באַוואָרעניש קעגן אַסימי־לאַציע און מע טאָר אויף איר אַליין נישט אָנהענגען דעם גורל פון אונדזער פאָלק; די גאַנצע היסטאָרישע קולטור פון פאָלק דאַרפן מיר אַקצעפּטירן וואָרעם ייִדישקייט איז מער ווי רעליגיע. די רעליגיע דאַרף נישט דאָמינירן אונדזער אויטאָנאָם קהילה־לעבן, אָבער זי טאָר נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון פאָלקס גייסטיקן פאַרמעגן. אַלע סאָרטן ייִדן זיינען גלייכווערטיק אין ייִדישן קאָלעקטיוו — רעליגיעזע פונקט ווי נישט־רעליגיעזע — אָבער מיטן מאָמענט, ווען אַ ייִד רייסט פאַרמעל איבער מיט זיין אמונה און ער טרעט אַריין אין קריסטנטום אָדער איסלאַם, שליסט ער זיך אויטאָמאַטיש אויס פון ייִדישן פאָלק. פאַר זשיטלאָווסקין, דעם אַמאָליקן קאָסמאָפּאָליט, וואָס האָט שטענדיק אַקצענטירט אונדזער נישט־נאָרמאַלקייט — גלייך ווי נאָרמאַלקייט איז די העכסטע קולטור־מדרגה פאַר אַ פאָלק — און וואָס האָט געלייגט דעם הויפּט־געוויכט אויף פּראָדוקטיוויזאַציע און אַגראַריזאַציע — פאַר אים איז די לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע נישט שטאַרק אַנדערש פון דער טשעכן־אָדער פּאָליאַקן־פראַגע; בעת פאַר דובנאָוון איז קלאָר, אַז אונדזערע קאָמ־פּליצירטע פּראָבלעמען קענען נישט אַלע מאָל געלייזט ווערן לויטן כּלל־הגוייִמדיקן רעצעפּט. אונדזער געשיכטע און די סאָציאַלע תּנאָים, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט, האָבן פּראָדוצירט אַן אָריגינעל פאָלק, אַן עם לבדד ישכּון, וואָס איז איבערנאָרמאַל, נישט אונטערנאָרמאַל.

דובנאָווס נוסח וועלטלעכקייט האָט, צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקיס ווערסיע, דאָ, אין אַמעריקע, געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אויסגעשטאַלטונג פון דער ייִדיש־וועלטלעכער סביבה און מענטאַליטעט. דאָס פאַרמינערט נישט די באַדייטנדיקע ראָלע פון אברהם ליעסין, פון י. ל. פרץ און שפּעטער פון זייער גייסטרייכן, שאַרפזיניקן און אומגעהייער איינפלוסרייכן תלמיד שמואל ניגער, און פון אַ סך אַנדערע פובליציסטן און וואָרטזאָגערס. יעדער פון זיי האָט צוגעטראָגן זיין חלק און אַריינגעבראַכט זיין ניואַנס אין דער אַמעריקאַנער וועלטלעכער ייִדישקייט.

### ג אידעאישער קריזיס ביים סוף 30ער יאָרן און פאָלקס־שטייגער אָדער רעליגיעזע ראַם־ייִדישקייט

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מען האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז די געווינסן פון דער עמאַנציפּאַציע האַלטן ביי אָפּגעווישט ווערן; ווען יעדער ייִד, וואָס איז געווען פילבאַר צו אַלץ, וואָס עס געשעט מיטן אייראָפּעאישן ייִדנטום, האָט דערבליקט, ווי ס׳עפענען זיך אַלע תהומען פון דער מענטשלעכער נאַטור, זיינען צעטרייסלט געוואָרן די הויפּט־יסודות פון דער יונגער ייִדיש־וועלטלעכקייט. אין דער ייִדישער פּרעסע האָבן מאָדערנע, ראַדיקאַלע ייִדישע דיכטערס אויסגעדריקט די אַלגעמיינע שטימונג „צוריק אין געטאָ אַריין!". „אַ גוטע נאַכט, וועלט" (פון דיכטער יעקב גלאַטשטיין) איז געוואָרן מער ווי די שטימונג פון אַן איינצלנעם דיכטער. אַ סך האָבן געפילט, אַז מ׳האָט צו פיל געגלייבט אין דער הומאַניטאַרישקייט פון דער וועלט. מ׳דאַרף דעריבער צוריק אויפשטעלן אַ מחיצה צווישן זיך און דער נישט־ייִדישער וועלט. און דערביי האָט מען געזוכט טרייסט אין דער אמונה פון די טאַטעס און זיידעס. דער פרי־אַוועקגעגאַנגענער ייִדישער היסטאָריקער א. טשעריקאָווער האָט אפשר אין דער בולטסטער פאָרעם פאַרצייכנט די דאָזיקע שטימונג: „די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער דאָמינירנדיקער ראָלע, וואָס די רעליגיע האָט געשפּילט אין אונדזער געשיכטע, און אַפילו אירע בעסטע און פיינסטע פאָרשטייערס איז ניט געלונגען אויפצובויען אַ סיסטעם פון קיום־האומה אויפן פּרינציפּ פון ראַציאָנאַליסטישן נאַציאָנאַליזם און בלויזער וועלטלעכקייט. צו שטאַרק זיינען די נאַציאָנאַלע עמאָציעס ביי ייִדן איבערגעפלאָכטן מיט רעליגיע... איצט, אין אַ צייט פון חשבון־הנפש, האָט זיך דער אַטאַוויסטישער

רעליגיעזער געפיל דורכגעשלאָגן אַרויף פון די טיפענישן און גענומען נאָ־גן און מאָנען זיינע רעכט... מיר ווייסן, אַז דער רוף צוריק איז אַן אומ־זיסטער; די אַלטע קוואַלן פון רעליגיעזן גלויבן זיינען אַ היפש ביסל אויס־געטריקנט... אָבער אויך נישט בכוח זיינען מיר אין גאַנצן זיך צו באַ־פרייען פון... דער קנאה צו דער האַרמאָנישער רעליגיעזער וועלט פון די אַמאָליקע דורות... אַ טראַגעדיע פון אַ דור, וואָס פירט אַ געראַנגל מיט זיך אַליין, אַ געראַנגל צווישן מאָדערניזם און ירושה אין זיך״[42]).

עס זיינען געווען אויך אינערלעך־אַמעריקאַניש־ייִדישע סיבות, וואָס האָבן פאַרשאַרפט דעם קריזיס אין דער וועלטלעכקייט. דער וואוקס פון דער הי־געבוירענער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט שוין דעמאָלט אויסגעמאַכט צוויי דריטל פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ, האָט דעמאָנסטרירט, ווי וויניק מ׳קען זיך סומך זיין אויף שפראַך אַליין ווי אַ דאַמבע קעגן אַסימי־לאַציע. מ׳האָט פלוצעם דערזען, אַז ביים צווייטן דור איז די ייִדישע היים אויסגעליידיקט פון ייִדישן אינהאַלט: ס׳איז נישטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב; עס גנבענען זיך אַריין אין דער היים פרעמדע מנהגים, און מ׳קען זי פאַקטיש נישט אונטערשיידן פון דער נישט־ייִדישער היים. דער אַלט־ייִדיש־גייסטיקער קאַפּיטאַל, וואָס מען האָט געבראַכט פון מזרח־אייראָפּע, ווערט ביס־לעכווייז צעטרענצלט, און קיין נייער ווערט דאָ נישט געשאַפן; ווי לאַנג — האָבן די טיפערע און אחריותדיקע שולטוערס געפרעגט — וועט אונדז נאָך קלעקן דער אַריבערגעבראַכטער פון יענער זייט ים גייסטיקער אינ־ווענטאַר ?!

אַחוץ דעם, איז צוזאַמען מיט די אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות געקומען אַן ענדערונג אין אידעאישן קלימאַט אין דער וועלט. דער מאָדער־נער מענטש האָט זיך דערפילט אַנטוישט אין טעכניש־מאַטעריעלן פּראָגרעס, וואָס האָט נישט געשטילט דעם הונגער נאָך עכטער יום־טובדיקייט, האָט נישט געגעבן קיין זינען זיין עקסיסטענץ, און האָט איבערגעלאָזט אַ נשמה־פוסטקייט אויפן אָרט פון דער אַלטער אמונה, וואָס האָט געגעבן דערהויבונג, אייביקייט און אומשטאַרבלעכקייט! אַ סך צעטרייסלטע ייִדישע געמיטער אין אַן אומזיכערער וועלט האָבן געגאַרט זיך פאַראַנקערן אין אַ פּערמאַנענ־טן באָדן, וואו דורות פאַר זיי האָבן געפונען מנוחה און גליקזעליקייט. אָבער דער מאָדערנער ייִד פונקט ווי דער מאָדערנער מענטש בכלל האָט פאַרלאָרן די פעאיקייט צו גלייבן טיף און דאָגמאַטיש. ער ווערט צעפרעסן פון סקעפּטיציזם און פון רעלאַטיוויזם, וואָס מינעווען אונטער מעטאַפיזישע און רעליגיעזע אָב־

סאַלוטן. דערפאַר קען ער נישט אָננעמען די אמונה מיט אירע אַלטע אַני־מאַ־מינס. און דאָך בענקט ער נאָכן פאַרלאָרענעם גן־עדן פון די פריערדיקע דורות!

אויף אָט דעם הינטערגרונט זיינען אויפגעקומען אַ ריי רעוויזיעס אין דער היגער יידישער וועלטלעכקייט, וואָס פּרואוון איר געבן אַן אַמעריקאַנישן קאָלאָריט, און פּונקט ווי זשיטלאָווסקי און דובנאָוו זיינען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די אייראָפּעאישע דענקערס פון 19טן יאָרהונדערט, אַזוי דריקן אויס אָט די פאָרגעשלאָגענע היינטיקע וואַריאַנטן אין דער פילאָסאָפיע פון וועלטלעכקייט די אַמעריקאַנער אידעאישע נוסחאות פונעם 20סטן יאָרהונדערט. דאָס זיינען פּרואוון צו שאַפן אַן אַמעריקאַניש־יידישן ראַציאָנאַל פאַר די היגע וועלטלעכע יידן אין הסכם מיט פּראַגמאַטיש־פּסיכאָלאָגישע אָדער סאָציאָלאָגישע טעאָריעס, וואָס דאָמינירן אין איצטיקן היגן אידעאישן קלימאַט.

אָקצעפּטירנדיק דעם פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע — אַז די יחידישע, פּסיכישע איבערלעבונג איז דער לייט־מאָטיוו אין אמונה — האָט לייבוש לעהרער ביים סוף פון די 30ער יאָרן אַנטוויקלט אַ טעזיס, אַז דער באַגריף רעליגיע האָט ניט קיין שייכות מיטן עצם וועזן פון יהדות. וואָרעם אַזוי ווי דער קווינטעסענץ פון רעליגיע ביי די אומות העולם ליגט אין די פּריוואַטע דערפאַרונגען פון יחידים, און אונדזער אמונה איז דער עיקר אַ קאָדעקס, וואָס רעגולירט דאָס לעבן פון יידן, ווי אַנגעהעריקע צו אַ כלל, דעריבער איז דער עצם אויסדרוק „יידישע רעליגיע" אַ גרילצנדיקער קלאַנג. אונדזער דת איז אַ געזעץ־קאָנסטיטוציע, אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע סיסטעם, וואו קיום־האומה איז דער פירנדיקער מאָטיוו. „עס איז פאַלש צו באַצייכענען יידישקייט מיט רעליגיע... יידישקייט איז לחלוטין עפּעס אַנדערש ווי אַ צווייג פון די פאַראַנענע וועלט־רעליגיעס. זי שליסט איין אין זיך אַנדערע צילן און מיטלען"[43]).

אַרויסגייענדיק פון דער גרונט־הנחה, אַז רעליגיע און יידישקייט זיינען צוויי פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, קומט ער צום אויספיר, אַז מ'קען ביי אונדז ניט רעדן וועגן „רעליגיע" אָדער „סעקולער", ווייל קיין זאַך איז נישט רעליגיעז, איז ממילא נישט נייטיק צו סעקולאַריזירן. דער עיקר אין אונדזער יידישקייט אָדער יידישער טראַדיציע איז נישט דאָס טעאָלאָגישע, נאָר דאָס יורידישע; נישט צי דו גלייבסט אין גאָט, נאָר צי דו דאַוונסט; נישט מעטאַפיזישע סאַנקציעס, נאָר סאָציאָלאָגישע פונקציעס. דעריבער ליגט דער סאַמע עיקר פון יידישקייט אין פאָלקסשטייגער, אין נאָרמאַטיווקייט, אין קול־

טור, אין טראַדיציע, אין הלכה און אויפפיר, נישט אין יראת־שמימדיקייט, און פרומקייט, נישט אין גלויבנס־עיקרים. „יידישקייט — האַלט לעהרער — איז אין דער ערשטער שורה אַ פאָלקישע אידעע, אַ שטייגערישער באַגריף"[44].

פון דעם געזאָגטן דרינגט לעהרער אַרויס, אַז די צעשפּאַלטונג אויף „רעליגיע" און „וועלטלעך" איז ביי אונדז פאַלש; אַז „וועלטלעכקייט" איז קודם־כל אַ נעגאַטיווער באַגריף, אַן אָפּזאָגן זיך פון די אַלטע יידישע לע־בנס־פאָרמען, וואָס די אַזוי גערופענע „יידישע רעליגיע" האָט אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען[45]. סיידן מיר פאַרשטייען דאָס וואָרט „וועלטלעך" אין אַלט־יידישן זינען פון וואָרט „וועלטלעך ניט ווי קעגנשטעלונג צו אַ מין רע־ליגיע, נאָר ווי אַ קעגנשטעלונג צו אַ מין טראַדיציאָנעלער פאַרגליווערטקייט, אָדער צו אַן איינגעשפּאַרטער אָרטאָדאָקסיע"[46].

לעהרערס טעזיס וואָס האָט אונטערן רושם פון אונטערגייענדיקן טוי־זנט־יאָריקן יידישן ישוב אין מזרח־אייראָפּע שאַרף אַקצענטירט די רעאַקציע צו זשיטלאָווסקיס ככל־הגוייםדיקייט, האָט גלייכצייטיק זיך פאַרדינט געמאַכט מיט זיין באַטאָנען, אַז ניט אַלע אַלגעמיינע באַגריפן לאָזן זיך אויטאָמאַטיש אָנווענדן אויפן יידישן לעבן; אַז יידישקייט דעקט זיך נישט מיט רעליגיע אַליין, נאָר איז אַן אייגנאַרטיקער קאָמפּליצירטער געוועב, וואו עס פלעכטן זיך דורך אַ סך אַנדערע פעדעם.

אָבער ווען איר טראַכט זיך אַריין אין די אימפּליקאַציעס פון זיין קאָנ־סטרוקציע, און אין דעם שאַרפן קאָנטראַסט, וואָס ער צייכנט אָן צווישן יידיש־קייט פון איין זייט און פון רעליגיע פון דער אַנדערער, באַמערקט איר, ווי איינזייטיק די סכעמע איז, און אַז לעהרערס גרונט־הנחות מוזן אָפּגעפרעגט ווערן.

ראשית, זיין הויפּט־קאָנצעפּציע נעמט אָן אַפּריאָרי, אַז דער עצם פון רעליגיע בכלל ליגט אין דער פּסיכישער איבערלעבונג פון יחיד, און אַז דער תוך פון יידישקייט ווערט נישט אויסגעדריקט נישט דורכן יחיד, נישט דורך פּסיכישער דערפאַרונג; יידישקייט איז גאָר — לויט לעהרערן — בעיקר אַ לעבנס־סיסטעם פאַרן כלל.ביידע טיילן פון דער היפּאָטעזע דריקן בלויז אויס איין זייט פון דער מטבע, און דערצו ווערט זי פון אָנגעזעענע רעליגיע־און יידישקייט־געלערנטע אָפּגעפרעגט. וואָרעם אַ פילאָסאָפישער, אָדער איננ־טעלעקטועלער צוגאַנג צו רעליגיע איז מחייב, אַז אמונה שטעלט מיט זיך

פאַר אַן אידעען־סיסטעם, וואָס פאַרלאַנגט קודם־כל מצד דעם אָנהענגער זיין הסכמה צו אַ ריי עיקרים.

די דעפיניציע פון רעליגיע אין „אָקספאָרד יוניווערסאַל ווערטערבוך" דערקלערט בפירוש, אַז רעליגיע מיינט „דאָס אָנערקענען מצד דעם מענטש, אַז ס'איז פאַראַן אַ העכערער נישט־געזעענער כוח, וואָס קאָנטראָלירט זיין גורל, און וואָס איז באַרעכטיקט, אַז מע זאָל אים פאָלגן, מ'זאָל אים פאַרערן און ליבן". פון דער דעפיניציע איז קלאָר, אַז דער מענטש דאַרף פריער אָנערקענען, אָדער וויסן, אָדער צוגעבן, אַז ס'איז פאַראַן אַ כוח, וואָס איז איבער אים. אין דעם זעלביקן „אָקספאָרד־ווערטערבוך" ווערט רעליגיע אויך דעפינירט ווי „האַנדלונג אָדער אויפפיר, וואָס באַווייזט אַ גלויבן אין, אַ פאַרערונג פאַר, און אַ וואונטש צו געפעלן אַ געטלעכן הערשנדיקן כוח". ווידער אַ מאָל ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן דער עלעמענט פון אמונה. אויך אין „וועבסטער ניו וואָירלד דיקשיאָנערי" (קאָלעדזש־אויסגאַבע, 1955) ווערט רעליגיע דעפינירט ווי „אַ גלויבן אין אַ געטלעכן אָדער איבערמענטשלעכן כוח אָדער כוחות, וועלכע מ'דאַרף געהאָרכן און ליבן ווי דעם באַשאַפער (באַשאַפערס) און הערשער (הערשערס) פון אוניווערס".

אַוודאי ווייסט לעהרער וועגן רמב"מס 13 עיקרים, וועגן ר' יוסף אַלבו'ס עיקרים, וועגן די קאַראַאימער, חסידים, מתנגדים, אָרטאָדאָקסן, רעפאָרמערס, וואָס האָבן געקעמפט און איינער דעם אַנדערן געלייגט אין חרם איבער דאָג־מעס, איבער טעאָלאָגישע דאָקטרינען. אָבער ער פּרוּווט די אַלע שווערע שטיינער אויפן וועג פון זיין קאָנצעפּציע דערקלערן ווי אויסנאַמען אָדער אָוועקשטופן ווי נישט־כאַראַקטעריסטישע. ער לאָזט זיך אויך פאַרפירן פון אַן אַנעקדאָט — וועלכער דאַרף כלומרשט באַקרעפטיקן זיין געדאַנקן־גאַנג, אַז ס'איז נישט וויכטיק, צי דו גלייבסט אין גאָט, אַבי דאַוון, טו מצוות־מעשיות! אָבער צי וואָלטן דען מעגלעך געווען מצוות־מעשיות בכלל, ווען הינטער זיי וואָלט נישט געווען די טיפע אמונה אין „אחד"? איז דען נישט גערעכט יודל מאַרק, אַז נישט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון אמונה, נאָר אַפילו, ווען מען האָט אין זינען קיום האומה איז אויך דער גלויבן אין יידישן גאָט געווען וויכטיקער, ווי דאָס דאַוונען?[47]). וואָרעם וואָלטן יידן געווען געגאַנגען אויף קידוש־השם ווען אמונה וואָלט פאַרנומען אַזאַ אומבאַדייטנדיק אָרט אין גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס ווערט אָנגערופן יידישקייט?

אַז יידישקייט איז נישט בלויז אַ נאָרמאַטיווע שיטה, נאָר איז אָפּהענגיק

אין צענטראַלע דאָגמעס, אויף דעם האָבן אין אונדזער צייט אָנגעוויזן אַ סך יִדישע געלערנטע. סאָלאָמאָן שעכטער דערקלערט אַז, הגם ער קען נישט געבן קיין דעפיניציע פון דעם „אין־סוף, וואָס הייסט יודאַאיזם", קען ער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די העכסטע מאָטיוון, וואָס האָבן דאָמינירט אין דער געשיכטע פון יהדות, זיינען די שטאַרקע אמונה אין גאָט און דער אומוואַקל־דיקער בטחון, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דער גאָט פון ישראל זיין דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט"[48]). ער ברענגט אַ ראיה פון דער גמרא סנהדרין, אַז ווער עס גלייבט נישט אין תחית־המתים, אַז ס'איז נישטאָ קיין תורה מן השמים, און אַן אַפּיקורס — האָבן נישט קיין עולם הבא; דאָס איז אַ הלכה.

אָדער נעמט דעם יִדישן פּובליציסט י. עפּרויקין. רעדנדיק וועגן דער טענדענץ צו באַטראַכטן יִדישקייט ווי אַ לעבנס־נוסח, ווי אַ שטייגער, שרייבט ער: „אָן יראת שמים, אָן אהבת ה', זיינען ניטאָ קיין מצוות און קיין חוקים, במילא קיין יִדישער לעבנס־נוסח. און אויב אַ יִדישער לעבנס־שטייגער האָט זיך געקענט האַלטן טויזנטער יאָרן אין אַ פרעמדער און פיינדלעכער וועלט, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געהייליקט געוואָרן דורך דער אמונה. איר וועט דעריבער נישט געפינען קיין יִדישן חכם, וואָס זאָל בכלל אָוועקנעמען פון יִדישקייט איר אמונה־יסוד. צי זי איז געבויט אויף דרייצן עיקרים, אָדער אויף זעקס, אָדער אויף דריי, אָדער גאָר אויף איינעם, אויפן וצדיק באמונתו יחיה פון חבקוק — אָן אמונה איז קיין יִדיש־קייט ניטאָ"[49]). הייסט עס, אַז אויב רעליגיע בכלל איז, קודם־כל, אַן אידעען־סיסטעם וואָס באַשטייט פון גלויבנס־עיקרים, און יהדות איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם — דעמאָלט געהערט יִדישקייט אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע — הגם מיט נאָך אַנדערע קאָמפּאָנענטן — ווי אַלע רעליגיעס.

און, צווייטנס, פאַרנעמען אויך די יחידישע מאָמענטן אַ וויכטיק אָרט אין יודאַאיזם. וואָרעם כאָטש דאָס פאָלק ישראל איז די צענטראַלע אַקס אַרום וועלכער ס'באַוועגט זיך די יִדישע אמונה, פונדעסטוועגן איז דער מיסטי־ציזם אין שפּאַניע, דייטשלאַנד און מזרח־אייראָפּע נישט געווען קיין עסאָטע־רישע פלאַנץ אויפן באָדן פון יִדישקייט"[50]). דער זוהר, דער חובות הלבבות, דער תהילים, די פּיוטים, די תפילות — זיי אַלע זיינען געווען אַן ענטפער אויף דעם יחידישן נשמה־הונגער פון מענטש אין יִדן, וואָס האָט געבענקט נאָך דעם טראַנסצענדענטאַלן, אָן וועלכן דער מענטש קען נישט לעבן; און דעם יִדנס תשוקה נאָך גאולה האָט נישט בלויז אויסגעדריקט זיין דראַנג נאָך

נאַציאָנאַלער פרייהייט, נאָר אויך נישט ווייניקער לתקן עולם במלכות שדי. אָט די אַלע מאָטיוון און נאָך אַנדערע ביי־מאָטיוון זיינען געווען פאַרקערפּערט אין דער היסטאָרישער יהדות.

אָדער נעמט לעהרערס טעזיס, אַז נאָר ייִדישקייט איז פאָלקיש, בעת ביי אַנדערע פעלקער איז די רעליגיע נייטראַל צו די קריטישע געשעענישן אין לעבן פון אייגענעם פאָלק. איז עס טאַקע אַזוי? ס׳איז אמת, אַז ביי קיין אומה איז נישט אַזוי שווער אָפּצוגרענעצן רעליגיע פון נאַציע ווי ביי ייִדן. אָבער צי קען מען איגנאָרירן די ראָלע און די נאַציאָנאַלע באַפּאַרבונג, וואָס רעליגיע האָט באַקומען ביי די אירלענדער, ביי די איטאַליענער, ביי די טשעכן, ביי די פּאָליאַקן? „מער סובטיל, אָבער נישט ווייניקער דעצידירנדיק איז געווען דאָס צוזאַמענמישן דעם נייעם אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם מיטן רעליגיעזן ברען פון מיטל־עלטערלעכן קריסטנטום, ווי עס ווערט אילוסטרירט דורך דעם אָפּטן אויסבאָרגן רעליגיעזע אידעען און טערמינען מצד די פירערס פון די אונטערדריקטע פעלקער. דער מיסטיקער אַנדזשעי טאָוויאַנסקי און דער פּאָעט אַדאַם מיצקעוויטש האָבן געזען אין פּוילישן פאָלק די פאַרקערפּערונג פון ליידנדיקן משיח און האָבן אים צוגעשריבן אַ ישראל־אַרטיקע מיסיע ביים אויסלייזן די מענטשהייט. אונטער מיצקעוויטשעס השפּעה האָט מאַדזיני פּראָקלאַמירט דאָס איטאַליענישע פאָלק ווי דעם געטלעכן משיח, וואָס ס׳איז אים באַשערט גובר צו זיין דעם דואַליזם צווישן הימל און ערד, גייסט און מאַטעריע, געדאַנק און אַקציע״[61]). ווידער אַ מאָל קען מען דאָ נישט ציען אַזאַ שאַרפע שייד־ליניע צווישן רעליגיע און ייִדישקייט, ווי לעהרער טוט עס.

מערסטע פון די דאָזיקע דערשיינונגען גייען נישט פאַרביי אומבאַמערקט פאַרן אויג פון לייבוש לעהרער; אָבער צוליב זיין פּראַגמאַטיש־פונקציאָנעלן צוגאַנג, על־פּי וויליאַם דזשיימז, ווערן זיי מיניִמיזירט. וואָלט אָבער לעהרער ניט פאַרקוקט דעם קערן פון ייִדישקייט — אמונה — און וואָלט ער זיך נישט באַגרענעצט צו איין עלעמענט אין דער יהדות — צום פאָלקיש־שטייגערישן — וואָלט ער נישט געקענט שאַפן אַזאַ קאָנטראַסט צווישן רעליגיע און ייִדישקייט. זיין אַמעריקאַניש־פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג האָט פאַר אים, קען זיין, פאַרשטעלט דעם אוניווערסאַל־אינטעלעקטועלן מהות פון ייִדישקייט. אויב רעליגיע פאַרנעמט יאָ אַ היפּשע פּראָפּאָרציע אין שטח פון ייִדישקייט, האָט וועלטלעכקייט דעריבער די קאַרדינאַלע אויפגאַבע אונטערצושטרייכן די אַנדערע עלעמענטן אין דעם געוועב. וועלטלעכקייט האָט אַ

זינען נישט ווי אַ פאַרלייקענונג פון יידישער טראַדיציע און המשכדיקייט — נישט זשיטלאָווסקי און אוודאי נישט דובנאָוו האָבן דאָ געזינדיקט — נאָר ווי אַ סינטעז וואָס אַקצענטירט „די צונויפגעוואַקסנקייט פון דעם רעליגיעזן, דעם נאַציאָנאַלן, דעם שטייגערישן אין דער דורותדיקער יידישקייט״[52]). (וועגן לעהרערס טראַדיציאָנאַליזם זע זייט 200־204.)

דער אַלטער כּלל אַז, ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך, האָט זיך נאָך מער באַשטעטיקט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אין מזרח־איראָפּע, וואָרעם דאָ זיינען יידן אפשר מער, ווי ווען עס איז אין זייער געשיכטע, אינטעגרירט אין דער קולטור, ווירטשאַפט, פּאָליטיק פון לאַנד. יעדערער, וואָס באַטראַכט דאָס אַמעריקאַנער יידיש לעבן, קען באַמערקן, ווי באַווירקט עס איז פון אַלע אַלגעמיינע קולטורעלע און אַפילו רעליגיעזע ווינטן, וואָס בלאָזן אויפן היגן קאָנטינענט. לויטן אַמעריקאַנער נוסח איז רעליגיע אָפּגעגרענעצט ווי וויט מעגלעך פון מעטאַפיזיק און באַזירט זיך דערעיקרשט אויף די אייגענע געפילן, אויף אַן אומבאַזיגבאַרן אָפּטימיזם, און לעבנס־בטחון. מתקן זיין די אייגענע נשמה איז נישט איר הויפּטפונקציע; זי דאַרף זיך אָפּגעבן מיט די סאָציאַלע נויטן פון ציבור און דאַרף זען, אַז דער עולם זאָל גוט פאַרברענגען אויף דער וועלט אידער זיך זאָרגן וועגן יענער וועלט[53]).

אין אָט דעם קלימאַט פון אַן אינסטיטוציאָנאַליזירטער רעליגיע האָבן צוויי אַמעריקאַניזירטע, סאָציאָלאָגיש־געשולטע יידישע שריפטשטעלערס, ד״ר שמואל מאַרגאָשעס און בצלאל שערמאַן, אַנטוויקלט זייער טעזיס, אַז מע דאַרף אונדזער אַמעריקאַנער יידיש לעבן, אויך דאָס וועלטלעך־קולטורעלע, אַריינשטעלן אין אַ רעליגיעזער ראַם.

מ׳קען דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג סומירן אַזוי: כּדי דער יידישער קיבוץ זאָל פאַרזיכערן זיין המשך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מוז ער זיך צופּאַסן צו די אידעען פון דער סביבה, אַנדערש וועט זיין כּלל־סטאַטוס נישט סאַנקציאָנירט ווערן פון דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט, פון מערהייט־פּאָלק. אָבער כּדי צו קריגן די הסכּמה פון אַמעריקע אויף אונדזער קאָלעקטיווער עקסיסטענץ, מוזן מיר זיך דערקלערן ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט — וואָרעם אַמעריקע וועט נישט אָנערקענען קיין עטנישע אָדער לינגוויסטישע גרופּע אויף אַ פּערמאַנענטן יסוד, און אָן אַזאַ סאַנקציע וועלן אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער נישט וועלן און נישט קאָנען אָנהאַלטן זייער יידישקייט. אָבער וואָס איז מכּוח די אַלע נישט־גלייביקע יידן? צי קענען זיי אַריינגענומען ווערן אין אַ רעליגיעזער קהילה? איז דער ענטפער, אַז

מ׳דאַרף פאַרשטיין רעליגיע גאָר אַנדערש, ווי אונדזערע זיידעס האָבן דאָס פאַרשטאַנען „וואָרעם רעליגיע בכלל און די ייִדישע בפרט איז... אַ הויך עלאַסטישער באַגריף, וואָס לאָזט איבער גענוג אָרט פאַר פאַרשיידענע ענדערונגען און אויסטייטשונגען, אַפילו אין דעם גלויבן אין גאָט... מ׳קאָן אין דער רעליגיעזער פאָרעם פון ייִדישקייט — אַריינלייגן נישט נאָר כמעט אַלע טיילן פון דער ייִדישער קולטור, אַריינגערעכנט די וועלטלעכע, צוזאַמען מיטן ייִדישן שטייגער לעבן, נאָר טאַקע אויך ייִדישע אמונות ודעות, וואָס דער מאָדערנער ייִד קאָן אויפנעמען און אָננעמען מיט ביידע הענט"[54]). פון דעם איז אויך געדרונגען, אַז די סינאַגאָגע, דער בית־המדרש, דאַרף ווערן די צענטראַלע אינסטיטוציע אין דער רעליגיעזער ייִדיש־אַמעריקאַנער קהילה, אָבער ס׳וועט דאַרפן זיין אַ שול מיט אַ פיל אויסגעברייטערטן פאַרנעם.

בצלאל שערמאַן גייט אויך אַרויס פון ענלעכע היפּאָטעזעס. אַזוי האַלט ער: „ווי אַ פּראָגראַם פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום, האָט דער הונדערט־פּראָצענטיקער סעקולאַריזם זיך נישט אָנגענומען צווישן די אַמעריקאַנער ייִדישע דורות. ווייל זיי באַקומען וויפל סעקולאַריזם זיי ווילן אין דער נישט־ייִדישער גאַס... סעקולאַריזם איז בכוח אַליין צו פּרעזערווירן ייִדישע אידענטיטעט — מחוץ די גרענעצן פון מדינת ישראל — אין אַ געטאָ, אָבער נישט אין אַ פרייען לאַנד ווי אַמעריקע... קאָלעקטיוו לעבן מיינט אָרגאַניזירט לעבן, און אָרגאַניזירט לעבן מוז האָבן אַ דאַך. מיט דעם אויסנאַם פון... די ייִדישע קהילות צווישן די צוויי מלחמות אין לאַטוויע, אין עסטאָניע און... ליטע — ווייס איך נישט פון אַ ייִדישן ישוב, וואָס איז ווען עס איז... געווען אָרגאַניזירט אין אַ נישט־רעליגיעזער ראַם"[55]).

ס׳איז כדאי צו געדענקען, אַז ביידע שריפטשטעלערס וואָס שטעלן זיך אין פאַר דער „רעליגיעזער ראַם" גייען צו מיט אַ סאָציאָלאָגישער קריטעריע צו ייִדישקייט. „פאַר מיר... איז ייִדישע אָרגאַניזירטקייט אין אַמעריקע נישט קיין טעאָלאָגישע, נאָר אַ סאָציאָלאָגישע פּראָבלעם"[56]). נאָך פּרעציזער פאָרמולירט עס ד״ר מאַרגאָשעס: „פאַר מיר איז דער ווערט פון רעליגיע פונקט אַזוי גרויס — ...ווי ס׳איז דער ווערט פון אירע סאָציאַלע פונקציעס, אויב די הייליקסטע אינטערעסן פון דער גרופּע ווערן פאַרוואַנדלט אין די העכסטע הייליקטימער פון רעליגיע [אונטערגעשטראָכן פון מיר, ש. ג.]... דעמאָלט בין איך געצייגט אָנצונעמען אַזאַ רעליגיע, נישט נאָר ווי אַ גאַראַנטיע פאַרן קיום און המשך פון דער גרופּע, נאָר אויך ווי מיין פּערזענלעכן גלויבן ווי אַ מיטגליד פון אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט... וואָס איך פאָדער

פון רעליגיע, איז צו געבן מיר אַ גאַראַנטיע פאַר דער אומשטאַרבלעכקייט — נישט מיין איגענער — נאָר פון מיין גרופּע, מיט וועלכער איך האָב פאַר־בונדן מיין גורל"[57]).

אָט דער אויבן אונטערגעשטראָכענער זאַץ — די הייליקסטע אינטערעסן פון דער גרופּע ווערן פאַרוואַנדלט אין די העכסטע הייליקטימער פון רעליגיע — איז דער ראש־הפינה פון ד"ר מרדכי קאַפּלאַנס רעקאָנסטרוקציאָניזם. דאָס מיינט, אַנדערש געזאָגט, אַז הקדוש ברוך הוא, די תורה, די מצוות זיינען בלויז כוחות פאַר קיום האומה, וואָרעם דער מהות פון פאָלקס־רעליגיע — לויט קאַפּלאַנען — איז „צו פאַרזיכערן די עקסיסטענץ פון דער גרופּע... די וויכטיקע געשעענישן אין לעבן פון שבט ווערן טראַנספאָרמירט אין אַ מיטי־שער ביאָגראַפיע פון זיין גאָט" [58]). אָט די דאָזיגע קאָנצעפּציע פון רעליגיע — וואָס שטאַמט, צום גרעסטן טייל, פון סאָציאָלאָג עמיל דורקהיים — איז פול מיט סתירות*. אויף וויפל אָט די סאָציאָלאָגישע שיטה איז גילטיק, קען זי בלויז אָנגעווענדט ווערן אויף רעליגיע אין איר ערשטער פּרימיטיווער סטאַדיע, אָבער זי איז לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו דער הויך אַנטוויקלטער יהדות, ווי עס האָט זי פאַרשטאַנען אַ רמבם, אַ בעל־שם־טוב, אַ ווילנער גאון, אַ חפץ־חיים אָדער הרב קוק. און צי איז דען נייטיק צו דערמאָנען, אַז — ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן — אַז וועלטלעכע ייִדן קענען זיך נישט רופן „רעליגיעז" אויב מען מיינט דערמיט פאָלקישקייט אָדער קולטור־שטייגערישקייט? נישט נאָר די פריער אויסגערעכנטע ייִדישע ראַציאָנאַ־ליסטן און מיסטיקערס, נאָר אויך אַזעלכע פילאָסאָפן און טעאָלאָגן ווי קיער־קעגאַרד, ריינאָלד ניבור, מאָריס קאָהען, וועלן נישט אָננעמען די קאַפּלאַן־מאַרגאָשעס דעפיניציע פון רעליגיע, ווי די אמתע כאַראַקטעריסטיק פון איר סובסטאַנץ.

ש. ניגער האָט אין זיין פּאָלעמיק קעגן די צוויי שריפטשטעלערס אָנגע־וויזן אַז וועלטלעכע ייִדן קאָנען זיך נישט דערקלערן ווי גלייביקע, ווייל „מיר זיינען ייִדן, אַפילו ווען מיר זיינען רעליגיעז נישט־גלייביק און נישט־פרום... ווען אָט די ייִדן, וואָס זיינען אפשר דער רוב מנין און בנין פון דער אַמערי־קאַנער ייִדישער באַפעלקערונג, זאָלן זיך דערקלערן פאַר אַמעריקאַנער פון ייִדישן גלויבן, וואָלטן זיי זיך אַליין און די וועלט צוויי מאָל גענאַרט... אַ ייִד איז אַ היסטאָרישער עטיש־קולטורעלער, און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פענאָמען. אַ ייִד איז אַ ייִד, אַ ייִד, אַ ייִד... און אויב אונדזער דריטער

* זע: אַנרי בערגסאָן און מרדכי קאַפּלאַן, זייטן 177־192.

דור וועט באמת וועלן געדענקען, וואָס דער צווייטער האָט געוואָלט פאַרגעסן, וועט ער געדענקען, אַז זיין יידישע אידענטיפיקאַציע איז ניט קיין מאַסקע פון יידישער טעאָלאָגיע, נאָר דער אמת פון יידישער געשיכטע"[59]).

וואָס שייך רעליגיע ווי אַ גאַראַנטיע פון אונדזער קאָלעקטיווער עקסיס־טענץ אין אַמעריקע, ווערט דאָס אָפּגעפרעגט פון מרדכי קאַפּלאַן גופא: „אויב מ'וואָלט געדאַרפט אַ ראַיה, אַז דער קיום פון יידישקייט איז אין תוך אָפּהענ־גיק אין דעם קיום פון יידישן פאָלק, וואָלט מען בלויז געדאַרפט אָנווייזן אויף דעם, וואָס ס'איז געשען מיט די יידישע קיבוצים אין יענע לענדער, וואו זייער איינציק־ספּעציפישער אַחדות־באַנד איז די יידישע רעליגיע. אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, די סקאַנדינאַווישע לענדער פאַרשווינדן יידן בהדרגה"[60]).

אָבער די אָנהענגערס פון אַ „רעליגיעזער ראַם"־יידישקייט ברענגען ראַיות פון דער איצטיקער אַזוי גערופענער „רעליגיעזער אויפלעבונג" אין אַמעריקע בכלל, און ספּעציעל ביי די אַמעריקאַנער־געבוירענע יידן. זיי האַל־טן אַז אין די נייע געגנטן, וואו עס וואוינט דער יונגער יידישער דור, ווערט דעמאָנסטרירט באַשיימפּערלעך, אַז נאָר רעליגיעזע יידישקייט האָט אַ צו־קונפט אין אַמעריקע, וואָרעם דאָ ווערן געבויט טעמפּלען, סינאַגאָגעס און שולן; דעריבער דאַרף מען צופּאַסן די טעאָריע צו דער פּראַקטיק. אויף דעם האָט ש. ניגער געפרעגט: „צי זיינען ענטפערס אויף אַנקעטעס אָדער אַפילו פאַקטן פון לעבן די העכסטע אויטאָריטעט, ווען עס קומט צו ענינים פון אמונה, קולטור און אַנדערע פונדאַמענטאַלע ענינים?"[61]).

אָבער לאָמיר אָננעמען, ווי עס מיינען די סאָציאָלאָגישע רעליגיאָניסטן, אַז דאָס איז די „כוואַליע פון דער צוקונפט"; איז ווי קוקט אויס די פּראַקטיק, ווי קוקט אויס דאָס בילד אין דער „רעליגיעזער ראַם"? אַזאַ בילד קריגן מיר פון מרדכי קאַפּלאַן: „מיר דאַרפן נישט צוזאַמענמישן דעם וואוקס אין מיטגלידערשאַפט אָדער אינסטיטוציאָנעלן כוח מיט אַ צוריקקער צו רעליגיע, אויך נישט דעם וואוקס פון טאָג־שולן, אויך נישט די פאַרטאָפּלונג פון סי־נאַגאָגעס און סינאַגאָגע־צענטערס — אַלע זיינען זיי אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס מ'קען אָנרופן דער יידישער בנינים־קאָמפּלעקס"[62]). „...די יידישע רעליגיעזע שולן זיינען ווי סאַבווי־באַנען — אַלע מאָל פול מיט מענטשן, מענטשן גייען כסדר אַרויס און אַריין ביי יעדער סטאַנציע... סינאַגאָגעס און צענטערס זיינען פול מיט אַקטיוויטעטן, אָבער אַ סך פון די טעטיקייטן זיינען צוליב דער קאַסע... און וואָס הערט זיך מיט אונדזערע באַגאַבטע

ייִדן? וויפל פון זיי זיינען אַפיליאירט מיט אַ שול? קען מען אַזעלכע נעמען ווי בראַנדייס, איינשטיין, הילמאַן, לילענטהאַל, אָפּענהיימער און ענלעכע אַסאָציאירן מיט וואָסער וואַריאַנט פון רעליגיעזער (נאָרמאַטיווער) ייִדישקייט?... וויפל פון אונדזער אינטעליגענטער יוגנט זיינען פאַראינטערעסירט אויף אַן אמת אין ייִדישקייט אָדער ייִדישער קולטור?... צי דריקן אויס די גרויסע שול־געביידער גרויסקייט פון נשמה?... וויפל ייִדן לעבן מיט דער ייִדישער רעליגיע?... פרעגט וועלכן עס איז אָרטאָדאָקסישן אָדער קאָנסערוואַטיוון ראַביי, וויפל פון זייערע מיטגלידער עס היטן טאַקע אָפּ כשרות און שבת, אין וועלכע זיי פּרעטענדירן צו גלייבן"[63]).

אַ פונדאַמענטאַלע אומלאָגישקייט — ביי די חסידים פון אַ "רעליגיעזער ראַם"־ייִדישקייט — וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען מע טראַכט זיך אַריין אין דעם אינהאַלט, וואָס די רעליגיעזע ייִדישקייט וועט כולל זיין. זי וועט דאָך איינשליסן אונדזער גאַנצן גייסטיקן האָב־און־גוטס: די שפּראַכן — ייִדיש און העברעאיש, ליטעראַטור, די קולטור און אַנדערע נישט־רעליגיעזע זאַכן. "אויב אַזוי, אויב אונדזער רעליגיעזקייט איז אַנדערש פון דער פּראָטעסטאַנטישער און קאַטוילישער רעליגעזקייט — ווייל ייִדן זיינען קרובים צווישן זיך אַפילו, ווען זיי זיינען רעליגיעז ווייט איינע פון די אַנדערע, און אַפילו ווען זיי זיינען גאַרניט רעליגיעז, הייסט עס דאָך, אַז ייִדן זיינען סיי ווי סיי אַן אַנדער מין כלל, ווי עס איז דער פּראָטעסטאַנטישער אָדער קאַטוילישער כלל, הייבט וואָס ווילן מיר אויספירן מיט דעם גאַנצן דריידל? צי וואָס זאָלן מיר פריער זיך דערקלערן פאַר אַזאַ מין ריין רעליגיעזער גרופּע, ווי עס זיינען פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן — און דערנאָך אויסזאָגן דעם סוד פון חדר, אַז אונדזער רעליגיע איז אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט עטניש־היסטאָרישער אָפּשטאַמונג, מיט וועלטלעכער קולטור, מיט פּאָליטיק, אַז מען קען נישט וויסן וואו עס הייבט זיך אָן רעליגיע און וואו עס לאָזט זיך אויס עטניש־קולטורעלע און היסטאָרישע קרובישאַפט. פאַרוואָס זאָלן מיר לכתחילה נישט זאָגן, אַז מיר זיינען אַן אייגנאַרטיקער היסטאָרישער קיבוץ, און אַז אונדזער אייגנאַרטיקייט שליסט אין זיך איין אַנדערע זאַכן אויך, אַחוץ אמונה־זאַכן — ווי דער אמת איז? . . . אונדזער באַזונדערקייט איז דעריבער אַן אַנדערע, ווי די באַזונדערקייט פון אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס"[64]).

— אָבער — פרעגן די אָנהענגער פון אַ "רעליגיעזע ראַם"־ייִדישקייט — צי וועט אַמעריקע געבן איר סאַנקציע אויף עטניש־קולטורעלער אַנדערש־

קייט ? אַ סך ווענדט זיך אָן דעם, ווען מען מיר מיינען מיט אַמעריקע. אויב מיר מיינען די אַמעריקע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער „דעקלאַראַציאָן אַוו אינדעפּענדענס", אין די געדאַנקען און שריפטן פון דזשעפערסאָן, טעאָ־דאָר פּאַרקער, לואיס בראַנדייס, ביזן הויפּט־ריכטער פון העכסטן געריכט איורל וואָרען — האָט זי טאַקע פּראָקלאַמירט די אַמעריקאַנער אידעע — די אידעע פון גלייכהייט פון די אַנדערשדיקע בנוגע צו פרייהייט, לעבן און גליק. אין אַמעריקע האָט מען ניט פאַרגעסן, אַז פרייהייט שליסט אויך איין די פרייהייט צו זיין אַנדערש. „דער דעמאָקראַטישער גלויבן, — שטרייכט אונטער דער ייִדיש־אַמעריקאַנער פילאָסאָף האָראַס קאַלען, — אַפירמירט דאָס רעכט צו זיין אַנדערש; ער האָט די אַספּיראַציע צו פאַרזיכערן גלייכע פרייהייט און גלייכע גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן און אַסאָציאַציעס פון מענטשן ווי אַנדערשדיקע, וואָס עס זאָלן ניט זיין די סיבות, צוליב וועלכע מענטשן קומען זיך צונויף — צי דאָס איז רעליגיע, אַרבעט, שפּיל, ספּאָרט, קונסט, וויסנשאַפט, עטנישע אָפּשטאַמונג, אָדער פּאָליטישע צילן — די געזעלשאַפטן, וואָס ווערן צוליב דעם פאַרמירט, זיינען גלייך באַרעכטיקט, אָן מורא אָדער פּריווילעגיע, צו ווערן באַשיצט פון די געזעצן"[65].

אויפן היינטיקן טאָג — און קיינער ווייסט ניט, ווי די צוקונפט וועט אויסזען — זיינען אין אַמעריקע פאַראַן, און עס וועלן נאָך פאַרבלייבן, עטנישע, ראַסישע און אידעאישע מינאָריטעטן, אַחוץ ייִדן. אויפן היינטיקן טאָג זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל וועלטלעכע נאָן־קאָנפאָרמיסטן, פון צוויי־טן און דריטן דור ייִדן אין אַמעריקע, וואָס ווילן זיך אידענטיפיצירן מיט ייִדן און ייִדישקייט דורך ייִדיש־וועלטלעכע שולן און אַנדערע סעקולערע אינסטיטוציעס. אָט די הי־געבוירענע ייִדן האָבן געגרינדעט ייִדיש־וועלט־לעכע שולן פאַר זייערע קינדער. די דאָזיקע עלטערן ווילן דערציען זייערע קינדער צו זיין פריי פון דאָגמאַטישקייט און דאָך ממשיך זיין אַלץ, וואָס איז ווערטפול אין אונדזער גייסטיקער ירושה און וואָס האַרמאָנירט מיט ליבעראַל־הומאַניסטישע אָנשויאונגען פון מאָדערנע ייִדן. פאַר זיי און פאַר זייערע קינ־דער וועט ייִדישע וועלטלעכקייט — רעאינטערפּרעטירט אין הסכם מיטן צייט־גייסט — ווייטער דינען ווי אַ ייִדישער ראַציאָנאַל — אַזוי, ווי עס האָבן פאַרשטאַנען די גרונט־קאָנצעפּציע פון וועלטלעכקייט זשיטלאָווסקי, דובנאָוו, ש. ניגער.

ייִדישע וועלטלעכקייט אין די תפוצות האָט די צענטראַלע אויפגאַבע

— פאַר מאָדערנע ייִדן, וואָס זעען דעם עצם פון יהדות אין דער גאָט־אידעע, וואָס זיי קענען נישט אַפירמירן — צו באַטאָנען אַז היסטאָרישע ייִדישקייט איז אַזוי ברייט, אַזוי טיף, אַזוי אייגנאַרטיק און קאָמפּליצירט, אַז יעדער מין ייִד קען געפינען אין דער סימפּאָניע יענע מעלאָדיע וואָס פּאַסט זיין געמיט, און יענע מאָטיוון, וואָס געפינען דעם טיפסטן אָפּקלאַנג אין זיין פּערזענלעכקייט. און אויב וועלטלעכע ייִדן וואַרעמען זיך פון צייט צו צייט ביי יענע ייִדיש־היסטאָרישע פייערלעך, וואָס האָבן באַזינגט און באַשיינט דאָס לעבן פון זייערע אבות, אויב זיי ווילט זיך, און זיי האָבן די סענסיטיווקייט צו דערפילן דעם ציטער פון „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה", אויב עס וואַרעמט זיי מיטצוזינגען „לכה דודי", „יה רבון", און צו פייערן דעם ייִדישן שבת און יום־טוב — גיבן זיי דערמיט נישט אויף זייער וועלטלעכקייט, נאָר זיי מאַניפעסטירן דערמיט, אַז דער אויס־דרוק וועלטלעכער ייִד באַשטייט פון צוויי טיילן, וואו ביידע זיינען פון גלייכער וויכטיקייט, און זיי קאָנפירמירן דערמיט דעם טעזיס אַז ייִדישע וועלטלעכקייט האָט אַ ספּעציפיש־ייִדיש פּנים, וואָס באַדייט — לויט פּרצעס אויסדרוק — די וועלט מיט ייִדישע אויגן געזען.

פאַרן וועלטלעכן ייִד בלייבט דער תמצית פון רעליגיע בכלל, פּונקט ווי פון דער ייִדישער אמונה, אַ פּערזענלעכער גלויבן אין אַ העכערן כּוח, וואָס קען נאָרמירן דאָס לעבן — און מ'קען זיך נישט צווינגען צו גלייבן. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ס'איז אים פרעמד די דערהויבנקייט, די פּאָעזיע, די קאָסמישע אַנונגען, דער נשמה־ציטער, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אַריינגעוועבט אין דער היסטאָרישער יהדות. און ווען ער דערגייט אַמאָל צו התרוממות הנפש און זיין געמיט זוכט דאָס געטלעכע, וועט אים דער גאָט פון די נביאים, פון די מקובלים, פון די חסידים, נישט זיין פרעמד. אָבער די ייִדישע אמונה קען נישט זיין פאַר אים נאָרמאַטיוו, ווי זי איז דאָס פאַרן פרומען ייִד.

וועלטלעכקייט הייסט זען אַל דאָס גוטע און ווערטפולע אין די קולטורן פון די אומות העולם, אָבער דורך דער פּריזמע פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם ייִדישן קאָלעקטיוו און דעם ייִדישן יחיד. עס הייסט זיין צוגעבונדן צו ייִדישער טראַדיציע, אָבער — לויט ניגערס אויסדרוק — ניט געבונדן פון איר. וואָרעם אַזוי לאַנג, ווי די אַלע טראַדיציאָנעלע פירונגען זיינען ניט קיין מוז, צוליב אַ „מ'טאָר נישט

אַנדערש״, נאָר ס׳איז אַ פּריוויליקע טאַט — צוליב זיך, צוליב קינדער, צוליב נאַציאָנאַלע אָדער עסטעטישע טעמים — איז דאָס וועלטלעך[66].

אויב מיר דאַרפן אַמעריקאַניזירן דעם באַגריף וועלטלעכקייט, וואָלטן מיט אים געמעגט באַצייכענען ווי רעליגיעזע וועלטלעכקייט. דאָס קלינגט אויבנאויפיק ווי אַ תרתי דסתרי, אָבער נישט, ווען איר פאַרשטייט דעם אָדיעקטיוו רעליגיעז אין זינען, ווי דער אַמעריקאַנער פילאָסאָף דזשאַן דיואי האָט אים דעפינירט. ווי באַקאַנט, האָט דיואי אונטערגעשיידט צווישן דעם סובסטאַנטיוו רעליגיע און דעם אַדיעקטיוו רעליגיעז. אונטער רעליגיע האָט ער פאַרשטאַנען דאָגמעס, אינסטיטוציעס, ריטואַלן, געבאָטן אאַז״וו; אָבער רעליגיעז, האָט ער פאַרטייטשט, באַציכנט אַ באַציאונג, אַ געמיט־צושטאַנד, אַ דיספּאָזיציע צו יעדער ציל, אידעאַל, אָדער זאַך. דערפאַר האַלט ער, אַז יעדער טעטיקייט לטובת אַן אידעאַל, פאַר וועלכן מ׳איז גרייט צו ברענגען קרבנות אַפילו איינצושטעלן דאָס לעבן דערביי — וואָס שטאַמט פון אַן איבערצייגונג, אַז די זאַך האָט אַ דויערנדיקן ווערט, אַזאַ טעטיקייט איז לויט איר נאַטור רעליגיעז. לויט דער דעפיניציע, איז אַלץ, וואָס מיר טוען מיט איבערגעגעבנקייט פאַר קיום האומה; ווען מיר ברענגען קרבנות פאַרן אויפהאַלט פון ישראל אָדער דעם כלל־ישראל; ווען מיר שטרענגען זיך אָן צו געבן אונדזערע קינדער אַ יידישע דערציאונג אָדער ווען מיר באַרייכערן אונדזער פּערזענלעכקייט דורך מיטלעבן די פרייד פון אַ יידישן יום־טוב, — אָט די אַלע טעטיקייטן זיינען רעליגיעז. יידישע וועלטלעכקייט איז דעריבער, אָנווענדנדיק דיואיס דעפיניציע, רעליגיעזע וועלטלעכקייט, וואָרעם אונדזער יידישקייט, כאָטש זי האָט ניט פאָרמולירט קיין נאַציאָנאַלן שולחן־ערוך, איז מחייב איבערגעגעבנקייט צו יידישע ווערטן און אידעאַלן — צו די ווערטן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין יידיש און העברעאיש, אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן, — אין דער אייגנאַרטיקער יידישער געשיכטע, צום אידעאַל פון באחרית הימים, צו אַלע ווערטפולע און דערהייבנדיקע עמאַנאַציעס פון יידישן גייסט.

אונדזער יידישע וועלטלעכקייט איז אַ פּרוואוו, — פאַר יענע, וואָס ווילן זיך אידענטיפיצירן מיטן כלל־ישראל דורך מאָדערנע מיטלען, — צו האַרמאָניזירן די הערשנדיקע אידעען אין דער היינטיקער קולטור מיט אונדזער היסטאָרישער גייסטיקער ירושה. זי פליסט אַריין אין זעלביקן יידיש־וועלטלעכן שטראָם, וואָס עס האָבן דורכגעבראָכן פּילאָן און דער

רמבם, מענדעלסאָן און קראָכמאַל, משה העס און אחד־העם, פּרץ און זשיטלאָווסקי, דובנאָוו און ניגער — אַט די אַלע און אַ סך אַנדערע ייִדישע חכמים האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פֿאַר אַ ייִדישער וועלטלעכקייט, וואָס — אויב מיר ווילן אין יעדער תקופה צושטעלן נייע עטאַזשן צו דעם בנין — קען זי געבן אַ זעלישע מנוחה פֿאַר די היינטיקע דורות אין די תפוצות[37].

די עוואָלוציע פֿון וועלטלעכער ייִדישקייט קען אויסגעדריקט ווערן אַזוי: די שטרעבונג פֿון ערשטן דור משׂכּילים צו סינטעזירן וועלטלעכקייט מיט רעליגיעזער ייִדישקייט איז אין אַמעריקע דערגאַנגען צו דער פֿאָר־מולע פֿון אַ טראַדיציאָנעל אָריענטירטער אָדער רעליגיעזער וועלטלעכקייט, כאָטש ביידע טיילן פֿון דער פֿאָרמולע האָבן פֿאַר אונדז גאָר אַן אַנדער באַדייט ווי פֿאַר די פּיאָנערן פֿון דער אויפֿקלערונג. וואָרעם — ווי מיר האָבן אין פֿאַרלויף פֿון דער שטודיע באַוויזן — איז די וועלטלעכקייט־קאָנ־צעפּציע אויפֿגעקומען אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אַנדער פּלאַץ, און אויב ביידע זיינען ראַדיקאַל אַנדערש, האָט זיך אויך געמוזט ענדערן דער אידעען־קאָמפּלעקס, וואָס גייט אונטערן נאָמען וועלטלעכקייט.

## 5 די ייִדיש־וועלטלעכע שול אין אַמעריקע

די טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דער וועלטלעכקייט־אידעע שפּיגלט זיך בולט אָפּ אין די גלגולים פֿון דער ייִדישער שול, און ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק באַווירקט. וואָרעם קיין אינסטיטוציע האָט ניט אַזוי קאָנקרעטיזירט דעם באַגריף „ייִדיש־וועלטלעך" ווי די מאָדערנע ייִדישע שול — די פֿונדאַ־מענטאַלסטע אינסטיטוציע, וואָס וועלטלעכע ייִדן האָבן געשאַפֿן אין אַמע־ריקע. אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שול זיינען געקומען צום אויסדרוק אַלע שאַטירונגען פֿון וועלטלעכקייט. אין דעם קוריקולום פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע זיינען פֿעררזאָניפֿיצירט געוואָרן די פֿאַר־שיידענע אינהאַלטן, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין דער קאָנצעפּציע, און יעדער פּראָגראַמאַטישע ענדערונג אין דער שול האָט דעמאָנסטרירט אַז „ייִדיש־וועלטלעך" איז אַזוי עלאַסטיש, ווי עס איז דאָס לעבן פֿון מאָ־דערנע ייִדן און פֿון זייערע קינדער.

ווי די וויכטיקסטע לאַבאָראַטאָריע פון וועלטלעכער יידישקייט האָט די יידיש־וועלטלעכע שול — סיי פון פאַרבאַנד, סיי פון שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, סיי פון אַרבעטער־רינג — משפיע געווען אויף די איינשטעלונגען פון די עלטערן — וועלטלעכע יידן — לגבי זייער יידישקייט, לגבי זייער נאַציאָנאַלן און וועלט־באַוואוסטזיין. די אַרבעט פון דער שול, אירע אויפטוען און נישט־דערגרייכטע חלומות, האָבן באַווירקט די אידעען פון נאַציאָנאַלע יידן, אין דער ריכטונג פון מער טראַדיציע, מער פייערלעכע יידישע געלעגנהייטן און מער אויסגעפּרואוווטע דורותדיקע יידישע ווערטן. „וואָס שווערער עס איז געווען צו דערגרייכן רעזולטאַטן אין יידיש ממש, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער דראַנג פון ווערטער צו ווערטן"[68].

די מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע שול אין אַמעריקע — פון די אַלע דריי פריער דערמאָנטע שאַטירונגען — איז אויפגעקומען אין צווייטן צענד־ליגג פון איצטיקן יאָרהונדערט: די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן זיינען אויפ־געקומען אין 1910; די שולן פון שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט אין 1913 און די שולן פון אַרבעטער־רינג אין 1918. און הגם די דריי וואַריאַנטן פון יידיש־וועלטלעכע שולן האָבן אַנדערש אַקצענטירט און אַנדערש אויס־געטייטשט „יידיש־וועלטלעך", זיינען דאָך די אַלע שול־טיפּן געווען באַזירט אויף פיר גרונט־יסודות: וועלטלעכקייט, יידיש, סאָציאַלער באַוואוסטזיין און אומעטומיקייט. וועלטלעכקייט איז דעמאָלט פאַרשטאַנען געוואָרן אין כּכל־הגויימדיקן נוסח פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. די יידישע רעליגיע האָט מען דעמאָלט באַטראַכט פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: מען האָט דעם קינד דערציילט, אינפאָרמירט וועגן יידישע גלויבונגען און מנהגים, אָבער נישט געפּרואווט אַרויסרופן ביי אים אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אירע ווערטן. די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור האָבן פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין קוריקולום, און יידיש איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, וואָס זי איז, אָדער דאַרף זיין, די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק; די שול האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן ביי די קינדער אַ פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל צום קאַמף פון די אונטערגעדריקטע פאַר פרייהייט און שפע; און ווייל מיר האָבן במשך פון 1,800 יאָר גלות אויס־געפורעמט עכטע, פולבלוטיקע יידן בכל תפוצות ישראל, דערפאַר האָט דער גרעסטער רוב פון די גרינדערס פון יידיש־וועלטלעכע שולן געגלייבט, אַז די זון פון יידישקייט קען אויך שיינען אין אַמעריקע.

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן — ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן — האָט זיך באַמערקט, אַז עס הייבט זיך אָן אויסקריסטאַליזירן ביי די אַריי־בערגעקומענע יידן פון מזרח־אייראָפּע אַ נוסח אַמעריקע; אַז די יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער ערד און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, וועט זיך ענדערן דער אינהאַלט פון דער יידיש־וועלט־לעכער שול. צוליב דעם וואָס די עלטערנשאַפט פון די הי־געבוירענע איז געוואָקסן אויפן חשבון פון די אימיגראַנטן; צוליב דעם וואָס אין די היימען האָט ענגליש אַלץ מער פאַרנומען דאָס אָרט פון יידיש; צוליב דעם וואָס מיר האָבן דערפילט אַז די סכנה אויף אונדזערע ברידער אין אייראָפּע רוקט זיך אַלץ נעענטער — צוליב דעם אַלעמען האָבן אַ סך שולטוערס און לערערס געפילט, אַז אויף יידיש, ליטעראַטור און געשיכטע אַליין, קען מען נישט פאַרזיכערן אונדזער קיום אין אַמעריקע. מען האָט איינגעזען, אַז די יידיש־וועלטלעכע שול מוז זיך פאַרקירעווען אין דער ריכטונג צו מער יידישקייט, צו אייביקע יידישע אינהאַלטן און פייערלעכקייטן, וואָס וועלן אַזוי טיף פאַרוואָרצלען דאָס קינד אין אַלט־יידישן באָדן, אַז קיין צייט־מאָדעס און שטורעמס וועלן אים ניט קענען אַרויסרייסן.

דער איבערבראָך אין שטימונגען האָט געווירקט אויף אַלע טיפּן יידישע שולן און ס'ווערט פאַרטיפט דער נאַציאָנאַלער און טראַדיציאָנעלער תוכן פון דער יידישער שול: מ'פירט איין דעם לימוד חומש, עס ווערט אין די שלום־עליכם־און אַרבעטער־רינג־שולן פאָרמעל איינגעפירט דער לימוד העברעאיש, און דאָס פייערן יידישע יום־טובים ווערט אומעטום איינגעשטעלט אויף אַ מער טראַדיציאָנעלן אופן. אין די שלום־עליכם־און פאַרבאַנד־שולן ווערט גלייכצייטיק יעדן פרייטיק אָונט דורכגעפירט אַן עונג־שבת פאַר די דערוואַקסענע און קינדער. די לערנביכער פון די אַר־בעטער־רינג־שולן זיינען געוואָרן אָנגעפילט מיט יידישן אינהאַלט, און אין 1939 נעמט אָן דער 11טער צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־רינג אַ דעקלאַראַציע, וואו ס'ווערט פייערלעך געזאָגט: „מיר דאַרפן לערנען אונדזערע קינדער צו געדענקען די ווערטער פון דעם גרויסן יידישן נאַציאָנאַלן דיכטער יהודה הלוי, וואָס האָט פאַרגליכן דאָס יידישע פאָלק צום האַרץ פון דער וועלט". אין דער דאָזיקער פינצטערניש פון דער וועלט שיינט אַרויס העלער אַלץ־דינג אין דער יידישער ירושה, וואָס איז דורותדיק פאַרוואָרצלט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די פייערפּראָבע פון אַלע קריזיסן אין דער יידישער געשיכ־

טע. עס ווערן ווידער געבוירן די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווערטן פון דער יידישער רעליגיע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט נאָך געפּריידיקט אין 1909. איצט ווערן זיי טאַקע פאַרקערפּערט אין די שול־פּייערונגען פאַר קינדער און דערוואַקסענע. וועלטלעכקייט — ווערט איצט פאַרשטאַנען אין די שול־פּראָגראַמען — איז דער טייטש: נישט נעגירן אַל דאָס טראַדיציאָנעלע, נאָר אָפּקלייבן פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער קולטור אַלץ, וואָס קען האַרמאָנירן מיט די השגות פון אַ מאָדערנעם ייִדן; נישט אַנטי־רעליגיע, נאָר אַנטי־דאָגמאַטיש — איז דער טייטש פון וועלטלעכקייט.

און נישט בלויז די טראַגישע און העראָאישע געשעענישן פון 20סטן יאָרהונדערט האָבן באַווירקט דעם גאַנג פון אונדזערע שולן, אויך אונדזער היים — אַמעריקע: אַ לאַנד, וואָס גלייבט אין „פאַרשיידנקייט אין איינ־קייט״; אַ לאַנד, וואו דער ייִדישער קיבוץ איז געבויט אויף פרייוויליקער דיסציפּלין; אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, וואו די רעכט פון אַלע מינאָריטעטן מוזן אָפּגעהיט ווערן — אַמעריקע לייגט אַרויף איר חותם אויף דער ייִדי־שער שול. אין אַ דעמאָקראַטישער לעבנס־פילאָסאָפיע איז פאַראַן פּלאַץ אויך פאַר אינעווייניקסטע ייִדישע מינאָריטעטן — פאַר פאַרשיידענע מינים רעליגיעזע ייִדן, פּונקט ווי פאַר פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון וועלטלעכער ייִדישקייט. אַ סך זעען איין, אַז אין הסכם מיט דער אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטישער טראַדיציע און פּונקט ווי אין דער נישט־ייִדישער אַמעריקע, אַזוי דאַרף דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע זיין פּלוראַליסטיש, וואָרעם יעדער מין ייִדישקייט — וואָס גלייבט אין קיום האומה — וועט באַרייכערן די ייִדישע געמיינדע אין דעם גרעסטן ייִדישן קיבוץ אין די תפוצות. דערצו וועט די ייִדיש־וועלטלעכע שול — אָפּהיטנדיק די קולטור־ירושה פון מזרח־אייראָפּע — העלפן אויספורעמען אַ טיפּ ייִד אין אַמעריקע, וואָס וועט זיין צום נאָענטסטן צום מזרח־אייראָפּעאישן ייִד — וואָס איז במשך פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר געווען דער שעפערישסטער ייִד אין ייִדי־שן וועלט־פאָלק.

אונדזער מאָדערנע ייִדישע שול האָט אין משך פון איר עקסיסטענץ עוואָלוציאָנירט; זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו צייט און אָרט, פּונקט ווי די ייִדישע וועלטלעכקייט און די ייִדישע רעליגיע. וואָרעם אויך די יהדות האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ סך השפּעות, און האָט אין משך פון דריי טויזנט יאָר געביטן פאָרמען, אינסטיטוציעס, אידעען. די נייע לעבנס־תנאים און

צייט־אידעען האָבן באַווירקט און וועלן ווייטער באַווירקן די יידיש־וועלט־לעכע שול. לעבנדיק אין דער פּראַגמאַטיש־פּלוראַליסטישער אַמעריקע, אַנערקענען מיר דאָס רעכט פון יעדן יחיד צו זיין גליקלעך אין זיין יידיש־קייט, און צו קומען אויף זיין אופן צו די פֿאָלקס־קוואַלן. וואָרעם אַ סך וועגן פירן צום פֿאָלק ישראל, און יעדער דור, האָט אַ רעכט צו זוכן זיין דרך. דעריבער — אַלע יידישע ריכטונגען, וואָס ראַנגלען זיך פאַרן קיום פון אונדזער פֿאָלקס־גרופּע, פאַרן אויפהאַלט און פאַר דער באַרייכערונג פון אונדזער קאָלעקטיווער ירושה, פאַר דער אינטעגרירונג און פאַראַנ־קערונג פון דער יידישער פּערזענלעכקייט — זיי אַלע האָבן אַ זכות־הקיום.

1) עס זיינען זיכער געווען מער ווי פיר תנאים, וואָס דער תלמוד דערציילט, אַז זיי זיינען אַריין אין „פּרדס״ — סימבאָלישער נאָמען פאַר דער פאָרשונג פון מעטאַ־פיזיק. זע: L. Finkelstein: Pharisees, Vol. I. זייט 93־4; דאָרטן ווערט אָנגעוויזן אַז תורה האָט פאַרן אַלטערטימלעכן יידן איינגעשלאָסן אַלץ וואָס דער גריך האָט באַ־טראַכט פאַר חכמה (סאָפיע): עטיק, פיזיק, מעדיצין, אד״גל.

2) לאַצקי־בערטאָלדי: ערדגייסט, ריגע, 1932, זייטן 38־39.

3) האַנס קאָהן (Hans Kohn): יוניווערסאַל דזשואיש ענסייקלאָפּידיאַ, ניו־יאָרק, 1942, באַנד 6, זייטן 126־128.

4) לעאָ קעניג: פֿאָלק און ליטעראַטור, לאָנדאָן, 1947, זייטן 39־40.

5) בן־אדיר: אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע יודן „ג״, ניו־יאָרק, 1942, זייטן 450־502.

6) ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג; אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט, 1940, זייט 3.

7) דאָרטן, זייט 4.

8) בעל־דמיון (נחום שטיף): הומאַניזם אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, כלל־פאַרלאַג, בערלין, 1922, זייטן 27־28.

9) דאָרטן, זייטן 61־62.

10) ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג; אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט, 1940, זייט 6.

11) א. טשעריקאָווער: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן; ייוואָ, ניו־יאָרק, 1945, 2טער באַנד, זייטן 172־174.

12) א. מענעס: געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, 2טער באַנד, זייט 250.

13) דאָרטן, זייט 501.

14) ל. שפּיזמאַן: געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע, 1טער באַנד, ניו־יאָרק, 1955, זייטן 81־84.

15) ש. ניגער: דאָרטן, זייטן 8־13.

16) מיר מוזן דאָ אויסלאָזן אַזעלכע פּראָמינענטע באַגרינדערס פון וועלטלעכקייט ווי אחד־העם, ד״ר יעקב קלאַצקין און אַנדערע, ווייל אונדזער שטודיע באַגרענעצט זיך אויפן ייִדיש־סעקטאָר אין אַמעריקאַנער קיבוץ, וואו ס׳האָט זיך וויניק אָנגעזען די השפעה פון די דערמאָנטע.

17) חיים זשיטלאָווסקי: געזאַמלטע שריפטן, פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1929, 4טער באַנד, זייט 181.

18) דאָרטן, זייט 183.

19) דאָרטן, ייִד און וועלט, איקוף, ניו־יאָרק, 1945, זייט 60.

20) זאַמלבוך „אויפן שיידוועג״, פּאַריז, אויגוסט, 1939.

21) ח. זשיטלאָווסקי: ייִד און וועלט, זייט 290 און ווייטער. אָט דער בליק אויף דער ייִדישער אמונה, ווי אַ ציל פאַר זיך, וואָס טאָר נישט סובאָרדינירט ווערן צו אַן אַנדער צוועק, אַפילו נישט צו קיום־האומה, איז נאָך ווייט נישט אָפּגעפרעגט. זע, למשל, יעקב ב. אייגוס (J. B. Agus): אין „גיידפּאָוסטס אין מאָדערן דזשודאַאיזם״, זייט 332 און ווייטער. זע אויך מנחם באָריישאָס עסיי וועגן א. גאָלאָמבס בוך „אונדזער גאַנג אין דער אייביקייט״, וואו ער שרייבט: „דער ייִדישער לעבנספּיר איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון אַ בלאָנדזשענדיקער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר אַ קאָנקרעטיזאַציע פונעם גאַנג צו שלימות, וואָס זיין אייביק־מאָנענדיק ליכט איז געווען די גאָט־אידעע״ („דער טאָג״, פון 2טן מאַי, 1948). זע אויך: בען האַלפּערן, וועלכער שרייבט (אין „מיד־סטריעם״, פרילינג, 1956) „אין וואָס באַשטייט אונדזער מחלוקה מיט די אַמעריקאַנער רעליגיעזע אידעאָלאָגן? ס׳איז גענוג פּאַראַדאָקסאַל . . . וואָס דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי שלאָגן פאָר גאָט, פאַר אַ צו ביליקן פּרייז. מיר ווילן אים נישט ווי אַ לייזונג צו אַ ייִדישער פּראָבלעם אין אַמעריקע . . . אויסצונוצן גאָט פאַר אַזאַ צוועק קומט אונדז אויס נישט רעספּעקטפול צו אים און אויך נישט צו אונדזער פּראָבלעם״.

22) ח. זשיטלאָווסקי: געזאַמלטע שריפטן, 4טער באַנד, זייט 245.

23) דאָרטן, זייט 246.

24) דאָרטן, זייט 250.

25) דאָרטן, זייטן 268־269.

26) ח. זשיטלאָווסקי: ייִד און וועלט, זייטן 290־299.

27) שמעון דובנוב: מכתבים על היהדות הישנה והחדשה; תל־אביב, 1937, הוצאת דביר, זייטן 12־13.

28) דאָרטן, זייט 7.

29) ש. דובנאָוו: דזשואיש היסטאָרי, אַן עסיי אין „דהי פילאָסאָפי אָוו היסטאָרי״, דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי, פילאַדעלפיע, 1903, זייטן 30־31.

30) ש. דובנאָוו: אַלגעמיינע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, קולטור־ליגע, וואַרשע, 1930, זייטן XVII־XVIII.

31) שמעון דובנאָוו: מכתבים, זייט 48.

32) דאָרטן, זייטן 50־51.

33) שמעון דובנאָוו: אַלגעמיינע געשיכטע; 1טער באַנד, זייט XVI.

34) דאָרטן, 6טער באַנד, ווילנע, 1940, זייטן 213־214. זע אויך הערה צו זייט 19 אין מכתבים.

35) שמעון דובנאָוו: מכתבים, זייטן 18־19.

36) שמעון דובנאָוו: נייעסטע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, באַנד 3, וואַרשע, 1928, זייט 338.

37) ציטירט פון קאַפּל פּינסאָן, אין „דזשואיש סאָשעל סטאַדיעס", אָקטאָבער, 1948, זייטן 347־348. זע אויך אין „ספר שמעון דובנוב", רעד' פון ש. ראַבידוביץ, לאָנדאָן־ירושלים, זייטן 20־21, הוצאת „אררט", 1954.

38) זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך, וואַרשע, פאַרלאַג בזשאָזע, 1929, זייט 194.

39) נתן רוטנשטרייך: אין „ספר שמעון דובנוב", זייט 137 און ווייטער.

40) ש. דובנאָוו: וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק; 1טער באַנד, זייט XX.

41) שמעון דובנאָוו: מכתבים, זייטן 18־19.

42) א. טשעריקאָווער, אין „אויפן שיידוועג", 1טער זאַמלבוך, פּאַריז, 1938.

43) לייבוש לעהרער: ייִדישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1940, זייט 29.

44) דאָרטן, זייט 57.

45) דאָרטן, זייט 51.

46) דאָרטן, זייט 91.

47) יודל מאַרק: שול־פּנקס, שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, שיקאַגאָ, 1946, זייטן 45־46.

48) סאָלאָמאָן שעכטער (Solomon Schechter): סטאַדיעס אין דזשודאאיזם, ניו־יאָרק, מאַקמילאַן קאָמפּאַני, 1טער באַנד, זייט 151. זע אויך: אברהם העשעל, עי פילאָסאָפי אָוו דזשודאאיזם, דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי, 1956, זייט 322־325.

49) י. עפרויקין: אַ חשבון־הנפש; פּאַריז, 1938, זייטן 161־162. זע אויך C. J. Ducasse: A Philosophical Scrutiny of Religion. N. Y. Ronald Press, 1953. זייטן 130־132; פּראָפ' דאקאַס קומט צו דער מסקנה, אַז דער גלויבנס־אַספּעקט איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין רעליגיע — נישט דער ריטואַל און נישט די געפילן.

50) סאָלאָמאָן שעכטער: דאָרטן, 3טער באַנד, זייט 18.

51) סאַלאָ וו. באַראָן (Salo W. Baron): מאָדערן נעשיאָנאַליזם ענד רעלידזשאָן, ניו־יאָרק, האַרפּער בראַדערס, 1947, זייטן 18־19.

52) יודל מאַרק: דאָרטן, זייט 41.

53) ה. ס. קאָמאַדזשער (H. S. Commager): דהי אַמעריקען מיינד, יעיל יוני־ווערסיטי פּרעס, 1954, זייטן 167־168.

54) ד"ר ש. מאַרגאָשעס: אין „טאָג", דעם 7טן אַפּריל, 1951.

55) ב. שערמאַן: „דער ייִדישער קעמפּער", 13טן יולי, 1951.

56) דאָרטן.

57) ד"ר ש. מאַרגאָשעס: „דער טאָג", 5טן מאַי, 1951.

58) מ. מ. קאַפּלאַן (M. M. Kaplan): דזשודאַאיזם עז ע סיוויליזיישאָן, מאַק־מילאַן קאָמפּאַני, ניו־יאָרק, 1934, זייטן 318־320.

59) ש. ניגער: „דער טאָג", 5טן נאָוועמבער, 1955.

60) מ. מ. קאַפּלאַן: ע ניו זייאָניזם; הערצל־פאַונדיישאָן, ניו יאָרק, 1955 זייט 107.

61) ש. ניגער: „דער טאָג", 26טן נאָוועמבער, 1955.

62) אין ענגליש איז דאָ פאַראַן אַ וואָרט־שפּיל, וואָס דערמאָנט אין עדיפּוס־קאָמפּלעקס.

63) מ. מ. קאַפּלאַן: דאָרטן, זייטן 39־40.

65) האָראַס מ. קאַלען (Horace M. Kallen): דעמאָקראַסיעס טרו רעלידזשאָן, ביקאָן פּרעסס, באָסטאָן, 1951, זייט 9 און: סעקיולאַריזם איז דהי וויל אָוו גאַד; ניו־יאָרק, טוויין פּאָבלישערס, 1954, זייטן 29־32.

66)) דזשאָהן דיואי (John Dewey): ע קאָמאָן פעיטה, יעיל יוניווערסיטי פּרעסס, זייטן 9־10 און זייט 27.

67) זע דעם אַרטיקל „סעקיולאַריזם" אין דער „ענסייקלאָפּידיא אָוו דהי סאָשעל סייענסעס", באַנד 14, 1912. צוליב דער קעגנזעצלעכער באַציאונג מצד דער קירך צו אירע מיטגלידער אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, איז דערפאַר דאָרטן דער סעקולאַריזם געווען אַנדערש אין פאָרעם, ווי אין די קאַטוילישע לענדער; הייסט עס, אַז אויך ביי די אומות־העולם איז סעקולאַריזם פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע פעלקער.

68) יודל מאַרק: אין „געדאַנק און לעבן", יאַנואַר־דעצעמבער, 1948, זייט 26.

(1959)

# אַ שפּיגל פון דער יונגער ייִדישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע

.1

אונדזער דור וואָס האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן אַזוי פיל גרינטלעכע ענדערונגען — צוויי וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס, גייסטיקע קריזיסן און ערד־ציטערנישן — קען פונדעסטוועגן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז דער צווייטער און דריטער דור ייִדן אין אַמעריקע וועט אויסזען גאָר אַנדערש פון ערשטן דור אימיגראַנטן. מיר וויסן אַז די וועלט ענדערט זיך כסדר, און אַז מיר זיינען שטאַרק אַנדערש פון אונדזערע טאַטעס, — דאָך וואָלטן מיר וועלן אַז אונדזערע קינדער זאָלן טראַכטן און גלייבן ווי מיר. אפשר דערפאַר זיינען מיר אַזוי סענסיטיוו צו די אַלע סימפּאָזיומס און „דיאַלאָגן" אין וועלכע ס'באַטייליקן זיך פאַרשטייער פון די ייִנגערע דורות, און מיר ציטערן איבער יעדן אָפּנייג מצד די יונגע אינטעלעקטואַלן פון אונדזער דרך.

גאָר פאַרצווייפלט ווערן מיר ווען אונדז ווייזט זיך אויס אַז די „גאָלדענע קייט" ווערט חלילה אין גאַנצן צעשאָטן; ווען די יונגע אינטעלעקטואַלן איגנאָרירן און ווילן נישט וויסן פון אונדזערע זאָרגן און פּראָבלעמען: ייִדישער המשך גייט זיי נישט אָן, ווייל ס'איז נישט זייער זאַך.

קיינער קען נישט לייקענען אַז די יונגע ייִדישע דורות און ספּעציעל די יונגע אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעליגענץ מוז זיין דער אָביעקט פון אונדזערע טראַכטונגען און טעטיקייטן; וואָרעם אַ מיעוט פאָלק ווי אונדזערס וואָס דאַרף כסדר קעמפן קעגן די פאַרשלינגנדיקע כוואַליעס פון דער דאָמינירנדיקער קולטור קען נישט עקסיסטירן אָן אַ שעפערישער אינטעליגענץ. מיר וועלן נישט קענען אָנהאַלטן און געווינען די לאָיאַליטעט פון די קומענדיקע דורות בלויז מיט זכות אָבות — מיט אונדזערע גרויסע אויפטוען אין עבר. אונדזער זכות הקיום מוז זיך באַזירן אויך אויף הייַנטצייטיקער ייִדישער שעפערישקייט, און אויף קעגנוואַרטיקע ייִדישע ביישטייערן צו אַלע צווייגן פון דער קולטור. דאָס זיינען, דוכט מיר, טרואיזמען וואָס ס'איז נישט נייטיק צו באַווייזן.

דערפאַר איז וויכטיק צו וויסן וואָס ס'קומט פאָר אין יעדער גרופּע פון אונדזער היגער עליטע, און ווי קליין זי זאָל נישט זיין אין כמות קען

זי זיין באַדייטונגספול אין איכות. אין דער אמתן זיינען דאָך די אידייען — לאַבאָראַטאָריעס פון אַלע אונדזערע שטרעמונגען און באַוועגונגען — און די אינטעליגענץ אַרבעט אין די אינטעלעקטועלע לאַבאָראַטאָריעס פון יעדן פאָלק — דער קנין פון אַ באַגרענעצטער צאָל מענטשן. אָבער דאָ געפינט זיך דער קאָפּ, דאָס האַרץ און דער געוויסן פון פאָלק — דער מקור פון זיין שעפערישקייט. די גרופּע אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעלעקטואַלן וואָס גיט אַרויס די שריפט „מאָזאַאיק" שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַוואַנגאַרד פון דער ייִדישער עליטע אין אַמעריקע, און ס'איז דעריבער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער פּעריאָדישער שריפט וואָס דערשיינט, אין ענגליש, זינט 1960.

צוערשט אַ ביסל פאַקטן וועגן „מאָזאַאיק". די שריפט ווערט אַרויס־געגעבן דריי מאָל אַ יאָר דורך די „הילל־געזעלשאַפטן" פון דער „בני־ברית הילל פונדאַציע" אין די האַרוואַרד־ראַדקליף אוניווערסיטעטן, און זי דער־שיינט טאַקע אין קעמברידזש, מאַסס. די רעדאַקציע באַשטייט פון סטודענטן שוין אין די לעצטע יאָרן אין אוניווערסיטעט און צווישן די „עצה־געבערס" געפינען זיך, צווישן אַנדערע, די פּראָפעסאָרן בען האַלפּערן, אָסקאַר הענדלין און הערי וואָלפסאָן. יעדער נומער האָלט צווישן 70־80 זייטן, און אין דער מיטאַרבעטערשאַפט באַטייליקן זיך סטודענטן און פּראָפעסאָרן פון אַ גאַנצער ריי פון די אָנגעזעענסטע אוניווערסיטעטן פון לאַנד: אַחוץ פון האַרוואַרד און ראַדקליף אויך פון בראַנדייס, שיקאַגאָ אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק סטעיט אוניווערסיטעט, קאָלומביע אוניווערסיטעט, מ. איי. טי., סטענפאָרד, יאָהאַ־נעסבורג (אַפריקע) און אָקספאָרד (ענגלאַנד).

פון די זיבן נומערן וואָס איך האָב איבערגעלייענט קען מען זען אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שעפערישער גרופּע אַמעריקאַנער סטודענטנשאַפט און מ'קען פאָרויסזען אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די מיטאַרבעטער אין זשורנאַל וועלן שפּעטער ווערן שרייבער, דיכטער און געלערנטע. אַחוץ די, מערסטנטייל, גוט געשריבענע אַרבעטן וועגן חסידיזם, וועגן מאַרטין בובער און ראָזנצווייג, וועגן עקסיסטענציאַליזם, וועגן מצב פון יונגן ייִדישן אינ־טעלעקטואַל אין אַמעריקע, וועגן ח. נ. ביאַליק, וועגן די ייִדן אין צפון־אַפרי־קע, די יסודות פון ייִדישקייט, ייִדישע שרייבער אין אַמעריקע, מדינת ישראלס הילף צו אַפריקע, אַ סעקולערע אינטערפּרעטאַציע פון ייִדישקייט אין 19טן יאָרהונדערט, וועגן רוסישן ייִדנטום — זיינען דאָ אויך פאַראַן

אַרטיקלען אויף אַלגעמיינע טעמעס, ווי אויך קורצע דערציילונגען, פּאָעזיע, איינאַקטערס, און רעצענזיעס איבער ערנסטע ביכער. פאַראַן דאָ אויך איבערזעצונגען פון עגנונען, פון באַשעוויסן, פון ביאַליקן און פון איציק מאַנגערן, און מיר דוכט זיך אַז סיי די שאַפונגען וואָס זיינען געדרוקט אין ענגלישן אָריגינאַל, סיי די איבערזעצונגען שטייען, מיט ווייניק אויסנאַמען, אויף אַ הויכן ניוואָ.

.2

איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע צענטראַלע אַרבעטן. זיי ווערן אונדז העלפן שפּעטער אָנצייכענען אַ בילד פון בעסערן, אינטעלעקטועלן ייִדישן סטודענט אין אַמעריקע. דזשודיט קעגאַן — אַ סטודענטין אין ראַדקליף קאַלעדזש קריטיקירט אין איר עסיי איבער חסידיזם און נעאָ־חסידיזם דעם אַמעריקאַנער ייִדישן סטודענט וואָס כאַפּט זיך אָן אין ברעקלעך פון חסידיזם כדי צו געפינען זיין ייִדישע אידענטיטעט, בשעת ער איז אין אמתן ווייט נישט גרייט אָנצונעמען די פילאָסאָפיע פון חסידות. דערמיט מיינט ער אַז ער האָט האַרמאָנירט זיין אַגנאָסטישן איינשטעל, זיין ייִדישן נאָמען און זיין מיטלקלאַס־סופער־עגאָ (געוויסן). זי האַלט אַז אַזאַ פלאַכע אידענטיפיקאַציע מיטן חסידיזם איז אַן אומלאָגישער און אומזיכערער קאָמפּראָמיס: מע דאַרף אָדער זיין אַ ייִד אָדער זיך אָפּזאָגן פון דער פּרעטענזיע, און נישט פּרובירן פאַרלאַטען דאָס צעריסענע געוויסן מיט שיריים פון חסידיזם.

אָבער טשאַרלס ווערנאָף, אַ סטודענט פון שיקאַגער אוניווערסיטעט, אין אַן עלאָקווענטן געזאַנג צו חסידות, פאַרטיידיקט דעם היגן ייִדישן סטודענט און זאָגט אַז די חסידישע רביים זיינען געווען טאָלעראַנטער צום זינדיקן ווי דזשודיט קעגאַן, וואָרעם חסידות איז דער הומאַניסטישסטער געדאַנקען־גאַנג פון אַלע מיסטישע שיטות אין זיין אָריענטאַציע אויף דעם מענטשן מיט זיינע שוואַכקייטן. ער ציטירט ר׳ נחמן בראַצלאַווערס דרוש אויף קאַפּיטל קל״ט אין תהילים: אָנה אלך מרוחך, ואנה מפניך אברח (וואוהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייסט? און וואוהין זאָל איך פון דיין פּנים אַנטלויפן?). אַז פּונקט ווי אַ מענטש קען נישט דערגרייכן די העכסטע מדרגה אַזוי קען ער נישט אַרונטערפאַלן צום אָפּגרונט. גאָטס חסד, מיינט ווערנאָף, שפּרייט זיך אויך אויס אויף דעם וואַקלענדיקן אַמעריקאַנער ייִדישן

אינטעלעקטואַל וואָס וויל „נאַשן די זיסקייט פון אידענטיפיקאַציע, נישט עסנדיק דעם לעקעך פון התחייבותן״. עווענטועל, ווען דער היגער ייִדישער סטודענט וועט באַשליסן ווי ער האַלט מיט זיין ייִדישקייט, וועט אַ סטימול פאַר זיין גייסטיקן ווידערגעבורט אַרויספּליסן פון דער נעאָ־חסידישער שטרע־מונג. אוודאי וואָלט איך וועלן גלייבן אַז ווערנאַך וועט טרעפן מיט זיינע נביאות, על כל פנים בנוגע אַ צאָל סענסיטיווע ייִדישע יונגע אינטעליגענטן. אין שייכות צו וויל הערבערגס רעליגיעזן עקסיסטענציאַליזם שרייבט אַן אַנדערע סטודענטין — עלען קריימער — אַז רעליגיע איז איצט נישט קיין געננוגנדיקער כוח צו באַפרידיקן אַ מאָדערנעם מענטשן. דעריבער, האַלט זי, האָט הערבערג אַזאַ שוואַכן צוציאונגס־כוח פאַרן פּאָזיטיוון ייִדן. דערצו וואָלט מען געדאַרפט צוגעבן אַז הערבערגס טעאָלאָגישע פּילפּולים האָבן אָפּט אַ גלחישן אונטערשלאַק, און פאַרמאָגן מער גייסטיקע קרובהשאַפט מיט דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע פון אַ טיליטש, ניבויר און יאַספּערס אײדער מיט די צענטראַלע ייִדיש־רעליגיעזע דענקער.

אין אַ לענגערער, אָנרעגנדיקער עסיי, באַהאַנדלט לואיס קאַמפּף — געהילפס־פּראָפעסאָר אין הומאַניסטיק אין עמ. איי. טי. — די ראָלע פון ייִדישן שרייבער (אין ענגליש) אין אַמעריקע. זיין טעזיס וואָלט מען גע־קענט אַזוי סומירן: די דערפאַרונג פון ייִד־זיין איז אין אַמעריקע גאָר אַנדערש ווי אין אייראָפּע; דער עיקר דערפאַר וואָס בעת דאָרטן האָט דער ייִדישער קיבוץ זיך געדאַרפט צופּאַסן צו דער איבעראַשונג פון עמאַנצי־פּאַציע, האָט אָבער דער היגער ייִדישער קאָלעקטיוו נישט דורכגעמאַכט די דאָזיקע חבלי־לידה. אויב אַזוי, — פרעגט ער — צי איז פאַראַן אַ באַדייטונגספולע ספּעציפיש־ייִדישע דערפאַרונג אין אַמעריקע? אויב דער גורל פון אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל איז שווער, איז עס נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער פאַרן ייִדישן אינטעלעקטואַל וואָס וואָרצלט אין מזרח־אייראָפּע און וואָס דאַרף באַלאַנסירן די פאָדערונגען פון אייראָפּעאישן עבר מיט די אינאָוואַציעס פון דער אַמעריקאַנער צוקונפט. אָבער די דאָזיקע קאָמפּליצירטקייט, האַלט פּראָפ׳ קאַמפּף, קען זיין אַ מקור נישט פון שוואַכ־קייט נאָר פון שטאַרקייט, וואָרעם ייִדן ווי ראַנד־מענטשן, וואָס זיינען נישט פולשטענדיק אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט נעמען אויף סענסיטיווער, און קענען בעסער אָבסערווירן דאָס אַרומיקע לעבן ווי אַנדערע אַמעריקאַנער.

אין אייראָפּע וואו דער ייִד האָט זיך אָדער געמוזט אינגאַנצן אַסימי־לירן אָדער איזאָלירן פון קריסטלעכן ליטעראַרישן לעבן, דאָרטן האָט אין דער אמתן נישט עקסיסטירט פּאַר אים די מעגלעכקייט צו קאָנפראָנטירן די נישט־ייִדישע ליטעראַרישע קולטור אין ספּעציפיש־ייִדישע טערמינען. אָבער דאָ אין אַמעריקע איז דער ייִד אי נישט איזאָלירט, אי נישט אַסימי־לירט: ער איז אַ ראַנד־מענטש וואָס לעבט אין ביידע קולטורן: אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנישער. און אַזוי ווי די הויפּט־מעלה פון ראַנדיקייט באַשטייט אין קאָנען אויפנעמען פאַרשיידענע השפּעות, וועט דערפאַר דער אַמעריקאַנער ייִדישער שרייבער קענען איינזאַפּן אין זיך דריי איינפלוסן: די אַלגעמיין אייראָפּעאישע, די אַמעריקאַנער און די ייִדישע ליטעראַטור. ער וועט דאַרפן האַרמאָנירן די אַלע שטימען פון עבר מיט דער קעגנוואַרט; זיי האַרמאָנירן אין אַ ליטעראַרישער פאָרעם וואָס וועט זיין באַדייטונגספול פאַר אונדזער היינטיקער דערפאַרונג. אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער נישט אַן אוממעגלעכע אויפגאַבע פאַרן אַמעריקאַנער ייִדישן שרייבער. די ייִדיש־ליטעראַטור וואָס האָט געבליט אין אַמעריקע אין אימיגראַנטישן פּעריאָד, באַטאָנט דער יונגער קריטיקער, איז געווען וויכטיק נישט נאָר פאַר די אַמעריקאַנער ייִדישע שרייבער פון אַמאָל, נאָר זי איז אַ וואָגיקע ירושה אויך פאַר אַ סך היינטיקע אַמעריקאַנער יונגע ייִדישע שרייבער (וואָס שרייבן אויף ענגליש). די צונויפפאָרונג פון איר טעמאַטיק מיט דער טעמאַטיק פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור קען אויפלעבן כלומרשט טויטע מיטאָסן און זיי געבן די פרישקייט וואָס מיר קריגן פון עכטער דערפאַרונג.

אמת פּראָפ׳ קאַמפּף זעט פאָרויס שוועריקייטן אין דער פאַרבינדונג פון די צוויי ליטעראַטורן: די הויפּט־טעמע פון דער ייִדישער בעלעטריסטיק איז דער גורל פון ייִדישן כלל, בעת דער מאָדערנער ראָמאַן פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט פּסיכאָלאָגישער אַנאַליזירונג פון יחידס כאַראַקטער און גורל. און ווי זאָל דער אַמעריקאַנער ייִדישער שרייבער וואָס שרייבט אויף ענג־ליש, שאַפן אַן אידיאָם וואָס איז זיכנפול פאַרן לעבן וואָס ער שילדערט, און איז גלייכצייטיק אַ ליטעראַרישער ענגליש? פונדעסטוועגן פירט ער אויס אויף אַן אָפּטימיסטישער נאָטע, אַז מען קען די אַלע שוועריקייטן גובר זיין. וואָרעם דער פאַקט וואָס אַמעריקאַניזאַציע מיינט נישט די אויפלייזונג פון ייִדישן קיבוץ; אָט די דערשיינונג גיט דעם אַמעריקאַנער ייִדישן שריי־בער אַ געלעגנהייט צו נוצן זיין ייִדישע קולטור צו באַשאַפן אַ ליטעראַטור

פון אַן אוניווערסאַלן באַדייט. ייִדישקייט — ציטירט ער דעלמאָר שוואַרצן — קען זיין פאַרן אַמעריקאַנער ייִדישן יונגן שרייבער אַ פּרוכטבאַרע און אומאויסשעפּלעכע ירושה, און דער פאַקט וואָס דער אינטעלעקטואַל איז אָפּגעפרעמדט פון דער ייִדישער אָרגאַניזירטער געמיינשאַפט דאַרף נישט זיין פאַטאַל; פאַרקערט, אין דעם קען ליגן זיין כוח; וואָרעם גראַד אין העברי דזשיימס׳ פאַרפרעמדקייט פון אַמעריקע איז געלעגן זיין מעכטיקס־טער געווער.

איך מוזט נישט מסכים זיין מיט אַ ריי פאָרמולירונגען און איינשטעלן פון דעם יונגן געלערנטן. איך מעגט נישט האַלטן פאַר אַזוי וויכטיק זיין זוכן אַ ספּעציפיש־ייִדיש־אַמעריקאַנער דערפאַרונג. פאַר איינעם וואָס פילט אַז אַלע ייִדישע דורות זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, און אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין וועלט־פאָלק — פאַר אַזאַ איינעם דאַרף דער מהות פון ייִד־זיין נישט דווקא זיין באַזירט אויף אַ ספּעציפיש־ייִדישער דערפאַרונג אין אַמעריקע. פאַר אַ ייִדן וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט ייִדישע אויגן, ד״ה פאַר אַ ייִדן וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין זיין היסטאָרישער ירושה און וואָס פילט זיך פאַרקניפּט מיט אַלע נשמה־פעדעם מיטן ייִדישן גורל, — פאַר אַזאַ ייִדישן אינטעלעקטואַל אין אַמעריקע, איז אונדזער אַלטע און נייע קולטור אַ גענוגנדיקע יניקה פאַר זיין שאַפן. איך מוזט אויך נישט אָננעמען פּראָפ׳ קאַמפּפס קוק אויף דער ייִדישער ליטעראַ־טור בכלל און אַוודאי נישט זיין אויבנאויפיקע אָפּשאַצונג פון דער אַמערי־קאַנער ייִדישער ליטעראַטור. ער איגנאָרירט אינגאַנצן די גרעסטע שאַפונג פון ייִדן אין אַמעריקע — די ייִדישע פּאָעזיע, וואָס קען ווערן אַ קאָלאָסאַלער גייסטיקער רעזערוואוואַר פון וואַנען ער וועט קענען שעפּן מאָטיוון, פאָרמען, אַריינבליקן, איבערלעבונגען, סובטילקייטן וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער באַדייטונג אויך פאַרן פאַרשפּיצטן היינטיקן אַמעריקאַנער ייִדישן אינטע־לעקטואַל. איך מיין אַז ווי וויכטיק די אַלע בלויזן אין פּראָפ׳ קאַמפּפס עסיי זאָלן נישט זיין — און זיי זיינען גאָר וויכטיק — איז פאָרט סימפּאַטיש און דערמוטיקנדיק דער גרונט־טאָן פון דער אַרבעט. וואָרעם הינטער די בלאָנ־דזשעניש און פלאַכקייטן פון דעם יונגן געלערנטן שפּירט מען אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער ייִדישער ירושה, צום ייִדישן קיום און ייִדישער שעפע־רישקייט אין אַמעריקע.

מיטן **פּראָבלעם** ייִדישער אינטעלעקטואַל אין אַמעריקע **ראַנגלט** זיך

אויך אלען גראובארד (אַ סטודענט אין עמ. איי. טי.). ער אַנאַליזירט די באַגריפן „קולטור" און „געמיינדע" (קאַמיוניטי) און ער מיינט אַז זיי זיינען טעותדיק אין שייכות צום היגן ייִדישן אינטעלעקטואַל. וואָרעם בשעת די מערב־קולטור מיט איר ליטעראַטור, מוזיק, קונסט, פּאָליטיק, פילאָסאָפיע דאָמינירט אין זיין לעבן, איז דער אינהאַלט פון דער עקסיסטירנדיקער אַמעריקאַנער ייִדישער קהילה וואָס קען זיין זינפול פאַר אים אומבאַדייטנדיק. הגם אַזעלכע אַמעריקאַנער ייִדישע שרייבער ווי אַ סאול בעלאָ און בערנאַרד מאַלאַמוד ציען יניקה פאַר זייערע שאַפונגען פון זייערע ייִדישע דערפאַרונגען, פּראָדוצירן זיי פונדעסטוועגן נישט קיין ייִדישע קולטור. כדי צו שאַפן ייִדישע קולטור, האַלט גראובארד, דאַרף מען האָבן אַן אַרומנעמענדיקע ייִדישע קהילה און דאָס איז אומדערגרייכבאַר אין סעקולערע, פלוראַליסטישע מערב־געזעלשאַפטן. די ייִדישע ירושה וועט, לויט זיין מיינונג, פאַרבלייבן פאַר די קומענדיקע דורות אין דער פאָרעם פון זכרונות און דערפאַרונגען. אָבער דאָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן די קינדער, ווייל דעם טאַטנס סדר וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן מיט געפיל און שטימונג געדענקט זיך ווי אַ באַדייטונגספולע איבערלעבונג, אָבער דער דריטער און פערטער דור אין אַמעריקע וועט נישט האָבן קיין טיפע איבערלעבונג ביים סדר וואָס ער וועט פּראַוון ביים טיש פון צווייטן דור.

גראובארד קומט צום אויספיר אַז אין דער צוקונפט וועלן זיין באַדייטנדיקע גרופּעס ייִדישע אינטעלעקטואַלן וואָס וועלן זיין פּאָזיטיוו אָריענטירט לגבי זייער ייִדישקייט און זיי וועלן זיין אַקטיוו אין דער היגער ייִדישער געזעלשאַפט. אָבער דער ייִדישער קאָלעקטיוו וועט פאַרמאָגן ווייניק אינהאַלט און ווייניק שעפערישקייט. ער זעט נישט קיין תרופה צו דער מכה, ווייל זיין אַ ייִד אין אַמעריקע, האַלט ער, איז מער אַן אינדיווידועלער געמיט־צושטאַנד ווי אַ קאָלעקטיווער ענין. דאָס צוקונפטיקע פּנים פון אַמעריקאַנער ייִד איז דעריבער, געווענדט אין זיין פּערזענלעכן הינטערגרונט.

.3

די קינסטלערישע ליטעראַטור — סיי אָריגינעלע שאַפונגען, סיי איבערזעצונגען פון דער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור — פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין „מאָזאַאיק". חנה פּייערשטיין — אַ גראַדואיר־סטודענטין אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט, האָט דאָ אירע אייגענע לידער וואָס

זיינען דין־ליריש און זייער צוזאָגנדיק. אַחוץ דעם דריקט זי אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון איציק מאַנגערס: „יפתחס טאָכטער" און „שרה זינגט יצחקלען אַ שלאָפליד" — צוזאַמען מיט אַ קורצן אַריינפיר וועגן דיכטער. אין דער שריפט ווערן אַגב, אויך געדרוקט די ייִדישע אָריגינאַלן פון די לידער. שלום ביינפעלד, סטאַנפאָרד לאַקאָף און דזשיימס ריעגער — סטו־דענטן און לערער אין האַרוואַרד — האָבן איבערגעזעצט פיר לידער פון מאַנגערן: „בעל שם", „די תפילה פון איוואַן דעם שיכור", „האַרבסט", און „מיין שוועסטער". ס'איז אינטערעסאַנט אַז חנה פייערשטיין און שלום ביינפעלד זיינען גראַדואַנטן פון ייִדיש־וועלטלעכע שולן. אויך סידני גאָלד־פאַרב, ברוס בענעט און אַנדרעאַס טעובער דרוקן אָריגינעלע לידער. מ. י. מירסקי גיט איבער אין זיין דערציילונג „לאָקשן־קוגל" די דילעמע פון אַ סטודענט, אַן אַגנאָסטיקער וואָס קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט יום־כיפור. סוזען טאַקס האָט אַ דערציילונג „כאַאָס" וועגן דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז סענסיטיוו געשריבן. יהודה סטאַמפּפער, געהילף־פּראָפעסאָר פון ענגלי־שער ליטעראַטור אין ניו־יאָרק סטעיט אוניווערסיטעט, ברענגט אַן אינ־טערעסאַנטע, געדאַנקלעכע דערציילונג „יונה", און פרעד גאַרדנער האָט אַ שאַרפזיניק־איראָנישע דערציילונג „פאַרערונג".

פון דער פּאָעזיע געפינען מיר דאָ איבערזעצונגען — אַחוץ פון מאַנ־גערן — אויך פון ח. נ. ביאַליק („ואם ישאל המלאך" און „הברכה"). מערי בייטסאָן, די איבערזעצערין פון די צוויי פּאָעמעס, האָט אויך אַן עסיי איבער ביאַליקס שאַפן. און כאָטש די אַרבעט איז מער אַ פּסיכאָאַנאַליטישע שטודיע ווי אַ קריטישע אָפּשאַצונג, ווייזט די שרייבערין פונדעסטוועגן אַרויס פאַר־שטענדעניש פאַר דער נשמה־צעשפּאַלטנקייט פון דעם מאָדערנעם ייִדן וואָס לעבט אין דער היינטיקער וועלט, אָבער וואָס קען זיך נישט אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דער פרומער וועלט פון זיינע אָבות.

ביאַליקס צוויי״איקייט זעט די שרייבערין אין זיין צוריקגעצויגנקייט, אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין אומשעפערישקייט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. ער האָט נישט געקענט אָננעמען, מיינט זי, דעם סעקולערן ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם הגם ער האָט געפילט אַז די אַלטע ייִדישקייט איז פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. בייטסאָן דרינגט אַרויס ביאַ־ליקס אַמביוואַלענץ פון זיין דואַליזם, פון זיין צעטיילן גאָט אין צוויי אַס־פּעקטן וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין צוויי טענדענצן אין דער ייִדישער

געשיכטע. קעגן דעם אַגרעסיוון ביבלישן גאָט רעבעלירט ער; אָבער די שכינה — דעם רחמימדיקן, אימאַנענטן אַספּעקט פון גאָט — אַקצעפּטירט ער. ווי אַ ראיה אויף דער אינטערפּרעטאַציע, ציטירט זי פון ביאַליקס פּאָעמע „אַליין״:

איך בין עלנט געבליבן — און די שכינה האָט שטיל,
איבער מיר מיט צעבראָכענעם פליגל געפּאָכעט;
כ׳האָב פאַרשטאַנען: איר האַרץ האָט געציטערט אין שרעק,
איבער מיר, איבער מיר, איר בן־יחיד.

און אַז ס׳האַרץ האָט געריסן צום פענצטער, צו זון,
און אַז ענג איז מיר אונטער איר פליגל געוואָרן —
האָט זי צוגעפּרעסט זיך צו מיין שולטער, איר טרער
אויפן בלאַט פון מיין גמרא פאַרלאָרן.
(איבערגעזעצט פון י. י. שוואַרץ)

אַ לייזונג צו זיין אינעווייניקסטן קאָנפליקט פאָרמולירט ביאַליק אין דער פּראַקטיקער פּאָעמע „הברכה״ („די סאַזשעלקע״). בעת פריער האָט דער דיכטער נישט געקענט אַקצעפּטירן נישט די רעליגיעזע יידישקייט סימבאָ־ליזירט אין דער שכינה, אין דער אַפּהענטיקער פּאַסיווקייט — און נישט אין דינאַמיש־שעפערישן נאַציאָנאַליזם פון 19טן יאָרהונדערט — איצט האָט ער געפונען דעם סינטעז. דאָ אין דער „סאַזשעלקע״ איז פאַרקערפּערט און פאַראייניקט סיי די פעמינינישע, סיי די מאַסקולינישע ראָלע. פון איין זייט איז די סאַזשעלקע פּאַסיוו און שפּיגלט אָפּ די שטאָלצע, שטאַרקעביימער אָבער גלייכצייטיק קריגן די מאַסקולינישע ביימער זייער יניקה און זייער קראַפט פון דער סאַזשעלקע. פונקט אַזוי ווערט ביאַליקס פּאָעזיע דער מקור און דער ענדציל פון כוח. ער נעמט „די ווערבאַלע און אינטראָספּעקטיווע רייכקייט פון יידישקייט און ער טראַנספאָרמירט די פּאַסיווקייט אין אַ יסוד פאַר אַ נייער און קרעפטיקער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט״.

ס׳איז אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן די פאַרשיידענע קאָנטראַסטן וואָס ברויזן אין ביאַליקס נשמה — און אין וועלכן גרויסן דיכטערס נשמה לעבן נישט אַ סך וועלטן? — אָבער ס׳איז מיר ביז איצט נישט באַקאַנט אַזאַ פּסי־כאָאַנאַליטישער „מדרש״ אויף ביאַליקן ווי מערי בייטסאָנס. ס׳איז אינטע־

רעסאַנט אַז דער עטיוד איז געשריבן געוואָרן פון אַ געלערנטער וואָס איז די טאָכטער פון דער באַרימטער אַנטראָפּאָלאָגין מאַרגאַרעט מיעד, און די דאָזיקע יונגע פרוי ווייזט אַרויס אַ סך בקיאות און פיינע פאַרשטענדעניש פאַר ביאַליקס וועלט און פּאָעזיע.

.4

אויפן סמך פון די ביז איצט דיסקוטירטע אַרבעטן אין „מאָזאַאיק״ קען מען, דוכט מיר, אָנצייכענען אַ פּראָפיל פון אַ וויכטיקן סעקטאָר פון דער ייִדישער סטודענטנשאַפט אין אַמעריקע; פון דער עליטע וואָס לערנט הומאַניסטיק און באַזוכט די פּראָמינענטסטע אוניווערסיטעטן אין לאַנד. דער דאָזיקער יונגער אינטעלעקטואַל אַנטלויפט נישט פון זיין ייִדישער ירושה און ער האָט אַן אינטערעס אין ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. ער איז נישט גרייט זיך צו באַגייסטערן פאַר אַלץ אין אונדזער קולטור אָבער ער שאַצט אָפּ די עטישע און עסטעטישע ווערטן וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער העברעאישער און מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור און אַוודאי פאַרשטייט ער די ווערטפולקייט פון דער אַלטער רעליגיעזער ייִדישער ירושה, און פון דער ייִדישער מחשבה אין מיטלאַלטער. ער באַשעפטיקט זיך ווייניק מיטן ענין ייִדיש־העברעאיש אָבער ער ווייסט אַז אין די ביידע לשונות און אין זייערע ליטעראַטורן ליגן אוצרות וואָס זיינען אויך פאַר אים זינפול; און אויב ערשט־קלאַסיקע לעקטאָרן און געלערנטע וועלן אים אונטערטראָגן און פאַר אים אינטערפּרעטירן די בעסטע מוסטערן פון די דאָזיקע ליטעראַטורן וועט ער זיי גערן אויפנעמען. ער איז נישט פאַרקאָכט אין גורל פון ייִדן, אָבער ייִדישע אויפטוען (אין מדינת ישראל) און ייִדישע ליידן (אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין צפון אַפריקע) געפינען ביי אים אַן אָפּקלאַנג. ער באַציט זיך קריטיש צו דער אָרגאַניזירטער ייִדישער געמיינשאַפט, אָבער ער ליידט נישט פון קיין אַליין־האַס, און ער ווייסט אַז זיין ייִדישע ראַנדיקייט און אָפּגעפרעמדקייט איז נישט קיין הויקער, נאָר פאַרקערט קען זיין אַ קוואַל פון שעפערישקייט. ער איז געווענדט מיטן פּנים צו דער וועלט און צו אירע ראַנגלענישן; ער וויל זיך נישט באַגרענעצן בלויז אָדער דער עיקר אויף זיין ייִדישער סביבה; אָבער ער פילט, — אַפילו ווען ער זאָגט עס נישט אַרויס מיטן פולן מויל — אַז זיין אידענטיפיקאַציע מיטן ייִדישן כלל וועט אים געבן אַן אַנקער, וועט פאַרקלענערן זיין פאַרלאָרנקייט, זיין

איינזאַמקייט און פוסטקייט. ער האָט נישט די גרייטקייט זיך איינצושפּאַנען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן וואָגן אין אַמעריקע, אָבער אויך די יונגע אינטעליגענץ ביי אַ גאַנצער ריי קולטור־פעלקער וויל נישט גיין אויפן שליאַך פון די פריערדיקע דורות.

אָט אַזוי דוכט מיר זעט אויס דאָס פּנים פון אונדזער אינטעלעקטועלן אוואַנגאַרד אין אַמעריקע, און ס'איז כדאַי אים צו קענען, אים צו פאַרשטיין און אַפילו אויף אים צו האָפן.

(1964)

# מיר — און די קולטור אַרום אונדז

די מאָדערנע יידישע שול אין אַמעריקע, וואָס שליסט איין יידיש און העברעאיש אין איר לערן־פּראָגראַם, איז באַזירט אויף גרונט־הנחות וואָס זיינען, אָדער אַ פּראָדוקט פון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, אָדער פון ערשטן דור אין אַמעריקע, אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. הגם די שול איז איצט אַנדערש, אין גייסט און אין אינהאַלט, לעבט זי נאָך אַלץ אויף די אידעאָלאָגישע שיריים פון בראשית. אמת, אין איר קוריקולום זיינען איצט איינגעשלאָסן מער העברעאיש און חומש; די פּאַרטיפּטע שבת־ און יום־טוב־פייערונג, די צוגרייטונג צו בר־מצווה. די „פּראַקטיק״ האָט זיך טאַקע געביטן, אָבער טעאָרעטיש איז כמעט אַלץ געבליבן ביים אַלטן.

אין טעאָרעטישן יסוד פון דער יידיש־וועלטלעכער שול איז פאַרקער־פערט דער געדאַנק, אַז יידן אין די תפוצות דאַרפן שטרעבן און קעמפן פאַרן סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וואָס וועט זיך אויסלעבן אין איר אייגענער קולטור. דער אידעאַל פון דער מאָדערנער יידישער שול — פון אַלע נאַציאָנאַל־קולטורעלע שאַטירונגען — איז נאָך אַלץ געבליבן: צוגרייטן דעם תלמיד צום לעבן און שאַפן בלויז אין דער יידישער קולטור. דעם אידעאַל איז אפשר מעגלעך געווען צו דערגרייכן אין לענדער וואו די נישט־יידישע קולטור איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה: אין ליטע, לאַטוויע, ווייס־רוסלאַנד. ווייל אַפילו בימי יידיש־רענעסאַנס, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָט מען קיין יידיש־גימנאַזיעס (דאָס מיינט: לימודים בלויז

אין יידיש) נישט געקענט אויפבויען אין וואַרשע, אין קראָקע, אין קיִעוו. מכל שכן דאָ, אין אַמעריקע, וואו ס׳הערשט די רייכע פּרעסטיזשפולע אַנגלאָ־זאַקסישע קולטור, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע ווינקלען פון ציבורדיקן און יחידישן לעבן. דאָ איז אונדזער יידישע קולטור בלויז סופּלעמענטאַר צו דער אַמעריקאַנישער און זי פאַרנעמט בלויז אַ באַגרענעצטן שטח אין גייס־טיקן לעבן פון די יינגערע דורות. דאָ דאַרף מען לכתחילה צוגרייטן דעם תלמיד צו לעבן אין צוויי קולטורן; צו גענייסן, און — אויב ער איז טאַ־לאַנטפול — צו שאַפן איןביידע קולטורן: אין דער יידישער און אַמע־ריקאַנער. לאָזט זיך דאָס רעאַליזירן? און ווי באַוואָרנט מען, אַז דער שטח פון אונדזער יידישער סוב־קולטור זאָל נישט איינשרומפּן אין פּראָפּאָרציע צו דער אַמעריקאַנער קולטור?

איידער מיר פּרואוון ענטפערן אויף די אַלע האַרבע שאלות דאַרף מען קודם־כל כאָטש סקיצירן: א) די אַמעריקאַנער סביבה; ב) דעם הויפּט־ציל פון אונדזער שול; ג) די היינטיקע עלטערנשאַפט.

א) סאָציאָלאָגישע שטודיעס באַשטעטיקן, אַז יידן אין אַמעריקע האַלטן אָן זייער אידענטיטעט. עטנישקייט איז אַ פּערמאַנענטע אייגנשאַפט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט — און ביי אַמעריקאַנער יידן איז פאַראַן די טענדענץ צו פאַרשטאַרקן זייער יידישע וויטאַליטעט, הגם נישט אין דער אָריגינעלער פאָרעם. אמת, עס ווירקן דאָ אויך אַסימילירנדיקע כוחות, וואָס טראַנספאָרמירן שפּראַכלעך און קולטורעל די יינגערע דורות; אָבער ס׳בלייבט אַ יידיש־אייגנאַרטיקער קיבוץ. דאָס איז נישט קיין צייטווייליקע דערשיי־נונג, נאָר אַ צענטראַלער שטריך אין געבוי פון דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפט. אַט דער אויספיר פון אַ סאָציאָלאָג, וועמען עס איז פרעמד אונדזער קיומיסטישע פילאָסאָפיע, דאַרף דערמוטיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלע יידן פון אַלערליי שאַטירונגען*.

אַן אַנדער שטודיע וועגן מינאָריטעטן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט שטעלט פעסט, אַז קאַנאַדער פראַנצויזן און יידן געהערן צו די מיעוטים וואָס וועלן אָנהאַלטן זייער סעפּאַראַטקייט. ביי יידן — אַ דאַנק זייער גע־שיכטע, וואָס האָט זיי אויסגעלערנט לעבן ווי אַ מינאָריטעט זייט ביי זייט מיט אַ מערהייט־קולטור. מיר פאַרמאָגן אַ שטאַרקן עטנאָצענטריזם, אייגנ־

* *Nathan Glazer & D. P. Moynihan*: Beyond the Melting Pot. M.I.T. Press, 1964.

אַרטיקע אינסטיטוציעס, און סימבאָלן פון כלל־עקסיסטענץ. אַט דער ייִדי־שער היסטאָרישער באַוואוסטזיין, דער כוח פון דער 4000־יעריקער ייִדישער געשיכטע, קען זיך פאַרגלייכן מיט דער טעריטאָריעלער קאָנצענטרירטקייט וואָס איז פאַראַן ביי די קאַנאַדישע פראַנצויזן*.

ב) דער גרונט־ציל פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע איז צו דערציען יורשים פאַר אַ שעפערישן ייִדישן קיום אויפן יסוד פון אַ ליי־בעראַלער אינטערפּרעטאַציע פון ייִדישקייט, אין אַ לאַנד פון אַ הויכער אַל־געמיינער קולטור, אין באַדינגונגען פון פרייהייט.

ג) די היגע ייִדישע עלטערנשאַפט געהערט צו אַ דור, וואָס איז דער־צויגן געוואָרן אויף אַמעריקאַנער ווערטן און אויף אַמעריקאַנער סטאַנדאַרדן. אין רוב פאַלן האָט זי אַ הויכע, אַלגעמיינע בילדונג. דער דור פאַרמאָגט ייִדישע סענטימענטן, אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק, אָבער ער פאַרמאָגט נישט קיין ייִדיש וויסן, און ער מעסט ייִדישע דערשיינונגען מיט נישט־ייִדישע מאָסן. ס'איז אַ דור פאַר וועמען ייִדישע דערפאַרונגען זיינען טיילמאָל רעטענישן, אומפאַרשטענדלעכקייטן. ער פּרוּווט פאַרשטיין ייִדישע קאָנצעפּציעס, ער וויל באַנעמען אינטעלעקטועל ייִדישקייט. אָבער ער איז קריטיש איינגעשטעלט, און איז נאָך ווייט נישט גרייט צו אַקצעפּ־טירן אַלץ וואָס מיר וואָלטן אים געוואָלט איבערגעבן. ער קען זיך אויך נישט באַפרידיקן מיט אַ סך טראַדיציעס, מנהגים און ריטואַלן. ער הערט נישט אויף צו פרעגן: מיט וואָס בין איך אַ ייִד? צי איז כדאי צו זיין אַ ייִד? צי איז די ייִדישע קולטור זינפול און ווערטפול? דאָס איז אַ דור וועמענס שפּראַך, די היים און דער לעבנס־אויפפיר זיינען ווייניק אַנדערש פון דעם נישט־ייִדישן אַרום. אַט דער דור איז אַקולטורירט, אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער קולטור, אָבער אין זיין רוב וויל ער בלייבן ייִדישלעך — ווי אַזוי מ'זאָל דעם באַגריף נישט פאַרשטיין. די סענסיטיווערע זוכן זייערע ייִדישע וואָרצלען; זיי פילן אַ פּוסטקייט אין דער נשמה און זיי אַנען, אַז די ייִדיש־גייסטיקע ירושה קען באַזינען און געבן אַן אינהאַלט זייער לעבן. אָבער גלייכצייטיק איז עס אַ וואַקלענדיקער דור וואָס וויל „נאַשן די זיס־קייטן פון אידענטיפיקאַציע, נישט עסנדיק דעם לעקעך פון התחייבותן". אין אַזאַ מיליע, אין היינטיקן קלימאַט, ביי אַן עלטערנשאַפט מיט אַן אַמערי־

* *Charles Wagley & Martin Harris*: Minorities in the New World, Columbia Univ. Press, 1958, N. Y.

קאַנער בילדונג און מענטאַליטעט — וואָס זיינען די מעגלעכקייטן פאַר אַ שעפערישן קיום? מעגן מיר דערוואַרטן און האָפן צוצוגרייטן אין דער סביבה אונדזערע תלמידים זיי זאָלן לעבן און שאַפן ווי ייִדן; צו לעבן סיי מיט דער ייִדישער, סיי מיט דער אַמעריקאַנער קולטור — און זיין שעפעריש אין ביידע? קולטור־שעפערישקייט הייסט אויסברייטערן און באַרייכערן אין יעדן דור די אַקומולירטע גייסטיקע ירושה פון פאָלק: זיין ליטעראַטור, שפּראַך, זיין חכמה, זיין רעליגיע, זיין קונסט.

אַוודאי ווייסן מיר, אַז דאָס פּראָבלעם עקסיסטירט נישט פּאַקטיש — נישט פאַר עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן און נישט פאַר עקסטרעמע ציוניסטן, די שוללי־הגלות. זיי מיינען אַז נאָר אין געטאָ, אָדער אין ארץ־ישראל קע־נען מיר זיין שעפעריש. אָבער דאָס פּראָבלעם שטייט שאַרף פאַרן רוב אַמעריקאַנער ייִדן — ספּעציעל פאַר וועלטלעכע ייִדן, וואָס קענען זיך נישט צווינגען צו גלייבן, אָדער פילן זיך נישט בכוח איינצושטעלן אין אַמע־ריקע אַזאַ ייִדישן סעפּאַרירנדיקן לעבנסשטייגער וואָס וועט גאַראַנטירן אַן אייגנאַרטיק־ייִדישע עקסיסטענץ.

די ייִדישע געשיכטע באַווייזט, אַז אין אַ ריי תקופות און קיבוצים האָ־בן מיר געקענט זיין שעפעריש אין צוויי קולטורן: פילאָן, דער רמב״ם, משה מענדעלסאָן, גייגער, דובנאָוו, זשיטלאָווסקי, זאַנגוויל, האָראַס קאַלען, מאָריס סעמיועל — דאָס זיינען עטלעכע מוסטערן פון ייִדן וואָס לעבן און שאַפן אין צוויי וועלטן. אָבער דאָס זענען אַלץ גרויסע יחידים. וואָס הערט זיך אָבער מיט גרופּעס אין אַזאַ לאַנד וואו אַלע קולטור־פּאַלאַצן שטייען פאַר אייך אָפן; איר קענט ווערן אַ פּראָפעסאָר, אַ וויסנשאַפטלער, אַ קינסט־לער און דערצו איז די לאַנדקולטור אַ הויכע און פּרעסטיזשפולע? דערצו זיינען מיר — לויט חיים גרינבערגס אויסדרוק — היינט צו טאָג אַ סטאַ־טיסטישע מינאָריטעט, נישט קיין פּסיכאָלאָגישע. דאָס מיינט: מיר גלייבן נישט אין אויסדערוויילטקייט און מיר זיינען אין סכנה צו ווערן אויס כנסת ישראל. מיר זיינען מער נישט געגליכן צו אַ סאָליסט אין אַן אָרקעסטער, נאָר צו אַ דורכשניטלעכן שפּילער, וואָס באַטראַכט זיך נישט העכער פאַר די איבעריקע מיטשפּילער. דאָ אין אַמעריקע איז נישט קיין פראַגע פון רעכט אויף זיין אַנדערש, ווי ס׳מיינט נחום גאָלדמאַן. אַזאַ „רעכט״ האָבן מיר אין אַמעריקע. די פראַגע איז: צי ווילן מיר זיין אַנדערש? ווי אַזוי געווינט מען די אינטעליגענץ, אַז זי זאָל וועלן ברענגען קרבנות פאַר ייִדישן המשך?

און ייִדיש־שעפערישער קיום אין אַמעריקע פאַרלאַנגט גוואַלדיקע אָנ־שטרענגונגען!

קיום האומה קען, דוכט זיך מיר, נישט דינען פאַר די הי־געבוירענע ייִדן ווי דער לייט־מאָטיוו וואָס וועט אינספּירירן און באַזינבן זייער עק־סיסטענץ. סתם קיום האָט געקענט באַגייסטערן אונדז, געבוירענע און דערצויגענע אין מזרח־אייראָפּע. פאַר אונדז פאַראַנקערטע, אָרגאַנישע, בלא־תנאַי־ייִדן, קען קיום זיין אַ סטימול, אַ לייט־מאָטיוו. אָבער פאַר דאָ־געבוירענע אַמעריקאַנער ייִדן קען קיום האומה נישט זיין קיין אַרויספאָדערנדיקער אידעאַל. ספּעציעל קען ער נישט באַגייסטערן די יוגנט.

אונדזער ייִדיש־וועלטלעכע שול פון אַלע שאַטירונגען איז קודם־כל אַ שול פאַרן אַוואַנגאַרד פון היגן ייִדישן קיבוץ, פאַר די נישט־אַפיליאירטע, פאַר די אינטעלעקטואַלן, פאַר די נאָן־קאָנפאָרמיסטן; פאַר יענע, וואָס קע־נען נישט געהערן צו די דריי סינאַגאָגאַלע דענאָמינאַציעס: אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון, רעפאָרמער; פאַר יענע, וואָס נעמען נישט אָן דעם האַלב־אמת פון דער פאָרמולע: פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן, און ייִדן. דאָס איז אַ שול פאַר יענע וואָס שרעקן זיך נישט פאַרן געדאַנק אַז ייִדן זיינען אַן אייגנאַרטיקער פענאָמען וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין די אַלגעמיינע קאַ־טעגאָריעס: עטנישע אָדער רעליגיעזע גרופּע. אַזאַ שול קען זיך נישט צופרי־דנשטעלן מיט אידענטיפיקאַציע ווי איר הויפּט־ציל; דאָס איז נישט גענוג. זי מוז, ווי אַ ווינקלשטיין אין איר דערציאונגס־פילאָסאָפיע, אַוועקשטעלן צוויי־קולטורישקייט: מיר ווילן צוגרייטן דעם תלמיד צו לעבן אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער קולטור, און מיר שטרעבן צו זיין שעפעריש איןביידע. אַ שול פאַרן אינטעלעקטועלן אַוואַנגאַרד מוז, אין איר אידעאָ־לאָגישן יסוד, זיך אָנשפּאַרן אויף שעפערישן המשך — ווייל די אינטעלי־גענץ באַטראַכט שעפערישקייט ווי דעם זינען פון איר עקסיסטענץ.

וואָס טראַכט און וואָס פילט די אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעליגענץ? אירע פּאָזיטיווערע גרופּעס האַלטן, אַז זייער קאָמפּליצירטער גורל (ווי ייִדן און אַמעריקאַנער) קען זיין אַ מקור נישט פון שוואַכקייט, נאָר פאַרקערט — פון שטאַרקייט: ייִדן ווי ראַנד־מענטשן, וואָס זיינען נישט פולשטענדיק־איינ־טעגרירט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, נעמען אויף סענסיטיווער דאָס לעבן איידער סתם אַמעריקאַנער. דער ייִד ווי אַ ראַנד־מענטש לעבט אין ביידע קולטורן; און די הויפּט־מעלה פון ראַנד־לעבן באַשטייט טאָקע אין

קענען אויפנעמען פאַרשידענע השפּעות. דער ייִדיש־אַמעריקאַנער דיכטער דעלמאַר שוואַרץ האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט אַזוי: „דער פאַקט וואָס איך בין אַ ייִד האָט מיר געגעבן אָפּגעפרעמדקייט פון דער וועלט ווי אַ צענטראַלן סימבאָל, ווי אַ קוק אויף זאַכן, און אויך אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס וואָס זיינען די ספּעציעלע צייכנס פון מאָדערנעם לעבן... און דערפאַר דאַרף איך זאָגן... אַז ייִדישקייט איז אַ גוטע זאַך פאַר מיר, און ס'איז קלאָר פאַר מיר, אַז ס'קען זיין... בלויז אַ פרוכטבאַרע און אומדערשעפּלעכע ירושה". אויפן סמך פון אָבסערוואַציעס און אָביעקטיווע פאָרשונגען מעג מען זאָגן, אַז דאָ אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אינטעלעקטואַלע שיכטן וואָס זיינען פּאָזיטיוו אָריענטירט לגבי זייער ייִדישקייט. זיי שאַצן אָפּ דעם באַדייט פון דער ייִדישער און העברעאישער ליטעראַטור. ייִדישע אויפטוען און ייִדישע ליידן געפינען ביי זיי אַן אָפּקלאַנג. ייִדישע ראַנדיקייט און אָפּגעפרעמדקייט איז נישט פאַר זיי קיין הויקער, נאָר אַ קוואַל פון שעפעירישקייט; אַן אַנקער וואָס וועט געבן אַ זין און אינהאַלט זייער לעבן. אָבער אַלע אַנקעטעס און פאָרשונגען ווייזן אויך, אַז די אינטעליגענץ וויל נישט אַקצעפּטירן דאָס אינסטיטוציאָנאַליזירטע, ביוראָקראַטיזירטע ייִדישע קהילה־לעבן. די עטישע און מאָראַלישע ווערטן פון ייִדישקייט זיינען פאַר איר וויכטיקער ווי סייגים, ווי די לאַוו'ן און פאַרבאָטן. זי איז נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ריטואַלן און צערעמאָניעס.

ווי פילט און טראַכט די היגע ייִדישע יוגנט? פאָרשונגען ווייזן, אַז ייִדישע סטודענטן אין אַמעריקע וואַרפן נישט אָפּ זייער ייִדישקייט. אָבער זיי האַלטן, אַז „אין אַ פרייער געזעלשאַפט וואו מען קען אויסקלייבן צי מ'זאָל זיין ייִדן, דאַרף ייִדישקייט ווערט זיין צו ווערן אויסגעקליבן — אַזוי אָנציענדיק דאַרף עס זיין"*. די יוגנט באַקלאָגט זיך אויף דער צביעות פון די עלטערן; זיי ווילן, אַז די קינדער זאָלן פּראַקטיצירן דאָס, וואָס די עלטערן היטן נישט אָפּ. „זיי דערציילן אונדז וועגן דער הויכער ייִדישער עטיק, אָבער פּאַקטיש האָט דער בעל־המאה די הויפּט־דעה"*. דער יונגער אַמעריקאַנער ייִד איז געווענדט מיטן פּנים צו דער וועלט און ער איז קודם־כל פאַראינטערעסירט אין סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער וויל עפּעס מתקן זיין אין דער וועלט — און ער קריגט פאַר דעם אַ געלעגנהייט אין „שלום קאָר־

* *Manheim S. Shapiro*: Jewish Youth and Their Parents, "Pioneer Woman," Jan. 1965.

פוס", אין די אַנטי־מלחמה־באַוועגונגען און ענלעכע. אין דער ייִדישער אָרגאַניזירטער קהילה געפינט ער דערווייל נישט אַזעלכע טעטיקייטן, וואָס זאָלן אַרויספאָדערן זיין אידעאַליזם. מעגלעך, אַז אַט די יוגנט וואָלט דער־נענטערט געוואָרן צו אונדזער לעבן, אויב מיר וואָלטן געוואָרן אַריינגעטון אין די צענטראַלע סאָציאַלע פראַגן פון אונדזער צייט. מ'וואָלט עס אפשר אַזוי געמעגט אויסדריקן: אויף וויפל מיר און אונדזערע ייִדישע אָרגאַ־ניזאַציעס וועלן זיין אַ טייל פון דער וועלט, אויף אַזוי פיל וועט אונדזער יוגנט זיין אַ טייל פון אונדז. דאָס מיינט: פראַקטיצירן נביאישע ייִדישקייט איז דאָס בעסטע מיטל צוצוציען די יוגנט צו אונדזער לעבן. אונדזער יוגנט איז סענסיטיוו צו אידעאַלן און זי גייט דאָרטן, וואו ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר אידעאַליזם.

אין מיין נאָענטן קרייז האָב איך היינטיקן פּסח געהערט פון דריי פאַלן, וואו די קינדער־סטודענטן אין קאָלעדזשעס האָבן זיך געאיילט ביים סדר, ווייל זיי האָבן געדאַרפט גאַנץ פרי אויפשטיין — בכדי צו פאָרן קיין וואַ־שינגטאָן זיך באַטייליקן אין אַנטי־מלחמה־דעמאָנסטראַציעס.

אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט און דער אינטעליגענץ — אַט דער רעזערוואואַר פון אונדזער עלטערנשאַפט — ווערט אָפּגעשטויסן פון אונ־דזער אָרגאַניזירט קהילה־לעבן צוליב זיין פלאַכקייט, ביוראָקראַטישקייט און וואולגאַריטעט. זי בענקט נאָך אַ נאָן־קאָנפאָרמיסטישער ייִדישקייט מיט אַ באַחרית־הימים־אידעאַל אין סאַמע צענטער. בכדי מיר זאָלן זי געווינען פאַר אונדזער ייִדיש־וועלטלעכער שול, וועלן מיר דאַרפן אויפהערן זיין דאָגמאַטיש און אינערטיש; זיך נישט שרעקן פאַר רעוויזיעס, מאָדיפיקאַציעס פון פראָגראַם און מעטאָדן: און בכדי זיי צו געווינען פאַר אונדזער קולטור־ירושה, וועלן מיר דאַרפן אַקצענטירן יענע מאָטיוון וואָס קענען שטילן דעם נשמה־הונגער פון היינטיקן ייִד אין אַמעריקע. דערפאַר דוכט זיך מיר, אַז אין אַן אינדיווידואַליסטישער מדינה — און אין אַ לאַנד פון פרייהייט ווי אַמעריקע — דאַרף מען מער באַטאָנען דעם יחידישן מאָמענט אין ייִדיש־קייט. מיר זיינען צו פיל קאָנצענטרירט אויף קיום האומה — ווי אויף באַזינען די עקסיסטענץ פון ייִדישן יחיד.

איצט, אין פּרץ־יאָר, איז כדאַי צו דערמאָנען זיין „אַלטע" אָבער ווייט נישט פאַרעלטערטע עסיי „וועגן וואָס פירן אָפּ פון ייִדישקייט". אין יענער

נאָך היינט אַקטועלער עסיי האָט פּרץ אָנגעוויזן: יעדע צייט, יעדער פּלאַץ, יעדער קלאַס וויל האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף ייִדישקייט. „נעמט מען אינסטי־טוטן, אין וועלכע עס באַקליידט זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ, אין אַ געוויסן מאָמענט דער ייִדישער גייסט, אויפן אָרט פון ייִדישן גייסט. נעמט מען, לויט צייט און אָרט פאַרענדערלעכע סימבאָלן — די שפּראַך פון דער ייִדי־שער רעליגיע, פילאָסאָפיע, וועלט־אָנשויאונג, מאָראַל אד״גל — און מען שטעלט עס אויפן אָרט פון לעבעדיקן, שעפערישן אינהאַלט". פּרץ פירט אויס, אַז „ייִדישקייט איז דאָס, וואָס באַשאַפט אין צייטן פון זעלבשטשטענדי־קייט, פרייהייט און מאַכט, אינסטיטוטן צו איר אַנטפּלעקונג און פאַרקער־פּערונג, און דעמאָלט איז זי פרייד און גליק, עולם הזה, וואָס באַשאַפט אין צייט פון שטרייט, אינסטיטוטן צום אָפּוער, צום פאַרהיטן, צו שיצן זיך — דעמאָלט איז זי קאַמף און העלדן־געזאַנג! און וואָס מוז אין צייטן פון שוואַכקייט זיך איינציען, איינשרומפּן, באַהאַלטן אין „פּינטעלע ייִד" — דעמאָלט איז זי האָפענונג, ליידן און פּיין... משיח־חלומות און עולם הבא"*.

ייִדישע דערציאונג, בכדי זי זאָל אַפּעלירן צו און געווינען יונגע על־טערן, וועט זיך מוזן מער באַשעפטיקן מיט די פּראָבלעמען פון ייִדן ווי יחידים, ווי מענטשן; מיט פּראָגעס פון לעבן און טויט, ליידן, רשעות, מלחמה און שלום. אָט די און ענלעכע „אייביקע פּראָבלעמען" באַשעפטיקן דעם יונגן ייִד אין אַמעריקע.

ייִדיש מוז נאַטירלעך ווייטער פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין קורי־קולום, ווייל ס'איז דער בעסטער און פרייסטער אויסדרוק פון ייִדישער אַנדערשקייט; אַ באַנד וואָס פאַרקניפּט דורות און קיבוצים. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז אַ רייכער אוצר פון ייִדישער חכמה, ייִדישע ווערטן און ייִדישער שיינקייט. זי וועט קענען העלפן פאַרוואָרצלען די יונגע דורות אין ייִדישן גייסטיקן באָדן. אָבער בכדי צו מאַכן די דאָזיקע ליטעראַטור וואָס מער באַדייטונגספול פאַרן יונגען דור, דאַרף מען אָפּקלייבן יענע שרייבער און ווערק, וואָס זיינען מער צוגעפּאַסט צו די איצטיקע נויטן. דאָס מיינט: אַרויסרוקן יחידישע און אוניווערסאַלע מאָטיוון.

איינע פון די הויפּט־סיבות פאַרוואָס חסידות — נוסח מאַרטין בובער — האָט אַזוי אַפּעלירט צו דער היינטיקער אינטעליגענץ, איז איר הומאַ־

* י. ל. פּרץ: אַלע ווערק, 11טער באַנד, ווילנע, ב. קלעצקין, 1925, זייטן: 67־69.

ניסטישער געדאַנקען־גאַנג (אין אַ רעליגיעזן לבוש)؛ די אָריענטאַציע אויפֿן מענטש מיט זיינע שוואַכקייטן. יעדער מענטש פֿאַרמאָגט — לויט חסידות — אַ ניצוץ, וואָס קען דערהויבן ווערן צום געטלעכן מקור؛ און דער ייִדישער גלות איז אַ טייל פֿון וועלט־גלות, פֿון דער שכינה אין גלות. אויך די ייִדישע פּאָעזיע, וואָס איז קאָנדענסירטע ייִדישע חכמה און שיינקייט, קען ווערן אַ רעזערוואואַר, פֿון וואַנען ייִדישע קינדער — און אויך עלטערן — קענען שעפּן אַריינבליקן, איבערלעבונגען, ייִדישן טרויער און דערהויבונג, אויב מיר וועלן זי ברענגען אין איבערדיכטונגען אויף ענגליש — אַזוי ווי דער „פּענגווין״־פֿאַרלאַג האָט עס געטון מיט פֿראַנצייזישער, רוסישער און דייטשער פּאָעזיע.

דערצו וועט די ייִדיש־וועלטלעכע היים דאַרפֿן אַריינפֿירן דעם ייִדישן יום־טוב אין דער אינטימער משפּחה־אַטמאָספֿער. דאָס מיינט: אויסאַרבעטן אַ מאָדערן־טראַדיציאָנעלן ריטואַל — מיט אַ ייִדישן טעם און ריח פֿאַר ייִדישע ימים־טובים — נישט בלויז פֿאַר חנוכּה און פּסח؛ נאָר אויך פֿאַר ראש־השנה און יום כּיפּור؛ און אַוודאי פֿאַר סוכּות און שבֿועות.

די איצטיקע צייט — ווען ס'איז נאָר וואָס אָנגענומען געוואָרן דער פֿעדעראַלער דערציאונגס־געזעץ — דאַרף פֿון אונדז אויסגענוצט ווערן צו בויען, אין עטלעכע גרויסע שטעט, מוסטערדיקע טאָג־שולן. ווען אַ ייִדיש קינד וועט לערנען ייִדישע לימודים 15 שעה אַ וואָך, וועלן מיר אים קענען געבן אַזוי פֿיל גייסטיקע וויטאַמינען פֿון אַ ייִדישן אינהאַלט, ביז זיי וועלן פֿאַרוואַנדלען די צוויי־קולטורישקייט אין אַ רעאַליטעט. ייִדישקייט וועט דעמאָלט נישט זיין קיין קליין אינדזעלע, וואָס קען פֿאַרפֿלייצט ווערן פֿון אַמעריקאַנער ים.

אונדזער דילעמע באַשטייט אין דעם, וואָס אַמעריקע סאַנקציאָנירט טאַקע אָפֿיציעל רעליגיע ווי אַ באַריערע וואָס טיילט־אָפּ ייִדן פֿון אַנדערע גרופּעס؛ אָבער רעליגיע האָט פֿאַרלוירן איר כּוח און באַדייט פֿאַר אַ סך ייִדישע יחידים. דאַרף מען דעריבער נעמען אַלע אַנדערע עלעמענטן פֿון ייִדישקייט — ייִדיש, העברעאיש, שטייגער, ליטעראַטור, יום־טובים — וואָס זאָלן שאַפֿן פֿאַר ייִדן אַ גייסטיקע היים, אַ קולטור־ספֿערע. אויב נישט, וועט אונדזער וועלטלעכע ייִדישקייט ווערן אַ סטאַגנירנדיק וואַסערל און מיר וועלן נישט האָבן מער ווי איין קולטור — מיט אַ ביסל ייִדישע גאַסטראָנאָמיע.

צום גליק זיינען פאַראַן אַ ריי פאַקטאָרן וואָס אַרבעטן לטובת צוויי־קולטורישקייט: א) דער אויפגעוואַכטער אינטערעס אין יידיש און אין יידישער ליטעראַטור ביי אַ סך אַמעריקאַנער יידן; ב) דער וואונדער פון מדינת ישראל, וואָס האָט באַפליגלט יעדן קיומיסט; ג) יידן און יידישקייט זיינען געוואָרן פּאָפּולערע טעמעס אין אַמעריקע און עס דערשיינען כסדר ביכער, וואָס פאַרקויפן זיך אין גרויסע צאָלן; ד) דער נעאָ־חסידיזם אָדער דער יידישער עקסיסטענציאַליזם פון בובער און ראָזנצווייג וואָס איך האָב פריער דערמאָנט; ה) דער איצטיקער גייסטיקער קלימאַט, וואָס דערמוטיקט און שאַצט אָפּ אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן און גרופּעס. עס הערשט, לויט דער מיינונג פון אַ ריי געלערנטע, אַ מין פילאָסעמיטיזם ביי דער אַמעריקאַנער נישט־יידישער אינטעליגענץ.

אָבער הינטער די דאָזיקע אַלע גוטע צענטריפּעטאַלע פאַקטאָרן מוז זיין אַן אידעאַל. בכדי די יידיש־וועלטלעכע שול זאָל צוגרייטן דערפאָלגרייך די קינדער פאַר צוויי־קולטורישקייט, מוז זיין אמונה; אַן אמונה, אַז ס׳איז כדאי די שטענדיקע שפּאַנונג און דער געראַנגל מיטן הויפּט־שטראָם פון דער אַרומיקער קולטור. און דאָ מוזן מיר — אַלע מאָדערנע, וועלטלעכע יידן — זיך אָנשפּאַרן אויפן אַלטן יסוד, אויב מיר ווילן זיין עכט, גאַנץ מיט זיך, מיט אונדזער געוויסן. און מיר קענען נישט זיין גאַנץ, אויטענטיש, סיידן מיר שפּינען ווייטער די גאָלדענע קייט וואָס ציט זיך פון באַרג סיני. איר מעגט עס אָנרופן אתה־בחרתנו, איר מעגט עס אָנרופן „יידישע מיסיע״ — מיר קולטור־יידן זיינען אפשר די געטרייסטע פאַרטרעטער פון הומאַניזם, פון עכטן נישט־געפּעלשטן יידישן הומאַניזם. מיר געטרויען קיינעם נישט די דאָזיקע ירושה — אַחוץ אונדזער עטאָס, אונדזער אין פייער אויסגע־פּרואוווטער קולטור, אונדזער יידישקייט, אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלער שול. אָט פאַר דעם אידעאַל לוינט זיך צו ברענגען קרבנות אין יעדן דור, ווייל דאָס איז די שליחות פון אייביקן פאָלק.

(1965)

# פאַלשע שטריכן אין אַ פּאָרטרעט פון אַמעריקאַנער יִדישן קיבוץ

דער אַמעריקאַנער יִדישער קיבוץ — דער שטאַרקסטער און צאָל־רייכסטער אין יִדישן וועלט־פאָלק — הערט נישט אויף צו זיין דער אָביעקט פון האָפענונג און פון באַזאָרגטקייט מצד יִדן, ספּעציעל פון די יעניקע יִדן וואָס זיינען באמת פאַראינטערעסירט און באַזאָרגט וועגן דעם המשך פון יִדישקייט און יִדישער קולטור. יענע וואָס אָפּערירן מיט פּאַרטיקע מזרח־אייראָפּעאישע מאָסן און קריטעריעס מיינען אַז מיר גליטשן זיך בהדרגה באַרג־אַראָפּ צו אַסימילאַציע. וואָרעם אונדזער שפּראַכלעכע אַנדערשקייט, ווייזן זיי אָן ווערט שוואַכער און אונדזער אייגנאַרטיקער לעבנס־שטייגער אַנעמישער. ווירטשאַפטלעך און אַפילו קולטורעל זיינען מיר מער אינטע־גרירט אין דער אַמעריקאַנער קולטור ווי אין וועלכער ס'איז אַנדער נישט־יִדישער ציוויליזאַציע במשך אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע.

אָבער דער האָפענונגספולער צד האָט נישט ווייניק ראיות צו באַרעכ־טיקן זיין אָפּטימיזם אין שייכות צו דער יִדישער צוקונפט אין אַמעריקע. ער ווייזט אָן — און מיר דוכט זיך אַז די לאָגיק איז נישט אינגאַנצן קעגן אים — אַז מיר נוצן די טערמינען אַסימילאַציע און המשך זייער נישט פּאַרזיכטיק און גאַנץ אָפט אַרביטראַר, וואָרעם יִדישע שעפערישקייט אין דער פרייער אַמעריקע מוז זיך נישט אויסווירקן אויפן זעלביקן אופן ווי אין מזרח־אייראָפּע, אָדער ישראל. אַמעריקע איז אַ נייער פענאָמען אין דער דיאַספּאָרע; זי איז נישט קיין קאָפּיע נישט פון מזרח־און נישט פון מערב־אייראָפּע. עס דאָמינירט טאַקע דאָ די אַנגלאָ־זאַקסישע קולטור אָבער מיר לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין גרויסע שטעט; מיר שאַפן דאָ בהדרגה אַ נוסח אַמעריקע; יִדישע קהילות — הגם פרייוויליקע. דערצו איז אַמע־ריקע אַ דעמאָקראַטיש־פּלוראַליסטיש לאַנד וואָס אַנערקענט דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט לגבי אידעאישע, רעליגיעזע און עטנישע מינאָריטעטן. אונ־דזער היגע יִדישע קאָמפּאַקטקייט; אונדזערע צאָלרייכע אינסטיטוציעס; אונדזער רעליגיעזע און וועלטלעכע קולטור — אין אַלע פאָרמען — און דערצו דער הייניקער גייסטיקער קלימאַט ווען מ'זוכט וואָרצלען און קול־טור־ווערטן אין דער ירושה פון די אָבות — אָט די אַלע דערשיינונגען

זאָגן אָן דעם אויפקום פון אַ ייִדישן לעבנס־סטיל און אַ שעפערישן המשך אין אַמעריקע.

אַלע זיינען אָבער מסכּים אַז אין דעם דאָזיקן מעכטיקן ייִדישן צענטער אַרבעטן גלייכצייטיק אי צענטריפוגאַלע אי צענטריפעטאַלע כּוחות; אָבער די פּעסימיסטן האַלטן אַז די ערשטע כּוחות האָבן די איבערהאַנט, בעת די אָפּטימיסטן פאַרמאָגן גענוג ראיות צו באַווייזן אַז די ייִדישע צוקונפט אין אַמעריקע איז געזיכערט. אין דעם בוך וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ׳ אָסקאַר יאַנאָווסקי* זיינען פאַרטראָטן בײדע שטאַנדפּונקטן. צווישן די נײַנצן געלערנטע וואָס באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן בוך זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס פּרוּוון דער עיקר אינפאָרמירן, באַשרייבן, אָנגעבן פאַקטן — נאָר ניט מאַכן די ווײַטיקע אויספירן.

ס׳איז אָן ספק אַ וויכטיק בוך, נישט געקוקט אויף געוויסע ערנסטע דעפעקטן וואָס עס פאַרמאָגט — ווי מיר וועלן באַלד זען. אין דעם בוך זיינען פאַראַן שטודיעס וועגן די צענטראַלע אַספּעקטן פון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, און צווישן די באַטייליקטע היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, ראַבאַיס און פאָרשער געפינען זיך אַזעלכע באַקאַנטע שריפטשטעלער ווי כאַסיע קופּערמאַן, מילטאָן קאָנוויץ, יעקב ר. מאַרקוס, נתן רייך, יהודה שאַפּיראָ, בצלאל שערמאַן, אייזיק זילבערשלאַג, מערי סירקין, אברהם דוקער, דזשודיט אייזענסטיין, אַרטור הערצבערג, י. ל. טעלער און אויך אַנדערע. זיי אַלע באַלייכטן די הויפּט־אינסטיטוציעס, די גרונט־פּראָבלעמען און טעטיקייטן פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. ווען מיר זיך דאָ נישט קענען אָפּשטעלן אויף אַלע ערנסטע אַרבעטן וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט; דאָס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ. וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף יענע אַרבעטן וואָס האָבן אונדז צום שטאַרקסטן פאַראינטערעסירט — די וואָס באַשעפטיקן זיך מיטן גייסטיקן לעבן פון אַמעריקאַנער ייִדן.

די ערשטע עסיי אין בוך געשריבן פון באַקאַנטן היסטאָריקער יעקב ריידער מאַרקוס באַהאַנדלט אין קורצע שטריכן די געשיכטע פון אַמעריקאַנער ייִדן; ער שטעלט אָן אַן אָפּטימיסטישן טאָן און, מיר דוכט זיך, אַז ער צייכנט איינזייטיק־סוביעקטיוו דעם פּראָפיל פון אַמעריקאַנער ייִד.

* *The American Jew*—Edited by Oscar Janowsky, the Jewish Publication Society, Phila., 1964, pp. 466.

פראָפ׳ מאַרקוס האַלט אַז דער צוקונפטיקער אַמעריקאַנער ייִד וועט זיך נישט אונטערשיידן נישט אין זיין שפּראַך, נישט אין זיין אויסזען און ניט אין זיינע קליידער פון זיינע מיטבירגער. ער וועט זיין לאָיאַל צו די אידעאַלן פון זיין פאָלק און דעם וואוילזיין פון די וויטסטע ייִדישע קיבוצים. דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער לעבנס־סטיל, מיינט ער, וועט צוריקברענגען דעם רוב ייִדן אין דער סינאַגאָגע און ס׳וועט דאָ אויפקומען אַ סינטעז פון אַמעריקאַנישקייט און ייִדישקייט פּונקט ווי די היסטאָרישע סינטעזן אין אַלעקסאַנדריע (העלעניזם און ייִדישקייט) און שפּאַניע. פאַרשטייט זיך אַז די אַמעריקאַנער ייִדישקייט וועט געפינען איר אויסדרוק אין ענגליש אַזוי ווי אין די צייטן פון פילאָנען אין גריכיש, אין רמב״מס צייט אין אַראַביש, און „די וויסנשאַפט פון ייִדנטום״ אויף דייטש.

מיט ייִדיש פאַרטיקט זיך פּראָפ׳ מאַרקוס שנעל אָפּ און ער פּסקנט אַז זי האָט שוין איר שליחות פאַרענדיקט. ייִדיש האָט אָפּגעטאָן אַן עפעקטיווע דינסט דערמיט וואָס זי האָט מעגלעך געמאַכט אַז די ניי־געקומענע אימי־גראַנטן זאָלן גייסטיק קענען עקסיסטירן ביז וואַנען זיי און זייערע קינדער וועלן זיך האָבן פאַרוואָרצלט אין אַמעריקאַנער באָדן.

אַוודאי וואָלט זיך אונדז וועלן גלייבן אַז די „גאָלדענע צייט״ פאַר אַמעריקאַנער ייִדן איז אומפאַרמיידלעך. אונדז וואונדערט אָבער ווי אַזוי אַ היסטאָריקער קען „פאַרגעסן״ אַז אויך אין מיטלאַלטער — ווען די וועלט און אַלע לעבנסדערשיינונגען זיינען געווען דורכגעדרונגען פון רעליגיע און פון רעליגיעזע מאָמענטן, האָבן פונדעסטוועגן אַ היפּש ביסל ייִדישע ראַ־ציאָנאַליסטן נישט געקענט ביישטיין דעם צויבער אָדער דעם כוח פון קריסטלעכן אַרום; מכל שכן איצט ווען די וועלט איז סעקולאַריזירט און ייִדישע רעליגיע איז נישט מחייב פאַר מערסטע אַמעריקאַנער ייִדן קיין באַזונדער לעבנס־שטייגער אין יחידישן אויפפיר — ווי קען אַזאַ אַנעמישע רעליגיע פאַרזיכערן אַ ייִדיש־קרעאַטיוון המשך ?!

און טאַקע באַלד אין דער שכנותדיקער אַרבעט פון בצלאל שערמאַן ווערט ציטירט אַן אַנקעטע וואָס דער „אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט״ האָט דורכגעפירט, וואו ס׳ווערט פעסטגעשטעלט אַז פאַר אַ סך אַמעריקאַ־נער ייִדן זיינען וויכטיקער די אַלגעמיינע עטישע און מאָראַלישע ווערטן אין יודאַאיזם, — וואָס זיינען שוין איצט אַ טייל פון דער מערב־קולטור,

— איידער די אייגנאַרטיקע פּראַקטיק און מצוות וואָס האָט געשיכטלעך אָפּגעטיילט דעם ייִד פון קריסט. און דאָס איז בפירוש אַ ראיה קעגן דעם אויספיר פון פּראָפ׳ מאַרקוס. וואָרעם אַזאַ איינשטעל פון די ייִדן אין אַמע־ריקע גאַראַנטירט נישט אַ גאָלדענע תקופה פאַר אַמעריקאַנער ייִדישקייט. מע מעג דעריבער זיין אַ ביסל איינגעהאַלטענער מיטן זאָגן נביאות — ווי דאָס טוט יעקב מאַרקוס.

גאָר אַ טונקל, — שוין צו טונקל — בילד קריגן מיר פון דעם גלענ־צנדיקן קריטישן אַנאַליז וואָס מערי סירקין פירט דורך איבער ווערק פון די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער ייִדישע נאָוועליסטן און פּאָעטן וואָס שרייבן אויף ענגליש. אָננעמענדיק לודוויג לואיסאָנס דעפיניציע אַז „אַ ייִדיש בוך איז אַ בוך וואָס ווערט געשריבן פון אַ מענטשן וואָס ווייסט אַז ער איז אַ ייִד״ טרעט זי צו צו דער אינטערפּרעטאַציע פון אַ ריי באַקאַנטע שרייבער. אין שייכות צו פיליפּ ראָטה מיינט זי אַז ער ליידט נישט בלויז פון אַליין־האַס, נאָר אַז זיינע כאַראַקטערן זיינען וואולגאַר, נאַריש און גרויזאַם; אַז נישט געקוקט אויף זיינע בריליאַנטענע סאַטירישע פּלעקן און זיין גוט אויער פאַר דיאַלאָג — איז זיין שאַפונג ווי אַ גאַנצע — פאַלש.

אין דזש. ד. סאַלינדזשערס ווערק זעט מערי סירקין דעם יונגן ייִדיש־אַמעריקאַנער שרייבערס אַנטלויפן פון ייִדישקייט צו זען — בודיזם און די „יעזוס־תפילה״, ווייל ייִדישקייט, ייִדישער אידעאַליזם, דער אייביקער ייִדי־שער דאָרשט צו זוכן גייסטיקע ווערטן, האָט פאַר אַ סך פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע קינדער פאַרלוירן יעדן זין און ווערט, און איז פאַר זיי נישט מער ווי אַן אויסגעטריקנטער קוואַל. פאַרן פּאָעט קאַרל שאַפּיראָ איז ייִדישקייט נישט קיין ליידנשאַפט צו וועלכער מען איז איבערגעגעבן, נאָר אַן אָבסעסיע פון וועלכער מ׳וויל אַנטלויפן. אויך אין דער עסייאיסטיק וואו ייִדן זיינען אין דער מזרח־וואַנט, קערן זיך זייערע הויפּט־אינטערעסן מיט גאָרנישט אַן מיט די הויפּט־שטראָמען פון ייִדישן לעבן, און ייִדישע פּראָ־בלעמען. דער אויסנאַם איז פאַרשטייט זיך מאָריס סעמיועל.

זי פאַרענדיקט איר רעזומע אויף אַן אומעטיקער נאָטע: די זין און אייניקלעך פון אימיגראַנטן וואָס זיינען איצט די איניציאַטאָרן אין יעדער אַמעריקאַנער קינסטלערישער און אינטעלעקטועלער שטרעמונג; דווקא צוליב זייער פאַרקאָכטקייט אויף אַלע געביטן פון אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן

וואָס ווערט נישט באַגלייט פון אַ טיפערן יידישן באַוואוסטזיין — דווקא צוליב דעם שטעלן זיי אונטער אַ פראַג־צייכן דעם ווייטערדיקן המשך פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ ווי אַ קולטור־יש.

אַן אַנדער אַספּעקט פון דעם זעלביקן פּראָבלעם באַהאַנדלט יהודה שאַ־פּיראָ אין זיין עסיי וועגן „יידישע קולטור — איבערגעפלאַנצטע און היי־מישע". ער שטרייכט אונטער דעם פאַקט אַז אין נאָענטן עבר האָבן מיר אין היגן יידישן קיבוץ געהאַט אַ דיפערענצירט אינטעלעקטועל לעבן און אַז די אינעווייניקסטע שטרייטן צווישן די פאַרשיידענע גרופּירונגען האָבן געפונען אויסדרוק אין פּאָלעמישע ווערק וואָס פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. אין דער הייַנטיקער אַמעריקאַנער יידישער געמיינדע פאַרנעמען די דאָזיקע מחלוקת לשם שמים אַ גאָר קליי־נעם פּלאַץ. אָבער אינטעלעקטועלקייט און גייסטיקייט, ווייזט ער אָן זייער ריכטיק, קען נישט האָבן קיין האַפט אָן אידעאַלן וואָס ווערן געפריידיקט אָדער באַקעמפט.

ישראל ווי דאָס לאַנד פון וואַנען מיר ווילן אימפּאָרטירן קולטור, האַלט ער, איז אַן ערזאַץ און פאַרפירעריש. וואָרעם דער סינטעז פון אָריענטאַלישע און אייראָפּעאישע עדות מיט זייערע באַזונדערע קולטור־פאָרעמס וועט פּראָ־דוצירן אַ ישראל־קולטור וואָס וועט זיין שטאַרק אַנדערש פון דער יידישער קולטור אין עבר, דערצו פעלט אין ישראלדיקן יידישן קיבוץ דער אַרויס־פאָדער אין טאָג־טעגלעכן לעבן וואָס מאָנט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: מיט וואָס איז יידיש דעם יידנס לעבן אין קעגנזאַץ צו די נישט־יידן. די ראָלע פון אַן ערזאַץ־קולטור אויף דעם געביט, ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף ישראל, מיינט פּאַקטיש סאַנקציאָנירן אַז ס'איז נישט נייטיק קיין יידיש אינ־טעלעקטועל לעבן אין אַמעריקע. אויב מע זאָל גיין אויף דעם וועג, — פאַרענדיקט יהודה שאַפּיראָ זיין סטימולירנדיקע עסיי — וועט מען סוף־כל־סוף שאַפן אַ סיטואַציע ווען מע וועט פּאַקטיש עלימינירן יידיש־גייסטיקע שאַפונגען אין אַמעריקע, אַזוי אַז שפּעטער וועט מען שוין נישט זיין אויפ־נעם־פעאיק פאַר דער קולטור־סחורה וואָס ישראל וועט אַהער עקספּאָרטירן.

***

איינע פון די אָנרעגנדיקסטע און אויך אויפרעגנדיקסטע אַרבעטן אין דעם בוך — ווייל זי איז אי נישט קאָנסעקווענט און אי נישט איבערצייגנדיק — שיינט אונדז צו זיין העראָלד וויסבערגס עסיי: אידעאָלאָגיעס פון אַמע־

ריקאַנער ייִדן. לויט ווייסבערגן האָבן אַמעריקאַנער ייִדן במשך פון די לעצטע 15 יאָר אויפגעגעבן וועלטלעכע, הומאַניסטישע און ליבעראַלע אידעאָלאָגיעס און זיי פאַרביטן אויף עקסיסטענציאַליסטישע טעאָלאָגיעס. ער פּסקנט דאָגמאַטיש אַז ראַציאָנאַליזם, הומאַניזם, סעקולאַריזם, ראַדיקאַליזם זיינען אַראָפּ פון דער סצענע און אויף זייער פּלאַץ איז געקומען דער איראַציאָנאַליזם, דער אומגלויבן אין פּראָגרעס. ס'איז ממש, ווייזט ער אָן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דאָ פאַרגעקומען אַן אידעאָלאָגישע רעוואָלוציע. אָבער צי איז דאָס טאַקע אמת? לאָמיר דערווייל געדולדיק אויסהערן דעם „זעער״ פון דער רעוואָלוציע.

ער מיינט אַז ווי אַ רעזולטאַט פון דער עקסיסטענציאַליסטישער רעוואָלוציע זיינען געקומען אַזעלכע קאָנסעקווענצן. א) אַסימילאַציאָניזם איז פאַרשוואונדן ווי אַן אידעאָלאָגיע אין דער היגער ייִדישער געמיינשאַפט, ווייל די אינטעלעקטואַלן האָבן צוגעשטעלט אַן אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונג פאַר זעלבסט־אַקצעפּטירונג; ב) די אינטעלעקטואַלן האָבן אויך בייגעשטייערט צום פאַרשווינדן פון וועלטלעכקייט ווי אַ לעבעדיקן אויסוואַל פאַר אַמעריקאַנער ייִדן.

אָבער דאָס זיינען אין בעסטן פאַל האַלב־אמתן, אויב נישט נאָך ווייניקער. וואָרעם ווי האָבן די אינטעלעקטואַלן געקאָנט העלפן פאַרטיפן ביי אַמעריקאַנער ייִדן זייער ייִדישקייט, זייער ייִדיש־באַוואוסטזיין און דאָס אַקצעפּטירן זיך ווי ייִדן, בשעת מיר ווייסן אַז זיי אַליין אַנטלויפן גאָר פון ייִדישקייט! און ווען האָבן זיי אָפּגעוואָרפן וועלטלעכקייט? ראשית, איז גוט באַקאַנט אַז צווישן די 40־50 פּראָצענט נישט אַפיליאירטע אַמעריקאַנער ייִדן געפינען זיך אַ סך ייִדישע אינטעלעקטואַלן. צווייטנס, האָט דער „קאָמענטאַרי״־סימפּאָזיום מיט עטלעכע יאָר צוריק באַוויזן אַז פרויד, מאַרקס און איינשטיין — נישט די עקסיסטענציאַליסטן קירקעגאַרד, טיליטש אָדער בובער — רופן אַרויס דעם גרעסטן אָפּקלאַנג צווישן דער יונגער אַמעריקאַנער ייִדישער אינטעליגענץ. מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן ווייטער זאָגט אונדז דער מחבר גופא אַז זייער ווייניק אינטעלעקטואַלן האָבן געפּריידיקט אידענטיפיקאַציע מיט דער סינאַגאָגע: אַז נישט אַלע זיינען סימפּאַטיש צו רעליגיע און אַז זיי האָבן „נישט געפּריידיקט אויפצוגעבן געוויסע דאָמינירנדיקע שטריכן פון סעקולאַריזם״. אָבער אָט דאָס איז דאָך סותר און לייקנט אָפּ אַלץ וואָס דער מחבר האָט ערשט דאָ פריער דעקלערט. ער גיט

אויך צו אין דער זעלביקער עסיי, אַז די נייע טעאָלאָגיעס זײַנען אין בעסטן פאַל בימה־טעאָלאָגיעס און אַז זיי זײַנען נישט געוואָרן קיין ערנסטע רעלי־גיעזע אידעאָלאָגיעס אין דעם ייִדישן ציבור (זײַט 354); אויב אַזוי, וואו זשע, פרעגן מיר, איז פאַרגעקומען די אידעאָלאָגישע איבערקערעניש, מיט אירע קאָנסעקווענצן?!

קיינער וועט נישט לייקענען אַז דער גייסטיקער קלימאַט פון דער איצטיקער צײַט איז גאָר אַן אַנדערער ווי ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אמת סיי בנוגע אַמעריקע, סיי בנוגע דער ייִדישער אַמעריקע. ס'איז אויך אמת אַז אַ ריי ייִדיש־אַמעריקאַנער דענקער ווי למשל אַן אברהם העשל, אַ מאָריס פרידמאַן (בובערס תלמיד), אַ וויל הערבערג — זײַנען אַנטי־ראַציאָנאַליסטן. אָבער צי זײַנען זיי טאַקע די דאָמינירנדיקע דענקער אין היגן ייִדישן ישוב? ווייסבערג אַליין איז מודה אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ איז בכלל געבליבן גלייכגילטיק צו יעדער מין אידעאָלאָגיע (זײַט 342). און דערצו זײַנען דען נישט פאַראַן אַמעריקאַנער ייִדישע טעאָלאָגן און דענקער וואָס האַלטן זיך ווײַטער ביי ראַציאָנאַליזם און נאַטוראַליזם? איז דען נישט ד״ר יעקב אייגוס און פראָפ' מרדכי קאַפּלאַן מיט זײַנע תלמידים פונקט אַזוי רעפּרעזענטאַטיוו פאַרן אַמעריקאַנער ייִדישן געדאַנק ווי די פריער דערמאָנטע עקסיסטענציאַ־ליסטיש־געשטימטע טעאָלאָגן?

און ווי רעאַל איז זײַן אַנדערע טעזע מכוח דעם פאַרשווינדן פון אַלע וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס צווישן אַמעריקאַנער ייִדן? איז דאָס אַנגעמאָסטן אויף סאָציאַליסטן, די בונדיסטן, די ייִדישיסטן? ווער האָט געפּסקנט אַז זיי זײַנען שוין אַלע טויט און ווען מע באַטראַכט אידעאָלאָגיעס פון אַמע־ריקאַנער ייִדישן קיבוץ קען מען זיי איגנאָרירן? איך מיין אַז דער מחבר מיט זײַן „ווײַטן קוק" האָט זיך אַ ביסל צוגעאײַלט מיט זײַן רבנן קדיש. אַוודאי האָבן די אַלע דערמאָנטע שיטות, פונקט ווי די רעליגיעזע ייִדן, מאָדיפיצירט און איבערגעשאַצט זייערע טעאָריעס און טויגעוודיגע אין ליכט פון דער נייער צײַט; אָבער זיי זײַנען אין תוך פאַרבליבן ביי זייערע וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס.

די גאַנצע עסיי איז אָנגעפּיקעוועט מיט סתירות — אַזוי אַז אונדז איז שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי דער רעדאַקטאָר האָט דאָס דורכגעלאָזט אָן אַ קאָמענטאַר. לאָמיר ציטירן נאָך איין „אָריגינעלן" מוסטער: מיט 30־40

יאָר צוריק, לייענען מיר אין דער זעלביקער אָפּהאַנדלונג, איז עס געווען אַ שווערע אויפגאַבע פאַר ליבעראַלע טעאָלאָגן צו באַווייזן אַז יהדות איז נישט צעקריגט מיט הומאַניזם, מאַרקסיזם, סעקולאַריזם. ייִדישקייט איז דעמאָלט טראַנספאָרמירט געוואָרן אין פאַרשיידענע פורעמס על פי דיואי, מאַרקס, דאַרווין, פרויד; אָבער זי איז אין תוך געווען אָפּגעפרעמדט פון דער מאָדערנער וועלט. אָבער במשך די לעצטע 15 יאָר איז ייִדישקייט אין האַרמאָניע מיטן פּאָרגעשריטנסטן געדאַנק, — אַזוי מיינט וויסבערג. אָבער ס׳איז גענוג בלויז אָנצורופן די סאַמע באַקאַנטסטע ייִדישע דענקער פון דער מאָדערנער צייט — אַ קראָכמאַל, אַ הערמאַן קאָהען, אַן אחד העם, אַ חיים גרינבערג, אַ מרדכי קאַפּלאַן מען זאָל דערזען אַז זיי האָבן באַוויזן צו האַרמאָנירן ייִדישקייט מיט וויסנשאַפט, מיט פּראַגמאַטיזם פונקט ווי די היינטיקע טעאָלאָגן פּרובירן האַרמאָנירן דעם יודאַאיזם מיטן עקסיסטענציאַליזם.

ביים סוף פון דער אַרבעט דערטראַכט זיך דער מחבר צו אַ ריכטיקן געדאַנק, אָבער לײַדער נישט צו דער קאָנסעקווענץ פון דעם רעיון. ער שלאָגט פאָר אַז דער ייִדישער ציבור אין אַמעריקע זאָל מאַכן אָרט פאַר קליינע סוב־גרופּעס וועמענס אידעאָלאָגיעס זיינען פריי פון דער באַנאַליטעט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ייִדישן אָרגאַניזירטן לעבן. מען זאָל דערלויבן די דאָזיקע סוב־גרופּעס זייער אינסטיטוציאָנעלן אַפּאַראַט און קאָמונאַלע סטרוקטור אין דער היסטאָרישער ייִדישער געמיינשאַפט. אָבער ער זעט בלויז איצט צוויי אַזעלכע סוב־גרופּעס: די ליובאַוויטשער און די רעקאָנסטרוקציאָניסטן — הגם ער גיט צו אַז אַמאָל זיינען דאָס אויך געווען די ציוניסטישע און די ייִדישיסטיש־וועלטלעכע גרופּעס. אָבער פאַרוואָס זאָל די ייִדיש־וועלטלעכע גרופּירונג מיט איר ראַציאָנאַל פאַרן ייִדישן קאָלעקטיוו און יחיד נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אידעאָלאָגישע ריכטונג? צי איז נישט געווען אַ סך אמתדיקער דער צוגאַנג פון מילטאָן סטיינבערג וואָס האָט אין אַן ענגלעכן בוך, וואָס איז דערשינען אין 1942, יאָ באַהאַנדלט וועלטלעכע ייִדישקייט צווישן די פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס אין אַמעריקאַנער ייִדנטום? מיר מיינען אַז אויב מען וויל געבן אַן אמתדיק בילד פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ קען מען נישט אויסלאָזן ווי אַ קאָמפּאָנענט דעם וועלטלעכן ייִדישן סעקטאָר. אַפילו ווען ער באַטייליקט זיך נישט אין סינאַגאָגאַלן לעבן איז ער ווירקנדיק און שעפעריש און איז בלי ספק משפיע אויפן היינט און מאָרגן פון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן.

פאַראַן נאָך איין עסיי אין בוך וואָס מוז אַרויסרופן אומצופרידנקייט. מיר מיינען די לעצטע אַרבעט וואו דער רעדאַקטאָר פּראָפ׳ יאַנאָווסקי גיט אַ סך־הכלדיקן איינדרוק פון אַמעריקאַנער יידישן קאָלעקטיוו. ער נעמט אויף די טענות און תרעומות פון יענע וואָס וואַרפן אונדז פאָר אַז בעת בבל האָט אונדז געלאָזט דעם תלמוד; שפּאַניע — די גאָלדענע תקופה; פּוילן און רוסלאַנד — די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן; — האָט דער היגער יידישער קיבוץ מיט גאָרנישט באַרייכערט אונדזער גייסטיקן אוצר. דער רעדאַקטאָר ענטפערט די בעלי־טענות, און מונטערט אונדז אַ ביסל אַז מיר שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין קולטורעלן מדבר; אַז דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ האָט שעפערישע פּאָטענציעלקייטן פאַר דער צוקונפט; און אַז די וואָס שטעלן זיך אָפּ און וואַרפן דעם פּראָזשעקטאָר אויף אונדזערע דעפעקטן, דערוואַרטן זייער אַ סך לויט דעם לפי ערך קורצן צייט־אָפּשניט. עס האָט אַנדערע יידישע קיבוצים גענומען הונדערטער יאָרן איידער יידן האָבן דאָרט געשאַפן גרויסע גייסטיקע ווערטן. דאָס היגע יידישע קולטור־לעבן איז טאַקע פלאַך — גיט ער צו; אָבער מיר לעבן נישט אין קיין גייסטיקער פּוסטקייט. פאַראַן דאָ יידישע אַקאַדעמיעס, סעמינאַרן, פאָרש־אינסטיטוטן, מוזייען, יידישע ביבליאָטעקן; עס דערשיינען יידישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. 600,000 יידישע קינדער קריגן אַ געוויסן סאָרט יידישע דערציאונג. הכלל מען דאַרף זיך נישט מיאוס זיין. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פאַלט זיך נישט פונאַנדער — עס האַלט ערשט ביים פּראָצעס פון אויפקום. דאָס אַלץ איז זייער ריכטיק.

אָבער בעת מען מאָלט אַ פּאָרטרעט פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, קען זיך אַ יידישער היסטאָריקער דערלויבן אויסצולאָזן אַ שוין עקסיס־טירנדיקן צענטראַלן שטריך אין דעם בילד — דעם ווערטפולן צושטייער וואָס יידיש שעפערישע מענטשן אין אַמעריקע — פּאָעטן אין דער ערשטער ריי — האָבן אַריינגעטראָגן אין מלכות פון יידישער גייסטיקייט? אַזוי לאַנג ווי מען וועט אָפּשאַצן יידישע שעפערישקייט, יידישע חכמה און יידי־שע אָריגינאַליטעט וועט מען נישט קענען פאַרבייגיין די פאַרבנרייכע יידי־שע פּאָעזיע וואָס האָט אויפגעבליט אויפן היגן באָדן, און די עסייאיסטן, דערציילער און נאָוועליסטן. עס איז דאָ דעראָבערט געוואָרן אַ ריזיק פאַר־מעגן וואָס איז שוין איצט אַ רומפולער גייסטיקער אויפטו פון אַמעריקאַנער יידישן שבט. אָט דער אוצר דאַרף אין אַזאַ אַנטאָלאָגיע ווי די איצטיקע

פונאַנדערגעלייגט ווערן אין זיין גאַנצער פּראַכט פאַר די יונגע דורות, אַפילו פאַר יענע וואָס קענען נישט קיין יידיש. זאָלן זיי דערזען אַז לאָ אַלמן ישראל: אויך אויפן היגן האַרטן באָדן — נישט בלויז אין בבל, ספרד און מזרח־אייראָפּע — האָט מען געזונגען געזאַנגען, געחלומט חלומות און גע־קלעטערט אויף לייטערס צום הימל. זיי וועלן דערפילן אַז אויך דאָ זיינען מיר נישט קיין דלים ורקים. עס איז בפירוש נישט גענוג דאָס אַרטיקל פון 16 זייטן פון כאַסיע קופּערמאַן — אין אַ בוך פון קנאַפּע 500 זייטן — איבער דער יידישער ליטעראַטור. ליידער האָט זי זיך געשטעלט אַ צו גרויסע אויפגאַבע אויף אַ באַגרענעצטן פּלאַץ וואָס מ'האָט איר געגעבן. זי פּרובירט דאָ דעקן די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע, די פּרעסע, בעלעטריסטיק, דראַ־מע, עסייאיסטיק, און די חורבן־ליטעראַטור — דערפאַר איז די אָפּהאַנדלונג אַרויסגעקומען סכעמאַטיש. דאָ האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן אין דער גאַנצער טיפקייט דער אויפטו, דער צושטייער, דער אידעאַליזם פון די יידיש־יידן אין אַמעריקע. אויך איצט שפּילט נאָך דער דאָזיקער סעקטאָר אויס דעם עכטסטן יידישן ניגון און ער מאַכט נאָך אַלץ — דורך זיינע וואָרט־קינסטלער — אַ ווערטפולן צושטייער צו אויטענטיש יידישער שע־פערישקייט.

ליידער זעט זיך דאָס אַלץ נישט אָן אין דער אַנטאָלאָגיע, און אויך נישט אין די אַנטאָלאָגיעס וואָס „בני־ברית" האָט אַרויסגעגעבן איבער יידישע דענקער און גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער מאָדערנער צייט. בלויז אין שלום־עליכם האָט זוכה געווען באַהאַנדלט צו ווערן אין דער סעריע פון „בני־ברית". אָבער נישטאָ דאָרטן נישט קיין פּרץ, נישט קיין זשיטלאָווסקי, נישט קיין דובנאָוו, נישט קיין לייוויק, נישט קיין ש. ניגער. ווי עס ווייזט אויס וועלן די סינאַגאָגאַלע יידן און זייערע שרייבער נישט ברענגען אונדזער ירושה צו די קומענדיקע דורות. מיר וועלן עס מוזן אַליין טאָן — אויב מיר ווילן אַז אונדזערע קינדער זאָלן קענען אונדזער אמתדיק יידיש פּנים, נישט דאָס פאַרבלאַסטע, אויסדרוקלאָזע פּנים וואָס מיר זעען אין דעם בוך. דאָ האָבן מיר אפשר אַ סילועט, אפשר די קאָנטורן פאַר אַ פּאָרטרעט, אָבער נישט דעם פּאָרטרעט גופא.

(1965)

# ניו־יאָרקער יִדן ווי אַן עטנישע גרופּע

עס איז אַן אַלטע, אפשר אייביקע מענטשלעכע טבע צו גענעראַליזירן און סימפּליפיצירן אויך אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס לאָזן זיך נישט אַריינפּאַסן אין אַלגעמיינע קאַטעגאָריעס, און וואָס זענען צו קאָמפּליצירט, אַז מע זאָל זיי קענען פאַראיינפאַכן. דעריבער איז ברייט פאַרשפּרייט דער האַלב־אמת אַז די אויסגעפינסן פון די סאָציאָלאָגישע שטודיעס, וואָס ווערן געמאַכט וועגן קלענערע אַמעריקאַנער יִדישע קהילות לאָזן זיך אָנווענדן אויף אַלע יִדן אין אַמעריקע, אַריינגערעכנט אויך ניו־יאָרק. און הגם אַלע זאָגן דאָך, אַז „ניו־יאָרק איז נישט אַמעריקע", דאַרפן דאָך דאָ נישט חל זיין די מסקנות פון די אַנקעטעס וואָס ווערן געמאַכט אין ניו־הייווען, אָדער מידל־טאַון, אָדער סאַן־פראַנציסקאָ — פונדעסטוועגן ווען מע זאָגט „נביאות" וועגן דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער יִדישן קיבוץ „פאַרגעסט" מען זיך און מע נעמט אַריין אין סך־הכל אויך די צוויי און אַ האַלב מיליאָן יִדן פון ניו־יאָרק. איז דעריבער גוט וואָס די צוויי סאָציאָלאָגן נייטן גלייזער און דעניעל פּ. מאָיניהאַן קומען אויפן סמך פון אַ ברייטער אויספאָרשונג צום אויספיר, אַז ניו־יאָרק איז אַנדערש, אַז דאָס האַלט עס נישט ביים „שמעלצטאָפּ"*. זיי באַווייזן אין אַ שטודיע וועגן יִדן, איטאַליענער, אירלענדער, שוואַרצע און פּאָרטאָריקאַנער אין ניו־יאָרק, אַז די דערמאָנטע עטנישע גרופּעס האַלטן אָן, הגם מיט ענדערונגען, פון דור צו דור זייער אידענטיטעט. זיי דערמאָנען אונדז, אַז הגם ניו־יאָרק איז נישט אַמעריקע, איז עס אָבער אין אַמעריקע, און אַ וויכטיקער טייל פון אַמעריקע, וואָס מע טאָר נישט אויסלאָזן פון חשבון.

צייטנווייז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זיינען די מחברים פון דעם ווערק אויך נישט פריי פון סימפּליפיקאַציעס און פאַרפלאַכונגען פון קאָמפּליצירטע, ספּעציפיש יִדישע דערשיינונגען, וואָס פאַרלאַנגען ספּעציעלע, אַנדערע קריטעריעס, און גרונט־הנחות; אָבער זיי שטעלן פעסט איבערצייגנדיק, אַז עטנישקייט איז אַ פּערמאַנענטע אייגנשאַפט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, ספּעציעל אין ניו־יאָרק, און אַז די דערוואַרטונג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אַז אָט, אָט וועלן זיך אַלע פעלקערשאַפטן אין אַמעריקע אויפלייזן אין אַ האָמאָגענעם פּראָדוקט, איז נישט געוואָרן פאַרווירקלעכט.

* N. Glazer & D. P. Moynihan: *Beyond the Melting Pot.*

פּאַרקערט: די עטנישע גרופּעס לעבן און די טענדענץ איז צו פֿאַרשטאַרקן זייער וויטאַליטעט, הגם נישט אין דער אָריגינעלער פֿאָרעם.

מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די פֿיר אַנדערע גרופּעס וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דעם בוך. אונדז אינטערעסירט דער עיקר, פֿאַרשטייט זיך, ווי ס'האַלט מיט אונדזער אייגענער ייִדישער פֿאָלקסגרופּע אין ניו־יאָרק.

לויט די צוויי סאָציאָלאָגן איז דער חלום פֿון קולטור־פּלוראַליזם פּונקט אַזאַ כימערע ווי דער שמעלצטאָפּ; זיי מיינען, אַז עס ווירקן אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט אַסימילירנדיקע כּוחות, וואָס טראַנספֿאָרמירן שפּראַך־לעך און קולטורעל אַפֿילו די קינדער פֿון אימיגראַנטן, שוין נישט רעדנדיק וועגן דריטן און פֿערטן דור אין אַמעריקע. פֿונדעסטוועגן באַווייזן זיי מיט אַ סך ראַיות, וואָס קיינער קען נישט אָפּלייקענען, אַז הגם די קינדער און קינדס־קינדער פֿון אימיגראַנטן פֿאַרלירן אַ סך פֿון זייערע אַמאָליקע אייגנ־שאַפֿטן און זיי ווערן דאָ איבערגעשאַפֿן אויף אַ נייעם אופֿן, פֿאַרבלייבן זיי פֿונדעסטוועגן באַזונדערע, דיסטינקטיווע גרופּעס. אין פֿאַל פֿון ייִדן וואָס באַטרעפֿן אין ניו־יאָרק צוויי פֿינפֿטל פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אַמעריקע — ד"ה אַרום צוויי און אַ האַלב מיליאָן — האַלטן זיי, זיינען געמישטע חתונות גאָר נידעריק; לויט דעם צענזוס פֿון 1957, שטרייכן זיי אונטער, איז אין ניו־יאָרק דער פּראָצענט געווען קלענער ווי אין אַנדערע טיילן פֿון לאַנד.

אָבער אין וואָס און ווי אַזוי דריקט זיך אויס ייִדישע אַנדערשקייט אין ניו־יאָרק און ווי וועט אויסזען דאָס היגע ייִדישע פּנים אין דער נאָענטער צוקונפֿט? און צי איז כּדאַי אָנצוהאַלטן אַ סעפּאַראַטע ייִדישע עקסיסטענץ אין אַמעריקע? און אויב יאָ, וואָס זאָל זיין דער אינהאַלט פֿון דער עקסיס־טענץ? אויף וויפֿל די מחברים רירן אָן די דאָזיקע תּוכיקע פּראָבלעמען, מוז מען אויסדריקן שטאַרקע רעזערוואַציעס בנוגע זייער צוגאַנג און זייערע ענטפֿערס. אַזוי מוז מען אָפּפֿרעגן גלייזערס דערקלערונג, אַז ביז איצט זענען ייִדן נישט געווען די באמת קרעאַטיווע פֿיגורן אין דער אַמעריקאַנער קולטור, „אין די אַוואַנגאַרד־קרייזן פֿון די 20ער און 40ער יאָרן זיינען ייִדן אָפֿט געווען די קריטיקערס; די נישט־ייִדן — די שעפֿערס. אַזוי איז עס געווען אין ליטעראַטור, מאָלעריי, מוזיק און טעאַטער" (ז' 173).

אָבער צי זיינען דען מאיר לעווין, הערי ראָטה, לודוויג לואיסאָן, אירווינג פֿיינמאַן, ראָבערט נייטן און אַנדערע נישט געווען שעפֿערישע פּער־

זענלעכקייטן, אַפילו אויב מע טיילט נישט זייערע קרעדאָס און אַפילו אויב מע אַנערקענט זיי נישט ווי טאָלסטאָיס און פּרוסטס? ספּעציעל אין דער דראַמע האָבן ייִדן דערגרייכט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה די העכסטע שפּיצן פון באַרימטקייט. מע דאַרף בלויז אָנרופן די נעמען פון עלמער רייס, דזשאָן ה. לאָוסאָן, דזשאָרדזש ס. קאָופמאַן, סידני קינגסלי, קליפאָרד אָדעץ, אירווינג שאָו, ליליאַן העלמאַן, סידני בערמאַן, כדי צו באַגרייפן דעם צושטייער, וואָס ייִדן האָבן געמאַכט צו דער אַמעריקאַנער דראַמע און טעאַטער. פון די איין און צוואַנציק פּוליצער־פּריזן צווישן 1917 און 1938 האָבן פיר געקראָגן ייִדן. דאָס איז דאָך אַ קאָלאָסאַלע פּראָפּאָרציע, ווען מע האָט אין זינען דעם פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פאַרגלייך מיט דער נישט־ייִדישער!

פונקט אַזוי אייבערפלעכלעך איז די ספּעקולאַציע, פאַרוואָס אַזוי פיל ייִדן פאַרנעמען זיך מיט פּסיכאָאַנאַליז און זיינען די פּאַציענטן פון פּסיכאָאַנאַליטיקער. לויט גלייזערן דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אַזוי פיל ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער אמונה, זיינען געוואָרן סעקולאַריזירט, און האָבן אָקצעפּטירט וויסנשאַפט און אינטעליגענץ ווי דעם יסוד פון זייער פּערזענלעכער עקסיסטענץ. אָבער דאָ פאַרפלאָנטערט זיך דער מחבר אין אַ נעץ פון סתירות. וואָרעם, ראשית, פאַרענדיקט ער זיין בוך מיט דער סברא, אַז ס'קומט פאַר אַ רעליגיעזע אויפלעבונג צווישן אַמעריקאַנער ייִדן (ז' 293). אויב אַזוי, ווי זשע האָבן זיי פאַרלוירן זייער אמונה, אַז זיי דאַרפן אויספילן דעם בלויז מיט דעם פאַרבייט פון פּסיכאָאַנאַליז? צווייטנס, איז דאָך דער אימיגראַנטישער דור פון ייִדישע סאָציאַליסטן לכל הדעות געווען מער מיליטאַנטיש אין זיין אַנטי־רעליגיע ווי דער צווייטער און דריטער דור, טאָ, פאַרוואָס זשע האָט ער זיך נישט געניטיקט אינעם פּסיכאָאַנאַליטישן אָדער אַנדער סוראָגאַט אויפן פלאַץ פון זיין פאַרלוירענער אמונה?! אונדז לייגט זיך דעריבער אויפן שכל גאָר אַן אַנדער באַשייד אויף דער רעטעניש: דער אימיגראַנטישער דור האָט געפונען אַ נייע אמונה אויפן פלאַץ פון זיין פאַרלוירענער רעליגיע, האָט ער דעריבער נישט געדאַרפט קיין שום פאַרבייט במקום יהדות. ער האָט מיט זיין אידעאַליזם, מיט זיין קרבנות־גרייטקייט פאַר זיין סאָציאַליסטישער אמונה, געגעבן אַ זין און אינהאַלט זיין לעבן. אָבער איצט, בעת דער דור איז אויסגעליידיקט פון אידעאַלן — און ער קען אין אַ חלל נישט לעבן — זוכט ער סוראָגאַטן און ער מיינט, אַז מיט

פסיכאָאַנאַליז וועט ער אָנפילן די נשמה־פּוסטקייט. פון ייִדן רעקרוטירן זיך מער פּסיכאָאַנאַליטיקער און זייערע פּאַציענטן, ווייל מיר זיינען סענ־סיטיווער צו נשמה־באַדערפעניש און מיר געדענקען אַפילו אין צווייטן און דריטן דור אין אַמעריקע אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם... ווען די וועלטלעכקייט פון צווייטן און דריטן דור וועט נישט באַשטיין נאָר פון נעגאַטיוויזמען — אַנטי־ייִדיש, אַנטי־רעליגיע, אַנטי־נאַציאָנאַל — וועט זי אפשר אויך נישט דאַרפן די פּסיכאָאַנאַליטישע „ווידוי"... אָבער אַזאַ שיִער נישט „שאָוויניסטישער" צוגאַנג פאַלט נישט איין דעם ייִדישן „ווי־סנשאַפטלער"...

אין דער עסיי וועגן ייִדן ווערן אויסגעדריקט מיינונגען און אינטער־פּרעטאַציעס וואָס ווייזן באַשיינפּערלעך, אַז דער מחבר איז אי גלייכגילטיק — אויב נישט ווייניקער — צו ייִדישן קיום אין אַמעריקע, אי ער איז נישט פריי פון אַלע פאָראורטיילן אין שייכות צום היגן ייִדישן לעבן מיט וועלכע עס זיינען אָנגעשטעקט אַ סך אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעלעקטואַלן. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע מוסטערן פון דעם מין.

רעדנדיק וועגן די כוחות וואָס צעמענטירן דעם ייִדישן קיבוץ אין ניו־יאָרק גיט ער זיך אַ זאָג, אַז אַ היפּש ביסל אין דער צוזאַמענדיקייט איז פּשוט אָן פאַנטאַזיע און שרעקעוודיק און „דער איינציקער ציל דערפון איז אויפ־צוהאַלטן אָפּגעזונדערטקייט" (ז' 176). פרעגט זיך: ווי איז דער חטא צו וועלן אויפהאַלטן אַ סעפּאַראַטע ייִדישע עקסיסטענץ?! דאָ סטאַרטשעט בפּי־רוש אַרויס דער אַסימילאַטאָרישער איינשטעל פון אונדזער סאָציאָלאָג. אַ ביסל ווייטער האָט ער טענות צום היינטיקן ייִדישן ליבעראַליזם אין ניו־יאָרק, וואָס מיט זיין אָנטייל אין סאָציאַלע רעפאָרעם־באַוועגונגען, און ביר־גערלעכט־קאַמפּאַניעס דעמאָנסטרירט ער אויך „איבערגעטריבענע שרעקעוו־דיקייט"; דאָס הייסט, דערקלערט ער אונדז ווייטער, אַז די ייִדישע קעגנער־שאַפט צו רעאַקציע און קאָנסערוואַטיזם שטאַמט פון מורא, אַז אונטער דעם באַהאַלט זיך אַנטיסעמיטיזם. אָבער מיט וואָס איז אַזאַ ראַדיקאַליזם טריף? פון ווען אָן איז פּסול דער אידעאַליזם און קעמפערישקייט פון אַלע באַוועלטע, וואָס ווילן דורך אַ גערעכטערן סדר־העולם אויף פאַרבעסערן זייער אייגענע מערכה?

אָדער נעמט אַזאַ מוסטער פון „וויסנשאַפטלעכקייט". גלייזער מיינט, אַז די ייִדישע פּאָזיציע אין ניו־יאָרק איז אַזוי מעכטיק, אַז ייִדן דאַרפן נישט

מאַכן קיין צימעס פון אַ ראָקוועל, וואָס וויל פּראָפּאַגאַנדירן אַ ביסל נאַציזם אין ניו־יאָרק, אָדער פון אַנטיסעמיטישע יינגלעך, וואָס מאָלן אויס סוואַסטי־קעס אויף שולן. ער וואַרפט אויך פאַר ניו־יאָרקער ייִדן, וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, שיִער נישט געצוואונגען דעם פּאָליציי־קאָמישאָנער צו רעזיגנירן, ווייל ער איז געווען אין כעס אויף ייִדישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אום יום־כּיפּור געוואָלט זיך באַפרייען פון זייערע אָפיציעלע פליכטן, בעת ער האָט געוואוסט, אַז אַ סך פון זיי וועלן נישט גיין דאַוונען אין שול.

אָבער גלייזער, וואָס איז מסתמא נישט קיין שול־ייִד „פאַרגעסט", אַז אַ ייִדישער פּאָליציאַנט מעג אויך נישט גיין דאַוונען און דאָך וועלן אויס־דריקן זיין צוגעבונדנקייט און פיעטעט פאַר ייִדישער טראַדיציע; דערפאַר איז דער ייִדישער פּאָליציאַנט אפשר באַרעכטיקט צו וועלן זיין פריי פון וואָכעדיקער אַרבעט, כדי אַזוי אַרום זיך צו אַסאָציאירן מיטן ייִדישן כלל.

מיר מיינען אויך, אַז ס׳איז ווייט נישט באַרעכטיקט דעם מחברס קריטיק אויף דער ניו־יאָרקער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט — לויט אים — מער העלפן ביים פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון די שוואַר־צע און פּאָרטאָריקאַנער. דאָס איז איבער אירע כוחות, און אַפילו איבער די מעגלעכקייטן פון שטאָט ניו־יאָרק. דאָ מוז מען אָנקומען צו די ריזיקע רעסורסן פון דער פעדעראַלער רעגירונג. ס׳איז אַוודאי נישט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז פון די קאָאָפּעראַטיווע הייזער־פּראָיעקטן, וואָס די ייִדישע יוניאָנס האָבן אויפגעבויט געניסט דער עיקר דער ייִדישער מיטלקלאַס. ראשית, וואוינען אין די אַלע קאָאָפּעראַטיווע הייזער אַ סך ייִדישע אַרבעטס־מענטשן, והשנית וואוינען דאָרט אַ סך נישט־ייִדן און קאָלירטע.

אָט די אַלע „זיכקריטישע" רייד שטאַמען — פאַרשטייט זיך, פון זעל־ביקן מקור: פון גלייזערס איינשטעל, אַז די „גאָלדענע צייט" ביי ייִדן אין אַמעריקע איז געווען דער אימיגראַנטישער פעריאָד פון סוף 19טן יאָרהונ־דערט, ווען די קאָסמאָפּאָליטישע ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן געדרשנט אַז די „ייִדן־פראַגע" עקסיסטירט דאָ שוין מער נישט. דעמאָלט זאָגט אונדז גלייזער מיט צופרידנקייט, „איז די אידעאָלאָגיע פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס נישט געווען אָפּזונדערונג, נאָר דער פולסטער אָנטייל אין דער געזעלשאַפט; ייִדישע קולטור און רעליגיע, האָבן זיי געפילט, קען זיך אַליין אַן עצה געבן" (ז׳ 180).

אָבער בעת מיר קענען נישט און דאַרפן נישט אָננעמען דעם מחברס הנחות בנוגע ייִדישן קיום אין אַמעריקע, קענען מיר מיט צופרידנקייט פאַרצייכענען, אַז אויך דער ייִדישער סאָציאָלאָג קומט, אויפן סמך פון זיינע פאָרשונגען, צום אויספיר אַז אויך איצט — נאָך דעם ווי ס׳איז שוין אַריבער פערציק יאָר זינט די ייִדישע מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן — אויך איצט האָבן מיר אין ניו־יאָרק עטנישע גרו־פּעס, וואָס האַלטן זיך נישט ביים אויפלייזן; אַז אַט די באַזונדערע קולטור־גרופּעס זיינען נישט קיין צייטווייליקע דערשיינונג, נאָר אַ צענטראַלע טענדענץ אין געבוי פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט און קולטור; אַז די דאָזיקע טענדענץ איז חל אויף און ווירקט לטובת דעם המשך פון צוויי און אַ האַלב מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ אין ניו־יאָרק, און וואַרשיינלעך אויך אויף די ייִדישע געמיינדעס אין די גרעסערע אַמעריקאַנער שטעט. דאָס דאַרף אַוודאי זיין אַ דערמוטיקונג פאַר ייִדישע קיומיסטן פון אַלע שאַטירונגען.

(1966)

# טרעוואָר־ראָפּער און ייִדישע גבורה אין די געטאָס

דער ענגלישער היסטאָריקער ה. טרעוואָר־ראָפּער איז גוט באַקאַנט אין אַקאַדעמישע און אינטעלעקטועלע קרייזן ווי אַן אומאָפּהענגיקער, ליבע־ראַלער און שאַרפזיניקער דענקער. זיין שניידנדיקע, אומברחמנותדיקע קריטיק אויף טוינביס „וויסנשאַפטלעכקייט״, און לעצטנס זיין וויכוח מיט אַן אַנדער אָנגעזעענעם ענגלישן היסטאָריקער (טיילאָר), האָבן אים אַרויסגערוקט ווי אַ בריליאַנטענעם און געוואַגטן שריפטשטעלער און היסטאָריקער. האָט אַט דער טרעוואָר־ראָפּער אָפּגעדרוקט צוויי רעצענזיעס (אין לאָנדאָן „ניו־סטייטסמאַן״ פון 2טן מערץ, און אין היגן „קאָמענטאַרי״ פון אַפּריל ה״י) איבער אַ בוך וואָס באַהאַנדלט דעם „אומברענג פון אייראָפּייאישן ייִדנטום״. („די דיסטראַקשן אָוו די יוראָפּיען דזשוס״ פון ראַול הילבערג. זע ווייטער: יענע וואָס מאָנען גבורה ביי די אומגעקומענע. זייטן 96־101).

אין די רעצענזיעס קומט דער ענגלישער היסטאָריקער — אופן סמך פון הילבערגס בוך — צו פיר אויספירן. די ערשטע מסקנא, וואָס איז אונדז אַלע אַזוי טראַגיש באַוואוסט, שטעלט פעסט אויפן סמך פון הונדער־טער דאָקומענטן, וואָס די נאַציס האָבן אַליין פאַרפאַסט, אַז אַלע שיכטן פון דייטשן פאָלק האָבן זיך באַטייליקט אין אומברענגען די זעקס מיליאָן ייִדן. „יעדע פּראָפעסיע, יעדער פאַך און יעדער סאָציאַלער שטאַנד האָט זיך באַ־טייליקט אין דער מאַשינעריע פון צעשטערונג". די טעכניקער פון דער דייטשער וואָפן־אינדוסטריע, דאָס פּאָסט־מיניסטעריום און אַפילו מיטגלי־דער פון קריסטלעכן קלער, וואָס האָבן צוגעשטעלט דאָקומענטן וועגן ייִדישן אָפּשטאַם פון האַלב־און פערטל־ייִדן, — אַט די אַלע צוזאַמען מיט דער אַרמיי און געסטאַפּאָ זיינען געווען רעפּרעזענטירט אין דער אויסמאָרדונג פון ייִדן. און ריכטיק זאָגט דער רעצענזענט, אַז „דער אומפאַרגלייכלעכער, זינלאָזער, אָבער סיסטעמאַטישער פאַרברעכן איז נישט געווען די אַרבעט פון אַ פּאַרטיי. ס'איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אַקט. זיי מעגן עס באַהאַלטן וויפיל זיי ווילן, אָבער די דייטשן זיינען אין דעם געווען מיטבאַטייליקט ווי אַ פאָלק".

מען קען אויך נישט איגנאָרירן אָפּפרעגן דעם צווייטן טעזיס וואָס דער ענגלישער היסטאָריקער פּרובירט באַגרינדן. ער באַטראַכט דעם אונטערשייד אין דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די דייטשן וואָס לעבן אין זייער פאָ־טערלאַנד, און פון די דייטשע עמיגראַנטן פון צווייטן דור, אין דער „דייטשער דיאַספּאָרא", און ער באַטאָנט אַז די דייטשע פילאָסאָפיע איז אַ פילאָסאָפיע פון צעשטערונג, ניהיליזם און איראַציאָנאַליזם — ווי דאָס ווערט באַשטעטיקט פון אַזעלכע גוטע קענער פון דייטשן נאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער און דער דייטשער קולטור, ווי געטהע, היינע און ניטשע. אויפן סמך פון דער הנחה, אַז עס זיינען פאַראַן צוויערליי סאָרטן דייטשן — אין דער היים און אין דער פרעמד — פירט ער אויס אַז דער הויפּט־פאַקטאָר אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די דייטשן איז נישט אַן אומפאַרענדערלעכע נאַציאָנאַליטעט; סאָציאַלע אינסטיטוציעס, האַלט ער, זיינען דער הויפּט־גורם אין שאַפן אַט דעם כאַראַקטער וואָס מיר רופן „נאַציאָנאַל". אפשר נאָך אין פאָלק — דאָס שפּאַנישע — מיינט דער בריטישער היסטאָריקער — פאַרמאָגט אַזאַ צעשטערערישן, נאַציאָנאַלן כאַראַקטער ווי די דייטשן, הגם נישט אין אַזאַ עקסטרעמער פאָרעם; מיר זעען עס אין דער שפּאַנישער אינקווי־

זיציע, אין דעם גירוש פון ייִדן און אין די שרעקלעכע ברוטאַליטעטן בעת דעם לעצטן בירגער־קריג.

קומען מיר אָבער צו די צוויי לעצטע גענעראַליזאַציעס פון טרעוואָר־ראָפּערן ווערן מיר ממש דערשטוינט: ווי אַזוי אַ דריי־דימענסיאָנעלער דענקער לאָזט זיך פאַרפירן פון האַלב־אמתן, פון אָפּגעקליבענע באַווייזן און פון פשוטן נישט־וויסן אָדער סימפּליפיקאַציעס און פאַרגלייכן וואָס האָבן נישט קיין פאַרגלייך אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע: לויט דעם דריטן טעזיס פון בריטישן היסטאָריקער זיינען דאָ — צוויי סאָרטן ייִדן: די ייִדן אין ישראל (אָדער ארץ־ישראל), וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גבורה במשך זייער גאַנצער געשיכטע, און די ייִדן אין גלות, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער שחיטה ווי שעפּסן און אין משך פון גאַנצן צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות האָבן זיי „אַנטוויקלט אַ כאַראַקטער פון נאָכגיביקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי דער איינציקער כאַראַקטער פון ייִדן". טרעוואָר־ראָפּער דערגייט אַזוי ווייט אין זיין פאַלשער באַהויפּטונג אַז ער דערלויבט זיך — דערפּירנדיק זיין לעכערלעכן טעזיס אד אַבסורדום — צו שרייבן, אַז בעת ייִדן האָבן אין די רוימישע צייטן געקעמפט אין יהודה, האָבן זיי אין דער דיאַספּאָרע זיך אונטערגעגעבן זייערע שונאים אָן ווידערשטאַנד. מיר וועלן באַלד זען אַז דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש.

אָבער לאָמיר פריער איבערגעבן דעם לעצטן — ממש אומזיניקן — טעזיס וואָס איז ענג געקניפּט מיטן פריערדיקן און דרינגט כלומרש אַרויס פון אים: אַז במשך דער צווייטער וועלט־מלחמה „האָבן די ייִדן קאַלאַבאָרירט אין זייער אייגענער צעשטערונג" — אַזוי האַלט דער בריטישער היסטאָריקער. איי — וועט איר פּרובירן קאָנטראָלירן אייער כעס אין פרעגן געלאַסן — דער העלדישער וואַרשעווער געטאָ־ אויפשטאַנד?! אויף דעם גיט אייך טרעוואָר־ראָפּער אַ תירוץ: ס'איז דער אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כלל. וואָרעם לויט די „רעוועלאַציעס" פון ראַול הילבערגס בוך, וואָס דער בריטישער היסטאָריקער אַקצעפּטירט ווי דעם אַבסאָלוטן אמת: „האָבן די אייראָפּעאישע ייִדן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. פון סאַמע אָנהייב האָבן זיי נאָכגעגעבן, אַפילו מיטגעהאָלפן אין זייער אָפּזונדערונג, אויסשליסונג, פאַרניכטונג".

אַז אָט די לעצטע צוויי גענעראַליזאַציעס — דער אונטערשייד אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון ייִדן אין ישראל און די ייִדן אין די תפוצות; און

אַז די לעצטע האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט די נאַציס — אַז אָט די דאָזיקע הנחות זיינען הונדערט־פּראָצענטיק פאַלש, וועלן מיר באַלד באַווייזן. עס איז אַ רעטעניש ווי אַזוי אַ געלערנטער פון טרעוואָר־ראָפּערס קאַליבער נעמט אָן ווי אַן אמת אָט די דאָזיקע פאַלשע טעזיסן אויפן יסוד פון נאַצישע עדות און... להבדיל, אויפן גרונט וואָס אַזוי מיינען אַ טייל ישראלדיקע סאַברעס. ראשית, איז דען די ישראלדיקע יוגנט בעסער באַקאַנט מיט דעם יידישן עבר און קעגנוואַרט ווי דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, ד״ר פיליפּ פריד־מאַן, ד״ר יוסף טענענבוים און די לעבן־געבליבענע אָנטיילנעמער אין די געטאָ־אויפשטאַנדן? והשנית, ווי אַזוי איז עס מעגלעך פאַר דעם פאַר־טיפטן בריטישן היסטאָריקער אַזוי צו פאַרפלאַכן דעם ענין אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן — וואָס מען מוז געדענקען — די אויסנעמלעכע לאַגע פון יידן אין מזרח־אייראָפּע, זייער אומגלייבלעכע איינזאַמקייט און די מעכטיקייט פון שונא, ווען גאַנץ אייראָפּע איז געלעגן צו זיינע פיס?! און פון ווען אָן און אין וועלכן ציוויליזירטן געריכט נעמט מען אָן ווי אַ יסוד פאַרן פּסק־דין דאָס עדות־זאָגן פון מערדער, ליגנער און אויסוואורפן, ווי דאָס זיינען געווען די נאַציס? וואָרעם טרעוואָר־ראָפּער ציטירט פון אַ נאַצישן דאָקומענט, אַז איינער פון הימלערס אַרויסהעלפער איז „נעבעך״ געווען „אָפּגענאַרט״ אין זיין גלויבן, אַז די יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנספּיראַ־ציע; און צום סוף זיינען זיי גאָר געווען אַזוי שלעכט אָרגאַניזירט קעגן די נאַציס! אָט די נאַצישע ווילדע איינרעדעניש וועגן יידן, וואָס מעסט אונדז מיט זייער אַנטיסעמיטישער און אָפּנאַרערישער מענטאַליטעט, בעת מיר יידן האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז דער דייטש קען אַראָפּזינקען צו אַזאַ רוצחישקייט צו וועלכער ער איז דערגאַנגען — אָט דער גלויבן אונ־דזערער אין מענטש, ווערט גאָר פון ענגלישן היסטאָריקער גענוצט ווי אַן אַרגומענט קעגן קרבן, נישט קעגן זיין מערדער.

אָט זיינען אַ ריי וויכטיקע באַווייזן וואָס טרעוואָר־ראָפּער האָט פאַרזען אָדער מיט וועלכע ער איז נישט באַקאַנט. יידן האָבן אין משך פון זייער גלות־געשיכטע אַ סך מאָל זיך יאָ העלדיש קעגנגעשטעלט זייערע שונאים, און אָפּטמאָל געקעמפט מיט געווער אין די הענט. אין דער צייט פון רוימישן אימפּעראַטאָר טראַיאַן איז פאָרגעקומען אַ באַוואָפנטער יידישער אויפשטאַנד אין דער דיאַספּאָרע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע צוויי יאָר, פון יאָר 115 ביזן יאָר 117. (זע: דובנאָוו: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 3,

זייט 36). ענלעכע מרידות זיינען פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע, אין בבל, און אַראַביען (אין יאָר 628), אין דייטשלאַנד (בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג), אין שפּאַניע (אין וואַלענסיאַ אין יאָר 1391, האָבן זיך יידן פאַרטיידיקט קעגן המון און דערהרגעט אַ היפּשע צאָל פון די אָנפאַלער); אין פוילן, אין דער צייט פון כמעלניצקין (אין טולטשין און נעמעראָוו) און שפּעטער קעגן גאָנטאַן אין יאָר 1768; אין די אַלע פאַלן האָבן יידן העלדיש געקעמפט מיט געווער אין די הענט (זע: דובנאָוו, באַנד 5 און באַנד 7). אין דער צאַרישער רוסלאַנד האָבן יידן נאָך די פּאָגראָמען פון 1881־1882, געגרינדעט אַ זעלבסט־שוץ־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישן כבוד און וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך גבורים. יידישער אָנטייל אין דער אונטער־ערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין דער צאַרישער רוסלאַנד, איז ברייט אָנערקענט פאַר איר וויכטיקן צושטייער צום אונטערגאַנג פון ראָ־מאַנאָוו־דעספּאָטיזם. זיינען אָט די אַלע מאַניפעסטאַציעס פון יידישער העל־דישקייט און ווידערשטאַנד אין גלות סימנים פון אונטערטעניקייט?

וואָס שייך דעם לעצטן פעריאָד — 1939־1945 — טאָר מען נישט פאַר־געסן די אויסערגעוויינטלעכע לאַגע פון יידן אין די געטאָס און די אומבאַ־זיגבאַרע שוועריקייטן, וואָס האָבן געשטערט צו אָרגאַניזירן ברייטע אויפ־שטאַנדן. עס איז נישט געווען קיין גינסטיקע סטראַטעגישע באַזע, ווייל די יידן אין מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע זיינען געוואָרן פאַרפּאַקט דורך די נאַציס אין אָפּגעשלאָסענע געטאָס, וואָס יעדע באַוועגונג האָט מען געקענט נאָכפאָלגן און קאָנטראָלירן, און די געטאָס האָבן זיי נישט געטאָרט פאַרלאָזן ווייל מ׳האָט פאַר דעם באַשטראָפט מיט טויט. געווער און עקספּלאָזיווע מאַ־טעריאַלן האָט מען געדאַרפט אַריינשמוגלען אין געטאָ דורך שטאַרק־באַ־וואַכטע געטאָ־טויערן, אָדער אַריינגנבענען דורך קאַנאַליזאַציע און דורך אַנדערע קונציקע מיטלען, ביי וועלכע מ׳האָט געדאַרפט איינשטעלן ס׳לעבן. אַ סך פון די יידישע אונטערערדישע קאַמפּס־גרופּעס האָבן געפּרואווט, אין אַ שפּעטערדיקן פעריאָד, אַנטלויפן פון די געטאָס אין די וועלדער און בערג, אָבער אין אַ סך פאַלן האָבן די נאַציס זיי געכאַפּט און דערשאָסן.

אַחוץ דעם האָט דער יידישער אונטערגרונט ליידנשאַפטלעך זיך מתווכח געווען וועגן אַן ערנסטער מאָראַלישער פראַגע: זיינען די יונגע קעמפערס געווען באַרעכטיקט איבערצולאָזן די עלטערע געטאָ־באַפעלקערונג פּנים אל פּנים מיטן גרויזאַמען שונא, אָדער דאַרפן זיי פאַרבלייבן אינעווייניק, כדי

ווען דער ריכטיקער מאָמענט וועט קומען זאָלן זיי אָנפירן מיטן קאַמף? נאָך לאַנגע, הייסע וויכוחים האָט געזיגט דער שטאַנדפונקט אַז מ׳דאַרף פאַרבלייבן אין געטאָ אַזוי לאַנג ווי מ׳קען, און ערשט זיך אַרויסגנבענען פון דאָרטן אין לעצטן מאָמענט ווען מ׳קען שוין גאָרנישט טאָן צו באַשיצן די געטאָ־באַפעלקערונג. און מ׳טאָר אויך נישט אַרויסלאָזן פון זינען איינע פון די קאַרדינאַלסטע שטערונגען, וואָס האָבן נישט דערלויבט צו גוט־אָרגאַניזירטע אויפשטאַנדן: די פיינדלעכע באַציאונג צו ייִדן מצד דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

דערצו מוז אַ היסטאָריקער, וואָס וויל אַרויסטראָגן אַן ערלעכן ווערדיקט וועגן אַן איינציק־אַרטיקן פענאָמען אין דער וועלט־געשיכטע געדענקען, אַז בעת מערסטע נישט־ייִדישע אונטערגרונט־באַוועגונגען האָבן באַקומען פון זייערע גלות־רעגירונגען אומגעהויערע זאַפאַסן געווער, איז די ייִדישע אונטערערדישע באַוועגונג אין קיין שום לאַנד נישט באַהאַנדלט געוואָרן ווי גלייכבאַרעכטיקט מיט די אַנערקענטע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס. דער סכום געווער, וואָס מ׳האָט דערלויבט די ייִדישע קעמפער איז געווען לעכערלעך ווייניק און איז אָפט געגעבן געוואָרן צו שפעט. אין ביאַליסטאָק און ווילנע האָט מען אינגאַנצן אָפגעוואָרפן די ייִדישע בקשות צו קריגן געווער. אין וואַרשע האָט די אונטערערדישע ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע באַקומען זייער אַ קליינעם סכום געווער. (זע: פיליפ פרידמאַן: דער ייִדישער ווידערשטאַנד צום נאַציזם; אין דעם קאָלעקטיוון באַנד: „איראָפעאישע רעזיסטענץ באַוועגונגען — 1929־1945״ — פערגאַמאָן פרעס, אָקספאָרד; לאָנדאָן, ניו־יאָרק, פאַריז 1960).

פונדעסטוועגן, און נישט געקוקט אויף די דערמאָנטע און אַנדערע שטערונגען, זיינען פאָרגעקומען אַ סך אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע העראָאישע אַקטן און ווידערשטאַנדן; דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז נישט געווען „דער אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כלל״, נאָר דער סימבאָל פון ייִדישן העלדישן ווידערשטאַנד. פאַר און נאָך דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד זיינען פאָרגעקומען באַוואָפנטע מרידות אין טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק, בענדין, ווילנע, קראָקע, טרעבלינקע, סאביבאָר, סלאָנים, ניעסוויזש, קלעצק, נאָוואָגראָדעק, מיר, מינסק־מאַזאָוויעצק און אין אַ סך אַנדערע שטעט און לאַגערן. אין צענדליקער שטעט און לאַגערן האָט די ייִדישע יוגנט מלחמה געהאַלטן. (זע: יצחק צוקערמאַן, אין ספר מלחמות הגיטאות, תל־

אביב, 1956; זע אויך: ד״ר יוסף טענענבוים: אונטערגרונט (ענגליש), ניו־יאָרק, 1952).

כדי צו קענען אָנפירן אַ ברייטע רעזיסטאַנץ־באַוועגונג, ווי ס׳האָט קלאָר באַוויזן דער פאַרשטאָרבענער היסטאָריקער פיליפּ פרידמאַן — זיינען נייטיק געווען געוויסע פאָרבאַדינגונגען. אַחוץ יענע אויף וועלכע מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, האָט זיך אויך געפאָדערט אַ גינסטיקע סטראַטעגישע באַזע. די אומצוגענגלעכע, בערגיקע געגנטן פון פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד; די וועלדער און זומפּן פון פוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע האָבן פאָרמירט אַן אויסגעצייכנטע סטראַטעגישע באַזע, וואָס האָט געמוטיקט די אונטערערדישע קעמפער ביי נישט־יידישע פעלקער. די יידן וואָס זיינען געוואָרן פאַרפאַקט אין געטאָס און דערצו אַרומגערינגלט, אין אַ סך פאַלן, פון אַ פיינדלעכן קריסטלעכן הינטערלאַנד, האָבן נישט פאַרמאָגט די דאָזיקע און אַנדערע נייטיקע פאָרבאַדינגונגען אויף אַ דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן אַן אכזריותדיקן און מעכטיקן שונא; יידן האָבן געוואוסט אַז יעדער קאַמף איז האָפנונגסלאָז און פאַראורטיילט צו אַ מפּלה. ביי אַזעלכע שווידערלעכע תנאים האָבן יידישע קעמפער־גרופּעס פונדעסטוועגן זיך קעגנגעשטעלט דעם שונא, פאַלנדיק ווי גיבורים און קדושים, — אין אַ גרעסערער צאָל ווי ביי אַנדערע פעלקער — און דערצו „נישט־גלותדיקע״ פעלקער, וואָס האָבן געהאַט בעסערע באַדינגונגען אויף אַ דערפאָלגרייכן קאַמף.

פאַר אַ היסטאָריקער צו קומען און מעסטן מיט געוויינלעכע, נאָרמאַלע מאָסן די אומפאַרגלייכלעכע יידישע טראַגעדיע אונטער די גיהנומשע תנאים, וואָס די נאַציס האָבן אויף אַ טייוולשן אופן צוגעגרייט, מיינט נישט אַרויסווייזן די מינדסטע פאַרשטענדעניש, נישט פאַר דער יידישער געשיכטע און נישט פאַרן אויסנאַם־צושטאַנד, אין וועלכן יידן האָבן זיך געפונען אין די יאָרן 1939־1945.

אפשר באַהאַלט זיך הינטער אַזאַ ווערדיקט ווי טרעוואָר־ראָפּער טראָגט אַרויס דאָס שולדיקע געוויסן פון דער בעסערער קריסטלעכער וועלט, וואָס וויל זיך ריינוואַשן דורך וואַרפן די שולד אויפן קרבן...

(1962)

# יענע וואָס מאָנען גבורה ביי די אומגעקומענע

פאַר אַ יידן וואָס איז „דאָרטן" נישט געוועזן, איז נישט לייכט זיך צוצורירן צו דער טעמע חורבן. אַזאַ ייד פילט — ווי אומבאַהאָלפן ער זאָל נישט האָבן געווען אין יענער מאָוימדיקער צייט צו קענען מיט עפּעס לינדערן דעם פּיין פון זיינע ברידער און שוועסטער — אַז ער גייט דאָ אויפּעפענען פאַר זיך און פאַר אַנדערע די טיפסטע וואונד אין אונדזער היינטצייטיקער געשיכטע — אַ וואונד וואָס איז אומהיילבאַר, און וואָס וועט פאַרבלייבן די טראַגישסטע איבערלעבונג פון אונדזער דור: ווי האָט עס געקענט געשען? און צי האָבן מיר יידן אין די פרייע לענדער אַלץ געטאָן אָפּצוראַטעווען אונדזערע ברידער, ווען מיר האָבן שוין געוואוסט וואָס דאָרטן געשעט? מיר טאָרן נישט אויפהערן צו פרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז דאָס פאָלק פון „דיכטער און דענקער" זאָל פלוצלינג משוגע ווערן און אויסשעכטן אין מיטן אייראָפּע — פאַר די אויגן פון אַ זעענדיקער און אַוועקקוקנדיקער וועלט — זעקס מיליאָן מענער, פרויען און קינדער? און אפשר איז אין דעם שרעקלעכן פאַרברעכן שולדיק בלויז אַ נישטיקע גרופּע נאַצי־מאָנסטערס, בעת דער רוב פון דייטשישן פאָלק האָט זיך ביודעים נישט באַטייליקט אין דעם אומברענג פון יידן, און איז דעריבער אומשולדיק?

דאָ נישט לאַנג איז דערשינען אַן אויספירלעך בוך פון ראַול הילבערג, וואָס שטעלט פעסט אויפן סמך פון הונדערטער דאָקומענטן, וואָס מ'האָט געפונען אין דייטשישע רעגירונג־ביוראָען, אַז דאָס דייטשישע פאָלק האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דער שחיטה פון די זעקס מיליאָן; אַז די דייטשע אינדוסטריעלער, די דייטשע אַרמיי, און אַפילו דער קריסטלעכער קלער — אַלע שיכטן פון דייטשן פאָלק, זיינען געווען פאַרטראָטן און האָבן זיך מיט־באַטייליקט אין דער אומברענג־מאַשינעריע. „אַן אַדמיניסטראַטיווער פּראָצעס פון אַזאַ פאַרנעם קען נישט דורכגעפירט ווערן דורך איין אַגענטור . . . צווישן די פאַרברעכערס, וואָס האָבן דורכגעפירט דאָס אומברענגען יידן, האָבן זיך געפונען די הויך דיפערענצירטע טעכניקער פון די געווער־אינס־פּעקטאָראַטן, די וויטע באַאַמטע פון פּאָסט־מיניסטעריום און — אין דער זייער וויכטיקער אָפּעראַציע פון צושטעלן דאָקומענטן, וואָס האָבן באַוויזן דעם אָפּשטאַם — די מיטגלידער פון . . . קריסטלעכן קלער" (ז' 640).

דער מחבר האָט דורכגעזיפּט אַזוי פיל דייטשישע דאָקומענטן פון רצי־

חות, פון גרויזאַמקייט, פון ציניִשער אוממענטשלעכקייט לגבי ייִדן, אַז איר מוזט זיך „אויסשמידן אַ האַרץ פון אײַזן״ צו קענען דורכלייענען דאָס בוך ביזן סוף. איר ווערט — לייענענדיק דאָס בוך — אָנגעפילט מיט דאַנק צום יונגן געלערנטן וואָס האָט פאַרמאָגט דעם כוח אָפּצוטאָן די איבער־מענטשלעכע אַרבעט פון דאָקומענטירן די אומצייליקע פאַרברעכנס פון די דייטשן.

אָבער לײַדער ווערט דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום יונגן מחבר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין פאַרדראָס, ווען איר זעט ווי ער פאַרגעסט דעם צוזאָג, וואָס ער גיט אין אַרײַנפיר צום בוך; אַז דאָס איז אַ ווערק וועגן די פאַרברעכער און נישט די קרבנות; אַז ס׳איז אַ שטודיע וועגן די מעשים־תעתועים פון די דייטשן און נישט וועגן די אומגעבראַכטע ייִדן. שפּעטער אָבער באַנוגנט ער זיך נישט מיט דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך לכתחילה געשטעלט, נאָר ער ווערט אַ היסטאָריאָסאָף אין שייכות צום ייִדישן עבר און קעגנוואַרט, ער בויט אויף אַ טעזיס, וואָס צעשפּאַלט ייִדן אויף צוויי פאַרשיידענע פעלקער: אַ העלדיש פאָלק אין אַלטן און נײַעם ישׂראל, און אַ פּחדנותדיק פאָלק אין גלות. ער שטעלט זיך אַוועק אין דער ראָלע פון אַ פּראָקוראָר, וואָס מאָנט העלדישקייט ביי די קרבנות!

אָט דער פאַלשער צוגאַנג און די אומזיניקע אינטערפּרעטאַציע פון דעם טראַגישסטן און גרויזאַמסטן קאַפּיטל אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע, אַ קוק וואָס איז לײַדער אויך פאַרשפּרייט צווישן אַ טייל סאַבראָס, — וואָלט אויף קיינעם קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט; וואָרעם דער דאָזיקער אַבסורדאַ־לער קוק שטאַמט דאָך פון „דרויסנדיקע״, ייִדן וואָס מעסטן אונדז מיט פאַלשע מאָסן. אָבער ווען אַזעלכע פלאַכע ספּעקולאַציעס און האַלבע אמתן ווערן אויסגעדריקט פון אַ ייִדישן פאָרשער, וואָס האָט סיסטעמאַטיש דאָקו־מענטירט די טויזנטער גרוילטאַטן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן צו אונדזערע ברידער און שוועסטער, איז ער עלול צו גילטן ווי אַן אויטאָ־ריטעט אויך אויפן פעלד פון ייִדישער געשיכטע און ייִדישער פּסיכיק; און זײַנע פאַרקריפּלטע, פאַלשע אויספירן קענען זיך אָנגעמען אין דער וועלט — ספּעציעל צווישן יענע וועמען ס׳ווילט זיך און ס׳לוינט זיך אַזוי צו גלייבן. דער ענגלישער ליבעראַלער היסטאָריקער טרעוואָר־ראָפּער האָט זיך טאַקע שטאַרק אָנגעכאַפּט אין הילבערגס פאַלשן טעזיס. (ניו סטייטסמען, 2טן מערץ 1962, און קאָמענטאַרי, אַפּריל 1962). אויך דער ציוניסטישער שרייבער

שלמה קאַץ שליסט זיך אָן אין דער מחנה העלדישקייט־מאַנער און ער פרעגט: „פאַרוואָס איז געווען אַזוי ווייניק ווידערשטאַנד? פאַרוואָס האָבן אַזוי ווייניק יידן געקעמפט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן?... ס'איז נישטאָ קיין גענוגנדער איבערצייגנדיקער ענטפער אויף דער פראַגע" (זען „דזשויש ניוז" נואַרק, דעם 27סטן אַפּריל 1962)*.

באַנוצנדיק זיך מיט דעם היינטצייטיקן פּסיכאָלאָגישן זשאַרגאָן וואָס קען פאַרדעקן דעם אומזין פון אַט דעם סימפּליציסטישן צוגאַנג צו דער תהומיקער יידישער טראַגעדיע, שרייבט הילבערג מעשה „אָביעקטיווער" ויסנשאַפטלער: „די רעאַקציע־פאָרעם פון יידן ווערט כאַראַקטעריזירט דורכן כמעט אַבסאָלוטן מאַנגל אין ווידערשטאַנד... אויף אַן אייראָפּעאישן פאַרנעם האָבן די יידן נישט געהאַט קיין ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע" (ז' 662); און פאַרוואָס מיינט איר האָבן יידן „אויטאָמאַטיש געפאָלגט די דייטשע באַ־פעלן"? — ווי דער מחבר דערלויבט זיך צו זאָגן — אפשר איז דאָס געווען צוליב דעם גרויזאַמסטן טעראָר פון דער מעכטיקער נאַצי־אַרמיי וואָס האָט מיט די געמיינסטע, צינישסטע און בעסטיאַלישסטע אכזריותן געבראָכן און צע־בראָכן יעדע מעגלעכקייט פון אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד? אפשר איז עס געווען די האָפענונגסלאָזיקייט פון דער לאַגע? און אפשר האָט די גלייכ־גילטיקייט פון דער „ציוויליזירטער וועלט" געטריבן די קרבנות צו אַזאַ יאוש, אַז לעבן האָט פאַרלוירן יעדן זין — ווי עס זאָגן עדות יידן וואָס האָבן דורכגעלעבט יענע יאָרן? ניין! הילבערג האָט אַן אַנדער דערקלערונג: „אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן יידן אויסגעפונען, אַז כדי צו בלייבן לעבן האָבן זיי זיך געדאַרפט אָפּהאַלטן פון ווידערשטאַנד . . . זיי האָבן אויסגעהאַלטן די קרייצצוגן, די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן, און די צאַרישע רדי־פות" (ז' 666). יעדער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער יידישער גלות־געשיכטע, ווייסט, אַז די פאַקטן לייקענען אָפּ די דאָזיקע טענה: וואָרעם יידן האָבן אין די דערמאָנטע קריטישע פעריאָדן יאָ געקעמפט אויך מיט געווער אין די הענט. אָבער הילבערג האָט זיך דאָך אויסגעפּשטלט אַ טעזיס וועגן צווייערליי סאָרטן יידן: די העלדישע יידן אין זייער אייגן לאַנד און די פּחדנותדיקע יידן אין גלות, דאַרף מען די פאַקטן צופּאַסן צו דער טעאָריע, צי עס שטימט מיטן אמת אָדער נישט.

* זע: די עסיי: טרעוואָר־ראָפּער און יידישע גבורה, זייטן 89־95.

ראַול הילבערג, וואָס האָט דער עיקר שטודירט די נאַצי־דאָקומענטן, אָבער וואָס ווייסט ווייניק וועגן דער אינעווייניקסטער געשיכטע פון יידן שרייבט אין טאָן פון אַן אויטאָריטאַטיוון היסטאָריקער: „יידן אין גלות האָבן געענטפערט אויף גוואַלד אויף אַ טיפּישן אופן אין משך פון 2000 יאָר. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער איצטיקער ערע ווען יידן אין ארץ־ישראל האָבן געקעמפט אין דער מלחמה קעגן די רוימער, האָבן יידן אין... אַלעקסאַנדריע שוין געהאַט פאַרגעסן די קונסט צו רעוואָלטירן. פּונקט אַזוי אין 20סטן יאָרהונדערט האָבן די אייראָפּעאישע יידן זיך אונטערגעגעבן זייער גורל, בלויז עטלעכע יאָר איידער די ארץ־ישראלדיקע יידן האָבן צוריקגעוואָרפן זייערע אַראַבישע אַריינדרינגער מיט געווער אין די הענט. די רעאַגיר־פאָרעם פון די יידן אין גלות איז: פאַרגלעטן, אַרויסדרייען זיך, אונטערוואַרפן זיך, אָפּהענטיקייט. פּרעווענטיווע אַטאַקע, באַוואָפנטער ווידערשטאַנד און נקמה זענען כמעט אין גאַנצן נישט בנמצא אין די 2000 יאָר פון יידישער געטאָ־געשיכטע... דער קריטישער פּעריאָד פון די 1930 און 1940ער יאָרן ווערט באַצייכנט דורך דעם זעלביקן פעלן פון פיזישן ווידערשטאַנד". (ז' 14).

די גאַנצע יידישע גלות־געשיכטע לייקנט אָפּ דעם גרונטטעזיס פון מ"ר הילבערג. יידן האָבן אַ סך מאָל העלדיש זיך קעגנגעשטעלט זייערע שונאים און געקעמפט מיט געווער אין האַנט. ווי איך האָב דאָס אין דער פריערדיקער עסיי באַוויזן*.

פאַר יעדן יידישן געלערנטן, וואָס קומט נישט מיט פּרעקאָנצעפּציעס און נישט־דורכגעטראַכטע גענעראַליזאַציעס איז קלאָר, אַז די טעאָריע וועגן די צווייערליי סאָרטן יידן — די העלדן אין ישראל און די פּחדנים אין גלות — האָט נישט קיין האַפט און קיין אָנהאַלט אין דער ווירקלעכקייט. אַוודאי איז לייכטער צו אָרגאַניזירן אַ גרויס־פאַרנעמיקן ווידערשטאַנד אין אַן אייגן לאַנד, וואו די בערג, די וועלדער, די דערפער און די באַהעלטענישן ווערן קאָנטראָלירט און באַוווינט פון דיינע פריינד און סימפּאַטיקער, — נישט פון יידישע שונאים, ווי אין מזרח־אייראָפּע — אָבער דאָס איז הימל־ווייט פונעם געדאַנק, אַז דער גלות־ייד האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

* זע: דאָרטן, זייטן 92־93.

אַנצואווענדן נאָרמאַלע מאָסן אויף דער אומפאַרגלייכלעכער יִידישער טראַגעדיע אונטער די גהינומשע תנאים, וואָס די נאַציס האָבן אויף אַ מאָנסטערדיקן אופן צוגעגרייט, הייסט זיין אַ צוויי־דימענסיאָנעלער פאָרשער אין אַ סיטואַציע, וואו דריי־דימענסיאָנעלקייט איז נישט גענוג! עס מיינט מעסטן מיט געוויינטלעכע סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע מאָסן מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען אין אַן אויסנאָם־צושטאַנד, און אויסנאָמען האָבן זייערע אייגענע כללים. ביי נישט־גלותדיקע פעלקער — די טשעכן און פּאָ־ליאַקן למשל — האָבן בלויז קליינע גרופּעס זיך קעגנגעשטעלט דעם נאַצי־שונא, און אויך ביי אונדז, ווי עס באַווייזן די אַלע אויבן אויסגערעכנטע קאָלעקטיווע און יחידישע אַקטן פון ווידערשטאַנד, זיינען געווען גיבורים און אין אַ פיל גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי ביי אַנדערע פעלקער.

אין דער איצטיקער צייט ווען מ׳האָט געפאָרשט די קרבנות פון טעראָר אין טאָטאַליטאַרע לענדער, וואו די שטאַרקסטע פּערזענלעכקייטן זיינען צע־בראָכן געוואָרן אונטערן דרוק פון פייניקונגען, — פּסיכאָלאָגישע און פיזישע — און די יִדן אין די געטאָס זיינען דאָך פון די נאַציס ביסלעכווייז דעגראַ־דירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון געפאַנגענע חיות אין אַ שטייג — אין דער צייט זיך אָוועקשטעלן ווי אַ כלומרשט „אָביעקטיווער״ פאָרשער וואָס מעסט און וועגט דעם יִדישן גורל אין די יאָרן 1939־1945 מיט אַ גע־וויינלעכער מאָס און וואָג, באַטייט נישט האָבן קיין חוש פאַר צייט און אָרט; און ס׳מיינט צוגיין צו אַן איוב־טראַגעדיע ווי אַן איבערפלעכלעכער זשור־נאַליסט, דאָרט וואו מע דאַרף זיין אַ פּאָעט־פילאָסאָף.

מע טאָר אויך נישט מינימיזירן יִדישן פּאַסיוון העראָאיזם וואָס איז מאָראַליש נישט פון קלענערן באַטייט ווי פיזישע גבורה: ליידן פאַר אַן אידעאַל אין משך פון אַ גאַנץ לעבן איז אַ גרעסערע העלדישקייט ווי קעמפן אין אַ שלאַכט, און די אַלע קדושים וואָס זיינען געשטאָרבן מיטן אַני־מאַמין אויף די ליפּן זיינען נישט קיין קלענערע העלדן ווי יענע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פיזישער בראַווקייט. די גאַנצע יִדישע גלות־געשיכטע איז אַ לאַנגע קייט פון אומפאַרגלייכלעכן העראָאיזם אויף דער העכסטער מדרגה. אונדזערע „עמאַנציפּירטע״ יִדישע אינטעלעקטואַלן, וואָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן גאַנדיס פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָלטן געמעגט אַרויסווייזן אַ ביסל מער אויטענטישקייט און זעלבשטענדיקייט, ווען זיי רירן זיך צו צו דער טעמע: יִדישע פּסיכיק, יִדישע ליידן, יאָ, וואָס זיי רופן „געטאָדי־

קייט"! זיי וויסן, ווען זיי שרייבן וועגן אינדישער אָדער כינעזישער קולטור, אַז מע קען די דאָזיקע קולטורן נישט מעסטן אַלע מאָל מיט אייראָפּעאישע קריטעריעס. ווען ס׳קומט אָבער צו אַן אייגנאַרטיק יידישן פענאָמען און צו אַ יידישער טראַגעדיע וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע, ווילן זיי שאַצן מיט אַלגעמיינע ווערטן־סקאַלעס. צי איז דאָס נישט ווידער אַ מאָל די זעלביקע אַלטע עבדות בתוך חירות וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די מערב־אייראָפּעאישע אַסימילאַטאָרן אין 19טן י"ה? צי וואָלטן אָט די דאָזיקע פאָרשער נישט געדאַרפט אַליין דורכמאַכן אַ גרינטלעכן פּסיכאָאַנאַליז, איידער זיי נעמען זיך פּאַלמעסן די נשמות, די כאַראַקטערן, די מאָטיוון פון אונדזערע קדושים און גיבורים? דעמאָלט וואָלטן זיי אפשר איינגעזען, אַז מיט זייערע פלאַכע, נישט־באַגרינדעטע סברות העלפן זיי בלויז דעם קראַנקן געוויסן פון דער בעסערער קריסטלעכער וועלט זיך באַפרייען פון אַ שולדגעפיל, וואָס וואָלט געדאַרפט פירן צו אַן אמתער, אויפריכטיקער חרטה און תשובה; זיי דערוויטערן דעם טאָג פון ערלעכן חשבון־הנפש מצד אַ ציוויליזאַציע, וואָס פּריידיקט מענטשן־ליבע און... גאַפינט כסדר אויס נייע מעטאָדן פון האַס, פּייניקונג און דערנידעריקונג.

(1962)

# וועלטלעכע יידישקייט פאַרן דריטן דור

אין דער כראָנישער דעבאַטע וואָס ס׳קומט פאָר אין דער יידישער פובליציסטיק די לעצטע יאָרן צווישן די פּעסימיסטן און אָפּטימיסטן בנוגע דעם יידיש־גייסטיקן אינהאַלט פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, קאָנען ביידע צדדים ברענגען אַ סך ראיות צו באַקרעפטיקן זייער פּאָזיציע; וואָרעם סיי די מקוננים, סיי די בעלי־בטחון קאָנען באַשטעטיקן מיט אַ סך פאַקטן און מיט סאָציאָלאָגישע שטודיעס און אַנקעטעס, אַז עס איז פאַראַן אי ליכט אי שאָטן אויפן אַמעריקאַנער יידישן הימל. די מסקנות זיינען גאַנץ אָפט אָפּהענגיק פון די גרונט־הנחות, פון די אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען, פון פּערזענלעכן גורל פון די דעבאַטאַנטן. אַז די „וויסנשאַפטלעכקייט" פון די סאָציאָלאָגן איז אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן, אויף דעם זיינען מסכים אפילו

אויך... סאָציאָלאָגן. וואָרעם נישט נאָר אַ טעאָלאָג ווי אברהם העשל האָט תרעומות אויף דער „אויטאָקראַטיע״ פון דער סאָציאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע אין אונדזער לעבן, נאָר אַפילו דער סאָציאָלאָג אברהם דוקער, האָט אויף דער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער יידישער סאָציאָלאָגיע, לכבוד דעם 300־יאָריקן יובל, אָפּגעפּרעגט די אויספירן פון אַ שטודיע, אָנווייזנדיק אַז אין פאָרשן די יידישע געמיינדע אין אַמעריקע „איז נייטיק אַ סינטעז פון געצייג, וויסן און געפיל. וואָרעם פאָרשונג אין סאָציאָלער וויסנשאַפט איז נישט גלייך צו פאָרשונג אין מאַטעמאַטיק. עס קאָן נישט זיין פולשטענדיק אָביעקטיוו. עס זיינען אין דעם פאַרוויקלט מענטשלעכע עמאָציעס״ (זע דעם פערטל־יאָר זשורנאַל: „דזשואיש סאָשל סטאַדיס״ פון יולי, 1955). מ׳דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסן... די פאַקטן, וואָרעם אויף זיי דאַרף זיך דאָך שטיצן די טעאָריע.

דער שרייבער פון די שורות איז שוין אַ שיין ביסל יאָרן פאַרבונדן מיט יידישער דערציאונג און אים קומט אויס צו זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט עלטערן — דער גרעסטער רוב זיינען דאָ־געבוירענע — און קינדער; ס׳הייסט מיטן צווייטן און דריטן דור אין אַמעריקע. דאַרף ער קודם כל פעסטשטעלן אַז פונקט ווי ניו־יאָרק איז נישט אַמעריקע, אַזוי זיינען די ניו־יאָרקער פאָרשטעט נישט געגליכן צו די קליינע שטעטלעך אין דער „מידל־וועסט״ אָדער „סאַוט״. די אַלע אַנקעטעס, וואָס ווערן דורכגעפירט אין סאַוואַנאַ, צי אין עקראָן, צי אין טשאַטאַנוגע, צי אַפילו אין ניו־הייווען, זיינען אין אַ סך פּרטים נישט חל אויף ניו־יאָרקער „סאָבאָירבען״. ניו־יאָרקער פאָרשטעט און די פאָרשטעט פון אַנדערע גרויסע שטעט האָבן אַ טבע נישט צו וועלן פאַררעכנט ווערן ווי פּראָווינץ — נאָר זיך צו פאַרקוקן אויף דער מעטראָפּאָליע: זיי זיינען פול מיט אַפּיקורסים, נאָןקאָנפאָרמיסטן, וועלטלעכע יידן וואָס ווילן זיך נישט אָנשליסן אין טעמפּלען אָדער סינאַגאָגעס.

אַ סך יונגע עלטערן וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט וועגן אונדזער איינשטעל זוכן אַ טיפּ שול וואָס איז געבויט אויף אונדזער גרונט־פּאָסטולאַט: אַז ייד־זיין איז נישט אָפּהענגיק פון רעליגיע אָדער הלכה (אָן גלויבן) — ס׳הייסט רעליגיעזן אויפפיר, — אַ סך פון זיי ווילן דערציען זייערע קינדער צו זיין פריי פון דאָגמאַטישקייט און דאָך ממשיך צו זיין אַלץ וואָס איז

זינפול אין אונדזער גייסטיקער ירושה. זיי ווילן אַ יידישע שול וואָס זאָל זיין געבויט אויף יידישער קולטור מיט אַלע עמאַנאַציעס פון יידישן גייסט; יידישע חכמה, פּאָעזיע, געשיכטע, ריטואַל, עלעמענטן פון דער יידישער אמונה, יידיש און העברעאיש, ליטעראַטור, יידישע אידעאַלן און יידישן לעבנס־שטייגער.

און אומגערעכט זיינען דעריבער יענע סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן וואָס פאַרגלייכן אונדז מיט אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּעס אין אַמעריקע. מיר — אַן אייגנאַרטיק קולטור־היסטאָריש פאָלק, וועמענס גורל און געשיכטע ס'איז אַן אוניקום צווישן אַלע פעלקער — ווערן פלוצלינג אָדער אַן עטנישע גרופּע — געגליכן צו אַנדערע עטנישע אימיגראַנטישע גרופּעס אין אַמע־ריקע — אָדער אַ רעליגיעזע גרופּע לויטן מוסטער פון פּראָטעסטאַנטן.ביידע מאָסן פּאַסן דאָך נישט אונדזער גאַנצן היסטאָרישן גאַנג.

יענע וואָס ווילן אונדז אַריינשטופּן אין נייעם שמעלץ־טאָפּ לויט דער פאָרמולע „פּראָטעסטאַנטן־קאַטאָליקן־און־יידן", דעמאָנסטרירן בלויז דער־מיט זייער באַהאַוונטקייט אין אַלגעמיינער סאָציאָלאָגיע נישט אין אייביקן יידישן־גאַנג. וואָרעם אַ יידישקייט וואָס וועט נישט איינשליסן נישט יידישע פאָלקישקייט, נישט יידיש, נישט העברעאיש, נישט יידישן לעבנס־שטיי־גער, און נישט קיין גלויבן (וואָרעם אמונה האַלטן דאָך די סאָציאָלאָגן פון דער יידישער רעליגיע איז אָדער נישט נייטיק, אָדער נישט בנמצא אין דער אַמעריקאַנער אינסטיטוציאָנאַליזירטער יהדות) — אַזאַ יידישקייט וועט קוים־קוים האָבן אַ שייכות מיט דער גייסטיקער וועלט פון אונדזערע זיידעס און באָבעס.

דערמיט מיין איך נישט אָפּצולייקענען דעם פאַקט אַז אַמעריקע וועט אַוועקלייגן איר חותם אויף דער יידיש־וועלטלעכער שול, און אויף אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס וואָס דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר האָט דאָ אויפגעבויט זייט דעם סוף פון 19־טן יאָרהונדערט. די נייע עלטערנ־שאַפט נעמט טאַקע אָן אונדזער קוריקולום אָבער בהדרגה לייגט זי אַרויף איר שטעמפּל אויף דער שול־פּראַקטיק — אויב נאָך נישט אויף דער טע־אָריע. און פּונקט ווי די סינאַגאָגאַלע יידישקייט פון אַלע שאַטירונגען איז דאָ באַאווירקט געוואָרן פון אַמעריקאַנער גייסטיקן קלימאַט, אַזוי ווערט אויך די וועלטלעכע יידישקייט באַאווירקט אונטערן דרוק פון דער אַרומיקער קולטור מיט אירע צייט־מאָדעס: „פּוירסיוט אָוו העפּינעס" (שטרעבן צו

גליק); די באַלדיקע אינטערעסן פון קינד און זיין אויסלעבן זיך — אַט דאָס איז דער עיקר — נישט תורה לערנען. אַוודאי איז יידיש און די יידישע ליטעראַטור אַ צענטראַלער לימוד אין אונדזער שול, אָבער יידיש ווערט געלערנט — איבערהויפּט אין די אינטאַגיקע און צווייטאָגיקע שולן — נישט דער עיקר ווי די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכקייט, נאָר ווי אַ מעדיום פון יידישע ווערטן, ווי אַ רינג וואָס פאַרבינדט מיטן עבר, מיט די פריער־דיקע דורות, מיט אַלע קיבוצים איבער דער וועלט, ווי אַ מיטל צו פאַר־וואַרצלען אין אונדזער ירושה. און ווייל די היים איז אָפּט אויסגעליידיקט פון אַ יידישן אינהאַלט פאַרנעמען איצט פייערונגען און פייערלעכע מאָמענטן אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער שול. דערצו קומט צו די טענדענץ צו אַ גרינגער יידישקייט ביי אַ סך נייע עלטערן; אַזוי ווי זיי אַליין — דאָס הייסט דער צווייטער דור — האָבן גאָר ווייניק געלערנט יידישקייט, זיינען זיי מסתפּקים במועט, זיינען זיי מינימאַליסטן פאַר זייערע קינדער. אַחוץ דעם איז די אַמעריקאַנער יידישע גאַס — פונקט ווי די אַלגעמיין־אַמעריקאַנער סביבה — נאָר אַליין פאַרכאַפּט פון געיעג נאָך מאַטעריעלן דערפאָלג, און די הערשנדיקע קריטעריע פון „סוקסעס" איז צופאַסונג, דורכקומען מיט מענטשן. מען פאַר־געסט אַז דער שעפערישער מענטש פון אַלע צייטן איז נישט דער וואָס נעמט אָן דעם סטאַטוס קוואָ, און ממילא דאַרף די שול נישט זיין אַ פאָטאָגראַפיע פון לעבן, נאָר זי דאַרף אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פון תלמיד, און אים ווייזן אַ וועלט ווי זי דאַרף זיין. זי דאַרף, פונקט ווי אַ קונסטווערק, אונדז געבן דיסטילירטע דערפאַרונגען, און געלייטערטע וויזיעס — נישט דעם רעאַליסטישן תהו ובהו פון מאָמענטאַלע איבערלעבונגען!

און ווייל מיר לעבן אין אַ צייט פון פּאָליטישע שפּאַנונגען און אַ כראָ־נישן קריזיס צווישן מזרח און מערב ווערט אונדזער לאַנד געצוואונגען צו אַנטוויקלען און אַרויסצורוקן אירע מענטשן פון גייסט — אירע וויסנשאַפט־לער, דיכטער, קינסטלער, מוזיקער. ס'איז נישט גענוג, ווען מע וויל געווינען די הערצער פון הונדערטער מיליאָנען אין אַלע וועלט־טיילן, זיך צו גרייסן מיטן הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד, און מיט די שנעלע קאָמוניקאַציע־מיטלען. מע דאַרף אויך באַווייזן אַז אונדזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע קען פּראָדוצירן מענטשן פון האַרץ, מוח און געפיל — נישט בלויז מענטשן פון אַקציע, פון ספּאָרט, און אָרגאַניזיר־פעאיקייט. מיר זעען דאָס אויך פון

דער נאָר וואָס פאַרגעקומענער נאַציאָנאַלער דערציאונגס־קאָנפערענץ אין „ווייט הויז", אין וואַשינגטאָן, וואו מע האָט ערנסט דיסקוטירט נישט בלויז וועגן פעדעראַלער פינאַנציעלער הילף, נאָר אויך וועגן דער קוואַליטעט פון די אַמעריקאַנער דערציאונגס־אַנשטאַלטן, און וועגן דער אויסבילדונג פון גוטע לערער.

אָט די דאָזיקע אַנטוויקלונגען קאָנען אונדזער יידישער דערציאונגס־אַרבעט שטאַרק אַרויסהעלפן. אויב אַמעריקע זאָל טאַקע אין דער אמתן הייבן דעם סטאַנדאַרד פון דער אַלגעמיינער דערציאונג, און אויב די מערכה פון געלערנטן זאָל פאַרבעסערט ווערן, דעמאָלט וועט דאָס אויך באַווירקן דעם סטאַטוס פון יידישן אינטעלעקטועלן מענטשן, און די געביטן צו וועלכע ער ווידמעט זיין לעבן. אונדזער יידישע קולטור מיט אירע פערמאַנענטע ווערטן, מיט איר צושטייער צום באַזינען די אוניווערסאַלע מענטשלעכע עקסיסטענץ, מיט איר טיפן אַריינבליק אין גורל פון יחיד און כלל — אָט די ירושה אונדזערע קאָן דאַן ווערן דער קנין פון מאַסן, אַנשטאָט ווי איצט פון קליינע גרופּעס. וואָרעם דערוויל לײדן מיר אין אַמעריקע פון דער פּאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג: ווייל ס'איז לייכטער צו זיין אַ ייד, איז שווערער צו זיין אַ ייד; ווייל ס'זיינען נישטאָ קיין רדיפות, און מיר אַקצעפּטירן די וועלט מיט אירע נאָרמען, אָט דערפאַר איז אַזוי שווער צו לעבן ווי אַ ייד. אין אונדזער צייט, ווען אַ סך יידן האָבן נישט די אַמאָליקע אמונה אין אונדזער אויסדערוויילטקייט, מוז אונדזער קולטור באַווייזן איר זכות הקיום אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום פון קולטורן. און נאָר אין נאָמען פון איר אינטרינסיקאַלישן ווערט קאָן זי געווינען אונדזער אינטעליגענטע יוגנט.

מיר האַלטן איצט ביים אָנהייב פון 4־טן יאָרהונדערט אין דער געשיכטע פון אונדזער היגן יידישן קיבוץ, ווילט זיך פאַרענדיקן מיט אַ תפילה.

א. יהי רצון אַז אַמעריקאַנער יידן זאָלן שענקען ווייניקער אויפמערקזאַמקייט און נאָך ווייניקער פינאַנציעלע מיטלען אויף אַנקעטעס, פאָרשונגען, „פּאַבליק רילײשאָנס", נאָר זאָלן זיך אָפּגעבן מער מיט בויען לערן־אַנשטאַלטן פאַר אַלטער און נייער יידישער קולטור, און מיט אויסבילדן און געברויכן תלמידי חכמים, און לערער.

ב. די אַמעריקאַנער יידישע אינטעליגענץ זאָל זיך פאַרנעמען ווייני־

קער מיט דער פראַגע צי אַמעריקע וועט אונדז געבן איר סאַנקציע אויף אונדזער פאַלקישער אַנדערשקייט, אָדער בלויז אויף אונדזער רעליגיעזער באַזונדערקייט. מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מער מיט קריגן די סאַנקציע פון אַמעריקאַנער ייִדן אויף אַ פולסירנדיקער ייִדישקייט. וואָרעם מאַי דאָך אַז מיר האָבן געקאָנט אויסקומען אָן דער נישט־ייִדישער הסכמה אין דער אַנטיסעמיטישער מזרח־איראָפּע, קאָנען מיר דאָך אין דער פרייער אַמעריקע אַוודאי ממשיך זיין אונדזער עקסיסטענץ אָן דער סאַנקציע. דערצו איז נאָך שטאַרק דעבאַטירבאַר די פראַגע צי אונדזער פאָלקישע אַנדערשקייט איז טאַקע נישט אין הסכם מיטן גייסט פון די בעסטע פאָרשטייער פון אַמע־ריקעס פאָליטישן געדאַנק, פילאָזאָפיע און יוריספּרודענץ — פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, טעאָדאָר פּאַרקער, לואיס בראַנדייס, האָראַס קאַלען, ביזן הויפּט ריכטער פון העכסטן געריכט אוירל וואָרען! אומשטערבלעכע אידייען, אַפילו ווען זיי גייען אַרויס פון דער מאָדע, האָבן אַ טבע אויפצושטיין תחית המתים!

ג. מיר זאָלן האָבן דעם כוח „דורכצופאַלן", ד"ה אונטערצונעמען גרויסע זאַכן, אַנשטאָט זיך צו פאַרזיכערן מיט קליינע דערפאָלגן. דורכפאַלן אין קאַמף פאַר גרויסע פאַרמעסטן און אידעאַלן איז אַ גרעסערער נצחון, ווי זיך דערפאָלגרייך צופאַסן צום אַרום און שפורלאָז פאַרזינקען.

ד. אונדזערע מנהיגים, ראַבייס, לערער, וואָרטזאָגער, זאָלן טאַקע פירן קהל, נישט פאַרוואַלטן, „מענעדזשן" אים; זיי זאָלן זיך נישט כסדר צופאַסן צו זייער עדה, צו די לייענער, צו דער מאַסע. נאָר זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאַרן אמת ווי זיי זעען אים. וואָרעם אייביק גערעכט איז געווען ר' ישראל סאַלאַנטער אַז אַ רב וועמען מ'וויל נישט אַרויסטרייבן פון שטאָט איז קיין רב נישט, און אויב מ'טרייבט אים אַרויס איז ער קיין מענטש נישט . . .

ה. יהי רצון אַז מיר זאָלן האָבן דעם מוט נישט אַלע מאָל צו זיין אין דער מאָדע; און די לעצטע מאָדע איז דאָך... צו זיין אָריגינעל. זאָלן מיר האָבן די העזה צו פאַרמאָגן איבערצייגונגען — נישט געקוקט אויף דעם צי די סטאַטיסטיק איז מיט אונדז אָדער קעגן אונדז. מיר זאָלן וואָגן האָבן אמונה אין דעם אמת פון אונדזער האַרץ! וואָרעם אויך וויסנשאַפט איז געבויט אויף אמונה; נישטאָ קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט אַז די זון וועט מאָרגן אויפשיינען און דאָך גלויבן מיר אַז: יאָ!

ו. אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן — זייענדיק געאייניקט כלפי חוץ — פאַר־

בלייבן דיפערענצירט אידייאיש פון אינווייניק — און מיר זאָלן ווייטער פירן, אין דער אַלטער גוטער טראַדיציע, מחלוקת לשם שמים. יעדע ריכ־טונג אין יידישן לעבן, מיט איר קרעדאָ, מיט איר צוקונפט — וויזיע זאָל זיך ראַנגלען צו וואַרפן אַ בריק צום דריטן און פערטן דור!

(1956)

# דאָס פּנים פון די היינטיקע ייִדישע דורות

ווען איר לייענט דעם פּערמאַנענטן וויכוח וואָס עס גייט אָן צווישן אַמעריקאַנער ייִדישע פּובליציסטן וועגן דער צוקונפט פון היגן ייִדישן קיבוץ קענט איר נישט זעלטן פון די שורות — און נאָכמער צווישן די שורות — אַרויסלייענען, אַז הינטער דער „נביאות" ליגט פאַרשלייערט די אידע־אָלאָגיע אָדער דער באַהאַלטענער וואונטש פון שרייבער. אויב דער דעבאַ־טאַנט איז אַן עקסטרעמער אַלט־מאָדישער יאַהודי וועט ער אייך פאַרזיכערן, אַז אין יאָר 2,000 וועט שוין קיין שריד ופּליט נישט זיין פון ייִדיש, און אַז די הויפּט־סימנים פון אַמעריקאַנער ייִדישקייט וועלן זיין דער טעמפּל, פי־לאַנטראָפּיע, און... גאַסטראָנאָמיע. אויב ווידער דער זשורנאַליסט איז אַ בעל־תשובה וואָס האָט זיך אַנטוישט אין אַלע זיינע יוגנט־אידעאַלן און ער מיינט אַז די סינאַגאָגאַלע ייִדישקייט וועט זיין דער שטאַרקסטער זייל אין ייִדישן צוקונפטיקן בנין, וועט ער אייך באַווייזן מיט כּלערליי ראיות, אַז נאָר דער לעצטער מין ייִדישקייט קען דאָ האָבן אַ האָפט. די אַלע מסקנות — מיט וויפל טעמפּעראַמענט אָדער זיכערקייט זיי ווערן נישט געמאַכט — זיינען אָפט געבויט אויף פּערזענלעכער שטימונג און דערפאַרונג, וואָס שפּיג־לען אָפּ איינגעשטעלטע דענק־געוואוינהייטן און ווערטן־סקאַלעס.

אָבער וואָס הערט זיך מיט די „רויע פאַקטן" — אַנשטאָט די מיינונגען? ווי זעט אין דער אמתן אויס דאָס פּנים פון אַמעריקאַנער ייִדנטום? האָט עס טאַקע אַ ייִדיש פּנים? אין וואָס באַשטייט די אַנדערשקייט פון די הי־גע־בוירענע לגבי די אימיגראַנטישע ייִדן פון מזרח־אייראָפּע? איז טאַקע פאַראַן אַן אונטערשייד אין ייִדישן באַוואוסטזיין פון ייִדן אין גרויסע שטעט אין

פאַרגלייך מיט ייִדן אין די פאַרשטעט? אויף די און נאָך אַ סך אַנדערע וויכטיקע פראַגן פרובירן ענטפערן די מחברים פון דעם בוך: די ייִדן: סאָציאַלע פאָרמען פון אַן אַמעריקאַנער גרופּע*. דער צוזאַמענשטעלער פון בוך איז דער יונגער סאָציאָלאָג מאַרשאַל סקלאַר וואָס פירט אָן מיט פאַר־שונגען פאַרן „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט". אין דער אַנטאָלאָגיע האָט ער איינגעשלאָסן נייע שטודיעס, און אייניקע שוין פריער פאַרעפנטלעכטע, איבער אַמעריקאַנער ייִדישער דעמאָגראַפיע, ייִדישער עקאָנאָמיק, ייִדישער רעליגיע, דעם ייִדישן קהלה־לעבן, אַסימילאַציע און קיום, די סטאַטיק און דינאַמיק פון היגן ייִדישן לעבן, און אַ ריי אַנדערע צענטראַלע מאָמענטן אין יחידישן און כּלל־לעבן פון ייִדן אין אַמעריקע.

נישט אויף אַלע באַהאַנדלטע פּאַזן פון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן קען איך זיך דאָ אָפּשטעלן, ווילט זיך מיר דאָ באַרירן עטלעכע ענינים וואָס דאַרפן אינטערעסירן דעם אַלגעמיינעם לייענער.

איינע פון די בעסטע אַרבעטן וואָס דער רעדאַקטאָר האָט איינגעשלאָסן אין דער אַנטאָלאָגיע איז אַ קאַפּיטל פון בען האַלפּערנס בוך: „דער אַמע־ריקאַנער ייִד", וואו דער יונגער סאָציאָלאָג באַגרינדעט די טעזע אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ הייבט ערשט איצט אָן צו שאַפן זיין גע־שיכטע, ווייל ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען די היגע ייִדישע אידעאָלאָגיעס געוואָרן פאַרטיקערהייט אַריבערגעפּלאַנצט פון אייראָפּע. בעת אין אייראָפּע איז דער מאָדערנער ייִדיש־געזעלשאַפטלעכער געדאַנק אַנט־שטאַנען פּנים אל פּנים מיט די פּראָבלעמען פון אַנטיסעמיטיזם און אַסימי־לאַציע, האָט ער דאָ — וואו דער אַנטיסעמיטיזם איז קיינמאָל נישט דער־גאַנגען צו דער מדרגה פון אַ פּאָליטיש־עפעקטיווער באַוועגונג און די עמאַנציפּאַציע פון ייִדן איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטרייטפראַגע צווישן רעוואָלוציאָנערן און רעאַקציאָנערן, אַזוי ווי אין אייראָפּע — נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען ביז צום אויפקום פון מדינת ישראל. דאָ איז נישט פאַראַן קיין אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטיזם מיט אַ קלאָרן פּראָ־גראַם בנוגע ייִדישן סטאַטוס אין אַמעריקע; גיכער איז דאָס אַן אימפּולסיווע אָדער אַ סאָציאָלאָגישע דערשיינונג. דעריבער האָט די היגע ייִדישע עמאַנ־ציפּאַציע און אַסימילאַציע נישט געקענט אָננעמען דעם כּאַראַקטער ווי אין

* *The Jews: Social Patterns of an American Group*, edited by Marshall Sklare, The Free Prees, Glencoe, 1958.

אייראָפּע, וואו די רעאַקציאָנערן האָבן נישט דערלאָזט אַז ייִדן זאָלן אינטע־גרירט ווערן אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. און ווייל ייִדישע אינטע־גראַציע אין אַמעריקע ווערט פון קיינעם נישט באַקעמפט — נישט פון ייִדן און נישט פון רוב קריסטן — אָט דערפאַר מיינט נישט „אַסימילאַציע" אין אַמעריקע דאָס זעלביקע ווי אין אייראָפּע. האָלפּערן איז דעריבער גערעכט ווען ער פירט אויס, אַז מיר שטייען ערשט איצט ביים אָנהייב פון באַטראַכטן די ייִדן־פראַגע אין אַמעריקע, און דער ייִדישער געדאַנק דאַרף ערשט פאָר־מולירן די ייִדישע אידעאָלאָגיעס וואָס וועלן אָפּשפּיגלען די אמתע היגע ייִדישע ווירקלעכקייט.

וועגן פּראָבלעם פון ייִדישן כלל־באַוואוסטזיין און ירושה־אַקצעפּטירונג מצד דעם דריטן דור האָבן מיר אַ סך מאמרים אָבער ווייניק קריטיש־גע־פאָרשטע שטודיעס. די קורצע שטודיע וועגן ייִדישע יוגנטלעכע אין שייכות צו „רעליגיעזע איבערצייגונגען און אויפפיר" וואָס ד"ר סקלאַר שליסט איין אין בוך, איז ליידער באַזירט אויף אַ באַגרענעצטער צאָל יוגנטלעכע, דער עיקר פון דער „קאָנסערוואַטיווער" ריכטונג אין אַמעריקאַנער ייִדישקייט. אָבער אַפילו דאָ הערן מיר פון 32 פּראָצענט יוגנטלעכע אַז זיי זיינען נישט מסכים מיט דער דערקלערונג, אַז „רעליגיע איז נויטיק כדי צו פירן אַ גוט לעבן". 57 פּראָצענט האַלטן, אַז: „די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט באַוויזן אַז אַ סך זאַכן אין דער ביבל זיינען נישט אמת". אויך די באַקאַנטע שטו־דיע פון וואָרנער און סראָל פון וועלכער מיר האָבן דאָ אַן אויסצוג איז ליידער שוין פאַרעלטערט, הגם די אַלגעמיינע טענדענץ וואָס די שטודיע האָט דעמאָנסטרירט — אַז וויפל דער ייִדישער יחיד זאָל נישט אָפּנייגן פון דער אַלטער ייִדישקייט, וויל ער זיך פונדעסטוועגן אידענטיפיצירן מיטן כלל־ישראל — איז וואַרשיינלעך אויך איצט גילטיק.

צו פּראָפ' מאַנדעלבוימס אַרבעט וואָס באַשעפטיקט זיך מיט די סאַמע צענטראַלסטע פראַגן פון ייִדישן קיום אין אַמעריקע: — „ענדערונגען און המשך אין ייִדישן לעבן" — גייט מען דעריבער צו מיט גרויס נייגיר. לויט דעם מחבר — וועלכער שטיצט זיך אויף אַ ריי שטודיעס פון אַנדערע — איז ייִדישער קיום אַ פירנדיקער מאָטיוו אין לעבן פון אַמעריקאַנער ייִדן. דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ פילט זיך ווי דער „גרויסער ברודער" און שומר פון אַלע ייִדישע קיבוצים איבער דער וועלט, און אַ ייִד וואָס געהערט צו ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, געווינט דורך דעם פּרעסטיזש אין דער

ייִדישער געמיינדע. פּראָפ׳ מאַנדעלבוים ווייסט, אַז אויך די אירלענדער, די גריכן, די אַרמענער און אַנדערע עטנישע גרופּן אין אַמעריקע זיינען פֿאַר־אינטערעסירט אין אויפֿהאַלטן זייער קולטור און טראַדיציעס אָבער קיינעם פֿון די דאָזיקע גרופּעס גייט עס נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן ווי ייִדן. נישט געקוקט אויף די גרויסע שינויים אין היגן ייִדישן לעבן אין פֿאַרגלייך מיטן מזרח־אייראָפּעאישן שטעטל, האַלט ער, זיינען מיר ממשיך אַ ריי ייִדישע גרונט־ווערטן אויך אין אַמעריקע. שיכרות איז נישט געווען צווישן ייִדן אין שטעטל, און אויך דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר נישט קיין ייִדישע שיכורים; צדקה איז געווען און פֿאַרבלייבט אַ צענטראַלער מאָטיוו אין ייִדישן לעבן דאָ, און אָנגעהעריקייט אין דער ייִדישער קהלה דריקט זיך אויס ביי אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן אין באַזוכן די שול ימים־נוראים. דאָס איז אַ סימבאָלישער זשעסט — ביי אַ סך ניט־פֿרומע — פֿון ייִדישער אָנ־געהעריקייט און אַפֿיליאַציע מיטן כלל ישראל. אַוודאי ווייסט ער, אַז די כוחות וואָס האָבן אַמאָל צוזאַמענגעהאַלטן דאָס ייִדישע פֿאָלק וועלן אפשר נישט צוריקקומען, אָבער עס קענען אויפֿקומען נייע פֿאַקטאָרן — מיינט ער. ער איז דעריבער נישט מסכים מיט אָסקאַר הענדלינס פּעסימיזם בנוגע דער צוקונפֿט פֿון טראַדיציאָנעלע ייִדישע ווערטן אין אַמעריקע. אין זייער גרויסן רוב זיינען אַמעריקאַנער ייִדן צופֿרידן צו בלייבן ייִדן און דער ייִדי־שער קיבוץ גופֿא וועט, אויך נאָכדעם ווי אַנטיסעמיטיזם וועט פֿאַרשווינדן, אַרויסברענגען פֿון זיך צענטריפּעטאַלע כוחות — ווי ער האָט עס אַלעמאָל באַוויזן. ער ווייזט אָן אויף אַ ריי אַזעלכע פֿאַקטאָרן אויך אין אַמעריקע, און ער פֿירט אויס, אַז אויסערלעך האָט זיך ייִדישקייט שטאַרק געענדערט אין אַמעריקע, אָבער די גרונט־ווערטן פֿון דער ייִדישער קולטור לעבן דאָ ווייטער, הגם אין נייע פֿאָרמען.

אין דער זעלביקער לעצטער און אינטערעסאַנטער אָפּטיילונג אין בוך געפֿינען מיר נאָך אַ באַשטעטיקונג אַז „אייביקע" ייִדישע ווערטן האָבן דערוויל נישט פֿאַרלאָרן זייער ווירקונג אויף אַמעריקאַנער ייִדן, אין דער שטודיע פֿון פּראָפ׳ לאָורענס פוקס וועגן „די קוואַלן פֿון ייִדישן אינטער־נאַציאָנאַליזם און ליבעראַליזם". פּראָפ׳ פוקס האָט שטודירט די ייִדישע און נישט־ייִדישע בירגער אין באָסטאָן כדי צו דערגיין די סיבות פֿאַרוואָס ייִדן אין אַמעריקע גיבן אַרויס אַ פּיל גרעסערע פּראָפּאָרציע ליבעראַלן און אינ־טערנאַציאָנאַליסטן ווי די אַנדערע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג. ער איז

געקומען צו דער מסקנה, אַז די ווערטן וואָס האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן אָפּגעשטעמפּלט דעם ייִדישן כאַראַקטער, באַווירקן די ייִדישע ווײַלער אַזוי, אַז זיי זעען די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן בעת די וואַלן אין גאָר אַן אַנדער ליכט ווי די נישט־ייִדישע בירגער. אַוודאי ווייסט ער, אַז עס זײַנען אויך פאַראַן ייִדישע רעאַקציאָנערן, אָבער זיי זײַנען — מיינט ער — דער אויסנאַם. ער איז אויך גוט באַקאַנט מיט דער ייִדישער פּאָזיציע ווי אַ פאַרפאָלגטע מינאָריטעט וואָס איז סענסיטיוו צו אַלעמענס עוולות און אין אירע זעלבסטאינטערעסן מוז זי זיך אײַנשטעלן פאַר יושר צו אַלע געקריוודעטע. פונדעסטוועגן באַגרינדעט ער — אויפן יסוד פון אַ ריי פאַר־שונגען, אייגענע און פרעמדע — די טעזע אַז דעם מקור פון ייִדישן ראַדי־קאַליזם דאַרף מען זוכן נישט בלויז אין דעם ייִדנס רעאַקציע צו רדיפות, נאָר אויך אין ייִדישע נאַציאָנאַלע ווערטן, ווי לערנען, צדקה אין ברייטן זין פון וואָרט (צדק, גערעכטיקייט), און הנאה פון לעבן אויף דער וועלט (אַנטי־אַסקעטיזם).

אַפילו ווען איר האָט ספקות בנוגע דער צוקונפט פון ייִדישן ראַדיקאַליזם אין אַמעריקע און איר צווייפלט צי ייִדישקייט — ספּעציעל עקסטרעם־אָרטאָ־דאָקסישע ייִדישקייט אין דער פּראַקטיק, נישט לויט אירע אידעאַלע רעפּרע־זענטאַנטן — איז טאַקע מחייב ליבעראַליזם, לוינט זיך פונדעסטוועגן צו פאַרטראַכטן וועגן דער השפעה פון ייִדישע ווערטן, — ווי זיי ווערן פאַר־שטאַנען פון מאָדערנע ייִדן, — אויפן פּאָליטישן אויפפיר פון רוב היגע ייִדן.

אין סך־הכל: דערווײַל האָבן מיך נאָר נישט די דעפיניטיווע סאָציאָ־לאָגיע פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. אין דער אַנטאָלאָגיע זײַנען צוזאַמענ־געקליבן געוואָרן אַ ריי שטודיעס וואָס זײַנען נישט גלײַכווערטיק, און עס פעלן אַרבעטן וועגן אַזעלכע צענטראַלע ענינים ווי דער איבערגאַנג פון ייִדיש צו ענגליש, וועגן דער ראָלע פון דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַ־טור, און אַנדערע; פאַראַן דאָ שטודיעס וואָס זײַנען שוין פאַרעלטערט און אָפּהאַנדלונגען וואָס זײַנען נישט גענוג באַגרינדעט. דערצו דאַרף מען גע־דענקען, אַז אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן זײַנען די אויספירן פון די פאָרשער — נישט געקוקט אויפן וויסנשאַפטלעכן „אַפּאַראַט״ — אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק אין דעפיניציעס, קריטעריעס, אינטערפּרעטאַציעס און וועלט־אָנ־שויאונגען. דאָך באַמיען זיך דער רוב פון די באַטייליקטע אין דער כרעס־טאָמאַטיע צו זײַן אָביעקטיוו און אויסגעהיט פון ברייטע גענעראַליזאַציעס.

און אויב מיר גייען אַוועק פון דעם בוך אומבאַפרידיקטע, אַז דאָס זיינען בלויז נאָך אַ פּאָר ציגל צום בנין פון אַן אַמעריקאַנער ייִדישער סאָציאָלאָגיע, איז דאָס אפשר דערפאַר וואָס דער היגער קיבוץ־גלויות פון מזרח און מערב־ייִדן האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט; וואָס דער פאַרשיידנאַרטיקער הינטער־גרונט פון די היינטיקע דורות ייִדן אין אַמעריקע, האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופורעמען אַן איינהייטלעכן טיפּ פון אַן אַמעריקאַנער ייִד. דער סובטילער געלערנטער וואָס זעט דערוויל די מאָזאַאיק פון היגן ייִדישן קיבוץ און נישט זיין אינטעגרירט כוללדיק געשטאַלט קען זיך נישט דערלויבן צו פיל צו פאַראַלגעמיינערן, און אַרויסצוקומען מיט נביאות וועגן דער צוקונפט. ס'איז אַ קאַליידעסקאָפּיש בילד פון אַ געזעלשאַפט וואָס שטעלט ערשט אירע ערשטע טריט ביים שאַפן אייגנאַרטיקע ייִדיש־אַמעריקאַנישע לעבנס־נוסחאות, וואָס מיר דאַרפן נישט מעסטן מיט אייראָפּעאיש־ייִדישן מאָסן.

(1959)

# איז וועלטלעכע ייִדישקייט פאַרמשפּט?

צווישן דער היפּשער מחנה בעלי־תשובה וואָס וואַקסט קיין עין הרע במשך די לעצטע 10—15 יאָר געפינען זיך, נאַטירלעך, מענטשן מיט פאַר־שיידענע טעמפּעראַמענטן און שרייבער אויף פאַרשידענע מדרגות אין זייערע טאַלאַנטן. פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען פריער געווען פייערדיקע פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן און האָבן געהאַלטן אַז יעדע סינאַגאָגע איז אַ נעסט פון רעאַקציע, און איצט דערקלערן זיי מיט זעלביקן פּאַטאָס אַז ווער ס'איז מחלל שבת איז קיין ייִד נישט. פאַראַן אַזעלכע ווידער וואָס פריער פלעגן זיי אַלץ „באַווייזן" מיט פּסוקים פון די אָבות פון „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַ־ליזם", און היינט פאַרוואַרפן זיי אייך, ביי יעדער פּאַסיקער און ניט־פּאַסיקער געלעגנהייט מיט מאמרי חז"ל; און טאָמער ווערט איר נישט נתפּעל פון אויטאָריטעטן און איר טענהט, אַז אויב מ'צווייפלט צי ס'איז בכלל דאָ אַ דופק, האָט דאָך נישט קיין זין צו וועלן געווינען מיט „הייליקע" אַר־גומענטן, דאַן טרעפט, אַז דער בעל־תשובה נעמט זיך אָן מיט אַ „גערעכטן גרימצאָרן" און שליידערט אייך אין פּנים אַריין זיין מוסר־דרשה מיט דער

זיכערקייט פון אַ נביא. ער פאַרגעסט דערביי אַז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פונקט מיט אַזאַ זעלבסט־זיכערקייט געדרשנט דעם היפוך פון דעם וואָס ער זאָגט היינט, און אפשר איז ער דאַן געווען גערעכט?

לייבוש לעהרער געהערט נישט צו די דאָזיקע פאַטאָספולע מאמריסטן; פאַרקערט, ער האָט ליב גרינטלעך אויסצופאָרשן אַן ענין, גוט דורכשטודירן די גאַנצע ליטעראַטור אַרום דעם באַהאַנדלטן פּראָבלעם, און מיושבדיק באַטראַכטן אַלע אַספּעקטן פון אַ פראַגע. ערשט דאַן טראָגט ער אַרויס דעם פּסק דין. דערפאַר האָט מיך שטאַרק געוואונדערט וואָס אויך ער, וואָס פאַרשטייט די קאָמפּליצירטקייט פון אידעאָלאָגיעס און זייערע טרעגער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ „גערעכטן גרימצאָרן” און איז גוזר מיטן האַרבן וואָרט „אַז דער סוף קומט אָן פאַר דעם סעקולאַריסטישן צוגאַנג צו יידישע ווערטן; אַז די דאָזיקע ניי־אויפגעקומענע שיטה האַלט ביים פאַרענדיקן איר קורצע געשיכטע” (זע: „אידישער קעמפער” פון 21סטן מערץ, 1952). און אַזוי ווי די ראיות וואָס פירן צו דעם ווערדיקט זיינען ביז גאָר טשיקאַווע און פול מיט אימפּליקאַציעס פאַר אַלע וואָס ווען אויסלעבן זייערע יאָרן ווי וועלטלעכע יידן — אפילו ווען זיי כאַפּן זיך אַמאָל אַריין אין אַ סינאַגאָגע — זאָל אונדז דעריבער דערלויבט זיין אָפּצופרעגן אַ ריי באַהויפּטונגען און די מסקנא צו וועלכער דער מחבר קומט. און דערביי ווילן מיר רופן צו הילף טאַקע דעם מחבר גופא — נישט דעם לייבוש לעהרער פון די „מאָדערנע אידישע שול” (דאָס בוך איז דערשינען אין 1927), נאָר דעם לייבוש לעהרער פון „רעליגיע און יידישקייט” וואָס איז דערשינען שוין אין איצטיקן קלימאַט פון רעוויזיע און איבערשאַצונג פון ווערטן — אין 1940.

ראשית כל ווילט זיך פרעגן פאַרוואָס רעדט פריינט לעהרער אין זיין גאַנצן אַרטיקל גלייך ווי אַלע שאַפערס פון יידישן סעקולאַריזם וואָלטן געווען איינשטימיק בנוגע יידישקייט, ווי זיי וואָלטן געווען פון איין טייג־געקנאָטן; פאַרוואָס סימפּליפיצירט ער דעם סעקולאַריזם אַזוי, און ער דערלויבט זיך צו שרייבן — אַז „דער סעקולאַריזם איז ביי אונדז געווען לכתחילה נישט אַ־רעליגיעז נאָר קעמפעריש אַנטי־רעליגיעז”. איז דאָס טאַקע אמת בנוגע אַלע באַגרינדער פון דער אַלטער יידישקייט? זיינען דובנאָוו, פּרץ, ליעסין, זשיטלאָווסקי געווען באַקעמפער פון דער יידישער רעליגיע? צי איז נישט לייבוש לעהרער גערעכט געווען ווען ער האָט געזאָגט אין אויבנדערמאָנטן בוך (אין 1940) ציטירנדיק זשיטלאָווסקין: „מיר זעען אויך פון די דאָזיקע

רייד אַז וועלטלעכקייט דאַרף נישט באַטראַכטן די ייִדישע רעליגיע פּאַר עפּעס וואָס איז שלעכט. זי דאַרף בלויז נישט דערלאָזן אַז רעליגיעזער גלויבן זאָל געהאַלטן ווערן ווי אַ תּנאַי מוקדם אויף צו זיין אַ ייִד" (זייט 52). ניין, אַ ריי פון די וויכטיקסטע וואָרטזאָגער פון ייִדישער וועלטלעכקייט האָבן נישט באַקעמפט די אַלטע ייִדישקייט און פּאַרוואָס לייבוש לעהרער באַשאַפט זיך אַן איינהייטלעכן, איינפּלאַכיקן סעקולאַריזם, וואָס פּאַרלייקנט די ייִדישע אמונה, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. צי האָבן דען געהאַט די זעלביקע פּאַרשטעלונג וועגן ייִדישקייט אַ פּרץ און אַ מעדעם, אַ דובנאָוו און אַ ליט־וואַקאָוו? און אין אונדזער צייט האָבן דען אַן איינהייטלעכן בליק אויף וועלטלעכקייט אַ ש. ניגער און אַ קאַזשדאַן, אַ יודל מאַרק און אַ צביון?

צווייטנס, פּסקנט פּריינט לעהרער, אַז „דער ייִדישער סעקולאַריזם, וואָס מוז לויט זיין טבע (אונטערגעשטראָכן פון מיר, ש. ג.) זיך אָפּשטעלן ביי שפּראַך און שפּראַכלעכע ווערטן, קען ניט זיין קיין פונדאַמענט אויף וועלכן מ'קען בויען עפּעס דויערנדיקס". אַנגענומען, אויף אַ מאָמענט, אַז ייִדיש איז דער קען־צייכן פון אונדזער וועלטלעכער קולטור, הייסט דען דאָס אַז זי קאָן אויך אין אַמעריקע שוין מער נישט שפּילן קיין ראָלע ביים אויפ־האַלטן דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף פון ייִדישן קיבוץ?

צי איז נישט לייבוש לעהרער געווען אַ סך נעענטער צום אמת ווען ער האָט אונדז מיט 12 יאָר צוריק געלערנט: „זאָל אָבער קיינער נישט דרינגען פון דעם אַלעם אַז וועלטלעכקייט און ייִדיש זיינען סתם פּאַלשע אָדער פּוסטע לאָזונגען. הינטער יעדן פון די דאָזיקע געדאַנקען ליגט באמת אַ געזונטער קערן און אַ וועג־וויַיזעריש ליכט. מען דאַרף בלויז בייטן דעם טראָפּ... דאָס וואָס איז ריכטיק וועגן ייִדיש איז ריכטיק וועגן ייִדן בכלל. דער זעלבער גייסט וואָס וועקט אין אונדז גלויבן, אַז מיר ווי אַ פאָלק וועלן בייקומען איצטיקע סכּנות, דאַרף אויך אין אונדז וועקן גלויבן אינם קיום פון ייִדיש. וואָרעם... דער אונטערגאַנג פון ייִדיש וואָלט גע־הייסן אַז דאָס פּולבלוטיקסטע ייִדישע לעבן, וואָס אַן אייגענע שפּראַך איז בלויז זיין אויסדרוק — האָט אומעטום אויפגעהערט פונקציאָנירן". (דאָרטן, ז. 85).

אַוודאי איז „עפּעס" געשען אין די לעצטע 12 יאָר און לייבוש לעהרער — ווי אַ סך אַנדערע — האָט נאָכן אונטערגאַנג פון דער ייִדיש־טעריטאָריע אין מזרח־איירָאָפּע געמעגט אָנהייבן צווייפלען אינם צעמענטירנדיקן כּוח

פון יידישן לשון אין אַמעריקע. אָבער אויב דאָס איז אַזוי — הגם ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך און ווי פּאַרהייליקטער לשון־קודשים איז יידיש נאָך אַלץ אַ גוואַלדיקער כּלי־זין ביים אויפהאַלטן יידישע אַנדערשקייט אין אַמעריקע, — פּאַרוואָס די דאָגמאַטישע באַהויפּטונג אַז דער יידישער סעקולאַריזם מוז זיך אָפּשטעלן ביי שפּראַך? צי שטימט דאָס מיט דער אַמעריקאַנער יידישער פּראַקטיק במשך די לעצטע 10—12 יאָר? צי האָבן די טראַגישע און הע־ראָאישע געשעענישן אין אונדזער לעבן נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער סעקולערער יידישקייט? איז זי די זעלביקע ווי זי איז געווען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה?

ווער ס'איז באַקאַנט מיט דעם וואָס ס'טוט זיך אין די יידיש־וועלטלעכע שולן — דער וועט מודה זיין, אַז מ'האָט זיך יאָ דערערדט צו עפּעס ממשות־דיקס, און אַז די וועלטלעכע יידישע שולן פון אַלע שאַטירונגען האָבן זיך שטאַרק פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פון מער יידישקייט, פון טיפערן יידישן אינהאַלט, און פון אָפּטערע פייערלעכע געלעגנהייטן. אין די פאָלק־שולן פון שלום עליכם אינסטיטוט, למשל, — און מסתמא אויך אין אַנ־דערע וועלטלעכע שולן — האָט מען במשך די לעצטע 10 יאָר איינגעפירט דעם לימוד פון תנ"ך, פון העברעאיש, און געקליבענע תפילות פון סידור. מע גרייט צו די יינגלעך צו בר־מצוה און מ'פירט דורך יעדן פרייטיק אָונט אַ שבת־צערעמאָניאַל דורך וועלכן די קינדער ווערן עמאָציאָנעל פאַר־וואָרצלט אין אַלט־יידישן באָדן. צי קען אַזאַ קוריקולום באַצייכנט ווערן ווי אַ לינגוויסטישער סעקולאַריזם? מיר דוכט זיך, אַז מ'קען אפשר זאָגן: אַמעריקאַנער יידישע וועלטלעכקייט איז — יעדנפאַלס ווי זי דריקט זיך אויס אין די למודים פון די קינדער — נעענטער צו דער יידישקייט פון אונדזערע זיידעס אין מזרח־איראָפּע, איידער די יידישקייט פון די אַזוי־גערופענע רעפאָרמער וועלכע רופט זיך „רעליגיעזע יידישקייט".

דריטנס, דערציילט אונדז לייבוש לעהרער, אַז אין זיין אייגענעם קרייז קען ער אָנציילן אַרום 10 געמישטע חתונות און דאָס זיינען אַלץ יונגע מענטשן וואָס האָבן זיך דערצויגן אין יידיש־וועלטלעכע שולן. זיכער איז דאָ נישט פאַראַן קיין אימפּליקאַציע אַז די יידיש־וועלטלעכע דערציאונג פירט צו געמישטע חתונות, וואָרעם ס'איז דאָך קלאָר פאַר יעדן בר־דעת אַז דאָס זעלביקע געשעט אין אַלע גרופּירונגען פון אַמעריקאַנער יידנטום, און פריינט לעהרער וייסט בלויז בעסער וואָס ס'טוט זיך אין זיין קרייז.

אָבער נאָכדעם ווי פּריינט לעהרער דערציילט אונדז די „שיינע מעשה" מאַכט ער דעם מאָדנעם אויספֿיר, אַז אין פּלוג זיינען דאָס גאַנץ קאָנסעקווענטע סעקולאַריסטישע טענות, ס׳הייסט די אַרגומענטן פֿון יענע יונגע מענטשן וואָס זענען נישט איין פֿאַרוואָס זיי זאָלן נישט מעגן חתונה האָבן מיט גויים, ווייל — פֿירט אויס ל. ל. — סעקולערע ייִדישקייט האָט טעאָרעטיש קיין רעכט נישט זיך קעגנצושטעלן געמישטע חתונות! אַדרבא פּריינט לעהרער, ווייזט אָן כאָטש איין וועלטלעכן וואָרט־פֿירער — אַ חוץ זשיטלאָווסקין, וועלכער האָט זיך אַמאָל אין די קינדעריאָרן פֿון ייִדישן ראַדיקאַליזם, דערעדט צו דער אַבסטראַקטער מעגלעכקייט פֿון נאַציאָנאַלע ייִדן לויט דער קריסטלעכער רעליגיע, און אויך ער האָט געוואוסט פֿון דער פּאָעטישער שיינקייט און פֿון דעם ווידערגעבורט פֿון דער ייִדישער רעליגיע — ווייזט אָן ווער ס׳האָט טעאָרעטיש מתיר געמאַכט געמישטע חתונות אין וועלטלעכן קרייז? צי איז עס דען נישט אַ תרתי דסתרי אָנצואווינקען, אַז יענע וואָס האָבן געשאַפֿן באַוועגונגען און טעאָריעס כדי צו פֿאַרשטאַרקן דעם קיום האומה אין אונדזער וועלטלעכער צייט, אַז די דאָזיקע זיינען שיר נישט גלייכגילטיק צום אונטערגאַנג פֿון זייער פֿאָלק? וואָרעם איז דען נישט דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם — סיי דער ציוניסטישער, סיי דער גלותיסטישער, דער דובנאָוויסטישער, פּונקט ווי דער אחד־העמיסטישער וואַריאַנט — אויפֿגעקומען ווי אַן ענטפֿער אויף דער ייִדן־און ייִדישקייט־נויט? זיינען דען די אַלע וועלטלעכע באַוועגונגען, מיט ייִדיש אָדער העברעאיש נישט אַנטשטאַנען ווי אַן ענטפֿער צו דער אַסימילאַציע און דער עבדות בתוך חירות? און אַפֿילו אַ־רעליגיעזע סעקולאַריסטן האָבן אַ סך מאָל באַטאָנט אַז שמד אָדער געמישטע חתונות — וואָס פֿירן צו די זעלביקע רעזולטאַטן ווי שמד — מיינט זיך אויסשליסן פֿון אייגענעם פֿאָלק.

מיר וואָלטן דאָ געקענט ברענגען אַ סך ציטאַטן פֿון וועלטלעכע מנהיגים וועלכע רעדן מיט טיפֿער פֿאַרשטענדעניש וועגן די ווערטן פֿון דער ייִדישער רעליגיע. אָבער זאָל מיר דערלויבט זיין בלויז איינער: „פֿאַר מיר איז דער תנ״ך דווקא דערפֿאַר הייליק, ווייל ער איז אַזוי מענטשלעך, אַזוי טיף, אַזוי אינטים, אַזוי אויפֿריכטיק, — און דאָס פֿאָלק וואָס האָט אים באַשאַפֿן און וואָס האָט אים געטראָגן איבער דער וועלט במשך טויזנטער יאָרן, באַצאָלנדיק דערפֿאַר מיט אָן אַ שיעור קרבנות און ליידן, איז פֿאַר מיר

אַ גרויס פאָלק. אַפילו די קריסטלעכע וועלט גופא יודאַאיזירט זיך אין דער מאָס וואָס זי ציוויליזירט זיך". דאָס זאָגט אַ ייִדישער וועלטלעכער סאָציאַ־ליסט, דער בונדיסטישער פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש (זע: ייִדישקייט לויט דער השגה פון אַ ייִדישן פּאָזיטיוויסט, זשענעווע, 1944.

צי האָבן טאַקע אַזעלכע ייִדישע סעקולאַריסטן „טעאָרעטיש קיין רעכט נישט" זיך קעגנצושטעלן געמישטע חתונות ?! דער וועלטלעכער ייִד, וועל־כער האָט באַשאַפן דעם ציוניזם, דעם גלותיזם, דעם חלוציזם, די מאָדערנע ייִדישע און העברעאישע ליטעראַטור, כדי מיט נייע, מאָדערנע אינסטרו־מענטן צו פאַרזיכערן דעם קיום האומה — אָט דער ייִדישיסטישער אָדער העברעאיסטישער ייִד האָט טעאָרעטיש קיין רעכט נישט זיך קעגנצושטעלן געמישטע חתונות, וואָס וואָלטן — אויב זיי זאָלן זיך אַלץ מער פאַרשפּרייטן — געשטעלט אין סכנה די עקסיסטענץ פון פאָלק!

פּערטנס, פירט אויס, לייבוש לעהרער, אַז ס'איז פאַר אים קלאָר הגם די צאָל ייִדן וואָס פירן אַ סעקולער לעבן איז זייער גרויס „אַז דער ייִדישער סעקולאַריזם איז נישט צוגעפּאַסט צו זיין אַ באַלעבנדיקער פאַק־טאָר אין אונדזער צעשפּרייטקייט, ווייל פאַרן רוב פון די אַלע איז דאָס אַ וועג זיך אַרויסצורוקן פון צענטער, זיך אָנצונעמען מיט קאַלטן נייטראַ־ליזם צו ייִדישער עקזיסטענץ".

אַוודאי וואָלט דער מחבר געוווען גערעכט ווען סעקולערע ייִדישקייט זאָל מחייב זיין אַנטי־רעליגיע און די אַמאָליקע יעווסעקישע פאַרניינונג פון אַלע טראַדיציאָנעלע ווערטן. אָבער ווען מיר האָבן אין זינען דעם איצטיקן ייִדישן סעקולאַריזם מיט זיינע עונג־שבתים און יום־טובים, מיט זיין באַטאָנען די וויכטיקייט פון ריטואַל, דאָס ווערטפולע אין טראַדיציע, מיט זיין שטעלן דעם טראָפ אויף יענע עלעמענטן אין אונדזער גייסטיקער ירושה, וואָס האָבן אַ פּערמאַנענטן ווערט אויך פאַר אַ היינטצייטיקן ייִדן — פאַרוואָס איז אַזאַ סעקולאַריזם נישט קיין באַלעבנדיקער פאַר מאָדערנע ייִדן, וואָס געפינען נישט קיין זין אין נאָרמאַטיווער ייִדישער רעליגיע? ווי אַזוי וועט איר פאָרט צובינדן צו ייִדן און ייִדישקייט יענע וואָס זיינען פּראָדוקטן פון דער סעקולער־פּראַגמאַטישער דערציאונג וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער אַמעריקאַנער סקול? צי קענט איר אָט די אַלע וואָס זוכן אידענטיפיקאַציע מיטן כלל ישראל דורך נייע מאָדערנע מיטלען, צי קענט איר זיי פאַרשרייבן

אַ רעצעפּט, אַז זיי זאָלן יעדן טאָג דאַוונען שחרית, מנחה און מעריב? און אויב דאָס איז נישט מעגלעך פאַרן רוב פון די דאָזיקע יונגע מענטשן — פאַרוואָס זיי אָפּשטויסן פון אונדזער פאָלק דורך פאַרלאַנגען, אַז נאָר די, וואָס היטן אָפּ די תרי״ג מצוות זיינען ייִדן! אַפילו די רעקאָנסטרוקציאָניסטן, וועלכע געהערן לכל הדעות צו דער רעליגיעזער ייִדישער וועלט — זיינען דאָך נישט אַזעלכע מחמירים. זיי האָבן בפירוש דעקלאַרירט אַז זיי שליסן נישט אויס די וועלטלעכע ייִדן פון כלל ישראל. „כל זמן זיי (די וועלטלעכע ייִדן) רופן זיך אָפּ מיט פּיעטעט אויף געוויסע פאַרהייליקטע עלעמענטן פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע, אָדער זיי שטרעבן צו פאַרקערפּערן עטישע אי־דעאַלן אין ייִדישן לעבן, קען מען נישט באַטראַכטן זייער וועלטלעכקייט ווי אַ טאָטאַלע פאַרלייקענונג פון דער ייִדישער רעליגיע״. (זע: די רעקאָנ־סטרוקציאָניסטישע פּלאַטפאָרם אין „רעקאָנסטראַקשיאָניסט״, 24טן פעב־רואַר, 1950).

ואחרון, אחרון, די מסקנא צו וועלכער פּריינט לייבוש לעהרער קומט איז נישט מער און נישט ווייניקער — אַז אָט־אָט און דאָס קאַפּיטל ייִדישע וועלטלעכקייט ווערט אָפּגעשלאָסן און די דאָזיקע שיטה וויזט זיך אַרויס ווי אַ באַנקראָטירטע. ילמדנו רבינו! ווי אַזוי, ווילט זיך פרעגן, אויפן סמך פון וואָסער ברייטער אויספאָרשונג צווישן אַמעריקאַנער יונגע ייִדן איז דער מחבר געקומען צו אַזאַ אויספיר? צי ווייסט דען נישט לייבוש לעהרער, אַז גלייכצייטיק מיטן פונאַנדערבלי פון די היגע רעליגיעזע טאָג־שולן און ישיבות, גייט אויך אָן אַ פּאַראַלעלער שטראָם פון אויסברייטערונג פון די ייִדישע צענטערס וועלכע זיינען געפּאַקט מיט יוגנטלעכע, בעת די סינאַ־גאָגעס פּוסטעווען? אָן שום ספק ווייסט דאָס לייבוש לעהרער. עס איז אים זיכער באַקאַנט, אַז דער ייִדישער אינהאַלט פון די צענטערס דריקט זיך אויס אין ספּאָרטס, טענץ, ייִדישע פייערונגען, אַ „וואָך״ אָדער אַ „חודש״ פאַר ייִדישער געשיכטע, מוזיק, דערציאונג, פאַרן ייִדישן בוך אד״גל, — אָט דאָס אַלץ וואָס מ׳קען אַוודאי באַצייכענען ווי וועלטלעכע קולטור־עלע־מענטן. איז עס דען אַ באַווייז אַז אַמעריקאַנער ייִדן האָבן זיך אַ קער גע־טאָן צו דער אמונה פון זייערע אָבות? פּונקט פאַרקערט: איך קען עדות זאָגן פון אַ סך קאָנטאַקטן מיט יונגע אַמעריקאַנער ייִדן, אַז אַ ייִדישע וועלט־לעכקייט וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון ייִדיש און העברעאיש, און שליסט אויך איין די ווערטפולסטע עלעמענטן פון דער ייִדישער טראַדיציע, גע־

פינט אַ טיפן אָפּקלאַנג ביי זיי. הלוואי וואָלטן אונדזערע סעקולאַריסטן אויס־געניצט די גוטע „אָביעקטיווע באַדינגונגען" פון אַמעריקע. מיר וואָלטן דאָ געקענט נישט ווייניקער אויפטאָן ווי די רעליגיעזע ייִדן.

„די קוואַליע פון דער צוקונפט" באַלאַנגט נישט — אויב מען וויל אויך נישט פאַרגעסן וואָס ס'טוט זיך אין דער נישט־ייִדישער וועלט — צו יענע וואָס מיינען, אַז די ענטפערס אויף אונדזערע דילעמעס ליגן אַלע אין עבר. ס'קאָן דאָך זיין, אַז בערטראַנד ראַסעל איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט ווען ער טענהט, אַז דאָגמאַטישע שיטות גיבן נישט דעם מאָדערנעם מענטשן קיין רוים פאַר זיין פרייען גייסט, וואָס איז גלייכצייטיק די גלאָריע און די פּיין פון מערבדיקן מענטש, וועלכער מאַכט דורך די חבלי לידה אויפן וועג צו זיין פולן וואוקס: אָבער דערווייל ליידט ער פון ספקות און אומ־קלאָרקייטן.

יאָ׳ עס איז פיל שווערער צו זיין אַ וועלטלעכער ייִד ווי אַן אָרטאָדאָקס; אונדזער ייִדישקייט איז מחייב נייע פאָרמולירונגען און דעפיניציעס: וואָס באַטייט צו זיין אַ ייִד וועלכער לעבט נישט לויטן שולחן ערוך? וואָס האָט אַ וועלטלעכער ייִד בשותפותדיקס מיט אַנדערע ייִדן? אין נאָמען פון וואָס דאַרף אַזאַ ייִד ליידן פאַר זיין ייִדישקייט? ווי מאַכט מען אַז דאָ אין אַמע־ריקע, וואו מיר זיינען אַזוי טיף־אינטעגרירט מיט דער לאַנד־קולטור, זאָלן מיר פאַרט אָנהאַלטן אונדזער אידענטיטעט?

געבענטשט זיינען די וואָס קענען גלייבן און האָבן געפונען גאָט — דעם גאָט פון ישראל. וועלטלעכע ייִדן, סיי העברעאיסטן, סיי ייִדישיסטן, געהערן נישט צו די דאָזיקע גליקלעכע. זיי שרעקן זיך אפשר אויך נישט פאַר רע־ליגיע און טראַדיציע; אָבער זיי קענען אויך נישט שטילן זייער גייסטיקן דורשט בלויז מיט די קוואַלן פון וואַנען זייערע זיידעס האָבן געשעפּט. עט־לעכע דורות מאָדערנע ייִדישע חכמים און וויזיאָנערן, פון אחד העם, י. ל. פּרץ, זשיטלאָווסקי, ליעסין, דובנאָוו ביז מנחם באָריישא — האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פאַר אַ נייער וועלטלעכער טראַדיציע וואָס קען, אויב מיר וועלן ווייטער טראָגן ציגל צו איר בנין, געבן אַ גייסטיקן מקום מנוחה פאַר די נייע דורות אין אונדזערע תפוצות, אויך אין אַמעריקע. די דאָזיקע נייע טראַדיציע דאַרף שאַפן אירע נאַציאָנאַלע עשה׳ס און לאוו׳ן אָבער אויב ס'קומט אונדז אָן שווער צו נאָרמירן דאָס לעבן פון פרייע, וועלטלעכע ייִדן, טאָרן מיר זיך נישט פאַרלייקענען און אַנטלויפן פון זיך.

(1952)

# קיערקעגאַרד — און דער פאַרלאָרענער גן־עדן

וואו וואוינט אמונה? ווילסט געפינען
איר וואוין — צום יאוש גיי און פרעג,
דורך זיינע לענדער גייט דער וועג,
עס וואוינט אמונה אויף רואינען.

— — — — — — —

אין אירע טרערן לייכט באַגינען
בשעת זי זיצט און ברעכט די הענט.
און האָסטו יאוש נישט געקענט —
אמונה וועסטו נישט געפינען.

אהרן צייטלין

די גייסטיקע שטרעמונג, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען עקסיסטענציאַליזם, פאַרמאָגט אַ ברייטע אָנהענגערשאַפט נישט בלויז אין פראַנקרייך — וואו זי איז מער ווי אַ פילאָסאָפישע שיטה, — נאָר זי איז אויך נישקשהדיק פאָפולער צווישן דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. אַזעלכע פראַנצייזישע פירער פון עקסיסטענציאַליזם ווי דער קינסטלער סאַרטער, די שריפטשטעלערין מאַדאַם דע באָוואואר, דער נאָוועליסט קאַמוס, זיינען פיגורן וועמענס נעמען מ׳טרעפט אָפט אין אַמעריקאַנער אינטעליגענטישע זשורנאַלן. אויך אין די קרייזן פון דער אַמעריקאַנער יידישער אינטעליגענץ ווערט דער עקסיסטענציאַליזם דיסקוטירט פאַר און קעגן, און זיינע אָנהענגער פּרובירן אים געבן אַ יידישן קנייטש. איינער פון די אָנגעזעענסטע בעל־תשובה׳ס צווישן דער הי־געבאָרענער יידישער אינטעליגענץ דערקלערט, אין אַ וויכטיקער יידיש־ענגלישער שריפט, אַז „די שריפטן פון די נייבוירס, טיליטשעס, קיערקעגאַרדס זיינען נוצלעך ביים אַנטוויקלען אַן אינטעלעקטועלן פאַנצער פאַר אמונה", ס׳הייסט פאַר דער יידישער אמונה. אַן אַנדער פּראָמינענטער פאַרשטייער פון אונדזערע צוריק־צו־גלויבן־אינטעלעקטואַלן פּרובירט, אין זעלביקן זשורנאַל, באַגרינדן אַ יידישע טעאָלאָגיע אויפן יסוד פון עקסיסטענציאַליזם.

צי מ׳האַלט, דעריבער, מיט די חסידים זיינע, אַז דער עקסיסטענציאַליזם שטעלט מיט זיך פאַר דעם וויכטיקסטן אידייאישן רעוואָלט פון די לעצטע הונדערט יאָר, אָדער מ׳גלייבט אַז דאָס איז נישט מער ווי נאָך אַן אַנטי־

טעכנאָלאָגישער פּראָטעסט פון עמפּפינדלעכע יחידים קעגן דער רעגימענ־טאַציע פון דער מאָדערנער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע — ווי איינער זאָל זיך נישט באַציען, איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דער קריטיק און מיט די הויפּט־אידייען פון די עקסיסטענציאַליסטן.

פאַראַן, ווי באַקאַנט, פאַרשיידענע וואַריאַנטן אין עקסיסטענציאַליזם וואָס ציען זיך פון דעם סופער־קריסטלעכן קיערקעגאַרד ביז צום אַטעאיס־טישן סאַרטער. פאַראַן אייניקע געלערנטע וואָס ווילן זען דעם אָנהייב פון דער פילאָסאָפישער שיטה אין פּאַסקאַלן, און אפשר נאָך פריער — אין סאָקראַטעסן. אָבער בלויז אין אַ באַגרענעצטן זין קען מען די דאָזיקע — און אַנדערע — פילאָסאָפן באַצייכענען ווי עקסיסטענציאַליסטן. דער נאָמען און דער תוך פון דער דאָזיקער פילאָסאָפישער שול שטאַמט פון דעם דע־נישן דיכטער־פילאָסאָף סאָרען קיערקעגאַרד, און ער ווערט מיט רעכט באַטראַכט ווי דער פאָטער פון עקסיסטענציאַליזם.

אויף וואָסער באָדן איז אויפגעקומען דער היינט־צייטיקער עקסיסטענצי־אַליזם? דער מאָדערנער מענטש האָט זייט דער אויפקלערונגס־תקופה, אַנטוויקלט אַ זעלבסט־צופרידענעם אָפּטימיזם, אַ גלויבן אין פּראָגרעס, אַן איבערצייגונג אַז דער יחיד איז אַ ראַציאָנאַלע באַשעפעניש, און אַז מיט דער הילף פון וויסנשאַפט, טעכניק, דערציאונג, קען ער דערגרייכן שלימות, אין אַ וועלט פון פרידן. אָבער, ווייל די ציוויליזאַציע פון איצטיקן יאָרהונ־דערט האָט פּראָדוצירט צוויי וועלט־מלחמות אין משך פון לעבנס־שפּאַן פון איין דור, האָט דער פלאַכער אָפּטימיזם אָנגעהויבן פאַרשווינדן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען — ביי אַ טייל פון דער אינטעליגענץ — אַ דערדריקנ־דיקע מעלאַנכאָליע, אַ געפיל פון זינלאָזיקייט. דעם מענטשנס נצחון איבער רוים האָט אַריינגעבראַכט די מלחמה אין שטוב אַריין, און זי איז געוואָרן דער געשפּענסט פון אַלע שיכטן ביי אַ סך פעלקער. די וויסנשאַפט גייט טאַקע שנעל פאָראויס צו באַזיגן קראַנקייטן, אָבער דער מענטש טראָגט נאָך שנעלער דעם טויט צו זיינע מיטמענטשן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט פאַרענדיקט די עפּאָכע פון אָפּטימיזם. אָבער נאָך לאַנג איידער זי האָט זיך געענדיקט, האָבן אַ ריי דיכטער און דענקער פאָרויסגעזאָגט אַז די תקופה פאַרענדיקט זיך. איינער פון די דאָזיקע העלזעער איז געווען סאָרען קיער־קעגאַרד — אַ פּעסימיסט וועמען ס'האָט פאַרפאָלגט די טראַגיק פון מענטש־לעכן לעבן.

## עטלעכע ביאָגראַפישע פאַקטן

סאָרען קיערקעגאַרד איז געבאָרן געוואָרן אין קאָפּענהאַגן דעם 5טן מאַי, 1813. ווי אַ קינד איז ער געווען אויסערלעך גליקלעך און פריילעך. הינטער זיין אויסערלעכקייט איז געווען פאַרבאָרגן אַ געווערשנטע מעלאַנכאָליע.

אין דער יוגנט איז ער פאַרפאָלגט געוואָרן פון אַ געפיל פון זינד, צוליב דעם וואָס ער האָט אויסגעפונען די סיבה פון זיין פאָטער'ס שטילער פאַרצווייפלונג (זיין פאָטער האָט געגלויבט אַז זיין ווייב — סאָרענס מוטער — און זיינע פיר קינדער זיינען געשטאָרבן יונגערהייט אַלס אַ שטראָף פון גאָט פאַר דעם וואָס ער האָט געשאָלטן גאָט ווען ער איז געווען אַ יינגל, און פאַר דעם וואָס ער האָט פאַרגוואַלדיקט סאָרענס מוטער איידער ער האָט מיט איר חתונה געהאַט). אַ טיף געפיל פון אינערלעכער אומגליקלעכקייט האָט געפירט דערצו אַז סאָרען זאָל אָפּברעכן זיינע תנאים מיט זיין כלה און כדי נישט צו דאַרפן איר דערקלערן זיין מאָדנע אויפפירונג האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז איר געווען אומגעטריי. אין זיינע באַציאונגען מיט מענטשן פלעגט ער אָפט באַהאַלטן זיין טרויער אונטער אַ מאַסקע פון פריילעכקייט. זיינע ביכער האָט ער, אין רוב פאַלן, פאַרעפנטלעכט אונטער פסעוודאָנימען. ער פלעגט לעבן פון אַ הכנסה וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. ער איז געשטאָרבן אין 1855, אין עלטער פון 42 יאָר, אינמיטן אַ שריפטלעכן קאַמף וואָס ער האָט געפירט קעגן דער דענישער מלוכה־קירך, וועלכע האָט לויט זיין מיינונג, אוזורפירט דעם פלאַץ פון דער אמתער רעליגיע. לויט זיינע אייגענע ווערטער איז זיין לעבן געווען אַ פּראָגרעס „פון איינגעבאָרענער אַנגסט צו אמונה״.

קיערקעגאַרד איז געוואָרן געפייניקט פון דער טראַגישער פראַגע: ווי קען דער מענטש געפינען אַ תיקון פאַר זיין לעבן? דער מענטש, האַלט ער, לעבט גלייכצייטיק אויף צוויי פלאַכן וואָס באַרירן זיך נישט: אין צייט און אין דער אייביקייט. דערפאַר לעבט ער אין אַן אומאויפהערלעכער שפּאַנונג: אין צייט עקסיסטירט ער ווי אַן אומוויכטיקער מיטגליד פון זיין מין, פון כלל; אָבער אין דער אייביקייט עקסיסטירט בלויז דער יחיד, אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. דערפאַר, צוליב דער שפּאַנונג וואָס קען נישט אויפגעלייזט ווערן, לעבט דער מענטש אין פחד און ציטערניש. מענטשלעכע עקסיסטענץ איז מעגלעך נאָר דורך גלייבן אין גאָט, ווייל אין גאָט איז

דאָס אוממעגלעכע, מעגלעך; אין גאָט איז צייט און אייביקייט איינס, און דער מענטש ווערט דאַן דורך זיין גלויבן פריי.

### קיערקעגאַרדס הויפּט־אידעען

אין סאַמע תוך פון עקסיסטענציאַליזם ליגט אַ שאַרפע קריטיק אויפן „ראַציאָנאַליזם" פון העגעלן. רעאַליטעט, מיינט דער דענישער דענקער, ווערט אוממיטלבאַר איבערגעלעבט — מיטן אַקצענט אויף דעם אינערלעכן, פּערזענלעכן כאַראַקטער פון דעם מענטשנס דירעקטער דערפאַרונג. דער עקסיסטענציאַליזם איז דעריבער אַ נייע ווערסיע פון דעם פאַרשפּרייטן רוף צו אוממיטלבאַרער דערפאַרונג וואָס איז אַ סימן־מובהק פון היינט־צייטיקן פילאָסאָפישן געדאַנק. דער דאָזיקער רוף איז אַרויס אין יאָרצענדליק פון 1840—1850. אין 1844 איז דערשינען קיערקעגאַרדס „פילאָסאָפישע פראַגמענטן", און אין 1846 — זיין הויפּטווערק „דער סוף פון אומוויסנשאַפטלעכן פאָסטסקריפּט".

אין די „פראַגמענטן" שטעלט זיך ק. די אויפגאַבע אויסגעפינען פון וואַנען ס'נעמט זיך דער אַנטאַגאָניזם צווישן ספּעקולאַטיוון געדאַנק און רעליגיע. די דאָזיקע מיספאַרשטענדעניש, מיינט ער, וואָרצלט אין כאַראַקטער פון דער יחידישער עקסיסטענץ; דערפאַר קאָנצענטרירט ער זיך אויף דער אינערלעכער, סוביעקטיווער מענטשלעכער דערפאַרונג. דער פילאָסאָפישער געדאַנק, האַלט ער, פאַרזעט אינגאַנצן דאָס פּראָבלעם פון אינערלעכקייט, אָדער ער מיסאינטערפּרעטירט עס. און נאָר מיט אַ נישט־אָביעקטיוון צוגאַנג קען מען פאַרשטיין דעם „רעליגיעזן אמת". צי קען מען אַזאַ „אמת" אויסלערנען? פרעגט ער; צי ווערט אַזאַ אמת אַריינגעשפּריצט אין יחידישן באַוואוסטזיין פון דרויסן? אָדער דערוויסנדיק זיך דעם אמת, צי הייסט עס אַז מיר באַזיצן דאַן פולשטענדיק עפּעס וואָס איז געלעגן אין אונדז די גאַנצע צייט אין אַ לאַטענטער פאָרם?

אין „פאָסטסקריפּט" ווערט געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק קעגן העגעלן און זיינע תלמידים. דאָ געפינען מיר קיערקעגאַרדס אַלע כלי־זיין: אַנאַליז, שאַרפזין, הומאָר און איראָניע. דאָ באַטאָנט ער אַ סך מאָל אַז אַ פילאָסאָפישע שיטה איז איבערצייטלעך בעת עקסיסטענץ איז באַגרענעצט אין צייט: אַז אַ פילאָסאָפישע שול קען נישט פרעטענדירן צו גילטן ווי אַ געדאַנקען־סיסטעם סיידן זי איז פאַרענדיקט, און זי האָט דעריבער דערגרייכט אַן

איבערצייטלעכן ווערט, בעת עקסיסטענץ, ווען דער יחיד עקסיסטירט נאָך, איז דאָך קיינמאָל נישט פאַרענדיקט! היינט ווי קען אַ פילאָסאָפיע אונטער־ציען אַ סך־הכל פון אַ נישט־אָפּגעשלאָסענער מענטשלעכער עקסיסטענץ? שאַרף אונטערשטרייכנדיק די דאָזיקע סתירה קומט ער צו דער מסקנא אַז די שיטות פון העגעלן און אַנדערע פילאָסאָפן זיינען נישט קיין פאַרענדיקטע, ווי זיי פּרעטענדירן.

זיין הויפּט־טעזיס קען מען בקיצור סומירן אַזוי: נישט מיט דער הילף פון געשיכטע, נישט דורכן ספּעקולאַטיוון געדאַנק, נישט דורך אַנדערע אינ־טעלעקטועלע מיטלען קען מען באַווייזן דעם אמת פון רעליגיע. וואָרעם „אַ שיטה אין לאָגיק איז מעגלעך, אָבער אַ פילאָסאָפיע וועגן מענטשלעכער עק־סיסטענץ איז אוממעגלעך; זי קען נישט פאָרמולירט ווערן סיידן פון גאָט אַליין. סיסטעם און פינאַליטעט קייטלען זיך איינס מיטן אַנדערן, אָבער עקסיסטענץ איז דאָך דער היפוך פון פאַרענדיקטקייט. עקסיסטענץ סעפּאַרירט און האַלט באַזונדער די פאַרשיידענע מאָמענטן; דער סיסטעמאַטישער גע־דאַנק אָבער באַשטייט אין אָפּשלוס וואָס ברענגט זיי צוזאַמען. ווען אַ באַזונ־דער עקסיסטענץ איז געוואָרן אַוועקגערוקט אין עבר איז זי גאַנץ, האָט זי דערוואָרבן אַן אָפּגעשלאָסנקייט, און זי איז אונטערגעוואָרפן צו אַ סיסטע־מאַטישן פאַרשטיין. אָבער צו וועמען איז זי אַזוי אונטערגעוואָרפן? יעדער וואָס איז אַליין אַן עקסיסטירנדיקער יחיד קען נישט קריגן די דאָזיקע פינאַליטעט אויף יענער זייט עקסיסטענץ, וואָס מיינט אייגנטלעך אין דער אייביקייט, אין וועלכער דער עבר איז אַריינגעטראָטן. אָט דער פאַקט, וואָס דער דענקער איז אַן עקסיסטירנדיקער יחיד באַדייט דאָך, אַז עקסיסטענץ צווינגט אויף אים אַרויף אירע פאָדערונגען. אָבער ווער איז דער דאָזיקער סיסטעמאַטישער דענקער? יאָ, ער איז דער וואָס איז אין זיין אייביקייט שטענדיק גאַנץ, און דאָך שליסט ער איין אַלע עקסיסטענצן אין זיך — דאָס איז גאָט*.

לויט קיערקעגאָרדס מיינונג, קומט אויס, אַז דער פילאָסאָפישער סי־סטעם נאַרט אָפּ דעם מענטשן צוליב די גראַנדיעזע האָריזאָנטן וואָס ער עפנט אויף; ער ציט אָפּ אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון די באַשיידענערע פּראָבלעמען וואָס דאַרפן זיין די עיקרדיקע באַשעפטיקונג פון דעם באַ־

* S. Kierkegaard: Concluding Unscientific Postscript 1941, Princeton Univ. Press, pp. 107-8.

גרענעצטן מענטשן, און ער פאַרכאַפּט אונדז מיט די שווינדלענדיקע פּאַראַדן פון „וועלט־גייסט", איינרעדנדיק אונדז, אַז אין פאַרגלייך מיט זעקס טויזנט יאָר וועלט־געשיכטע איז אונדזער קורצע פּערזענלעכע עקסיסטענץ אָן שום באַדייט.

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם וואָס באַשעפטיקט דעם דענישן דיכטער־דענקער איז דער פּאַראַדאָקס פון גלויביקן יחיד — זיין איבערלעבן דאָס געפיל פון נישטיקייט פנים אל פנים מיטן כביכול, וואָס איז דאָך דער תיקון פאַר זיין עקסיסטענץ. וואָרום דער תוך פון אמונה, לויט אים, ליגט אויף דער סוביעקטיווער זייט — אין דער רעטעניש פון מיין וועג צו גאָט. נישט דאָס פאַרשטיין פון דער שייכות פון מענטש צו גאָט, נישט דאָס אויפבויען קאָמפּליצירטע טעאָלאָגישע שיטות, נאָר דער וועג צו אייביקער גליקזעליקייט פאַר מיין „אייגענעם קליינעם איך" — אָט דאָס דאַרף זיין די עובדא פון יעדן רעליגיעזן מענטשן. דאָס מיינט פאַר קיערקעגאַרדן זיך שאַרף אָפּקערן פון סיסטעמאַטיזירונג און אָביעקטיוויטעט, און זיך ווענדן מיטן פנים צו סוביעקטיוויטעט, צו „אינערלעכקייט" — ווי ער האָט עס ליב אָנצורופן. זיך אָפּקערן פון עקסטענסיוון לעבן פון די חושים, און זיך קאָנצענטרירן אויף אַן אינטענסיוו לעבן פון אינטראָספּעקציע; זיך אויס־דרייען פון אַלגעמיינעם, אַבסטראַקטן און דערפאַר נישט רעאַלן, און זיך ווענדן צום ספּעציפישן, קאָנקרעטן און רעאַל־עקסיסטירנדיקן, ד"ה צום יחיד וואָס איז דער איינציק ממשותדיקער עקסיסטירנדיקער פאַר זיך, אַחוץ גאָט וועמען ער דערקענט דורך אמונה.

אַזאַ געדאַנקן־גאַנג פירט דירעקט צו דעם רעוואָלוציאָנערן אויספיר וואָס ק. פּראָקלאַמירט אין „פּאָסטסקריפּט" אַז דער אמת איז סוביעקטיוו. און נאָכדעם ווי ער דעפינירט דעם אמת ווי סוביעקטיוויטעט פירט ער ווייטער זיין ליניע, אַז דערפאַר וועט דער מענטש דערגרייכן דעם פולסטן אמת ערשט דאַן ווען דער סוביעקטיווער עלעמענט וועט דערגיין צו דער העכסטער, אינטענסיווסטער מדרגה. „דער סאָקראַטישער אומוויסן" — אַר־גומענטירט קיערקעגאַרד — „ביי וועלכן סאָקראַטעס האָט זיך שטאַרק אָנ־געהאַלטן מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין אינערלעכקייט, איז געווען אַן אויסדרוק פון פּרינציפּ אַז אַן אייביקער אמת איז בלויז פאַראַן אין שייכות צו אַ עקסיסטירנדיקן יחיד. אַן אָביעקטיווער ספק ביי וועלכן מ'האַלט זיך אָן מיט דער ליידנשאַפטלעכסטער אינערלעכקייט, איז דער אמת, דער

העכסטער אמת וואָס אַן עקסיסטירנדיקער יחיד קען דערגרייכן (קיערקע־גאַרד האָט דאָ אין זינען סאָקראַטעסעס פּראַגע: צי איז פאַראַן אומשטערבלעכקייט? אויף וועלכער סאָקראַטעס האָט ריזיקירט און אַוועקגעגעבן זיין לעבן). וואָרעם עס איז דאָך מעגלעך אַז ס'איז געווען מער אמתדיקייט אין דעם סאָקראַטישן נישט־וויסן, איידער אין דעם גאַנצן אָביעקטיוון אמת פון דעם פילאָסאָפישן סיסטעם וואָס פלירטעוועט מיט די כלומרשטע פאָדערונגען פון דער צייט, און פּאַסט זיך צו צו פּריוואַט־דאָצענטן. דער אמת איז דווקא יענע געוואַגטקייט וואָס קלייבט אויס אַ נישט־אָביעקטיוון ספק מיט דער ליידנשאַפט פון אין־סוף. דורך דעם פּרינציפּ אַז סוביעקטיוויטעט, אינערלעכקייט איז דער אמת, דורך דעם באַגרייפט מען ערשט די חכמה פון סאָקראַטעסן וועמענס אייביקער פאַרדינסט עס איז געווען צו דערזען דעם תוכיקן באַדייט פון עקסיסטענץ — אַז דער וויסנדיקער מענטש איז אַן עקסיסטירנדיקער יחיד. אַט דערפאַר טאַקע צוליב זיין נישט־וויסן האָט סאָקראַטעס באַוועזן דעם אמת*.

אין אַנדערע ווערטער, הייסט דאָס, אַז ס'איז פאַראַן אַ שאַרפער ריס צווישן געדאַנק און רעאַליטעט. אפילו אויב די מענטשלעכע מחשבה קען דערגרייכן אויסגעהאַלטנקייט, מיינט עס נישט אַז מיר קענען אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט אַריבערטראָגן אויך אין דער פּראַקטיק. וואָרעם כל־זמן מיר לעבן זיינען מיר געפאַנגען אין אַ צושטאַנד פון ווערן; דערפאַר שטייען מיר פּנים אל פּנים מיטן אומבאַוואוסטן, ווייל ס'איז דאָך נישטאָ קיין גאַראַנטיע אַז די צוקונפט וועט זיין ענלעך צום עבר. מהאי טעמא איז אוממעגלעך צו שאַפן אַ פילאָסאָפיע וואָס זאָל אַרומנעמען די רעאַליטעט; ס'איז בלויז מעגלעך אַן אַבסטראַקט־לאָגישע שיטה. אַזאַ שיטה קען נעמען אין באַטראַכט די הויפּט־שטריכן פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג אין עבר; אָבער דאָס לעבן גייט פאָרויס און ס'פירט צו נייע מעגלעכקייטן און אַנטשיידונגען. נאָכמער: אַזויפיל קאָלאָסאַלע פאַרשידנקייטן און סתירות עקזיסטירן איינס לעבן אַנדערן אַז ס'איז נישטאָ קיין פילאָסאָפיע וואָס קען זיי אַלע אַרומנעמען אין אַ „העכערער גאַנצקייט". און אַפילו ווען דאָס זאָל יאָ זיין מעגלעך, וואָלט דעם יחידס עקסיסטענץ נישט פאַרנומען דעם געהעריקן פּלאַץ אין אַזאַ פילאָסאָפיע — ווי ס'איז טאַקע נישטאָ קיין פּלאַץ און קיין זין פאַרן יחיד אין העגעלס „וועלט־גייסט".

* Ibid, pp. 180-183.

פון אַזאַ געדאַנקען־גאַנג דרינגט שוין ממילא אַרויס קיערקעגאַרדס צווייטע גרונט־הנחה, אַז צום רעליגיעזן אמת קומט מען אויף אַ פּאַראַדאָק־סאַלן אופן; וואָרעם אין פּאַראַדאָקס דריקט זיך אויס די שייכות צווישן אַן עקסיסטירנדיקן מענטשן און דעם אייביקן אמת. דער אָביעקט פון אמונה איז דער פּאַראַדאָקס אַז גאָט קען מען נישט דערגרייכן דורכן ראַציאָנאַלן, אַבסטראַקטן דענקען; ער איז נאָר דערגרייכבאַר דורך אַ סוביעקטיוון אויס־וואַל, אָדער אַנטשיידונג.

עקסיסטענץ איז פאַר קיערקעגאַרדן נישט אידענטיש מיט לעבן. זי איז נישט פאַראַן פון געבורט אָן. עקסיסטענץ, מיינט פאַר אים, אַן איינשטעל פון יחיד צו זיך וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַזעלכע קאָנקרעטע סי־טואַציעס ווי דאַן ווען דער מענטש שטייט פאַר אַן אויסוואַל פון אַ פּראָפעסיע, אָדער ווען ער געפינט זיך אין אַ ליבע־פּלאָנטער, אָדער ווען עס קומט פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלע ענדערונג אין זיין סאָציאַלן סטאַטוס, אָדער ווען ער שטייט פאַר דער סכנה פון זיין אייגענעם טויט. דאָס פירט אים צו דערהויבענע מאָמענטן, וואָרעם דאַן נעמט דער מענטש צוזאַמען זיינע כוחות אָנצונעמען אַ באַשלוס וואָס קען אַנטשיידן זיין גאַנצע צוקונפט. אָט דער דאָזיקער באַ־שלוס קומט נישט בהדרגה, נאָר ווי אַ צאַפּל, אַ שפּרונג דורך וועלכן עפּעס נייעס, אַ נייער איכות ווערט געשאַפן. בלויז אין דער וועלט פון מעגלעכ־קייטן איז פאַראַן קאָנטינואיטעט; אין דער רעאַלער וועלט קומט אַלעמאָל די אַנטשיידונג דורך אַן איבערברוך אין המשך. דער דאָזיקער „שפּרונג״, דערקלערט קיערקעגאַרד, קומט פאַר צווישן צוויי מאָמענטן, צוויי צושטאַנדן, פון וועלכע איינער איז דער לעצטער צושטאַנד אין דער וועלט פון רעאַלי־טעט. די עכטסטע און די רעאַלסטע זאַכן אין לעבן, לעבט דער יחיד איבער אין זיינע אינערלעכע באַשלוסן. אַזאַ עקסיסטענציאַליסטיש טראַכטן איז פאַר קיערקעגאַרדן דער טיפסטער אופן פון אַריינדרינגען אין דער רעאַליטעט.

### דער יחיד, דער כלל, און דער „פאַרלאָרענער גן־עדן״

בעת אַ ריי אָנגעזעענע דענקער האָבן אָנגעוויזן אויף פונדאַמענטאַלע פעלערהאַפטיקייטן אין קיערקעגאַרדס שיטה, גיבן זיי פונדעסטוועגן צו, אַז זיין שאַרפזיניקער סינטעז פון די באַגריפן: צייט, אייביקייט, קריזיס, אַנגסט, פּערזענלעכקייט, איז אַ מעכטיקער דורכ(יס אין אינטעלעקטואַליסטישן

פראַנט. וואָרעם דער הויפּט־אויפטו פון דענישן דענקער ליגט נישט אין זיין צושטייער צו מעטאַפיזיק, נישט אין זיין געבן „עקסיסטענץ" פּריאָריטעט איבער „עסענץ", נאָר אין זיין אַקצענטירן דאָס טראַגישע אין מענטשנס לעבן, וואָס איז איינציקאַרטיק, קאָנקרעט, רעאַל, און זיין באַטאָנען „איבערלעבקייט".

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע, צי דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף אינערלעכקייט איז טאַקע מחייב אַז דער יחיד זאָל זיך איזאָלירן פון זיינע מיטמענטשן, און זאָל אינגאַנצן נעגירן דעם כלל. קיערקעגאַרדס אַנטי־סאָציאַלער צוגאַנג האָט אים געשטויסן צו איינזייטיקייט: אָדער־אָדער; אָדער אָביעקטיוויטעט אָדער סוביעקטיוויטעט, אָדער כלל אָדער יחיד. ס'איז נישטאָ ביי אים קיין מיטנוועג. דער כלל, מיינט פאַר אים אויסערלעכקייט, אַ פאַרלייקענונג פון „איך", און דערפאַר איז ער פאַלש, היפּאָקריטיש, זעלבסט־נאַרעריש. די געזעלשאַפט אין וועלכער ער האָט געלעבט אין קאָפּענהאַגן — אַ באָהעמישע קאַפע־געזעלשאַפט — איז טאַקע געווען אַזאַ. דאָס איזאָלירטע לעבן אין אַזאַ קינסטלעכער קליינער וועלט מאַכט פאַרשטענדלעכער זיינע דאָקטרינען פון פאַראַדאָקס, אַנגסט, און קריזיס. אָבער איז דען אַזאַ לעבן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער עקסיסטענץ?

אָט די פאַרלייקענונג פון שייכותן און באַציאונגען צווישן כלל און יחיד איז אַ פונדאַמענטאַלער טעות אין סאַמע תוך פון עקסיסטענציאַליזם. איז עס דען מעגלעך צו באַטראַכטן דעם אייגענעם „איך" אָפּגעטיילט פון זיינע שייכותן צו אַנדערע מענטשן און צו דער סביבה? ווי יחידים ווערן מיר נישט נאָר דערצויגן פון אונדזערע עלטערן און דורך דער געזעלשאַפט, נאָר מיר רעפלעקטירן אין אַ גרויסער מאָס אונדזערע עלטערן און די סביבה אין וועלכער מיר לעבן. רעדן וועגן יחיד, ווי דאָס טוט ק., מחוץ דעם סיסטעם פון שייכותן, הייסט שאַפן זיך אַ פאַלשע קאָנצעפּציע פון דעם יחיד, וואָס שטימט לחלוטין נישט מיט דעם וואָס ער איז פאַקטיש אין דער ווירקלעכקייט. דערקענען אָט דעם רעאַלן סיסטעם פון שייכותן און איינזען ווי אומסעפּאַרירבאַר ער איז פון יחיד, מיינט דאָך אַ באַזינונג פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ! די דאָזיקע שייכותן גיבן ערשט אַ באַדייט אונדזער זיין אויף דער וועלט.

קיערקעגאַרדס אידייען זיינען באַווירקט געוואָרן פון דריי השפּעות. ערשטנס, פון פּראָטעסטאַנטישן קריסטנטום פון זיין צייט, וואָס ער האָט

באַטראַכט ווי אַ פעלשונג פון עכטן און אמתן קריסטנטום. צווייטנס, איז ער ווי אַ קינסטלעריש־באַגאַבטער יונגערמאַן באַווירקט געוואָרן פון ראָ־מאַנטיזם אין זיינע אַנשויאונגען וועגן לעבן און קונסט. צום סוף אָבער האָט דער ראָמאַנטיזם נישט געקענט באַפרידיקן זיינע טיף־רעליגיעזע בענק־שאַפטן. דערפאַר טאַקע פילט מען אַרויס אַ פערזענלעכן ווידוי אין זיין רעיון אַז דער מענטש הייבט אָן צוערשט פון דער עסטעטיש־סענסועלער מדרגה — ווען ער זעט נאָר זיך און זיין עגאָ; שפעטער דערגייט ער צו דער צווייטער, דער עטישער מדרגה; אָבער צו דער העכסטער מדרגה, דער רעליגיעזער, דראַפּעט זיך אַרויף דער מענטש, נאָך אַ סך אינערלעכע ראַנג־לענישן און לײַדן, ווען ער באַהעפט זיך מיטן כביכול. אָט די סטאַדיע פון אמונה איז פאַר קיערקעגאַרדן דער העכסטער שטאַפּל צו וועלכן אַ מענטש קען אַרויפקלעטערן. דריטנס האָט אויף אים אויסגעאיבט אַ גרויסע השפעה העגעלס פילאָסאָפיע וואָס איז לויט ק., ווען מ׳פאַרגלייכט זי מיטן אמתן מענטשלעכן לעבן, אַראָגאַנט, אַבסטראַקט, פלאַך.

אָבער קיערקעגאַרדס בייטראַג ליגט נישט אין זיינע פילאָסאָפישע חידושים; זיין אַנטי־ראַציאָנאַליסטישער סוביעקטיוויזם איז נישט ניי, און ווערט אויך שטאַרק אָפּגעפרעגט פון די וואַגיקסטע פילאָסאָפן אין אונדזער צייט. זיין צושטייער איז, דער עיקר, אַ רעזולטאַט פון דער שפּאַנונג צווישן צוויי קעגנזעצלעכע כוחות פון וועלכער זיין פערזענלעכקייט האָט געליטן: זיין עמפינדלעכקייט צו קונסט, און זיין באַגער פאַר ערדישע תענוגים, פון איין זייט, און זיין רעליגיעזער אומרו, פון דער אַנדערער זייט — אַ שפּאַנונג וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך היינטיקע אינטעלעקטואַלן און קינסטלער; פאַר סענסיטיווע נאַטורן מיט פאַרלאָרענע גלויבנס, וואָס גאַרן נאָך פאַנאַטייען, כדי צו ברענגען אויף דער וועלט דעם אויסגעחלומטן, אָבער לײַדער „פאַרלאָרענעם גן־עדן" פון זייער יוגנט.

ווי אַ קינסטלער־פּסיכאָלאָג איז ק. צייטנווייז אַנטפּלעקנדיק און דורכ־דרינגענדיק. אין זיינע שילדערונגען פון די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון מענטשלעכן עלנט און פאַרצווייפלונג דעקט ער אויף די תהומיקע פאָטענצן פון מענטשנס נשמה. דער דענישער דיכטער־טעאָלאָג האָט זיך אומאויפהער־לעך פאַרנומען מיטן פּראָבלעם ווי אַזוי דער מאָדערנער מענטש קען אין זיין היימלאָזיקייט, פאַרלאָרנקייט, עלנטקייט דאָך געפינען נשמהדיקע רו.

דערפאַר האָט ער — פונקט ווי אַנדערע סאָפיסטיצירטע פריידיקער פון גייסטיקע אַבסאָלוטיזמען — געפונען אַזוי פיל נאָכפאָלגער אין אונדזער צייט פון שפּאַנונג, דיסאילוזיעס, אומזיכערקייט. מיט אַנדערע ווערטער, די באַדייטונג פון קיערקעגאַרדן ליגט נישט אין זיין פילאָסאָפיע פון עקסטרעמען סוביעקטיוויזם, און אויך נישט בלויז אין זיינע ווערק. די פאַרשפרייטע עקסיסטענציאַליסטישע מאָדע — נוסח קיערקעגאַרד, אָדער די אַנדערע וואַריאַנטן — איז נישט קיין ראיה אַז זי ברענגט טאַקע עפּעס וואָס איז אינטרינזיקאַליש ווערטפול פאַר אַלע וואָס זיינען נישט גרייט אויפצוגעבן זייער קריטישן פאַרשטאַנד; דער פּאַשיאָנאַבלער עקסיסטענציאַליזם שעפּט זיין כוח נישט פון זיינע ניי אַנטפּלעקטע אמתן, נאָר פון אונדזער צייט, ווען אַ סך האָבן דערפילט אַ ליידיקייט אין זייערע נשמות, און זיי זיינען גרייט זיי אָנצופילן מיט דער „נייער מיטלאַלטערלעכקייט", מיט פּאַראַדאָקסן, אָדער מיט אַלטע מיסטיציזמען און טעאָלאָגיעס אין אַ נייעם לבוש.

(1955)

## צווייטער טייל:

# יידישע דענקער און דיכטער — צייטלעך און איבערצייטלעך

וואָס זיינען מיר איצטער,
אַ פאָלק, אַ ראַסע, אַ גלויבן?
טאָמער וועט דיך עמעצער פרעגן,
ווער זיינען די מענטשן,
וואָס גייען דער וועלט אַנטקעגן,
מיט שווייגנדיקע אורנעס
דורך נאַכטיקע וועגן?
וואָס באַטייטן זייערע פנימער,
פאַרשעמטע, פאַרמעקטע?
דערצייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.
אבלים, יסורים־אַרמייער,
מיר גייען, מיר גייען —
טרויער־מאַקאַבייער.

יעקב גלאַטשטיין

# דער יידישער געדאַנק אין דער נייער צייט

ס׳איז געווען אַ צייט ווען אַנטי־ייִדישיסטן פלעגן פּרובירן מינימיזירן די ווערטפולקייט פון דער מאָדערנער ייִדיש־קולטור מיט דעם פאָרוואורף: אייער ייִדיש־קולטור איז דאָך אינגאַנצן אַ בעלעטריסטישע! וואו זיינען — פלעגן זיי טענהן — אַלע אַנדערע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן אַחוץ בעלעטריסטיק און פּאָעזיע. צי קען דען אַ ייִד לעבן בלויז אויף שיינער ליטעראַטור? און הגם די טענה איז געווען איבערגעטריבן — וואָרעם צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און נאָך פריער, זיינען דערשינען אין ייִדיש אַ היפּש ביסל ווערק אויף די געביטן פון געשיכטע, קריטיק, עסיי־איסטיק, פּובליציסטיק און סאָציאַלע וויסנשאַפטן — פונדעסטוועגן איז אין דעם פאָרוואורף מצד די העברעאיסטן געלעגן אַ שמץ אמת. מ׳קען נישט לייקענען אַז סיי קוואַליטאַטיוו, סיי קוואַנטיטאַטיוו האָט אין דער ייִדיש־שאַפונג אין דער מאָדערנער צייט, דאָמינירט די שיינע ליטעראַטור.

זייט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט די ייִדישיסטישע אינטע־ליגענץ פּרובירט גוט מאַכן דעם בלויז, און ס׳איז צום טייל געלונגען. ס׳איז גענוג צו ברענגען ווי אַ ראיה די יהואש־איבערדיכטונג פון תנ״ך, פּעטרוש־קאָס משניות־איבערזעצונג און ציגבערגס מאָנומענטאַלע געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן, צוזאַמען מיט די ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען און ווערטערביכער וואָס זיינען במשך די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר דערשינען. אָבער ביז איצט האָט מען זיך ווייניק אומגעקוקט אויף דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער מחשבה וואָס, צעוואָרפן אין צייטונגס־אַרטיקלען און אין לענגערע אָפּהאַנדלונגען אין זשורנאַלן, איז זי נישט געוואָרן סיס־טעמאַטיזירט אַזוי אַז מ׳זאָל באַקומען אַ כוללדיק בילד פון ייִדישן געדאַנק אין דער נייער צייט; און דאָס איז אַ גרויסער שאָד. דערפאַר דאַרף מען באַגריסן דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס וואָס ער האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון ייִדישן געדאַנק אין דער נייער צייט, אונטער דער רעדאַקציע פון היסטאָריקער אברהם מענעס (דער

ייִדישער געדאַנק אין דער נייער צייט, פון א. מענעס, אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס 1957).

אין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע דערקלערט אונדז דער רעדאַקטאָר אַז דאָס איז דער ערשטער באַנד פון אַ סעריע וויטערדיקע בענדער וואָס וועלן זיך באַשעפטיקן מיט אַנדערע ייִדישע פּראָבלעמען — אָבער אַזוי ווי גלות און גאולה געהערן צו די צענטראַלע מאָטיוון אין ייִדישן געדאַנק, דערפאַר איז דער ערשטער באַנד אָפּגעגעבן די דאָזיקע ענינים. אַרום אָט די צענטראַלע מאָטיוון אין דער ייִדישער מחשבה ווערן אין דעם באַנד גרופּירט אַלע דאָקומענטן און עסייען. מיר געפינען דאָ מוסטערן פון ייִדישן טראַכטן פון די פּאָרגייערס פון די מאָדערנע, נאַציאָנאַלע באַוועגונגען: איבער עמאַנסיפּאַציע, סאָציאַליזם, און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס; די אידעאָלאָגיעס פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין דער מאָדערנער צייט; די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמישע קהילות און חברות; עסייען איבער דעם מהות פון דער ייִדישער קולטור און די ראָלע פון שפּראַכן אין ייִדישן קיום; וועגן געטאָ און וואַנדערונגען; די שייכות צווישן מדינת ישראל און כלל ישראל און די פאַרבינדונג צווישן ייִדישן יחיד און דעם ייִדישן כלל.

צו יעדן פון די זיבן אָפּטיילונגען אינעם בוך גיט דער רעדאַקטאָר אַן אַריינפיר־קאַפּיטל וואָס אַנאַליזירט די הויפּטליניעס אַרום וועלכע דער פּראָבלעם באַוועגט זיך. אַזוי האַלט מענעס אַז אין דער קבלה האָבן די פּראָבלעמען פון גלות און גאולה „אָנגענומען אַ קאָסמישן כאַראַקטער און אַז די שיטה פון תיקון וואָס די לוריאַנישע קבלה האָט געשאַפן, האָט אַקטיוויזירט דעם דראַנג אויסצולייזן די וועלט און די שכינה פון גלות; די מאָדערנע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי ייִדן זיינען דערי־בער די דירעקטע יורשים פון דעם נביאישן חלום פון אחרית הימים; וואָרעם זיי, פּונקט ווי די נביאים און ווי די ייִדישע מיסטיקער, האָבן געגאַרט מקרב צו זיין דעם קץ, ברענגען די גאולה שלימה, העלפן אויפ־בויען אַ נייע וועלט און דערציען אַ נייעם מענטשן. מתקן זיין די וועלט, ענדערן די וועלט — נישט בלויז זי פאַרשטיין — אָט דאָס האָט געלערנט די תורה פון תיקון. „מיר קענען ברענגען די גאולה אויב מיר זאָלן דאָס וועלן מיטן גאַנצן האַרצן״.

מענעס פאַרגעסט נישט אַז דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם זיינען

געווען וועלטלעך אין זייער מהות, און ער ווייסט, אַז געוויסע שטרעמונגען אין מאָדערנעם יידישן געדאַנק זיינען ככל־הגויימדיק — נישט געקוקט אויף דעם, מיינט ער, האָבן דאָך דער סאָציאַליזם און ציוניזם ביי יידן איבערגענומען, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, די משיחישע טראַדיציע, און די מיסטיק פון תיקון האָט צוגעגרייט דעם וועג פאַר די משיחישע באַוועגונגען פון 17טן און 18טן י״ה, און טיילווייז אויך פאַר די מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן.

אַ ראיה אויף דער באַהויפּטונג קענט איר געפינען אין אחד־העמס באַרימטער עסיי וועגן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס וואו ער שרייבט: „נאָך טויזנטער יאָרן פון אָן אַ שיער צרות איז אוממעגלעך דאָס יידישע פאָלק זאָל זיין אַ שמח־בחלקו מיט דעם וואָס עס וועט דערגרייכן די מדרגה פון אַ קליינער שפּלדיקער נאַציע וועמענס מדינה איז נישט מער ווי אַ שפּילבאַל אין די הענט פון זיינע שטאַרקע שכנים און וואָס קאָן נישט עקסיסטירן סיידן דורך דיפּלאָמאַטישע אַפּנאַרערייען און שטענדיקע הכנעה פאַר די שטאַרקע, וועמענס מזל שיינט אין אַ באַשטימטער שעה . . . נישט אומזיסט זיינען פון צווישן יידן אַרויסגעקומען נביאים וואָס האָבן אין זייער וויזיע געזען גערעכטיקייט געוועלטיקן אויף דער וועלט, אין ענד פון די טעג... דער דאָזיקער מענטשלעכער אידעאַל איז... געווען און וועט מוזן שטענדיק זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישן נאַציאָנאַלן אידעאַל, און אַ „יידנשטאַט״ וועט בלויז דאַן פאַרשאַפן מנוחה צו יידן, ווען די וועלט־גערעכטיקייט וועט זיצן אויפן טראָן און הערשן אין לעבן פון פעלקער און מדינות״.

בעת איר לייענט די עסייען פון אחד העם, דובנאָוו און זשיטלאָווסקי איבער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, איבער קהילות און חברות ווייזט זיך אייך אויס, אַז איר שטייט פּנים אל פּנים מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין דער היינטיקער אַמעריקע. וואָרעם אָט די דאָזיקע ענינים ווי פּריווילִיקע אָדער לעגאַליזירטע קהילות, אַן אַלוועלטלעכער אַל־יידישער קאָנ־גרעס אין די תפוצות, יעדע יידישע אָרגאַניזאַציע מיט איר זעלבסט־שטענדיקייט, ווי ווייט זאָל גיין די קאָמפּעטענץ פון דער קהילה — דאָס זיינען אַלץ שטרייט־פראַגן און אַקטועלע פּראָבלעמען אין דער דיאַספּאָראַ פון 1958. דערפאַר האָבן די דאָזיקע אַרטיקלען נישט פאַרלאָרן זייער ווערט אויך איצט.

ס'איז אינטערעסאַנט צו לייענען ביי אחד־העמען, וואָס האָט געגלייבט אַז עכטע נאַציאָנאַלע שעפערישקייט וועט דאָס יידישע פאָלק זיך פאַרזי־כערן ערשט דורך דעם אויפבוי פון אַ יידיש־גייסטיקן צענטער — אַ מרכז־רוחני — אין ארץ־ישראל, — האָט ער פונדעסטוועגן געוואָרנט קעגן דעם פאַלשן געדאַנק, אַז נאָר דער תנ"ך אַליין איז עכטע יידישע קולטור. און אַז אין דער קולטור־שאַפונג אין גלות זעט זיך נישט דער אמתער יידישער גייסט. די דאָזיקע מיינונג, האַלט ער, האָט קיין זין נישט. וואָרעם בעת די תורה פון די נביאים צייכנט זיך אויס מיט איר מאָראַלישן עקסטרעמיזם, צייכנט זיך דער תלמוד אויס מיט זיין פּראַקטישן עקסטרעמיזם. דער שאַ־פונגס־כוח וואָס זיצט אין אונדזער פאָלק האָט נישט אויפגעהערט צו ברענ־גען פרוכט אויף זיין שטייגער אין אַלע צייטן, נאָר זיין פרוכט איז געוואָרן אַנדערש אין טעם לויט דער ענדערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען.

שמעון דובנאָוו וואָס האָט זיין אויטאָנאָמיזם אַנטוויקלט אין די „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" האָט געהאַלטן, אַז יידן שטעלן מיט זיך פאָר אין גלות אַ קולטור־היסטאָרישע אָדער גייסטיקע נאַציע און אַז דאָס איז אַ העכערע מדרגה ווי אַ פּאָליטישע טעריטאָריעלע נאַציע וואָס יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט ווען זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע מלוכה. וואָרעם דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר — לויט דובנאָוון — פאַרן גורל פון פאָלק איז נישט זיין אויסערלעכע מאַכט נאָר זיין גייסטיקער כוח, דער איכות פון זיין קולטור און די אינעווייניקסטע פאַרבינדונג פון זיינע מיט־גלידער. אַלע פּאָליטיש־צעשטויבטע טיילן פון יידנטום שטעלן פאָר אַן איינהייטלעכע קולטור־היסטאָרישע וועלט־נאַציע וואָס דאַרף שיצן אירע נאַציאָנאַלע רעכט, אויטאָנאָמיע פון קהילה, שול, און שפּראַך. דאָס וואָס מע האָט יאָרהונדערטער אָפּגעהיט אונטערן לבוש פון רעליגיעזער יידיש־קייט, דאַרף איצט אויסגעטיילט ווערן פונעם דאָזיקן לבוש און אַרויס־טרעטן אין זיין אמתן אויסזען. דאָס איז מחייב אַז דער צענטער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע וואָס איז אַמאָל געווען דער בית־המדרש, דאַרף איצט ווערן די אַלץ אַרומנעמענדיקע, וועלטלעך־דעמאָקראַטישע קהילה וועלכע שליסט איין אַלע פונקציעס: סאָציאַלע, דערציערישע, פּאָליטישע, רעלי־גיעזע און אַנדערע.

אַוודאי איז דער קולטור־ציוניזם און דער אויטאָנאָמיזם געשטאַנען אונ־טערן צייכן פון צייט און אָרט — אונטערן איינפלוס פון די איראָפּעאישע

דענקער פון 19־20טן י״ה — ווי הערבערט ספענסער, ערנסט רענאַן, קאַרל רענער, אָטאָ באַוער — און דאַך האָבן די אידעען פון אחד העם און שמעון דובנאָוו נאָך נישט פאַרלאָרן זייער ווערט פאַר דער הייַנטיקער ייִדישער אַמעריקע. וואָרעם סיי האָראַס קאַלענס קולטור־פּלוראַליזם — אַז אַמעריקאַנישקייט מיינט נישט „שמעלץ־טאָפּ״, נאָר די אָרקעסטרירונג פון פאַרשיידענע קולטורן, סיי דער רעקאָנסטרוקציאָניזם פון מרדכי קאַפּלאַן — אַז ארץ־ישראל איז אַ פאָרבאַדינג פאַר ייִדישער שעפערישקייט אין אַמעריקע, און אַז מיר דאַרפן דאָ בויען פרייוויליקע ייִדישע קהילות — די ביידע היגע ייִדישע פילאָסאָפיעס זיינען בלויז אַמעריקאַנישע וואַריאַנטן פון איי־ראָפּעאישן אחד העמיזם און דובנאָוויזם. און ס'איז טאַקע אַ שאָד וואָס מענעס האָט נישט איינגעשלאָסן מוסטערן פון די צוויי אַמעריקאַניש־ייִדישע אידעאָלאָגיעס.

די לעצטע צוויי אָפּטיילונגען אין בוך וואו עס ווערן באַהאַנדלט די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון גלות, מדינת ישראל און כלל ישראל — לייענט מען מיט שפּאַנונג און צייטנווייז מיט געריִרטקייט. חיים גרינבערגס געזאַנג צום גלות־ייִד וואו ער פרעגט אָפּ דעם אמת פון ביאַליקס אַפאָריזם אַז „אַ פאָלק פאַרמאָגט אַזוי פיל הימל איבערן קאָפּ, וויפל עס פאַרמאָגט ערד אונטער די פיס״ — דערהייבט אייך און גיט אייך אַן איינשפּריצונג פון ייִדישן בטחון. אַ הימללאָז פאָלק קען נישט שאַפן קיין גמרא און קיין מדרשים, נישט קיין קבלה און נישט קיין משיחישע באַוועגונגען, נישט קיין שולחן ערוך און נישט קיין חסידות . . . דער היקף הימל וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט קען געמאָסטן ווערן מיט איין מאָס: ווי גרויס איז זיין גרייטקייט אויף קידוש השם? און אויב דאָס איז די מאָס, דאַרף ערשט געבוירן ווערן יענער האָמער וואָס זאָל באַזינגען דעם העראָאישן עפּאָס פונעם „גלות־ייִד״ — האַלט חיים גרינבערג.

אָדער דעם אויסגעשריי ממעמקים פון דיכטער דוד שמעוני קענט איר אויך נישט לייענען אָן צערודערונג. ער מוסרט יענע וואָס אַנטלויפן פון זיך פאַרשטעלטערהייט אין אַלערליי פאָרמען, בעת מ'רעדט זיך איין, אַז מען אַנטלויפט פון גלותדיקייט. אים טוט וויי וואָס מ'האָט אין ישראל אויפגעגעבן די אשכנזישע הברה, וואָס איז באַנוצט געוואָרן דורכן רוב מנין פון פאָלק, און מע האָט זי פאַרביטן אויף דער ספרדישער הברה, אפשר ווייל די לעצטע איז אָנגענומען געוואָרן דורך די גויים. ער פאַרענ־

דיקט זיין עסיי מיט די ווערטער: „מיר דאַרפן אויפוועקן די יידישע נשמה אַז זי זאָל וויברירן אין דער טיפעניש פון יעדן האַרץ. מיר זיינען פאַרפליכ־טעט צו פאַרטאָפּלען און פאַרדרייפאַכן זיך, אונדזער יידישן מהות, דעם יידישן פּאָטענציאַל . . . און אין ליכט פון אָט דעם גורל אונדזערן, ווי אַזוי זאָל נישט אויפפלאַקערן אין אונדזער האַרץ אַן אמתע אהבת ישראל, אַ ליבע וואָס איז גרעסער ווי דאָס לעבן און שטאַרקער ווי דער טויט".

אין סך־הכל: ווען איר באַקענט זיך מיט די אַלע געבראַכטע מוסטערן פון דער יידישער מחשבה אין דער נייער צייט, וואו עס קרייצן זיך דורך שטרעבונגען צו זיין ווי אַלע פעלקער, מיט שטאָלצן גלויבן אין יידישער אַנדערשקייט; וואו מערסטע דענקער אַקצענטירן אונדזער רוחניותדיקייט, בעת אייניקע ווילן אונדז איבערצייגן, אַז מיר דאַרפן שטרעבן צו פּאָגאַ־נישער גשמיותדיקייט — זעט איר, אַז דער יידישער געדאַנק אין דער מאָדערנער צייט, פּונקט ווי אונדזער קולטור און לעבן איז אַ קאָמפּליצירט געוועב פון אומצאָליקע מאָטיוון, שטרעמונגען און וואַריאַנטן, און אַז אַ סך פון די פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער יידישער געדאַנק ראַנגלט זיך, געהערן אפשר צו דער אייביקער יידישער טראַגיק, וואָס וועט נישט קריגן קיין תיקון ביז... אחרית הימים. איר זייט דאַנקבאַר דעם מחבר פאַר זיין פּרואוו צו געבן אייך אַ כוללדיק בילד פון יידישן געדאַנק במשך די לעצטע הונדערט יאָר. וואָרעם — פּאַראַפראַזירנדיק דעם אַמעריקאַנער היס־טאָריקער טשאַרלז ביערד — די געשיכטע פון יידישן געדאַנק קען ווערן אַן אינסטרומענט צו באַפרוכפּערן דאָס יידישע דענקען.

# דובנאָוויזם בלייבט אַקטועל פאַר אַמעריקאַנער יידן

צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון באַרימטן יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו — וואָס עס ווערט הייאָר — איז ענדלעך דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג דאָס קלאַסישע ווערק פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם,

אָדער אויטאָנאָמיזם: „די בריוו וועגן אַלטן און נייעם ייִדנטום" (אין דער איבערזעצונג פון משה און שאול פּערדמאַן). ביז איצט איז עס, ווי באַקאַנט, בלויז געווען אין רוסישן אָריגינאַל און אין אַ פאַרקירצטער העברעאישער איבערזעצונג. (מיט אַ יאָר צוריק האָט פּראָפ׳ קאָפּל פּינסאָן פאַרעפנטלעכט דעם געקירצטן העברעאישן טעקסט אין ענגליש). לאָמיר דאָ גלייך אין אָנהייב זאָגן אַז דאָס בוך איז נישט בלויז אינטערעסאַנט פאַרן פאָרשער פון אידעאישע שטרעמונגען ביי ייִדן, נאָר ס׳איז בפירוש אויך אַקטועל איצט. וואָרעם נישט געקוקט אויף דעם האַלבן יאָרהונדערט וואָס ס׳איז אַפּגעלאָפן זינט דאָס בוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוסישן אָריגינאַל (1907), זיינען די צענטראַלע אידעען געבליבן פריש און אָנווענדבאַר פאַרן היינטיקן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע.

לאָמיר צו ערשט באַטראַכטן עטלעכע פונדאַמענטאַלע דאָקטרינען אין דובנאָווס קאָנצעפּציע פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם. מ׳דאַרף קודם כל געדענקען אַז אַ דאַנק זיין היסטאָריציזם און זיין לעבנס־לאַנגן ווידמען זיך צו ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע, איז דובנאָוו צוגעגאַנגען צו ייִדישע פּראָבלעמען ייִדיש־גע־שיכטלעך, פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. און מיט דער מאָס טרעט ער צו צו אַנאַליזירן די קאַרדינאַלע פראַגן פון ייִדישן קיום און זיין צייט.

לויט דובנאָווס קאָנצעפּציע קען מען אונטערשיידן דריי פעלקער־טיפּן: 1) ראַסנטיפּ; 2) טעריטאָריאַל־פּאָליטישער; 3) קולטור־היסטאָרישער אָדער גייסטיקער טיפּ. און דאָס ייִדישע פאָלק אין גלות האָט דערגרייכט די לעצטע פאַזע וואָס איז די העכסטע, ווייל עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קולטור־היסטאָרישע אָדער גייסטיקע נאַציע. וואָרעם אויב פאַרלירנדיק זיין טעריטאָריע „בלייבט דאָס פאָלק פאָרט עקסיסטירן במשך פון אַ סך יאָרהונדערטער און עס שאַפט אייגנאַרטיקע ווערטן — האָט אַזאַ פאָלק דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קולטור־היסטאָרישער אינדיווידואַליזאַציע, און מען קאָן אָננעמען אַז קיין מאָל וועט מען אַזאַ פאָלק נישט קענען אויסראָטן, בתנאי, אַז עס וועט אויך אויף להבא אָנשטרענגען זיין נאַציאָנאַלן ווילן" (ז׳ 18), אויף וואָס, פרעגט ער, האָט זיך אין תוך געהאַלטן די צעשפּרייטע נאַציע אין משך פון מיטל־אַלטער? ווייל „דאָס פאָלק האָט אומעטום זיך אַרומגערינגלט מיט גייסטיקע צוימען, דיסציפּלינירט זיינע מיטגלידער מיט אַ באַשטימטן קאָדעקס — פון רעליגיע, עטיק, שטייגער; דאָס פאָלק האָט

זיך מיט אַ סוראָגאַט פון מלוכהשאַפט: זיין אייגענע סאָציאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, זיין קהילהשע זעלבסטפאַרוואַלטונג... דאָס פאָלק האָט באַוויזן זיך צו קאָנסאָלידירן ווי אַ גייסטיקע נאַציע וואָס לעבט מיטן כוח פון דעם סטיכישן אָדער באַוואוסטזיניקן „לעבנס־ווילן״ (ז׳ 22). אָבער וואָס שפּייזט אָט דעם „לעבנס־ווילן״? רעליגיע און ראַסע זיינען וויכטיקע פאַקטאָרן, אָבער זיי אַליין קענען נישט דערקלערן דעם פאַקט פון אונדזער עקסיסטענץ ווייל די פריידענקער שטייען אין די ערשטע רייען פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער „עפּעס״ וואָס האַלט אונדז צוזאַמען איז די געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישן גורל פאַר אַלע צעוואָרפענע טיילן פון דער יידישער נאַציע... (זע: דובנאָוס עסיי: איבער דער פילאָסאָפיע פון געשיכטע, אין קאָפּל פּינסאָנס בוך: „נעשאָנאַליזם ענד היסטאָרי״, ז׳ 267.) דאָ איז זיך דובנאָוו אין גאַנצן סומך אויף רענאַנס צוגאַנג צום מהות פון נאַציע, אַז דער סוביעקטיווער ווילן און נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אין דער נאַציאָנאַליטעט, דעריבער: שטעלט דאָס גלות־יידנטום מיט זיך פאָר די קווינטעסענץ פון אַ נאַציע, אַ נאַציע פון דער ריינסטער גייסטיקער פּראָבע, מיט דעם קלענסטן צומיש פון זייטיקע אינגרעדיענטן״ (ז׳ 27).

דובנאָוו ווייסט און ער שטעלט זיך אָפּ אויפן אונטערשייד צווישן פאַרשידענע מינים נאַציאָנאַליזם: אַן אימפּעריאַליסטיש־דעספּאָטישן און אַ פּראָגרעסיוו־הומאַניטאַרן. צוליב די ספּעציעלע תנאים אין גלות, ווייזט ער אָן, קען דער יידישער נאַציאָנאַליזם נאָר זיין אַ ריין אינדיווידועלער און אַבסאָלוט עטישער.

ווי אַ זון פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט דובנאָוו געגלייבט אין פּראָגרעס און אין סאָציאַלער עוואָלוציע. פּונקט ווי זיינע רביים קאָנט Comte ספּענסער, דזשאָן סטואַרט מיל, זעט ער אין געשיכטע אַן אַרויפשטייגנדיקע ליניע וואָס גייט פון אַ נידעריקער צו אַ העכערער מדרגה. ער איז אַן אָפּטימיסט — הגם זייער אַן איינגעהאַלטענער — און ווייט נישט קיין אוטאָפּיסט וואָס איז פאַרשיכורט פון מאָמענטאַלע דערשיינונגען און נצחונות; נישט אומזיסט איז ער אַ פאָרשער פון יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע. ער איז ווייט פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט דאָמינירט אין זיין צייט די מוחות פון אַ סך יידישע אינטעליגענטן. דאָך קען ער זיך צייטנווייז נישט באַפרייען פון אידעאישע סכעמעס וואָס זיינען געווען שטאַרק

אין דער מאָדע אין זיין צייט. דערפאַר לאָזט ער זיך פאַנגען פון העגעלס דיאַלעקטישער טריאַדע, הגם ער פאַרגעסט נישט צו באַטאָנען אַז זיין עוואָלוציאָנערע טריאַדע (טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעזיס) האָט בלויז אַ ווייטע קרובישאַפט מיטן דייטשישן פילאָסאָפס פאָרמולע. דער גרויסער ייִדי־שער היסטאָריקער בויט זיך אויף אַ סכעמע, אַז דער טעזיס — דאָס איז די פאַרגליווערטע טראַדיציע, די אָרטאָדאָקסישע מאַסע; דער אַנטיטעזיס — דאָס איז די אַסימילאַציע פון 19טן יאָרהונדערט, די פאַרלייקענונג פון דער טראַדיציע; דער סינטעזיס — דאָס איז דער אויטאָנאָמיזם, די נייע תקופה פון נאַציאָנאַלע רעכט וואָס דער 20סטער יאָרהונדערט וועט מיט זיך ברענ־גען און די נייע ייִדישע אינטעליגענץ וואָס וועט אין זיך האַרמאָניש צו־נויפגיסן דורותדיק־ייִדישע און אַלגעמיינע קולטור. אָבער וואו איז די ראיה אַז אַזוי וועט עס טאַקע געשען, בעת די מערב־אייראָפּעאישע ייִדי־שע אינטעליגענץ האָט שוין דאַן געוויזן סמנים פונקט אין אַ פאַרקער־טער ריכטונג? דאָ האָט אונדזער היסטאָריקער גיכער אויסגעדריקט זיין גלויבן אין פּראָגרעס, איידער די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער געשיכט־לעכער אַנטוויקלונג.

אַזוי איז אויך נישט אויסגעהאַלטן זיין טעזע, אַז אַ ייִד קען נישט ווערן קיין מיטגליד פון אַן אַנדער נאַציע סיידן ער מישט זיך אויס מיט איר פיזיש (דורך מתחתן זיין זיך) במשך פון אַ צאָל דורות. „כדי צו זיין אַ מיטגליד פון דער פראַנצייזישער נאַציע דאַרף מען געבוירן ווערן אַ פראַנצויז, אָפּשטאַמען פון די גאַליער אָדער פון אַ קרובישער ראַסע, אָדער אין משך פון אַ ריי דורות אַריינקומען מיט די פראַנצויזן אין אַזאַ קרובי־שאַפט אַז מען זאָל אַריינזאַפּן אין זיך די אייגנשאַפטן וואָס זיינען אַ פועל־יוצא פון דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון פראַנצויזישן פאָלק. אַ ייִד אָבער וואָס איז געבוירן און לעבט אין פראַנקרייך בלייבט פאָרט אַ גליד פון דער ייִדישער נאַציע” — (ז' 46) — אַזוי מיינט אונדזער היסטאָריקער.

לויט דער דאָזיקער לאָגיק באַקומט זיך אַז אַ מאַרסעל פּרוסט, אַ בערג־סאָן זיינען ייִדן, צי זיי פילן אַזוי און ווילן אַזוי אָדער נישט. איז, ערשטנס, שטימט דאָס נישט מיט דובנאָווס פריערדיקער דעפיניציע פון נאַציע, וואו דער סוביעקטיווער ווילן און נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון זיינע מיטגלידער ווערט, על־פּי רענאַן, באַצייכנט ווי דער עיקר. צווייטנס, שטימט עס אויך נישט מיט דער ווירקלעכקייט. ווידער אַ מאָל מוז מען דערקלערן די דאָזיקע

טעותדיקייט פון דובנאָוון מיט זיין צייט און מיט דער מזרח־אייראָפּעאישער סביבה ווי מ׳האָט זיך אפשר נישט געקענט אויסמאָלן דעם מעכטיקן דעסאינ־טעגרירנדיקן כוח פון דער פראַנצייזישער ווי בכלל מערב־אייראָפּעאישער קולטור לגבי אַ קליינער ייִדישער מינאָריטעט.

2

ווי אַ קולטור־עוואָלוציאָניסט האָט דובנאָוו געהאַלטן אַז די ייִדישע אמונה איז געפורעמט געוואָרן לויט די סאָציאַלע תנאים אין וועלכע דעם פאָלק איז אויסגעקומען צו לעבן, און ייִדישקייט איז פאַר אים די גאַנצע ייִדישע קולטור וואָס שליסט איין אין איר היקף אַחוץ רעליגיע אַנדערע עלעמענטן פון עטישן, סאָציאַלן און פילאָסאָפישן כאַראַקטער. אָבער ער באַשטייט דערויף אַז אַ ייִד קען נישט איבערגיין צו אַן אַנדער אמונה און בלייבן אַ מיטגליד פון ייִדישן פאָלק, וואָרעם ער נעגירט בלויז דעם סופּרע־מאַט פון רעליגיע, אָבער ער וויל זי נישט עלימינירן פון פאָלקס גייסטיקן פאַרמעגן. דער באַגריף כלל־ישראל איז אַ צענטראַלע דאָקטרין אין זיין גייסטיקן נאַציאָנאַליזם; און דער צענטער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע וואָס איז אַמאָל געווען דער בית המדרש, דאַרף איצט ווערן די אַלץ אַרומנעמענדיקע, וועלטלעכע, דעמאָקראַטישע קהילה וואָס שליסט איין אַלע פונקציעס: סאָציאַלע, דערציערישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און אַנדערע.

אין דער שפּראַכן־פראַגע איז דובנאָוו געווען אַ פּלוראַליסט, און מיר דוכט זיך אַ סך רעאַליסטישער פון די שפּראַכמאַניסטן אין זיין צייט און מכל־שכן איצט. ער איז אַ דערמוטיקער פון דער אויפקומענדיקער ייִדישער ליטעראַטור און אַ פאַרטיידיקער פון געדאַנק אַז ייִדיש, העברעאיש און די לאַנדשפּראַך דאַרפן זיין אַן אינסטרומענט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמער קהילה. האַלט ער דעריבער אַז עס וואָלט געווען אַ „נאַציאָנאַלער פאַרברעכן נישט אויסצונוצן אין קאַמף מיט דער אַסימילאַציע די גאַנצע ווידערשטאַנד־קראַפט וואָס די פאָלקשפּראַך (ייִדיש) גיט אונדז, ווייל מיר האָבן נישט קיין האָפענונג אַז די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער אומגאַנגסשפּראַך פון דער גאַנצער דיאַספּאָרע" (ז׳ 408). הגם ער איז נישט געווען קיין ייִדישיסט, פאַרלאַנגט ער „מ׳זאָל זיך איינ־שטעלן ענערגיש צו פאָדערן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אונדזער לעבעדיקער

פאָלקשפּראַך וואָס קאָן נישט ווייניקער פון העברעאיש קעגנווירקן דער רו־סיפיקאַציע אין שול און אין לעבן" (ז' 423).

אָבער דער עקספּאָנענט פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם איז איבערצייגט אַז שפּראַך אַליין איז אַ קנאַפּע באַוואָרעניש קעגן אַסימילאַציע און מע טאָר אויף איר אַליין נישט אָנהענגען דעם גורל פון אונדזער פאָלק; די גאַנצע היסטאָרישע קולטור פון פאָלק דאַרפן מיר אָקצעפּטירן וואָרעם יידישקייט שליסט איין אַלע אויסשטראַלונגען פון יידישן גייסט וואָס איז צוליב די סאָציאַלע תנאים אין וועלכע מיר האָבן געלעבט אייגנאַרטיק, אָריגינעל; און אויפהאַלטן אָט דאָס דאָזיקע פאָלק אין גלות וועלן מיר נאָר קענען ווען מיר וועלן פאַרבלייבן אַן אויטאָנאָמער קאָלעקטיוו, ד"ה ווען מיר וועלן באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט.

אָבער איז דאָ אַ האָפענונג אַז מיר זאָלן אין די תפוצות קריגן נאַציאָ־נאַלע רעכט? און אויב יאָ, זיינען זיי אַ גאַראַנטיע קעגן אַסימילאַציע? און צי איז נישט אַן אייגן לאַנד אַ פּיל זיכערער יסוד פאַר אַ שעפערישן המשך? איז דער דובנאָוויזם לעבנספעאיק אין דער היינטיקער יידישער אַמעריקע? אָט די דאָזיקע אַקטועלע פּראָבלעמען פאַר אונדזער צייט ווילן מיר איצט באַטראַכטן.

3

איינער פון די וויכטיקסטע שטרייטפּונקטן צווישן דובנאָוון און די ציוניסטן איז געווען די פראַגע פון „נאָרמאַליזירן" דאָס יידישע לעבן לויטן מוסטער פון אַנדערע פעלקער. דער פּאָליטישער ציוניזם, ווי ס'האָט אים פאָרמולירט דער באַגרינדער זיינער, טעאָדאָר הערצל, האָט נישט געגלייבט אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט דערלאָזן אַ יידישע צוקונפט אין גלות. דאַרף מען דעריבער אויפבויען אַ נאָרמאַלן יידישן שטאַט ככל הגויים. דובנאָוו, פון דער אַנדערער זייט, האַלט אַז די „אַבנאָרמאַלע" עקסיסטענץ פון יידן אין די תפוצות שטעלט מיט זיך פאַר אַ העכערע פאָרעם פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג ווי דער טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם. וואָרעם אויב נאָך איר פאַרלירן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, און אַפילו די אייגענע טעריטאָריע, בלייבט דאָס פאָלק פאָרט עקסיסטירן... און עס שאַפט אייגנאַרטיקע ווערטן — האָט אַזאַ פאָלק דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון קולטור־היסטאָרי־שער אינדיווידואַליזאַציע" (בריוו..., זייט 18).

מיט אַנדערע ווערטער: מיר זיינען אַן איבערנאָרמאַל, ניט אונטער־נאָרמאַל, פאָלק, און מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט אונדזער אַנדערשקייט, ווייל אונדזער אייגנאַרטיקע עקסיסטענץ איז דער אויסדרוק פון העכערקייט. „די יידישע נאַציע שטעלט מיט זיך פאָר דעם העכסטן טיפ פון אַ קולטור־היס־טאָרישער אָדער גייסטיקער נאַציע. אַן אומגעווינלעך לאַנגער און אייגנאַר־טיקער היסטאָרישער פּראָצעס האָט פאַרהאַרטעוועט אָט די נאַציע און גע־מאַכט זי לעבנס־פעאיק אַפילו ביים מאַנגל אין פּאָליטישער און טעריטאָ־ריעלער אייניקייט" (בריוו..., ז' 41).

אָבער — אויב דאָס איז אמת בנוגע דעם עבר, ווען רעליגיע איז געווען דער הויפּט־כוח וואָס האָט צעמענטירט דאָס פאָלק איז עס דען אַ ראַיה פאַר דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט? אין אונדזער צייט ווען די טראַדיציאָנעלע יידישקייט איז נישט שטאַרק גענוג צוזאַמענצוהאַלטן דאָס פאָלק, וואָסערע כוחות וועלן גאַראַנטירן אונדזער המשך אין גלות? דובנאָוס ענטפער איז, ווי באַקאַנט: די נאַציאָנאַלע רעכט — די אויטאָנאָמיע פון קהילה, שול און שפּראַך, וואָס מיר וועלן אויסקעמפן אין די תפוצות וועלן פאַרזיכערן אונדזער קיום.

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע הנחות האָט אונדזער היסטאָריקער אַק־צעפּטירט דעם גלות ווי אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג. פונדעסטוועגן גיט ער צו אין זיין פּאָלעמיק מיט זיין פריינד אחד העם, אַז זיין (דובנאָווס) גלות־אַקצעפּטירונג שטאַמט נישט פון דער „געוואוינטשנקייט און ברכהדיקייט" פון יידישער צעשפּרייטקייט; ניין, „מיר מאַכן נאָר אַ פּשרה מיט דער פאַטאַלער אומפאַרמיידלעכקייט פונעם גלות און מיר שטרעבן איינצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דער איבערוועגנדיקער מער־הייט פון פאָלק וואָס פאַרבלייבט ווייטער אין גלות" (בריוו..., ז' 401).

אחד העם איז פּונקט ווי דובנאָוו איבערצייגט אַז אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק וועט אַלעמאָל לעבן אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל, און דער גייסטיקער צענטער וועט נישט לייזן די יידישקייט־נויט נאָר ער וועט בלויז קעגנווירקן די דיסאינטעגרירנדיקע כוחות אין די תפוצות וואָס קע־נען דערפירן צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע. דער שעפער פון גייסטיקן ציוניזם נעגירט נישט די תפוצות און ער האַלט פּונקט ווי דער עקספּאָנענט פון אויטאָנאָמיזם, אַז אין גלות וועלן אַלעמאָל זיין קאָנצענטרירט אַ סך יידן, אָבער ער ווידמעט זיין טאַלאַנט דער עיקר דער שאַפונג פון אַ „מרכז

רוחני" אין ארץ־ישראל, וואָס איז לויט זיין מיינונג לעבנס־נויטווענדיק און וואָס וועט באַווירקן אַלע תפוצות, אַז זיי זאָלן נישט סטאַגנירן קולטורעל.

אי דובנאָוו אי אחד־העם זיינען סקעפּטיש בנוגע דעם הערצליאַנישן גרויס־ציוניזם מיט זיין גלויבן אין קיבוץ־גלויות, אָבער זיי גייען זיך פונאַנ־דער וועגן די מעגלעכקייטן צו באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות. אחד העם האַלט, אַז צו קיין נאַציאָנאַלע רעכט וועלן זיך יידן צווישן די פעלקער קיין מאָל נישט דערשלאָגן. און אויב אַפילו, ווען עס איז אין דער צוקונפט זאָלן יידן אָנערקענט ווערן ווי אַ באַזונדערע נאַציע, וואָס האָט אין אַלע לענדער נאַציאָנאַלע רעכט, וועט עס אויך נישט זיין גענוג פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. דעריבער דאַרפן מיר שאַפן אַ מערהייט אין ארץ־ישראל וואו מיר וועלן ווידער אַנטוויקלען אַ נאַציאָנאַל לעבן אין אונדזער גייסט, און „דעמאָלט... וועט דער דאָזיקער צענטער משפּיע זיין אויף יענע טיילן פון פאָלק, וואָס זיינען צעזייט אין אַנדערע לענדער, און געבן זיי כוח צו לעבן מיט אַן אייגענעם לעבן, הגם זיי וועלן קיין נאַציאָנאַלע רעכט נישט האָבן" (ז' 210).

אויך אונדזער היסטאָריקער וואָס איז אַ סך אָפּטימיסטישער ווי זיין בר־פּלוגתא לגבי דער יידישער שעפערישקייט אויף די ערטער שאַצט אָפּ דעם באַטייט פון ארץ־ישראל, און אַזוי פרי ווי 1905 שרייבט ער אַז „שאַפן אין דעם היסטאָרישן וויגעלע פון יידנטום כאָטש אַ קליינעם נאַ־ציאָנאַל־גייסטיקן צענטער, אַ מוסטער פלאַנצגאָרטן פון ריינער נאַציאָנאַלער קולטור — דאָס איז שוין אַ גרויסע אויפגאַבע" (ז' 347). נאָך מער: ער מיינט אַפילו אַז קוואַליטאַטיוו, וועט די ארץ־ישראלדיקע שעפערישקייט זיין יידיש עכטער ווי די גלותדיקע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905, הערן מיר פון דובנאָוון נאָך אַ שאַרפערע אַקצענטירונג בנוגע דעם אונטערשייד צווישן גלות און ארץ־ישראל. „אַוודאי קענען מיר די טראַ־גישע זייט פון גלות" — שרייבט ער אין 1909 — „און מיר קענען נישט האָפן, אַז דאָ וועט דערגרייכט ווערן יענע פולקייט און גאַנצקייט פון קולטור־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, וואָס אַזאַ איז מעגלעך ביי אַ נאַציע וואָס לעבט אין אַן אייגענער זעלבשטענדיקער מלוכה... מיר זיינען איבער־צייגט, אַז עס קען זיך דאָרט אין ארץ־ישראל אויסבילדן אַן אויטאָנאָמער יידישער צענטער מיט אַ ריינערער און ווערטפולערער נאַציאָנאַלער קול־

טור איידער אין גלות. פונדעסטוועגן... אין די תפוצות דאַרפן מיר זיך בפירוש פאַרמעסטן צו באַקומען דעם מאַקסימום קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר דער מערהייט פון פאָלק; אין פאַלעסטינע ווידער וועלן מיר אַרבעטן צו דערגרייכן אַזאַ אויטאָנאָמיע — אוודאי מיט אַ גרעסערער פעולה — פאַר דער מינדערהייט פון פאָלק" (בריוו..., ז' 402, אונטערגעשטראָכן פון מיר, ש. ג.).

גערעכט איז דעריבער פראָפ' פינסאָן, אַז צווישן אחד העמס און דובנאָווס שיטה איז נישט פאַראַן קיין גרונט־אונטערשייד, נאָר אַז דאָס זיינען סובטילע ניואַנסן פון איין געדאַנקען־גאַנג. ס'איז נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן דעם גייסטיקן ציוניסט און דעם גייסטיקן נאַציאָנאַליסט; וואָרעם זיי דערגאַנצן זיך אין דער אמתן, נאָר זיי זיינען אַנדערש אין אינטערעס און שטימונג: בעת דובנאָוו, דער סאָציאָלאָגיש־עוואָלוציאָניסטיש־אָריענטירטער היסטאָריקער איז דורכגעדרונגען מיט דער אייראָפּעאישער קולטור און איז באַזאָרגט וועגן מזרח־אייראָפּעאישן קאָלעקטיוו און יחיד, איז דער אַריסטאָקראַטישער אחד־העם דער עיקר באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון גייסט און ייִדישער גייסטיקייט.

היינט צו טאָג איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ אין זיין רוב פּאַקטיש באַהערשט פון אידעען־קאָמפּלעקס וואָס עס האָבן אויסגעקריסטאַליזירט די צוויי מזרח־אייראָפּעאישע ייִדישע דענקער. דער סינטעז פון דובנאָוויזם און אחד־העמיזם — וואָס זיינען, ווי געזאָגט, בלויז שאַטירונגען פון איין אידעאָלאָגיע — דאָמינירט איצט אין רוב גרופּירונגען פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. זאָגט אדרבא צי קלינגען אייך נישט פריש און אַקטועל די דאָזיקע רייד וואָס דובנאָוו האָט געשריבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה: „דער חילוק צווישן פאַלעסטינע און גלות וועט זיין אין כמות און איכות: אין פאַלעסטינע וועט זיין לערך אַ קלענער מיעוט פון דער נאַציע, דערפאַר וועט איר קולטור־נאַציאָנאַל לעבן זיין פולער און גאַנצער; אין גלות ווידער, וועט זיין וויניקער פון דעם מין גאַנצקייט, דערפאַר וועט אָבער אין כמות דער צענטער זיין אומפאַרגלייכלעך גרעסער. די קעגנזייטיקע ווירקונג פון די דאָזיקע צוויי צענטערס וועט אין פועל־יוצא פאַראיינהייטלעכן די ווייטערדיקע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון ייִדנטום" (בריוו..., ז' 405). דער דאָזיקער געדאַנק שפּיגלט דאָך אָפּ די איצט פּרעוואַלירנדיקע שטימונגביים רוב ייִדן אין אַמעריקע — אַריינגערעכנט די ציוניסטן!

4

לאָמיר איצט באַטראַכטן אויף וויפֿל דער אויטאָנאָמיזם ווירקט און זעט זיך אָן אין היגן ייִדישן לעבן. עס איז נישט נייטיק זיך ברייט צו פֿאַרנעמען מיטן גוט באַקאַנטן פֿאַקט אַז די פּאָסטולאַטן פֿון אויטאָנאָמיזם זיינען אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין ווערסייַלער שלום־טראַקטאַט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַז ביזן אויפֿקום פֿון פֿאַשיזם האָבן ייִדן אין די ניי־געשאַפֿענע מלוכות פֿון מזרח־איראָפּע באַקומען, — ביז אַ געוויסן גראַד — נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס איז געווען — מיינען די רעאַל־פּאָליטיקער — אַ פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. אַז מיטן אונטערגאַנג פֿון די ייִדישע קיבוצים אין מזרח־איראָפּע פֿאַר וועלכע דער דובנאָוויזם איז געווען פֿאַרטראַכט, זיינען אויך געוואָרן פֿאַרעלטערט און פֿאַרבלאַסט געוויסע אַספּעקטן פֿון אויטאָנאָמיזם — איז זעלבפֿאַרשטענדלעך. וואָרעם דובנאָוו דער דענקער — ווי איך האָב שוין פֿריער אָנגעוויזן — איז דאָך געווען אַ פּראָדוקט פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט, אַ צייטאָפּשניט וואָס איז געווען איבערציַיגט, אַז עוואָלוציע מיינט שטייגן פֿון נידעריקס צו העכערס, און אַז דאָס איז חל אויף דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע פּונקט ווי אויף דער נאַטור. די צוויי וועלט־מלחמות, דער ייִדישער חורבן, און אַלע פֿאַרלאָרענע אילוזיעס וואָס זיינען אויסגערונען צוזאַמען מיט די פֿאַרגאָסענע טייכן בלוט, האָבן כמעט נישט איבערגעלאָזן קיין שפּור — אַחוץ ביי דאָגמאַטישע מאַרקסיסטן — פֿון דעם גלויבן אין דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון פּראָגרעס. דערצו איז דער דובנאָוויזם אויפֿגעקומען אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה וואו ייִדן זיינען מצד אַלעמען — פֿון אייגענע און פֿרעמדע — באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַליטעט, און נישט בלויז ווי אַ רעליגיעזע גרופּע; און די ייִדישע קהילה איז דאָך געווען — וואָסערע מאָטיוון די קריסטלעכע הערשער זאָלן נישט האָבן דערביי געהאַט — אַן עפֿנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציע מיט אַ לעגאַלן סטאַטוס. דאָ אין אַמעריקע איז די לאַגע פֿון דער ייִדישער גרופּע ראַדיקאַל אַנדערש; נישט די קהילה איז עפֿנטלעך־רעכטלעך נאָרמירט, נישט מיר לעבן אין אַ מולטינאַציאָנאַלן שטאַט, און אַמעריקאַנער ייִדן ווילן דאָך גאָר נישט קיין סטאַטוס פֿון אַן עטנישער מינאָריטעט.

אחוץ דעם — בלויז צו דערמאָנען נאָך איין ווינקלשטיין אין דובנאָווס אידעאישן בנין — ווערט דער ביאָלאָגישער נאַציאָנאַליזם מיט זיין סטיכישן

באַוואוסטזיניקן „לעבנס־ווילן" איצט אָפּגעפרעגט ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אויפהאַלטן אַ פאָלק. ס'איז אויך שטאַרק אונטערגעמינעוועט געוואָרן די אמונה אין נאַציאָנאַליזם ווי אַ כוח לטובת פרייהייט און ליבעראַליזם.

און דאָך — נישט געקוקט אויף די אויסגערעכנטע און אַנדערע אײַנווענדונגען וואָס קענען געמאַכט ווערן קעגן דעם גייסטיקן נאַציאָנאַליזם ווי קעגן אַנדערע נוסחאות פון אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם — נישט געקוקט אויף אַלע פאַרעלטערטע אַספּעקטן פון דובנאָווס טעאָריע, בלײַבט פונדעסטוועגן דער צענטראַלער קערן פון דובנאָוויזם — דער אויטאָנאָמיזם — לעבנס־פעאיק און גילטיק אויך איצט פאַרן ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע.

אויפן פּאַפּיר האָבן ייִדן טאַקע נישט קיין אויטאָנאָמיע אין אַמעריקע; אָבער פאַקטיש, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די אומצייליקע אַמעריקאַנער ייִדישע רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע, דערציערישע קולטורעלע, בירגערלעכע, סאָציאַלע אינסטיטוציעס, ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, די וואוילשטאַנד־פאָנדן, דער פאַראייניקטער ייִדישער אַפּיל, די פראַטערנאַלע אָרדנס, — אויב נישט די פרייוויליקע ייִדישע לאָקאַלע און אַלאַמעריקאַנישע אויטאָנאָמיע?

יאָ, דובנאָווס אויטאָנאָמיזם האָט פאַקטיש געזיגט אין אַמעריקע. מיר האָבן דאָ אַ ייִדישע אויטאָנאָמיע — הגם אין אַן אַנדער פאָרעם ווי דובנאָווס מוח האָט זיך קאָנסטרואירט פאַר די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע; ס'איז אַ פרייוויליקע — נישט קיין רעכטלעך־נאָרמירטע — ייִדישע זעלבסטפאַרוואַלטונג; — אַ ביוראָקראַטיש־דאָמינירטע, פראַגמענטאַרישע נישט קיין דעמאָקראַטיש־דערוויילטע קהילה. אָבער עס ווענדט זיך דער עיקר אין אונדז גופא מיט וויפל, און מיט וואָס פאַר אַ סאָרט אינהאַלט מיר וועלן אָנפילן אָט די אַלע פרייוויליקע אַמעריקאַנער ייִדישע אינסטיטוציעס; און דאָס האָט אגב קלאָר פאַרשטאַנען דער ייִדישער היסטאָריקער: „די גרעסטע פאַקטישע (אונטערגעשטראָכן פון מיר, ש. ג.) אויטאָנאָמיע איז פאַר ייִדן מעגלעך אין לענדער וואו די רעגירונג מישט זיך נישט אַריין אין פּריוואַטן לעבן פון אירע בירגער און וואו ס'איז נישטאָ קיין גוואַלדיקע קאָנצענטראַציע פון מאַכט... ספּעציעל אין די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן ייִדן שוין געקענט געניסן פון אַ גרויסער מאָס זעלבסטפאַרוואַלטונג אויב זיי וואָלטן גרייט געווען אַרויסגיין פון די ד' אַמות פון אַ רעליגיעזער קהילה"

(זע: מכתבים, ז׳ 59). אין דעם 11טן בריוו דריקט דובנאָוו אויס דעם זעלביקן געדאַנק נאָך בולטער: „פאַר מיר איז קיין ספק נישט, אַז חוץ דעם צוקונפטיקן יידישן ארץ־ישראל, איז נישטאָ נאָך אַזאַ אָרט וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט פאַר דער איינפעסטיקונג פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן צענטער מיט אַ געוויסער אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע ווי דאָס היינטיקע אַמעריקע... די אַמעריקאַנישע קאָנסטיטוציע קאָן נישט שטערן נישט דער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג, נישט דאָס שאַפן אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלער דערציאונג״ (בריוו, ז׳ 313—314).

דובנאָוו איז אויך באַוואוסטזיניק וועגן דער צווייטער זייט פון דער מטבע אין אַמעריקע: וועגן דער אַסימילאַציע־געפאַר. און בעת ער פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון אַן אָרגאַניזירטער, רעגולירטער איבערוואַנדערונג קיין אַמעריקע, פאַרגעסט ער נישט, אַז די גרעסטע סכנה אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די קולטור־אַסימילאַציע. דעריבער פרעדיקט ער, אַז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף אַ ברייטער באַזע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס וועט עס פאַרהיטן פון אַסימילאַציע, וואָרעם „אויב אין אַמעריקע לאָזט זיך נישט פילן אַזוי דער דרוק פון פרעמדע פעלקער, איז אָבער דאָרט שטאַרקער דער דרוק פון דער פרעמדער קולטור״. (בריוו, ז׳ 389). אגב, אין דעם זעלביקן לעצטן „בריוו״ איז ער מודה, אַז עס איז „דאָ עפּעס שותפותדיקס צווישן מיינע בליקן און דעם ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם״ (ז׳ 390).

אַוודאי טאָר מען נישט פאַרגעסן די גוואַלדיקע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער יידישער און נישט־יידישער וועלט זינט דובנאָווס טעאָריע איז פאָרמולירט געוואָרן. מע טאָר אויך נישט אַרויסלאָזן פון אויג די סאָציאַל־פּאָליטישע ראַם אין אַמעריקע אין פאַרגלייך מיט די באַדינגונגען אין מזרח־אייראָפּע. די אַלע קאַרדינאַלע שינויים אין דער דרויסנדיקער און אינעווייניקסטער יידישער וועלט זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מחייב רעוויזיעס, מאָדיפיקאַציעס און צוגאָבן צום דובנאָוויזם. מע דאַרף אָבער גלייכצייטיק אין זינען האָבן, ראשית, אַז עס זיינען נישטאָ קיין אייביקע היסטאָריאָסאָפיעס; געשיכטע־פילאָסאָפיעס קומען און גייען מיט יעדן דור דענקער, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוואונקען אין שייכות צו דער אידעע פון פּראָגרעס. צווייטנס, איז דער כלל, אַז מע מוז כסדר רעווידירן און רעקאָנסטרואירן אידעאָלאָגיעס — חל אויף אַלע באַוועגונגען אין דער

יידישער און אַלגעמיינער וועלט, אַריינגערעכנט דעם ציוניזם. אַט נעמט למשל אחד־העמס צענטראַלע אידעע אַז אין ארץ־ישראל וועלן יידן אַנט־וויקלען אַן עכט־יידישע קולטור וואָס וועט זיין אַ נר לגויים און וועט אונדז אָפּראַטעווען פון אַסימילאַציע. — אין ליכט פון אונדזער צייט ווי פעלדזן — פעסט בלייבט די דאָזיקע גרונט־דאָקטרין? צי איז טאַקע פאַראַן אַ גאַראַנטיע, אַז אין דער היינטיקער וועלט פון דזשעט־עראָפּלאַנען, און דער אַלמעכטיקער, גלייכשאַלטנדיקער, אומעטום אַריינדרינגענדיקער טעכנאָ־לאָגיע, מיט איר ניוועלירונג פון נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט, — אין אַזאַ צייט קען אַ קליין פאָלק אין זיין אייגן לאַנד אויסגעהיט ווערן פון קולטורעלער אַסימילאַציע? ווער עס איז נאָר אַפילו אייבערפלעכלעך באַ־קאַנט מיט דער יידישער יוגנט אין דער היינטיקער ישראל ווייסט וועגן דער גרויסער סכנה פון דער אינהאַלטלעכער, אויב נישט שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, צו וועלכער זי איז כסדר אויסגעשטעלט.

הערט אַדרבא וואָס עס טראַכט וועגן דעם ענין אַזאַ קענער פון דער ישראל־ווירקלעכקייט און אַן עקסטרעמער קעגנער פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם ווי דוד בן־גוריון. דיסקוטירנדיק דעם חינוך־פּראָבלעם און דעם יונגן דור וואָס וועט געשטאַלטיקן דאָס פּנים פון דער יידישער מדינה שרייבט ער: „עס איז פאַראַן איין מעגלעכקייט, אַז אַט דער יונגער דור וועט געבן פאָרעם און כאַראַקטער דעם פאָלק און דעם יידישן לעבן אַזוי ווי מיר שטרעבן. עס איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע מעגלעכקייט, אַז דער יונגער דור וועט פאַרמירן דאָס געשטאַלט פון דער מדינה אַזוי ווי אין דער סביבה פון מיטעלן מזרח אין וועלכער מיר געפינען זיך. יאָ, אויך אַזאַ מעגלעכקייט איז פאַראַן, און מיר טאָרן נישט מאַכן זיך נישט זען די דאָזיקע געפאַר. דאָס איז אַ שרעקלעך געשפּענסט, אָבער עס איז דאָ".

„אויב זיי זאָלן חלילה פאַרמירן דאָס געשטאַלט פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד, לויטן מוסטער פון די פעלקער אין דער אומגעבונג — דעמאָלט, אַזוי טראַכט איך, וואָלט די גאַנצע יידישע געשיכטע, די גאַנצע יידישע מאַרטיראָלאָגיע פון צוויי טויזנט יאָר געווען אַ קרבן חינם" (זע: טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 7טער אויגוסט 1960).

איז דען נישט אַקטועל דער אַריינבליק פון דובנאָוון, ווען פּאָלעמיזירנ־דיק מיט די ציוניסטן, ווייזט ער אָן אויף דער דערשיינונג פון אַסימילאַציע וואָס איז נישט בלויז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער גלות־געשיכטע? אויך

אין דער מלוכישער עפּאָכע — דערמאָנט ער אונדז — זיינען ישראלים פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַשוריש־בבלישער קולטור, און שפּעטער די העלעניסטן — פון דער גריכישער קולטור; די קעגנער פון די קנאים זיינען נאָכגעלאָפן דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע און ווען עס איז אויפגעקומען דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם האָבן מיר געהאַט אַפּטריניקייט־מגפות (בריוו, ז׳ 160).

עס זיינען נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל תרופות פאַרן לעבן פון אַ קליין פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, מכל־שכן נישט פאַר אַ מינאָריטעט צווישן פרעמדע מאַיאָריטעט־פעלקער. דער קערן פון דובנאָוויזם — די יידישע אויטאָנאָמיע — איז אָבער אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרעם אַ לעבעדיקער, ווירקנדיקער כוח אין היגן יידישן קיבוץ. און דערצו איז די קאָנצעפּציע פון קולטור־פּלוראַליזם פון האָראַס קאַלען — מיט זיין באַטאָנען, אַז אַמעריקאַנישקייט הייסט די אָרקעסטרירונג פון די פאַרשיידנאַרטיקע, נישט דער „שמעלץ־טאָפּ״ — און דער רעקאָנסטרוקציאָניזם פון מרדכי קאַפּלאַן — מיט זיין אונטערשטרייכן די צענטראַלקייט פון דער אַרומנעמענדיקער קהילה — אָט די צוויי אַמעריקאַנער יידישע דענקער האָבן אין דער אמתן צוגעפּאַסט דעם דובנאָוויזם צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. עס קאָן אויך קיין ספק נישט זיין, אַז גאָר באַדייטנדיקע עלעמענטן פון דובנאָווס אידעאָלאָגיע זיינען אַקצעפּטירט געוואָרן פון אַלע דריי רעליגיעזע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום; ווייל אַלע דריי זיינען שטאַרק פאַרוועלטלעכט אין דער פּראַקטיק, און אַלע דריי זיינען יידיש־נאַציאָנאַל באַפאַרבט, הגם, אינטעגרירט מיטן אָרום.

ס׳איז אַ שאָד וואָס מיר האָבן דערווייל נישט אין יידיש דובנאָווס באַרימטע עסיי: „דער סוד און דער געזעץ פון יידישן קיום״, וואָרעם דאָ האָט אונדזער היסטאָריקער אונדז איבערגעגעבן אַ צוואה וואָס סומירט זיין היסטאָריאָסאָפיע און דאָס איז כדאי צו געדענקען. אַנאַליזירנדיק די כוחות וואָס האָבן באַפעסטיקט דעם יידישן קיום אין אַלע תקופות פון אונדזער אייגנאַרטיקער געשיכטע פירט דער היסטאָריקער אויס „אויב מיר פאַרשטייען דעם געזעץ פון אונדזער קיום און קאָנען די באַדינגונגען פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק, דאַן וועט אונדזער אמונה אין יידישער עקסיסטענץ זיין פאַרבונדן מיט טאַטן, מיט פּראַקטישע געבאָטן, כאָטש די דאָזיקע געבאָטן וועלן נישט שטאַמען פון שולחן־ערוך. די פּרינציפּן פון

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע מצוות זײַנען באַקאַנט: שטענדיקער קאַמף פאַר קהילה־אויטאָנאָמיע, אין אַ פאָרעם וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון דער צייט; קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער דערציאונג אין דער היים און אין שולן וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן פאַר דעם צוועק — דערציאונג אין דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך און אין דער פאָלקסשפּראַך וואָס איז געוואָרן אַנטוויקלט אין די תפוצות; אַ קאַמף צו קולטיווירן אַלע פונדאַמענטאַלע נאַציאָנאַלע גיטער און זיי צוצופּאַסן צו דער אוניווערסאַלער קולטור... מיר פאַרלאַנגען אַן אמונה וואָס איז אַזוי פאַרקניפּט מיט האַנדלונג ווי פײַער מיט קוילן. אונדזער געשיכטע לערנט אונדז וואָס צו טאָן און וואָס צו גלייבן, און זי זאָגט אונדז: איר זייט זין (בנים) פון אײַער פאָלק אויף וויפל איר זייט זײַנע בויער (בונים), אויף וויפל איר פאַרבינדט אמונה מיט טאַט, און קאַמף מיט איבערגעגעבנקייט פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק און פאַר זײַן אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע אין אַלע לענדער אין וועלכע עס איז צעשפּרייט".

(1960)

# זשיטלאָווסקיס ירושה פאַר אונדזער צייט

פון דער גייסטיקער ירושה וואָס חיים זשיטלאָווסקי האָט אונדז איבערגעלאָזט, איז, דוכט מיר, זײַן פילאָסאָפיע פון וועלטלעכקייט, די סאַמע דויערנדיקסטע און אַקטועלסטע. ווארעם הגם זשיטלאָווסקי איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער פּובליציסט, אַן אימפּאָנירנדיקער אָראַטאָר, אַ שריפטשטעלער מיט אַן אייגענעם געשליפענעם, ניואַנסירטן ייִדישן לשון און דערצו אַ גלענצנדיקער בעל־מסביר — איז זײַן בלײַבנדיקער אויפטו דער בנין פון וועלטלעכער ייִדישקייט, וואָס ער האָט דאָ אין אַמעריקע אויפגעבויט און פאַרפעסטיקט. אָט מיט דער עיקר־קאָנצעפּציע אין זײַן געדאַנקען־גאַנג וועל איך זיך דאָ אָפּגעבן.

שוין אין זײַן ערשטער בראשור: „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פון ייִדנטום", וואָס זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן אין עלטער פון 22 יאָר, געפינען מיר זײַנע גרונט־אידעען, וואָס ער האָט במשך זײַן גאַנץ לעבן אַנטוויקלט

און פאַרפיינערט: א) יידישער קיום, האַלט דער יונגער זשיטלאָווסקי, טאָר זיך אין דער צוקונפט נישט באַזירן אויף רעליגיע, הגם געשיכטלעך איז דער שולחן־ערוך געווען נייטיק; ב) דאָס יידישע פאָלק האָט במשך פון דעם מיטלאַלטער פאַרלאָרן די אידעאַלן פון די נביאים און די איסיים און ס'דאַרף זיך אומקערן צום פראָפעטישן אידעאַל; ג) יידן דאַרפן אויפהערן לעבן ווי פאַראַזיטישע סוחרים און דאַרפן זיך פּראָדוקטיוויזירן ווי ערדאַרבעטער. אין די שפּעטערדיקע אָפּהאַנדלונגען זיינע האָט זשיטלאָווסקי צוגעגעבן עטלעכע פּונקטן: ד) אמתער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם איז נישט אין סתירה צו אינטערנאַציאָנאַליזם; ה) יידן דאַרפן באַקעמפן אַסימילאַציע דורך געווינען נישט נאָר בירגערלעכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע רעכט; ו) די דערציאונג פון יידישע קינדער דאַרף פון קינדער־גאָרטן ביזן אוניווערסיטעט זיין באַזירט אויף דער יידישער שפּראַך.

פון די דאָזיקע עיקרים אין זיין אַני־מאמין איז זשיטלאָווסקי נישט אָפּגעטראָטן במשך פון זיין גאַנץ לעבן. און כאָטש דער טעאָרעטיקער פון יידישיזם איז געווען געניגט צו סימפּליפיצירן, פאַרפלאַכן גאַנץ קאָמפּליצירטע דערשיינונגען און אויפצובויען לאָגישע קאָנסטרוקציעס, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט — פונדעסטוועגן האָט ער צוויי דורות יידישע ראַדיקאַלן אַרויסגעפירט פונעם מדבר פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַליין־פאַרלייקענונג צו מאָדערנער נאַציאָנאַלער יידישקייט. ער דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן אין דער ראַם פון זיין צייט, און ערשט שפּעטער אין ליכט פון אונדזער דור.

דער צענטראַלער געדאַנק אין זשיטלאָווסקיס יידישקייט־קרעדאָ איז, ווי באַקאַנט, געווען, אַז יידן זענען אַ פאָלק, אַ נאַציאָנאַליטעט מיט אַן אייגענער קולטור און דער חוט־השדרה אירער איז די יידישער שפּראַך. ווי אַ זון פון דער השכלה שטרעבט ער אונדז צו „נאָרמאַליזירן": מיר זאָלן ווערן ככל הגויים, און ווי אַ תלמיד פון די רוסישע פאָלקס־סאָציאַליסטן (נאַראָדניקעס) וואָס אידעאַליזירן דעם רוסישן פּויער און זעען אין אים דעם געוויסן פון פאָלק, האַלט זשיטלאָווסקי, אַז מיר דאַרפן זיך אַגראַריזירן; אויב מיר זאָלן פאַרבלייבן ווי ביז איצט, מיט אַן איבערוואָג פון סוחרים און פּראָפעסיאָנאַלן — דעמאָלט זענען מיר אַן אומפּראָדוקטיוו פאָלק. דער געדאַנק איז, ווי באַ־וואוסט, נישט געווען זשיטלאָווסקיס אָריגינעלע דערפינדונג; ער שטאַמט נאָך פון די פיזיאָקראַטן אין 18טן יאָרהונדערט, און אַלע סאָציאַליסטישע

פאַרטייען ביי ייִדן האָבן אים, אין פאַרשידענע גראַדן, אַקצעפּטירט. נאָך איצט קענט איר הערן פון שלוחים, וואָס קומען אַהער פון ישראל, ווען זיי ווילן אונדז פאַרמיאוסן דעם גלות, אַז מיר דאָ זענען „אומפּראָדוקטיוו", ווייל מיר האָבן נישט קיין ייִדישע אייזנבאַן־אַרבעטער און קוילן־גרעבער.

ייִדיש, האַלט זשיטלאָווסקי, איז דער הויפּט־אַטריבוט פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט און די פאָלקשפּראַך ווי דער צענטראַלער נערוו פון דער נאַציאָנאַלער קולטור דינט במקום רעליגיע. אָבער בעת רעליגיע ווי אַ חוב פאַר יעדן ייִדן האָט געשטערט אין דער פרייער אַנטוויקלונג פון יחיד, וואָרעם זי האָט אויפגעבויט אַ וואַנט צווישן דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק, וועט די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע ליטעראַטור צעמענטירן דעם כלל איבער־לאָזנדיק פרייהייט פאַרן ייִדישן יחיד צו גלייבן אָדער נישט צו גלייבן.

„נאַרמאַליזירונג" דאַרף, לויט זשיטלאָווסקין זיין חל אויף אַלע פעלדער פון ייִדישן לעבן איינשליסנדיק רעליגיע, און ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער פירט זיך אַז אמונה איז אַ פּריוואַטזאַך, וואָס איז נישט אָבליגאַטאָריש, דאַרף זיך אַזוי פירן אויך ביי ייִדן. אַנדערש, הייסט עס, בינדן דעם יחיד אין דאָגמאַטישע קייטן, וואָס איז קעגן פּרינציפּ פון פרייהייט פון געוויסן, און דערצו וועט אַן אָבליגאַטאָרישע אָנשויאונג פירן צו רעגרעס.

זשיטלאָווסקי האָט אונטערגעשיידט צווישן צוויי מינים וועלטלעכקייט: וועלטלעכקייט ווי אַ קולטור־קאָנצעפּציע און סעקולאַריטעט ווי אַ סעפּאַראַציע פון דער קירך און דער מלוכה; וועלטלעכקייט כלפּי־חוץ און וועלטלעכקייט כלפּי־פּנים. ער מאַכט קלאָר, אַז סעקולאַריזם איז קיין מאָל נישט פאַרבונדן מיט אַנטי־רעליגיע, און אַז ער איז נישט קעגן רעליגיע. שרייבנדיק אין אויפן שיידוועג (אין 1939) שטרייכט ער אונטער: דער באַגריף וועלטלעכקייט... איז נישט פאַרבונדן מיט אַנטירעליגיעזיטעט... אין אַלגעמיין מלוכישן לעבן, איז וועלטלעכקייט דער טייטש: רעליגיע איז אַ פּריוואַטזאַך, ווי אויך אַנטי־רעליגיע איז אַ פּריוואַט זאַך... אין דער דערציאונג־סיסטעם און אין דער פרייער קולטור־טעטיקייט בכלל האָט וועלטלעכקייט דעם באַטייט פון אויס־שליסן אַלץ, וואָס קומט אין נאָמען פון וועלכער עס איז אַנטפּלעקטער איבער־מענטשלעכער, איבערנאַטירלעכער אויטאָריטעט... דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם, וואָס ווערט אָפט באַטראַכט ווי דער תמצית פון וועלטלעכקייט, איז נאָר אַ באַשטימטע ריכטונג אין איר; אַ ריכטיקע צי אַ פאַלשע — אַלץ איינס... ביידע שיטות — די מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישע און די אַטעאיס־

טיש־מאַטעריאַליסטישע מוזן זיין פריי און אומגעשטערט אין דער וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט".

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די סעקולאַריזירונג פון יידישן לעבן איז נישט מחייב קיין פּערזענלעכע אַנטירעליגיע, נאָר זי איז נויטווענדיק כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר יעדן יידישן יחיד — רעליגיעזן אָדער אַטעאיסטישן — צו געהערן צום יידישן כלל. אויב רעליגיע זאָל ווייטער פאַרבלייבן ווי אַ תנאי פון אָנגעהעריקייט צום יידישן קאָלעקטיוו, דעמאָלט וועלן מיר דאַרפן אויסשליסן פון יידישן פאָלק די פאַרגעשריטנסטע יידן פון אונדזער צייט, אַן איינשטיין, אַ פרויד, אַ בראַנדייס, אַ מאָריס קאָהען, אַ האָראַס קאַלען. זשיטלאָווסקי פונקט ווי דובנאָוו האַלט, אַז וויל מיר האָבן אין עבר נישט פונאַנדערגעטיילט די צוויי באַגריפן: פאָלק און רעליגיע, דערפאַר האָבן מיר פאַרלאָרן די שפּינאָזאס און אַקאָסטאַס.

דער סאָציאָלאָגישער צוגאַנג צו רעליגיע וואָס מינימיזירט דעם אינטרינזיקאַלישן ווערט פון אמונה און וואָס זעט אין איר דער עיקר אַ צוזאַמענהאַלטנדיקן באַנד, אַ מיטל פון אידענטיפיקאַציע און אָנגעהעריקייט צו דער גרופּע, אָט דעם שטאַנדפּונקט וואַרפט זשיטלאָווסקי אָפּ ווי אַ פעלשונג פון אמתן מהות פון רעליגיע. דאָס שטרעבן צו אייביקייט, אומענדלעכקייט און הייליקייט זענען לויט אים דער קווינטעסענץ פון יעדער רעליגיע און אויך פון דער יידישער אמונה — און אָט די דאָזיקע אינהאַלטן זיינען לויט זייער כאַראַקטער אוניווערסאַל און אינדיווידועל. און ווייל אמונה איז אַ פּערזענלעכער ענין, אָט דערפאַר טאָר מען עס נישט אַרויפצווינגען אויפן יחיד; ער מוז זיין פריי יאָ, אָדער נישט צו גלייבן.

אין הסכם מיט דער קאָנצעפּציע האָט זשיטלאָווסקי נאָך אין 1909, פאָרגעלייגט אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל פירן צום נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע. מע דאַרף, האַלט ער, אויסגעשטאַלטן יענע פאָרמען פון דער יהדות און איבערלאָזן יענע מאָמענטן אין דער יידישער אמונה, וואָס זענען אָננעמבאַר פאַר מאָדערנע יידן. ער שלאָגט דעריבער פאָר צו פייערן די מערסטע יידישע יום־טובים, צו רוען אַלע שבתים און יום־טובים, וואָרעם אין יעדן פון זיי זענען פאַראַן דערהייבנדיקע מאָמענטן, וואָס פאַרדינען געהייליקט צו ווערן אויך פון וועלטלעכע יידן.

אָט דער געדאַנקען־גאַנג האָט ערשט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אַמעריקאַנער יידיש־וועלטלעכע סביבה מיט 30 יאָר שפּעטער — ערב דער

צווייטער וועלט־מלחמה. דער ראַדיקאַלער עולם וואָס האָט באַטראַכט זשיט־לאָווסקין ווי זיין מורה־דרך איז, ווייזט אויס, נאָך נישט גרייט געווען, אין ערשטן צענדליק פון הײנטיקן יאָרהונדערט אָנצונעמען אַזעלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען אַפילו פון אייגענעם רבין. ערשט שפּעטער, אונטערן דרוק פון די שווערע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף אונדזער פאָלק — האָט מען אינקאָרפּאָרירט די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע עלעמענטן פון יידישקייט אין די פּראָגראַמען פון יידיש־וועלטלעכע שולן. מיר מעגן דעריבער דרייסט פעסט־שטעלן, אַז דער סעקולאַריסט זשיטלאָווסקי איז דערגאַנגען צו דעם אידעען־קאָמפּלעקס, וואָס מיר באַצייכענען היינטיקע צייטן ווי טראַדיציאָנאַליזם — הגם דורך אַן אַנדער מאָטיווירונג ווי דער איצטיקער טראַדיציאָנאַליסט.

וואָס בלייבט פאַר אונדזער דור פון דער זשיטלאָווסקי־ירושה? קודם־כל מוז מען געדענקען די צייט, אין וועלכער זשיטלאָווסקי האָט געווירקט. עס איז געווען דער פּעריאָד פון צווייטן דור משכילים, ווען מע האָט אויף דער יידישער גאַס געבראָכן די קייטן פון די מיטלעלטערלעכע סייגים; ווען מע האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות צו דער איראָפּעאיזאַציע, צו זיין ככל־הגויים; ווען מע האָט איבערגעטריבן דעם כוח פון בילדונג און דעם באַטייט פון פּראָדוקטיוויזאַציע, ווייל די הערשנדיקע אידעאָלאָגיעס פון יענער צייט — סיי דער מאַרקסיזם, סיי דער נישט־מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם — האָבן באַטראַכט דעם מיטלקלאַס אָדער ווי אומפּראָדוקטיוו אָדער ווי אַ פּאַריבער־גייענדיקע דערשיינונג. און פּונקט ווי יידישע עקאָנאָמיק איז געוואָרן פאַר־משפּט, לויט יענע טעאָריעס, אַזוי האָט מען געמוזט זוכן אַ היתר אויף יידישן קיום נאָר ביי אַ מאַרקסן אָדער אַ לאַווראָוון אָדער אַ פּלעכאַנאָוון. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער אינטעליגענץ אין אַלע צייטן. אויך היינטיקע צייטן — ווען איבער די מוחות פון אַ טייל פון דער אינטעליגענץ געוועלטיקט דער עקסיסטענציאַליזם — פּרואוון יידיש־רעליגיעזע אינטע־לעקטואַלן באַפעסטיקן זייער רעליגיעזן ראַציאָנאַל דורך עקסיסטענציאַליס־טישע אידעען און המצאות. דאָס זעט מען באַשיימפּערלעך ביי אַ בובער, ראָזענצווייג, העשל, הערבערג און הרב סאָלאָווייטשיק. די יידישע אינטעליגענץ פון פילאָן ביז מרדכי קאַפּלאַן האָט אין יעדער עפּאָכע געפּרואווט באַגרינדן יידישקייט און יידישן קיום בהסכם מיט די טעאָריעס, וואָס האָבן דעמאָלט דאָמינירט אין דער גרויסער וועלט.

אין דער איצטיקער צייט פון אויטאָמאַציע איז שוין אָפּגעפרעגט דער

יִיחוס פון פויער און אַפילו פון פראָלעטאַריער לגבי אַ בוכהאַלטער אָדער פּראָפעסיאָנאַל. די ערשטע ווערן ניט באַטראַכט ווי פּראָדוקטיווער אָדער מאָראַליש העכער פון די לעצטע.

דערצו האָט זשיטלאָווסקי, ווי אַ סך פילאָסאָפישע אידעאַליסטן געליטן פון דאָקטרינערישקייט, פון דאָגמאַטישקייט — הגם ער האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן פרייען געדאַנק. דער יִידישיסטישער טעאָרעטיקער האָט זיינע באַגרינדונגען דער עיקר געבויט אויף לאָגיק — נישט אויף דערפאַרונג — און דאָס איז אומלאָגיש, אומשׂכלדיק. ער האָט זיך אַזוי ווייניק גערעכנט מיט עמפּיריק — ספּעציעל מיט דער אַמעריקאַנישער יִידישער פּראַקטיק — אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן ווי זיינע טעאָריעס זענען נישט פאַרבונדן נישט מיט אָרט און נישט מיט צייט, און אַוודאי נישט מיט פאַרשטיין יִידישע ספּעציפיש־קייט. דערפאַר האָט ער דערפירט זיין כּכל־הגויִימדיקייט ביז צום אַבסורד אַז... מ'קען זיין אַ קריסט פון יִידישער נאַציאָנאַליטעט. אָבער דאָס איז געווען צינז דער צייט, וואָס עס האָט אויך געצאָלט דער שולל־הגלותדיקער העברעאיסט יעקב קלאַצקין און אַנדערע.

פונקט אַזוי פאַרשפּיצט־איינזייטיק איז געווען זשיטלאָווסקיס יִידישיזם: ער האָט צו פיל געבויט אויף יִידיש. קען מען דען אָנהענגען דעם גאַנצן גורל פון פאָלק אויף שפּראַך? אין דעם פּרט איז גערעכט געווען דובנאָוו, וואָס האָט אין זיין פּאָלעמיק קעגן זשיטלאָווסקין געטענהט (אין 1927): „די געשיכטע באַווייזט, אַז ווען דאָס יִידישע פאָלק וואָלט זיך געהאַלטן נאָר אויף דעם שפּראַך־פונדאַמענט, וואָלט פון אים שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן — וואָרעם אַפילו אין אַלטן ארץ־ישׂראל און אין די מיזרח־לענדער האָט דאָס פאָלק נישט אויסגעהאַלטן קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע... יִידיש איז אונדז טייער און מיר מוזן עס באַנוצן ווי אַ פאַראייניקנדיקע קראַפט, אָבער בויען אויפן יִידישיזם די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור — ד"ה מפקיר זיין תיכף מיליאָנען יִידן, וואָס רעדן נישט אין דער שפּראַך, דאָס טאָרן מיר נישט."

„נאָרמאַלקייט" איז פאַר זשיטלאָווסקין די העכסטע מדרגה, וואָרעם פאַר אים מוזן אונדזערע ספּעציפישע פּראָבלעמען געלייזט ווערן מיט אַלגעמיינע רעצעפּטן. אָבער אים פאַלט נישט איין, אַז פעלקער פונקט ווי יחידים מעגן זיין „איבערנאָרמאַל"! צי איז עס נישט אַן עבדות בתוך חירות, דאָס וועלן זיין „ווי אַלע"? די כּכל־הגויִימדיקייט, דאָס וועלן זיך דווקא אַריינפּאַסן אין אָנגענומענע קאַטעגאָריעס, איז אַ פאָרעם פון אינערלעכער קנעכטישקייט.

פון נישט זיין אין גאַנצן פריי. אַט די אינעווייניקסטע אומפרייהייט כאַראַקטע־ריזירט אַ סך פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן ביי ייִדן...

זיין אויסגעפּשטלטע לאָגיק, זיין דאָקטרינערישקייט האָט אים סוף־כּל־סוף אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר. ווארעם אויב לויט זיין טעאָריע איז מעגלעך „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" דאַרף מען זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר אַלע באַר־באַריזמען. ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין די נעצן פון לעניניזם־סטאַליניזם און ער ווערט אַן אַחר וואָס פאַרלייקנט זיין שיינעם עבר.

אָבער מע מוז אויך — ביים אונטערציען דעם סך־הכּל — געדענקען זיינע גוואַלדיקע אויפטוען במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. ער איז דאָ אין אַמעריקע דער פאָטער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול פון אַלע שאַטירונגען. ער האָט פּראַקטיש געאַרבעט פאַר די ייִדישע שולן: ער איז געגאַנגען מיט יואל ענטין זאַמלען געלט פאַר די שולן. ער האָט דאָ פונאַנדערגעבונדן אין זיינע גייסטרייכע עסייען און רעפעראַטן די פאַלשע אידעען־פאַרבינדונגען, וואָס האָבן געהאָלפן באַזיגן די קאָסמאָפּאָליטן־אַסימילאַטאָרן. ליידער האָט ער זיין קאַמף קעגן שפּראַך־אַסימילאַציע ניט געוואונען אין פרייען אַמעריקע. ער האָט ניט געקענט אין זיין צייט פאָרויסזען וואָסערע פאָרמען ס׳ייִדישע לעבן וועט אָננעמען ביים צווייטן און דריטן דור — ווארעם ער איז געווען דער וואָרט־זאָגער פון אימיגראַנטן־דור. ער האָט אויך נישט געקענט פאָרויסזען דעם אומקום פון ייִדישן פאָלק אין מיזרח־אייראָפּע. די קעגנוואָרט מאָנט אַ ריי גרונט־קאָרעקטיוון אין זשיטלאָווסקיס ייִדישיזם. אָבער ער האָט אויפגעבויט דעם יסוד פון אַ וועלטלעכער ייִדישקייט־פילאָסאָפיע פאַר פרייע ייִדן, וואָס בלייבט אויך איצט גילטיק. און ווי מיר ווייסן פון אָבסערוואַציעס און שטודיעס ווערט דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע אַלץ מער סעקולאַריזירט — אַפילו ביי די סינאַגאָגאַלע ייִדן. די טראַדיציאָנאַליזירטע וועלטלעכע ייִדישקייט, ווי זשיטלאָווסקי האָט זי דער ערשטער אַנטוויקלט, קען מיט אַ ריי תּיקונים ווערן דער ווינקלשטיין פון אַ נאָן־קאָנפאָרמיסטישער — אָבער המשכדיקער, נביאישער — ייִדישקייט וואָס וועט באַפרידיקן די נשמה־בענקשאַפטן אין דעם געמיט־צושטאַנד פון מאָדערנע, אינטעליגענטע אַמעריקאַנער ייִדן, פאַר וועמען דער תּמצית פון ייִדישקייט ליגט אין עטישן דינאַמיזם און אוניווער־סאַליזם.

**(1963)**

# ש. ניגער — דער קריטיקער־הומאַניסט

## (צו זיין צענטן יאָרצייט)

עס איז שוין צען יאָר זינט שמואל ניגער איז פון אונדז אַוועק, און דאָך פילן מיר נאָך אַלץ דעם חלל וואָס זיין טויט האָט איבערגעלאָזט. ווי דער אָנערקענטסטער יידישער קריטיקער איז ניגער אויך געווען באַליבט ביי זיינע לייענער ווי ער וואָלט געווען אַ נאָענטער פריינד! האָט מען געטרויערט נאָך אים ווי נאָך אַ מנהיג וואָס נעמט מיט זיך מיט, ווען ער שטאַרבט, אַ שטיק לעבן פון גאַנצן כלל. ווי אַ קריטיקער, ווי אַ געלערנ־טער, ווי אַ פובליציסט האָט ניגער פאַרקערפּערט דעם מאָדערנעם יידישן רענעסאַנס אין מזרח־אייראָפּע, און אויך דעם לאַנגן שווערן געראַנגל אים אַריבערצופלאַנצן קיין אַמעריקע. מיט זיין טויט האָט די יידישע ליטעראַ־טור, דער יידישער געדאַנק, פאַרלוירן אַן אחריותדיקע פּערזענלעכקייט, אַ שאַרפזיניקן דענקער, אַן איינפלוסרייכן קריטיקער, אַ דורכדרינגגדיקן אָבסערוואַטאָר פון דער אַמעריקאַנער יידישערווירקלעכקייט, אַ מורה דרך פון יידיש־יידן. ער האָט מיט ערודיציע, מיט שכל הישר, מיט טאַקט — אין אַ רייכן, ראַפינירטן, און מאָדערנעם יידיש, ווייטער אַנטוויקלט דעם געדאַנקענגאַנג וואָס זיינע צענטראַלע ליניעס האָבן פריער אָנגעצייכנט אחד העם, שמעון דובנאָוו, חיים זשיטלאָווסקי, י. ל. פּרץ.

שמואל טשאַרני, וואָס איז באַרימט געוואָרן אונטער זיין פסעוודאָנים ש. ניגער, איז געבוירן געוואָרן אין קליינעם ווייסרוסישן שטעטל דוקאָר, דעם 15טן יוני 1883, ביי אַ פאַמיליע פון חב״דער חסידים. ער האָט באַ־קומען אַ טראַדיציאָנעלע מזרח־אייראָפּעאישע יידישע דערציאונג — אין חדר און ישיבה; אָבער גאַנץ פרי האָט ער אויך אָנגעהויבן לערנען וועלט־לעכע לימודים און איז געוואָרן פאַראינטערעסירט אין דער רוסישער לי־טעראַטור, אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין קאַמף פאַר יידישן פאָלקס־קיום. זיין דעביוט ווי אַ שרייבער האָט ער געמאַכט אין 1904 אין רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע״ [ווידערגעבורט] וואו ער טרעט אַרויס ווי דער עקספּאָנענט פון יידיש־טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק (ס״ס). ווען די צאַרישע קאָנטער־רעוואָלוציע קריגט די אויבערהאַנט (אין 1906) ווערט ניגער אַרעסטירט, און ערשט נאָך דעם ווי ער ווערט שיר נישט פאַרפייניקט צום טויט, באַפרייט מען אים. פּונקט ווי דער פריערדיקער

דור יידיש־רוסישע אינטעליגענץ — אין 1881־1882 — אַזוי האָט ניגערס דור פאַרלוירן די האָפענונג אויף באַלדיקער עמאַנציפּאַציע אין רוסלאַנד. די זיגרייכע קאָנטער־רעוואָלוציע וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע פּאָליטישע פרייהייטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג איז געווען פריער געצוואונגען צו שענקען דעם פאָלק, האָט איבערגעלאָזט בלויז איין קאַנאַל פאַר דער שעפערישער ענערגיע פון דער יידישער אינטעליגענץ — די יידישע קולטור. אַ סך באַגאַבטע יונגע יידן האָבן זיך פאַרטיפט אין שטודירן און פאָרשן די יידישע געשיכטע, דעם יידישן פאָלקלאָר, די יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן און שפּראַכן; דאָס אַלץ האָט קולמינירט אין אַ יידיש־ליטעראַרישן רענעסאַנס.

ניגער איז געוואָרן אַ צענטראַלע און רעפּרעזענטאַטיווע פיגור פון יידיש־רענעסאַנס וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין 1908, דורך די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" — רעדאַקטירט פון דריי אינטעליגענטן: דער טעריטאָריאַליסט ניגער, דער ציוניסט גאָרעליק, און דער בונדיסט א. ווייטער. אין דער שריפט האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַז די יידישע ליטעראַטור איז שוין רייף און אַז זי איז אַ ציל פאַר זיך און נישט אַ מיטל צו בילדן די מאַסן. „די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" צילן נישט צו וואַרפן קערנדלעך פון פילאַנטראָפּישער קולטור־טרעגעריי, פון פּאָפּולער־געפעלשטער „פאַרן פאָלק" ליטעראַטור. דער ציל פון די „ליטעראַרישע מאָנאַשריפטן" איז צו זיין אַ זאַמל־פּונקט פאַר דעם וואָס זאָל קאָנען רייכער מאַכן אונדזער גייסטיקע וועלט, פאַרגרעסערן אונדזערע קולטור־אייגנס, אויספיינערן דעם געשמאַק פון אַלטן לעזער און געווינען נייע".

אין משך פון די יאָרן 1910־1913 האָט ניגער שטודירט הומאַניסטיק אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און בערן, גרייטנדיק אַ דיסערטאַציע איבער שאָפּענהויערס פילאָסאָפיע פון עסטעטיק. אָבער דעמאָלט פאַרבעט מען אים צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „די יידישע וועלט"; באַזעצט ער זיך אין יאָר 1913 אין ווילנע, וואו ער פאַרוואַנדלט דעם זשורנאַל אין אַן ערשטקלאַסיקער שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור. דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ סך עסייען איבער יידישע שרייבער און אומציילקע רעצענזיעס.

דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע טרעפט אים אין ווילנע (1919). ווען די פּוילישע

לעגיאָנערן האָבן איינגענומען די שטאָט, איז זיין לעבן ווידער געווען אין סכנה. ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן בלויז אַ דאַנק אַן ענערגישער אינ־טערווענץ מצד יידישע כלל־טוער אין פּוילן און אַמעריקע. סוף 1919 פאַר־לאָזט ער מזרח־אייראָפּע און קומט קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט געוואוינט 35 יאָר ביז זיין טויט, אין דעצעמבער 1955. ער ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג" און ער רעאַגירט מיט אַרטיקלען, עסייען און רעפעראַטן, אויף אַלע דערשיינונגען אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און ליטעראַ־רישן לעבן.

2

כדי אָפּצושאַצן ניגערס בלייביקן צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, זיין אויפטו ווי אַ קריטיקער, און זיין באַדייט פאַר דער היינ־טיקער יידישער אינטעליגענץ, מוז מען זיך באַקענען מיט זיין יידיש־הומאַניסטישן אני־מאמין, וואָרעם ניגער איז נישט געווען בלויז אַ מענטש מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק אין ליטעראַטור און אַ סטודענט פון עסטעטיק, נאָר אויך אַ מאָדערנער יידישער טראַכטער מיט טיפע איבערצייגונגען, און איינשטעלונגען אין שייכות צו וועלט־און־ייד־פּראָבלעמען. אויב הומאַ־ניזם מיינט דאָס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש־מענטשלעך — נישט איבער־נאַטירלעך; דאָס וואָס איז שייך צום מענטשן — נישט צו דער דרויסנ־דיקער נאַטור; דאָס וואָס דערהייבט אים און באַפרידיקט אים; אַ טיפער אינטערעס אין אַלע פאַזן און ליידנשאַפטן פון יחידס לעבן אויף דער וועלט — אויב הומאַניזם באַצייכנט אָט די אַלע טייטשן, דעמאָלט איז ניגער געווען אַ הומאַניסט פאַר עקסעלאַנס. דער מענטש איז פאַר אים געווען די מאָס און די סאַנקציע פאַר אַלצדינג.

אָבער דער יידישער קריטיקער פונקט ווי זיין רבי י. ל. פּרץ האָט געזען די וועלט מיט יידישע אויגן (פּרצעס פּאָעטישע דעפיניציע פון יידיש־קייט); האָט ער דעריבער פאַרשטאַנען אַז כדי דער הומאַניזם זאָל וואַ־רעמען און אילומינירן היינטיקע יידן אַזוי ווי די יידישע אמונה האָט געגעבן אַן אָנשפּאַר די פריערדיקע דורות, מוז דער הומאַניזם אַרויסוואַקסן פון אונדזער גייסטיקן באָדן, ער מוז האָבן וואָרצלען אין אונדזער עבר, אין אונדזער קאָלעקטיווער דערפאַרונג. אָט דערפאַר באַטאָנט ניגער אַז אין זיין נישט־דאָגמאַטישן וועלטלעכן קרעדאָ פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָ־

זיציע דער טאַלאַנט צו גלויבן — גלויבן נישט אין טעאָלאָגישן זינען, נאָר אין הומאַניסטישן זינען; „אַזוי ווי מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די ייִדישע געשיכטע אָן קדושים אַזוי קען נישט געמאָלט זיין אַ ייִד אָן קדושה... ער מוז גלייבן אין די גייסטיקע ווערטן וואָס ליגן באַהאַלטן אין אונדזער געשיכטע, אין דעם ליכט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אונדזער קיום, און אין אונדזער מלחמה פאַרן קיום... יאָ, אַ ייִד מוז זיין זיכער אַז אויב אַפילו לית דיין, קאָן נישט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי לית דיין".

ייִדישער קיום איז ווי באַקאַנט, אָן עיקר אין ניגערס אני־מאמין; אָבער סתם קיום איז פאַר אים נישט גענוג. נאָר אַ ייִדיש־שעפערישע עקסיסטענץ, האַלט ער, איז ווערט די קרבנות וואָס מיר דאַרפן כסדר ברע־נגען כדי אויפצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען אונדזער היסטאָרישע אינדיווידואַליטעט. אַ פאָלק וואָס זיין עקסיסטענץ באַדייט שטענדיקער קאַמף און קרבנות פאַר אַלע זיינע מיטגלידער, אַזאַ פאָלק מוז ווערט זיין די אַלע ליידן און אָנשטרענגונגען. „און ווערט זיין עס קאָן אונדזער פאָלק נאָר דאַן... ווען אויך אונדזער איצטיק לעבן איז אַ שעפערישער המשך פון דעם געהויבענעם אַמאָל... בלויז דער גלויבן אין אונדזער קרעאַטיווער גייסטיקער אַנדערשקייט, בלויז דער חוש פון און פאַר דעם באַזונדערן טיפן ניגון, וואָס מיר זינגען אַריין אין דער וועלטס ספערן־מוזיק האָט געקאָנט מאַכן מעגלעך פאַר אונדזערע גרויסע יחידים דעם עקסטאַז, און פאַר די מאַסן — די משא פון מסירת נפש וואָס איז אַזוי אָפט די טראַגישע גלאָריע פון אונדזער געשיכטע". אין דעם קרעדאָ פון ייִדישן הומאַניסט, געפינען מיר, אַחוץ אמונה אין קרעאַטיוון ייִדישן קיום — אויך גלויבן אין תכלית פון אוניווערס, אין דער קדושה פון אַלץ וואָס לעבט און אין ייִדישער אַנדערשקייט.

אָבער בעת דער ייִדישער הומאַניסט איז טיף באַוואוסטזיניק וועגן באַזונדערקייט פון ייִדישן גורל אין דער וועלט־געשיכטע, איז ער נישט דערפאַר אַז מיר זאָלן זיך איזאָלירן פון דער וועלט. פאַרקערט! עס איז זיין טיפסטע איבערצייגונג אַז דער חורבן און די פורעניות וואָס מיר האָבן געליטן במשך דער צווייטער וועלט־מלחמה, טאָר נישט פירן דערצו אַז מיר זאָלן זיך גטן מיט דער מערב־קולטור, נאָר אונדזערע ליידן דאַרפן אונדז העלפן צוריק געווינען די פעאיקייט וואָס פריערדיקע דורות האָבן פאַרמאָגט: „די קונסט צו סובלימירן די אייגענע ליידן און צו מאַכן פון

דער פיזישער שוואַכקייט אַ גייסטיקע גבורה״. דאָס, מיינט ניגער, קען מען אויך דערגרייכן דורך אַ פּאַרטיפּטן ייִדיש־עטישן באַוואוסטזיין, און נישט דווקא דורך אמונה און רעליגיעזן אתה־בחרתנו.

להיפּוך צו אַ סך אימיגראַנטן־אינטעליגענטן וואָס זיינען געקומען אַהער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן אַרויסגעוויזן צום אַמעריקאַנער לעבנס־נוסח אַן אַמביוואַלענטע באַציאונג ד״ה פון איין זייט, איז זיי געפעלן דאָס לאַנד פון פרייהייט און געלעגנהייט פאַר אַלעמען; אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי זיך געקלאָמערט אין די אייראָפּעאישע פאָרורטיילן אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד פון אַ רויער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע — להיפּוך צו זייער נעגאַטיווער שטעלונג האָט ניגער אַקצעפּטירט און אַפילו אַפירמירט אַמעריקע. יענע וואָס האָבן אים געקענט און אָפט באַגעגנט אין ייִדישע קולטור־קרייזן האָבן געמוזט באַוואונדערן זיין טאָלעראַנץ, זיין מיושבדיקייט, זיין מעסיקייט. אפשר איז ער געוואָרן באַאיינפלוסט פון אַמעריקאַנער פּראַגמאַטישן צוגאַנג צו אַלע דערשיינונגען — אַ צוגאַנג וואָס לייגט נישט דעם טראָפּ אויף ערשטע פּרינציפּן, אויף גרונט־הנחות, אויף אייביקע אמתן, נאָר באַטאָנט מער, און רעכנט זיך דער עיקר מיט אונדזערע דערפאַרונגען, מיט אונדזערע האַנדלונגען, מיט די קאָנסעקווענצן פון אונדזערע מחשבות. צייטנווייז האָט זיך געקענט אויסדאַכטן אַז ניגער איז אַ פּראַגמאַטיקער; אַז אים גייט ווייניק אָן די אָדער אַן אַנדער אידעאָלאָגיע; אַז אים אינטערעסירט מער צי אייער אמת „אַרבעט״ אין דער פּראַקטיק. אָבער דאָס איז נישט געווען ריכטיק.

אַוודאי האָט ער ווי אַ פּאַרטיפּטער פּובליציסט זיך גערעכנט מיט לעבנס־פאַקטן, און געבויט זיינע מסקנות אויף אָבסערוואַציעס פון דער רויער ווירקלעכקייט, אויף די שינויים אין די לעבנס־באַדינגונגען פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. אָבער אויב ער האָט זיך נישט באַצויגן מיט ביטול צו אונדזער היגן לעבן מיט אַלע זיינע קרומקייטן און טונקלקייטן, מיינט עס נישט אַז ער איז נאָכגעגאַנגען דעם שטראָם. פּונקט פאַרקערט, בלויז עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט האָט ער פּאָלעמיזירט קעגן די ייִדישע סאָציאָלאָגן וואָס פריידיקן אַריינצושטעלן אונדזער אַמעריקאַנער ייִדישן קאָלעקטיוו אין אַ ׳רעליגיעזער ראַם״. אויב מיר וועלן זיך דערקלערן ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע — מיינען זיי, — וועלן אונדזערע קינדער זיך גיכער וועלן אָנשטרענגען אויפצוהאַלטן אונדזער קולטור.

ניגער האָט אָפּגעפּרעגט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ווייל ער איז נישט קלוג, און נישט ערלעך אינטעלעקטועל. ראשית, וועלן מיר בלייבן ייִדן אַפילו ווען מיר זיינען נישט רעליגיעז. „אַ ייִד איז אַ ייִד, אַ ייִד, אַ ייִד... און אויב אונדזער דריטער דור וועט באמת וועלן געדענקען וואָס דער צווייטער האָט געוואָלט פאַרגעסן, וועט ער געדענקען אַז זיין ייִדישע אידענטיפיקאַציע איז נישט קיין מאַסקע פון ייִדישער טעאָלאָגיע, נאָר דער אמת פון ייִדישער געשיכטע”. צווייטנס, אויב אַפילו די סטאַטיסטיק וואָס ווייזט אויף אַ רעליגיעזער אויפלעבונג איז ריכטיק, האַלט ניגער פונדעסטוועגן אַז דאָס איז נישט די העכסטע אויטאָריטעט אין ענינים פון רעליגיע, קולטור און אַנדערע גייסטיקע דערשיינונגען. „אָט איז דער צווייטער דור פון ייִדיש־רעליגיעזן און ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט נישט אַזאַ שיינע פּרי — מאַכן מיר אים פאַר אַ מוסטער?.... מיר האָבן געפירט און פירן מיט אים וויכוחים, מיר האָבן זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט, ווען די ריכטונג אין וועלכער ער איז געגאַנגען איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן. אַזוי טוען מיר און דאַרפן טאָן אויך בנוגע צום דריטן דור און יעטוועדער אַנדער דור”. מיר דאַרפן נאָך קיינעם נישט נאָכגיין בלינדערהייט. מיר דאַרפן זען וואָס ס'איז ריכטיק אין דרך פון די ייִנגערע דורות און וואָס נישט, און מיר דאַרפן האַנדלען לויט אונדזערע איבערצייגונגען.

3

נאָך אַ צענטראַלער שטריך אין ניגערס וועלט־אַנשויאונג איז דער פּלוראַליזם. אין דעם פּרט האָט אָן שום ספק אים באַווירקט דער גייסטיקער קלימאַט פון דער טאָלעראַנטער, אַנטי־דאָגמאַטישער, פּלוראַליסטישער אַמעריקע. ער באַטאָנט אַ סך מאָל אַז ס'איז נישטאָ קיין סתירה אין דער אידייע פון איין פאָלק און פאַרשיידענע שבטים, ריכטונגען, שטרעמונגען. ס'איז נישט מעגלעך, האַלט ער, פאַר אַ וועלט־פאָלק ווי אונדזערס צו זיין פון איין גוס שפּראַכלעך, רעליגיעז, קולטורעל. און פּונקט ווי מיר קענען באַשטיין פון פאַרשיידענע סאָרטן קיבוצים אין דער וועלט, אַזוי קען דער אַמעריקאַנער ייִדישער צענטער זיין אַ קיבוץ פון אַלערליי קיבוצים. „אַזוי ווי די בויאונג פון אַמעריקע גופא איז אַ שותפות פון שיר נישט אַלע פעלקער, קולטורן און שפּראַכן פון דער וועלט, אַזוי האָבן אַ חלק אויך אין דעם ייִדישן קיבוץ פון אַמעריקע שיר נישט אַלע טיילן און גרופּעס

פון ייִדישן פאָלק מיט זייערע אַלע היסטאָרישע, רעליגיעזע, וועלטלעך־קולטורעלע, שפּראַכלעכע און אַנדערע באַזונדערקייטן... מיר זיינען אַ קולטור־פלוראַליסטיש פאָלק אין אַ קולטור־פלוראַליסטיש לאַנד... דער ייִדישער „מעלטינג־פּאָט" טאָר נישט פאַרטונקלען אָדער גאָר פאַרניכטן אונדזער אינעווייניקסטן קולטור־פלוראַליזם. יעדע שיטה, יעדע ייִדישע טראַדיציע, יעדע ייִדישע לעבנס־פילאָסאָפיע, יעדע ייִדישע ירושה וואָס איז לעבנס־און קאַמפּס־פעאיק מעג און מוז קעמפן פאַר איר אָרט אונטער דער זון".

ניגער דער פירער אין דער ייִדישיסטישער מחנה האָט — ווי זיין בוך „די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור" באַווייזט — חלילה נישט מינימיזירט דעם ווערט פון העברעאיש, ווי אַ פאַרקערפּערונג און אַ טרעגער פון ייִדישער קולטור. ייִדיש און העברעאיש, לערנט ער מיט אונדז, זיינען אַ זיווג מן השמים, און דער ביליגנוואַליזם האָט טיפע וואָרצלען אין אונדזער געשיכטע. נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג פון דעם ענין צווייִשפּראַכיקייט ביי ייִדן און ביי אַנדערע פעלקער קומט ער דעריבער צו דער מסקנא אַז ייִדישקייט מיינט נישט די פאַרלייקענונג פון דער העברעאישער קולטור־ירושה. „סיי ייִדיש, סיי העברעאיש איז אונדז שטאַרק צו נוץ געקומען אין אונדזער לעבן און שטרעבן, אין אונדזער דענקען און געדענקען. מוזן די וואָס נעמען אָן די ייִדישע געשיכטע, די ייִדישע אַנטוויקלונג, אַזוי גאַנץ און פולשטענדיק ווי זי איז — אָננעמען און אָנערקענען אונדזערע בײדע שפּראַכן".

אויך איצט ווען די ייִנגערע דורות נוצן וויניק ייִדיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן האַלט דער ייִדישער קריטיקער, דאַרפן מיר זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן ייִדיש, וואָרעם וואָס לענגער דער היגער ייִדישער קיבוץ וועט נוצן ייִדיש און פּראָדוצירן אין דער שפּראַך גייסטיקע אוצרות אַלץ מער צידה לדרך וועט דער יונגער דור האָבן, און אַלץ גרעסער וועט זיין די ירושה וואָס מיר די ייִדיש־ייִדן וועלן איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות. אַחוץ דעם וואָלט דאָס היגע ייִדישע לעבן אָן ייִדיש — געוואָרן אַזוי אָרעם, אַזוי אַנעמיש, אַזוי אינהאַלטסלאָז, אַז ייִדן וואָלטן אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו און וואָלטן דאָ געוואָרן אַ רעליגיעזע סעקטע, בלויז מיט רעליגיעזע טעמפּלען און טעאָלאָגישע סעמינאַרן. אָבער פאַרוואָס איז עס מעגלעך געווען אויפצוהאַלטן אַ ייִדיש לעבן און קולטור אין שפּאַניע, אָן אַן אייגענער פאָלקס־שפּראַך — פרעגט ניגער? ווייל אין

יענער צייט האָט די רעליגיע אָנגעפּילט דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט, בעת איצט איז רעליגיע אַפילו ביי די רעליגיעזע אַמעריקאַנער יידן נאָר אַ קליינער טייל פון זייער לעבן און „אויב מיר יידן אין אַמעריקע זיינען אַ פאָלק איז עס... [ווייל] די יידישקייט פון אַמעריקאַנער יידן דריקט זיך אויס אין אַנדערע פאָרמען, באַציאונגען, באַדערפענישן און אינסטיטוציעס, אַחוץ די ריין רעליגיעזע... און אָט דאָס צוזאַמענלעבן אונדזערס, פונקט אַזוי ווי אונדזער ירושה, קאָן אין קיין שפּראַך נישט אויסגעדריקט ווערן אַזוי נאַטירלעך... ווי אין יידיש".

אָבער הגם דער יידישיסטישער קריטיקער האַלט אַז דער קיום פון יידיש איז פון קאַרדינאַלן באַטייט פאַר אַ קרעאַטיווער יידישער עקסיסטענץ, פאַרלייקנט ער נישט די וויכטיקע נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָלע וואָס עס קען שפּילן אויך די אַמעריקאַנער יידישע אינטעליגענץ וואָס נוצט ענגליש ווי איר מעדיום פון שאַפן — ד"ה יענע אינטעלעקטואַלן וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן לעבן און וואָס זיינען ערנסט באַשעפטיקט מיט יידישע פּראָבלעמען און ווערטן. די היסטאָרישע דערפאַרונג פון די לעצטע דורות דעמאָנסטרירט, לויט ניגערן, אַז אין יענע לענדער וואו יידן האָבן אין משך פון אַ לענגערער צייט געשאַפן אויף יידיש און העברעאיש, קענען יידן אינטעלעקטואַלן וואָס שאַפן אויף דער לאַנד־שפּראַך אויך זיין — ביז אַ געוויסן גראַד — יידיש־קרעאַטיוו. אָט די לעקציע וואָס מיר האָבן געלערנט אין מזרח־אייראָפּע, מיינט ער, איז אויך גילטיק פאַר אַמעריקע.

מיר קענען דעריבער סומירן אַז ניגערס יידישער הומאַניזם באַשטייט פון פיר גרונט־קאָמפּאָנענטן: וועלטלעכקייט, יידישע באַזונדערקייט, פּלוראַליזם און בילינגוואַליזם. אָט דער יידישער אני־מאמין געפינט זיין אויסדרוק, און איז שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין עסטעטישער פילאָסאָפיע און מיט זיין קרעדאָ ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

4

אַפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען אַז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, הגם זי וואָרצלט אין יידיש־היסטאָרישן באַוואוסטזיין, און אין דער ספּעציפישער סאָציאַל־קולטורעלער מיליע פון מזרח־אייראָפּע איז פונדעסטוועגן אין תוך אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור; אַפילו ווען מיר האַלטן אַזוי, מוז מען אויך מודה זיין אַז אויב די וועלטלעכע ליטעראַטור פון אונדזער פאָלק

שפּיגלט טאַקע באמת אָפּ די ייִדישע נאַציאָנאַלע נשמה, דעמאָלט מוז זי רעפלעקטירן דעם אומגעוויינלעכן גורל, דעם טראַגישן קיום, און דעם עטאָס פון אָט דעם איינציק־אַרטיקן קאָלעקטיוו. ס'איז נישט נייטיק צוצו־שרייבן דער ייִדישער ליטעראַטור אַ ספּעציעלע, באַזונדערע מיסיע, כדי איינצוזען אַז אויב זי איז טאַקע דער ברענפּונקט פון דער ייִדישער נשמה, דעמאָלט דאַרף זי אַרויסשטראַלן דאָס ליכט פון דורות, און זי דאַרף פאַר אונדז אַנטפּלעקן די ייִדיש נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אין די ספּעציפישע אַקצענטן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן ייִדישן גורל, און פאַר דער ייִדישער קולטור. עס איז דאָך אַקסיאָמאַטיש אַז די אויסערגעוויינלעכע ייִדישע עקסיסטענץ האָט איבערגעלאָזט אַ פּערמאַנענטן חותם אויפן ייִדישן כאַראַקטער, און האָט געבוירן אַ ספּעציפיש־ייִדישן עטאָס! אָבער וואָס זיינען טאַקע די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון ייִדישן גייסט און אין וואָס באַשטייען זיינע אייגנטימלעכע ווערטן?

וועגן פינף זיילן פון דער ייִדישער ליטעראַטור — וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, לייוויק און שלום אַש — האָט ניגער געדרוקט מאָנאָגראַפיעס. יעדער פון זיי, האָט דער קריטיקער באַוויזן, שפּיגלט אָפּ אַן אַספּעקט פון ייִדישן זיין ווי־זאַ־ווי זיך אַליין און דער וועלט; יעדער פון די פינף שריפטשטעלער פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק איין פלאַך פון ייִדישן עטאָס. אַזוי האָט מענדעלע דער ערשטער קינסטלער אין דער ייִדיש־ליטעראַטור געפּרואווט קאָמבינירן בעלעטריסטיק, טראַדיציע און ייִדישע געשיכטע, בעת שלום־עליכם האָט דורך הומאָר אונדז פאַרבונדן מיט דער קעגנוואַרט און קאָנקרעטיזירט דעם ייִדנס מענטשלעכקייט, זיין בטחון, זיין „געלעכטער דורך טרערן". ביידע, מענדעלע און שלום־עליכם, זיינען געווען רעאַליסטן וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון כלל, אָדער זיי האָבן אונדז געגעבן ייִדישע טיפּן.

פון דער אַנדערער זייט, איז פּרץ, דער ראָמאַנטיקער, געווען דער ערשטער וואָס האָט אונדז געגעבן דעם יחיד, די ייִדישע פּערזענלעכקייט, און הגם זיינע כאַראַקטערן שטאַמען פון אַ באַשטימטער סביבה, שטייען זיי איבער איר, וואָרעם פּרץ האָט אַנטדעקט דאָס אייביקע אין דער ייִדישער דערפאַרונג און דאָס אוניווערסאַלע אין דער ייִדישער באַזונדערקייט. דער הויפּט מקור פון שלום אַשס קרעאַטיווקייט איז, לויט ניגערן — דער ייִדישער קידוש־השם און די אידילישע דערהויבנקייט, שבת־יום־טובדיקייט,

דערלייזונג, די פיינפולע סודות פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ, דעם יחידס טראַגישע צעשפּאַלטנקייטן און דילעמעס — אַט דאָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון אין לייוויקס פּאָעזיע. ער איז דער דיכטער פון אונדזער געוויסן וואָס קען נישט אַקצעפּטירן דעם געדאַנק אַז אונדזערע ליידן — קערפּערלעכע און גייסטיקע — זיינען אַן אַבסורד; שטרעבט ער דערפאַר צו באַזינען דורך זיינע לידער די מענטשלעכע יסורים.

אין הסכם מיט זיין יידישער וועלט־אַנשויאונג איז דער יידישער קריטיקער צוגעגאַנגען צו ליטעראַטור אי סאָציאָלאָגיש, אי עסטעטיש. ער איז געווען אונטער דער השפעה פון סאַן־בעוון — וואָס האָט פּרובירט „אַלץ פאַרשטיין" און פון היפּאָליט טען מיט זיין סביבה־קריטעריע. און בעת ניגער האָט נישט איגנאָרירט די פּראָבלעמען פון סטיל, פאָרם און ריטם, איז זיין הויפּט־אינטערעס ביים אַנאַליזירן אַ ליטעראַריש ווערק געלעגן אין די אידייען וואָס דער שרייבער רוקט אַרויס, אין אינהאַלט, אין וואָרצלדיקייט, אין פאַרנעם. ער וואָלט זיך וואַרשיינלעך אונטערגעשריבן אונטער ט. ס. עליאָטס זאָג אַז די הויפּט־פונקציע פון קריטיק איז „צו העלפן פאַרשטיין און הנאה האָבן פון ליטעראַטור"; אָבער ער האָט נישט געהאַלטן פון ענגלישן פּאָעטס מיינונג אַז דער קינסטלער איז אָפט דער קאָמפּעטענטסטער קריטיקער. דער דיכטער — מיינט דער יידישער קריטיקער — קען נישט זיין אַן אָביעקטיווער קריטיקער. ער קען זיין ווערסאַטיל און אַלזייטיק. אָבער ער קען בלויז זיין אָביעקטיוו אין שייכות צום רוי־מאַטעריאַל וואָס ער אַליין נוצט אין זיין שאַפן. דער דיכטער איז צו שטאַרק פאַרטיפט און צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיין אייגענער סענסיביליטעט, מיט זיין עסטעטישער טעאָריע, מיט זיין קרעאַטיוון מעטאָד און סטיל צו קענען אויפנעמען אַנדערע מעטאָדן און אַנדערע צילן. שמואל ניגער דערקלערט ווייטער, אין זיין קעמפערישן און גוט־אויפגעבויטן בוך „קריטיק און קריטיקער", (בוענאָס־איירעס, 1959) אַז דער קריטיקער מוז, לויט זיין עצם כאַראַקטער, פאַרמאָגן נייגעריקייט, ער מוז זיין געדולדיק, אַלזייטיק, בויגזאַם, פעאיק אויפצונעמען יעדע מדרגה און יעדער מין שעפערישקייט. „די זעלביקע אָביעקטיוויטעט און פיל־זייטיקייט וואָס דער קינסטלער ווייזט אַרויס בנוגע צו זיין שטאָף — דעם לעבנס־שטאָף וואָס ער באַנוצט, אַנטפּלעקט דער קריטיקער בנוגע צום אָביעקט פון זיין קונסט — ד"ה קונסט".

דער קריטיקער, וואָס איז געוויינטלעך איינגעהאַלטן, מיושבדיק, אַנאַ־ליטיש, גייט אַריבער אין שאַרפֿן סאַרקאַזם ווען ער באַקעמפֿט יענע וואָס ווילן נישט אָנערקענען די קרעאַטיווע ראָלע פֿון קריטיקער. ווען איינער, פֿרעגט ער, „זאָגט עפּעס אין גראַמען, וואָס אַנדערע האָבן שוין פֿריער אַ סך מאָל געזאָגט — איז עס שעפֿעריש; אָבער דער וואָס צינדט אָן אין דער טונקלקייט פֿון אַ ווערק זיין אייגן ליכט... דער וואָס שפּינט געדאַנקען־פֿעדים, פֿאַרוועבט זיי, און פֿאַרוואַרפֿט זיי ווי נעצן אין די טיפֿע־נישן פֿון אַ גרויסן גייסט, און ציט פֿון דאָרט אַרויס אַ לעבן, אַ פּערזענלעכ־קייט, אַ וועלט אַ גאַנצע, דער ווערט מיט אַ מאָל אַ פּאַראַזיט, אַ גאָרנישט, אַן איבעריק באַשעפֿעניש. ניין, ער איז נישט איבעריק, מען דאַרף אים פּאָר אַ שעיר לעזאזל". און ציטירנדיק ווי אונטערשטיצער פֿון זיין שטאַנד־פּונקט — אַז פּאָעטן קענען נישט זיין אָביעקטיווע קריטיקער — זשאָרזש זאַנד, ראָמען ראָלאַן און ווירדזשיניאַ וואולף, טענהט ער אַז דער האַלב־קינסטלער וואָס זיצט אין דעם קריטיקער, קאָן אַמאָל ווערן אַ גאַנצער קינסטלער און זיין קריטיק — קונסט.

וואָרעם פּונקט ווי די ליטעראַטור — מיינט ניגער — איז נישט נאָר „קריטיק פֿון לעבן" נאָר אויך קריטיק פֿון ליטעראַטור, — ווי עס באַ־שטעטיקן די פֿאַרשיידענע דיאַלאָגן וועגן ליטעראַטור און קונסט וואָס מיר געפֿינען אין די ווערק פֿון פּלאַטאָן ביז אָסקאַר ווײַלד; פּונקט אַזוי קאָן קריטיק זיין דיכטונג. ווי מוסטערן פֿון אַזאַ מין קריטיק ווייזט ניגער אָן אויף היינעס עסיי וועגן דאָן קיכאָט; זאָלאַס אַרטיקל וועגן באַלזאַק און קאָולרידזשעס „ביאָגראַפֿיאַ ליטערעריאַ".

ס'איז אָבער מאָדנע ווי דער פּאָלעמיזירנדיקער קריטיקער האָט פֿאַרזען אַז די עדות וואָס ער ברענגט צו באַשטעטיקן זיין טעזיס, וואָרפֿן אים פּאַקטיש אָפּ, וואָרעם יעדער איינער פֿון זיי איז דאָך אַ קינסטלער, (אַ דיכטער אָדער נאָוועליסט) און דאָך האָט ער פּראָדוצירט ערשט־קלאַסיקע קריטיק!

זיין קריטישן מעטאָד האָט ניגער באַצייכנט ווי „אימאַנענטע קריטיק", ד"ה אַ קריטיק וואָס זוכט די מאָס פֿאַר אַ קונסט־ווערק אין אים גופא, נישט אין צוגעשניטענע עסטעטישע פֿאָרמולעס וואָס דאַרפֿן אַלעמאָל, און פֿאַר אַלעמען זיין גילטיק. „אמתע קריטיק קאָן געבויט זיין נאָר אויף אַ ברייטער און אַלזייטיקער אויפֿנעמונגס־פֿעאיקייט . . . קריטיק ווייסט נישט פֿון גייסטיקער „מאָנאָגאַמיע". זי איז שטענדיק גרייט זיך צו פֿאַרליבן. זי

איז אָפּן פאַר אַלע שולן, אַלע עפּאָכעס, אַלע ריכטונגען און אַלע סטילן אין דער קונסט״. זיין אידעאַל פון אַ קינסטלערישער קריטיק איז, הייסט עס, נישט צו מעסטן דעם שרייבערס ווערק מיט דער אָדער יענער פילאָ־סאָפישער, עסטעטישער, עטישער קריטעריע, נאָר אויסצוגעפינען וואָס דער קינסטלער האָט אויפגעטאָן מיטן רוי־שטאָף פון זיין ווערק, צו מאַכן דעם לייענערס אויער סענסיטיווער, ראַפינירטער און סובטילער, און צו שאַפן אַן אינטימען קאָנטאַקט מיטן שרייבערס שעפערישקייט.

ניגער שרעקט זיך נישט פאַרן עפּיטעט „עקלעקטיקער״ וואָס געוויסע דאָגמאַטיקער ווען אים צוקלעפּן; ווארעם ווי אַ קולטור־פּלוראַליסט ווייסט ער אַז אויך אין קינסטלערישע שאַפונגען — נישט נאָר אין געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען — קען עכטקייט און אמתדיקייט זיך אויסדריקן אויף פאַר־שיידענע אופנים.

צי איז פאַראַן, ווי איניקע מיינען, אַ ספּעציפיש־ייִדיש ליטעראַרישער דרך? ניגער פּאָלעמיזירט מיט די אָנהענגער פון אַ נאַציאָנאַל־עטישן צו־גאַנג צו ליטעראַטור וואָס האַלט אַז די ליטעראַטור פון יעדן פאָלק האָט אַ באַזונדער מיסיע, און אַז דער קריטיקער דאַרף אַכטונג געבן אַז דער קינסטלער זאָל נישט ווערן אַ סאָליסט אין פאָלקס־כאָר, נאָר ער זאָל זינגען אין אוניסאָן. לויט דעם קוק איז עס די מיסיע פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור צו גיין אויפן וועג פון דער ייִדישער עטיק, פון דער ייִדישער אמונה, און בענקשאַפט נאָך קדושה.

דעם דאָזיקן טעזיס וואַרפט ניגער אָפּ, אָנווייזנדיק אַז דער געדאַנקען־גאַנג גייט אַרויס פון דער הנחה אַז יעדער פאָלק שאַפט אַן אייגענע עטיק; אָבער אַזאַ צוגאַנג צו עטיק, האַלט ער, איז אומעטיש! צווייטנס, זיינען ייִדן געגאַנגען אי אויפן וועג פון גערעכטיקייט, אי אויפן וועג פון שיינקייט, וואָרעם די נביאים זיינען דאָך אויך געווען גרויסע קינסטלער נישט בלויז עטיקער. דריטנס, אַרגומענטירט ער, איז דער „ייִדישער״ דרך אין קונסט, אין דער אמתן דער וועג פון געוויסע עפּאָכעס אין אונדזער געשיכטע, און פון באַשטימטע יחידים אין אַלע צייטן — נישט נאָר ביי ייִדן אַליין. פערטנס, איז די אידעע אָדער דער מוסר־השכל פון אַ קינסטלעריש ווערק נישט די הויפּט־קריטעריע וואָס באַשטימט דעם ווערט פון דער שאַפונג. מיר דאַרפן דאָך נישט אָננעמען די סאָציאַל־עטישע, די רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע געדאַנקען פון דעם שרייבער כדי אָפּצושאַצן און הנאה צו האָבן

פון זיינע קינסטלערישע שאַפונגען. ווען עס זאָל זיין פאַרקערט — וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט אָוועקוואַרפן אַ ריי ווערק פון טאָלסטאָיען, די אינדישע וועדאַס, די איליאַדע, מילטאָנס „פאַרלוירענעם גן־עדן" און אַ סך אַנדערע קונסטווערק, וועמענס אידעען און כוונות מיר קענען נישט אָננעמען.

דער סענסיטיווער לייענער, האַלט דער יידישער קריטיקער, מוז קאָנען אָפּטיילן דעם קינסטלערס כוונות און טענדענצן פון דער סוגעסטיווקייט, דינאַמישקייט, און עסטעטישקייט פון קונסט־ווערק וואָס מען קען פאַרטייטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. „דערמיט דערקלערט זיך וואָס אַ גרויסער טייל פון חומש, פון די נביאישע רייד, פון תהילים, פון דער אגדה, פון קבלה, פון חסידות איז נאָך אַלץ פאַר אונדז לעבעדיק. די כוונות אָדער די אידעען פון זייערע מחברים זיינען נישט אַלע מאָל אונדזערע, אָבער זייער סימבאָלישע בילדלעכקייט, זייער לירישע פּאָעטישקייט, זייער קונסט איז אַזאַ, אַז איר אינעווייניקסטע קראַפט קאָן פון אונדז טראַנספאָרמירט און איבערגעזעצט ווערן אויף דעם לשון פון אונדזער אייגענער גייסטיקער וועלט".

געטריי צו זיין יידישן הומאַניזם און פּלוראַליזם, האָט ניגער פאַרטיידיקט דעם טעזיס אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין אונטערשייד צווישן יידישער און גויאישער עטיק אָדער עסטעטיק; נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער מאָנאָפּאָל אויף גערעכטיקייט אָדער שיינקייט. עס זיינען געווען גרויסע יידן ווי די בעלי־תהילים, ר' נחמן בראַצלאַווער און אַ סך אַנדערע צו וועמען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט דורך שיינקייט און קונסט, בעת געוויסע גויים — ווי למשל טאָלסטאָי, האָבן געשטרעבט אָפּצוטיילן קונסט פון רעליגיע. „איז מעגלעך", פרעגט ער, „אַז אַ פאָלק וואָס צייכנט זיך אַזוי אויס מיט זיין גייסטיקייט זאָל פון איר אויסשליסן דעם טייל, וואָס הייסט קינסטלעריש־שאַפן און קינסטלעריש געניסן?" ניין, עס איז נישטאָ קיין ריס צווישן די צוויי חושים — דעם עסטעטישן און עטישן. אמתע קינסטלערישע שעפערישקייט, אַפירמירט ער, איז יראת הכבוד פאַר גאָט און מענטש.

אין היינטיקן יידישן אינטעלעקטועלן קלימאַט איז עס נישט קיין אָפּטע דערשיינונג צו באַגעגענען אַ יידישן קוּמיסט וואָס וואָגט צו זאָגן — און איבערצייגנדיק צו באַווייזן — אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין ספּעציפיש־יידישע נאַציאָנאַלע וויזיע און מען קען דעריבער נישט האָבן קיין באַזונדער „יידישן וועג" ווי אַ מאַסשטאַב פון ליטעראַרישער קריטיק. עס זיינען דאָ — פּאָלעמיזירט ניגער, און דער אמת איז אינגאַנצן מיט אים, דוכט מיר, פאַרשידענע

ייִדישע וויזיעס, און וועגן פּאָר פאַרשיידענע יחידים און גרופּעס אין ייִדישן כּלל וואָס גיבן פאַרשיידנאַרטיקע ענטפערס אויף די צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער און ייִדישער עקסיסטענץ. נאָך מער: דער קרעאַטי־ווער יחיד, וואָס פאַרקערפּערט טאַקע זיין פאָלקס און זיין דורס דערפאַרונג, איז נישט דער טרעגער פון אַ שטענדיקער, פּאַרטיקער טראַדיציע. „דער גרויסער מענטש איז אַ שעפערישער באַנעמער נישט סתם אַזוי אַ נעמער. וואָס מער ער ירשנט פון פריערדיקע דורות, פון פאָלק... אַלץ גרעסער איז די ירושה וואָס ער לאָזט איבער זיין פאָלק, דער מענטשהייט. וואָס מער ער איז אַ נעמער, אַלץ מער געבער איז ער". מען קען נישט באַטראַכטן דאָס פאָלק ווי דעם איצטיקן שופט איבער ליטעראַטור און קריטיק. פאַר־קערט, דער כּלל איז, סיי אין לעבן, סיי אין פּרט פון שעפערישקייט, אַ ני־וועלירער; זיין קריטעריע איז דער דורכשניט, בעת דעם קינסטלערס הויפּט־אייגנשאַפט איז אָריגינאַליטעט, און זיין סטאַנדאַרד איז אַלץ וואָס איז איבער דעם דורכשניט און דעם געוויינטלעכן: „די ליטעראַטור, און ממילא אויך איר קריטיק גייט פאָראויס — אויב נישט ווי אַ וועגווייזער, איז ווי אַ וועגזוכער פאַרן פאָלק... די געשיכטע פון ליטעראַטור לערנט אונדז, אַז ווי נוצלעך און פּרוכטבאַר עס זיינען פאַר איר די אַלטע דערפאַרונגען פון קאָלעקטיווע אינדיווידואַליטעטן, קאָן די נייע שעפערישע דערפאַרונג פון אינדיווידועלע פּערזענלעכקייטן פאַר איר זיין נאָך מער פּרוכטבאַר און נאָך מער אויפטועריש".

5

נישט געקוקט אויף ניגערס סובטילן און מאָדערניסטישן צוגאַנג צו קונסט און ליטעראַטור, איז ער פונדעסטוועגן געווען צו שטאַרק פאַרוואָרצלט אין ייִדישן עטאָס און אין דער רוסישער אינטעלעקטועלער טראַדיציע — וואו ליטעראַטור איז געווען אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן „פּראָגרעסיווע" אי־דעען — אַז ער זאָל זיך גרינטלעך אָפּגעבן מיט פאָרם, ריטם, מוזיק, קאָליר אין פּאָעזיע.

דאָ דאַרף מען אפשר זוכן די סיבה פאַרוואָס ער האָט פּאַקטיש אונ־טערגעשאַצט די ראָלע פון די „יונגע" אין זייער גרויסן צושטייער צו דער אויסברייטערונג פון די האָריזאָנטן און דעם דיאַפּאַזאָן פון דער ייִדישער פּאָעזיע. וואָרעם נישט געקוקט אויף זיין טעאָריע פון „אימאַנענטער קריטיק"

איז ער נישט צוגעקומען צום האַרץ פון אַזעלכע מאָדערניסטישע דיכטער ווי מאַני לייב, זישע לאַנדוי, משה לייב האַלפּערן. דאָס דערקלערט אפשר אויך פאַרוואָס ער האָט איבערגעשאַצט שלום אַשן.

יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט ניגערס געדאַנקען־גאַנג ווייסט אַז ער האָט ליב געהאַט צו סינטעזירן עקסטרעמען, צו האַרמאָניזירן היפּוכים. ער איז געווען אַ „ראַציאָנאַליסט" וואָס האָט זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צום וויכטיקן צושטייער וואָס חסידות האָט בייגעטראָגן צו ייִדישער שעפּעריש־קייט; זיין גלות־נאַציאָנאַליזם האָט אים נישט געשטערט צו אָנערקענען דעם ספּעציעלן פּלאַץ וואָס ארץ־ישראל האָט פאַרנומען אין ייִדישן וועלט־פאָלק; ער איז געווען אַ ייִדישיסט וואָס האָט געהאַלטן אַז בילינגוואַליזם איז דער „ייִדישער וועג"; ווי אַ פאָלקיסט האָט ער פונדעסטוועגן געוואוסט אַז נישט די פאַלשע נביאים זיינען פאַרשטיינט געוואָרן פון פאָלק; ווי אַ קריטיקער האָט ער אָנגעווענדט אַ סינטעז פון ביאָגראַפישן, „אימאַנענטן", אינטואיטיוון און סאָציאָלאָגישן צוגאַנג צו ליטעראַטור; ער איז געווען אַ מאָדערניסט וואָס האָט געוואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. אָבער זיין נייגונג צום „מיטעלן וועג" האָט פונדעסטוועגן נישט באַטייט אַז ער איז קאָנווענציאָנעל, אַז ער גייט מיטן שטראָם. פּונקט פאַרקערט: ער איז געווען אומאָפּהענגיק, נאָן־קאָנפאָרמיסטיש, אַן אָפּנויגער אַפילו אין זיין אייגענעם קרייז.

דער קריטיקער האָט דאָך געהערט צום דור וואָס האָט אין דער יוגנט איבערגעריסן מיט די אַלטע נאָרמען, גלויבנס און פירונגען. אָבער ווי עס טרעפט אָפט אין דער געשיכטע, האָט דער דור שפּעטער אויפגעבויט זיינע סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע, נאַציאָנאַליסטישע אָרטאָדאָקסאַלקייטן, סיגים און קאָנווענציעס. שוין ביים אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט פּרץ אויס־געדריקט זיין „האָפענונג און שרעק" וועגן דער קומענדיקער אוטאָפּישער צייט: „צי וועט איר נישט פאַרשפּרייטן אייערע פליגל איבער דער מיטל־מעסיקייט? איר וועט זיין פאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן; מיט פאַרשרייבן ווי הויך און ווי אָפט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווייט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג, ווי פיל עס קען פאַרנעמען זיין אויער, און וואָס פאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פאַרבענקטע האַרץ". נייע דאָגמעס האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די אַלטע, אין ייִדישן לעבן, און יעדע גרופּירונג האָט געהאַלטן — ווי עס געשעט אָפט מיט פּיאָנערישע באַוועגונגען

גונגען אין קאַמף פאַר נייע אידעען און אידעאַלן — אַז נאָר זי אַליין פאַרמאָגט דעם גאַנצן אמת. אין אַזאַ אַטמאָספער איז עס אַפּיקורסות אָפּצו־נייגן פון דער אייגענער באַוועגונגס פאַראורטיילן און פאַרטייאישקייטן. מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן כאַראַקטער, מוט, צו זיין אַן אָפּנויגער אין קרייז פון אומבויגזאַמע יידישיסטן, ראַדיקאַלן, ציוניסטן. און ניגער איז פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג אַן אומאָפּהענגיקער, אַ סך מאָל אַן איינזאַמע דיסאָנאַנטע שטים אין קרייז פון די נעכטיקע רעבעלן און היינטיקע קאָנפאָרמיסטן.

אַזוי למשל קעמפט ער פאַר יידיש און גלייכצייטיק וואָרנט ער קעגן שפּראַכיזם, ד״ה קעגן דעם גלויבן אַז שפּראַך קען ווערן דער יסוד פון פאָלקס־אייגנאַרטיקן קיום; וואָרעם „ווערטער וואָס זיינען נישט געוואָרן קיין שליסל צו ווערטן זיינען גאָרנישט נישט ווערט, און דער קולט פון אַ שפּראַך אָן איר קולטור איז בלויז אַ וואָרט־פעטישיזם״; פונקט אַזוי אין פאַל פון שלום אַשן. ווען דער באַרימטער נאָוועליסט ווערט פון אַלעמען קריטיקירט פאַר זיינע קריסטאָלאָגישע נאָוועלן, בלייבט ניגער זיין לאָיאַלער פאַרטיידיקער, נישט צוליב דעם קינסטלערישן אויפטו פון אַשן, נאָר בלויז דערפאַר וואָס דער קריטיקער פּראַקטיצירט דאָ זיין עסטעטישן קרעדאָ, אַז אַ שרייבער דאַרף, ווי אַ קאָלאָמבוס, אויספאָרשן נייע רעגיאָנען און אַנט־דעקן נייע וועלטן; אַז אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט איז געוויינטלעך נישט יענער וואָס דריקט אויס דעם צייטגייסט, נאָר דער וואָס גייט זיין אייגענעם וועג. „עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן אַז אַזאַ איינער וואָס מען האָט מורא געהאַט אַז ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג איז געוואָרן שפּעטער אַ מורה נבוכים, אַזאַ וואָס האָט אַרויפגעפירט אויף אַ נייעם וועג יענע וואָס האָבן טאַקע באמת געבלאָנדזשעט״. ניגער מאַכט אַן אונטערשייד צווישן אַשס באַוואוסטזיניקן ציל און באַמיאונג צו שאַפן, פון איין זייט, אַ דער־נענטערונג צווישן יידנטום און קריסטנטום, און, פון דער אַנדערער זייט, זיין רעכט ווי אַ קינסטלער אויסצוקלייבן יעדע טעמע וואָס פאַרכאַפּט אים. דער קריטיקער האַלט אויך אַז אַשן איז נישט געלונגען זיין הויפּט־כאַראַק־טער אין „דער מאַן פון נצרת״, אָבער ער באַשטייט דערויף אַז צוליב דעם טאָר מען פונדעסטוועגן נישט באַגרענעצן זיין פרייהייט אויסצוקלייבן יענע העלדן וואָס באַאַפּרוכפּערן זיין פאַנטאַזיע.

אָבער ס'בלייבט נאָך אַלץ אַ רעטעניש: פאַרוואָס איז דער קריטיקער פאַרבליבן אַ לעבנס־לאַנגער חסיד פון שלום אַשן? דער קריטיקער האָט

געוואוסט וועגן די דעפעקטן אין דעם קינסטלער. אָבער ער האָט פונ־דענסטוועגן באַטראַכט אַשן ווי אַ זייל אין בנין פון דער יידישער ליטע־ראַטור. די הויפּט־סיבה פון ניגערס איבערשאַצן אַשס טאַלאַנט, דאַרף מען אפשר זוכן אין קריטיקערס פּרעפערענץ, אין זיין נייגונג, צו ראָמאַנטישן רעאַליזם, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, באַפרידיקט אַ גרויסע באַדערפעניש פון יענעם דור — אַ דור וואָס האָט זיך געניטיקט אין אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צום לעבן, אין גלויבן, אין ליב האָבן, אין נתפעל ווערן — נישט אין פאַרלייקענען, אַנאַליזירן, קריטיקירן, נישט גלייבן. „ביז איצט האָבן מיר באַגעגנט און אונדזער ליטעראַטור ראָמאַנטיקער פון עבר; אַש איז כמעט דער ערשטער ביי אונדז קעגנוואַרט־ראָמאַנטיקער", און ווייל די השכלה־ליטעראַטור, — סיי אין העברעאיש, סיי אין יידיש — איז געווען פול מיט נעגאַציע, סאַטירע, צווייפל, חסרונות־זוכעריי אין עבר און הווה, דער־פאַר האָט אַשס גלאָריפיקאַציע פון דער קעגנוואַרט געפונען אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג אין אָנהייב פון הײנטיקן יאָרהונדערט. בעת פּרץ, דער ראָמאַנ־טיקער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען לעגענדע אין אַווירקלעכקייט, האָט אַש טראַנספאָרמירט די ווירקלעכקייט אין אַ לע־גענדע. אַזאַ אידעאַליסטישער רעאַליזם איז לויט ניגערן די העכסטע מדרגה אין ליטעראַטור, וואָרעם די ליטעראַטור איז דעמאָלט אַן אַרויסרוף, אַן אַנט־פּלעקונג פון די לאַטענטע כוחות וואָס זיינען באַהאַלטן אין מענטשן.

אָבער אַפילו אין אָט דעם, לויט מיין מיינונג, איבערגעטריבענעם אָפּ־שאַץ פון אַשס קינסטלערישן מהות, גיט דער קריטיקער אייגנטלעך צו, אַז זיין באַרימטקייט האָט אַש מער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער נויט פון דער צייט, די באַדערפענישן פון דור, איידער זיין גרויסער באַגאַבונג, זיין אינטערינזיקאַלישן, קינסטלערישן אויפטו.

***

ביז דער לעצטער מינוט פון זיין פּראָדוקטיוו לעבן האָט ניגער נישט אויפגעהערט צו שרייבן און רעאַגירן כמעט אויף יעדן באַדייטנדיקן יידישן דיכטער, דערציילער, עסייאיסט, דענקער און אויף יעדער פאַזע פון יידישן קולטור־לעבן. דאָך איז אים לײדער נישט געלונגען — אפשר צוליב געוויסע לעבנס־תנאים איז זיין יחידישער עקסיסטענץ — אָנצושרייבן אַן אַרומנעמענדיקע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, — אַן אויפגאַ־

בע פּאַר וועלכער ער איז געווען אויסגעצייכנט צוגעגרייט. עס האָט זיך אים אויך נישט איינגעגעבן צו רעקאָנסטרואירן די ייִדישע טראַדיציע און עטאָס און זיי אָנטאָן אין אַ מאָדערנעם לבוש — וואָס ער וואָלט ווי אַ תּלמיד פון דובנאָוון און פּרצן געקענט דורכפירן. פונדעסטוועגן וועלן היינט־צייטיקע ייִדן וואָס קענען נישט זעטיקן זייער גייסטיקן הונגער מיט גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט אַ אינסטיטוציאָנאַליזירטער רעליגיע, אָדער מיט פאַנאַטייען פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין פּסיכאָלאָגיע אָדער טעאָלאָגיע — זיי וועלן געפינען אין ניגערס שריפטן אַ סך טיפזיניקע אַריינבליקן, שאַרפזיניקע און טרעפלעכע אינטערפּרעטאַציעס, אויפקלערונ־גען פון שווערע סוגיות אין ייִדישער און מענטשלעכער עקסיסטענץ. דער ייִדישער קריטיקער־הומאַניסט, דער מאָדערנער רש״י פון ייִדישער שעפע־רישקייט אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט וואָס צו זאָגן, און איבערצוגעבן די היינטיקע און קומענדיקע ייִדישע דורות.

ווי יעדער שעפעריש־אָריגינעלע פערזענלעכקייט איז ניגער געווען פול מיט קאָנטראַסטן און „סתירות״: ער איז געווען פשרהדיק און אומ־קאָמפּראָמיסלעך — ווען עס איז געגאַנגען אין תוך־זאַכן; ער איז געווען טראַדיציאָנעל און רעוואָלוציאָנער; ער איז געווען מיושבדיק, רואיק, גע־לאַסן און צייטנווייז, ווען אים האָט שטאַרק אָנגערירט אַן ענין, עקספּלאָזיוו.

דער שרייבער פון דער עסיי האָט צום ערשטן מאָל געהערט ש. ניגערן אין אָנהייב 1922. שפּעטער איז ער געווען מיין לערער פון ייִדישער ליטע־ראַטור אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, אין ניו־יאָרק. אין משך פון צענד־ליגגער יאָרן האָב איך אים געהערט און געלייענט מער ווי וואָסער אַנדערן ייִדישן אָדער נישט־ייִדישן שרייבער. ווען ער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר, יוני 1953 — האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך דריי חברים, — פאָרשטייערס פון אַ ייִדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, — אים באַזוכט אין זיין היים אין ברוקלין, בעטנדיק אים ער זאָל אונדז דערלויבן צו פייערן זיין זיבעציקסטן יובל. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. דערביי האָט ער אונדז דערציילט אַז ער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק באַקומען אַ בריוו פון שלמה בערקאָוויטש, אין וועלכן יענער שרייבט אים ווי ער האָט פאַרגליכן ניגערס בוך איבער י. ל. פּרץ, וואָס איז דאַן דערשינען, מיט געאָרג בראַנדעסעס ווערק, און ניגערס בוך האָט „אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען״. ניגער האָט מיט ציטער־דיקער פרייד און מיט באַוואונדערונג קאָמענטירט: „וואָסערע טייערע לייע־

נערס מיר האָבן". איך בין געווען גערירט זעענדיק ווי אָט דער כּלומרשט קאַלטער שופט איבער אַזוי פיל שרייבערישע רעפּוטאַציעס רויטלט זיך מיט יוגנטלעכער שעמעוודיקייט איבער די קאָמפּלימענטן פון אַ לייענער...

אַ מענטש פון פּשטות, פון אינטעגריטעט, פון ערלעכקייט מיט זיך און מיט יענעם, פון עכטקייט און פון מענשלעכקייט איז געווען דער יידישער הומאַניסט שמואל ניגער. „ער האָט אונדז בכלל" — אַזוי פאַרענדיקט דער יידישער קריטיקער־הומאַניסט זיין ווערק איבער פּרצן — „געלערנט גלייבן. ער האָט אונדז אָבער אויך פאַרזאָגט נישט מורא האָבן פאַר ספקות, נישט שרעקן זיך צו פרעגן קשיות און זוכן אויף אַלטע פראַגעס נייע ענטפערס". אין אָט דער צוואה פון י. ל. פּרץ האָט, דוכט מיר, דער קריטיקער אויך סומירט דעם תּמצית פון זיין ירושה פאַר אונדזער דור.

(1965)

# מרדכי קאַפּלאַן און אַנרי בערגסאָן — זייער בשותפותדיקער יסוד און אַנדערשדיקער אויספיר

## 1

עס איז ברייט אָנערקענט אַז צווישן די יידיש־גייסטיקע שטרעמונגען אין היגן יידנטום איז דער רעקאָנסטרוקציאָניזם פון מרדכי קאַפּלאַן די אַמעריקאַנישסטע שיטה. בעת די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־ריכטונגען זיינען צום טייל אימפּאָרטירטע פון דייטשלאַנד, איז אָבער דער רעקאָנסטרוקציאָניזם אַ ריין־אַמעריקאַנער פּראָדוקט: ער איז אויסגערייפט געוואָרן אין מוח פון אַן אַמעריקאַנער יידישן דענקער און ער איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון פּראַגמאַטיזם — אַ געדאַנקען־גאַנג וואָס ווערט באַטראַכט ווי די כאַראַקטעריסטיש־אַמעריקאַנישע פילאָסאָפישע שיטה. גלייכצייטיק מיט דער אַמעריקאַנישקייט פון קאַפּלאַנס שיטה איז אויך אָנערקענט אַז די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע דענקער אחד העם און דובנאָוו האָבן שטאַרק משפּיע געווען אויפן רעקאָנסטרוקציאָניזם.

אָבער בעת די דאָזיקע דערמאָנטע שטריכן און איינפלוסן אויפן רעקאָנ־סטרוקציאָניזם זיינען ברייט באַקאַנט, איז אָבער ווייניקער באַקאַנט דער פאַקט אַז דער באַגרינדער פון יידיש־אַמעריקאַנער ראַציאָנאַל איז נישט נאָר באַ־ווירקט געוואָרן פון די דערמאָנטע דענקער, נאָר אַז ער האָט אויך געטרונקען פון דעם זעלביקן קוואַל פון וואַנען אַנרי בערגסאָן האָט געשעפּט זיין צוגאַנג צום תוך פון רעליגיע. דער פראַנצויזישער דענקער פון יידישן אָפּשטאַם, און דער אַמעריקאַנער יידישער ראַביי וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ליטע האָבן צווישן זיך אַ סך באַריר־פונקטן: זייער בליק אויפן עצם און דער פונקציע פון רעליגיע איז כמעט אידענטיש. וועלן מיר טאַקע איצט באַטראַכטן, אין דער שטודיע, עטלעכע צענטראַלע פּאַראַלעלן און קאָנטראַסטן אין די פילאָ־סאָפיעס פון די דאָזיקע צוויי פאַרשיידנאַרטיקע, אָבער אינטערעסאַנטע און איינפלוסרייכע דענקער.

## 2

בערגסאָנס אַלגעמיינע פילאָסאָפיע איז ווי באַקאַנט דואַליסטיש: די וועלט באַשטייט פון צוויי ווידערשפּרעכלעכע טענדענצן: לעבן און מאַטעריע. לעבן קלעטערט, שאַפט און איז דער דינאַמישער וויטאַלער דראַנג (עלאַן וויטאַל) וואָס קעמפט פאַר רייכקייט און קאָמפּליצירטקייט דורך און איבער מאַטעריע. מאַטעריע קלאַמערט זיך און צאַמט איין; עס איז דער פאַר־פראָרענער רעזולטאַט פון באַשאַף און עס באַוועגט זיך כסדר באַרג אַראָפּ אויפן וועג פון אויפלייזונג. דער מענטש באַנעמט מאַטעריע דורך זיין אינ־טעלעקט, וואָס איז אין דער אמתן צוגעפּאַסט צו באַשעפטיקן זיך מיט דער מאַטעריע ווי מיט אַ געצייג. דער אינטעלעקט אָדער דער שכל פאָרמולירט די קאָנצעפּציעס פון דער וויסנשאַפט, און זעט דערשיינונגען ווי גאַנצקייטן וואָס מיר באַנעמען ווי באַזונדערע איינסן. איבער דעם אינטעלעקט שטייט די אינטואיציע וואָס גיט אונדז אַן אַריינבליק אין „עלאַן וויטאַל" און דרינגט דורך אַלץ וואָס ווערט. אינטואיציע מיינט פאַר בערגסאָנען „אַזאַ סאָרט אינ־טעלעקטועלע סימפּאַטיע דורך וועלכער מען דרינגט אַריין אין דעם אָביעקט כדי זיך צו באַהעפטן מיט דעם וואָס איז אייגנאַרטיק פאַר דער זאַך און דערי־בער אומאויסדריקבאַר". נאָר מיט דער הילף פון אָט דער אינטואיציע — נישט דורכן אינטעלעקט — קענען מיר דערגיין מעטאַפיזישע אמתן, און רעאַליזירן אונדזער מיטבאַטייליקונג אין דער שאַפנדיקער (קרעאַטיווער) עוואָלוציע וואָס ס'גייט אָן אומאויפהערלעך אין אוניווערס.

די אינטואיטיווע אַנונגען וואָס מיר האָבן וועגן כאַראַקטער פון אונדזערע לעבנס־דערפאַרונגען זיינען ווי פון אַ פליסיקן שטראָם וואָס בייט זיך כסדר. אָט דאָס מיינט קענען אוממיטלבאַר די רעאַליטעט, ווייל אַלע אידייען וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן דעם כאַראַקטער פון דערווירקלעכקייט און וואָס ווערן נישט דערגרייכט דורך אינטואיציע זיינען — לויט בערגסאָנען — פאַרפירע־ריש. עס זיינען פאַראַן — האַלט ער — צוויי פאָרמען פון וויסן און באַנעמען דערשיינונגען: דער ערשטער מין וויסן — דער אינטעלעקטועלער, אָדער אַנאַ־ליטישער — איז בלויז אַן אַרומגיין אַרום דער דערשיינונג; בעת דער צווייטער סאָרט — דער אינטואיטיווער — מיינט אַריינגיין אין דער דערשיינונג.

אין בערגסאָנס בוך „די צוויי מקורים פון רעליגיע און מאָראַל" האָבן מיר פאַקטיש די אַנווענדונג און אויסברייטערונג פון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג אויפן פעלד פון מאָראַל און רעליגיע. אין דעם דאָזיקן ווערק דערקלערט בערגסאָן אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן מאָראַל און רעליגיע. פון איין זייט „די פאַרמאַכטע מאָראַל" וואָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט און אינסטרומענט פון מענטשנס לעבן אין באַזונדערע סאָציאַלע גרופּעס; פון דער אַנדערער זייט די „אָפענע מאָראַל" וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון די דאָזיקע גרופּעס און איז פאַרקערפּערט אין לעבן פון העלדן און הייליקע. מיט יעדן מין פון די דאָזיקע צוויי סאָרטן מאָראַל איז ענג פאַרבונדן אַ געוויסער טיפּ רעליגיע. „פאַרמאַכטע מאָראַל" געפינט איר סאַנקציע און אונטערשטיצונג אין „סטאַטישער רעליגיע", בעת „אָפענע מאָראַל" איז דער פּראָדוקט פון „דינאַ־מישער רעליגיע" וואָס ווערט מצד בערגסאָנען אידענטיפיצירט מיט מיסטי־ציזם. בערגסאָן מיינט אַז עס איז נישט פאַראַן קיין דירעקטער איבערגאַנג פון דעם ערשטן טיפּ מאָראַל און רעליגיע צו דער צווייטער. אָפענע מאָראַל קען מען נישט דערגרייכן דורך אַ גראַדועלער אויסברייטערונג פון דער ספערע פון פאַרמאַכטער מאָראַל, און דינאַמישע רעליגיע אַנטוויקלט זיך נישט פון סטאַטישער רעליגיע, ווייל יעדער סאָרט מאָראַל און רעליגיע האָט אַ ספּעציעלן מקור אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג. פאַרמאַכטע מאָראַל און סטאַטישע רעליגיע גייען פּאַראַלעל מיט דער אינערציע פון מעכאַנישקייט און אויטאָמאַטיזם, בעת אָפענע מאָראַל און דינאַמישע רעליגיע דריקן אויס די פּאַראויסגייענדיקע באַוועגונג פון לעבנסדראַנג, פון דעם „עלאַן וויטאַל". דער ערשטער טיפּ איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן מענטשלעכן מין ווי אַ צייט־ווייליקע סטאַנציע אין דעם מאַרש פאָרויס, בעת דער לעצטער מין דריקט

אויס דעם דראַנג פון לעבן אויפצוהייבן די מענטשהייט צו אַ נייער מדרגה. רעליגיע, האַלט ער, איז צום גרעסטן טייל סטאַטיש, ווייל זי איז צווישן די כוחות וואָס העלפן סטאַביליזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט, בעת דער מיס־טיציזם, אָדער אָפענע רעליגיע, איז אַ דינאַמישע קראַפט וואָס העלפט דער מענטשהייט גיין פאָרויס.

די צוויי טיפן מאָראַל האָבן אַנדערע אורשפרונגען און קומען צום גע־וויינטלעכן יחיד אויף פאַרשיידענע אופנים. די ערשטע סאָרט מאָראַל איז אויפגעקומען אין לעבן פון שבט און איז אַ פּראָדוקט פון דעם קאַמף פון דער גרופּע זיך צו פּרעזערווירן. זי ווערט אַרויפגעצוואונגען פון דער גרופּע אויף די באַזונדערע מיטגלידער אין דער פאָרם פון געבאָטן אָדער מצוות. אָבער די דינאַמישע מאָראַל קומט אויף אין די געפילן און מיסטישע דערפאַרונגען פון געוויסע יחידים, וואָס אַ דאַנק די דאָזיקע איבערלעבונגען זייערע קומען ביי זיי אויף וויזיעס וועגן די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן פון דער מענטשהייט, און אין געוויסע פאַלן פאַרקערפּערן זיי אַליין די דאָזיקע מעגלעכקייטן אין זייער אייגענעם לעבן. די דאָזיקע פּריווילעגירטע יחידים — נביאים, צדיקים און העלדן — וועקן אויף אין אַנדערע מענטשן שטרעבונגען צו אַ העכערן לעבן און באַווירקן זיי מיטן ביישפּיל פון זייער אייגן לעבן. איין מין מאָראַל (סטאַטישע) צילט צוזאַמענצוהאַלטן די גרופּע און איז דעריבער אַ קאָנסער־וואַטיווער כוח, בעת דער אַנדערער מין (דינאַמישע) האָט אין זינען די ברייטערע געזעלשאַפט און איז אַ כוח וואָס העלפט דעם פּראָגרעס. „דעריבער ליגט צווישן דער ערשטער און דער צווייטער מאָראַל דער גאַנצער שטח צווישן רו און באַוועגונג".

אויב דער מענטש וואָלט ניט געווען פעאיק צו דענקען, מיינט בערגסאָן, וואָלט זיין פליכט־געפיל געווען אַ ריין אינסטינקטיווער, און די מענטשלעכע געזעלשאַפט וואָלט געווען שטאַרק ענלעך אויף דער געזעלשאַפט פון מוראַש־קעס און בינען. אָבער די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט עוואָלוציאָנירט אויף אַ דרך וואו דער אינטעלעקט האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אינסטינקט; און מיט דער אַנטוויקלונג פון אינטעלעקט איז געקומען פרייהייט, אויסוואַל, און די מעגלעכקייט צו גיין פאָרויס. די פאַרשיידנאַרטיקייט און די עלאַסטישקייט פון מענטשלעכע קאָלעקטיוון און קולטורן זיינען אַ רעזולטאַט פון מענטשנס אינטעליגענץ און פון זיין כוח צו שאַפן די געצייג און צופּאַסן די מיטלען צו די צילן. בערגסאָן אַרגומענטירט אָבער אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון

מענטשנס אינטעליגענץ האָט געטראָגן אין זיך אַ פּאָטענציעלע געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. וואָרעם פראָגרעס ווערט דערגרייכט אויפן חשבון פון סטאַבילקייט, און די אינדיווידועלע איניציאַטיוו וואָס דער אינטעלעקט דערמוטיקט טראָגט אין זיך אַ געפאַר פאַרן סאָציאַלן צוזאַמענבונד. דער כאַראַקטער פון אינטעלעקט איז אַזאַ אַז ער וועט זיך נישט — ווי דער אינסטינקט — צופרידנשטעלן מיטן סטאַטוס־קוואָ. אַ דענקענדיקע באַשעפעניש וועט נישט אייביק זיין צופרידן מיט צוטראַכטן מיטלען כדי צו דערגרייכן באַשטענדיקע צילן, נאָר וועט מוזן פריער אָדער שפּעטער אָנהייבן צו קריטיקירן די צילן אַליין. ער וועט נישט בלויז אָפּפרעגן די נוצלעכקייט פון געוויסע מנהגים, נאָר ער וועט אויך איינזען די סתירות צווישן זיינע יחידישע אינטערעסן און די אינטערעסן פון כלל. אויב מען וואָלט איבערגעלאָזט דעם אינטעלעקט צו זיך אַליין, וואָלט ער געשפייזט דעם עגאָאיזם. אָבער צום גליק פאַרלאָזט מען זיך ניט בלויז אויף דעם אינטעלעקט. די נאַטור האָט צוגעגרייט אַ מיטל ווי צו פאַרשטאַרקן דעם כוח פון סאָציאַלע פליכטן: דאָס איז די סטאַטישע רעליגיע וואָס איז „אַ דעפענסיווע רעאַקציע פון דער נאַטור קעגן דעם אויפלייזנדיקן כוח פון אינטעלעקט".

בערגסאָן ווייזט אָן אויף געוויסע אַספּעקטן פון רעליגיע וואָס העלפן צוזאַמענצוהאַלטן די גרופּע, ספּעציעל ביי שבטים וואָס געפינען זיך אויף פּרימיטיווע מדרגות אין זייער אַנטוויקלונג. צווישן אַזעלכע פעלקער זעט זיך ווייניק אָן דער אונטערשייד צווישן וויכטיקע און אומוויכטיקע מנהגים; אַלע מנהגים זיינען אָבליגאַטאָריש און טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. די שייכות צווישן מאָראַל און רעליגיע איז אַזוי אָרום געוואַלדיק סימפּליפיצירט אין אַ פּרימיטיווער געזעלשאַפט. „לכתחילה איז די גאַנצע מאָראַל באַשטאַנען פון מנהגים; און אַזוי ווי רעליגיע פאַרבאָט אָפּצונייגן פון מנהגים זיינען דעריבער מאָראַל און רעליגיע אויף דעם זעלביקן פלאַך".

די דאָזיקע טאַבוס זיינען אָן ספק אויפגעקומען צוליב זייער אמתער אָדער כלומרשטער שייכות מיט סאָציאַלע אינטערעסן. נאָך דעם, איז אַנטשטאַנען אין אַ שפּעטערדיקער סטאַדיע, דער באַגריף פון אַ געטלעכער קראַפט ווי דער מקור פון די דאָזיקע פאַרבאָטן און סאַנקציעס.

צווישן די פאַרשיידענע מיטלען וואָס סטאַטישע רעליגיע באַנוצט דורכצופירן איר אויפגאַבע צו באַשיצן די געזעלשאַפט, באַטאָנט בערגסאָן, איז פאַראַן די פונקציע פון רעליגיע ווי אַ באַשאַפערין פון מיטאָס. „סטאַטישע

רעליגיע בינדט צו דעם מענטשן צום לעבן, און פאַרקניפּט דעם יחיד מיט דער געזעלשאַפט, דורך דעם וואָס זי דערציילט אים מעשהלעך וואָס מען קען פאַרגלייכן מיט די מעשהלעך מיט וועלכע מיר לייגן קינדער שלאָפן. פאַרשטייט זיך אַז זיי זיינען אַנדערש פון סתם מעשהלעך, ווארעם אַזוי ווי זיי ווערן געשאַפן דורך דער מיטאָס־פּראָדוצירנדיקער פונקציע צוליב אַן אמתער באַדערפעניש און ניט בלויז צוליב פאַרגעניגן, פעלשן זיי די ווירקלעכקייט ווי זי איז אין דער אמתן. דאָס זיינען מיטאָלאָגישע מעשהלעך וואָס די קריטישע אינטעליגענץ פון מענטשן אַקצעפּטירט אָפט, אָבער וואָס זי וואָלט אין דער אמתן געדאַרפט אָפּוואַרפן".

ווי קען מען דערקלערן דעם פאַקט וואָס דער מענטש, אַ ראַציאָנאַלע באַשעפעניש האָט געשאַפן די דאָזיקע מיטאָסן און ער נעמט זיי אַזוי ערנסט? דאָס איז דערפאַר וואָס דער רעליגיעזער מיטאָס אין דער פּראַקטיק פאַרענט־פערט אַ לעבנס־נויט. רעליגיע — לויט בערגסאָנען — באַלאַנגט נישט צו דער ממשלה פון ספּעקולאַציע נאָר צו דער וועלט פון האַנדלונג; אירע אידייען קענען בלויז פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן אין דער דאָזיקער ראַם. סטאַטישע רעליגיע, הייסט עס, אַנשטייט דעריבער, כדי צוזאַמענצו־האַלטן די גרופּע און צו געבן דעם יחיד בטחון וואָס ווערט באַדראָט פון אינטעלעקט. אָבער עס איז קלאָר, אַז זי קען נישט אַלע מאָל דערגרייכן די דאָזיקע צילן. ערשטנס, איז די סטאַטישע רעליגיע אַליין אונטערגעוואָרפן דעם אויפלייזנדיקן איינפלוס פון אינטעלעקט. ווארעם ווען מענטשן אַנטוויקלען די פעאיקייט אונטערצושיידן צווישן אַ וויסנשאַפטלעכער אינטערפּרעטאַציע פון דער סביבה און די קאָנסטרוקציעס פון אונדזער מיטאָס־שאַפנדיקן טאַלאַנט, דאַן ווערט דער פּראַקטישער ווערט פון רעליגיע אונטערגעמינעוועט.

אָבער איז דען נישט פאַראַן אַ געוויסער מין רעליגיע וואָס קען אויס־פילן זיינע יחידישע און סאָציאַלע פונקציעס און נישט ווערן אונטערגעוואָרפן צו דער פאַרמאַכטער און סטאַטישער מאָראַל? דורך אינטואיציע, מיינט בערגסאָן, קען דער מענטש קומען אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט דעם לעבנסשטראָם וואָס וועט אים דורכדרינגען און באַווירקן. דורך דעם וואָס דער מענטש וועט ווערן אידענטיש מיט דעם לעבנס־אימפּעט (עלאַן וויטאַל) וועט ער באַפרייען זיין ענערגיע פאַר אַ נייעם קרעאַטיוון פאַרשריט. הגם דער דאָזיקער דינאַמישער פּראָצעס איז אַנדערש פון סטאַטישער רעליגיע, דאַרף מען אים פונדעסטוועגן באַצייכענען ווי רעליגיע ווייל „ער פאַרזיכערט די

נשמה ביז אַ העכער מדרגה מיט באַשיצטקייט און שלווה וואָס דאָס איז די פונקציע פון סטאַטישער רעליגיע״.

מיסטיציזם, איז הייסט עס, דער עיקרדיקער און ספּעציפישער רעליגיעזער עלעמענט וואָס דינאַמישע רעליגיע און אָפענע מאָראַל פּראָדוצירן, און דער ציל און דער זינען פון מיסטיציזם איז צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דעם קרעאַטיוון שטראָם, מיט דעם דראַנג וואָס דאָס לעבן גופא דעמאָנסטרירט. „דער דאָזיקער דראַנג שטאַמט פון גאָט, אויב ער איז ניט דער כביכול אַליין. דער גרויסער מיסטיקער דאַרף ווערן פאַרשטאַנען ווי אַ יחיד וואָס איז פעאיק אַריבערצושטייגן די גרענעצן פון דעם מענטשלעכן מין וואָס די מאַטעריעלע נאַטור האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען, און דורך דעם קען ער ממשיך זיין און אויסברייטערן די געטלעכע האַנדלונג״. דער תוך פון מיסטיציזם איז — אין הסכם מיט בערגסאָנס קרעאַטיווער עוואָלוציע — נישט קאָנטעמפּלאַציע נאָר האַנדלונג. דער ענדציל פון מיסטיציזם איז נישט וויסן און נישט עקסטאַז נאָר די אידענטיפיקאַציע מיטן „לעבנס-שטראָם״, וואָס מיינט דירעקטער אָנטייל אין זיין שעפערישן פּראָיסגאַנג. אָט דער מיסטיציזם פון „עלאַן וויטאַל״ איז דער אמתער קוואַל פון אוניווערסאַלער אָדער אָפענער מאָראַל. וואָרעם דער אמתער מיסטיציזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַנייטע אָנשטרענגונג פון שעפערישן אימפּולס וואָס איז פאַרקערפּערט אין אויסנאַמלעכע יחידים, וואָס שטרעבן אויפצוהייבן די מענטשהייט צו אַ העכערער און נייער מדרגה. „דורך די דאָזיקע געניאַלע ווילנס-מענטשן אין וועמען עס אַרבעט דער ׳עלאַן-וויטאַל׳ שטייגן זיי אַריבער די מאַטעריע און רייסן אַרויס דערפון פאַר דער צוקונפט פון מענטשלעכן מין הבטחות וועגן וועלכע מ׳האָט אַפילו נישט געקענט חלומען ווען דער מענטשלעכער מין איז באַשאַפן געוואָרן״.

בכדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען אַריבערגיין פון דער „פאַרמאַכטער״ צו דער „אָפענער״ מאָראַל דאַרפן מיר זיך באַקענען מיט די מיסטיקער און זיך באַמיען אַריינצוטרעטן אין זייער וועלט דורך אונדזער אינטואיציע. מיר וועלן דאַן אויסגעפינען אַז די מיסטישע דערפאַרונג פּראָדוצירט אַ נייע עמאָציע וואָס ווערט באַגלייט פון אַ געפיל ווי מען וואָלט זיך באַפרייט פון דער וואָכעדיקייט פון טאָג-טעגלעכן לעבן. די דאָזיקע מיסטישע עמאָציע איז דער מקור פון יעדער שעפערישן פאַרשריט אין קונסט, מוזיק, ליטעראַטור. „יעדער שרייבער ווייסט דעם אונטערשייד צווישן אַן אינטעלעקט וואָס מוז זיך פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף זיך אַליין, און אַן אינטעלעקט וואָס ברענט מיטן פייער

פון אַן אָריגינעלער און איינציקאַרטיקער עמאָציע, וואָס שטאַמט פון דעם צוזאַמענגיסן זיך פון דעם שרייבער מיט זיין ווערק; און אַט דאָס איז די אינטואיציע". אונדזער פראַנצויזיש־יידישער דענקער מיינט אַז אַלע שעפע־רישע פאַרשריטן אין מאָראַל און אין רעליגיע קומען פאָר אויף אַן ענלעכן אופן.

אַזוי אַרום באַקומט זיך אַז דער אמתער באַטייט פון מיסטיציזם איז אין האַנדלונג, אין דעם סאָרט לעבן צו וועלכן ער פירט. בערגסאָן רופט עס אָפּענע מאָראַל אָבער ער האַלט אַז עס פּאַסט פאַר דעם בעסער די באַצייכענונג: דאָס לעבן פון אַבסאָלוטער ליבשאַפט. ער באַשטייט דערויף אַז אַזאַ ליבשאַפט איז קוואַליטאַטיוו אַנדערש פון נאַטירלעכער סימפּאַטיע אָדער צאַרטקייט, וואָס איז אין תוך באַגרענעצט און בלויז טיילווייז. דאָס איז אויך נישט קיין ראַציאָנאַלע וואוילטעטיקייט וואָס איז אַ רעזולטאַט פון געפיל פאַר מענטש־לעכער ברידערלעכקייט. „די מיסטישע ליבע פון דער מענטשהייט איז גאָר אַן אַנדער זאַך... גייענדיק האַנט אין האַנט מיט גאָטס ליבע צו זיין באַשאַף, אַ ליבע וואָס איז דער מקור פון אַלצדינג, וואָלט זי אונדז געקענט געבן — יעדן וואָס ווייסט ווי דאָס אויסצוגעפינען — דעם סוד פון באַשאַף. וואָס די ליבע איז אויסן מיט גאָטס הילף איז צו פאַרענדיקן דעם באַשאַף פון מענטש־לעכן מין". דער מיסטיקער, הייסט עס, לעבט איבער אַ רעאַליטעט וואָס איז אויף יענער זייט פון דער וועלט פון חושים. „ער פילט ווי דער אמת פליסט אַריין אין זיין נשמה... ווי אַן אַקטיווער כוח. ער קען זיך נישט העלפן וואָרעם ער איז געצוואונגען צו פאַרשפּרייטן דאָס ליכט... ווייל די ליבשאַפט וואָס פאַרצערט אים איז נישט די פשוטע ליבע פון מענטשן פאַר גאָט, נאָר עס איז די ליבשאַפט פון גאָט פאַר אַלע מענטשן. דורך גאָט, מיט גאָטס כוח האָט ער ליב די גאַנצע מענטשהייט מיט אַ געטלעכער ליבשאַפט".

## 3

מרדכי קאַפּלאַן שטעלט אַוועק — אין זיין הויפּט־ווערק „דער יודאַאיזם ווי אַ ציוויליזאַציע" — עטלעכע הויפּט־הנחות אין שייכות צום כאַראַקטער פון רעליגיע, וואָס ווייזן באַשיימפּערלעך אַז ער איז זיך סומך אויף די זעלביקע געלערנטע ווי אַנרי בערגסאָן. אָפּשפּיגלענדיק די אידייען פון די סאָציאָלאָגן עמיל דורקהיים און לעווי־בריל, נעמט קאַפּלאַן אָן, אַז כלל־עמאָציעס און כלל־באַוואוסטזיין זיינען דער תוך פון רעליגיע. לויט דער טעאָריע פון דורק־היימען איז רעליגיע בלויז אַן אופן דורך וועלכן דער שבט דריקט אויס זיין

גרופּע־באַוואוסטזיין: „וואָס ס'איז וויכטיק פאַרן שבט דאָס איז פאַר אים הײ־ליק". די באַדײַטונגספולע דערפאַרונגען פון שבט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מיטאָלאָגישער ביאָגראַפיע פון זײַן גאָט.

די דאָזיקע דורקהײמישע טעאָריע שײַנט צו זײַן אַ ווינקלשטײן אין קאַפּלאַנס געדאַנקענגאַנג. אָט ווי ער דריקט עס אויס: די גאָט־אידייע פון ציבורדיקער רעליגיע איז ווײַניקער ווי אַלץ אַ געדאַנק אָדער אַ סיסטעם פון געדאַנקען... די גאָט־אידעע אין יעדער כלל־רעליגיע פונקציאָנירט נישט ווי אַן אינטעלעקטועלע הסכמה צו אַ באַהויפּטונג, נאָר ווי אַן אָרגאַנישע אַקצעפּטירונג פון געוויסע עלעמענטן אין לעבן און אין דער אומגעבונג פון דער גרופּע... דער מענטש האָט גאַנץ פרי אין זײַן אַנטוויקלונג אײַנגעזען אַז ער איז אָפּהענגיק אין דער גרופּע; ווי אַ רעזולטאַט דערפון האָבן די וויכטיקסטע מאָמענטן אין לעבן און אין דער סביבה פון דער גרופּע באַקומען אַ גרעסערן באַדײַט פאַרן יחיד, און ער האָט עס דעריבער פּרובירט אויס־דריקן דורך באַטראַכטן די דאָזיקע מאָמענטן און זיך אויפפירן אין שייכות צו זיי ווי הייליק. אין דער סטאַדיע האָט דער באַגריף פון געטלעכקייט אָנגע־הויבן אויפקומען, וואָרעם פּסיכאָלאָגיש איז דער באַגריף געטלעכקייט דער אָפּזאַץ פון באַגריף הייליקייט. ווי דער מענטש האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט האָט ער אויסגעברייטערט דאָס געביט פון הייליקייט און אײַנגעשלאָסן אין דעם: מנהגים, געזעצן, אמתן, און אידעאַלן... דאָס מיינט אַז אַ כלל־רעליגיע איז ווײַניקער פון אַלץ אַ לעבנס־פילאָסאָפיע. כלל־רעליגיעס זײַענדיק פאַר דער גרופּע דאָס זעלביקע וואָס אַליין־באַוואוסטזיין איז פאַרן יחיד קריגן זייער זכות הקיום אַ דאַנק זייער פעאיקייט צו פאַרשטאַרקן די עקסיסטענץ פון דער גרופּע און צו אַנטוויקלען אירע גייסטיקע פּאָטענצן".

פון דעם איז קלאָר אַז סיי בערגסאָנס „סטאַטישע רעליגיע", און סיי קאַפּ־לאַנס „פאָלק־רעליגיע" האָבן די הויפּט־אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן דעם קאָ־לעקטיוון באַוואוסטזיין, וואָרעם דורך זײַן אַנטייל אין דעם רעליגיעזן אויפפיר פון דער גרופּע ווערט יעדער מיטגליד פון שבט אָדער פון פאָלק טיף אידענ־טיפיצירט מיטן ווילן פון כלל. אין דעם פּרט האָבן מיר אַ וויכטיקן באַריר־פּונקט און הסכם צווישן דעם פראַנצייזישן פילאָסאָף און דעם אַמעריקאַנער יידישן דענקער. ביידע האַלטן אַז היסטאָרישע רעליגיעס קאָנסאָלידירן די גרופּע און פאַרפעסטיקן איר קיום. דורך אירע אידעאַלן, מנהגים און טראַ־דיציעס אינוועסטירט רעליגיע די אַלע זאַכן מיט דער קוואַליטעט פון „קדושה"

און דורך דעם מאַכט זי זיי אומצעשטערבאַר. אַזוי האַלט קאַפּלאַן אַז דער סאָציאַלער רעזולטאַט פון רעליגיע איז, וואָס זי פּרעזערווירט די מצוות (סאַנקטאַ) פון דער גרופּע; און דאָס איז פּינקטלעך דאָס זעלביקע וואָס בערגסאָן באַטראַכט ווי די הויפּט־פונקציע פון דער סטאַטישער רעליגיע; „פּרעזערווירן, פאַרפעסטיקן דעם צוזאַמענהאַלט פון די מיטגלידער איז אָן ספק דער ציל פון רעליגיע; עס פאַרקניפּט זיי אינטים איינער מיטן אַנדערן אין ריטואַלן און צערעמאָניעס, עס שיידט אָפּ די גרופּע פון אַנדערע גרופּעס, עס גאַראַנטירט דעם דערפאָלג פון די אַלגעמיינע צילן און עס פאַרזיכערט קעגן נאַציאָנאַלער סכנה".

פאַראַן נאָך אַ פונדאַמענטאַלע ענלעכקייט אינעם געדאַנקענגאַנג פון בערגסאָן און קאַפּלאַן. אין זיין „יודאַאיזם ווי אַ ציוויליזאַציע" אַטאַקירט קאַפּלאַן די צוויי־איקייט צווישן דעם נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן ווי אַ פאַלשע דאָקטרין וואָס פאַרשפּרייט האַלב־אמתן, וואָרעם די נאַטור און די גייסטיקע וועלט, די פיזישע און די מאָראַלישע אָרדענונג, גאָט און דער קאָסמאָס זיינען איינס. „די אַזוי גערופענע נאַטור־געזעצן שטעלן מיט זיך פאָר דעם אופן פון גאָטס אימאַנענטן פונקציאָנירן. דער עלעמענט פון קרעאַטיוו־קייט וואָס מ׳קען נישט פאַרשטיין דורך די אַזוי גערופענע נאַטור־געזעצן גיט אונדז אַ שליסל צו גאָטס טראַנסצענדענטאַלער פונקציע. גאָט איז נישט קיין אומדעפינירבאַרער זיין — וואָס געפינט זיך אין דרויסן פון קאָסמאָס. גאָט איז דאָס לעבן פון קאָסמאָס, אימאַנענט אויף וויפל יעדער טייל באַווירקט יעדן אַנדערן טייל און טראַנסצענדענטאַל אויף וויפל דאָס גאַנצע באַווירקט יעדן טייל".

ווי יעקב אייגוס האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אידענטיפיצירט דאָ קאַפּלאַן פאַקטיש גאָט מיט דער נאַטור ווי אַ גאַנצקייט. גאָט ווי דאָס לעבן פון קאָסמאָס איז בלויז אַ נאָמען פאַר דער טאָטאַלקייט פון אַלע כוחות וואָס באַוועגן דעם אוניווערס. אין דעם זין איז גאָט די אומאויפהערלעכע ענערגיע וואָס ליגט אין יסוד פון קאָסמאָס — אַזוי ווי שפּינאָזע האָט עס פאַרשטאַנען. ווען קאַפּלאַן רעדט וועגן עלעמענט פון „קרעאַטיוויקייט" וואָס איז דער רעזול־טאַט פון גאָטס טראַנסצענדענטאַלער פונקציע מיינט ער זיכער „שעפעריש־קייט" אינעם בערגסאָנישן זין. ווי באַקאַנט האָט בערגסאָן אין זיין באַרימטן בוך „קרעאַטיווע עוואָלוציע" אָנגעוויזן אַז געוויסע פאַקטן אין לעבן פון חיות קען מען נישט דערקלערן מיט דאַרווינס טעאָריע. אָט די דאָזיקע דערשיינונגען

האַלט ער, זיינען דער רעזולטאַט פון „קרעאַטיווע אַקטן", דורך דעם כוח פון „דעם עלאַן־וויטאַל". מיר מעגן דעריבער אָננעמען אַז קאַפּלאַנס „קרעאַטיוו־קייט" שפּאַרט זיך שטאַרק אָן אויף בערגסאָנס קאָנצעפּציע פון „לעבנס־אימפּולס".

אָבער בעת ביידע דענקער זיינען מסכים אין שייכות צו דעם „עלאַן־וויטאַל" אין קאָסמאָס, און אויך בנוגע דער פונקציע פון „פאָלק" אָדער „סטאַטישע" רעליגיע, גייען זיי זיך פונאַנדער אין זייער בליק אויף אַ ריי ענינים. אַזוי, למשל, איז פאַר קאַפּלאַנען די טעאָלאָגישע דאָקטרין וואָס באַטראַכט גאָט ווי אַ פאָטער וואָס האָט ליב דעם מענטשן פאַלש און נישט „מאָדערן"; פאַר בערגסאָנען, פון דער אַנדערער זייט, מיינט גאָט אין תוך ליבע.

פאַר בערגסאָנען איז „פּערזענלעכע" אָדער „דינאַמישע" רעליגיע דער מקור פון אמתער רעליגיע, בעת „פאָלק"־רעליגיע איז בלויז אַן אומראַציאָנאַלע דערפינדונג וואָס דאָס לעבן גרייט צו קעגנצואווירקן די דעסטרוקטיווע כוחות פון אינטעלעקט; דעריבער איז די דאָזיקע רעליגיע גוט בלויז פאַר די ערשטע סטאַדיעס פון דעם מענטשנס אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. פאַר קאַפּלאַנען אָבער, איז פּרימיטיווע רעליגיע אַ טיפּישע, עכטע רעליגיע. ער האַלט אַז אין דער צוקונפט וועט רעליגיע, פּונקט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט ווערן אינטעגרירט מיט די טראַדיציעס, האָפענונגען און אַספּיראַציעס פון דער גרופּע וועמען זי דינט. יעדער פאָלק, מיינט ער, וועט אַנטוויקלען זיין אייגענע רעליגיע, פּונקט ווי יעדער שבט אין אַלטערטום האָט געשאַפן זיין אמונה, וואָרעם אויב די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יעדער גרופּע און נישט די אוניווערסאַלע אידייען באַשטימען דעם תוך פון רעליגיע — אַזוי האַלט דאָך דער אַמעריקאַנער ראַביי — דאַן באַקומט זיך ווי אַ פּועל־יוצא אַז נאַציאָנאַלע אמונות זיינען די איינציקע רעליגיעס וואָס האָבן שאַנסן צו עקסיסטירן אין דער צוקונפט. דער וואַקסנדיקער אַליין־באַוואוסטזיין פון די באַזונדערע פעלקער וועט, הייסט עס, בהדרגה זיך פונאַנדערבליען אין דער פאָרעם פון פאָלקס־רעליגיעס. וואָס פאַר אַ ווייטער מהלך דאָס איז פון בערגסאָנס צוקונפ־טיקער מיסטישער רעליגיע!

אַחוץ דעם שטעלט זיך אַן ערנסטע פראַגע: צי וואָלט נישט קאַפּלאַנס פאָלקס־רעליגיע מיט איר פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַליזם געפירט צו שאָוויניזם? דער באַגרינדער פון רעקאָנסטרוקציאָניזם ווייסט וועגן דער געפאַר אַז נאַציאָנאַלע רעליגיעס קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרהייליקטע שאָוויניזמען.

ער מיינט אָבער אַז די סכנה קען מען בייקומען דורך דעם כּוח פון „פּערזענ־לעכער רעליגיע" וואָס איז אייגנטלעך די אמונה פון גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס וואַגן שטעלן זייער געוויסן איבער דעם גלויבן פון דער גרופּע. אַט די „פּערזענלעכע" אָדער „אוניווערסאַלע" רעליגיע פון קאַפּלאַן דערמאָנט שטאַרק אין בערגסאָנס „דינאַמישער" רעליגיע, הגם דער אַמעריקאַנער ייִדישער דענקער אַנטוויקלט נישט די אימפּליקאַציעס פון דער דאָזיקער עליטע־אמונה.

אַוודאי ווערן מיר באַאיינדרוקט פון בערגסאָנס סובטילן אַנאַליז, פון דער קלאָרקייט פון זיין געדאַנק און פון זיין עלאָקווענץ; פונדעסטוועגן קען מען אָפּפרעגן זיינע גרונט־הנחות. ווי דער ייִדיש־דייטשער דענקער ערנסט קאַסירער האָט אָנגעוויזן, איז בערגסאָנס שטאַנדפּונקט אַז דער מיסטיציזם איז אין תוך אַקטיוו און איז דער קוואַל פון דער אָפענער מאָראַל — אָט די הנחה איז נישט באַזירט אויף קיין עמפּירישער שטודיע פון די פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס פון דער מיסטישער דערפאַרונג. דער פראַנצויזישער פילאָ־סאָף קלייבט בלויז אויס איין סאָרט מיסטיציזם — דעם אַקטיוון, וואָלונ־טאַריסטישן מין ווי ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין געוויסע קריסטלעכע מיסטיקער, און ער באַצייכנט דאָס ווי דעם איינציקן אמתן מיסטיציזם; בעת דער קאָנטעמפּלאַטיווער, און התלהבותדיקער מיסטיציזם שטעלט מיט זיך פאָר — לויט אים — אַן אומאַנטוויקלטן און פאַרקריפּלטן וואַריאַנט. מוז מען דעריבער קומען צום אויספיר אַז זיין דאָקטרין פון „קרעאַטיווער עוואָלוציע" איז אין דער אמתן די קריטעריע צוליב וועלכער ער פסקנט אַז נאָר דער מיסטיציזם אין דער אמתער, וואָרעם אַזאַ אויסטייטש שטימט מיט זיין פילאָ־סאָפיע פון עוואָלוציע. פאַקטיש אָבער קען מיסטיציזם זיין אי אַ סטאַטישער און אי אַ דינאַמישער.

פונקט אַזוי קען מען אָפּפרעגן בערגסאָנס אַבסאָלוטע צעשפּאַלטונג צווישן סטאַטישער און דינאַמישער רעליגיע און זיין באַהויפּטונג אַז מען קען זיי ביידע נישט רעדוצירן צו איין צד השווה. דער פראַנצויזישער פילאָסאָף האַלט אַז די אָפּשטאַמונג פון די צוויי טיפּן מאָראַל און רעליגיע קומען פון קעגנ־זעצלעכע כּוחות. איין טענדענץ, די וואָס שפּייזט סטאַטישע רעליגיע, העלפט אויפהאַלטן און פאַרפעסטיקן זאַכן ווי זיי זיינען; די אַנדערע טענדענץ, די דינאַמישע רעליגיע, שטויסט און סטימולירט נייע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן וואָס האָבן פריער קיינמאָל ניט עקסיסטירט. די ערשטע טענדענץ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר סטאַטישער רעליגיע בעת די צווייטע — פאַר דינאַ־

מישער רעליגיע. אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם טעזיס האָט די מענטשהייט געקענט אַריבערגיין פון איין מדרגה צו דער אַנדערער בלויז דורך אַ פּלוצעמדיקן שפּרונג. עס איז נישטאָ, הייסט עס, קיין גראַדועלער פּראָצעס וואָס קען פירן פון איין מין רעליגיע צו דער אַנדערער. אָבער די געשיכטע פון רעליגיע באַשטעטיקט נישט די דאָזיקע קאָנצעפּציע, וואָרעם אַנטראָפּאָלאָגן וויזן אָן אַז דער איבערגאַנג פון פּרימיטיווע צו העכערע פאָרמען אין רעליגיע און קולטור זיינען נישט פאָרגעקומען דורך אַ שפּרונג. די גרויסע רעליגיעזע רעפאָרמער ביי די אומות העולם, פּונקט ווי די נביאים אין אַלטן ישראל און יהודה, זיינען געווען פאַרקניפּט מיט אַ סך פעדעם מיט זייער סאָציאַלער סביבה אויפן יסוד פון וועלכער זיי האָבן אַנטוויקלט רעליגיע צו די העכסטע מדרגות, צום אידעאַל פון אַ באחרית הימים. אָט די שאַרפע צעטיילונג צווישן סאָציאַלער און יחידישער רעליגיע, צווישן אינסטינקט, אינטעליגענץ און מיסטישער אינטואיציע, שטימט נישט מיט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון רעליגיע, וואָרעם אמונה איז אין דער אמתן אַ קאָמבינאַציע פון די אַלע עלעמענטן. בערגסאָנס „צוויי מקורים פון רעליגיע״ אַנטפּלעקן גיכער, דעריבער, די קוואַלן פון בערגסאָנס מיסטיציזם וואָס וואָרצלט אין דורקהיים און פּלאָטינוס, איידער אין אַ וויסנשאַפטלעכער שטודיע וועגן אָפּשטאַם און דער אַנטוויקלונג פון רעליגיע, וואָס עס פּרעטענדירט צו זיין.

וואָס שייך קאַפּלאַנס צענטראַלער דאָקטרין בנוגע דער יהדות, איז זי אין בעסטן פאַל בלויז איין זייט פון יידישקייט: דער פאָלקישער אַספּעקט. אָבער צי איז טאַקע דער תוך פון יודאַאיזם אידענטיש מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פאָלק ישראל? האָבן דען נישט אין די וויזיעס פון די נביאים, אין די מיסטישע בענקשאַפטן פון די מקובלים און די חסידים אויך געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע די יחידיש־דערלייזערישע מאָמענטן? און צי איז עס טאַקע אמת, אַז מ׳קען, ווי קאַפּלאַן מיינט, אַזוי שטאַרק מינימיזירן אין אונדזער אמונה דעם אוניווערסאַל־אינטעלעקטועלן מהות אירן? ס׳איז טאַקע אַמת אַז אמונה און פאָלקישקייט זיינען שיער נישט אומצעטיילבאַר אין יידישקייט, אָבער אהבת המקום איז דאָך אַן עיקר אין יהדות און צוליב דעם גלויבן אין אחד — וואָס האָט פאַרוואַנדלט יידן אין אַן עם קדוש — צוליב דעם זיינען דאָך אומצייליקע דורות יידן געגאַנגען אויף קידוש השם! און צי קען מען טאַקע אַזוי מינימיזירן דעם אידעאישן עלעמענט אין דער יהדות ווי עס מיינט מרדכי קאַפּלאַן? סאָלאָמאָן שעכטער און אַנדערע יידישע דענקער האָבן שוין

אַנגעוויזן אויפן פאַקט אַז אַן דעם אידעען־יסוד איז נישטאָ קיין היסטאָרישע ייִדישקייט, און דער יודאַאיזם ווי די אַנדערע הויך־אַנטוויקלטע רעליגיעס שטעלט מיט זיך פאָר אַ וועלט־אַנשויאונג, אַ רעאַקציע צום קאָסמאָס, נישט אַ סובלימאַציע פון נאַציאָנאַלע נויטן ווי עס מיינט דורקהיים און זיינע תלמידים בערגסאָן און קאַפלאַן.

די בערגסאָן־קאַפלאַן קאָנצעפּציע קען בלויז אָנגעווענדט ווערן אויף רעליגיע אין איר ערשטער סטאַדיע; זי איז אָבער לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו אונדזער הויך־אַנטוויקלטער אמונה ווי עס האָט זי פאַרשטאַנען אַ רמב״ם, אַ ווילנער גאון, אָדער הרב קוק. אויך אַזעלכע דענקער ווי אַ קיערקעגאַרד, ריינאַלד ניבור, מאָריס קאָהען וועלן נישט אַקצעפּטירן די בערגסאָן־קאַפלאַן דעפיניציע פון רעליגיע, ווי די אמתע כאַראַקטעריסטיק פון איר תוך.

4

מיר וועלן איצט אָפּשליסן אונדזער שטודיע מיט עטלעכע סומירנדיקע באַמערקונגען. בעת די צוויי דענקער שיידן זיך אונטער אין זייער הינטער־גרונט, אין זייער סטיל, און אין די פועל־יוצאס פון זייער אַנאַליז, זיינען זיי אָבער גאַנץ נאָענט אין זייער בליק אויפן מהות און דער פונקציע פון רעליגיע. ביידע וואַרפן אָפּ די היפּאָטעזע אַז אמונה איז אַ דיסציפּלין וואָס פאַרלאַנגט אינטעלעקטועלע הסכמה צו אַ געדאַנקען־גאַנג. ביי ביידן, הייסט עס, ווערט דער אידעאישער עלעמענט אין רעליגיע מינימיזירט, אַזוי אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרונט פאַר קיין שום קאָנפליקט צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע, וואָרעם די ביידע דיסציפּלינען ליגן אויף באַזונדערע פלאַכן און זיי באַגעגענען זיך נישט. פאַר ביידן איז רעליגיע אַן אָפּרוף אויפן לעבן. אָבער ווי הימל־ווייט די צוויי דענקער זיינען בנוגע די רעזולטאַטן פון זייער אַנאַליז!

דער אַסימילירטער פראַנצויזיש־ייִדישער פילאָסאָף וועלכער האָט גע־צויגן זיין גייסטיקע יניקה נישט בלויז פון דורקהיימס סאָציאָלאָגיע, נאָר אויך פון פּלאָטינוסעס מיסטיציזם, איז דערגאַנגען צו אַזאַ איינזייטיקייט אַז ער זעט דעם אַפּאָגיי פון רעליגיע אין דעם אַנטייל וואָס דער מיסטיקער נעמט אין פּראָצעס פון בראשית, אין דעם עלאַן־וויטאַל פון קאָסמאָס; און וויל אים דוכט זיך — און דאָס איז פאַלש — אַז נאָר די קריסטלעכע מיסטיקער זיינען די אמתע רעפּרעזענטאַנטן פון „דינאַמישער״ העכסטער רעליגיע, דערקייקלט

ער זיך צום פאַקטישן אַקצעפּטירן דעם קאַטאָליציזם — הגם ער שמדט זיך נישט, ווייל ער וויל זיך סאָלידאַריזירן מיט די פאַרפאָלגטע ייִדן. (ווי באַקאַנט האָט בערגסאָן, פאַר זיין טויט, אָנהויב 1941, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע כיבודים וואָס ער האָט באַקומען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, ווי אַ פּראָטעסט קעגן די אַנטי־ייִדישע געזעצן פון דער ווישי־רעגירונג.)

קאַפּלאַן אָבער איז נישט בלויז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דורקהיימס סאָציאָלאָגיע און פון אַמעריקאַנער פּראַגמאַטיזם, נאָר אויך פון אחד־העמס און דובנאָווס קולטור־פילאָסאָפישן באַנעם אין שייכות צו ייִדישע ווערטן און קאָלעקטיווער עקסיסטענץ. דער ייִדישער קיומיסט קאַפּלאַן איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן אונדזער צוקונפט אין אַמעריקע, ווענדט ער דעריבער אָן זיין גאַנצע לומדות און חריפות צו שאַפן אַ גייסטיקן קלימאַט און אַ ראַציאָנאַל פאַר אַ שעפעריש ייִדיש לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער. ער שטעלט דעם טראָפּ מער אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלע מאָמענטן אין ייִדישקייט ווי אויף רעליגיע, וואָרעם יהדות האָט אַלע מאָל מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סינטעז פון אמונה, פאָלקישקייט, קולטור און אַנדערע באַשטאַנד־טיילן; און מעגט איר אַפילו נישט אָננעמען קאַפּלאַנס גאָט־קאָנצעפּציע און זיין סאָציאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע מוזט איר פונדעסטוועגן איינזען אַז דער באַגרינדער פון רעקאָנסטרוקציאָניזם האָט געמאַכט אַן ערנסטן, פאַרטיפטן פּרואוו צו געווינען דעם מאָדערנעם, סקעפּטישן ייִדן פאַר אַ ייִדישקייט וואָס פליסט אַרויס פון ייִדישן געשיכטלעכן שטראָם און וואָס באַזינגט גלייכצייטיק זיין יחידישע עקסיסטענץ. ווייל קאַפּלאַן ווייסט אַז מיר לעבן אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט, דערפאַר האַלט ער אַז פּונקט ווי די תנאים, אמוראים און מקובלים האָבן געדרשנט די תורה אין גייסט פון זייער צייט, אַזוי דאַרפן מיר היינט רעאינטערפּרעטירן די תורה אין הסכם מיט אונדזערע באַגריפן און באַדערפעניש. רעדנדיק — אין זיין ווערק: „דער גרעסערער יודאַאיזם וואָס קומט אויף" — וועגן דעם באַדייט פון תורה פאַר אונדזער צייט, ציטירט קאַפּלאַן די תלמודישע מימרא: „בטולה של תורה זהו יסודה" און ער פירט אויס אַז מ׳קען צייטנווייז מקיים זיין די תורה אַפילו ווען מ׳היט זי נישט אָפּ, וואָרעם געוויסע טעקסטן פון דער תורה, אַ סך פון אירע דאָקטרינען און געזעצן זיינען מיר אַריבערגעוואַקסן; אָבער דער עיקר זיינען אירע ווערטן און פונדאַמענטאַלע צילן וואָס קענען פירן צו אונדזער גייסטיקער דערהויבנקייט

און מאָראַלישער שלימות ווי מענטשן און ייִדן. אָט דאָס, מיינט קאַפּלאַן, איז דער זין פון תורה און אין דעם זין פאַרשטייט ער דעם אינהאַלט פון דער תפילה: כי היא חיינו ואורך ימינו: די תורה איז אונדזער לעבן און די לענג פון אונדזערע טעג.

(1964)

# האָראַס קאַלען — און קולטור־פּלוראַליזם אין אַמעריקע

(צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג)

אויף אַ שטילן, באַשיידענעם אופן האָט די „אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר ייִדישער דערציאונג" געפּייערט דעם 75סטן געבוירנטאָג פון פּראָפ' האָראַס קאַלען. אין עטלעכע אַנגלאָ־ייִדישע זשורנאַלן זײַנען געווען קורצע אַרטיקלען וועגן דעם פאָטער פון „קולטור־פּלוראַליזם". עס איז, דוכט מיר, כדאַי אַז ייִדישע ייִדן זאָלן זיך באַקענען מיט די גרונט־אידעען פון איינעם פון די טיפע ייִדישע דענקער און איינעם פון די שענסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער צייט, וואָס הערט ניט אויף אין משך פון איבער 50 יאָר, צו באַרייכערן די ייִדישע, און די אַמעריקאַנער קולטור.

האָראַס קאַלען געהערט צו דער קליינער צאָל ייִדיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן וואָס פאַרקערפּערן דעם אידעאַל פון שעפערישקייט אין צוויי קולטורן. ער אַרטיקולירט אומאויפהערלעך די דעמאָקראַטישע לעבנס־פילאָסאָפיע און אירע אימפּליקאַציעס. אין זײַנע ווערק און רעפעראַטן קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער דעמאָקראַטיש־פילאָסאָפישער בליק אויף קולטור, און ער באַמיט זיך צו ווירקן און באַאיינפלוסן אין דער ריכטונג — דעם אַמעריקאַנער געדאַנק, און דאָס אַמעריקאַנער לעבן. ער איז אַן אַמעריקאַנער פילאָסאָף וועמענס בייטראָג צו דער אַמעריקאַנער קולטור שטעלט אים אַוועק אין איין ריי מיט וויליאַם דזשיימס און דזשאָן דיואי; פּונקט ווי זיי איז ער איבערצייגט אין דעם באַפרייענדיקן כוח פון פאַרשיידנאַרטיקייט און דערפאַרונג.

זיין השפּעה פילט מען אויך אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער באַוועגונג פון ציווילע רעכט, אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, אין דערציאונג, און אין קאַמף פאַר מינאָריטעטן־רעכט. ער האָט דורך פּערזענלעכן ביישפּיל באַוויזן אַז פילאָסאָפיע פאַרנעמט זיך נישט בלויז מיט די אַנטגילטיקע פראַגן פון מענטשלעכן גורל, נאָר אַז זי האָט אַ פּראַקטישע באַדייטונג אין דער קעגנוואַרט.

גלייכצייטיק מיט זיין באַטייליקונג אין אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע באַוועגונגען, האָט ער, זינט זיין יוגנט, גענומען אַנטייל אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, און זיך באַשעפטיקט מיט ייִדישע פּראָבלעמען. ער האָט אַלע מאָל געקעמפט פאַר דער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג פון דער ייִדישער געמיינדע אין אַמעריקע, און ער האָט פאַרשפּרייט צווישן אַמעריקאַנער ייִדן דעם געדאַנק וועגן דער וויכטיקייט פון אַ ייִדישן זעלבסט־באַוואוסטזיין, און די נויטיקייט צו האַרמאָניזירן די ייִדישע גייסטיקע ירושה מיט דעם וועלט־באַנעם פון מאָדערנע ייִדן.

די אַמעריקאַנער פילאָסאָפיע פון פּראַגמאַטיזם איז דער קוואַל פון וואַנען עס פליסט אַרויס קאַלענס טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם און אויך זיין ייִדישער וועלט־באַנעם. און ווילן מען פאַרשטיין קאַלען דעם ייִדישן דענקער דאַרף מען זיך באַקענען מיט זיין איינשטעל ווי אַ פּראַגמאַטיסט און ווי אַ הומאַניסט.

פּראָפ׳ קאַלען האָט נישט בלויז געלערנט מיט אַנדערע פילאָסאָפיע, — ער איז געווען לערער אין האַרוואַרד, פּרינסטאָן, וויסקאָנסין־אוניווערסיטעט, און אין משך פון צענדליגער יאָרן איז ער פּראָפ׳ פון פילאָסאָפיע און פּסיכאָלאָגיע אין דעם גראַדואיר־פאַקולטעט פון דער „ניו־סקול פאַר סאָשעל ריסוירטש" — נאָר ער האָט זיך אויך באַמיט צו פּראַקטיצירן זיין פילאָסאָפישן קרעדאָ. ווייל פילאָסאָפיע איז פאַר אים נישט קיין אָביעקטיווע וויזיע פון מענטשלעכער עקסיסטענץ, נאָר זי איז דער פּועל־יוצא פון מענטשנס ליידן, פון זיינע בענקשאַפטן און פרוסטראַציעס. אין פילאָסאָפיע דריקט דער מענטש אויס זיין תשוקה נאָך פּערזענלעכן תיקון. לויט קאַלענען איז פילאָסאָפיע אַ מעטאָד און אַן אינסטרומענט פאַר דער צופּאַסונג אין קאַמף פאַר עקסיסטענץ. פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס זיינען נישט קיין טרויאיזמען און לאָגיק איז נישט קיין וועלט־אַנאַטאָמיע. פילאָסאָפיעס ווירקן ווי וויטיק־איינשטילערס, ווי פאַרגיטיקונגען פאַר די שטיינער און פיילן פון שווערן לעבנס־גורל. „די

טרייסט פון פילאָסאָפיע איז שוין אַן אַלטע טראַדיציע . . . וואָרעם די וויסנ־שאַפט קען נישט באַרואיקן די אומזיכערקייט פון האַרצן".

אַזאַ צוגאַנג צו פילאָסאָפישע סיסטעמען שטאַמט דירעקט פון וויליאַם דזשיימס' פּראַגמאַטיזם. לויט דזשיימסן קענען מיר פעסטשטעלן די עכטקייט אָדער די פאַלשקייט פון אַ טעאָריע פון דעם אויף וויפל זי רעאַליזירט אונדזערע צילן און צי זי באַפרידיקט אונדזערע ביאָלאָגישע און עמאָציאָנעלע באַדערפענישן. אַן אמתע טעאָריע איז אַזאַ וואָס אויב מען אַקצעפּטירט זי, פירט זי צו דערפאָלג; אַ פאַלשע טעאָריע איז אַזאַ וואָס פּראָדוצירט דורכפאַל און פרוסטראַציע. דאָס איז, ווי באַקאַנט, דער פּראַגמאַטישער עקזאַמען. אַלע מאָל דאַרף מען זיך פרעגן: וואָס וועט זיין דער אונטערשייד פאַר אונדזער דערפאַרונג אויב מיר וועלן אָננעמען די אָדער אַן אַנדערע שיטה. דער פּרובירשטיין פון אמת איז די פּראַקטישע קאָנסעקווענץ פאַר אונדזער לעבן, פאַר אונדזער גליק. באַזיצן דעם אמת איז נישט קיין זעלבסט־צוועק נאָר בלויז אַ מיטל צו באַפרידיקן פאַרלאַנגען. וויסן איז אַן אינסטרומענט וואָס העלפט אונדז לעבן; מיר לעבן נישט כדי צו געפינען דעם אמת. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז עס זיינען נישטאָ קיין אייביקע אַבסאָלוטע אמתן; קיין אַבסאָלוט־אָביעקטיווע אָבסערוואַציעס, ווייל אַלע סיסטעמען זיינען איינזייטיק, און שפּיגלען בלויז אָפּ שאַצונגען פון ווערטן. זיי זיינען דער אויסבליק פון באַציאונגען, רעאַקציעס און קאָמפּענסאַציעס פאַר די ליידן פון מענטשלעכער עקסיסטענץ.

דער זין פון דעם מענטשנס זיין אויף דער וועלט — איז קאַלענס לעבנס־לאַנגער אינטערעס. ווי אַ הומאַניסט גלויבט ער אַז גליק אויף דער וועלט, און אַז דאָס רעכט אויף מאַטעריעלע און קולטורעלע גיטער פאַר יעדן מענטשנ־קינד מיינט אַ גוט לעבן, וואָרעם דער מענטש איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער נאַטור און ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עטישן און אינטעלעקטועלן ענדציל. פון די דאָזיקע גרונט־הנחות איז בלויז איין טראָט צו קאַלענס טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם, וואָס גיט אונדז דעם שליסל צו זיין יידישער וועלט־אַנשויאונג.

דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי מענטשן וואָס אונטערשיידן זיך אין פּרט פון ראַסע, געשלעכט, רעליגיע, איבערצייגונגען, זאָלן לעבן און צוזאַמענלעבן זיך אין זיכערקייט און אין פרידן איז אַלעמאָל געווען און איז איצט נאָך מער פון ברענענדיקער אַקטועלקייט. פון דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

ביז דער איצטיקער „קאַלטער מלחמה" האָבן טאָטאַליטאַריער און קולטור־אימפּעריאַליסטן פּרובירט אַרויפצווינגען אויף דער וועלט זייער „אמת" אַז מענטשן זיינען געגליכן צו יוונים און דאַרפן אַלע האָבן איין פּנים. אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, בעת ס'איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם קיין אַמעריקע, האָט מען דאָ געשאַפן אַ פאָרמולע פון „שמעלצטאָפּ" וואָס זאָל אוניפאָרמירן, גלייכשאַלטן אַלע אימיגראַנטן און דורך דעם אויס־קאָכן פון זיי הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער. האָראַס קאַלען האָט זיך קעגנגעשטעלט יענער קאָנפאָרמיסטישער אידעאָלאָגיע, און האָט אויף דעם געביט געמאַכט אַן ערשט־ראַנגיקן פילאָסאָפיש־סאָציאָלאָגישן צושטייער מיט זיין טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם.

דער אַנטי־דאָגמאַטישער דענקער קאַלען האָט מיט דער דאָקטרין, וואָס איז דער היפּוך פון רעגימענטאַציע און גלייכשאַלטונג, פעסטגעשטעלט אַז ווער עס גלייבט אין דעמאָקראַטיע, אין דער „אַמעריקאַנער אידעע" — ווי ער שטרייכט כסדר אונטער — דער מוז אויך אָנערקענען און זיך באַציען פּאָזיטיוו צו דער אַנדערשקייט פון מענטש און מענטש; דער מוז הויך אָפּ־שאַצן די פאַרשיידנאַרטיקייט אין אמונה, אין פעאיקייט, אין געשמאַק, אין באַשעפטיקונג. וואָרעם אָט די אַנדערשקייט איז נאַטירלעך, שעפעריש און דערפאַר ווינטשנסווערט.

קאַלעניזם, אָדער קולטור־פּלוראַליזם, שטרייכט אונטער דעם פּרינציפּ אַז מיר לעבן אין אַ פילאַרטיקער וועלט, אַ וועלט וואָס איז פאַרשיידנאַרטיק אין נאַציאָנאַלע און ראַסן־אייגנשאַפטן, אין קונסט, אין ליטעראַטור, און אין פילאָסאָפיע; אַז בלויז די דאָזיקע פילאַרטיקייט, וואָס מיר דאַרפן מיט צופרידנקייט אָננעמען — איז מסוגל צו באַרייכערן דעם מענטשנס שאַפונגס־פּאָטענצן סיי אין אינטעלעקטועלע ענינים, סיי אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דעריבער איז קאַלען אַזאַ אומדערמידלעכער עקספּאָנענט פון געדאַנק אַז: „פרייהייט מיינט אָנערקענען, גלייבן און קעמפן פאַרן רעכט צו זיין אַנדערש. פרייהייט מיינט אין סך־הכל צו פאַרזיכערן יעדן מענטשן זיין אומאָפּהענגי־קייט פון גוף און גייסט".

אָט דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט האַלט קאַלען איז די „אַמעריקאַנער אידעע", וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער „אַמעריקאַנער ביבל", דאָס הייסט, אין די צענטראַלע דאָקומענטן וואָס האָבן אויסגעפורעמט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק: אין „דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", אין דער קאָנסטיטוציע,

און אין אַ ריי נאַציאָנאַלע דאָקומענטן פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן, לינקאָלן, ווילסאָן און פרענקלין ד. רוזוועלט. אין די דאָזיקע דאָקומענטן איז פאַראייביקט אַמעריקעס גלויבן — דער גלויבן אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן ווי גלייכע, און אַז אַלע האָבן די זעלביקע רעכט צו לעבן, צו פרייהייט, און גליק, וואָס קיינער טאָר ביי זיי ניט צונעמען. אין די פראַפּאָזיציעס פון דער „דעקלערייש׳אָן״ וואָס זיינען דער יסוד אויף וועלכע אַלע שפּעטערדיקע אַספּיראַציעס זיינען געבויט, ווערן מענטשן אַקצעפּטירט אַזוי ווי זיי זיינען, מיט אַלע זייערע פאַרשיידנאַרטיקייטן פון גלויבן, ראַסע, אידעען און פאַרמעגן. דאָ ווערן באַשטעטיקט די גלייכע רעכט פון די פאַרשיידענע מענטשן פריי צו קעמפן פאַר עקסיסטענץ און וואוקס אין פרייהייט און אין גליק ווי אַנדערשדיקע. די „דעקלערייש׳אָן״ וואַרפט אָפּ די הנחה אַז וועלכער עס איז יחיד אָדער געזעלשאַפט דאַרף פאָדערן פון זיין שכן אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין עקסיסטענץ.

די דאָקטרין פון גלייכער פרייהייט פאַר פאַרשיידנאַרטיקע יחידים און גרופּעס איז קאָנקרעטיזירט אין דער פּאָליטישער ספערע, אין דער עקאָנאָמישער ספערע, אין רעליגיע, אין דערציאונג און אין עפנטלעכן לעבן. אין דער לעצטער ספערע ווערט די דאָזיקע גלייכע פרייהייט אויסגעדריקט אין דעם רעכט צו פאָרמירן פאַרטייען, סעקטעס, קערפּערשאַפטן, טרייד־יוניאָנס, פראַטערנאַלע אָרדנס און אַנדערע פאַראיינען. „יעדע פון די דאָזיקע גרופּעס אויב זי ווערט סטאַביליזירט איז גענייגט צו שאַפן אַ דאָקטרין און דיסציפּלין וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איר.... אָפּהיטן אירע אייגענע טראַדיציעס, לעגענדעס, צערעמאָניאַלן און פייערלעכע געלעגנהייטן. די אַמעריקאַנער נאַציע איז באַזירט אויף די קאָאָפּערירנדיקע און קאָנקורירנדיקע באַציאונגען פון די דאָזיקע פרייוויליקע אַסאָסיאַציעס.... די שייכותן צווישן די אַלע גרופּעס ווערן ניט געזעצלעך נאָרמירט, נאָר זיינען פליסיק און באַוועגלעך. אָט די פרייע מאָביליטעט איז די כאַראַקטעריסטישע קוואַליטעט פון אַמעריקאַנער לעבנס־נוסח. דער סך־הכל פון דער קוואַליטעט איז קולטור־פּלוראַליזם״. די אייגנאַרטיקייט פון דער אַמעריקאַנער קולטור, האַלט קאַלען, באַשטייט אין דער אָרקעסטראַציע פון די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע דיפערענצן — „ע פּלוריבוס אונום״ — פון אַ סך איינס — איז די מאָטאָ פון אַמעריקע. דאָס מיינט, אינטערפּרעטירט קאַלען, אַז דער אַמעריקאַנער גייסט אַפירמירט דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט, און איז קעגן דעם אַסימילאַטאָר, קעגן דעם סעגרעגאַציאָ־

ניסט, קעגן דעם אַנטיסעמיט. דאָס רעכט פון פרייער פאַרשיידנאַרטיקער פאַראייניקונג — מיינט אָבער — נישט איינהייט; אָרקעסטראַציע — מיינט נישט צונויפשמעלצונג, און דאָס איז דער טייטש פון קולטור־פּלוראַליזם.

אָט די טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם איז אַ פּרואוו — פּונקט ווי דובנאָווס אויטאָנאָמיזם אין דער ראַם פון דער פיל־פעלקערדיקער אַמאָליקער רוסלאַנד — צו שאַפן אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען און אין קאָנטעקסט פון די איצטיקע הערשנדיקע אידעען אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן, אַ ראַציאָ־נאַל פאַרן ייִדישן קיום. לויט דער דאָזיקער פילאָסאָפיע האָבן ייִדן ווי יעדע אַנדערע עטנישע גרופּע אין אַמעריקע אַ רעכט אויף זעלבסט־אויסדרוק און אויף אָנהאַלטן און באַרייכערן זייער היסטאָרישע קולטור.

און דאָ קומען מיר צו קאַלענס בליק אויף דער ייִדישער גייסטיקער ירושה. פּראָפעסאָר קאַלען, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד און ווי אַ קינד געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, איז אויסגעוואַקסן אין אַ רעליגיעזער ייִדישער היים אין באָסטאָן. פּונקט ווי אַ סך ייִדישע יונגעלייט אין מזרח־אייראָפּע איז ער אין דער יוגנט אַוועק פון גאָט פון זיינע אָבות; ער איז אָבער געבליבן אַ פאַראינטערעסירטער אין דער ייִדישער קולטור און אין דעם מהות פון ייִדישקייט, אָדער ווי ער רופט עס העבּרעאיזם — אין קעגנזאַץ צום מהות פון דער גריכישער קולטור. עכטע ייִדישקייט, האַלט ער, איז מאָדערן אין תוך, וואָרעם די קווינטעסענץ פון דער ייִדישער קולטור — איז גלויבן, האָפענונג און גערעכטיקייט. „צו גלייבן אין גוטסקייט אַפילו פּנים אל פּנים מיט רשעות, צו האָפן אויף בעסערע צייטן וואָס וועלן קומען, און צו אַרבעטן אַז זיי זאָלן קומען— אָט דאָס איז ייִדישקייט". בעת די עסענץ פון דער גריכישער וועלט־וויזיע איז געווען האַרמאָניע, אומפאַרענדערלעכע אייביקע אָרדענונג, איז די עסענץ פון ייִדישקייט פלוס, ענדערונג, און אַז דער מענטש דאַרף און קען מתקן זיין. ייִדישקייט איז דער אויסדרוק פון וואוקס און ענדערונג; איר אינהאַלט באַשטייט פון אַ ממשותדיקער וויטאַליטעט, נישט פון אייביקע עסענצן. דער אינהאַלט פון ייִדישקייט אין פילאָסאָפיע איז געווען דער חזיון אַז די רעאַליטעט איז פליסיק; אין מאָראַל — זעט זי דעם ענדציל און ווערט פון יחיד; אין רעליגיע — אַז גאָט איז אַ מאָראַלישער ריכטער. ייִדישקייט איז דעריבער אַ קאַטעגאָריע וואָס זעט די נאַטור און דאָס לעבן אונטערן אַספּעקט פון צייט. צייט, ענדערונג און געשיכטע זיינען רעאַל און באַדייטונגס־פול. אָט די פילאָסאָפיע זעט אין ייִדישקייט דעם גלויבן אין פרייען ווילן און

פערזענלעכע אַחריות, מאָראַלישע פּערפעקציע און תשובה. לויט דער קאָנ־צעפּציע פון יידישקייט באַשטימט אַנדערשקייט דעם כאַראַקטער פון יידישן יחיד. אויב אַ מענטש האָט אַ רעכט צו לעבן, דאַן האָט ער אויך אַ רעכט צו זיין אַנדערש. יידישקייט מיינט: אינדיווידואַליזם, רעספּעקט פאַרן יחיד, רעכט פון דער מינאָריטעט, גערעכטיקייט.

ווי אַ סעקולאַריסט שטרייכט קאַלען אונטער אַז דער יודאַאיזם, די יידישע רעליגיע, איז נישט אידענטיש מיט יידישקייט, נאָר איז בלויז איין עלעמענט אין איר: — „וואָרעם דער תוך פון יידישקייט איז וועלטלעך, הומאַניסטיש, וויסנשאַפטלעך — איז די יידישע רעליגיע בלויז איין פּאַזע, איין אַספּעקט פון יידישקייט — דאָס איז דער אַספּעקט וואָס שליסט איין די סענטימענטן, טעאָריעס, דאָקטרינען און פּראַקטיק וואָס האָבן אַ שייכות צו גאָט".

אַרויסגייענדיק פון זיין פּראַגמאַטישער פילאָסאָפיע קומט ער דעריבער צום אויספיר, אַז דער תמצית פון יודאַאיזם איז נישט אָפּהענגיק פון דעפי־ניציעס אָדער פון היסטאָרישער ריכטיקייט, נאָר פון די קאָנסעקווענצן וואָס וועלן פירן צו פאַרשטאַרקן און באַרייכערן דאָס יידישע לעבן. דערפאַר מיינט ער, אַז דער יודאַאיזם דריקט ניט אויס איין וועלט־באַנעם — ווי מיר הערן דאָס פון אָפיציעלע פאַרטרעטער פון דער יידישער רעליגיע. ניין! יעדע ריכטונג אין יידישן לעבן, די ליובאַוויטשער, רעפאָרמער, ציוניסטן און בונ־דיסטן, יעדע פון זיי מעג אונטערשטרייכן, אין דעם גאַנצן געוועב פון יידיש־קייט וואָס עס איז באַדייטונגספול פאַר אירע קאַמפן און אידעאישע שטרייטן. דערפאַר האָט אַזאַ פרייער מאָדערנער ייד ווי אַלבערט איינשטיין דאָס רעכט אויסצוקלייבן פון דער יידישער ירושה דאָס וואָס איז זינפול פאַר זיינע אידעאַלן און זיינע שטרייטן. זיינע קעגנער האָבן פּונקט אַזאַ רעכט צו מאַכן זייער אויסוואַל. אָבערביידע וועלן זיין אומגערעכט אויב זיי וועלן באַטראַכטן זייער אָפּקלייב פון בלויז געוויסע עלעמענטן אין דער יידישער רעליגיע ווי דאָס גאַנצע בילד פון דער היסטאָרישער יידישקייט. קאַלען איז דעריבער גערעכט ווען ער האַלט, אַז עס זיינען דאָ יידישע וועלט־באַנעמען — אין דער מערצאָל — און יעדע גרופּע אין יידישן פאָלק מעג געפינען אַ שטיץ־פּונקט פאַר איר וועלט־אַנשויאונג אין דער היסטאָרישער יהדות. אָט אין דעם שטאַנדפּונקט זעען מיר קאַלענען דעם אויסגעהאַלטענעם יידישן הומאַניסט און פּלוראַליסט.

ווי זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט דער קולטור־פלוראַליזם ווי אַ אידעאישער יסוד פאַרן אויפהאַלט פון ייִדישקייט אין אַמעריקע? האָט די קולטור־פלוראַליסטישע שיטה אַן אָנהאַלט אין דער היגער רעאַליטעט? אויב מ׳האָט אַפילו ספקות צי קאַלענס „אַמעריקאַנער אידעע״ דריקט טאַקע אויס דעם אָפיציעלן כאַראַקטער פון אַמעריקאַניזם, ווי ס׳פאַרשטייען אים די הויפט־פירער פון די פּאָליטישע פאַרטייען אין לאַנד און די אָפיציעלע אַקאַדעמישע וועלט; אויב קאַלענס קולטור־פלוראַליזם איז דערווייל מער דער אידעאַל פון אַמעריקעס טרוימער איידער די סאָציאַל־פּאָליטישע רעאַליטעט, האָט פונדעסטוועגן דער קולטור־פלוראַליזם פאָרמולירט אַ פילאָסאָפיע פון ייִדישן קיום וואָס וואָרצלט אין אַמעריקאַנער ליבעראַלן געדאַנק, און גיט אויסדרוק צו די בענקשאַפטן פון מאָדערנע וועלטלעכע ייִדן וואָס קענען ניט אָננעמען דעם נאָרמאַטיוון יודאַאיזם, אָבער זיי גלייבן פאָרט אַז „וואָס מיר זיינען זיינען מיר אָבער ייִדן זיינען מיר״.

פאַר ייִדישע גרופן אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ, וואָס קענען ניט אַקצעפטירן די סינאַגאָגאַלע ייִדישקייט, אָבער ווילן אַרבעטן פאַר אַ ייִדיש־שעפערישן המשך אויף דער היגער ערד, פאַר זיי האָט קאַלען, דער סעקולאַריסט, געשאַפן אַ פילאָסאָפיע פון ייִדישקייט וואָס האַרמאָנירט מיט די אידעאַלן און שטרעבונגען פון מאָדערנע ייִדן. זיין קולטור־פלוראַליזם גיט אַן אָנהאַלט און איז אַן אידעאישע באַזע פאַר אַ דיפערענצירט גייסטיק לעבן אין ייִדישן קיבוץ. קאַלען זאָגט אונדז: אַלע שטראָמען אין ייִדישן לעבן, אַלע רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע שיטות אין ייִדישן פאָלק האָבן עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג אויב זיי דינען צו פאַרשטאַרקן און באַרייכערן דעם ייִדישן יחיד און דעם ייִדישן כלל. אַלע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער ייִדנטום דאַרפן בויען דאָס ייִדישע לעבן „מיטן ציל צו אָרקעסטרירן די אַנדערשקייט פון איינעם צום אַנדערן, כדי יעדער זאָל זיין באַקאַנט מיט דעם גלויבן און מעשים פון דעם אַנדערן, זיי פאַרשטיין און אָנערקענען ווו גלייכע איינסן וועמענס צוזאַמענדיקייט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטעגרירט געשטאַלט פון ייִדישער קולטור און אירע אידעאַלן פאַרן המשך און וואוקס פון דער ייִדישער דערציאונג וואָס זאָל איבערגעווינען די קומענדיקע דורות״.

און אויב געוויסע ייִדיש־אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן ווילן אונדז איינשמועסן אַז אַמעריקע אָנערקענט בלויז רעליגיעזע אַנדערשקייט לויט דער

פאָרמולע: „פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן, ייִדן" און דערפאַר דאַרפן מיר כלומרשט אויפהערן צו באַטראַכטן זיך ווי אַ פאָלקיש־קולטורעלע ענטיטעט, קענען מיר ענטפערן די אַלע כּכל־הגוייִמדיקע סימפּליציסטן אין גייסט פון האָראַס קאַלען: איר פאַרטרעט און שפּיגלט אָפּ בלויז איין שטראָם אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע: דעם קאָנפאָרמיסטיש־גלייכשאַלטנדיקן; אָבער דאָס איז נישט די גאַנצע און נישט די אייביקע אַמעריקע. „די אַמעריקאַנער אידעע" אָדער דער קולטור־פּלוראַליזם אַפירמירט דאָס רעכט צו זיין אַנדערש און די דאָזיקע אַנדערשקייט קען זיך אויסדריקן אין עטנישן אָפּשטאַם, אין רעליגיע, אין קונסט, אין וויסנשאַפט אָדער פּאָליטישע צילן; וואָרעם אַלע פאַרשיידנאַרטיקע גרופּירונגען זיינען אין הסכּם מיטן דעמאָקראַטישן לעבנס־סדר און מיט דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער סטרוקטור, און אַלע זיינען דעריבער באַרעכטיקט צו ווערן באַשיצט פון די געזעצן פון לאַנד.

(1959)

# לייבוש לעהרערס טראַדיציאָנאַליזם

לייבוש לעהרער איז געווען אַן אַלזייטיק־שעפערישער מענטש; ער איז געווען אַ ייִדישער דענקער, אַ פאָרשער אויף די געביטן פון פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע, אַן עסייאיסט, אַ רעדנער, אַ דערציִער. דערצו איז ער אויך געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַן עסקן אין די אינסטיטוציעס וואָס האָבן פאַרקערפּערט זיינע אידייען און גייסטיקע אינטערעסן: אין שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט און אין ייִוואָ. ער האָט געמאַכט וויכטיקע ביישטייערן צו דער ייִדישער מחשבה און ער האָט אַריינגעדרונגען אין נשמה־לעבן פון ייִדישן יחיד, פון דערוואַקסענעם, פון יוגנטלעכן און פון קינד. ער האָט געפּרוווט פאָרמולירן אַ ייִדישן וועלט־באַנעם פאַר מאָדערנע ייִדן און ער האָט באַגרינדעט די דערציאונגס־פילאָסאָפיע וואָס איז קאָנקרעטיזירט אין דער פּראַקטיק פון די שלום־עליכם־שולן.

לייבוש לעהרער איז געווען מיין לערער, מיט יאָרן צוריק, אין היגן ייִדישן לערער־סעמינאַר און זיינע גייסטיקע הויפּט־אינטערעסן האָבן אַ סך

פון אונדז שטאַרק באַשעפטיקט: דער גורל, די צוקונפט פון דער ייִדישער מינאָריטעט אין אַמעריקע, ווי קען מען אויפהאַלטן אַן אייגנאַרטיק שעפעריש ייִדיש לעבן אין אַ פאַרפלייצנדיקן נישט־ייִדישן אַרום? ווי מאַכט מען, אַז אויף דעם רייכן אַמעריקאַנער באָדן זאָל זיך פונאַנדערבליִען אַ ייִדישער גאָרטן וואָס זאָל זיין אי תוכיק ייִדיש, אי אינטערעסאַנט פאַרן מאָדערנעם ייִדן? איז מעגלעך צו זיין אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער קולטור און דאָך נישט ווערן דיסאינטעגרירט ווי אַ ייִד?

לייבוש לעהרער איז געווען אַ מענטש פון פּרעציזן געדאַנק, פון פּאַרטיפטן אַנאַליטישן טראַכטן און גלייכצייטיק אַ טוער, אַ פּראַקטיקער. אַן אַמעריקאַניש־געשולטער געלערנטער און אַ פאַרוואָרצלטער אין דער אַלטער ייִדישער קולטור־ירושה, האָט ער זיך גענומען מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פאָרשן די פּראָבלעמאַטיק פון היגן ייִדישן ציבור און די פּסיכיק פון ייִדישן יחיד. ער איז געווען אַ וויסנשאַפטלער וואָס האָט געזוכט דעם אמת, אָבער גלייכצייטיק אַ הייסער ייִד, וואָס איז פאַרליבט אין ייִדישע ווערטן און שטאַרק באַזאָרגט וועגן ייִדישן מאָרגן. ייִדישקייט און וויסנשאַפטלעכקייט זיינען די אַקס אַרום וועלכער עס האָט זיך באַוועגט זיין פען, זיין געדאַנק. און וויל ער האָט דערזען פריער ווי אַנדערע די געפאַר־סיגנאַלן פון דער צוקונפט, וואָרנט ער, שטראָפט ער, שווימט ער קעגן שטראָם און איז ווי אַ נאָן־קאָנ־פאָרמיסט אין דעם כאָר פון אָפּטימיסטישע ראַדיקאַלן פאַראייניזאַמט.

גאַנץ פרי האָט לייבוש לעהרער איינגעזען, אַז אונדזערע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען קען מען מיט אַלגעמיינע רעצעפּטן נישט לייזן. ער פאַרשטייט אויך, אַז מען קען אויפן היגן ייִדישן לעבן נישט אָנמעסטן די אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן זיך געפאָסט אין מזרח־אייראָפּע אָדער מערב־אייראָפּע; וואָרעם אונדזער היגע סביבה איז נישט קיין קאָפּיע, נישט פון פּוילן און אויך נישט פון דייטשלאַנד; דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ איז אַ נייער פענאָמען אין דער ייִדישער געשיכטע. ווי אַ געשולטער פּסיכאָלאָג און פּעדאַגאָג קומט ער צום אויספיר, אַז דער ייִדישער חינוך אין אַמעריקע קען נישט זיין געבויט, נישט אויף די הערשנדיקע אַמעריקאַנער דערציאונגס־טעאָריעס און אויך נישט אויף אימפּאָרטירטע ייִדישע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַנדערע באַדינגונגען. ער פּרוווט פאָרמולירן אַן אַמעריקאַניש־ייִדישע פילאָסאָפיע פאַר ייִדישע קיומיסטן אין הסכם מיט די נייסטע אויסגעפינבסן פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט; ער שאַפט אַ טעאָרעטישן יסוד פאַר די

שלום־עליכם־שולן און גלייכצייטיק העלפט ער זיי בויען. אין דער אייגענער צייט פרובירט ער אויס זיין טראַדיציאָנעל־מאָדערנעם נוסח אין זיין לאַבאָ־ראַטאָריע, אין קעמפּ בויבעריק.

אין 1918 איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון לייבוש לעהרערן און אַנדערע, געשאַפן געוואָרן דער שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט, און אין די 20ער יאָרן, ווען די לינקע כוואַליע האָט זיך צעגאָסן אויף דער יידישער גאַס, האָט לייבוש לעהרער אָפּגעהיט און אויפגעהיט די גאַנצקייט פון די שלום־עליכם־שולן.

ס'איז געווען געוואָגט אַרויסצוקומען אין 1927, ווען יעדע יידישע באַוועגונג האָט געמיינט אַז נאָר זי פאַרמאָגט דעם גאַנצן אמת, מיט אַ בוך „די מאָדערנע יידישע שול" און אַרגומענטירן לטובת דעם געדאַנק, אַז די יידישע שול דאַרף זיין איבערפּאַרטייאיש און אַז זי דאַרף דינען דער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער סביבה. ס'איז שוין אין די 20ער יאָרן אויפגעקומען ביי אונדז אַ וועלטלעכע סביבה און די קינדער פון דער סביבה האָבן זיך גענויטיקט אין אַ שול וואָס זאָל האַרמאָנירן מיטן גייסט פון דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר, וואָס האָט געוואָלט פאַרזיכערן אַ שעפערישן יידישן המשך אין אַמעריקע און וואָס האָט קאָנקרעטיזירט זיין באַציאונג צו יידישן קיום, צו יידישע ווערטן, צו יידיש, צו יידישער טראַדיציע אין פּראָגראַם פון דער שלום־עליכם־שול. אין דעם אַלעם האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק לייבוש לעהרער.

אין די 30ער יאָרן בייט זיך די שטימונג אויף דער ראַדיקאַלער יידישער גאַס אין אַמעריקע, — עס קומט אַ צייט פון חשבון־הנפש און אַ סך זוכן אַ טרייסט אין דער אמונה פון זיידעס און עלטער־זיידעס. עס איז שוין אויך געהאַט אויפגעקומען אַ נייער דור וואָס האָט געביטן דאָס פּנים פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. מ'האָט דערזען, אַז ביים צווייטן דור איז די יידישע היים אויסגעליידיקט אי פון יידישן לשון, אי פון יידישן אינהאַלט: עס זעט זיך נישט אָן דער יידישער שבת און יום־טוב און מען לייענט זעלטן אַ יידיש בוך אָדער אַ יידישע צייטונג. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מען דאַרף אין נייע לאָגלען אַריינגיסן מער אַלטן וויין; אַז מען קען אונדזער דערציאונג נישט בויען בלויז אויף די נויטן פון קינד, אָדער דער סביבה. „וואָרעם יידישער שעפערישער המשך" — אין לייבוש לעהרערס ווערטער — „איז מחייב אַ פּאָלקישן ווילן צו לעבן און אַזאַ ווילן איז נישט קיין נויט ביי קינדער. ביי אונדז דאַרף מען 'אַריינגאַרן' קינדער אין פאָלקסווילן צו לעבן, ווייל אַזוי דיקטירט די לאַגע".

איז אויב ייִדישע קרעאַטיווע עקזיסטענץ פליסט נישט ממילא פון זיך אַליין, נאָר מען דאַרף עס שטאַרק וועלן — אויב אַזוי — האַלט לייבוש לעהרער, איז נישט גענוג „קולטור־אַרבעט", ד"ה, שטיצן פינאַנציעל אינסטיטוציעס און בייוואוינען עפנטלעכע ייִדישע אַקטן. ס'איז נייטיק אַ ספּעציפיש־ייִדישער לעבנס־סיסטעם וואָס דריקט זיך אויס דורך פּריוואַטע התחייבותן אין אויפ־פיר. אַט אַזאַ געפּלאַנטע סיסטעם פון טראַדיציאָנעלע עיקרים, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט און וואָס דערלויבט פרייהייט בנוגע אויסטייטש פון דעטאַל „און וואָס וויל נישט קאַפּירן דאָס אַלטע אין פאָרעם און אין אינהאַלט" — אַט אַזאַ ייִדישע לעבנס־פילאָסאָפיע רופט לייבוש לעהרער אָן טראַדיציאָנאַליזם. פאַר אַט דעם געדאַנקען־גאַנג האָט לייבוש לעהרער געשטריטן מוטיק, שאַרפזיניק אין ביכער און עסייען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט במשך אַ פערטל יאָרהונדערט.

דער באַגריף רעליגיע, האַלט לעהרער, האָט נישט קיין שייכות מיטן עצם פון יהדות, וואָרעם בעת דער קווינטעסענץ פון רעליגיע ביי די אומות העולם ליגט אין די פּריוואַטע דערפאַרונגען פון יחידים, איז אונדזער ייִדישע אמונה דער עיקר אַ קאָדעקס וואָס רעגולירט דאָס לעבן פון ייִדן ווי אַנגעהעריקע צו אַ כלל. ייִדישקייט איז — לויט לעהרערן — אַ געזעץ־קאָנסטיטוציע, אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע סיסטעם וואו קיום האומה איז דער פירנדיקער מאָטיוו. (זע: „רעליגיעזע וועלטלעכקייט", זייטן 31־38.)

איך געהער צו די וואָס האַלטן אַז אַט דער לעהרערישער צוגאַנג צו ייִדישקייט אונטערשאַצט דעם אוניווערסאַל־אינטעלעקטועלן מהות פון יודאַ־איזם, און אַז ער איז מגזם דעם פאָלקיש־שטייגערישן עלעמענט — פונדעסט־וועגן האָט לעהרערס טעזיס שאַרף אַקצענטירט אַז אויך מיר, מאָדערנע ייִדן, טאָרן נישט פאַרגעסן דעם אַלטן אמת פון אַן עם לבדד ישכון; אַז אַלגעמיינע באַגריפן לאָזן זיך נישט אויטאָמאַטיש אָנווענדן אויף ייִדישע דערשיינונגען; אַז ייִדישקייט דעקט זיך נישט מיט רעליגיע אַליין, נאָר איז אַן אייגנאַרטיקער געוועב וואו עס פלעכטן זיך דורך אַ סך אַנדערע פעדעם.

לייבוש לעהרער האָט פאַרטיידיקט אומדערשראָקן זיין אידעאישע פּאָ־זיציע. ער איז געווען אַ קעמפערישע נאַטור, אַ מענטש פון כאַראַקטער, פון איבערצייגונג, פון שטאַרקן ווילן וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ צו גיין קעגן שטראָם, אויב זיין אמת דיקטירט אים אַזוי. אין דער וועלט פון אידעען — האָט ער געוואוסט, איז „דער קונה נישט אַלע מאָל גערעכט". האָט ער דעריבער

געוואַגט צו מוסרן און צו זאָגן דעם וועלטלעכן ייִדן, אַז זײַן אַ פֿרײַדענקער מיינט ניט צו זײַן פֿרײַ פֿון נאַציאָנאַלע מצוות, און צו זײַן אַ סעקולאַריסט מיינט נישט צו זײַן אַנטיטראַדיציאָנעל; ווארעם אויך אַ וועלטלעכער ייִד דאַרף האָבן אַ חוש פֿאַר אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן סטיל — צוליב ריין־עסטעטישע טעמים — אויב נישט צוליב אַ טעאָלאָגישן „מ׳מעג״ און „מ׳טאָר נישט״.

לייבוש לעהרער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער שמועסער; האָט פֿאַרמאָגט אַ שאַרפֿן חוש פֿאַר הומאָר און האָט ליב געהאַט די טריבונע — ווי אַ לעקטאָר, ווי אַ דעבאַטאַנט, ווי אַ רעדנער. ער איז די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן געווען פֿיזיש זייער שוואַך, דאָך איז זײַן מוח געווען וואַך, שפּרודלדיק און שאַרפֿזיניק. ער האָט ביז דער לעצטער מינוט פֿון זײַן אַקטיוו־שעפֿעריש לעבן נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן און צו שרייבן וועגן די אייביקע און תּוכיקע פֿראַגן פֿון מענטש און ייִד. ער האָט זיך אַרײַנגעשריבן אין ספר החיים פֿון ייִדישע תּלמידי־חכמים, וואָס האָבן זיך געווידמעט מיט טאַלאַנט, מיט לײַב־און־לעבן צו באַזינען אונדזער קאַמף פֿאַר קיום, און צו געווינען די קומענדיקע דורות פֿאַר ייִדישן המשך.

(1964)

# בן־אדיר און י. נ. שטיינבערג — צוויי וואַריאַנטן פֿון איין אידעאַל

## א

דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם פּונקט אַזוי ווי דער פּועלי־ציוניזם פֿאַרמאָגט פֿאַרשיידענע שאַטירונגען, אָבער בעת די אונטערשיידן אין די קאָנצעפּציעס פֿון אַ באָראָכאָוו, אַ סירקין, אַן א. ד. גאָרדאָן, למשל, זײַנען ברייט באַקאַנט, האָבן מיר ביז איצט נישט קיין שטודיע איבער די וואַריאַציעס און איבער די אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס פֿון סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם. ווי שטעלן זיך די טעריטאָריאַליסטישע טעאָרעטיקער פֿאַר זייער רעאַליזירטן אידעאַל: אַ צענטראַלן ייִדישן שטאַט ערגעץ־וואו, וואָס וועט אַרײַננעמען אַלע

ייִדן פון די תפוצות — אַ קיבוץ גלויות, אָדער זיי שטרעבן צו עטלעכע ייִדישע ישובים פאַר יענע ייִדן וואָס וועלן נישט קענען אָדער נישט וועלן פאַרבלייבן אין זייערע וואוין־לענדער? וואָס איז דער מקור פון די פאַרשיידענע טעריטאָריאַליסטישע אידעאָלאָגן: ייִדן־נויט אָדער ייִדישקייט־נויט? סאָציאַלע גאולה אָדער קיום האומה? אָט די און אַנדערע צענטראַלע פּראָבלעמען אין די קאָנצעפּציעס פון די אָנגעזעענסטע טעריטאָריאַליסטישע דענקער זענען ביז איצט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן.

בן־אדיר און י. נ. שטיינבערג, די צוויי טאַלאַנטפולע עקספּאָנענטן פון טעריטאָריאַליזם, פּערסאָנאָפיצירן צוויי באַזונדערע שטרעמונגען אין סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם וואָס שפּיגלען אָפּ זייערע אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן, זייערע פאַרשיידענע דערפאַרונגען, סביבות, געשיכטלעכע פּעריאָדן, און גייסטיקע קלימאַטן. דער מקור, די עוואָלוציע און דער ענד־ציל פון זייערע טעריטאָריאַליסטישע שיטות איז נישט נאָר אינטערעסאַנט פאַרן היסטאָריקער און ביאָגראַף, נאָר קען אויך זיין באַדייטונגספול פאַר אונדזער היינט און מאָרגן. אָט דערפאַר איז כדאי מעיין צו זיין אין דעם נישט בלויז אַקאַדעמישן ענין.

דער ווייס־רוסישער יונגערמאַן בן־אדיר (1878־1942) האָט נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס געפּריידיקט דעם הערצלשן ציוניזם, באַקעמפנדיק אחד־העמס און דובנאָווס גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. אָבער אין גיכן אַנטוישט ער זיך אין פּאָליטישן ציוניזם ווייל „דער תמצית פון באַזעלער ציוניזם איז געווען אויפגעבויט אויף ריין לאָגישע... אָבער נישט סאָציאָלאָגישע הנחות. מ'האָט זיך נישט באַמיט אָנצואווייזן אויף די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון און סאָציאַלע כוחות וואָס דאַרפן פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל. אין בעסטן פאַל האָט מען זיך געשטיצט אויף מאָראַלישע סברות, מע האָט זיך פאַרלאָזט אויף פעלקער־גערעכטיקייט, אויפן יושר פון דער וועלט און אויף דיפּלאָמאַטישע קונצן. אַזאַ 'געשיכטע־פילאָסאָפיע' האָט נישט געקענט באַפרידיקן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טוער״[1].

זוכנדיק אַ סינטעז צווישן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן מאָמענט קומט בן־אדיר צו דער אויפלעבונגס־קאָנצעפּציע וואָס שטעלט זיך קעגן דער נעגאַציע פון גלות וואָס האָט געהערשט אין די רייען פון די ערשטע פועלי ציון און שפּעטערדיקע ס״ס. „מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער סאָציאָלאָגישער הנחה, אַז דער טעריטאָריאַליסטישער בנין קען אויפגעשטעלט ווערן ניט

אויפן יסוד פון נעגאַטיווע מאָמענטן, פון חורבן־פּראָצעסן נאָר אויפן באָדן פון פּאָזיטיווע, שאַפנדיקע כוחות און פאַקטאָרן... און בכלל האָבן מיר באַטראַכט פאַר פאַלש און אין גרונד ווידערשפּרעכיק די גאַנצע ציוניסטישע געשיכטע־פילאָסאָפיע, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען בירושה צו די פּועלי ציון, דאָס אַבסאָלוטע 'פאַרניינען' דעם גלות, דאָס זען אין גלות לעבן איין גרויסן שוואַרצן פלעק, אָן אַ שום ליכטשטראַל... ערשטנס איז עס פאַקטיש נישט אמת, עס אַנטשפּרעכט פּשוט נישט דער אָביעקטיווערווירקלעכקייט, והשנית, וואָלט עס באמת זיין אַזוי וואָלט עס פאָרויס פאַרמשפּט דעם ציוניזם ווי די ווילדע אוטאָפּיע, ווייל פון גאָרנישט קען קיין 'יש' נישט ווערן״[2].

מיט אַנדערע ווערטער, דער טעריטאָריאַליזם, על פּי בן־אדיר, וועט פאַרווירקלעכט ווערן אַ דאַנק די פּאָזיטיווע שעפערישע טענדענצן און פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין גלות גופא, וואו עס קומט פאָר אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער וואוקס און וואו עס ווערן געשאַפן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע ווערטן ווי עס באַווייזט די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון רוסלאַנד און אַמעריקע. „דאָס אויפקומען פון דער ציוניסטישער און אַרבעטער־באַוועגונגען, די אויפּבליאונג פון אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור אין יידיש און העברעאיש, פון יידישן טעאַטער און קונסט, די פילפאַכע פּראָצעסן פון אָרגאַניזירן און צוזאַמענגעמען זיך וואָס קומען כסדר פאָר אין די פאַרשיידענע געביטן פון יידישן לעבן און שאַפן — דאָס אַלץ איז דער בעסטער באַוויז דערפאַר״[3].

אָט די דאָזיקע סיימיסטישע קאָנצעפּציע וואָס בן־אדיר איז געווען איינער פון אירע הויפּט־באַגרינדערס (צווישן די יאָרן 1903־1906) האָט — אין אַ צייט ווען דער מאַרקסיזם האָט דאָמינירט די מוחות פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ — געוואָגט צו דערקלערן אַז מע קען „די יידישע פראַגע״ נישט פאַרענטפערן ווי אַן עקאָנאָמישע פראַגע; און אַז די טעריטאָריאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז לויט איר עצם אַ ריין נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע״. אין מיין פאָרטראָג אויף דער קאָנפערענץ, „די ראָל פון קלאַסן און נאַציעס אין קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״ האָב איך זיך באַמיט צו דערווייזן אַז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט... די פרייע אַנטוויקלונג פון אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קולטורן איז אין תוך אַריין אַ פּאָזיטיווע, אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג, וואָס באַרייכערט און באַפרוכפּערט די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור, און בכן איז דווקא די אויפגאַבע פון יענע שיכטן און קלאַסן וואָס פאַרקערפּערן

אין זיך די אידייע פון פּראָגרעס, מיטצוהעלפן אָט דער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די אונטערדריקטע פעלקער"[4].

פאַר בן־אדירן וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געוויטיקט מיט די פּראָבלעמען פון קיום האומה איז דעריבער טעריטאָריאַליזם באַגרינדעט אויף קיום האומה — נישט אויף קלאַסן־קאַמף; אויף די פּאָזיטיווע דערשיינונגען און פּראָצעסן אין גלות — נישט אויף זיין שוואַרצקייט. אַזוי האָט בן־אדיר געטראַכט ביז... צום אויפקום פון היטלעריזם.

## ב

צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט בן־אדיר געלעבט אין ליטע, אין ארץ ישראל, אין בערלין און אין פּאַריז. ער האָט זיך צוגעקוקט און שטודירט דאָס יידישע און אַלגעמיינע לעבן אין מזרח־און מערב־אייראָפּע. ער זעט דעם רעזולטאַט פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט וואָס דער ווערסאַלער שלום טראַקטאַט האָט אָנערקענט און טיילווייז פּאַרווירקלעכט פאַר יידן און אַנדערע מיעוטים. ער שטודירט דעם נייעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע און ער קומט צו דער מסקנא פון די שוללי־הגלות וועלכע ער האָט אַמאָל, — פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — באַקעמפט; ניטאָ קיין שום תקומה פאַר יידן אין די תפוצות. ער גייט צוריק צום הערצליאַנישן טעריטאָריאַליזם. זיין גרויסן טעריטאָריאַליסטישן אני־מאמין האָט ער ממעמקים אויסגעשריגן אין זיין פּאַטאָספולן ביכל „פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין" — אַ רירנדיקער דאָקומענט אין דער היטלער־תקופה — וואו אַן ערשט־ראַנגיקער יידישער פּובליציסט און מאָראַליש זויבערע פּערזענלעכקייט רופט די יידישע אינטעליגענץ אַריבער־צוגיין צו אַ ראַדיקאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, ד"ה זי זאָל אָנערקענען אַז נאַציע און טעריטאָריע דעקן זיך און אַז מינאָריטעטן־פעלקער דאַרפן טראַנספּערירט ווערן. „ניט קיין מיש־מאַש פון פעלקער, ניט קיין בבל־אויס־מישעכץ פון נאַציאָנאַלע ברעקלעך, נאָר קאָמפּאַקטע נאַציאָנאַלע איינהייטן, ווי געזונטע, נאָרמאַלע, נאַטירלעכע גלידער פון דער מענטשהייט־משפחה — דאָס איז די איינציק־ראַציאָנאַלע, באמת סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע"[5]. פאַרשטייט זיך אַז דער מעטאָד פון באַפעלקערונגס־טראַנספער דאַרף זיין געבויט אויף יסודות פון פולער פרייהייט אָן דעם מינדסטן שפּור פון דירעקטן צי אומדירעקטן צוואַנג.

נישט נאָר מזרח־אייראָפּע — וואו עס האָט נאָך דעמאָלט געלעבט דער רוב פון יידישן וועלט־פאָלק — נאָר אויך דער גרויסער אַמעריקאַנער יידישער מאַסן־קיבוץ גייט צו גייסטיקער אַסימילאַציע, ווייל די מאָדערנע תקופה שאַפט אוממעגלעכע תנאים פאַרן נאַציאָנאַלן לעבן פון יידישן פאָלק. כל זמן, הייסט עס, רעליגיע האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין אונדזער לעבן, האָט זי אין די תנאים פון גלות צעמענטירט און פאַרפעסטיקט דאָס פאָלק קעגן דער אַרומיקער דיסאינטעגרירנדיקער קולטור. אָבער איצט, ווען רעליגיע איז אַפּגעשוואַכט ווי אַ צוזאַמענהאַלטנדיקער פאַקטאָר, קען דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר נישט גאַראַנטירן דעם קיום האומה. והראיה: אַמעריקע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אין יידישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן זינען, אַ טרויעריק, האָפענונגסלאָז בילד — אַזוי האַלט בן־אדיר. ובכן, „דאָס יידישע פאָלק דאַרף זיך פאַרשאַפן אַן אייגענע היים פאַר זיך, צוגלייך צו אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט — אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ניט בלויז פאַר די געדרודפטע און געפּלאָגטע יידן אין מזרח, נאָר אויך פאַר די ׳אַלרייט׳ קיבוצים אין נאָענטן און וייטן מערב״[6].

נאָכן צוזאַמענברוך פון פראַנקרייך (1940) איז בן־אדיר געקומען קיין ניו־יאָרק וואו ער האָט אָנגעהויבן רעדאַגירן דעם זשורנאַל „אויפן שוועל״ — אָרגאַן פון דער פרייל־אַנד־ליגע. דאָ האָט ער אין אומצייליקע אַרטיקלען און עפנטלעכע רעפעראַטן איבערגעחזרט דעם זעלביקן טעזיס: ארץ ישראל קען נישט זיין — סיי צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע, סיי צוליב אירע באַגרענעצטע רעסורסן און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן — דאָס לאַנד פון קיבוץ גלויות. דאַרף מען דעריבער קריגן אַ גרויס לאַנד פאַר אַ פּלאַנמעסיקער מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון מיליאָנען יידן.

מע וואָלט געקענט סומירן בן־אדירס טעריטאָריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג אַזוי: אַפּוואַרפנדיק אין זיין יוגנט דעם אחד־העמיסטיש־דובנאָווישן בליק אויף יידן ווי אויף אַן אייגנאַרטיקער אומה, האָט בן־אדיר אָנגענומען דעם הערצליאַנישן ציוניזם מיט זיין ככל־הגוימדיקייט און שלילת הגלות. שפּעטער, אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווען דער יידישער קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ מאָדערנע וועלטלעכע קולטור האָט ער (אין זיין סיימיסטישן פּעריאָד) אָנערקענט די פּאָזיטיווע טענדענצן און שאַפונגס־מעגלעכקייטן אין די תפוצות. אונטערן דרוק פון היטלעריזם איז ער צוריקגעקומען צו זיין לכתחילהדיקן הערצליאַנישן אידעאַל פון קיבוץ־

גלויות אין אַ גרויסער טעריטאָריע. אין אַלע זיינע גילגולים אָבער האָט ער געשטרעבט צו לייזן די יידן־פּראַגע ווי אַ נאַציאָנאַלע פּראַגע: אונדז צו נאָרמאַליזירן ככל הגוים — אַז לאַנד און פאָלק זאָלן זיך דעקן — אויב נישט שוין איצט איז „דאָן און דאָרט וואו און ווען ס'וועלן דערפאַר רייף ווערן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען"[7].

ג

י. נ. שטיינבערגס טעריטאָריאַליסטישע טעטיקייט האָט, ווי באַקאַנט, זיך אָנגעהויבן ערשט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה בעת דער גרינדונג פון דער פרייל־אַנד־ליגע (1935). שטיינבערג האָט שוין דאַן געהאַט הינטער זיך אַ שטורמישע קאַריערע פון אַ פירער ביי די לינקע עסערן, פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר אין לענינס קאַבינעט, פון יאָרן שטודירן לעבן און ווירקן אין דייטשלאַנד, און פון גרויסע אויפטוען ווי אַ רעדאַקטאָר פון די „פרייע שריפטן" — אַ זאַמלפונקט פון אומאָפּהענגיקע אַנטי־שטראָמיקע יידישע סאָציאַליסטישע אינטעלעקטואַלן און יונגע אומרואיקע זוכער פון אמת. און ווייל מען פאַרשטיין שטיינבערגס פרייל־אַנדיסטישן נעאָ־טעריטאָריאַליזם דאַרף מען זיך באַקענען מיט זיין קוק אויף קאָלעקטיוו און יחיד, מלוכה און ציוניזם.

ראשית, לאָמיר פעסטשטעלן, אַז שטיינבערג אַליין האָט בפירוש פאַר־שטאַנען אַז די פרייל־אַנד־ליגע איז נישט בלויז קיין המשך פון אַלטן טערי־טאָריאַליזם. זי האָט אָנערקענט די נייע סיטואַציע און איז דעריבער נישט באַשטאַנען דווקא אויף פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַרן פּראָיעקטירטן יידישן ישוב. זי איז גרייט געווען זיך צופרידנצושטעלן מיט אויטאָנאָמיע אין קול־טורעלע און רעליגיעזע ענינים. זי האָט זיך גיכער באַטראַכט ווי אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַוועגונג, איידער אַ פּאָליטישע באַוועגונג. זי האָט נישט געשטרעבט צו אַ סעפּעראַטער מלוכה, נאָר בלויז צו אַ פריי לאַנד אונטער אַ דעמאָקראַטישן רעזשים"[8].

שטיינבערגס פרייל־אַנדיזם הייסט עס, איז נישט מחייב קיין קיבוץ גלויות פאַרן גאַנצן יידישן וועלט־פאָלק ווי בן אדירס טעריטאָריאַליזם. פאַר שטיינ־בערגן איז סתם קיום האומה נישט קיין גענוגנדע באַרעכטיקונג פאַר אונדזער טויזנט־יאָריקן קאַמף צו עקסיסטירן. נאָר צוליב דער „יידישער אידעאָלאָגיע" ד"ה אַ דאַנק דער יידישער רעליגיע וואָס האָט פאַרקערפּערט אונדזער וועלט־

און־לעבנס־פּראָגראַם זענען ייִדן גרייט געווען אויסצושטיין אַלע רדיפות אַבי צו בלייבן לעבן. „ווייל דאָס פאָלק האָט טיף געגלויבט אין זיין רעליגיעז־היסטאָרישער מיסיע... האָט עס געוואָלט אונטער אַלע באַדינגונגען בלייבן לעבן, האָט עס זיך גענומען צו אַלע מעגלעכע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס"[9].

ייִדישער קיום קען, לויט שטיינבערגן, באַרעכטיקט ווערן נאָר דורך אַ שליחות, אַ פילאָסאָפיע וואָס וועט באַזינען אונדזער אומאויפהערלעכן געראַנגל פאַר אידענטיטעט. „י ב נ ה" פאַרקערפּערט פאַר אים אָט די דאָזיקע מאָראַ־ליש־רעליגיעזע קאָנצעפּציע וואָס האָט געגעבן אַן אינהאַלט אונדזער פאָלק אין משך פון דורות. „י ב נ ה" באַצייכנט תורה לשמה, ממשלהלאָזיקייט וואָס פאַרשקלאַפט נישט זיך, ניט דעם אַנדערן צו מלוכה־אינסטיטוציעס. „י ב נ ה" גיט דערהויבנקייט און אַ מאָראַליש־זויבער לעבן.

אָט דערפאַר שטעלט ער גייסט־ייִדישקייט קעגן מלוכה־ייִדישקייט: „מעג אַ מלוכה זיין דער העכסטער ווערט ביי די אומות העולם קען זי עס נישט ווערן ביי אַ פאָלק וואָס האָט אויסגעשמידט אַ פיל קאָמפּליצירטערן לייטער פון גייסטיקע ווערטן וואָס די איינצעלנע שטופן זיינע קענען נישט ווערן פשוט פונאַנדערגעריסן. אָט איז למשל די ווערטן־ליניע וואָס אַ סך ייִדן האָבן זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט: ארץ ישראל — עם־ישראל— תורת ישראל — אלוקי־ישראל. נישטאָ ייִדישקייט אָן ייִדיש פאָלק, פונקט אַזוי ווי נישטאָ ייִדיש פאָלק אָן זיין לעבנס־לערע און זיין גאָט"[10].

און טאָמער מיינט איר אַז „יבנה", אָט די רעליגיעז־גייסטיקע פאָרם פון ייִדישער זעלבסט־דערהאַלטונג, איז בלויז געווען אַ מיטל, אַן אינטערלודיע צווישן די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע תקופות אין דער ייִדישער געשיכטע? ענט־פערט אויף דעם שטיינבערג: ניין! עס איז וויכטיקער צו זיין אַ לעבעדיק ג י י ס ט י ק פ אָ ל ק, ווי אַ פּ אָ ל י ט י ש ע נ אַ צ י ע, וואָרעם יעדעס פאָלק פאַרמאָגט בלויז אין יעדער תקופה אַ באַשטימטן סכום שעפערישקייט, און אויב עס פאַרברויכט די דאָזיקע קרעאַטיווע ענערגיע אויף איין געביט, דעמאָלט האָט עס נישט גענוג פון דעם מין אויף אַן אַנדער פּלאַץ. „פאַרוואָס איז די ייִדן געלונגען אויפצוהאַלטן אַזוי לאַנג צווישן זיך און אַרום זיך די אַטמאָס־פערע פון זעלישער ריינקייט, פון טריישאַפט און מסירת נפש פאַר אידייען, פון פאַראַכטונג צו די כלומרשט־מעכטיקע אינסטיטוציעס פון זייער וועלט? ...ווייל זיי האָבן נישט געמוזט פאַרברויכן זייער נאַציאָנאַלע ענערגיע אויף אויפצוהאַלטן מלוכות און אַלע יענע אינסטיטוציעס וואָס געהערן צו זיי:

פּאָליציי, אַרמיי, צענזור, „בלינדער פּאַטריאָטיזם״[11]. דעריבער קומט דער פּריילאַנדיסט צו דער מסקנא אַז יבנה שטייט העכער ווי ירושלים.

און ווייל דער משיחיזם וואָס צילט אַ סוף צו מאַכן צו גלות־השכינה, גלות העם און צום פּערזענלעכן גלות פון יידישן יחיד; ווייל דער באחרית־הימים־חזיון איז אַ גרונט־שטריך פון דער יידישער אמונה דערפאַר האָט שטיינבערגס איינשטעל צו ייד און וועלט אַזוי האַרמאָנירט מ י ט און איז אַרויסגעפלאָסן פ ו ן די יסודות פון יהדות.

יידן זענען פאַר שטיינבערגן אַן עם הנבחר אין דעם זינען וואָס זיי האָבן אַ שליחות צו פּערמענטירן די מענטשהייט כדי זי צו דערהייבן צו אַ מאָראַליש־העכערן שטאַפּל. דאָס איז אַ בחירה וואָס גיט נישט קיין פּריווילעגיעס צום אויסדערוויילטן נאָר פאַרפּליכטעט אים נישט אַרונטערצולאָזן זיך צו דער נידעריקער מדרגה אין וועלכער די וועלט געפינט זיך איצט, און האָפט אַרויפצוהייבן זי אויף די באַרג־שפּיצן פון קדושה און געלייטערטקייט.

פון דאַנען שטאַמט שטיינבערגס קריטיק פון ציוניזם. ניט ווייל דער ציוניזם האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון קיבוץ גלויות, אָדער ווייל די רעסורסן פון ארץ ישראל זיינען באַגרענעצטע — ווי בן־אדיר האָט מאָטיווירט זיין קעגנערשאַפט — נאָר ווייל „מיר קענען די געשיכטע פון שטאַטן בכלל און מיר האָבן געזען די ביטערע לאַגע פון קליינע שטאַטן אין דער היינטיקער וועלט. כדי זיך צו האַלטן ביים לעבן מוזן זיי זיך שטיצן אויף די גרויסמאַכטן און ווערן אַ געצייג פון זייער פּאָליטיק, אָדער זיי מוזן זיך מיליטאַריזירן פון אָנהייב אָן. דעמאָלט קומט אויף די געפאַר אַז די ענערגיע פון פאָלק וועט אָפּפליסן פון די עכטע סאָציאַלע און קולטורעלע קוואַלן און וועט זיך צווענדן מיינסטנס צו די כוחות פון אַ געפאַנצערטער פויסט״[12]. און דאָס מיינט דאָך פאַרלייקענען די „יידישע אידעאָלאָגיע״ און פעלשן אין י ב נ ה.

שפּעטער, — דריי יאָר נאָכדעם ווי מדינת ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן — וואָרנט ער ווידער אַז „עס ווערט פאַרפעסטיקט אין לאַנד אַן ענגהאַרציקער מלוכהשער נאַציאָנאַליזם, אַ בלינדע ליבע צו דעם אייגענעם, אויסגעמישט מיט פיינדשאַפט צו פרעמדן. די אַלטע עכט־יידישע גייסטיקע פאַרבונדנקייט מיטן פאָלק ווערט פאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין יענער וואולגאַר־נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע וואָס האָט רואינירט שוין אַזוי פיל פעלקער״[13]. אָבער שטיינבערג אַנערקענט אַז אַט דער מלוכהש־מיליטערישער אינסטרומענט פון יידישן קיום איז איין וועג צו דער יידישער צוקונפט, אויב נישט דער איינציקער וועג.

„מיט דעם גאַנצן האַרצן אַנערקענט דער פרייל‌אַנדיסט אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן און ווערט געטאָן אין ארץ־ישראל פאַר אַ פרידלעכער קאָלאָניזאַציע, פאַר דער איינוואָרצלונג פון אונדזערע היימלאָזע אין געזונטער ערד־אַרבעט, פאַר דעם אויפבוי פון סאָציאַל־גערעכטע לעבנס־פאָרמען, פאַר דער דער־לייזונג פון דער געפייניקטער יידישער נשמה״[14]

שטיינבערגס שיער־נישט אחד־העמיסטישער טעריטאָריאַליזם — מיט יידיש ווי אַן אָפיציעלע שפּראַך — קען אויך ניט אַקצעפּטירן בן־אדירס שלילת הגלות איינשליסנדיק די „אַלרייט־ישובים״. עס איז אים אויך קלאָר אַז מיט קולטוריזם אַליין קען מען ניט אָפּהיטן דאָס פאָלק פון אַסימילאַציע־געפאַרן. דאָך גלייבט ער „אַז אין אונדזערע פאָלקס־מאַסן איז נאָך פאַראַן אַ ים מיט כוחות אויף אויפצוהאַלטן און אויפצובויען גייסטיק דאָס פאָלק. נישט נאָר דער עלטערער און דער עלטערן־דור פאַרמאָגן זיי אין שפע, אָבער אויך די יוגנט וואָלט זיך אָפּגערופן מיט קראַפט און וואַרעמקייט ווען זי דערשפּירט נאָר אַן עכטן ברויזנדיקן ווילן צו מעשים, צו פאַרווירקלעכונג״[15].

אָט אַזאַ טעריטאָריאַליסטישע שיטה וואו דער עיקר גייט נישט אין סתם קיום האומה, נאָר אויפצוהאַלטן „יבנה״ — אַ לעבנסשטייגער וואו דער יידישער מענטש וועט לעבנדיק אין מנוחה קענען קולטיווירן זיינע זעלישע נויטן — אַזאַ קאָנצעפּציע קען רעדן וועגן טעריטאָריעס בלשון רבים[16]. דער טראָפּ ווערט דאָ געשטעלט אויף מוסטערהאַפטע קאָאָפּעראַטיווע ישובים פון מוסטער־האַפטע יידן, און דערפאַר הערט שטיינבערג נישט אויף צו באַטאָנען אַז „פרייל‌אַנד״ שטרעבט צו געפינען אַ רואיקן ווינקל אויף גאָטס ערד כדי דער ייד זאָל נישט זיין געצוואונגען האַלטן אין איין האַנט דעם שווערד בעת ער האַלט אין דער אַנדערער דעם אַקער־אייזן. דער לייט־מאָטיוו אין דער שטיינ־בערגשער קאָנצעפּציע איז דאָך די צרת היהדות — די יידישקייט־נויט — נישט „די יידן־נויט״ צוליב וועלכער מ׳דאַרף שאַפן אַ רוחניותדיקן צענטער אין הסכם מיט די באַדערפעניש און דעם מהות פון אונדזער גייסטיק פאָלק, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין זיין פאָלקס־קולטור. „איינע און אפשר די וויכטיקסטע סיבה צוליב וועלכער פרייל‌אַנד מוז זוכן נאָך אַ טעריטאָריע אָדער טעריטאָריעס פאַר אונדזערע היימלאָזע איז — צו געפינען אַ מקום מקלט פאַר דער היימלאָזער יידישער פאָלקס־קולטור״[17].

אין אָט דעם גייסטיקן טעריטאָריאַליזם איז נישט דענקבאַר אַז לאַנד און פאָלק דעקן זיך ביי אונדז ווי ביי די אומות העולם. ס׳איז גאָרנישט מעגלעך

זיך פאַרצושטעלן אַזאַ ככל הגוימדיקן פרינציפּ אין שטיינבערגס רעליגיעז־סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. און ווען בן־אדיר קומט אַרויס, ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה מיטן שטאַנדפּונקט אַז פאַר פריי־לאַנדיסטן שטייט די אַלטערנאַטיווע ארץ ישראל אָדער פאָלק ישראל, ענטפערט אים שטיינבערג: „דער וועג שיינט צו פירן נישט אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל איבער דעם פאָלק — אָדער פון פאָלק קעגן ארץ ישראל. פאָלק נעמט אַרום סיי ארץ ישראל סיי אַ ניי פריילאַנד סיי דאָס איראָפּע פון דער אומצעשטערבאַרער ווילנע״[18].

בן־אדיר טרעט אַרויס מיט די שאַרפסטע פּאָלעמישע פיילן קעגן דער שטיינבערגשער קאָנצעפּציע. ער טענהט אַז אין אַזאַ באַנעם איז קיין זכר נישט פאַרבליבן פון טעריטאָריאַליסטישן גרונט־פּרינציפּ. ער (בן־אדיר) איז גרייט מוותר צו זיין אויף מלוכהשער סואווערעניטעט, אָבער בשום אופן נישט אויף אַן אויטאָנאָם־נאַציאָנאַל לעבן אין אַ דורכאויסיק נאַציאָנאַלער סביבה מיט אַ יידישער מערהייט. „מע קען זיין אַ הייסער אָנהענגער פון אַ פרייער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט געבויט אויפן שטרענג אויסגעהאַל־טענעם פּרינציפּ פון פרייער קאָאָפּעראַציע...און אין דער זעלבער צייט זיין נישט קיין ווייניקער הייסער אָנהענגער פון אויטאָנאָם־נאַציאָנאַלן לעבן פון פעלקער אויפן יסוד פון דורכאויסיקע נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע באַפעל־קערונגס־גרופּעס, ווייל אַ נאָרמאַל געזונט און פולבלוטיק נאַציאָנאַל־לעבן, די אַלזייטיק פרייע און שעפערישע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קול־טור איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דאָס פאָלק לעבט אויטאָנאָם אויפן אייגענעם באָדן אין אַ דורכאויסיקער נאַציאָנאַלער סביבה״[19].

וואָס ענטפערט אויף דעם שטיינבערג? דירעקט הערן מיר נישט פון אים; אפשר ווייל דער שליח פון פריילאַנד איז דאַן געווען אין אויסטראַליע פאַרטאָן אין דער אַרבעט פאַרן קימבערלי־פּראָיעקט. אָבער שפּעטער, ווען ער קומט קיין ניו־יאָרק און ער נעמט איבער די רעדאַקציע פון „אויפן שוועל״ דעפינירט ער קלאָר די באַגריפן נאַציע, פאָלק און לאַנד. באַלד נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל שרייבט ער: „עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד טיף ווי דער תהום, צווישן יידן אַלס פּאָליטישע נאַציע און די יידן אַלס גייסטיק פאָלק. נאַציע איז מלוכה, איז „קולטור״, איז מאַשין, פּאָליטיק... פאָלק איז תורה... איז לעבעדיקער גייסט, איז מער ווי דער שטח פון פאָטערלאַנד; עס איז דער גאַנצער כלל ישראל און יעדער

יחיד אין אים״[20]. ס׳איז אַ ווייטער מהלך פון דעם צוגאַנג ביז בן־אדירס קוק אויף פאָלק און לאַנד!

ד

מיר איז באַשערט געווען צו אָבסערווירן פון דער נאָענט און צו פאַר־ברענגען אויף רעדאַקציע־און קאָמיטעט־זיצונגען אי מיט בן־אדירן, אי מיט שטיינבערגן. מיט דעם ערשטן אין משך פון צוויי יאָר פון זיין לעבן אין ניו־יאָרק (1940 — 1942), און מיט דעם צווייטן אין משך פון זעקס יאָר (1944 — 1950) ווען איך בין געווען דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער פריילאַנד־ליגע.

בן־אדיר וואָס איז געווען אַן ערשט־ראַנגיקער פובליציסט מיט אַן אייגענעם סטיל, מיט אַ שאַרפער לאָגיק און מיט אומגעווייגטלעכן מוט נישט צו גיין אין שפאַן, נאָר שטענדיק דורכצוטראַכטן אַן ענין — ביזן סוף — און זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די געוואַגטסטע אויספירן — איז פונדעסטוועגן געווען אַן אינטראָווערט וואָס האָט זיך געפילט אומבאַקוועם אויף דער פלאַטפאָרם. ער איז טאַקע קיין רעדנער נישט געווען, זיין גאַנצער כוח איז געלעגן אין דער פען. דערצו איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון פשטות, וואָס ווייסט נישט פון קיין אָנשטעלן און האָט פיינט אַלץ וואָס איז אומעכט.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, ווען איך בין געזעסן לעבן בן־אדירן ביי אַ פייערונג לכבוד אַ געזעלשאַפטלעכן טוער — וואו אַ ריי קאָרפּן־קעפּ פון דער ראַדיקאַלער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן דעם טוער גע־זונגען שטאַרק איבערגעטריבענע שבחים. פרעגט מיך בן־אדיר: „צו וואָס דאַרף ער דאָס? ווייס ער דען נישט אַז ס׳איז נישט עכט״!

פאַר דעם אַנאַליטיקער בן־אדיר וואָס האָט אָפט גענוצט אין זיין אַרגו־מענטאַציע דעם אַדיעקטיוו „ראַציאָנאַל״, און וואָס איז געווען אַן „אַלט־מאָדישער״ סעקולאַריסט על פּי זשיטלאָווסקי, איז פונדעסטוועגן סאָציאַליזם, קיום האומה געווען שיער נישט אַ פּערזענלעכע רעליגיע וואָס האָט באַזינט זיין עקסיסטענץ. ער איז געווען די פּערזאָניפיצירונג פון אויפריכטיקייט, באַשיידנקייט, און חברישקייט אין טאָג־טעגלעכן אויפפיר מיט מענטשן. פאַר אים פונקט ווי פאַר שטיינבערגן האָט געגאָלטן דער כלל אַז כדי צו קענען מתקן זיין די וועלט דאַרף מען קודם כל מתקן זיין די אייגענע נשמה.

זיינע איבערצייגונגען זענען געווען אַ געוויסנספּראַגע. איר האָט געפילט בחוש אַז דער מענטש לעבט באַשיידן אָרעמלעך כדי ער זאָל נישט דאַרפן פאַרשווענדן עקסטרע ענערגיע אויף זיינע הצטרכותן; ער זאָל זיך קענען אין גאַנצן ווידמען זיין הייליקער אַרבעט פאַר קיום האומה און וועלט־גאולה.

ד״ר י. נ. שטיינבערג האָט אין זיך פאַראייניקט אַן אימפּאָנירנדיקן אָראַטאָר, אַ טאַלאַנטפולן פובליציסט, און אַ געמיטלעכן עסייאיסט. דערצו האָט ער אין זיך פאַרקערפּערט אַ גרויס־פאַרנעמיקן כלל־טוער וואָס אַרבעט אומדערמידלעך פאַר זיינע אידעאַלן, און אַ פּרט־טוער פאַר וועמען דער־מוטיקונג און הילף צום יחיד אין אַן עת־צרה איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי די ווייטע צילן וואָס דאַרפן אויפריכטן דעם קאָלעקטיוו.

ער איז געווען אַ פּרט־טוער וואָס האָט שטענדיק געדענקט ר׳ יהודה הנשיא׳ס מימרא: והוה זהיר במצווה קלה כבחמורה. אין מיטן אַלע קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס לטובת הכלל האָט ער נישט פאַרגעסן אַז יעדער מענטש איז אַן עולם קטן; פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט שרייבן בריוו און קלאַפּן אין די טירן פון אַלערליי באַאַמטע כדי צו העלפן אַ יחיד. ער פלעגט נישט האַלטן פאַר מינדערוויכטיק צו העלפן אַ די־פּי מיט אַ פּעקל עסנוואַרג, מיט שטיצע, מיט אַ טרייסט־בריוו. אָט די „גרינגע״ מצוות וואָס שטייען געוויינטלעך נישט אַן „גרויסע אידעאַליסטן״ האָט ער געהאַלטן פאַר „געגוג בכבודיק״ זיך מיט זיי צו פאַרנעמען.

אָט דער עקסטראָווערט, וואָס האָט באַצויבערט מיט זיין מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים אין באַרירונג, האָט נישט בלויז געקענט שיין רעדן נאָר אויך, — וואָס ס׳איז זעלטן ביי פּאַטאָס־פולע רעדנער — געדולדיק אויסהערן, ווייל שטיינבערג איז ניט געווען קיין פּאַרטיי־דאָגמאַטיקער וואָס מיינט אַז נאָר ער אַליין האָט דעם גאַנצן אמת; ווי אַ קינסטלער־פּסיכאָלאָג און מענטשן־קענער איז ער נישט איינזייטיק „אויסגעהאַלטן״ — ווי אַ געוויינטלעכער פּאַרטיי־מענטש, וואָס פאַרמאָגט דעם גאַנצן אמת. ער איז געווען אַ סינטעז פון אַ פּאָליטיקער און קינסטלער, פון אַ טראַכטער און טוער.

ווען ס׳איז באַשערט געווען צו קענען שטיינבערגן פון דער נאָענט; צו זיצן מיט אים טעג און נעכט ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן; צו פאַרברענגען מיט אים אי אויף דיפּלאָמאַטישע מיסיעס ביי מיניסטאָרן און

אַמבאַסאַדאָרן, אי אין זיין היים ביי געמיטלעכע יום־טובדיקע געלעגנהייטן — דער וועט עדות זאָגן אַז אָט די סענסיטיוו־דינאַמישע פערזענלעכקייט באַשאַנקען מיט אַזוי פיל באַגאַבונגען און מיט אויסערלעכער מאַיעסטעטיש־קייט, דער וועט עדות זאָגן, אַז דער גרונט־מאָטיוו אין זיין אומרואיק־שע־פערישער נאַטור איז געווען דער גאַנג דורך וואָרט און טאַט — מתקן צו זיין די וועלט במלכות שדי. ער, פונקט ווי בן־אדיר, האָט געפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז וועלט־גאולה אָדער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט ניט בלויז אַן אויסערלעכע איבערקערעניש אין די מאַכט־ און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, נאָר אויך אַ ראַדיקאַלן שינוי אין דער נשמה פון יחיד.

און נישט אומזיסט פלעג איך אים אָפט הערן ביי חברישע מסיבות זינגען מיט דבקות און געפיל דאָס דאָזיקע פאָלקס־לידל:

גערוואַלד זשע, ברידער, וואָס זשע שלאָפט איר,
ס׳איז שוין צייט צו דאַוונען מנחה,
ס׳איז שוין צייט אַ קאַפּיטל תהילים צו זאָגן.
ס׳איז שוין צייט אַ בלאַט גמרא צו לערנען.
ס׳איז שוין צייט חצות אָפּצוריכטן, אאַז״וו.

געוואַלד זשע, ברידער, וואָס זשע שלאָפט איר,
נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב
נישט קיין תהילים, נישט קיין גמרא,
טאָ וואָס זשע טוסטו אויף דער וועלט?
מיט וואָס וועסטו קומען אויף יענער וועלט?

י. נ. שטיינבערג און בן־אדיר האָבן אין משך פון זייער שעפעריש לעבן, נישט אויפגעהערט אָפּצוריכטן חצות און וועקן דאָס יידישע געוויסן צו תיקון פאַרן יחיד, פאַרן כלל ישראל און פאַר דער מענטשהייט; ביידע האָבן געפירט ערלעכע לשם־שמימדיקע שטרייטן, און ביידע זענען געווען פעאיק אויף די גרעסטע קרבנות פאַר זייער אמת און זייערע אידעאַלן. דורך פאַרשיידענע וועגן זענען זיי געגאַנגען צו איין און דעם זעלביקן ציל. דאָס זיינען צוויי וואַריאַנטן פון איין טעמע: אויפריכטונג פון עם ישראל.

## ה

מיר קענען איצט סומירן די אונטערשיידן אין די טעריטאָריאַליסטישע שיטות פון די צוויי דענקער אַזוי: בעת פאַר בן־אדירן דאַרף דער טעריטאָריאַליזם פאַרענטפערן די ייִדן־נויט דורך אַ קיבוץ־גלויות פון אַלע ייִדישע תפוצות, איז פאַר שטיינבערגן דער עיקר די ייִדישקייט־נויט וואָס וועט קענען געלייזט ווערן דורך דער „ייִדישער אידעאָלאָגיע" וואָס ווערט סימבאָליזירט דורך ירושלים, יבנה און ניו־יאָרק, ד"ה סיי דורך אַן עטישהומאַניסטישן ציוניזם, סיי דורך אויפבויען אַ מוסטערהאַפטן קאָאָפּעראַטיוו ייִדישן פרייל‏אַנד, און אויך דורך די פּאָזיטיווע שאַפנדיקע כוחות אין די תפוצות.

פאַרן עלטערן טעריטאָריאַליסט וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט בלויז פון דער ייִדישער מזרח־אייראָפּע, און וואָס איז רייף געוואָרן אין אַ צייט ווען די נאַציאָנאַלע פראַגע אין מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט און האָט געפונען איר תרופה אין טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע, פאַר אים האָט דער ייִדישער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם אָנגענומען אַ ככל־הגויימדיקע פאָרמולע און דערפאַר דעקט זיך ביי אים פאָלק און לאַנד.

פאַר דעם ייִנגערן נעאָ־טעריטאָריאַליסט אָבער וואָס איז געווען אינטים פאַרקניפּט מיט דער רוסישער און שפּעטער מיט דער דייטשישער קולטור — און גלייכצייטיק טיף פאַראַנקערט אין דער ייִדישער גייסטיקער ירושה — פאַר אים איז אונדזער פאָלק אַן אוניקום וואָס קען נישט גיין אויף די אויסגעטראָטענע מלוכה־וועגן פון אַנדערע אומות. ער קען נישט אַקצעפּטירן די סימפּליציסטישע פאָרמולע: ייִדן זיינען גלייך צו אַלע פעלקער. ניין! ייִדן זיינען און וועלן פאַרבלייבן אַ וועלט־פאָלק; זיי וועלן נישט זיין געבונדן מיט בלויז איין געאָגראַפישן פונקט.

ער האָט נישט קיין מורא אַז ייִדישע פאַרשיידנקייט, שבטימדיקייט וועט פירן צו אַסימילאַציע. „יעדעס מאָל האָבן ייִדן אין אַן אַנדער לאַנד איבערגענומען וויכטיקע עלעמענטן פון דעם אַרומיקן לעבן — און זיי זיינען דאָך פאַרבליבן ייִדן... עס וועט נישט אַרויסקומען דערפון קיין „טאָפּל־פּערזענלעכקייט", אַ יחיד מיט אַן אומזיכערן זעלישן צענטער; עס וועט אַרויסקומען, ווי שטענדיק אין אונדזער געשיכטע אַ קאָמפּליצירטע

פערזענלעכקייט. יענע יידישע פערזענלעכקייט וואָס האָט באַוויזן דעם טאַ־לאַנט צו לעבן אין מער ווי איין קולטור־וועלט און איז געוועזן עכט אין יעדערער — ווייל זי איז געבליבן געטריי איר אורשפּרינגלעכן יידישן קערן. אַזוי איז געווען די פּלעיאַדע פון די גרויסע יידישע דענקער און דיכטער אין שפּאַניע; אַזוי זיינען געווען אומצאָליקע יידן אין רוסלאַנד[21].

שטיינבערג איז דאָ פּאַקטיש צוגעקומען צו בן־אדירס אַמאָליקן סיימיס־טישן בליק אויפן גלות וואו מ'זעט נישט בלויז שוואַרצקייט. דער געווע־זענער מלוכה־מענטש וואָס האָט געהאַלטן אַ וויכטיקן רעגירונגס־פּאָסטן אין רוסלאַנד האָט אויך גרינטלעך באַנומען אַז די צייט פון קליינע מלוכהלעך איז אַריבער. ער ווייסט אַז נאָך די בלוטיקע דערפאַרונגען פון צווייטן וועלט־קריג וועט די אידעע פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט נאָך מער דיסקרע־דיטירט ווערן, און אַז די זעלבשטענדיקייט פון קליינע פעלקער איז נישט מער ווי אַ פּאַפּירענע.

דער צוויי־קולטורישער ייד שטיינבערג וואָס האָט באַוויזן אויפצוהאַלטן זיין יידישן „איך" אין מיטן דער רוסישער און דייטשישער קולטור ווייסט אַז מע קען מיט אַלגעמיינע רעצעפּטן נישט אַלעמאָל היילן יידישע נשמות, וואָס זיינען קאָמפּליצירט, אָבער ווייט נישט אומשעפּעריש. ער שאַפט דעריבער אַ טעריטאָריאַליסטישע שיטה וואָס האַרמאָנירט מיט דער מענ־טאַליטעט פון יידן וואָס זיינען אינטעגרירט אין זייערע לאַנד־קולטורן און דאָך זיינען זיי יידן, ווייל, „נישט פאַרשיידענע שטראָמען אין אַ צעריסענער פערזענלעכקייט, נאָר אַ גאַנצע יידישע פערזענלעכקייט אין פאַרשיידענע שטראָמען"[22].

דערצו שפּאַרט זיך שטיינבערגס יידישקייט־בנין אָן, נישט בלויז אויף דער מאָדערנער יידישער קולטור און אויף יידישע אינסטיטוציעס, נאָר אויך אויף דער יידישער אמונה — ער איז דאָך אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט. מיט אָט דעם אַלטן אויסגעפּרואווטן פּאַנצער פון פאָלק ישראל פילט ער זיך פעסטער פנים אל פנים מיט פרעמדע קולטורן און אומות. דערפאַר איז פאַר אים נישט קיין סינע קווא נאָן די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, אָדער די אַבסאָלוטע מערהייט אויף דער טעריטאָריע. פאַר אים איז גענוג געווען „אויטאָנאָמיע אין קולטורעלע און רעליגיעזע ענינים".

אין דער איצטיקער תקופה ווען דער רוב פון יידישן פאָלק אין די

תפוצות לעבט אין דער מערבדיקער צוויי־קולטורישקייט; ווען די יידיש־וועלטלעכע אינטעליגענץ באַציט זיך פּאָזיטיוו צו יידישע טראַדיציעס און ווערטן, — אין אַזאַ גייסטיקן קלימאַט און אין אַזאַ אַרום איז דער שטיינבערגשער וואַריאַנט אין טעריטאָריאַליזם עלול צו געפינען אַן אָפּקלאַנג „וואו און ווען ס׳וועלן דערפאַר ריף ווערן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען".

1. סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם, זאַמלבוך, פּאַריז, 1934, זייט 24.
2. דאָרטן, זייט 31־32.
3. דאָרטן, זייט 34.
4. דאָרטן, זייט 29.
5. בן־אדיר: פאַרן געשיכטלעכן יום־הדין, פּאַריז, 1940, זייט 37.
6. דאָרטן, זייט 81־82.
7. סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליזם, זייט 35.
8. י. נ. שטיינבערג, אין: *Struggle For Tomorrow*: "Modern Political Ideologies of the Jewish People": Edited by B. J. Vlavianos & Feliks Gross Arts, Inc. New York 1954, pp. 146-7
9. י. נ. שטיינבערג: אין קאַמף פאַר מענטש און יוד, בוענאָס־איירעס, 1952, זייט 246.
10. דאָרטן, זייט 379.
11. דאָרטן, זייט 381.
12. אויפן שוועל, פעב׳ 1944.
13. אויפן שוועל, נאָוו׳ 1950.
14. דאָרטן.
15. דאָרטן.
16. י. נ. שטיינבערג: אין קאַמף פאַר מענטש און יוד, זייט 394, און זייט 408.
17. דאָרטן, זייט 408.
18. אויפן שוועל, נאָוו׳ 1941.
19. אויפן שוועל, יאַנואַר, 1942.
20. י. נ. שטיינבערג: אין קאַמף פאַר מענטש און יוד, זייט 382־383.
21. י. נ. שטיינבערג: געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע, ניו־יאָרק, 1945, זייטן 363־367.
22. דאָרטן, זייט 367.

(1961)

# ישראל זאַנגוויל — אַ בריק צו די ייִנגערע דורות

אַמאָל ווען איר ווערט באַהערשט פון דעפּיטיסטישע שטימונגען בנוגע ייִדישער שעפערישקייט אין אַמעריקע; ווען איר ראַנגלט זיך מיט ספקות צי קען מען אויפהאַלטן אַן אייגנאַרטיק קולטור־לעבן בעת ייִדיש רוקט זיך אַלץ מער אָפּ אין דער פּעריפעריע און ענגליש פאַרנעמט דעם צענטער — אין אַזאַ מין געמיט־צושטאַנד איז גוט זיך צו דערמאָנען אין ישראל זאַנגוויל און ס׳וועט אייך ווערן אַ ביסל לייכטער. וואָרעם אויב דער קליינער ייִדישער קיבוץ אין ענגלאַנד האָט געקענט אַרויסגעבן פון זיך אַזאַ עכט ייִדישן קינסטלער ווי זאַנגוויל; אַ קינסטלער וואָס קען אין טיפקייט, פּאַטאָס, אויטענטיש ייִדישן אינהאַלט זיך פאַרגלייכן מיט ייִדישע און העברעאישע קינסטלער, וועט דער גרויסער ייִדישער קיבוץ אין אַמעריקע נישט זיין בכוח אַרויסצוגעבן אַ דור דאָ־געבוירענע ייִדישע שריפטשטעלער? זאַנגוויל, וואָס איז אפשר דער גרעסטער ייִדישער שריפטשטעלער אין דער ענגלישער שפּראַך איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער פּובליציסט, אַ גלענצנדער עסייאיסט, אַ דראַמאַטורג, אַ פּאָעט, אַ כאַראַקטערפולע פּערזענלעכקייט, און דאָך האָט ער ערשט איצט — שוין 32 יאָר נאָך זיין טויט — זיך דערוואָרט אויף אַ פולער ביאָגראַפיע. דער ענגליש־ייִדישער שריפטשטעלער יוסף לעפטוויטש האָט אין אַ קאָמפּאַקט בוך פון איבער 300 זייטן פּרובירט רעקאָנסטרואירן זאַנגווילס צייט און זיין קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט

לעפטוויטש האָט זיך באַנוצט מיט אַ שלל מאַטעריאַלן, קאָרעספּאָנדענץ, און אַלץ וואָס דער שריפטשטעלער האָט געדרוקט, כדי צו ווייזן אַלע אַספּעקטן פון זאַנגווילס פאַרבנרייכער פּערזענלעכקייט און די אויפטועך פון זיין ווערסאַטילן טאַלאַנט. און הגם די ערשטע קאַפּיטלעך אין בוך ליידן פון צעשויבערטקייט און זיינען צו פיל אָנגעפּאַקט מיט איינצלהייטן — פּרובירט ער פונדעסטוועגן נישט באַהאַלטן זיין גרויסן פריינדס סתירות־פולקייט, צעשפּאַלטנקייט און אינערלעכע קאָנפליקטן. ער איז נישט זאַנגווילס בלינדער חסיד, נאָר זיין קריטישער און טיף סימפּאַטישער ביאָגראַף וואָס פּרובירט אַריינדרינגען אין עצם פון גרויסן טרוימערס שאַפן, און אייך פירן איבער אַלע וועגן און סטעזשקעס פון זיין רייכער וועלט.

(Israel Zangwill—by Joseph Leftwich, New York 1957, Thomas Yoseloff, Publishers, 305 pp.)

איר באַקענט זיך דאָ מיט דעם ייִדישן לאָנדאָן פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, וואו זאַנגוויל איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, מיטן ייִדישן לאָנדאָן וואָס האָט צוגעשטעלט דעם שריפטשטעלער די פּראָטאָטיפּן פאַר זיינע קינדער פון דער געטאָ — וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט. דאָס ייִדישע ווייטשעפּל פונקט ווי די שפּעטערדיקע איסט־סייד אין ניו־יאָרק — האָט דאַן זיך אויסגעצייכנט מיט אידעאַליזם, קאַמף צווישן „טאַטעס און קינדער״ און דאָס רייסן זיך צו דער נישט־ייִדישער וועלט מצד דער יוגנט. די קינדער פון געטאָ האָבן טאַקע אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע ייִדישע טיפּן: די פרומע איינגעוואַנדערטע ייִדן וואָס האָבן געוואָלט אויפהאַלטן דעם אַלטן שטייגער לעבן און די יוגנט וואָס האָט רעבעלירט און זיך געריסן צו אַנטלויפן פון דעם געטאָ־לעבן; די ראַדיקאַלן—פרייַדענקער, די לייענער פון „אַרבעטער פריינד״ „וואָס עסן חזיר אום יום־כיפּור, פאַרביטערטע און פאַרקערטע אידעאַליסטן וועמען ס׳האָט אָפּגעשטויסן דער קאָמערציאַליזם פון די פרומע״, און די ערשטע טרוימער פון אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. מיר זעען אין דעם ערשטן בוך פון זאַנגווילן די וואָך און דעם שבת, די קאַמפן, די אידעאַלן, די טראַדיציעס און די האָפענונגען פון די איינגעוואַנדערטע ייִדן אין ענגלאַנד. און דאָס אַלץ איז געצייכנט פון אַ קינסטלער וואָס מאָלט ווי אַן אינעווייניקסטער, ווי אַ פּרץ, אַ שלום־עליכם; נישט ווי איינער וואָס זוכט אויספּוצן זיך און צו פאַרענטפערן זיך פאַר די נישט־ייִדן.

זאַנגווילס ייִדישע אידעען־וועלט, זיין ציוניזם און טעריטאָריאַליזם טראָגן אַוודאי אויף זיך דעם חותם פון צייט און אָרט; מערב־אייראָפּע אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט — ווען צוויי נשמות האָבן געקעמפט אין דער ברוסט פון שפּראַכלעך־אַסימילירטן נאַציאָנאַלן ייִדן; ווען די ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ראַנגלען מיט די פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס וועגן נאַציאָנאַליזם, מהות פון ייִדישקייט און מיטן גורל פון ייִדן ווי אַ מינאָריטעט אין אַ נישט־ייִדישער מאַיאָריטעט. זאַנגוויל דער הערצליאַנער ציוניסט, וואָס איז געווען אַ באַגייסטערטער חסיד פון פירער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט פונדעסטוועגן נישט געקענט אָננעמען הערצלס קאָנצעפּציע בנוגע דעם מהות פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. הגם זיין ציוניזם און שפּעטער זיין טעריטאָריאַליזם איז דער עיקר באַזירט אויף דער צרת היהודים, אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, און אויף דער

סאָציאַל־עקאָנאָמישער נויט, — נישט אויף דער אַסימילאַציע־געפאַר — פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקענט מסכים זיין מיט ד״ר שמריהו לעווין אַז ״מ׳קען אַנווענדן דעם באַגריף נאַציאָנאַליטעט אויף אַ פענאָמען וואָס אין זיין יידישן אַספעקט איז ער אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ער שטייגט אַריבער דעם פּאָליטישן וואָקאַבולאַר וואָס מיר באַזיצן איצט. נאַציאָנאַליטעט איז אַ צווייפלהאַפטער באַגריף אויסצודריקן דאָס וואָס איז בשותפותדיק פאַר אַלע יידן״. ווארעם צו זיין אַן אמת פרומער ייד, וואָס היט אָפּ אַלע יידישע יום־טובים און די אַנדערע געשיכטלעכע מאָמענטן אין יהדות, מיינט אָננע־מען אַ געוויסן עלעמענט פון נאַציאָנאַליזם — האַלט זאַנגוויל.

און אַפילו אין ארץ־ישראל, וואו יידן וועלן שאַפן אַ מאָדערנע מלוכה, וועלן זיי אויך פאַרבלייבן אַ רעליגיעזע אומה — האַפט זאַנגוויל. באַלד ביים סאַמע בראשית פון פּאָליטישן ציוניזם קען ער נישט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון יענע נאַציאָנאַלע יידן וואָס מיינען, אַז זיי האָבן נישט קיין שייכות צו דער יידישער אמונה. מ׳דאַרף נישט נעמען ערנסט, מיינט ער, די דערקלערונגען פון הערצל און נאָרדוי, אַז זיי זיינען אומגלייביקע. ״הערצלס טרערן ווען ער האָט דערזען דאָס הייליקע לאַנד האָבן דעמאַנ־סטרירט אַזוי פיל רעליגיע ווי די וואָס ווײנען ביי דער כותל מערבי״. ער פּאָלעמיזירט קעגן אחד־העמס שיטה, אַז ארץ־ישראל וועט דינען ווי אַ מרכז רוחני פאַרן גלות. ״אַ גייסטיקער צענטער אין ציון וועט אפשר קלעקן פאַרן ערשטן דור נישט־רעליגיעזע ציוניסטן, אָבער אַן פּאָליטישן אָדער רעליגיעזן אינהאַלט וועט ער נישט אויפהאַלטן זייערע קינדער ווי יידן... קיין מינאָריטעט אין דער געשיכטע האָט זיך נישט געקענט אויפ־האַלטן צווישן אַ מאַיאָריטעט, סיידן זי איז געווען באַפעסטיקט מיט אַ פייערדיקן גלויבן״. אָבער ווי פּאַרט זיך אָט דער איינשטעל מיט זאַנגווילס סקעפּטיציזם, הומאַניזם און ווייט נישט רעליגיעזן אויפפיר? און ווי קען מען אַנהאַלטן אַזאַ ״גרענעץ פון פייער״ — ס׳הייסט טיפע אמונה — אין אַ צייט ווען אַלע גייסטיקע מחיצות צווישן פעלקער ווערן, און דאַרפן ווערן — לויט זאַנגווילן — אָפּגעווישט? אָט די און אַנדערע סתירות אין זאַנג־ווילס געדאַנקען־גאַנג באַווייזן אַז מ׳דאַרף אין דעם טרוימער פון לאָנדאָן נישט זוכן קיין אויסגעהאַלטנקייט. ער איז נישט געווען קיין דענקער ווי איזראַעל אייבראַמס אָדער סאַלאָמאָן שעכטער — הגם ער האָט פון די צוויי פריינד זיינע אַ סך געלערנט.

ס׳איז אויך אינטערעסאַנט, אַז בעת זאַנגוויל הערט נישט אויף צו פאַרלאַנגען ביזן סוף פון זיין לעבן אַ גרויס ארץ־ישראל, און ער ראַנגלט זיך מיטן געדאַנק צו טראַנספּערירן די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער אין אַנדערע מיטל־מזרחדיקע לענדער, וואַרפט ער פונדעסטוועגן קאַטעגאָריש אָפּ די טעזע פון קיבוץ גלויות. ער וויל אַ לאַנד בלויז „פאַר יענע ייִדן וואָס קענען נישט אָדער ווילן נישט בלייבן אין זייערע וואוינלענדער״. די תפוצות דאַרפן פאַרבלייבן אי צוליב דעם, אַז זיי זאָלן העלפן ארץ־ישראל, אי צוליב זיך גופא. „אַ נייע יהודה קען נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די תפוצות: זי קען זיי בלויז סופּלעמענטירן. און אויב מע זאָל מיך פרעגן וואָס וועט ווערן פון די ייִדן אין די תפוצות, וועט דער ענטפער זיין: צען פּראָצענט וועט עמיגרירן אין דער ייִדישער מלוכה, צוואַנציק פּראָצענט וועט זיך אויסשמדן אָדער פאַרלאָרן גיין פאַרן ייִדנטום, און זיבעציק פּראָצענט וועט בלייבן אין די תפוצות״. ווי אַקטועל דאָס קלינגט!

פאַר טעריטאָריאַליסטן איז ביז גאָר וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דעם קאַפּיטל וואָס לעפּטוויטש גיט אָפּ אויף זאַנגווילס טעריטאָריאַליסטישער טעטיקייט; זיי וועלן אַ סך אָפּלערנען פון דער געשיכטע פון דער „ייטאָ״. עס איז נישט ברייט באַקאַנט אַז זאַנגוויל, וואָס האָט גוט געקענט די בריטישע פּאָליטיקער פון יענער צייט, און ווען מע קאָן אויך נישט באַשולדיקן אין שוואַכן ענגלישן פּאַטריאָטיזם, האָט פאַרגוואָרפן דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי האָט געמאַכט דעם אוגאַנדע־אָנבאָט צוליב אַנטיסעמיטישע מאָטיוון כדי אָפּצושוואַכן די ייִדישע עמיגראַציע קיין ענגלאַנד. די זעלביקע ענגלישע רעגירונג וועמעס פּרעמיער עס איז דאַן געווען לאָרד אַרטור באַלפור האָט טאַקע דורכגעפירט אין פּאַרלאַמענט דעם „אייליענס אַקט״ וואָס האָט באַגרענעצט די איינוואַנדערונג פון ייִדן קיין ענגלאַנד כדי „צו באַפרייען די מערב־ציוויליזאַציע פון אומגעווינטשטן קערפּער... וואָס זי קען נישט אַרויסוואַרפן און זי קען נישט אַבסאָרבירן״. עס איז אויך געווען פאַר מיר אַ נייעס, אַז זאַנגוויל האָט געצווייפלט צי אוגאַנדע איז פּאַסיק פאַר קאָלאָניזאַציע פאַר ווייסע מענטשן, און דערצו איז די ענגלישע רעגירונג נאָך געווען גאַנץ ווייט פון אימפּלעמענטירן איר ערשטן אוגאַנדע־אָנבאָט. אין 1923 האָט זאַנגוויל מודה געווען, אַז די באַפעלקערונג פון דער וועלט איז ווי אַ הונט אויף אַ סטויג היי. „אין אַזאַ שפּעטער צייט אין דער געשיכטע ווען יעדער פּלאַץ אונטער דער זון האָט זיינע גוואַלדיקע

מאַנער... זיינען די שאַנסן צו קריגן אַ טעריטאָריע נישט קיין ראַזעווע״. און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך דעם ווי די „ייטאָ״ האָט אַרומגעזוכט טעריטאָריעס איבערן גאַנצן כדור הארץ.

אויף זאַנגוויל דעם עסייאיסט — ווי ער קומט צום אויסדרוק אין זיין בוך די שטים פון ירושלים, אין די טרוימער פון געטאָ, און אין זיינע רעדעס — גיט לעפּטוויטש אָפּ צו ווייניק פּלאַץ. האָב איך טאַקע געפילט, אַז זאַנגוויל ווערט דאָ ממש באַעוולהט. איך קען נישט פאַרגעסן, אַז ווען איך בין געווען אַ יינגל פון 14 אָדער 15 יאָר איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט די טרוימער פון געטאָ (אין א. פרומקינס איבערזעצונג). יאָרן לאַנג בין איך געווען אונטערן רושם פון די חלומות, וויזיעס און בענקענישן וואָס די אַלע יידיש־גייסטיקע העלדן, האָבן אַ דאַנק זאַנגווילס רייכער פאַנטאַזיע און טאַלאַנטפולער פען פאַר מיר אויפגעלעבט. עס קלינגט דעריבער פאַר מיר זייער איבערצייגנדיק און אמתדיק ווען לעפּטוויטש דערציילט אונדז ווי אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען פראַנקרייך אונטער דער ווישי־רעגירונג איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן, איז אַ יידישער אונטערערדישער קעמפער — בעת ער האָט זיך געגרייט פאַר אַ געפערלעכער מיסיע, און ער האָט געדאַרפט אַ ביסל צוּוואַרטן — אַריינגעגאַנגען אין ביבליאָטעק און גענומען לייענען זאַנגווילס טרוימער פון געטאָ. דער פאַרטיזאַנער האָט זיך אָנגעשעפּט מיט מוט לייענענדיק דאָס בוך, און ער האָט דערפילט, אַז יידן האָבן טאַקע אַ שליחות פאַר דער מענטשהייט.

וואָרעם נישט געקוקט אויף דעם וואָס זאַנגוויל האָט נישט געהאַט קיין טיף יידיש וויסן, וואָס זיינע וואָרצלען זיינען נישט געווען פאַרפלאַנצט אין אַן עכט יידישן באָדן, און וואָס ער האָט זיך כסדר געריסן אין דער נישט־יידישער וועלט אַריין — האָט ער זיך פונדעסטוועגן אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיט זיין פאָלק. ער איז געווען פאַרכישופט פון דער יידישער וועלטדראַמע און האָט אין זיין שטים פון ירושלים אונדז געוויזן די טראַגיק און די דערהויבנקייט פון דער יידישער געשיכטע און דעם דויערנדיקן איינפלוס וואָס די יידישע קולטור האָט אויסגעאיבט אויף דער פאַראיידלונג פון דער מענטשהייט. ווי אַ סענסיטיווער פאַרטייטשער פון יידיש־גייסטיקע ווערטן פאַר דער נישט־יידישער וועלט און ספּעציעל פאַר דער אָפּגעפרעמדטער יידישער יוגנט, אין אַ סביבה וואָס איז אַנטאַ־

גאַניסטיש צום אויפהאַלטן פון ייִדישקייט, איז זאַנגוויל אומפאַרגלייכלעך. אַ דאַנק זיין הומאָר, זיין איראָניע, זיין מאָדערניזם, זיין אויפריכטיקייט, זיין ברייטן קוק אויף וועלט און מענטש, און זיין אינטימער באַקאַנטשאַפט מיט דער אַנגלאָסאַקסישער קולטור, קען ער אונדז שטאַרק אַרויסהעלפן צו געווינען די אַמעריקאַנער ייִדישע יוגנט פאַר אונדזער ירושה. אָט דערפאַר טאַקע האָט יוסף לעפטוויטש, אויפלעבנדיק פאַר אונדז זאַנגווילס קאָלירפולע וועלט, געמאַכט אַ וויכטיקן בייטראַג צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין ענגליש וואָס ווערט איצט געשאַפן אין היגן ייִדישן קיבוץ, און וואָס קען אויך ווערן אַ קאַנאַל צו עכטע ייִדישע קוואַלן.

(1958)

# דער ייִדישער אני־מאמין פון אַ בונדיסט

די צאָל בעל־תשובהס, אָדער אומצופרידענע, אין לאַגער פון די וועלטלעכע ייִדן, האָט זיך לעצטנס פאַרמערט. אַ סך פון די טיף־ייִדישע סעקולאַריסטן וואָס פילן אין זייער גאַנצן וועזן דעם נצח ישראל, און ווילן פאַרזיכערן אַ ייִדיש־קולטור־לעבן אויך נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך צעשיידן מיט ד ע ר וועלט, פאַרטראַכטן זיך צייטנווייז וועגן די קינדער זייערע, וואָס וועלן דאַרפן זיין אונדזערע יורשים; וועט דער דור נאָך אונדז, אָט דער וואָס האָט געלערנט אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן און באַציט זיך פּאָזיטיוו צו ייִדיש, וועט ער אַרויסרוקן פון זיך אַ פּרץ, אַ ליעסין, אַ שלום־עליכם? און וועט ער אימשטאַנד זיין צו בויען דאָ אין אַמעריקע אַ שעפעריש־ייִדיש לעבן אויף וועלטלעכע יסודות? אפשר — טראַכטן אָט די ערנסטע, וועלטלעכע ייִדן — האָבן מיר זיך צו קריטיש באַצויגן צו יענע רעליגיעזע ווערטן אונדזערע וואָס האָבן אונדז אין משך פון דורות געגעבן אַן אָנשפּאַר? האָבן מיר געמעגט אַרויסוואַרפן אַזוי פיל פון דורות־פאַרהייליקטן גייסטיקן באַגאַזש, פון אונדזערע „היסטאָרישע פּעקלעך״?

ס'איז געוווּנג צו שטעלן די דאָזיקע פראַגן כדי איינצוזען פאַרוואָס עס הערשט אַזאַ שטימונג פון חשבון הנפש צווישן וועלטלעכע ייִדן. אָבער

ביז איצט זיינען מערסטע בעל־תשובהניקעס געווען די אַמעריקאַנער ייִדישע לערער און שרייבער, דיכטער און פּובליציסטן. איצט קומט אַן אָנגעזעענער אייראָפּעאישער ייִדישער געלערנטער, אַ פּראָפעסאָר פון סאָציאַלער וויסנ־שאַפט, אַ לעבנסלאַנגער בונדיסט און דערציילט אונדז וואָס ער פאַרשטייט אונטער דעם באַגריף ייִדישקייט״*.

פּראָפ׳ ליבמאַן הערש, דער באַקאַנטער ייִדישער דעמאָגראַף, גיט אונדז דאָ איבער זיין ייִדישן אני־מאמין וואָס איז געלייענט געוואָרן ווי אַ רעפעּ־ראַט פאַר ייִדישע סטודענטן אין זשענעווע. ווי אַן אמתער וויסנשאַפטלער איז דער מחבר באַשיידן און זאָגט אונדז גלייך פון אָנהייב אַז צום גאַנצן אמת איז ער נאָך נישט דערגאַנגען; ער זוכט אים נאָך אַליין. אָבער ס׳איז ווערט, — און הלוואי זאָלן וואָס מער ייִדישע סאָציאַליסטן דאָס טאָן — מיט אים אין איינעם צו זוכן. און די אַלע וואָס וועלן מיט אים מיטגיין אויף דער גײַסטיקער עקספּעדיציע וועלן אסור פאַרלירן זייער סאָציאַליזם.

שוין עטלעכע יאָר, דערציילט אונדז פּראָפ׳ הערש, ווי ער האָט ערנסטע ספקות בנוגע זיין „נישט־רעליגיעזישקייט״, און אַ ריי פראַגעס מאַטערן אים: איז טאַקע אַלצדינג אין די ייִדישע הייליקע ספרים בלויז לעגענדעס און איינגלויבענישן? אויב אַזוי ווי איז עס מעגלעך, אַז דווקא אָט די דאָזיקע ספרים האָבן געדינט ווי אַ יסוד פאַר דריי גרויסע רעליגיעס?

איז עס טאַקע ריכטיק, אַז צווישן ייִדנטום און קריסטנטום זיינען דאָ בלויז טפלדיקע, נישט עצמדיקע נפקא־מינה׳ס? „איז טאַקע מיין „ביט־רעליגיעזישקייט״ פּונקט אַזוי ווייט פון ייִדישקייט ווי פון אַנדערע רעלי־גיעס? בין איך נישט קיין רעליגיעזער ייִד אין דער זעלבער מאָס ווי איך בין נישט קיין קאַטאָליק? איך בין דאָך אין לשער אַ סך ווייטער פון קאַטאָליציזם ווי פון רעליגיעזער ייִדישקייט״.

און דער מחבר נעמט זיך אָפּוואַרפן, אין זיין פּרעציזן וויסנשאַפטלעכן סטיל, די אַלע גוט־באַקאַנטע, ברייט־פאַרשפּרייטע טעותן וואָס אַ סך ייִדישע ראַדיקאַלן האָבן איבערגענומען פון קריסטן אַז קריסטנטום שטעלט מיט זיך פאָר אַ העכערע עטישע מדרגה ווי ייִדנטום; אַז דער איבערנאַטירלעכער

* פּראָפּ׳ ליבמאַן הערש: מיין ייִדישקייט; ייִדישקייט לויט דער השגה פון אַ ייִדישן פּאָזיטיוויסט. פון פראַנצויזיש איבערזעצט דורך בעריש לינדענבערג, זשענעווע, 1944, 47 זייטן.

עלעמענט איז דער תמצית פון רעליגיע; אַז קריסטנטום מיינט ליבע, בעת ייִדנטום מיינט נקמה אאַז״וו.

די עיקרדיקע אונטערשיידן צווישן ייִדנטום און קריסטנטום זעט פּראָפ׳ הערש אין פאָלגנדיקע דריי פּרינציפּיעלע חלוקי דעות:

א) אין ייִדנטום איז גאָט איין־און־איינציק און אומקערפּערלעך; ס׳איז נישט פאַראַן קיין איינציקייט געגליכן צו אים, ווייל ייִדנטום ווענדט נישט אָן לגבי גאָט קיין באַגריף פון דער דערפאַרונגס־וועלט, בעת אין קריסטנטום איז דאָ אַ דריי־איינִיקייט און די לערע פון געט־לעכער פאַרקערפּערונג.

ב) ייִדישקייט איז אי אַ מאָראַל־לערע, אי אַ דת, אַ געזעץ אין שטרענגן יורידישן זינען פון וואָרט, בשעת דאָס קריסטנטום איז נישט מער ווי אַ מאָראַל־לערע. דת־משה איז געבויט אויף דער עטיק, פון תורת־משה, אַן עטיק וואָס איר פּרינציפּ איז קדושת אלהים און דער־פאַר פון מענטשלעכן וועזן וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים. דערפאַר, האַלט פּראָפ׳ הערש, איז זינלאָז צו פאַרגלייכן קריסטלעכע עטישע כללים מיט ייִדישע חוקים און משפּטים פון דער תורה; ס׳איז דאָך אומלאָגיש צו פאַרגלייכן אַן עטישן אידעאַל מיט פּאַראַגראַפן פון אַ קאָדעקס. „עטיק איז אַן אינערלעכער ענין וואָס דער יחיד דאַרף צו אים שטרעבן, בעת דאָס געזעץ מוז מען אָפּהיטן״. דערפון נעמט זיך וואָס קריסטנטום האָט פּאַקטיש, דורך דערקלערן אַז זיין קעניגרייך איז נישט פון דער וועלט, געגעבן זיין הסכמה אויפן גט צווישן עטיק און רעכט, צווישן מאָראַל און געזעץ. דאָס רעכט איז איבערגעלאָזט געוואָרן אינעם רשות פון שטאַרקערן. דערפאַר האָט עס טאָלערירט שקלאַפעריי, שפּעטער לייב־אייגנטום.

ג) די ייִדישע רעליגיע איז אי אַ נאַציאָנאַלע, אי אַן אוניווערסאַלע, בעת קריסטנטום איז אַן אוניווערסאַלע רעליגיע. אַ גרויסער טייל פון תנ״ך איז געווידמעט דער געשיכטע פון ישראל און איז דורכגעפלאָכטן מיט נאַציאָנאַל־היסטאָרישע אָנדענק־מאָמענטן. דער אתה־בחרתנו־באַ־גריף — האַלט דער מחבר — מיינט נישט קיין פּריווילעגיעס לגבי אַנדערע פעלקער; ס׳מיינט ספּעציעלע התחייבותן; ס׳מיינט עול התורה והמצוות פון ממלכת כהנים וגוי קדוש.

די באַחרית־הימים־וויזיע פון ישעיה און מיכה באַווייזט אַז דער ייִדיש־רעליגיעזער געדאַנק איז דערגאַנגען צום אוניווערסאַליזם, צו דער האָפענונג, אַז די עטיק און פרינציפּן פון דער תורה, וועלן ווערן דאָס כּלל־אייגנטום פון דער מענטשהייט. ספּעציעל אין דעם לעצטן זאַץ אין מיכהס זעאונג: „כּי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ה׳ אלהינו לעולם ועד״, אידענטיפיצירט זיך דאָס ייִדישע פאָלק, אויפהיטנדיק זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, מיטן אוניווערסאַליזם, דורך דעם וואָס זיין פּרינציפּ גופא איז כּולל רעספּעקט פאַר דער פרייהייט און אינדיווידואַליטעט פון אַלע פעלקער.

אַ חוץ די פונדאַמענטאַלע שטריכן באַזיצט נאָך דאָס ייִדנטום אַנדערע וויכטיקע אייגנשאַפטן וואָס שיידן אים אָפּ פון אַנדערע רעליגיעס. הגם דער מחבר איז מסכּים מיט די סאָציאַליסטן אין זייער קאַמף קעגן רעליגיע, מחמת די רעליגיעזע מאָראַל באַטראַכט שפלדיקייט ווי איינע פון די גרעסטע מידות, האַלט ער אָבער אַז אויך אין דעם פּרט איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן יהדות און קריסטנטום; ייִדנטום פּריידיקט שפלדיקייט לגבי גאָט; בעת דאָס קריסטנטום — אויך אונטערטעניקייט צו מענטשן. יעזוס הייסט אונטערשטעלן די לינקע באַק און פּעטרוס — אַז די קנעכט זאָלן זיין אונטערטעניק צו די האַרן; די תורה, אָבער, באַרעכטיקט אַ פּראָטעסט פון קרבן, זיין רוף צו גאָט וואָס וועט זיך פאַר אים אָננעמען „כּי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם״. אויף וואָס די גמרא גיט צו: „ולא עבדים לעבדים״.

פּראָפ׳ הערש שטרייכט אונטער די אַנדערע גוט־באַקאַנטע אייגנשאַפטן פון ייִדנטום: זיין ערדישער און קאָלעקטיווער כאַראַקטער; זיין די־וועלטיקייט, זיין סאָציאַלע געזעצגעבונג און יושר; באַציאונג צום פרעמדן און שבת־רו פאַרן שקלאַף. אָבער נאָך געוואָגטער איז וואָס דער מחבר טרעט אַרויס ווי אַ פאַרטיידיקער פון תלמוד. צווישן אַלטמאָדישע ייִדישע ראַדיקאַלן קענט איר אָפט הערן אַ „גוט־וואָרט״ פאַר די נביאים. ווי עס קומט אָבער צום תלמוד דאָ האָט איר כמעט אַ „פאַראייניקטן פראָנט״ פון מערסטע קריסטלעכע געלערנטע און אַ היפש ביסל וועלטלעכע אינטעליגענטן. ביידע גרופּן זעען אין תלמוד בלויז פוסטע סכאָלאַסטיק, אָבסקוראַנטיזם, פּלפּול און דעקאַדענץ. אוודאי האָט זיך פּראָפ׳ הערש נישט באַפרייט פון די אַלע פאַרשפּרייטע טעותן. אָבער כאָטש ער געפינט אין תלמוד „אולטראַ־איזאָלאַציאָניסטישע״ טענדענצן, איז לויט זיין מיינונג, דער גרויסער אויפטו פון תלמוד „באַשטאַנען אין הומאַניזירן, און פאַרמענטשלעכן די דינים פון

דער תורה, אין הסכם מיט דעם תוך פון דער תורה אַליין... פון דער נייטיקייט ווייטער צו פירן די עוואָלוציע וואָס איז בעצם געווען פאַרזייט אין דער תורה גופא, זי צו פאַראַנדערשן לויט די עטישע באַגריפן און באַדערפענישן פון דער צײַט, און דערביי נישט משנה צו זיין קיין איינציק אות פון דער תורה, פון אָט דער נייטיקייט איז געבוירן געוואָרן דער ספּע־ציפישער גמרא־דרש. און די בעלי־התלמוד זיינען דערין געווען אמתע קינסטלער". און פּראָפ' הערש ציטירט אַ גאַנצע ריי שטעלן אין תלמוד צו באַווייזן די הויכע עטיק און אוניווערסאַליזם מיט וועלכע דאָס דאָזיקע ריזיקע ווערק איז דורכגעדרונגען. להיפּוך צו אַנדערע רעליגיעס וואָס זעען נישט קיין תיקון פאַר דער נשמה אויסער זייער קירכע, גייט דער תלמוד אַרויס פון דער הנחה: „חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא". אָדער דער מאמר: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה".

און נאָך דער וואַרעמער אָפּשאַצונג פון תלמוד דערלויבט זיך דער בונדיסטישער געלערנטער אַרויסצוקומען מיט אַזאַ שטיק „אפּיקורסות": „אַפילו די קריסטלעכע וועלט גופא יודאאיזירט זיך אין דער מאָס ווי זי ציוויליזירט זיך" און ער פאַרענדיקט מיט אַ פּאַטאָספולן געזאַנג צום תנ"ך און יידישן פאָלק: „פאַר מיר איז דער תנ"ך דווקא דעריבער הייליק, ווייל ער איז אַזוי מענטשלעך, אַזוי טיף, אַזוי אינטים, אַזוי אויפריכטיק, אַזוי פּראָסט־פשוט מענטשלעך, און דאָס פאָלק וואָס האָט אים געשאַפן, און וואָס האָט אים געטראָגן איבער דער וועלט במשך פון טויזנטער יאָרן, באַצאָלנדיק דערפאַר מיט אָן אַ שיעור קרבנות און ליידן, איז פאַר מיר אַ גרויס פאָלק".

אָן ספק זיינען צווישן די וועלטלעכע בעל־תשובהס פאַראַן גרעסערע לומדים אין דער אַלט־יידישער קולטור ווי פּראָפ' הערש. מען דאַרף אויך נישט מסכים זיין מיט דעם מחברס בליק אויף די גרונטשטריכן פון יידיש־קייט; אַ סך גרויסע יידישע געלערנטע, צווישן די פרומע יידן אַפילו, זיינען מחולק צווישן זיך איבער די עיקר־יסודות פון יידנטום; מעגן דאָך צווישן וועלטלעכע יידן אַוודאי זיין חילוקי־דעות. וויכטיק איז דאָ דער נייער צוגאַנג, דאָס וואַרעמע געפיל און פאַרליבטקייט וואָס דער מחבר ווייזט אַרויס צו דער יידישער רעליגיע. בעת מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך ערשט געהערט אַן אַנגעזעענעם בונדיסט אַרויסדונערן אויף אַ קאָנפערענץ אַזאַ שטיק פלאַכקייט: „ווען מען רייסט אַרויס דעם אַטאָמען־סוד פון דער אינג־ווייד פון דער נאַטור רעדט מען פון אַ רעליגיעזער אַנשויאונג" — ווערט

איר האָפענונגספולער בנוגע דער וועלטלעכער ייִדישקייט נאָכן איבערלייענען פּראָפ׳ הערשס ביכל.

מיט אַזאַ צוגאַנג צו ייִדישקייט קען מען שאַפן ביי דער סעקטע „וועלט־לעכע ייִדן״ אַ ריטואַל און אַ דערציאונגס־פּראָגראַם וואָס זאָל אַריינגיסן אַ נייעם שטראָם לעבנס־זאַפט אין אונדזער יוגנט, וואָס זאָל זי צובינדן לעולם ועד צום אייגענעם פאָלק. אָבער וואו וועט מען געפינען צווישן אונדזערע נאָה דורשים אַזעלכע וואָס זאָלן אָט די נעאָ־וועלטלעכע ייִדישקייט איבער־זעצן אין טאָג־טעגלעכע מצוות מעשיות? און ווי פאַרקערפּערט מען אין פאָלקס־אינסטיטוציעס אָט די אַלע אידעען און ווערטן — דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך, וואָס מען דאַרף באַזונדער באַהאַנדלען.

1946)

# שלמה מענדעלסאָן — ייִדישער פאָלקס־סאָציאַליסט

ס׳איז שווער שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז שלמה מענדעלסאָן, דער מיט ענערגיע ברויזנדיקער, אין אַלע ייִדישע פּראָבלעמען פאַרקאָכטער בונ־דיסט — איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט די שרעקלעכע בשורה, האָט זיך, אַ ריס געטאָן אין האַרצן און מיר האָבן דערפילט אַ נייע באַשטעטיקונג, אַז דער ערשט נעכטן בליענ־דיקער ייִדישער קיבוץ אין פּוילן איז טאַקע מער נישטאָ אויפן ערד־קוגל.

שלמה מענדעלסאָן איז געווען גאָר אַ באַזונדער טיפּ צווישן דער בונ־דישער אינטעליגענץ. ער איז נישט געקומען פון דער פרעמדער גימנאַזיע־באַנק מיט איר ביטול־באַציאונג צו אַלץ וואָס איז ייִדיש. הגם ער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעטן איז דער הויפּט־מקור פון זיין אינספּיראַציע געווען די טיף־ייִדישע וואַרשע: די וואַרשע פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, חסידים, לומדים און משכילים; וואַרשע מיט אירע אומצייליקע חסידים־שטיבלעך און נאַאיווע פּראָווינצער טרוימער וואָס פלעגן קומען אין דער

גרויסער שטאָט זוכן אַ תיקון פאַר זייערע וויסן־דורשטיקע נשמות; די וואַרשע פון פּרץ, נאָמבערג און פּרילוצקי, מיט זייער נעאָ־חסידישער התלהבות פאַר אַלץ וואָס איז דורותדיק, יסודותדיק און פאָלקסטימלעך. ביזן רייפן עלטער אַ פאָלקיסט, איז מענדעלסאָן געקומען צום „בונד״ ערשט דאַן ווען דער „בונד״ איז געוואָרן אַ יידישע פאָלקס־באַוועגונג אין פּוילן; ווען ער האָט אויפגעהערט, — אויב ניט אין טעאָריע, איז אין דער פּראַקטיק, צו זיין בלויז דער פאַרטרעטער פון אַרבעטער־קלאַס און איז געוואָרן דער שליח־ציבור פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע מיט איר בענקשאַפט נאָך אַ מלכות שמים אויף דער וועלט. מענדעלסאָן איז געקומען צום „בונד״ ווען די בונדישע קולטור־טעטיקייט האָט איבערגעשטיגן פאַרטיי־פאָרמולעס און איז געוואָרן אַ סך מער ווי די פאָדערונג פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

דאָס איז געווען דער פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות ווען דער „בונד״ האָט געשאַפן די וואונדערלעכע נעץ פון יידישע פאָלקס־שולן, קינדער־היימען, קאָאָפּעראַטיוון, פאָלקס־קורסן, יוגנט־פאַראיינען מיט מחנות יונגע, אידעאַליסטישע טרוימער און קעמפער. דעמאָלט האָט זיך דער באַגאַבטער מענדעלסאָן מיט חסידישן ברען און מיט זיין פאַרליבטקייט אין דער יידישער פּוילן אַריינגעוואָרפן אין דער קולטור־בויאונג און איז געוואָרן דער הויפּט־אַרכיטעקט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. אויך דאָ האָט די פּוילישע שפּראַך־אַסימילאַציע געריסן שטיקער פון יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם, אָבער מען האָט אַלץ געמעגט האָפן אַז די טיף־פאַרוואָרצלטע, קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישע מאַסע, — פון איין זייט — וועט איינהאַלטן איר אייגנאַרט און איר נאַציאָנאַל־יידישן לעבנס־שטייגער; און פון דער אַנדערער זייט האָט די ראַדיקאַל־וועלטלעכע מחנה, אַפילו בעת די אומאויפהערלעכע רדיפות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען מצד דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער רעגירונג, כסדר געשאַפן נייע נאַציאָנאַלע ווערטן און דאַמבעס קעגן דער אַסימילאַציע־כוואַליע. און מענדעלסאָן דער פאָלקיסטישער בונדיסט האָט הויך געשעצט די יידישע אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן און איר ווערטפולקייט פאַרן יידישן קיום. אַוודאי האָט ער זי געוואָלט אויפלייזן אין „בונד״, אָבער ער האָט אויך פאַרשטאַנען אַז זי איז דער רעזערוואואַר פון וואַנען אַלע מאָדערנע יידישע באַוועגונגען אין פּוילן שעפּן זייערע אָנהענגער, און אויב חלילה דער טאָג וועט קומען ווען זי וועט אונטערגיין, וועט דערמיט אויך באַדראָט

ווערן די סאַמע עקסיסטענץ פון „בונד". מער ווי איין מאָל האָט איך עס פון אים געהערט. דאָ, אין דער שעפערישער סביבה, האָט מען געקענט זיין גלייכצייטיק אי אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייִד, אי אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער אַנטי־ציוניסט.

אין אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך מענדעלסאָן געראַטעוועט אין גלות־אַמעריקע — אַ לאַנד פון נעכטיקע אידעאַליסטן, פון מענטשן מיט טייערע זכרונות, אָבער אָן כוח צו ברענגען קרבנות פאַרן מאָרגן. דאָ קען מען זיין אי אַ גרויסער חסיד פון „בונד", ביי אַ יובילײ־פייערונג, — אי ענטוזיאַסטיש פאַרן „אירגון". די אַלע גוטע, וואויל־מיינענדיקע מענטשן וואָס האָבן נעבעך נישט גענוג כאַראַקטער צו קענען ביישטיין דעם פלאַכן מאָ־דע־שטראָם, פילן אַמאָל אַ שולד־באַוואוסטזיין. ווען ס'קומט אַ גאַנצע, כאַראַק־טערפולע פערזענלעכקייט ווי מענדעלסאָנס, לעבן אויף פון פאַרגעסנהייט זייערע יוגנט־אידעאַלן, און זייערע ניט־דערפילטע בענקשאַפטן באַקומען אַ תיקון. דערפאַר האָט מענדעלסאָן אַרויסגערופן אַזויפל וואַרעמע פריינדשאַפט אויך ביי מענטשן וואָס האָבן נישט געטיילט אַלע זיינע איינשטעלונגען און מיינונגען.

אַפילו ווען איר האָט נישט געטיילט מענדעלסאָנס צוגאַנג צום ציוניזם, האָט איר געוואוסט אַז אין אים רעדט נישט דער דאָגמאַטישער פאַרטײ־מענטש. ווייל איבער אַלע זיינע דאגות איז געווען די הויפּט־דאגה: ווי פאַרזיכערט מען די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פון זיין פאָלק — דערפאַר האָט ער געספּקט צי אַ קליינע ייִדישע מלוכה אין ארץ ישראל איז אַ גאַראַנטיע פאַרן קיום פון די מיליאָנען ייִדן איבער דער וועלט. און אַוודאי האָט דער פאָלקס־סאָציאַליסט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער העברעאיסטישער גאווה און איר ביטול־באַציאונג צו אַלע ייִדישע ישובים אין חוץ לארץ. אָבער מענדעלסאָן דער בונדיסט האָט נאָך מאַידאַנעק באַהאַנדלט אַלע ייִדישע פּראָגעס אונטערן צייכן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, און אין זיין לעצ־טן אַרטיקל וואו ער רוקט אַרויס די בונדישע טענות צום ציוניזם, פילט איר זיין וואַרעמע באַציאונג צום ארץ ישראלדיקן ישוב. „ער איז נאַציאָנאַל שטאַרק אָרגאַניזירט, געוויסע טיילן זיינע פאַרמאָגן אַ סך אידעאַליזם... פאַראַן דאָרט שטאַרק אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער איז סאָציאַל דיפערענצירט. ביי אָט די פּאָזיטיווע שטריכן וואָלט ער גע־

קענט ווערן אַ מיטבויענדיקער כּוח אין ייִדישן לעבן" („אונדזער צייט" פון פעב'). אַזוי קען נאָר ריידן איינער וואָס איז שטאָלץ אויף יעדן ייִדישן אויפטו און וועמען יעדער ייִדישער שבט איז טייער.

נאָך דער ערד־ציטערניש וואָס האָט אומגעבראַכט זיין באַליבטסטן שבט פּוילן, האָט ער פּרובירט צוזאַמענגעמען די רעשטלעך פון די לעבנגעבלי־בענע בונדיסטן און אויפלעבן זיין באַוועגונג. ערשט פאַראַיאָרן אין בריסל, האָט ער מיט זיינע חברים פאָרמולירט אַ בונדישע פּראָגראַם פאַר דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. אין מענדעלסאָנס רעפעראַט, אויף יענער קאָנ־פערענץ קומט צום אויסדרוק זיין עוואָלוציע בנוגע דער ייִדן־פראַגע אין דער איצטיקער תּקופה. ווי הימל־ווייט ער איז פון אַמאָליקן בונדישן ניי־טראַליזם! ער פּריידיקט מיט פייערדיקן פּאַטאָס די גורל־געמיינשאַפט פון ייִדישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, און די אַחריות פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט פאַר אונדזער קיום. עס האָט זיך געוואָלט האָפן אַז ער וועט מיט זיין ערלעך־אומדערשראָקענער שטים און מיט זיין ליבע צו דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישער ירושה, העלפן אויסשמידן אַ נייעם „בונד", וואָס זאָל בלייבנדיק טריי זיין עבר, זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער געענדערטער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. דאָ, אין די פּשרהדיקע, סטאַגנאַנטע וואַסערן פון דער ראַדיקאַלער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט איז אַזוי נייטיק מענדעל־סאָנס אומרו, זיין חסידיש־ראַציאָנאַליסטישע פּקחות און זיין רעוואָלוציאָנערע אומצופרידנקייט מיטן סטאַטוס־קוואָ. אַוודאי זיינען אין אַמעריקע וואו דער האָריזאָנט פון ייִדישן סאָציאַליזם איז אַזוי שמאָל, זיינע פליגל געווען אונ־טערגעשניטן און ס'האָט אים אויסגעפעלט רוים זיך צו קענען באַוועגן. אָבער בהדרגהדיק האָט ער זיך אַלץ מער אַריינגעטאָן אין די היגע ייִדישע פּראָ־בלעמען און זיך „דעראָבערט" אַלץ מער פּלאַץ... און מיט דער אויס־שפּרייטונג פון זיין השפּעה האָט זיך געוואָלט גלייבן אַז ער וועט אַ סך פון זיינע חברים — נאָך אַלץ ווייניק התלהבותדיק פאַר ייִדישן קיום, — אָנ־שטעקן מיט זיין אהבת ישראל און מיט זיין אַחריות־געפיל פאַר אונדזער צוקונפט אין אַלע תּפוצות.

(1948)

# אונדזער היסטאָרישער גאַנג

## (אַ שמועס מיטן שריפטשטעלער י. י. טרונק)

דער ייִדישער חורבן אין מזרח־אייראָפּע האָט פּאַרוואָרפן קיין אַמעריקע אַ ביסל ייִדישע אינטעליגענץ. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט זיך דערווייל נאָך נישט איינגעבירגערט אין דער היגער ייִדישער סביבה. דערווייל פילן זיך נאָך אַ סך פון די אַריבערגעקומענע אינטעליגענטן ווי פרעמדע וואָס שטייען פון דרויסן, און ווי דרויסנדיקע דערלויבן זיך אייניקע פון זיי צו זיין סופער־קריטיש און אַפילו מבטל צו זיין אַלץ וואָס אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געשאַפן. אַ טייל פון די אַריבערגעקומענע ציוניסטישע שריפטשטעלער הערט נישט אויף צו באַווייזן אַז דער אַמעריקאַנער גלות איז דער סאַמע אומשעפערישסטער און האָפנונגסלאָזסטער פון אַלע אונדזערע גלותן. נישטאָ קיין שום תרופה פאַר אים.

די נאַציאָנאַל־געשטימטע בונדיסטישע פּליטים זיינען אויך נישט קיין קלענערע פּעסימיסטן בנוגע דער צוקונפט פון דער ייִדישער אַמעריקע. ביי זיי איז פאַראַן איין מאָס; אַלץ וואָס איז אַנדערש פון פּוילן איז נישט־גוט. דאָרטן, טענהן זיי, איז געווען אַ ייִדיש־רעדנדיקע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע יוגנט וואָס האָט ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון ייִדישן לעבן און שאַפן. איז דאָס אפשר אַלץ אמת. אָבער פאַרוואָס אַזאַ גרינג אָפּזאָגן דאָס לעבן פינף מיליאָן ייִדן?! האָבן דאָך ייִדן אין משך פון זייער גלות־געשיכטע עקסיסטירט אין פאַרשיידענע לענדער, אונטער אַלערליי סאָציאַל־קולטורעלע קלימאַטן, רעזשימען, און צווישן אַ סך פעלקער!

אויך דער בונדיסטישער שריפטשטעלער י. י. טרונק האָט אַנומלט (אין דער „צוקונפט״) זיך דערלויבט צו עצהנען די אַמעריקאַנער ייִדן אַז זיי זאָלן אַריינשפּרינגען אין היגן „שמעלצטאָפּ״ און זיך אויפלייזן אין דער רייכער אַמעריקאַנער קולטור. לעצטנס אָבער, נאָכן חורבן־אייראָפּע, ווען מיר אַלע דערפילן ווי גרויס עס וועט מוזן זיין די אחריות פון אַמעריקאַנער ייִדן פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אונדזער פאָלק; איצט זעט שוין אויך טרונק איין אַז „די גרויסע רעזערוון פון ייִדישע מענטשן אין אַמעריקע וועלן... אפשר גאָר מוזן ווערן דאָס היסטאָריש־אַקטיווע ייִדישע פאָלק״. (זע: „אונזער צייט״, סעפּט׳ 1944). אין דעם אַרטיקל קומט ער אַרויס

מיט אַ רוף צו זיינע חברים בונדיסטן אַז זיי זאָלן זיך אַריינוואַרפן אין היגן יידישן לעבן און שאַפן דאָ אַ גרויסע בונדישע באַוועגונג. די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט, ווען זי וועט אַהיימקומען פון די שלאַכטפעלדער, „וועט ממש זיין אַ געבענטשטער מאַטעריאַל פאַר דער בונדישער געשיכטלעכער אי־דעאָלאָגיע".

י. י. טרונקס גייסטרייכע אָריגינעלע באַגרינדונגען פון גלותיזם און בונדיזם גיבן איך אַ סך מאָל דאָס געפיל אַז פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט זיינען ביי אים אומצעטיילבאַר; אַז גלויבן און ווילן קענען אַן אידעאַל פאַר־וואַנדלען אין אַ רעאַליטעט. אין שייכות מיט אונדזער נאָענטער צוקונפט האָב איך מיט טרונקן פאַרבראַכט עטלעכע שעה און בין געווען שטאַרק באַאייג־דרוקט פון זיין פערזענלעכקייט: אַ סינטעז פון אַ שאַרפזיניקן חסיד, און אַ מאָדערנעם אינטעלעקטואַל. גוטסקייט און פריינדלעכקייט שטראַלט אַרויס פון זיין גאַנצן וועזן. דער מענטש, וועלכער האָט אַזוי פיל דורכגעליטן אין משך פון די לעצטע פיר יאָר איז נישט צעטרייסלט געוואָרן אין זיין פעלדזן־פעסטן גלויבן אין אַ בעסערער מענטשהייט, און צי איר זייט מסכים מיט זיינע אויספירן אָדער נישט, איז כדאַי זיך צו באַקענען מיט זיין קוק אויף די תוכיקע פראַגן פון יידישן זיין.

אויף דער ערשטער פראַגע: — צי האָט דער סאָציאַליזם אין דעם קריזיס אין וועלכן ער האָט ליידער נישט דערפילט די האָפענונגען וואָס מע האָט אויף אים געלייגט, פאַרלוירן זיין ווערט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט? — איז געקומען דער ענטפער: נישט גלייבן אין סאָ־ציאַליזם, הייסט, נישט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ גערעכטער מענטש־הייט; דאָס וואָלט געהייסן אַז מע גלייבט אַז די מענטשהייט פאַרנעמט זיך צוריקגיין צום כאָאָס און צו דער חיה. פאַרברענען די בריק צום סאָציאַליזם, הייסט בלייבן אין אַ פינצטערער האָפענונגסלאָזער נאַכט. ניין, דאָס קאָן מען זיך נישט דערלויבן צו גלייבן.

צי קען מען זיך באַנוגענען מיט אַריבערטראָגן דעם אַלגעמיינעם סאָ־ציאַליזם אויף דער יידישער גאַס, אָדער מוז סאָציאַליזם ביי יידן אָננעמען אַ באַזונדער געשטאַלט פון י י ד י ש ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם, ד"ה, זיך באַזירן אויף דער גייסטיק־היסטאָרישער ירושה פון יידישן פאָלק?

די פראַגע — האָלט טרונק — איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און זייער אַ וועזנטלעכע און זי וואָלט באַדאַרפט אַ ברייטן און אויספירלעכן ענטפער.

„אַזוי ווי אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ איז דאָס נישט מעגלעך, וועל איך זיך מער באַמיען צו פאָרמולירן, איידער צו באַגרינדן״.

די מענטשלעכע געשיכטע איז די געשיכטע פון אוועקגאַנג פון דער חיה. אויף דעם דאָזיקן וועג אַוועק פון דער חיה זיינען יידן מיט צוויי טויזנט יאָר ווייטער ווי אַנדערע פעלקער. דאָס איז זייער טראַגיק. אין דעם מוז מען, אפשר, זוכן דעם סוד פון אַנטיסעמיטיזם. מאַכט איז חיה. אוממענטשלעכקייט איז מענטש. די יידישע געשיכטע איז די געשיכטע פון מענטשלעכער אוממענטשלעכקייט. פונקט ווי קולטור־געשיכטע — ביי דער גאַנצער מכלומרשטער מאַכט אירער — איז דער עפּאָס פון דער מענטשלעכער אוממענטשלעכקייט. די יידישע היסטאָריע איז די געשיכטע פון אַ גאַנג צו דער וועלט־גערעכטיקייט. אין יידישן סאָציאַליזם זע איך אַ מעטאַפיזיש־היסטאָרישע געשטאַלט פון דער גערעכטיקייט.

גלייבט איר, פריינד טרונק, אַז צו די וויכטיקע פראַגן פון יידישן סאָציאַליזם געהערן:

א) די עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע פון אונדזערע מאַסן אין די לענדער וואו זיי פאַרבלייבן?

ב) אָרגאַניזירונג פון אַ פּלאַנמעסיקער, קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע אין נייע לענדער?

ג) זאָל די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע זיך באַשרענקען בלויז אויף ארץ־ישראל?

עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע מוז איך לאָזן צו פאַכלייט און איך וועל זיך באַגרענעצן צו דער פראַגע פון ארץ־ישראל — האָט טרונק אָנגעהויבן זיין ענטפער.

איך בין שוין יאָרן לאַנג אַן אַקטיווער קעגנער פון ציוניזם; אָבער איך בין געווען אַ קעגנער פון ציוניזם נישט ווייל כ׳האָב נישט געגלויבט אין דער רעאַלער מעגלעכקייט פון זיינע פּערספּעקטיוון. איך האָב תמיד דורכויס געגלייבט אין דער רעאַלער מעגלעכקייט פון ציוניזם. כ׳וויל זיין נאָך אויפריכטיקער און זאָגן: כ׳האָב מער געגלייבט אין דער רעאַליזירבאַרקייט פון ציוניזם ווי אין דער רעאַלער מעגלעכקייט פון סאָציאַליזם. עס איז אַ סך לייכטער צו שאַפן אַ יידישע מלוכה ווי צו מאַכן אַ גערעכטע וועלט. מיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם איז דורכויס געווען אַ נאַציאָנאַל־עטישע. זי האָט געשטימט מיט נאַציאָנאַלע טענדענצן פון דער יידישער

געשיכטע, אַגב, טענדענצן וואָס ציען זיך נאָך פון די נביאים. אַוועקגיין פון „בלוט און באָדן" הייסט, גיין צו העכערע פאָרמען פון מענטשלעכער עק־סיסטענץ.

ערד אַלס פאָטערלאַנד, דאָס איז נאָר אַ טראַנספאָרמאַציע פון דעם הייל־מענטש, אַ טראַנספאָרמאַציע פון דער חיה. שאָפּענהאַוער זאָגט: די חיה גייט שטענדיק מיטן בליק אַראָפּ צו דער ערד. דער מענטש האָט אָפּגעריסן זיינע בליקן פון דער ערד. ווייל מיר, ייִדן, האָבן באַוויזן אַרויס־צוּנעמען דעם עלעמענט ערד פון אונדזער נאַציאָנאַלער און היסטאָרישער עקסיסטענץ, דעריבער האָבן מיר באַוויזן צו האָבן אַ נאַציאָנאַלן קיום, וואָס איז אַזוי פרעמד פאַר די פעלקער וועלכע האָבן נאָך דעם דאָזיקן עלעמענט פון זייער געשיכטע נישט באַוויזן אַרויסצונעמען. און דאָ וויל איך נאָך אַ מאָל איבערחזרן, אַז טאַקע אין דעם דאָזיקן פרט זיינען מיר מיט טויזנטער יאָרן ווייטער פון דער חיה, ווי אַנדערע פעלקער. איך וויל אַז מיר, ייִדן, זאָלן ווייטער גיין צו דער וועלט־גערעכטיקייט און נישט צו דער נאַציאָנאַ־לער ערד.

אָבער — האָב איך געפרעגט — ווי דערלעבט מען ביז יענער משיחי־שער צייט? כדי צו דערלעבן יענעם באחרית הימים מוזן מיר, ייִדן, דאָך האָבן אַ שטיקל ערד אונטער די פיס.

דאָ האָט דער בונדיסט טרונק אַנטוויקלט אַזאַ טעזיס: סיי די טערי־טאָריאַליסטן, סיי די ציוניסטן שטייען אויף אַ פאַלשער הנחה אַז אַלע צרות אונדזערע און די גאַנצע שנאת ישראל נעמט זיך פון דעם, וואָס מיר זיינען נישט קיין טעריטאָריעלער איינס. די ציוניסטן גייען נאָך ווייטער און שטעלן די אידעע פון אַ ייִדישער מלוכה אויפן אויבנאָן פון אַלע נאַ־ציאָנאַלע פאָדערונגען, ד"ה אַז ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגענע מלוכה און זיין מיט פעלקער גלייך דאַן וועלן מיר טאַקע זיין מיט פעלקער גלייך. אַ ייִדישע מלוכה וועט אַלעמען צומאַכן דאָס מויל און מע וועט אָנהייבן אונדז צו באַטראַכטן ווי נאָרמאַלע באַרעכטיקטע וועלט־בירגער.

מע דאַרף נאָר קענען אַ ביסל מער די ייִדישע געשיכטע כדי צו זען אַז די דאָזיקע הנחה איז דורכויס פאַלש. די ייִדישע מלוכה אין די צייטן פון הורדוסן און זיין דינאַסטיע איז אין זינען פון שטאַטלעכקייט, פון „קאָמאָנוועלט", אַזוי צו זאָגן, געווען די אויסגעשפּראָכנסטע ייִדישע מלוכה

וואָס מע קען זיך נאָר פאָרשטעלן. פונדעסטוועגן דאַרף מען לייענען די ווערק וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין יענער צייט פון גריכישע, רוימישע און עגיפּטישע שריפטשטעלער כדי ממש צו גלויבן אַז די ווערק זיינען געשריבן אין אונדזערע צייטן אין נאַצי־דייטשלאַנד. אין יענע צייטן זיינען אויך געווען גרויסע פּאָגראָמען און גירושים אויף ייִדן אין אַ סך שטעט פון דער רוימיש־גריכישער וועלט. מע האָט אויף ייִדן געזאָגט די אייגענע בילבולים און געהאַט די אייגענע מיינונגען וועגן ייִדישן וועזן, פּונקט ווי מע האָט וועגן זיי היינט, נישט געקוקט וואָס מיליאָנען ייִדן זיינען געווען קאָנצענטרירט אין ארץ־ישראל און געהאַט דאָרט אַ מלוכה וואָס וואָלט געווען אַן אידעאַל אַפילו פאַר היינטיקע רעוויזיאָניסטן.

עס זעט אויס אַז די קאָנפליקטן פון דער ייִדישער געשיכטע מיט דער געשיכטע פון דער וועלט זיינען אַ סך טיפערע ווי עס מיינען אַ סך טעריטאָריאַליסטן און ציוניסטן. עס איז אַ קאָנפליקט וואָס געהערט צום דיאַלעקטישן וועג פון דער מענטשהייט. דעם דאָזיקן ייִדישן קאָנפליקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט וואָלט איך אָנגערופן ייִדישע אַנטי־טעזע צו דער גרויסער טעזע פון דער מענטשהייט.

פון דעם פריער־געזאָגטן שטאַנדפּונקט בין איך אַ קעגנער פון אַ ייִדישן טעריטאָריאַליזם־ציוניזם נישט געקוקט אויף אַלע פּראַקטישע אַר־גומענטן. נאָר אַפילו פּראַקטיש זע איך נישט אַז די דאָזיקע טעריטאָריעלע לייזונגען זאָלן זיין אַזוי לייכט דורכצופירן. אַן קאַטאַסטראָפעס גלייב איך נישט אין קיין מאַסן־עמיגראַציעס. און דער קאַמף פאַר אַ טעריטאָריע איז נישט קיין סך אויסזיכטפולער ווי דער קאַמף אויף די ערטער. סוף־כל־סוף, אויב מע וויל שטעלן דעם ייִדישן קיום אויף דער הנחה פון אַן אייביק־אומגערעכטער וועלט וועט אונדז די שווערד פון שונא אויך דערגרייכן אויף וואָסער טעריטאָריע מיר זאָלן זיך נישט קאָנצענטרירן. ייִדן האָבן זייער גאַנצע געשיכטע געשטעלט אויפן קאָן פון אַ גערעכטער וועלט. זאָלן מיר פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן וועג אונדזערן נישט אָפּטרעטן. איבערהויפּט איצט ווען מיר זעען אַז אַן אומגערעכטע וועלט איז אויך אַ פאַרלענדונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, איז אפשר די גערעכטיקייט פאַר אַלעמען דער איינציקער רעאַלער וועג.

י. י. טרונק האַלט, אַז פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל דאַרף זיך דער ייִדישער סאָציאַליזם צעשפּליטערן לויט די לענדער וואו ייִדן וועלן וויטער

לעבן, אָבער א י ד י י א י ש דאַרף דער ייִדישער סאָציאַליזם זיך קאָנסטי־טואירן ווי איין וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אונדזער שמועס איז אַריבער אויף אַמעריקע און איך האָב געפרעגט: גלייבט איר, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַ באָדן פאַר אַ נייער ייִדיש־סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, אָדער דאַרף מען באַנייען די שוין עקסיסטירנדיקע סאָ־ציאַליסטישע גרופּירונגען?

דער שריפטשטעלער טרונק האָט זיך פאַרטראַכט און פאַמעלעך און אויספירלעך אַזוי דערקלערט: וועגן די דאָזיקע פראַגן האָב איך מיך באַמיט צו רעדן אין אַ ריי אַרטיקלען וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוווען אין ייִדישע זשורנאַלן אין אַמעריקע. נאָר איין הויפּט־פראַגע וויל איך דאָ באַרירן.

דער ייִדישער ישוב אין אַמעריקע וואָס באַשטייט פון מיליאָנען ייִדן גייט־צו צו אַ מאָדנעם קריזיס, אַגב אַ קריזיס וואָס איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אַ סך קריזיסן אין דער ייִדישער געשיכטע. אין פלוג דוכט זיך, אַז ייִדן אין אַמעריקע גייען צו אַסימילאַציע. אָבער דעם לעצטן שריט וואָס, אויב מע טוט אים נישט, איז די אַסימילאַציע נישט ווערט קיין גראָשן, ד"ה דעם לעצטן שריט פון אויפלייזן זיך אין דער אַמעריקאַנער געמיינ־שאַפט, טוען זיי נישט. אַפילו טעמפּלען מיט אַ זונטיק־דאַווענען זיינען אַ באַריערע צו אַסימילאַציע. דאָס וואָס מע וויל דערגרייכן, אַז ס'זאָל אויפ־הערן דער וועלט־קאָנפליקט מיט דעם ייִדישן עלעמענט, דערגרייכט מען נישט. פאַר דער אַרומיקער וועלט זיינען די זונטיק־דאַוונער פּונקט אַזעלכע ייִדן, ווי די אָרטאָדאָקסן אויף דער איסט־סייד. דער היסטאָרישער קאָנ־פליקט מיט ייִדן האַלט אויך אָן ביי די דאָזיקע ראַביי־ייִדן.

אין אַמעריקע וועט דורך דעם אַמאָל מוזן קומען צו אַ גרויסער און טראַגישער באַזינונג, צו אַ חשבון הנפש. אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע זיינען שוין פאַר היטלערס צייטן ייִדן געקומען צו אַזאַ טראַגישן חשבון הנפש. מיר האָבן געזען ווי די נאַציאָנאַלע און גייסטיקע שטרעמונגען פון די גרויסע ייִדישע מאַסן אין מזרח האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען באָדן ביי די פאַרפרעמדטע ייִדישע ישובים אין מערב. יענע ייִדישע ישובים זיינען אָבער געווען צו קליין כדי די דאָזיקע באַזינונג זאָלווירקלעך קענען אָננעמען קאָנקרעטע היסטאָרישע פאָרמען, ווען מיליאָנען ייִדן קומען אָבער צו באַזינונג מוז עס דורכויס אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען. באַזינונג איז אַן אַקט פון ייִדישער געשיכטע.

איך האַלט דעריבער, אַז די דאָזיקע גרופּן אין לאַנד וועלכע פאַרשטייען וואָס הייסט ייִדישע געשיכטע און וואוהין די מיליאָנען ייִדן אין אַמעריקע מוזן צוריקקומען — מוזן שוין באַצייטנס אויסבויען די בריקן וועלכע זאָלן קאָנען טראָגן דאָס צוריקוואַנדערן פון אַמעריקאַנער ייִדן צו פּולער און אַקטיווער ייִדישער געשיכטע. איבערהויפּט איצט, ווען אַלע גרויסע ייִדישע ישובים אין גאָר דער וועלט זיינען אָפּגעווישט געוואָרן, און אויב מע קאָן רעדן פון אַ ייִדיש פאָלק, זיינען עס נאָר ייִדישע מאַסן אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, מוז מען זיכער גרייט זיין צו די צייטן וואָס האַלטן ביים קומען. איך האַלט אַז אַלע פּראָצעסן פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען דאָס היסטאָרישע לעבן פון ייִדישע מאַסן אין דער אַלטער היים מוזן דורכויס אַריבערגעפּלאַנצט ווערן קיין אַמעריקע, אָבער נישט אין אָפּיסעס אַריין, נאָר אין די טיפענישן פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע.

איך פּערזענלעך בין דערפאַר אַז מיר, בונדיסטן, זאָלן דעם „בונד", וואָס אין מיינע אויגן איז ער דער דערהויבנסטער סינטעז פון ייִדישקייט און גערעכטיקייט, דער קלאָרסטער און אויסגעשפּראָכנסטער וועג פון מאָדערנער ייִדישער געשיכטע, — אַריבערטראַנספּאָרטירן קיין אַמעריקע. דאָס זעלביקע דאַרפן טוען אַנדערע וואָס זיינען אַקטיוו אין אַנדערע פּראָצעסן פון ייִדישער געשיכטע. וויינען אויפן חורבן איז אַ טראַגישע פליכט, אָבער נישט קיין היסטאָרישער וועג. כל־זמן עס לעבן מיליאָנען ייִדן, גייט ווייטער אָן די טאַט, וואָס הייסט ייִדישע געשיכטע. מיין גרעסטער אידעאַל איז צו זען אַ גרויסע און מעכטיקע בונדישע באַוועגונג אין אַמעריקע. עס איז אַבסאָלוט נישט אויסזיכטלאָז. אין דעם מאָמענט ווען די ייִדישע מאַסן אויף די אַמעריקאַנער קאָנטינענטן וועלן צוריקגיין צו זייער היסטאָרישער באַשטימונג, וועט דער „בונד" זיין די שטאַרקסטע בריק וואָס וועט זיי צוריקפירן צו זייער נאַציאָנאַלן מהות.

ווינטשנדיק ביי זיך אין האַרצן אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב זאָל וואָס גיכער מאַכן אַ חשבון הנפש, בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן ווי ער — דער פאַרליבטער אין דער מאָדערנער ייִדישער קולטור — שטעלט זיך פאַר דעם פּראָצעס פון צוריקגאַנג אין אַמעריקע און האָב אים געפרעגט: בעת ייִדיש פאַרשווינדט אַלץ מער פון די מיילער פון דער ייִדיש־אַמעריקאַנער יוגנט, אין וואָסער פאָרם וועט זיך דער נאַציאָנאַלער מהות פון די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע אויסדריקן?

— ווען איך רעד פון אַמעריקאַנער יידישע מאַסן קאָן איך נישט נעמען אין באַטראַכט דאָס בילד פון דער קעגנוואַרט. עס איז נאָך אַ כאַאָס וואָס גייט צו אַ טראַגישן קריזיס און ערשט ביי דעם לעצטן פונקט פון דעם קריזיס — וואו עס וועט זיך אויסווייזן אַז יידן אין אַמעריקע קענען נישט מאַכן דעם לעצטן אַנטשיידנדיקן טריט צו אַסימילאַציע — ערשט דאַן וועט קומען די באַזינונג און דער וועג צוריק צו יידישער געשיכטע. דאָס זעלבי־קע איז אויך שייך צום קעגנווערטיקן מצב פון יידיש אין אַמעריקע. עס קאָן נישט זיין דער צוריקגאַנג צו יידישער געשיכטע אָן דעם צוריקגאַנג צו דער יידישער שפּראַך. יידישע שפּראַך איז דער וועלט־צושטאַנד און דער וועלט־ריטם פון די לעצטע טויזנט יאָר יידישע געשיכטע. אַגב, וויל איך נאָך באַטאָנען דעם מעטאַפיזישן באַדייט פון יידיש. דער סינטעז פון אַ סעמיטיש מזרח פאָלק מיט אַ נאָרדישער שפּראַך איז דער סינטעז פון אַ גרויסער היסטאָרישער אַבסטראַקציע „איבער אַלע ערדן" און אַלע טעריטאָריעס; אַ שפּראַך־בילד וואָס איז אַבסאָלוט אידענטיש מיט דעם קיום־בילד פון יידישער געשיכטע. דער דאָזיקער סינטעז איז אַ סך דער־הויבענער ווי דאָס שפּראַך־בילד פון העברעאיש, וואָס איז געווען אַ סינטעז פון אַ סעמיטיש פאָלק מיט אַ סעמיטישער שפּראַך. יידיש איז דער ווייטערער גאַנג אין דער וועלט פון דער יידישער נאַציע; דאָס באַהעפטן פון קעגנזאַצן צו איין נאַציאָנאַלן וועלט־דאַ־זיין. יידיש איז יידישער ווי העברעאיש. צוריקגיין צו יידישער געשיכטע, הייסט דורכויס צוריקגיין צו יידישער שפּראַך. אויך יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע מוז זיך רעכענען מיט דעם וואָס עס וואַרט אויף איר אין דעם מוז פון יידישן פאָלק וואָס לעבט היינט — ווי טראַגיש עס זאָל נישט קלינגען — בלויז אויף די קאָנ־טינענטן פון אַמעריקע. אויך יידישע ליטעראַטור איז די בריק וואָס מיר מוזן עקשנותדיק בויען פאַר דעם אויפוואַכנדיקן שיקזאַל פון די מיליאָנען יידן אויף די נייע וועלט־קאָנטינענטן.

(1945)

# דער ייִדישער יחיד איז די צענטראַלע פּראָבלעם

## (אַ שמועס מיט מנחם באָריישאַ)

מנחם באָריישאַ איז איינער פון אונדזערע אָנגעזעענסטע דיכטער און טיף־גראָבנדיקע פּובליציסטן. ווי אַ תּלמיד פון י. ל. פּרץ הערט ער זיך אין משך פון יאָרן נישט אויף צו גריבלען אין מהות פון ייִדישקייט און אין דעם זין פון אונדזער קיום. ער טוט עס סיי אין זיינע פּאָעטישע ווערק, סיי אין זיינע פילאָסאָפישע עסייען און אַרטיקלען.

באָריישאַ האָט מיט זיינע לידער, מיט זיינע לירישע און פּאָרטיפּטע עסייען, און ספּעציעל מיט זיין קרוין־ווערק „דער גייער" זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז טיף פאַר־וואָרצלט און באַהאַוונט אין דער דורותדיקער ייִדישער קולטור און גלייכ־צייטיק אַ גרינטלעכער קענער פון דער ייִדישערווירקלעכקייט אין אַמע־ריקע. ער ראַנגלט זיך מיט די אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ און גלייכצייטיק זוכט ער אַן ענטפער אויף די אַקטועלע פראַגן וואָס מאַטערן היינטצייטיקע ייִדן: ווי לעבט מען שעפעריש אין צוויי קול־טורן? ווי האַלט מען אויף דעם ייִדישן איך אין אַן אַסימילירנדיקן אַרום? ווי שאַפט מען אַ גייסטיקע בריק צו די קומענדיקע דורות אין אַמעריקע? ער איז אַן אחריותדיקער זוכער, אַ וואָרט־קינסטלער מיט אַ שליחות. מיט זיין ליריש־פּאָרטיפּטער מחשבה רודערט ער אויף דעם לייענער.

איך האָב דעריבער געשמועסט מיט אים איבער די צענטראַלע, תּוכיקע פראַגן וואָס שטייען איצט אויפן סדר־היום אין אונדזער ייִדיש־ראַדיקאַלער וועלט.

אין דער ערשטער ריי אינטערעסירט מנחמען די שייכות צווישן רע־ליגיע און סאָציאַליזם. די צוויי באַגריפן — האַלט ער — קען מען נישט פונאַנדערטיילן. רעליגיע זוכט איינצושטעלן קאָנטראָל אין די באַציאונגען בין אָדם לחברו דורך וועקן אַחריות פאַר העכערע מאָראַלישע פּרינציפּן. סאָציאַליזם וויל דורך דעם דרויסנדיקן קאָנטראָל פון אַ סאָציאַל־יושרדיקער אָרדענונג צאַמען די מענטשלעכע גייציקייט און וועקן די אחריות פאַרן צווייטן. אַזוי האָבן עס געזען די ערשטע סאָציאַליסטן. דער יאָרהונדערט

פון מאַרקסיזם מיט דער פאַרביסענער מלחמה קעגן דער רעליגיעזער „שכרות" האָט אַלעמען זייער אַ סך געקאָסט. אונדז — מער ווי אַלעמען. אויב אַנדערע האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען צוזאַמען מיט דער מאַכט פון דער קירכע אַרויסוואַרפן אויך די אחריות פון מענטש פאַר דעם וואָס איבער אים און נישט אינגאַנצן געניזוקט ווערן, האָבן מיר עס נישט געקענט — אַזוי האָלט מנחם. ביי אונדז האָט די סאָציאַליסטישע מלחמה מיטן רבונו־של־עולם אויסגעליידיקט דעם ייִדישן מענטש פון זיין היסטאָרישן תוך, און וואָס ווייטער ווערט אַלץ קלאָרער — מיינט ער — ווי שיטער עס איז דער זאַמד אויף וועלכן אַלע וועלטלעכע קולטור־בנינים זיינען געבויט. אויף וויפל אונדזער „קירכע" האָט אויף זיך געטראָגן די זינד פון אַנדערע קירכעס און אונדזער אמונה איז פאַרגליווערט געוואָרן, האָט סאָציאַליזם געקענט ווערן דער באַנייערישער כוח, וואָס זאָל — אפשר מער ווי דאָס חסידות אַמאָל — צוריק זי אָנלאָדן מיט זין פון טאָג־טעגלעכער גאולה. דער ייִדישער סאָציאַליזם האָט עס נישט געטאָן, ווייל ער איז נישט געווען קיין ייִדישער. אַפילו דער פועלי־ציוניזם איז געוואָרן ייִדיש בלויז דורכן באַהעפט מיט אַן אַנדער פּאָליטישער אידעע. און דער בונדיזם, איידער ער איז געקומען צו דער ייִדישקייט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און דער וועלטלעכער קולטור, האָט געדאַרפט אויף דעם האָבן אָטאָ באַוערס הכשר.

די אומייִדישקייט פון ייִדישן סאָציאַליזם — האָט מנחם געטענהט — הענגט ווי אַ קללה אויף אונדז עד־היום. צוליב זיין אומייִדישקייט איז אונדזער סאָציאַליזם געבליבן אַ מין שטייענדיק וואַסער אין וועלכן אַ דור פאָלקס־מענטשן טאָפּטשעט זיך און קען נישט אַרויסשלעפּן די פיס. דאָס איינציק ביסל גייסטיק לעבן, וואָס פרישט אָפּ אונדזערע סאָציאַליסטישע קרייזן, דערהויפּט דאָ אין לאַנד, וואַקסט אַרום דעם ביסל וועלטלעכע ייִדישקייט, אַרום די ייִדישע מעשים. אָבער דער חרם אויף דעם וואָס מע רופט „רעליגיע" און די מורא עובר צו זיין אויף די פאַרגליווערטע אַטעאיסטישע לאָו'ן דערלאָזן נישט, אַז די שטיקלעך מעשים זאָלן פירן צו אמתער שעפערישער באַנייאונג, צו אמתן תוך.

ווי ווילד עס זאָל נישט קלינגען גראָד אין איצטיקן מאָמענט, ווען דער גורל פון דער וועלט און אויך פון ייִדן ווערט אָנגעהאַנגען אויף דורכאויס פּאָליטישע לייזונגען, פיל איך — זאָגט מנחם — אַז די צענטראַלע פּראָבלעם

פון ייִדישן קיום איז — דער ייִדישער מענטש. דער ייִדישער חורבן אין אייראָפּע און אונדזער געשניטענע צאָל אין דער וועלט פאַרשטאַרקט אין מיר דאָס געפיל. וואָס די גרויס־פּאָליטיק זאָל נישט מאַכן מיט ארץ־ישראל, וועט די ראָל פון ישוב אין ייִדישן וועלט־קיום זיין אָפּהענגיק דערפון וואָס פאַר אַ מין ייִדישער מענטש עס וועט דאָרט אויסוואַקסן, וואָס פאַר אַ מין תורה עס וועט אַרויסקומען פון ציון. דער קיום פון די רעשטלעך אין רו־מעניע, אין פוילן, אין ראַטנפאַרבאַנד גופא הענגט נאָך מער אָפּ פון דעם מין ייִדישן מענטש, וואָס וועט דאָרט אויפקומען. און וואָס איז שייך צו די זעקס מיליאָן ייִדן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז זייער היסטאָרישער המשך ווי ייִדן דורכאויס אָפּהענגיק פון דעם מין ייִדישקייט וואָס וועט זיך דאָ אַנטוויקלען.

און דאָ ברענגט מנחם באָריישאַ אַרויס זיין קוק אויף ייִדישקייט.

מיר איז די טעג אויסגעקומען — זאָגט ער — צו לייענען און הערן אַ פאָרטראָג פון פּראָפ' מרדכי מ. קאַפּלאַן וועגן אַן אוניווערסיטעט פאַר ייִדישקייט אין אַמעריקע. פּראָפ' קאַפּלאַנס אידעע — ווי באַקאַנט — איז, אַז מיר דאַרפן אויסבילדן אַ טיפּ ייִד, וואָס זאָל קענען גלייכצייטיק לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, דער אַמעריקאַנישער און ייִדישער. עס איז אַ געזונטער איינשטעל. אָבער כדי צוויי ציוויליזאַציעס זאָלן זיך קענען איינלעבן אין איין מענטשן און איינע זאָל נישט פאַרפּלייצן די אַנדערע, דאַרפן ביידע זיין גלייכווערטיק און פאַרמאָגן די זעלביקע כוחות. ווי מעכטיק עס איז די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע זעען מיר שוין אויף עטלעכע דורות אַמע־ריקאַנער ייִדן, אויף אונדזערע אייגענע קינדער. ווי אוממעכטיק עס איז אונדזערע, זעען מיר אויך אויף די זעלביקע קינדער. איז וואָס קענען מיר, די מינדערהייט, אַרויסשטעלן אַזוינס קעגן דער געוואַלדיקער מערהייט מיט איר פּאָליטישן לעבן, שול־סיסטעם, פּרעסע, פאַרווייַלונגען אאז״וו, אאז״וו און גלייבן אַז מיר האָבן דעם כוח זיך ווי נישט איז מיט איר צו פאַרמעסטן? דאָס איינציקע איז — תוך, אַן אַנדער תוך, אַן אייגענעם, אַ גרונט־פאַרשיי־דענעם, וואָס זאָל זיך נישט קאָנען אויסמישן מיטן תוך פון אַרום. דער איינציקער קוואַל פון דעם דאָזיקן תוך זיינען מיר אַליין, אָבער דערגרונ־טעווען זיך צו אים וועלן מיר בלויז דעמאָלט ווען מיר וועלן גיין צום דאָזיקן קוואַל אַן מורא און נעמען פון דאָרט וואָס איז דורותדיק און היסטאָריש אונדזערס: גלויבן אין ייִד. נישט אין אַבסטראַקטן מענטש פון אידעאַלן,

נאָר אין ייִד וואָס טראָגט אויף זיך טאָג־טעגלעך דעם עול פון זיין אחריות פאַר דעם וואָס איז איבער אים.

טראַכט מען פּאָליטיש, מוז מען אָבער און ווידער קייען די טויזנט מאָל איבערגעקייטע שטרוי: מע קען נישט זיין קיין פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ מלוכה. אָבער מיר זיינען דאָס געווען. מיר וועלן עס מוזן ווייטער זיין. נאָר כדי דאָס צו זיין וועט מען מוזן ווידער אָנשטאָט די דרויסנדיקע כלים פון לאַנד און מלוכה זיך ווענדן צו די אינערלעכע כלים פון — זיין פון ייִדישן זיין. מיט דעמדאָזיקן זין וועט מען קענען בויען קהילות, וואָס זאָלן דאָס פאָלק צונויפהאַלטן, וועט מען קענען הייבן דעם ווערט פון ייִדישן שאַפן, וועט מען קענען אַריינברענגען אין די ייִדישע הייזער אַ לופט פון צוגעבונדנקייט צום ייִדישן תוך, וועט מען זיך קענען ראַנגלען מיטן אַרום.

וואָס איך זאָג — באַוואָרנט זיך מנחם — איז בשום אופן נישט קיין נעגאַציע פון ציוניזם. וואָס איז שייך דעם ציוניזם און טעריטאָריאַליזם בכלל קומט מיר אַלעמאָל אויפן זינען פּרצעס מקובל מיט די דריי מדרגות פון ניגונים: דער ניגון וואָס דאַרף אי ווערטער אי אַ קול, דער ניגון וואָס דאַרף בלויז אַ קול, אָבער שוין נישט קיין ווערטער, און דער העכסטער — דער ניגון וואָס זינגט זיך פון זיך אַליין און דאַרף שוין אויך קיין קול נישט. דער אַזוי גערופענער „גלות" איז געווען און וועט בלייבן אַ העכערע מדרגה פון ייִדישקייט — אויב זי האַלט זיך אויף און גייט ווייטער — ווי עס איז די ייִדישקייט וואָס בייטיקט זיך אין דער חומרדיקער ראַם פון לאַנד און מלוכה. אָבער חומר וועלן מיר אַלעמאָל בלייבן — און אויב מע דאַרף אי אַ קול אי ווערטער צו קענען אויסזינגען דעם ניגון — אדרבא! אַבי דער ניגון זאָל געזונגען ווערן! עס באַפאַלט נאָר אַ מורא דעמאָלט ווען די וואָס האָבן דעם קול מיט די ווערטער הויבן אָן אַריינצופאַלן אין פרעמדע ניגונים.

אָבער ווי אַזוי וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן יענער זין פון ייִדישן זיין וואָס זאָל ווידער געבן כוח זיך צו שטעלן קעגן דער דרויסנדיקער ציוויליזאַציע און בלייבן געטריי זיך אַליין? — האָב איך געפרעגט.

מנחם האָט געענטפערט:

די עשרת הדברות זיינען געקומען צו אונדז פאַרטיק־אויסגעקריצטע אויף שטיינערנע לוחות. אָבער הינטער זיי זיינען געווען יאָרהונדערטער פון

עבדת פרך און עינויים קשים אין מצרים, און הינטער די יאָרהונדערטער — וויזיעס פון פּאַסטעכער אין דער מדבר. ביי די וואָס זיינען אַריבער דעם ים סוף איז געווען אי די בענקשאַפט נאָך די טעפּ פלייש פון מצרים, אי די וויזיע פון די אָבות וואָס האָט זיך אויסגעלייטערט דורך די נגישות און עינויים פון שקלאַפעריי. אַז מיר גייען אַרויס אויף אונדזער גאַס ווערן מיר, דאַכט זיך, פאַרטשאַדעט פון די ריחות פון די טעפּ פלייש. שוואַרץ־זעער שרייען, אַז מער ווי טעפּ פלייש איז ביי אונדז נישטאָ. אָבער דאָס איז בלינד־קייט. קיינער וועט זיך נישט דערוועגן צו זאָגן, אַז ס׳איז אונדז געבליבן גאָרנישט, ממש גאָרנישט, נאָך די נסיונות פון מאַידאַנעק און טרעבלינקע. נאָך יעדן גרויסן נסיון קומט צוריק נייע אמונה. דרכים פון באַנייאונג זיינען געווען שוין אויך פאַר דער איצטיקער קאַטאַסטראָפע — ביי פראַנץ ראָזענ־צווייגן, ביי מאַרטין בובערן. וואָלט אונדזער אָרטאָדאָקסיע געהאַט מוט, וואָלט זי געקענט אַליין אַ סך באַנייען. זי האָט עס נישט. זי וועט מאַכן כלערליי פּשרות מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, זיך פאַרשטעלן די אויגן, קוקן אָן אַ זייט, אָבער זיך נישט רירן פון קוצו של יוד. דאָך באַווייזט אַפילו דער וואוקס פון ישיבות דאָ ווי עס וואַקסט אין פאָלק דער דראַנג צו יידישן תוך. און צו וואָס גיין ווייט? אַפילו אַזעלכע וועלטלעכע שולן ווי די פון אַרבעטער־רינג האָבן וואָס צו דערציילן: מע וועט אייך שיקן מיידלעך, אָבער נישט יינגלעך. ווייל יינגלעך דאַרף מע לערנען יידישקייט. אַ בר־מצוהדיקע, אַ גראָשנדיקע, אָבער דאָך יידישקייט.

איז שווער מיטן פינגער אָנצואווייזן פון וואַנען די נייע קלאָרקייט און נייע אמונה וועט קומען. עס איז אַ סך גרינגער צו באַגייסטערן אַ יוגנט מיט קאָנקרעטע פּלענער פון קאָלאָניעס אין עמק ווי מיט אַבסטראַקטע אידעען פון אַ יידישן תוך, וואָס זאָל זיך שטעלן קעגן איינפלוסן פון די דרויסנדיקע ציוויליזאַציעס. רעליגיעזע שעפערישקייט דאַרף אויך האָבן אַ לופט אַרום זיך. בלויז גרויסע יחידים קענען אָוועקגיין פון ישוב און אין פרישות בויען נייע רעליגיעזע סיסטעמען. איז עס שווער פון אַלע זייטן. און דאָך גלייב איך, אַז עס וועט מוזן קומען צו אַ רעליגיעזער באַנייאונג, ווייל אויך די וועלט פון נאָך דער מלחמה וועט אונדז צווינגען דערצו, באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע און דאָ. אַפילו אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי טשעכאָסלאָוואַקיע וויל מער נישט הערן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט. עס גייט צו אַן אויפשטייג פון שטאַטלעכן נאַציאָנאַליזם, וואָס וועט פאַר די יידישע געמיינ־

שאַפטן איבערלאָזן נאָר איין ספּערע אין וועלכער זיי וועלן זיך קענען פריי באַוועגן: רעליגיע. און דאָ וועט בלייבן איין ברירה: ווערן שעפּעריש דורך און אונטערן שוץ פון רעליגיע, אָדער זיך לאָזן פאַרשמעלצן.

און דאָ קומט אַריין די פראַגע וועגן אַ טעריטאָריעלער אָדער אַן אַל־וועלטלעכער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס וואָרט סאָציאַליזם, וויפל עס איז נישט געשענדט געוואָרן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, איז נאָך אַלץ אַ סינאָנים פון מוט, פון רעוואָלוציאָנערישקייט, פון יוגנט, פון אמת. אַן אַלוועלטלעכע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל נישט מעלה־גרהן די תורה פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, נאָר זיך אומקערן צום יידישן שורש, וואָלט געקענט שאַפן די סביבה אויך פאַרן שעפּערישן רעליגיעזן געדאַנק און דורכדעם אַליין זיך היסטאָריש באַפעסטיקן. דער סאָציאַליזם דאַרף אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס מיצל פון בן סורר ומורה, וואָס ער האָט מיט אַזאַ פאַרריסנקייט געטראָגן, און ווערן דער געזעצלעכער יורש פון גאַנג צו צדק און יושר אין נאָמען פון אַ געלייטערט יידיש לעבן. צי אַזאַ יידישער סאָציאַליזם וועט האָבן אַן אייגענע ספּעציפישע פּראָגראַם אין אַמעריקע? נאָך ווי! זאָל ער נאָר פּרובירן זיין סאָציאַליסטיש און יידיש אויף אַן אמת — וואָס פאַר אַן אַנדער ראָל ער וועט נעמען שפּילן אין אונדזער לעבן און וואָס פאַר אַ גרויסע מעשים ער וועט האָבן פאַר זיך!

די לעצטע פראַגע וואָס איז אָנגערירט געוואָרן אין שמועס איז געווען די פראַגע וועגן קהילות, פּראָדוקטיוויזאַציע און יידישע דערציאונג. אויך אין דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע האָט מנחם באַוויזן אַריינצוברענגען דעם עלעמענט פון יידישער גייסטיקייט.

מיר האָבן קיין קהילה אין אַמעריקע ביז איצט נישט געקענט אויפ־בויען און וועלן עס נאָך אַ לאַנגע צייט נישט קענען צוליב דעם ווייל די צעריסנקייט און קאָנקורענץ פון גרופּעס און פּאַרטייען איז שטאַרקער ווי וועלכע נישט איז צענטראַלע אידעע אָדער איבערלעבונג וואָס וואָלט אונדז געקענט צוזאַמענהאַלטן. האָט דען אַ פאָלק ווען עס איז איבערגע־לעבט אַ גרויליקערע קאַטאַסטראָפע ווי מיר אַצינד, אָבער אויך דער בראָך וואָס האָט אונדז געטראָפן און דער טרויער פון די פאַרשניטענע מיליאָנען האָט אונדז נישט געקענט גענוג פאַראייניקן צו שאַפן איין יידישן פראָנט. אַפילו אין אָט דעם מאוימדיקסטן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע האָבן די גרופּן־אינטערעסן גובר געווען דאָס וואָס האָט אונדז אַלעמען געדאַרפט

פאַרבינדן. ווי קען מען ביי אַזאַ צושטאַנד ריידן וועגן אָרגאַניזירן אַ דע־מאָקראַטישע ייִדישע קהילה וואָס איר איינציקער באַזיס מוז זיין דער באַ־גריף „פאָלק״? ווי קען מען ריידן וועגן דעמאָקראַטיע ווען פון אַלע זייטן גייט אַן אויסכאַפּעניש פון כיבודים און יעדע גרופּע וויל זיין דער איינ־ציקער גואל און ברענגען די גאולה בלויז לויט איר אייגענעם רעצעפּט?! אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן איז נאָך אַלץ אין אַ גרויסער מאָס אַן אָפּשפּיג־לונג פון דעם גייסטיק נאָך עולם הזה און גרינג לעבן וואָס איז די אָנווענדונג פון אַמעריקאַנער „ראַגעד אינדיווידואַליזם״ אין אונדזער ייִדישער סביבה. איידער מיר קאָנען טראַכטן וועגן אַ דעמאָקראַטישער ייִדישער קהילה וואָס זאָל אויך זיך נעמען עקאָנאָמישע איבערשיכטונג, דערציאונג און אַלע אַנדערע אויפגאַבן מוז מען רעגיסטרירן אַ געפיל פון ייִדישער אַחריות סיי ביי יחידים אַזוי אויך ביי גרופּעס. אָן דער דאָזיקער פאָלקס־אַחריות קען קיין צענטראַלער בנין פון ייִדישן לעבן דאָ נישט אויפגעשטעלט ווערן.

פון וואַנען זאָל קומען די דאָזיקע אַחריות? זינט דעם חורבן פון דער ייִדישער אייראָפּע רעדט מען ביי אונדז וועגן דעם אַז אויף אַמעריקאַנער ייִדן פאַלט דער היסטאָרישער חוב צו ווערן דער יורש און המשך פון דעם וואָס איז דאָרטן אָפּגעהאַקט געוואָרן. מען פילט אַז דער גרעסטער חורבן אין אונדזער געשיכטע קען נישט אַריבער מיר־נישט דיר־נישט פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן, עס איז אַ געזונט־געפיל. און אויב די ערשטע איבער־לעבונג פון חורבן איז נישט געווען אַזוי שאַרף ווי זי האָט געדאַרפט זיין מוז מען אָבער גלייבן אַז ווען דאָס אומגליק וועט זיך אָפּזעצן אין מוח פון אַמעריקאַנער ייִדן וועלן זיי קלאָרער באַנעמען דאָס וואָס די געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן. קיין גרויסע קאַטאַסטראָפע אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער איז נישט אַריבער אָן אַ טיפער גייסטיקער צעטרייסלונג אין פאָלק. אויך איצט וועט די צעטרייסלונג מוזן קומען. עס קען דויערן אַ דור אָדער צוויי אָבער אַ נייער ייִדישער באַוואוסטזיין וועט זיך מוזן אויסלייטערן. דעמאָלט וועט אויך באַשאַפן ווערן די באַזע פאַר אַ דעמאָקראַ־טישער קהילה וואָס וועט באמת אַרומנעמען דעם גאַנצן ייִדישן כלל און טראָגן אויף זיך די זאָרגן אי פאַר זיין נאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן, אי פאַר זיין גייסטיק ייִדישן המשך.

(1945)

# ייִדישע פּאָעזיע און שליחות

(וועגן קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס „ליכט פון דאָרנבוים")

פאַראַן ביכער וואָס נאָכדעם ווי מ׳לייענט זיי איבער ווערט מען געפאַנגען פון אַ זעלטענעם ניגון, פון אַ שיינקייט וואָס איז געוואָרן אַנטפּלעקט. אָט־אַזוי האָב איך געפילט נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט און איבערגעלייענט קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס נאָר־וואָס דערשינענע לידער־בוך.

יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער דיכטערינס פּאָעטישן וועג ווייסט וועגן איר ווערסאַטילקייט: זי קען אין ליטעראַ, דורכזיכטיקע פערזן מאָלן די שטיפעריש־פאַרחלומטע אַלקעס, די פאַנטלס און איסרס. זי האָט אַמאָל, אַמאָל, נאָך פאַרן בלוטיקן מבול פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אונדז פאַרגעשטעלט די דרייסטע, רעבעלישע פריידקעס פון דזשיקע־גאַס אין וואַרשע. שפּעטער, ווען זי האָט זיך איינגעבירגערט אין ניו־יאָרק, האָט זי אין דער פּאָעמע „בראָנזוויל" אונדז געוויזן דעם שבת, און וואָך, דעם גראָטעסק און די טראַגיק פון ערשטן דור ייִדישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע. זי האָט שוין לאַנג צוריק זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער מזרח־וואַנט פון דער ייִדישער דיכטונג.

די לידער אין איצטיקן בוך זיינען, דוכט מיר, די רייפסטע, די מע־לאָדישסטע וואָס די דיכטערין האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט. עס זיינען אוודאי נאָך נישט פאַרהיילט די וואונדן וואָס די דיכטערין, ווי יעדער סענסיטיווער ייִד, האָט באַקומען אין די גורלדיקע יאָרן 1939 — 1945; אויך אין דעם בוך, פּונקט ווי אין דעם פריערדיקן — „דער מלך דוד אַליין איז געבליבן" — האָט זי נאָך נישט אויפגעהערט זאָגן קינות, און פרעגן קשיות ביי גאָט — אָבער איר פילט אַז נאָך די אַלע פורעניות, חורבנות, און ערד־ציטערנישן איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איצט אָנגעקומען צו אַ נייעם עטאַפּ אויף איר פּאָעטישן וועג. דער מבול האָט אויפגעהערט; דער וויטיק איז איינגעשטילט, און די טויב האָט צוריקגעבראַכט אין דער דיכטערינס תיבה אַ גרין בלעטל פון סקעפּטיש־גלויביקער רעזיגנאַציע, פון הכנעהדיקייט — אַ הכנעהדיקייט וואָס גיט זיך נישט אונטער דעם גורל, נאָר פירט מיט אים אַ פילאָסאָפישן דיאַלאָג. דאָס זיינען תהילימדיקע פערזן, מיט אַלוזיעס צום תנ״ך, אויף מינאָרע טענער, וואָס וויברירן לאַנג אין לייענערס געמיט.

אַ רגע רו וויל איך,
אַן אויגנבליק פון שלום
מיט זיך, און מיט דער זון
און מיט דער ערד פון גענאָד,
אַ שעפּסעלע באַדעקט מיט ווייסע וואָלן
זאָל פּאַשען זיך אַליין —
און איך זאָל זיין אַ פּאַסטעכל
ביי גאָט.

וואָסער פּאַר מיין שעפּס
וואָלט איך געבעטן,
אַ בעזעמל פון זון,
אַ בייט מיט גראָז.
אַ רגע רו פאַר זיך —
וואָלט איך געבעטן
ביי גאָט — מיין באַלעבאָס.

אַ רגע רו וויל איך,
אַן אויגנבליק פון אויסגלייך
מיט זיך און מיט דער וועלט
און מיטן אייביקן באַראָט.
אַ קינד פאַרפּוצט מיט בלויע שלייפן
זאָל שפּילן זיך אַליין —
און איך זאָל זיין אַ בעלפערל
ביי גאָט.

אַ שפּילעכל פאַרן קינד
וואָלט איך געבעטן,
דאָס טעלערל פון הימל,
אַ לעפעלע פון גינגאָלדין.
אַ רגע רו פאַר זיך
וואָלט איך געבעטן
ביי גאָט — מיין אלקים.

**די לידער „תפילה״, „מיין גאָט איז גוט צו מיר״, „נעם די רויזן און די דערנער״, „אַזוי טראַכט איר מיר שבת צו נאַכט״ לייענען זיך ווי היינט־צייטיקע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס נאָר אַ ראַפינירטער, סובטילער, מאָדערניסטישער יידישער דיכטער האָט געקענט אָנשרייבן; נאָר אַ דיכטער וואָס זעט די וועלט מיט יידישע אויגן, אַ קינסטלער פאַר וועמען — לויט ניגערס אויסדרוק — דער עיקר איז נישט „דאָס קונסט־לעבן נאָר די לעבנס־קונסט; אַ קונסט וואָס שטראַלט אַרויס פון אונדזער געוויסן״.**

טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט,
עס קומט די לאַנגע וואָך,
זיבן נעכט, זיבן טעג
מיט געיעג, מיט שלי־שלך,
ווער ווייס וואָס מיט אַ מענטשן
קען געשען אין אַזאַ וואָך?

וועט קומען דער פרעגער, דער גערעכטער
און געבן אַ פרעג:
וואָס האָסטו מתקן געווען?
וויפל פרייד האָסטו פאַרשאַפט,
וויפל טרייסט
דעם פאַרזאָגטן, דעם טרייסטלאָזן געבראַכט?
נעם די ציילונג און צייל זי,
נעם די פוסטקייט און הייל זי —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט.

וויפל מאָל האָסטו געבלאָנדזשעט
און פון גראַדן געלאַכט?
וויפל מאָל האָט די גאווה
דיך געיאָגט אין איר שלאַכט?
זאָג דעם אמת — נישט שעם זיך,
נעם די קלעמונג און קלעם זיך —
אַזוי טראַכט איך מיר שבת צו נאַכט. — — —

דער דיכטערינס אַפּטע ווענדן זיך, אין די לידער, צו גאָט — הגם זי איז ווייט פון פרומקייט — האַרמאָנירט דאָ מיטן געמיט פון רעזיגנאַציע, און ווידוי. זי איז זיך אַליין „מודה" אין איר אַפּיקורסות ווען זי זאָגט:

גיב מיר אַ זופּ פון אים [פון יין המשומר] אַט דאָ אויף איסט בראָדוועי
אין זכות פון ייִדן וואָס וויינען אין די חצותן,
איך בין אַן אַפּיקורס, נאָר איך וויין מיט זיי
מיט זעלבער עצבות און פאַרדראָסן.

פאַר אַזאַ „אַפּיקורס" פּאַסט זיך צו פירן אַן אומאונטערבראָכענעם דיאַלאָג מיט גאָט, מיטן אייגענעם און דער וועלטס געוויסן, מיט דער שכינה, מיט דער כנסת ישראל.

אין קאַדיע מאַלאָדאָווסקיס לידער הערן זיך נישט די דונערן און בליצן פון הר סיני; איר געפינט דאָ ווייניק לידער וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דער קאַטעגאָריע נאַציאָנאַל אָדער סאָציאַל, הגם עס פעלן דאָ נישט קיין פּאָעמעס אויף ייִדיש־היסטאָרישע און הייִנטצייטיקע ייִדישע טעמעס: „משה און אהרן"; „רבי יוסף הכהן"; „יונה"; „היינו כחולמים". אָבער צום גרעסטן טייל באַקענען מיר זיך דאָ מיט לידער־יחידישע, שטילע, בקול־דממה־דקהדיקע, אינטראָספּעקטיווע, ווידויים:

קיין לידער שרייב איך ניט —
איך זאָג ווידויים.
די ווערטער שטאַמלען,
זיי האָבן ניט קיין אָנלען אויף צו רוען.
..................................
און איך ווער זייער צעטומלט
אין אָנפּלוס פון גראַמען.

די ווערטער שטאַמלען ווייט נישט; זיי זיינען פּאָרזיכטיק אָפּגעקליבענע, און אויפן ריכטיקן אָרט; זיי האָבן אַ פעסטן אָנלען... און וויל מען פאַרזוכן דעם טעם פון דער דיכטערינס לירישקייט, פון איר אינדיווידואַליזירטער מוזיק, פון אירע טראַדיציאָנעלע־ייִדישע אימאַזשן, פון איר טאַלאַנט אויס־צושפּילן אויף אַ פליייט אונדזער טראַגיק — דאַרף מען לייענען דאָס ליד

**„מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער, מיין פידל": בלויז עטלעכע פערזן וויל איך דאָ ציטירן:**

מיין פידל, שטויב אָפּ דיינע שטויבן,
דו ביסט אַ פאַרגעסענער ברונעם.
איך וועל באָרגן אַ סמיקל ביים בורא פון אויבן
און אויפוועקן דיינע ניגונים.

קום אַראָפּ פון דער וואַנט, פון דעם טשוועקל,
איך וועל נעמען אַ טאָרבע,
דו וועסט נעמען אַ שטעקל,
מיר'ן גיין איבער יידישע הייזער.
דער וועג איז פאַר אונז,
און ליכטיק פון גאַנג איז דער ווייזער.

מיר בלייבן אין דרויסן אויף נאַכטשלאָף, מיין פידל.
די נאַכט איז צו גאָט
און דער דרויסן צו אים.
מיר בלייבן אויף נאַכטשלאָף אין דרויסן, מיין פידל,
צו גאַסט ביי אונזער גרויסן אלקים. — — —

**דאָס בוך באַשטייט פון פינף אָפּטיילונגען: אויף מיין דאָרן בליט אַ בוים; דער שטיינהאַקער פון ראשון; אייזערנער חלום; צינד אָן דיין ליכט; ירושלים. „דער שטיינהאַקער פון ראשון" איז אַ פּאָעמע פון זעכציק זייטן וואָס שילדערט די עפּאָפּיי פון די ערשטע חלוצים, וואָס האָבן זיך גע־ראַנגלט מיט אייגענע ספקות, און מיט דער שווערער נאַטור. אין אַ פּאָלקס־טימלעך־וואָרצלדיקן יידיש שפּילט דאָ די דיכטערין פונאַנדער איר גאַנצע שפּראַך־ווירטואָזיטעט. אין קופּלעטן מיט אָריגינעלע גראַמען, און מיט לעבנס־חכמה אויסגעדריקט אין שאַרפזיניקע עפּיגראַמען — דערציילט אונדז קאַדיע מאַלאָדאַווסקי וועגן ברוכל דעם עילוי, אַן אידעאַליסטישן טרוימער, און וועגן זיין חבר נתן, דעם סקעפּטיקער; וועגן דעם עלנט, בענקשאַפט און שטאָלץ פון טאַטע־מאַמע אין אוקראַאינע, וואָס זייער געראָטענער בן־יחיד**

איז געוואָרן אַ שטיינהאַקער אין ארץ־ישראל; וועגן דער באַראָנעסע ראָ־טשילד וואָס קומט באַגלייט פון צוויי שומרים צו רייטן אויף אַן אייזעלע, און גאַפט נישט־פאַרשטייענדיק די צאַרטע בחורימלעך וואָס האָבן זיך פרייוויליק איינגעשפּאַנט אין עבודת־פרך. זי בעט זיך ביי איציקלען ער זאָל זי לאָזן אים „באַפרייען" פון יאָך, אָבער ער ענטפערט איר: „דאָ איז מיר גוט, און איך בין אויבן־אָן". די פאַרכאַפּנדיקע, דראַמאַטישע חלוצישע הערואיק פאַרענדיקט די דיכטערין מיט אַ רירנדיקער סצענע פון צוויי כלות וואָס פאָרן פון אוקראַאינע צו זייערע חלוצים־חתנים אין ארץ־ישראל.

די דאָזיקע קאַלירַרייכע פּאָעמע בעט זיך ממש אַז אַ טאַלאַנטפולער מוזיקער־טעאַטראַל זאָל זי פאַרוואַנדלען אין אַן אָפּערע.

פאַר מאַלאַדאַווסקין איז נאַטירלעך אַז אויך אין דער סאַגאַ פון די ביל"וצעס זאָל זי זיך דער עיקר פאַרנעמען מיט יחידישע פּראָבלעמען, און מאַטערנישן; זי ווייזט אונדז דעם ייִדן אין זיין איינזאַמקייט, אין די מאָמענטן פון ירידה און עליה. אָבער ביי יעדן אויטענטיש־ייִדישן דיכטער איז דאָס יחידישע און נאַציאָנאַלע אומצערייסבאַר, וואָרעם אין עכטן פּאָעט וואָס איז טיף פאַרפלאַנצט אין גייסטיקן באָדן פון זיין פאָלק איז פאַרקער־פּערט אויך די קאָלעקטיווע דערפאַרונג פון אַלע פריערדיקע דורות.

אין מיין מדבר וואַקסט אַ זאַנג,  
ווי זשע קען דאָס זיין?  
אין מיין טויבן, שטומען טרויער  
שלאָגט זיך אַ געזאַנג,  
ווי זשע קען דאָס זיין — — —

ביז איך קום צו אליהו,  
דער וואָס היט מיך יעדן שפּאַן.  
זאָגט ער מיר:  
ס'איז נישט קיין מדבר —  
ס'איז אַ גרינער לאָן.  
נאָך אַן אויפגיין און אַ פאַלן  
וועלן רוישן ווייסע קוואַלן  
אויף דיין גרינעם לאָן. — — —

נאָך אַ לעבן און אַ שטאַרבן
מיט געזאַנג ט׳מען בינדן גאַרבן
אין דיין זון־פאַרגאַנג.
מאַך המוציא אויף דיין דאַרן זאַנג,
מאַך המוציא אויף דיין דאַרן זאַנג.

דאָ זיינען די ביבלישע מעטאַפאָרן געוואָרן אינדיווידואַליזירט דורכן פּאָעט, אַזוי אַז דאָס ליד דערוועקט גלייכצייטיק סימפּאַטיע אי פאַרן גורל פון יחיד, אי פון כלל. און אויב עס זיינען געדעכט יענע וואָס האַלטן אַז דורך דעם פּאָעטישן אימאַזש, דורך דער סוגעסטיווער מוזיקאַלישער שורה — קען מען אַרויסרייסן דעם מענטשן פון דער רוטין, און אים דערהויבן איבער זיין אַלטעגלעכקייט — און איך מיין אַז דאָס איז אומבאַשטרייטבאַר — דעמאָלט האָט די „ריינסטע" פּאָעזיע אַ שליחות. זי לייטערט, זי פאַרעמט, זי אילומינירט דעם סענסיטיוון לייענער. ווען דער פּאָעט פאַרמאָגט כאַראַק־טער מוז ער זיך צוהערן צום טיפסטן רוף פון זיין געוויסן; ער שפּאַנט זיך איין אין עול. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז די דיכטערין וואָס שטרעבט דערצו אַז איר ליד זאָל היילן וואונדן, און זאָל מתקן זיין לעבנס פאַרווירטע און נישט־רעאַליזירטע.

דעריבער ווירקט אויף אונדז אַזוי טיף ווען זי דערקלערט אין איר קרעדאָ:

ביי וועלכן טיש מען וועט דיך זעצן
צינד אָן דיין ליכט און שטעל דיין עמוד!
.....................................................
דו ווייסט נישט וואו און ווער ס׳האָט אים געצונדן.
און אַז עס ברענט דיין ליכט מוזסטו פון פייער
טראָגן אויך די שיין און אויך די וואונדן.
.....................................................

אָט ביי דעם טיש, אָט דעם צעבראָכענעם, צעקרימט, צעלאָמעט,
צינד אָן דיין ליכט.
צינד אָן דיין ליכט, און זיי זיין היטער.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז די דיכטערין פון „אַ דור פון תהו, אַ דור וואָס האָט געזען דעם הימל פאַלן, און ווען אויפן סיני האָט מען אויפ־געשטעלט די טמא־שטאָלן״, אָבער דורך איר געליטערט, קינסטלעריש ליד קען איר באַשערט זיין אונדז צוריקצוגעבן דעם הימל. זי האָט — פּאַראַ־פראַזירנדיק איר ליד — אויף דער וואַקלדיקער ערד אויפגעשטעלט איר בלייביקן עמוד. זי האָט אָנגעצונדן אַ ליכט וואָס קען געבן אַ תיקון דעם פאַרווירטן יידן — אויב ער וועט זיין דער היטער פון זיין אייגן ליכט און זיין פאַלקס נשמה, אונטער אַלערליי באַדינגונגען, וואו ביי וועלכן טיש מע זאָל אים נישט זעצן...

(1965)

## א. לעיעלעס — דיכטער פון וואָרט און טאַט

### (צו זיין 75סטן געבוירנטאָג)

ווען מע וויל באַטראַכטן דאָס אָרט וואָס גלאַנץ־לעיעלעס האָט זיך דערוואָרבן אין דער יידישער ליטעראַטור, דאַרף מען אויך געדענקען זיין ראָלע נישט בלויז ווי אַ דיכטער, נאָר אויך זיינע אויפטוען ווי אַן עסייאיסט, ווי אַ פּובליציסט, ווי אַ גענעראַל אין דער מחנה פון יידיש־ליבהאָבער. לעיעלעס, וואָס איז אינטים באַקאַנט און היימיש אין דער מערב־קולטור, האָט פרייוויליק אויסגעקליבן צו זיין אַ יידיש־שרייבער. ער איז אין עלטער פון 16 יאָר געקומען פון זיין פּוילישער שטאָט לאָדזש קיין לאָנדאָן; דאָ האָט ער געלערנט אין אוניווערסיטעט און גאַנץ שנעל באַהערשט ענגליש. ער האָט באַשלאָסן צו זיין אַ שרייבער אויף יידיש, ווייל יידיש איז זיין אי־דעאַל, זיין גרויסע ליבע; ער איז דער יידיש־שריפטשטעלער נישט מהכרח נאָר מאהבה.

דער מאָדערניסטישער דיכטער לעיעלעס, דער מיליטאַנטישער עסיי־איסט־פּובליציסט, איז איינער פון די פּאַסיקסטע צו ברענגען דאָס יידישע

ליד צום היגן צווייטן און דריטן דור. ער איז ראוי צו בויען די בריק איבער וועלכער די יידיש־־דיכטונג וועט אַריבערשפּאַנען צו די קו־מענדיקע דורות אין אַמעריקע.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט לעיעלעסעס דיכטונג געדענקען זיינע באַ־רימטע צוויי שורות: „ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט די קאַלטע, קאָן יידיש אויפרייסן דעם אוניווערס״. וויים איך נישט צי די דאָזיקע נבואה, אַוודאי אין סימבאָלישן זין — אַז יידיש איז אומשטערבלעך — וועט מקוים ווערן; אָבער ס׳קען קיין ספק נישט זיין אַז לעיעלעס האָט „אויפגעריסן״ דעם יידישן פּערז: ער האָט געשליפן און געפורעמט דאָס יידיש־פּאָעטישע וואָרט און אַרויסגעכישופט דערפון אַלע לאַטענטע עקספּלאָזיווע כוחות. וואָרעם נאָר אַ ריטער פון יידיש ווי לעיעלעס האָט געקענט אָנשרייבן די פּראַכטפולע הימנע צו יידיש: „מיין לשון״:

„די לעצטע צו שרייבן מיין לשון, מיין יידיש—
זיי וועלן געהערן צום נאָבלסטן שטאַם.
זיי וועלן אויף איטלעכן אות מאַכן קידוש,
באַטעמען דאָס וואָרט מיט גלוסטיקסטן טעם.

זיי וועלן זיין שומרים געטרייע און בויער,
און מישן פון הערצער פון ריינע — צעמענט,
און לייגן ווי ציגל אַ טרויער אויף טרויער,
און אויפשטעלן זיילן פון זילבערנעם בלענד.

זיי וועלן — פאַרשטאַנדיקע, שטילע, באַהערשטע —
אַריינקוקן טיף אין דעם האַרץ פון דער צייט,
און ווערן פון לעצטע די אָנהייבערס, ערשטע
פון גורלס געבאָט, וואָס דערפרייט און באַפרייט.

אַזוי קען זינגען נאָר אַ דיכטער וואָס איז גאַנץ מיט זיך און געטריי דעם טיפסטן רוף פון זיין „איך״. איר קענט נישט אָנשרייבן אַזאַ ליד אויף ענגליש. ווייל ס׳וואָלט דאָך געווען אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא אויסצו־דריקן אייער ליבע צו יידיש אויף ענגליש, און איר קענט אויך נישט

אַרויסברענגען די אַלע עכט־יידישע שפּראַכלעכע ניואַנסן — „מאַכן קידוש אויף אַן אות" — אויף אַ נישט־יידישן לשון.

פאַר לעיעלעס איז יידיש אַ פאַך, אַ וועלט־אַנשויאונג. די יידיש־אידעע איז, לויט אים, נישט פון קלענערן אוניווערסאַלן באַדייט ווי דער מאַנאָטעאיזם. גאַר אָריגינעל און געוואַגט איז זיין באַגרינדונג פון אַט דער אַנאַלאָגיע: — יידישיזם־מאָנאָטעאיזם. די יידיש־ציוויליזאַציע מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט אירע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן, פאַרמאָגט עפּעס, האַלט ער, פון יענעם אומגעזעענעם כוח וואָס איז געלעגן אין דער יידישער קאָנצעפּציע פון מאָנאָטעאיזם. דער דראַנג הינטער דעם יידישיזם און מאָנאָטעאיזם איז דער זעלביקער — דאָס איז דער אומגעזעענער כוח וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין לאַנד, מיט קיין פיזישן שטח, מיט קיין שום אָרט. און פּונקט ווי דער אומגעזעענער גאָט אין יהדות האָט געמאַכט מעגלעך, אַז יידן זאָלן זיך אויפהאַלטן ווי אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע אומה, הגם זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ערדישע מדינה, אַזוי דאַרף די יידיש־אידעע, דער יידישיזם, אין אונדזער היינטיקער סעקולאַריזירטער וועלט, וואו רעליגיע איז מער נישט דער דאָמינירנדיקער כוח פון אַמאָל, העלפן ממשיך זיין די יידישע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט אין דער צעשפּרייטקייט.

דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, נישט אַז לעיעלעסן איז אומבאַקאַנט די מערכה פון יידיש, און יידיש־דיכטער אין דער איצטיקער נאָך־חורבן־תקופה, ווען ס'איז אומגעקומען דער מזרח־אייראָפּעאישער רעזערוואואַר פון יידיש־לאַנד. אין זיין רירנדיק שיין ליד: „צו אייך דיכטער יידישע" הערן מיר וועגן זיין „וואונדיק־גלויבן" און אַז „שרעקיק הענגען איצט די טרוימען די געטרייע" —

אונדזער ליד, מיט טוי און נויט פון יעדן לאַנד גענערט,
קען עס נישט באַפרוכפּערן פונסניי נאָך יעדע ערד?
אָ, מיר האַלטן ווייט נאָך אַלף, בית, גימל,
אונדזער ליד, נאָך נעכטן ערשט — אַ גרעזל, בלימל
איז שוין אַ צעוואַקסנקייט וואָס זעלטן וועם באַשערט.
אויב אונדז שטויסט אַ האַנט צו סאַמע לעצטער נידער,
לאָמיר זינגען היינט די העלסטע, העכסטע לידער.

זאָלן זיי ווי פּאַרכטיק־פּלאַטערדיקע טויבן
זיך צעשוועבן איבער בערג און טאָלן פון דער צייט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

זאָלן זיי אַ קלאַפּ טון אין אַ צווייפלערס שויבן,
און דערציילן וועגן אונדזער וואונדיק גלויבן,

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מעגלעך, ערגעץ וועט זיך עפענען אַ פענצטער,
און ס׳וועט זיך אויסשטרעקן זיין אָרעם דער פאַרפרעמדסטער.

ס׳איז נישט נייטיק צו באַווייזן אַז לעיעלעס איז טיף פאַרוואָרצלט אין ייִדיש היסטאָרישן באָדן. שוין די נעמען אַליין פון זיינע ווערק זאָגן עדות אויף דעם: „שלמה מולכו", „אשר לעמלען", „צופוסנס פון באַרג" (הר סיני) — זיינען עטלעכע פון זיי. לעיעלעס איז אויך דער קינסטלערישער פאַרקערפּערער פון דער פרייער אַמעריקע, און פון דער גרויסער ייִדן־שטאָט — ניו־יאָרק. ער האָט זיך דאָ נישט געפילט — ווי אַנדערע ייִדישע דיכטער וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אַהער פון מזרח־אייראָפּעאישן שטעטל — פאַרלוירן און פאַריתומט. קומענדיק אַהער פון לאָנדאָן, האָט ער זיך דאָ שנעל דערפילט היימיש, און אויפן ריכטיקן אָרט. דערפאַר געפינט ניו־יאָרק אַזאַ אָפטן און שטאַרקן פּאָעטישן עכאָ אין זיין ליד.

כ׳האָב ליב די שטאָלצע הימל־ליניע פון מאַנהעטן,
די טייכן פון דעם לאַנד, די פּריירים טויזנט־יאָריקע;
כ׳האָב ליב די אויטאָס, וועגן, גלאַנציקע פּאַרקעטן,
כ׳האָב ליב דעם חלום פון דער וואָר, וואָס הייסט אַמעריקע.

כ׳האָב דאָ געפונען ברויט צו עסן, קלייד צו טראָגן,
כ׳האָב דאָ באַקומען ס׳העכסטע מענטשלעכע געשענקעניש,
דעם גראָדן קוק, דאָס רעכט אַ ווילן צו פאַרמאָגן,
און כ׳ליב דיך, לאַנד, מיט צערטלעכקייט, מיט בענקשאַפט.

דער ייִדישער הומאַניסט לעיעלעס לעבט מיט אינטענסיוו אַלע יסורים און קאַטאַקליזמען פון אונדזער צייט. עס ווייסט אַז ווי ברוגז מיר ייִדן זאָלן נישט זיין אויף דער שטיף־מאַמע, דער וועלט, קענען מיר זיך מיט איר

נישט גטן. מיר זיינען אַן אינטעגראַלער טייל אירער און מיר טאָרן זיך פון איר נישט איזאָלירן. דאָס יידישע און אוניווערסאַלע איז ביי לעיעלעסן אומצערייסבאַר, עס איז איינס.

אין זיינע לידער, אין זיינע דראַמעס, אין זיינע עסייען און פובליציסטיק רעאַגירט ער אויף אַלע פּלאַנטערס און טראַגיזמען פון אונדזער צייט. דער גורל פון יידישן פאָלק, די ליידן פון יחיד, די געשעענדטע אידעאַלן פון דער רוסישער רעוואָלוציע — זיי ווידמעט ער זיין דיכטעריש און פובליציסטיש וואָרט. ער רופט זיך אָפּ אויף אַקטועלע צייט־פראַגן, און ער רופט זיך אָפּ שטאַרק, טעמפעראַמענטפול. ער איז אין דער יידישער דיכטונג דער גרינדער פון אינזיכיזם, אַ ליטעראַטור־טעאָרעטיקער, און עקספערימענטאַטאָר מיט נייע, אָריגינעלע ריטמען און פאָרמען. זיינע עסייען אין „אינזיך", וואו ער פלעגט אויספעכטן זיינע ליטעראַרישע שטרייטן האָבן באַרייכערט אינהאַלטלעך און שפּראַכלעך אונדזער וואָרט־קונסט. אַ דאַנק זיין אייראָפּעאיזירטן, מאָדערניסטישן יידיש, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער לשון אוניווערסאַלע ווערטער און באַגריפן, אַן וועלכע אַ היינטצייטיקער יידישער אינטעלעקטואַל קען זיך נישט באַגיין, איז יידיש געוואָרן רייכער, ניואַנסירטער און פּרעציזער. דער קעמפערישער פּובליציסט אהרן גלאַנץ שטייט נישט „איבער דער שלאַכט"; ער זיצט נישט אין אַן העלפאַנטביין־טורעם; ער איז אין מאַרק, וואו ער קעמפט מוטיק פאַר זיינע אמתן. נישט ווייניק פיילן זיינען אויף אים געפאַלן פאַר זיין נישט־געפעלשטן הומאַניזם, פאַר זיין יידישיזם, פאַר זיין וועלטלעכקייט. ער איז אין משך פון אַלע יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות נישט נאָכגעלאָפן קיין „בענדוועגאָן"; ער איז זעלבשטענדיק, כאַראַקטערפול, געטריי צו זיך, און ער ווייסט אַז מע דאַרף פאַר דעם צאָלן אַ פּרייז:

איך האָב דעם וועג אַליין געוויילט, איך וויים געגוי אַצינד,
און בין אויף אים געגאַנגען אימפּעטיק, געשווינד,
ווי ס׳וואָלט דער גורל מיט אַ בייטש אויף אים געטריבן.
אַ וועג, וואָס האָט קיין צו פיל גוטס נישט אָנגעקליבן

און אויך נישט צו פיל פריינד פאַר זיך פאַרדינט.
פאַרדראָסן, ראַנגלעניש — אין פאַלעס גאַנצע זיבן.

איך ווייס אַז ס'איז קינסטלעך, פֿאַלש די צעטיילונג פֿון מענטש פֿון וואָרט און מענטש פֿון טאַט. דאָס אויפֿטרייסלענדיקע וואָרט איז טאַט, און די גרויסע טאַט אינספּירירט דאָס אומשטערבלעכע וואָרט. דער קינסטלער, דער דענקער, דער פּובליציסט וואָס לייגט אַריין זיין גאַנצע נשמה אין וואָרט האָט פּונקט אַזאַ גרויסע ווירקונג — אויב נישט אַ גרעסערע — דורך זיין מעדיום, ווי דער פֿירער, דער מלוכה־מענטש, דער פּאָליטיקער דורכן דירעקטן טאַט. פּונקט אַזוי איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן געדאַנק פֿון געפֿיל, און צו באַשטימען וואו עס הייבט זיך אָן, אין אַ ליד, געפֿיל און וואו עס ענדיקט זיך געדאַנק. זייער ריכטיק דריקט זיך אויס לעיעלעס אין זיינס אַן עסיי אַז דער געדאַנק ווירקט אויפֿן געפֿיל און דאָס געפֿיל פֿירט צום געדאַנק. אָבער לעיעלעס איז בפֿועל ממש, דירעקט געווען געזעלשאַפֿטלעך טעטיק, אי ווי אַ גענעראַל, אי ווי אַ סאָלדאַט אין דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג. אויב איר ווילט געפֿינען אַ מוסטער פֿון אַ ייִדישן פּאָעט וואָס האָט געקעמפֿט און געאַרבעט פֿאַר זיינע אידעען — איז ער פֿאַרקערפּערט אין לעיעלעסן. אין דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט, שפּעטער אין דער ציקאָ, איז ער געווען פֿירער און טוער אין משך פֿון אַלע גילגולים וואָס די ייִדישע קולטור־באַוועגונג האָט דאָ דורכגעמאַכט. ער איז אויך געווען פֿירער אין דער היגער ייִדישער שול־באַוועגונג. ווי אַ ס"ט־טוער איז ער אַרומגעפֿאָרן אין די יאָרן פֿון 1913־1920, און געהאָלפֿן גרינדן ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין טאָראָנטאָ, סיו־סיטי, ראָטשעסטער און אַנדערע שטעט.

גלאַנץ־לעיעלעס פֿאַרקערפּערט אין זיך אַ קעמפֿערישן פּובליציסט, אַ טאַלאַנטפֿולן עסייאיסט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ פּאָעט וועמענס ליד עס שפּיגלט אָפּ די ראַנגלענישן פֿון אונדזער דור, און דורך זיין טיף־ייִדישער פּערזענלעכקייט שפּיגלט עס אויך אָפּ די אַקומולירטע דערפֿאַרונגען פֿון פֿריערדיקע ייִדישע דורות און צייטן. ער מאַניפֿעסטירט אַז אַ ייִדישער מאָדערניסטישער דיכטער, אויב ער איז אויטענטיש, זעט ער די וועלט ווי פּרץ האָט זיך אויסגעדריקט, מיט ייִדישע אויגן; געבנדיק, אין זיין ליד, זיך, גיט ער אויך דעם אוניווערס פֿון וועלכן זיין פֿאָלק און ער אַליין זיינען אַ טייל, און אין וועלכן זיי זיינען בלוטיק פֿאַראינטערעסירט.

(1965)

# יעקב גלאַטשטיין — מאָדערניסטישער פּאָעט

## צו זיין 70סטן געבוירנטאָג

דער היינטיקער גייסטיקער קלימאַט אין אַמעריקע דערמאָנט אין דער שטימונג פֿון פּרצס עסיי „האָפֿענונג און שרעק" — „עס וועט קיין לערער מאָגן נישט זיין, נאָר נשמות וועלן הונגערן". בעת אָרעמקייט ווערט אַלץ מער פֿאַרקלענערט, ווערט אָבער ס'לעבן אַלץ מער מעכאַניזירט און אויטאָמאַטיזירט, אַז ס'איז דאָ אַ געפֿאַר די נשמות זאָלן סטאַנדאַרדיזירט און אויסגעליידיקט ווערן. און דאָס געשעט גראָד אין אַ צייט ווען אַלטע גלויבנס, רעליגיע און ווערטן ווערן אויסגעהוילט — אויך ביי יענע וואָס רופֿן זיך רעליגיעז. אַ סך וואָס געהערן צו די „רעליגיעזע" פּראַקטיצירן אויסערלעכקייטן, ריטואַלן און צערעמאָניעס, וואָס קענען פֿאַרשפּילן און פֿאַרוויגן קינדער, אָבער זעלטן אָנוואַרעמען, און אַוודאי נישט באַזינען דאָס לעבן פֿון רייפֿע, דערוואַקסענע מענטשן.

פֿאַר אַ געוויסער צייט האָבן אייניקע זיך פּרובירט ראַטעווען מיט פּסיכיאַטריע, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָאַנאַליז — אָבער מע האָט זיך אַרומגעזען אַז אויב ס'איז נישטאָ קיין מזוזה אויף דער טיר פֿליען אַרום שדים אין הויז; אָן אינהאַלט, אָן דערהויבנקייט, אָן פּאָעזיע, וועלן די אַלע ערזאַצן נישט געבן קיין אינהאַלט. אפֿשר דערפֿאַר איז איצט אַזוי נייטיק צו לעבן מיט, און זיך פֿאַרטיפֿן אין פּאָעזיע. דאָ קען דער מאָדערנער יידישער יחיד געפֿינען באַזינונג, דערהויבנקייט, שיינקייט.

ווייל וואָס איז פּאָעזיע? אפֿשר איז פֿון אַלע הונדערטער דעפֿיניציעס די בעסטע די פֿון עדגאַר אַלען פּאָו: מוזיק פֿאַרבונדן מיט אַן אידעע; אַ ווערבאַלע מוזיק וואָס באַשטייט פֿון קלאַנג, געדאַנק און סוגעסטיווקייט. דער דיכטער וואָס איז אומגעוויינלעך סענסיטיוו שפּירט שאַרפֿער און גיט אויסדרוק צו די ווייטסטע גרענעצן פֿון מענטשלעכער עקסיסטענץ. דורך זיין ליד רודערט ער אונדז אויף עמאָציאָנעל און מאַכט אונדז פֿילבאַר צום אינערלעכן זין פֿון דערשיינונגען.

ווי גלאַטשטיין האָט עס אַמאָל זייער ריכטיק פֿאָרמולירט, זיינען נישט פֿאַראַן קיין אַבסאָלוטע מאָסן פֿאַר פּאָעזיע „אויב אַלע לעמפּלעך זיינען אָנגעצונדן אין ליד, אויב דאָס פּנים פֿון פּאָעט שוועבט איבער די שורות,

אויב וואָרט און קלאַנג זיינען צוזאַמענגעצימערט אויף אַ חידושדיקן אופן — איז עס פּאָעזיע... אין פּאָעזיע הערן מיר גאַנץ אָפט, מיט פאַרגעניגן דעם שטאַמל פון פּאָעט... זיין נישט קאָנען דערזאָגן״.

גלאַטשטיין צייכנט זיך אויס ווי פּאָעט, קינסטלער־קריטיקער, עסייאיסט, פּובליציסט — אָבער דאָ וויל איך זיך בלויז פאַרנעמען מיטן דיכטער גלאַט־שטיין. אין דער אמתן זעט זיך שטאַרק אָן דער דיכטער אין אַלץ וואָס ער שרייבט. ווי אַ מאָדערניסטישער פּאָעט — ווי איינער פון די גרינדער פון „אינזיכיזם״ איז גלאַטשטיין ניי סיי אינהאַלטלעך, סיי אין פאָרם. די אינזיכיסטן האָבן געטענהט אַז אונדזער צעכראַסטעטע מאָדערנע וועלט קען מען נישט אַריינקוועטשן אין די אָרדענונגספולע, אַלטע ריטמען; אַז די רוישיקע גרויסע שטאָט קען נישט ווערן אַריינגעפּרעסט אין געלאַסענע טאַקטן און ריטמען פון געגראַמטע שורות. דערצו איז גלאַטשטיין אַ מאָ־דערניסטישער פּאָעט אין זין וואָס אפילו די „פּראָזאאישסטע״, אַלטעגלעכע, כלומרשטע טריוויאַליטעטן — נישט בלויז העלדישקייט, ליבע, און נאַטור — זיינען מאַטעריאַל פאַר זיין פּאָעזיע. ער איז מאָדערניסטיש סיי בנוגע אינהאַלט, סיי אין שייכות צו טעמאַטיק, און פאָרם — דערפאַר האָט ער זיך אין די ערשטע סטאַדיעס פון זיין שאַפן באַנוצט מיטן פרייען פערז.

וויל איך, ווי געזאָגט, זיך נישט אָפּשטעלן אויף זיינע גייסטרייכע עסייען, אויף זיינע פּראָזע־ווערק — נאָר באַטראַכטן זיין אויפטו און זיין דרך אין דער יידישער פּאָעזיע — און דער עיקר די לעצטע עטאַפּן אויף זיין וועג וואָס קאָנצענטרירן זיך — ווי ביי מערסטע יידישע דיכטער — אויף דער קאַטאַסטראָפע, און דאָס איז אפשר די צענטראַלסטע פאַזע אין זיין פּאָעטישן גאַנג.

דאָ אין די חורבן־לידער האָט גלאַטשטיין באַוויזן אַז דווקא ער, דער אַמעריקאַניזירטער ייד, דער מאָדערניסט אין פּאָעזיע — ער גיט אַ תיקון און דריקט אויס אַמשאַרפסטן דאָס געמיט פון אויטענטישן יידישן אינטעליגענט, פון דעם וואָס קען די מערב־וועלט; וואָרעם ער איז דאָך שטאַרקער — נישט ווי אַן אַמאָליקער טראַדיציאָנעלער ייד וואָס האָט מבטל געווען די קריסטלעכע ציוויליזאַציע — שאַקירט פון איר ליידיקייט, פון איר פּאָזע, פון איר אַנטימענטשישקייט, פון איר פאַרראַט.

דווקא דער מאָדערניסט גלאַטשטיין וואָס שרייבט לידער וועגן מאָצאַרט, שאָפּען־נאָקטורנעס, און אויף אַנדערע מערב־מאָטיוון — דווקא ער האָט

**געקענט געבן דעם טיפסטן אויסדרוק אונדזער טראַומאַטישער דערפאַרונג אין די יאָרן 1938—1945, אין זיין ליד — „אַ גוטע נאַכט, וועלט". אַזוי האָט דעמאָלט געמוזט פילן יעדער ייִדישער אינטעליגענט וואָס האָט זיך דער־צויגן אויף דער מערב־קולטור. אַזאַ קלאַפּ מיט דער טיר האָט געמאָנט דער שטאָלץ און דער זעלבס־רעספּעקט פון יעדן ערלעכן ייִדישן אינטע־לעקטואַל.**

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.

נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק די טיר.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן.

חזירישער דאַטש, פיינטלעכער ליאַך
עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פרעסן.

שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן.

אַ גוטע נאַכט. כ'גיב דיר וועלט, צו שטייער
אַלע מיינע באַפרייער.

נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פון אונדזער געטויפטע בלוט.

.......................................
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות.
פון וואַגנערס געץ־מוזיק, צו ניגון־ברומען.

**און ווילט איר דערזען אין זיין גאַנצן מאָדערן־סקעפּטיש־גלויביקן פּראַכט דאָס געמיט פון אַ דורותדיקן און גלייכצייטיק סאָפיסטיצירטן ייִד וואָס קען זיך נישט באַפרייען פון זיין אומגלויבן, און אויך נישט פון גאָט, און מוז מיט אים בלאָנדזשען צוזאַמען — דאַן לייענט זיין ווידוי־ליד „גאָט — מיין וואָגל־ברודער".**

כ׳האָב ליב מײַן טרויעריקן גאָט,
כ׳האָב ליב זיך צוצוזעצן מיט אים אויף אַ שטײן
און אויסשטומען פון זיך אַלע רייד.
ווײַל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפט
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפט אין שווייגן.

מײַן מידער גאָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס
עס צינדט זיך אַ שטערן, אַ פײַערדיק אות.
זײַנע גלידער בענקען נאָך שלאָף,
די נאַכט ליגט אונדז צופֿוסנס ווי אַ שאָף.

מײַן טײַערער גאָט,
וויפיל תפילות צו אים האָב איך פאַרשוועכט.
וויפל מאָל האָב איך אים געלעסטערט,
דורך די נעכט
און געוואָרעמט מיט שרעקעוודיקע ביינער
ביים פײַערטאָפּ פון וויסן.
און דאָ זיצט ער, מײַן חבר, נעמט מיך אַרום
און טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פון מײַן אומגלויבן איז פּרעכטיק,
ווי ליב איז מיר מײַן פאַרשלאָפטער גאָט,
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.

ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד,
ווען דאָס מינדסטע קינד איז מורד
אין זײַן געבאָט.
דורך יבשות און ימען
וועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען, און בלאָנדזשען צוזאַמען.

**יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט גלאַטשטיינס פּאָעטישן וועג ווייסט וועגן זײַן שפּרודלדיקן רײַכן לשון; וועגן זײַנע שפּראַכלעכע חידושים, זײַן שפּי־לעוודיקייט, זײַן חריפות, זײַנע אָריגינעלע אימאַזשן און זײַנע וואָרט־שאַ־**

פונגען. אַט זיינען אייניקע: תחומיק, אַרומיק, יעזוסמאַרקסעס, שווייגעניו, שלאָפּעשי, אַ פייערטאָפּ פון ווסן, צעשטערנט זיין אומגליק איבערן גאַנצן הימל. „ווי אַ תהילימל מיט גרייזן איז געווען דער מומע ציפּעס מויל;" און הונדערטער אַנדערע אָריגינעלע אויסדרוקן, איינפאַלן, מעטאַפאָרן.

גלאַטשטיין איז דער גרויסער באַנייער פון דער יידישער פּאָעזיע וואָס קען אַפּמאָלן געשטאַלטן פון פשוטע פאָלקס־טיפּן, און גלייכצייטיק קען ער, אין געטאָקטע לירישע פערזן, צייכענען אַ פּאָרטרעט און אויך איבערגעבן די דינסטע ניואַנסן און נשמה־קאָנפליקטן אין דער קאָמפּליצירטער פּער־זענלעכקייט פון פּאָעט־מקובל ר׳ נחמן בראַצלאַווער. אַט די סעריע לידער וועגן בראַצלאַווער פּאַרקערפּערט טאָקע עכטע טיף־יידיש נאַציאָנאַלע פּאָ־עזיע. אין דער סעריע „בראַצלאַווער" לידער, וואו גלאַטשטיין גיט אונדז די נשמה־אַנאַטאָמיע פון דיכטער־מיסטיקער ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דער־גרייכט ער דעם אַפּאָגיי פון פילאָסאָפישער ליריק אין דער יידישער פּאָעזיע; דאָ איז פאַראַן יידישע פּקחות און אהבת ישראל; קינסטלערישע אָריגי־נאַליטעט און עפּיגראַמאַטישקייט וואָס שטעלן דעם דיכטער אַוועק אויף דער מזרח־וואַנט פון דער היינטיקער יידישער פּאָעזיע.

טויזנט יידן זוכן תכלית
און איך — זיך אַליין.
טויזנט יידן מיינט חדווה.
און איך — מיינט געוויין.
טויזנט יידן האָוען, לויפן
איך בין ווי אַ שלאָמאַק קריכיק
אין דעם צוזאַמענדיקסטן מנין
בין איך פאַרדווייקעט, איכיק.

אַ גוט מאָרגן דיר, האַר און באַשעפער
אַ גוט מאָרגן דיין זון און דעם
קוים־קוימיקן וואָלקנדל,
וואָס שלייערט דאָס ליכטיקע פּנים פון טאָג.
ס׳האַרץ וואַקסט אין מיר און אַט

קריג איך פליגל און פלי.
נאָר טאָמער ווער איך ביי זיך צו גדול,
פּאַטש מיך גלייך אַרונטער,
און פאַרטרויערריק מיינע אויגן
ווען איך ווער צו טענצלדיק און מונטער.

זע איך זאָל זיך צו פיל ניט בלאָזן
און ווערן אַ הייליקער אינדיק,
טאָמער זעסטו איך ווער אַ קדוש,
מאַך מיך אַ טראָפּעלע זינדיק,
מאַך מיך פּאַר אַ פּשוט מענטשל
און גלייב מיר, כ'וועל זיין צופרידן
ווייל ס'איז גאָרנישט דאָ קיין שענערס און בעסערס
פון אַ פּשוטן וואוילן ייִדן.

פאַראַן אַ סך לידער ביי גלאַטשטיינען וואָס בעטן זיך צו ווערן דער־מאָנט: „שיר — אַ געזאַנג"; „אל תדין"; „אָן ייִדן"; „נאַכט־לידער"; „שאָפּען־נאָקטורן"; „כ'דאַוון אַ ייִדיש בלאַט אין סאַבוויי"; „תפילה"; „רעד צו מיר ייִדיש"; „וואַריאַציעס אויף אַ טעמע"; „אַ פאָטער צו זיין זון"; און אַ סך אַנדערע.

אין זיין ייִדיש־פּאָעטישן קרעדאָ וואָס גלאַטשטיין האָט איבערגעגעבן בעת ער האָט באַקומען די „לאַמעד־פּרעמיע" (1957) האָט ער געזאָגט אַזוי: „דער היינטצייטיקער ייִדישער פּאָעט וואָס נעמט אויף זיך צו זיין דער שליח־ציבור פון זיין דורס מחשבות מוז אין זיך איינזאַפּן די נערבדיקע קווינטעסענצן פון אַלע ייִדישע ווערטן. ער מוז תמיד זיין דער געשיכט־לעכער פינצטער־זייגער און זון־זייגער פון ווי שפּעט ס'איז אין ייִדישן לעבן. ...מיר טאָרן קיינמאָל נישט באַוואוסטזיניק גלוסטן צו דער לייכטער אוניווערסאַלקייט וואָס עספּעראַנטיזירט לשון, געפילן און נאַציאָנאַל־קינסט־לערישע אידענטיטעט. לאָמיר קיינעם פון די פעלקער נישט לויפן אַנטקעגן מיט שעפערישע קאָמפּראָמיסן. מיר האָבן צייט צו וואַרטן ביז זיי וועלן קומען צו אונדז און ביי אונדז אויסזוכן אונדזערע נחמן בראַצלאַווערס, אונ־דזערע ביאַליקס, אונדזערע שלום־עליכמס, אונדזערע פּרצס. ייִדן האָבן

געוואָרט שיינע הונדערטער יאָרן ביז זיי זיינען געקומען צו אונדז פֿאָדערן אונדזערע נביאים פֿאַר זייערע סעפּטואַגינטאַס, וואולגאַטאַס און קינג דזשיימ־סעס. מיר פֿון אונדזער דור מעגן אויך האָבן צייט.... דאָס מיינט אויך אַז אַ יידישער פּאָעט דאַרף מוטיק קעמפֿן אויף אַלע שענסטע מענטשלעכע באַריקאַדן פֿון אונדזער דור, אָבער ער מוז עס טאָן מיטן יידישן קול און יידישן ליכטיקן בטחון אַז דער זעם וועט אַריבער און דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט אויף אונדזערע ביידע לשונות אין פֿאַרשטענדיקער ברודער־שאַפֿט וועט לעבן אייביק".

יאָ, גלאַטשטיינס פּאָעטישער מהות פֿאַרקערפּערט טאַקע אָט דעם נאַ־ציאָנאַל־יידישן אני־מאמין, און מיר גלייבן אַז ווייל ער איז אַזאַ אויטענ־טישער שליח־ציבור פֿון אונדזער דור האָט ער זיך פֿאַרזיכערט אויף אייביק איבערצולאָזן צייכנס אויף די זאַמדן. פֿאַראַפֿראַזירנדיק זיינס אַ ליד וואו ער איראָניזירט וועגן זיין חלק אומשטערבלעכקייט מעג מען מיט זיכערקייט פֿאָרויסזאָגן אַז מ'וועט מער ווי צוויי שורות פֿון אים אַריינגעמען אין צו־קונפֿטיקן ימים־נוראימדיקן מחזור:

„דאָס סידורל וועט אים מוזן
אויף אַלע אייביקייטן פֿאַרטראָגן
און מ'וועט אים אויך דאַווענען
און אויך זאָגן" —

ווייל ווי ער זאָגט אין דעם זעלביקן ליד „וואַריאַציעס אויף אַ טעמע" —

ווער עס האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט
— איך אויף ייִד.
וועט מען אַמאָל מאַכן תיל־תל פֿון מיין ליד.
ברענגען ראיות
אַז איך בין געווען פּראָווינציעל
און תחומיק,
ווייל כ'האָב פֿאַרלוירן פֿון אויג
דעם ברייטן גויאישן אַרומיק.

אָבער אַז ס'וועט אַ ייִדישער שול־יאָט
אין מיין נאָמען זיך דערמאָנען,
ברענגען פון מיר אַ ציטאָט,
זיך אַרויסהעלפן מיט מיינס אַ שורה,
אין אַ הונדערט יאָר אַרום,
וועלן מיינע לעפצן,
וואו איך זאָל נישט שוועבן,
זאָגן ערלעך און פרום:
דאָס הייסט אויפגיין, לעבן,
זיין אומשטערבלעך,
אין דעם קליינעם, ליבן
ווינגאָרטן פון מיין פאָלק.

# ה. לייוויק — דער עסייאיסט

ס'איז שוין אַריבער אַ יאָר, זינט ס'איז אַוועק פון אונדז אויף אייביק ה. לייוויק. אָבער מיר פילן נאָך אַלץ דעם ווייטיק פון זיין אַוועקגיין און די ליידיקייט וואָס ער האָט געלאָזט קען פון קיינעם נישט אויסגעפילט ווערן. עס איז אַ טרואיזם, אַז לייוויק האָט געווירקט אי מיט זיין גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט, מיט זיין געלייטערט, אייגנאַרטיק פאָעטיש וואָרט, אי מיט זיין לויטערער מאָראַלישער פערזענלעכקייט. אפשר איז ריכטיק, ווי אייניקע מיינען, אַז אין לייוויקס פּאָפּולאַריטעט האָט געשפּילט אַ ראָלע נישט בלויז זיין געשליפענער מוזיקאַלישער פערז, נאָר אויך זיינע משיחישע מאָטיוון און גאולה־בענקשאַפטן, וואָס האָבן אין אונדזער פאַרפירטער צייט געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן. אָבער פונקט ווי זיינע דערלייזערישע וויזיעס און גערעכטיקייט־מאָנונגען האָבן לייוויקן איינגעקריצט אין באַוואוסטזיין פון זיין דור, אַזוי האָבן זיינע עסייען און עפנטלעכע אויפטריטן אין משך

פון עטלעכע צענדליק יאָר באַווירקט דעם לייענער און צוהערער. האָט דע־ריבער גוט געטאָן דער קולטור־קאָנגרעס, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין אַ בוך אַ טייל פון דיכטערס עסייען און רעדעס (ה. לייוויק, עסייען און רעדעס, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, 1963). און אַפילו ווען איר האָט פריער געלייענט די מערסטע פון די עסייען און די רעדעס געהערט — וועלן זיי איצט זיין פאַר אייך אויפסנייז אַן אמת־קינסטלערישע איבערלעבונג; ווייל אַ סך פון די צונויפגעזאַמלטע עסייען, אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען זיינען אין דער אמתן פּאָעמעס, מיט נישט־געגראַמטע שורות, רירנדיקע בילדער און דיאַלאָגן וואָס דער דיכטער פירט מיט זיך און מיט דער וועלט.

לייוויקן קומט דאָ אויס צו באַרירן — אויף זיין אָריגינעל־פּאָעטישן שטייגער — היינטיקע יידישע פּראָבלעמען: מדינת־ישראל און די תפוצות; חורבן, גבורה און קדושה; דער יידישער יחיד און זיין פאָלק; די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור; דער מענטש און זיין גורל. ער פאַרצייכנט אויך אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון זיין קינדהייט. צווישן די אינטערעסאַנט־סטע זיינען יענע עסייען וואו דער דיכטער דערלויבט אונדז אַריינצוקוקן אין זיין אינעווייניקסטן שאַפונגס־פּראָצעס און וואו ער גיט אונדז אַן אַריינ־בליק אין זיין דיכטערישן מהות. אָט דאָס קומט צום אויסדרוק אין די ענט־פערס וואָס לייוויק גיט אויף די פראַגעס וואָס דער קריטיקער און דיכטער א. טאַבאַטשניק שטעלט אים: און אָט דער שמועס איז ביז גאָר ווערטפול פאַר לייוויקס פּסיכאָגראַפיע. אויף טאַבאַטשניקס פראַגע: וואָס איז פּאָעזיע, און וואָס איז די שליחות פון דער יידישער פּאָעזיע? — ענטפערט אים דער פּאָעט, אַז דיכטונג מיינט פאַר אים אַנטפּלעקונג; און אַז דער וואָס האָט דערפילט אין זיך אַ דיכטער־מהות האָט גענומען אויף זיך אַ טראַגישן גורל פון אַנדערשקייט — פון אינערלעכער אַנדערשקייט. „אַן אמתדיק ליד איז אַ מין אָוועקגיין פון דער וועלט און אַ באַהעפטונג מיט דער וועלט; אַ שבירת הכלים לויטן לשון פון דער קבלה". פּאָעזיע איז פאַר לייוויקן אַ פּערזענלעכע השתפכות־הנפש און אויך אַן אויסדרוק פון די דערפאַרונגען פון פאָלק. דאָס ליד איז אַ תפילה וואָס דער דיכטער שאַפט בעת ער דאַוונט. „יעדער דיכטער גיט איבער אין זיין ליד געוויינען, געשריי, פאַר־צווייפלונג און — פרייד".

די יאָרן ווען דער דיכטער איז געלעגן אויף זיין נאַרע אין דער צאַ־

רישער תפיסה זיינען געווען אַנטשיידנדיק פֿאַר זיין פּאָעטישן וואוקס — און דעריבער קוקט ער צוריק אויף יענער צייט מיט טרויער — און התפּעלות.

ווי דעם אָנהויב פֿון זיין דיכטערישער התגלות באַטראַכט לייוויק דאָס באַרימט־געוואָרענע ליד: „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, ליגט דאָס לאַנד דאָס פֿאַרבאָטענע..." עס איז דעריבער פֿון ספּעציעלן אינטערעס צו הערן פֿון שעפֿער אַליין ווי אַזוי דאָס ליד איז געבוירן געוואָרן. אָט וואָס דער פּאָעט דערציילט אונדז וועגן דעם: ס'איז געווען אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, אין יאָר 1914, אין פֿילאַדעלפֿיע, וואו לייוויק האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ שאַפּ. ליגנדיק אויף זיין בעט אין צימער, ווען אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, האָט פֿאַר אים אויפֿגעלויכטן דער סיבירער פּייזאַזש, און עס האָבן אים אויפֿגעבלענדט די שורות: „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט", און עס איז אים געוואָרן העלער אויף דער נשמה. ער האָט ווייטער געשפּונען דעם פֿאָדעם פֿון דער פּאָעמע: „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט ליגט דאָס לאַנד דאָס פֿאַרבאָטענע, — זילבריק בלאָען די בערג נאָך פֿון קיינעם באַטראָטענע. ערגעץ טיף, ערגעץ טיף אין דער ערד איינגעקנאָטענע, וואַרטן אוצרות אויף אונדז, וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע".

אָבער ער איז אַלץ געווען אומצופֿרידן: וואָרעם — האָט ער געטענהט צו זיך — ס'איז נישט גענוג אַרויסצובאַקומען די פֿאַרשאָטענע און פֿאַר־באָטענע אוצרות, וואָס ליגן טיף אין דער ערד; מע דאַרף טראַכטן וועגן דעם ליידנדיקן, פֿאַרפּייניקטן מענטשן וואָס קען נישט צוקומען צו די פֿאַרבאָטענע אוצרות. דעמאָלט לויכטן אויף פֿאַר לייוויקן די ווייטערדיקע לירישע שורות: „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער. אויף זיין קאָפּ שטאַרבט די שיין, פֿון דער זון דער פֿאַרגאַנגענער. ערגעץ וואָגלט ווער אום, טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָטענער, און געפֿינט נישט קיין וועג צו דער לאַנד דער פֿאַרבאָטענער".

מיט אָט דעם ליד, מיינט דער פּאָעט — און מיר גלייבן אים — האָט ער געפֿונען אַ שליסל צו דער פֿאַרשלאָסענער וועלט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. און וואָס פֿאַר אַ רייכע, באַצויבערנדיקע וועלט לייוויק האָט שפּע־טער פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אין זיינע לידער, אין זיינע דראַמעס!

עס איז נישט נייטיק צו באַטאָנען אַז לייוויק איז געווען אַ באַוואוסטזי־ניקער קינסטלער: ער האָט גוט געקענט און באַהערשט די טעכניק פֿון

וואָרט און פֿערז. ער איז געווען אַן אײַנעווייניקסטער אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון פּאָעטיק און ער האָט געקענט אַרויסציִען מוזיק, ריטם און דעם ניגון פֿון וואָרט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס ער האָט חשק געהאַט — ווי ער דערציילט טאַבאַטשניקן — אויפֿצושרײַבן די ביאָגראַפֿיע פֿון זײַנע וויכטיקסטע לידער. אַ שאָד וואָס ער האָט דעם טרוים זײַנעם נישט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן!

אין עטלעכע פֿאַרצייכענונגען פֿון דעם בוך דערקענט מען דעם דין־סענסיטיוון, געשליפֿענעם דיכטער, פֿאַר וועמען דער מענטש — דער יחיד, מיט זײַנע זאָרגן, יסורים און פֿאַרצווייפֿלונגען — איז דער הויפּט־מאָטיוו אין זײַן שאַפֿן. בלויז אויף צוויי אַזעלכע עסייען קען איך זיך דאָ דערלויבן אָפּצושטעלן. אין דער עסיי: מאָטיוו פֿון אַ נישט־אָנגעשריבענעם ליד דערציילט אונדז דער דיכטער, אַז ער האָט געלייענט אין די צייטונגען וועגן אַ מיידל פֿיליס גודמאַן, וואָס איז קראַנק אויף אינפֿאַנטיל־פּאַראַליז זינט זי איז אַלט געווען אַ יאָר. זי האָט, זייענדיק אין משך פֿון די לעצטע 16 יאָר אַ צוגעשמידטע צום בעט אין אַ שפּיטאָל, פֿאַרענדיקט הײַ־סקול, האָט מען לכּבֿוד איר געמאַכט אַ צערעמאָניע. ווילט זיך לייוויקן שרײַבן אַ ליד וועגן דער רירנדיקער געשעעניש. אָבער... ער קען נישט; ווײַל ער דערמאָנט זיך אין 15־יעריקן ייִנגל, וואָס דער דיכטער האָט נישט לאַנג צוריק געזען אין אַ שפּיטאָל־לאַגער פֿון די שארית־הפּליטה אין דײַטשלאַנד. אָט דער ייִנגל, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע פּײַנען אין די לאַגערן, איז דורך אַ נס געבליבן לעבן. פֿאַרוואָס — פֿרעגט דער פּאָעט — קומט מען נישט צו אָט דעם ייִדישן ייִנגל פֿון אַלע וועלט־טיילן אים אַרויסצואווײַזן צערטלעכקייט? פֿאַרוואָס טיילט מען אים נישט צו דעם וועלט־דיפּלאָם פֿאַר בראַווקייט? אָט דערפֿאַר קען לייוויק נישט שרײַבן דאָס ליד וועגן פֿיליס גודמאַן; און דערפֿאַר בעט ער בײַ איר מחילה. אָט די עסיי איז באמת אַ וואונדערלעך ליד.

און נאָך אַ זעלטענע פֿאַרצייכענונג קען מען נישט פֿאַרבײַגיין: וועגן די מיידלעך פֿון הירא־שימאַ. דאָ דערציילט אונדז דער דיכטער וועגן דער גרופּע פֿאַרקריפּלטע מיידלעך פֿון הירא־שימאַ, דעפֿאָרמירטע פֿון דער אַטאָמישער באָמבע. די מיידלעך זײַנען געבראַכט געוואָרן פֿון יאַפּאַן אין מט׳ סיני שפּיטאָל. בעת די פֿאָטאָגראַפֿיסטן האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען פֿון זיי בילדער, האָבן די מיידלעך זיך פֿאַרשטעלט די פּנימער. דערמאָנענדיק דעם

שרעקלעכן עפּיזאָד רופט לייוויק אויס צו די האַרן און מושלים פון דער וועלט: „אַז מיידלעך ווערן דערפּאָרמירט, און בחורים ווילן זיך נישט חברן מיט זיי צוליב דעם, און וועלן נישט חתונה האָבן מיט זיי, און זיי מוזן צוליב דעם בלייבן איזאָלירט און פאַרשעמט — דאָס איז אַ גרעסערער אומגליק ווי אַ וועלט־חורבן".

ווי אַ דיכטער, וואָס האָט געהייליקט זיין באַרוף און וואָס פילט זיין באַזונדערקייט און שליחות, האָט לייוויק — פונקט ווי י. ל. פּרץ — זיך אַ סך באַשעפטיקט מיטן מהות און מיט דער ווערטפולקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער פּרובירט אויף פאַרשידענע אופנים אויסדריקן און פאָרמולירן די אויפגאַבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור: „צו געשטאַלטיקן דעם ייִד ביז צו זיין טיפסטער דערקענטעניש און אַרויסצוהויבן צו אַ נייער הייך סיי זיין טראַגיזם, סיי זיין גאולה־חלום... צו אַנטפּלעקן פאַר זיך אַליין, פאַר דער וועלט, די טראַגישקייט, די באַזונדערקייטן פון ייִדישן לעבן, סיי אין זיין היסטאָרישקייט, סיי אין זיין טאָג־טעגלעכקייט" — אָט דאָס זיינען די פונקציעס פון דער היינטיקער ייִדישער ליטעראַטור; און אויב זי וועט זיי דורכפירן בשלימות, וועט זי שטאַרקן דעם יסוד פון ייִדישן קיום און זי וועט באַשיצן די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, און אונדזער גאַנצקייט ווי אַ וועלט־פאָלק. ווייל מיר לעבן אין צייט, ווען די אמונה פון אונדזערע זיידעס וועפּט זיך אויס — דאַרף די ייִדישע ליטעראַטור ווערן דער כוח, וואָס וועט איינהיטן און פאַרשטאַרקן דעם פאָלקס־אָרגאַניזם. פאַרשטייט זיך, אַז לייוויק נעמט אָן ניגערס פאָרמולע: צוויי־שפּראַכיקייט און איין ליטעראַטור; ייִדיש און העברעאיש באַטראַכט ער ווי אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע לשונות.

אָבער וואָס איז מכוח ייִדישע שאַפונגען אויף אַנדערע שפּראַכן? צי געהערן זיי אין גדר פון ייִדישער ליטעראַטור? לייוויק איז מחולק מיט שמואל ניגערן, וואָס האָט געהאַלטן, אַז „די ייִדישע ליטעראַרישע פיל־שפּראַכיקייט איז אַ פאַקט — אָבער די פיל־שפּראַכיקע ייִדישע ליטעראַטור איז אַ פּראָבלעם". דער דיכטער איז נישט מסכים מיט זיין באַליבטן קריטיקער; ער מיינט, אַז מיט דעם וואָס מיר וועלן צוגעבן, אַז די פיל־שפּראַכיקע ייִדישע ליטעראַטור איז אַ פּראָבלעם פאַר אונדז, וועלן מיר סאַנקציאָנירן אומדירעקט די פיל־שפּראַכיקייט; און ער וויל דאָס נישט צוגעבן. ער וויל זיך אינגאַנצן מיט דעם ענין נישט פאַרנעמען, ווייל די ייִדן־שרייבערס

וואָס לעבן זיך אײַנגאַנצן אויס אין אַנדערע שפּראַכן, אַפילו ווען זיי שרײַבן אויף ייִדישע טעמעס... „האָבן מיט אונדזער ליטעראַטור נאָר אַ פּאַרמעלע שייכות... אַן־און־פֿאַר־זיך האָבן זיי נישט קיין נאַציאָנאַלן ייִדישן ווערט... זאָלן מיר נישט האָבן קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אויף העברעאיש און ייִדיש, וועלן אַלע ווערק געשריבן פֿון ייִדן אויף אַנדערע שפּראַכן — ווי גרויסקינסטלעריש זיי זאָלן נישט זײַן און ווי ייִדישלעך זייער טעמאַטיק זאָל נישט זײַן — נישט האָבן פֿאַר ייִדן קיין נאַציאָנאַלע באַדײַטונג" (זײַט 74). אין פּלוג זעט עס אויס צו זײַן ריכטיק; אָבער אויב ס'איז אמת הײַנט, צי קען עס נישט זײַן בלויז אַ האַלבער אמת אין יאָר 2000? און צי קען מען טאַקע דעם האַרבן מידת־הדין פֿון „נאָר ייִדיש און העברעאיש" אָנ־ווענדן אויף דער רוסיש־ייִדישער ליריק פֿון שמעון פֿרוג, אויף הײַנעס „פּרינצעסין שבת", אויף זאַנגווילס „טרוימער" און „קינדער פֿון געטאָ"? כאָטש מיטן האַרצן ווילט זיך אַקצעפּטירן דעם בי־לינגוואַליזם, אַנשטאָט פֿיל־שפּראַכיקייט — מ'קען זיך אַזוי אַרום אײַנשפּאָרן אַ סך קאָפּ־ווייטיק — איז מיר פֿונדעסטוועגן שווער צו אַקצעפּטירן מיטן מוח אָט די פּשוטע טעאָריע, וואָרעם דאָס לעבן לערנט מיט אונדז גאָר אַן אַנדער סוגיא... אָבער אַפילו ווען איך קען אין דעם פּרט נישט מיטגיין מיטן פּאָעט, קען איך אים פֿאַרשטיין.

און אַוודאי וועט יעדן פֿון אונדז זײַן נאָענט און פֿאַרשטענדלעך לײַוויקס געמיט און פֿאַרדרוס בנוגע דער מערבדיקער קולטור וואָס האָט אונדז אַרויס־געוויזן בלינדקייט, און אפשר פֿאַראַכטונג. אַפילו די הומאַניסטישע רוסישע ליטעראַטור — שוין נישט צו רעדן פֿון דער דײַטשישער — האָט אונדז נישט אַרויסגעוויזן קיין פֿאַרשטענדעניש. פֿונדעסטוועגן עצהט ער אונדז נישט זיך צו גטן מיט דער וועלט, אָדער זיך איזאָלירן פֿון איר, נאָר אָנ־האַלטן אונדזער דיאַלאָג מיט איר און ווײַטער גיין אונדזער אייביקן גאַנג פֿון נבואה, מסירת־נפש, גאולה; „די זעאונגען, געשטאַלטן וואָס מיר האָבן אַרויסאַנטפּלעקט אין לויף פֿון אונדזער געשיכטע... אין זכות פֿון די עק־שנים, פֿון די מהר"מס, לעקערטס, גרינשפּאַנס, ברענערס לעבן דורות". ווילט איר זיך איבערצײַגן אַז לײַוויק געהערט אין דעם פּאַנטעאָן פֿון אָט די הייליקע עקשנים — הגם מיר וויסן עס אַלע פֿון פֿריער — דאַן לייענט־איבער זײַן באַרימט־געוואָרענע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויפֿן אידעאָ־

לאַגישן כינוס אין ירושלים, אין 1957; אַט־די הערלעכע רעדע, וואָס געפינט זיך אין דעם בוך, וועט יעדן פון אונדז ווייזן דעם דיכטער אויף אַ מדרגה פון עלאָקווענץ און התרוממות, וואָס איז נישט קיין קלענערע שאַפונג ווי אַ פּאָעטיש ווערק. איר וועט זיך דערפילן דערהויבן פון דיכטערס אויסרוף: „איך בין צו שטאָלץ היינט צו מאָנען ביי ייִדן כבוד פאַר ייִדיש. איך טו מיין זאַך ווי מיר איז באַשערט צו טאָן. מיט ייִדיש איז דער גלות־ייִד געגאַנגען צו די העכסטע נאַציאָנאַלע און משיחישע הייכן. אונדזער ייִדישפּאָעזיע האָט די דאָזיקע ייִדן — די גייער צום גאַז־קאַמער, דערהויבן צו ליכטיקע, שטראַלנדיקע ייִדן".

דער טיף־פאַרפלאָנצטער אין ייִדישן גייסטיקן באָדן; דער פאַרהערלעכער און באַזינגער פון ייִדישע קדושים און גיבורים; דער אחריותדיקער דיכטער און אייביקער זוכער און מאָנער — וואָס האָט טענות צו דער וועלט און אירע מושלים; ער, וואָס זעט דעם תהום און דעם באַנקראָט פון דער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער ציוויליזאַציע — ער ראָט אונדז פונדעסטוועגן נישט זיך אומצוקערן צום אַלטן ייִדישן נוסח, דערפאַר ווייל אונדז איז נישט גוט אין וועלטלעכקייט: „מיר קענען נישט אַפילו ווען מיר זאָלן עס וועלן. מיר קענען נישט נעמען גלייבן אין גאָט, נאָר דערפאַר ווייל אָן גאָט איז נישט גוט. ס'איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם עצם אידעע פון גאָט".

ס'איז אַ טיפע באַפרידיקונג פאַרן ייִדישן לערער און שול־טוער וואָס אַט דער אומבויגזאַמער עקשן, דער אויטענטישער מענטש און גרויסער קינסטלער, האָט אַזוי גרינטלעך פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די ראָלע פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. לייוויק רעדט וועגן דעם שותפותדיקן גורל פון ייִדישן לערער און שרייבער וואָס וואָלטן אָן עקשנות און אָן אמונה נישט געקענט זיין שעפעריש. זייער אַרבעט באַצייכנט ער ווי הערלעכע דאָןקיכאָטישקייט, וואָס איז נאָך שווערער פאַרן לערער ווי פאַרן דיכטער — וואָרעם דער לעצטער קען, ווען ער דערפילט זיך אָפּהענטיק צוליב דער גלייכגילטיקייט פון אַרום, זיך צוריקציען אין זיינע ד' אמות, אָבער דער ייִדישער לערער קען נישט אָטעמען אָן גייסטיקער וואַרעמקייט אַרום זיך. זיין גורל איז דעריבער טראַגישער ווי דעם דיכטערס גורל. דער לערער מוז פילן דעם אָטעם פון תלמידים, עלטערן, פון אַ לעבעדיקער ייִדישער היים. דער דיכטער פרייט זיך דערמיט וואָס ייִדיש גייט אַריין אין די הויכע

פענצטער, אָבער ער וואָרנט מ'זאָל אַכטונג געבן אויף די אונטערשטע פענצ־טער — און דאָס מיינט די ייִדישע פאָלקסשול. לאָמיר טאַקע דאָס גוט געדענקען!

(1964)

# אברהם רייזען און די מאָדערנע ייִדישע שול

## (רעדע געהאַלטן ביים אויפדעקן די מצבה פון דיכטער)

איצט בעת מיר גיבן אָפּ כבוד דעם וואָס איז אין משך פון צוויי דורות געווען דער באַליבטסטער פּאָעט ביי אונדזער פאָלק אין אַלע וועלט־טיילן איז אפשר פּאַסיק צו דערמאָנען, אַז דער עצם פון דיכטונג באַשטייט אין דעם וואָס זי וויזט אונדז די אינעווייניקסטע וועלט פון זאַכן און דער־שיינונגען; אַז פּאָעזיע מאַכט אונדז פילבאַר צו די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון דער וועלט. דורך לידער ווערן מיר דערהויבן, אונדזערעליידן ווערן פאַרלייכטערט און געלייטערט, און מיר דערפילן זיך ווי אויף די פליגל פון אַ טרוים — ווען מיר דערבליקן דעם טרויער, דעם וואונדער, דעם זין און אומזין פון מענטשלעכער עקסיסטענץ. אָן פּאָעזיע, אָן ליד וואָלט אונדזער לעבן געווען גרוי, נאַקעט, הויל און אומדערטרעגלעך.

וואָס איז אַ דיכטער? פרעגסטו ליבער,
טאָ הער מיין קינד: די וועלט איז גראָ
נו, פאַרבט ער זי צו ביסלעך איבער,
אַמאָל אין גרין, אַמאָל אין בלאָ.

אברהם רייזען איז געווען אי פּיאָנער פון ייִדישן ליד, אי ראַפינירטער פּאָעט; ער איז געווען צייט־פּאָעט וואָס איז מיטגעגאַנגען אין משך פון 60 יאָר איבער אַלע שטעגן, בערג און טאָלן פון דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע. אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, אַלע דראַ־מאַטישע געשעענישן אין דער היינטיקער תקופה האָט ער פּאָעטיש אילו־

מינירט און אינטערפּרעטירט. ער האָט מיטגעטרויערט און מיטגעפֿילט אונ־דזער צער בעת די אַלע פּורעניותן וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין 20סטן יאָרהונדערט. אָבער ווײַל ער האָט אַזוי עכט־פּאָעטיש אויסגעדריקט זיין צייט איז ער איבערצייטלעך, און ער האָט זיך אויף אייביק אַריינגע־שריבן אין אונדזער געשיכטע.

רייזען דער פּיאָנער פון יידישן ליד, איז אויך געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שלייפער פון יידישן וואָרט, וואָס איז אונטער זיינע הענט געוואָרן אַ דימענט וואָס האָט באַלויכטן דעם לעבנס־וועג פון יידישן פאָלקס־מענטש.

אומעטום, אין אַלע יידישע קיבוצים, האָט מען אים געלייענט און גע־זונגען; יונג און אַלט; אינטעליגענט און פאָלקס־מענטש — אַלע האָבן זיך געקוויקט און געפונען אַן אָפּקלאַנג אין רייזענס ליד. וואָרעם אין זיין פאָלקסטימלעכן טאָן פילט מען אַז ער פּערזענלעך שטייט הינטער יעדן ליד; אַז זיין מיטגעפיל איז טאַקע פון אים דורכגעפילט געוואָרן. דערפאַר איז זיין ליד אי פאָלקסטימלעך, אי אינדיווידועל און ממילא אוניווערסאַל.

אברהם רייזען איז דער ר׳ לוי יצחק פון דער יידישער ליטעראַטור; דער גרונט־טאָן פון זיין ליד און דערציילונג איז סימפּאַטיע, רחמנות צום שטילן, איידעלן פאָלקסמענטשן, פאַרשטענדעניש, באַלויכטן פון אַ דינעם, קוים באַמערקבאַרן הומאָר, וואָס זאָגט עדות סיי אויף דער תמימותדיקייט, סיי אויף דער איבערגעשפּיצטער לעבנס־חכמה פון דיכטער. און עס איז זיך־יבער ניט קיין וואונדער וואָס רייזען איז געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אויף די שמחות פון דער מאָדערנער יידישער שול. ער האָט געוואָרעמט דעם פאַריתומטן יידישן לערער און שול־טוער, און זיי האָבן זיך געטוליעט צו אים און זיך דערפילט געשטאַרקט פון זיינע אָפטע וויזיטן ביי אַלע שול־שמחות. וואָרעם אויך דער לערער איז פונקט ווי דער קינסטלער אַ שקלאַף צו זיין באַרוף. אויך ער שאַפט — הגם מיט אַנדערע מיטלען ווי דער פּאָעט — און פאָרמירט דעם קינדס יידישע פערזענלעכקייט, און דערביי האָט יעדער קינסטלער־לערער זיין דרך, זיין נוסח, זיין ניגון. דער יידישער לע־רער פונקט ווי דער פּאָעט פילט זיך פאַראיינזאַמט אין אַ סביבה וואו דאָס שטילע קול פון שעפערישן מענטשן געפינט זעלטן אַן אָפּקלאַנג. דערפאַר איז דער בונד צווישן אברהם רייזען און דער יידישער שול אַן אייביקער און אומצערייסבאַרער.

און אויב מיר זאָלן אין דער פייערלעכער שעה, ווען ענטפערן אויף דעם דיכטערס פראַגע — אַ פראַגע וואָס יעדער איינער פון אונדז שטעלט זיך, אין זיינע דיאַלאָגן מיט זיך: וואָס וועט ווערן פון די ריימען וואָס איך האָב געקליבן, ווען איך וועל שוין דאָ נישט זיין?

„וועט זיך איינער ווען געפינען
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען,
און אייך, ליבע מיינע גראַמען,
וועט מיט צאַרטער האַנט צוזאַמען
קלייבן, פלעכטן אייך אין קראַנץ
בלייבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?"

יאָ, קענען מיר ענטפערן ערלעך דעם יידישן פאָלקס־דיכטער. מיר אַלע וואָס זייען און פלאַנצן און לערנען מיט אונדזערע תּלמידים די לידער פון אברהם רייזען און פון אַנדערע יידישע דיכטער; מיר אַלע וואָס בויען און וואַכן איבער דער יידישער שול — מיר פלעכטן אויס אין אַ לעבעדיקן קראַנץ פון אימאָרטעלן די ריימען פון יידישן טרוימער, וועקער, מונטערער אברהם רייזען, וואָס האָט אינספּירירט, באַפליגלט און באַזינט יידיש לעבן אין דער מאָדערנער צייט, פּונקט ווי עס האָבן דאָס געטאָן פאַר אים די נביאים, די בעלי־אגדה, די מקובלים און די שאַפער פון חסידות. זיי אַלע האָבן „מיט ווערטער וואונדערבאַרע, דינע פאַרלייכטערט אונדזער גע־מיט", (זישא לאַנדוי); זיי האָבן אונדז דערהויבן צו אַן אָדלער־פלי, פון וואַנען אונדזער וועלט זעט אויס שענער, האַרמאָנישער און זיניקער.

(1955)

# שלום אַש — און „איין גורל"

אין צייטן פון חורבן און אומקום, אין אונדזער געשיכטע, איז אַלעמאָל פאָרגעקומען אַן אָפּקליַיב: די שוואַכע יידן זיינען אַריבערגעלאָפן צו דער שטאַרקער גויאישער וועלט און די טיפערע, אינטעגרירטע יידן זיינען גע־

וואָרן נאָך פעסטער פאַרוואָרצלט אין זייער אמונה און פאָלק. אויך איצט מערקט זיך די זעלביקע דערשיינונג: מיר לייענען וועגן אַ ראַביי אין רוים וואָס האָט זיך געשמדט, און וועגן יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן וואָס זיינען אויסגעשטאַנען אַלערליי פּורעניות, על פּי נס לעבן געבליבן, אָבער זייער ווילן צו בלייבן יידן איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן.

שוין אַ שיינע פּאָר יאָר ווי שלום אַש געפינט נישט קיין אינטערע־סאַנטערע און מער־אָנרעגנדיקע טעמעס פאַר זיין קינסטלערישן טאַלאַנט ווי יעזוס און דער אַפּאָסטאָל פּאָול. אַוודאי מעג אַ יידישער שריפטשטעלער — לויט די השגות פון אַ וועלטלעכן יידן — זיך פאַרנעמען מיט קריסטלעכע הייליקע. אָבער דער אופן ווי שלום אַש האָט געשילדערט און גלאָריפיצירט די צוויי גרינדער פון קריסטנטום האָט ניט איינעם פון אונדז, זיינע אַמאָ־ליקע פאַרערער, פאַרשאַפט עגמת נפש. צו שטאַרק פילן מיר נאָך אַפילו איצט, אין אַמעריקע, די פיינטלעכע בליקן פון אַ סך נישט־יידישע שכנים אונדזערע, אַז מיר זאָלן קאָנען זינגען לויב־לידער צו די פירער פון יענע וועלכע האָבן אונדזער פאָלק אויסגעשאָכטן אין מערסטע לענדער וואו זייער רעליגיע איז געוואָרן די הערשנדיקע. ווי קענען מיר זיין באַגייסטערט פאַר דער אמונה וועמעס אָנהענגער עס שעכטן אויס פּעריאָדיש מיליאָנען מענטשן פון אייגענעם און פרעמדן גלויבן?!

אָבער, — האָבן מיר פּרובירט דן זיין לכף זכות שלום אַשן — אפשר איז ער סימפּאַטיש בלויז לגבי דעם אור־קריסטנטום. איז דאָך אַלעמאָל געווען אַזאַ שוואַכקייט ביי אַ סך יידישע ראַדיקאַלן וואָס פלעגן זען אין די אַל־טערטימלעכע קאָמוניסטישע ברודערשאַפטן די התחלה פון און אינספּיראַציע פאַרן סאָציאַליזם. איצט, אָבער, איז שלום אַש אַרונטערגעקומען פון די היסטאָרישע ווייטקייטן צו אונדזער צייט. נאָר־וואָס איז דערשינען אין ענג־ליש, זיין ביכל: „איין גורל" (אָן עפּיסטל צו די קריסטן) וואו ער ווענדט זיך צו די קריסטן מיט אַ פייערלעכן בריוו. אין דעם ביכל פון בלויז 88 זייטן גיט אונדז דער מחבר פון „שטעטל" און „קידוש השם" זיין נייעסטן אני־מאמין וועגן מהות פון יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם; דאָ ווענדט ער זיך מיט ביטערע שטראָף־רייד צו די קריסטן און דערקלערט זיך אין ליבע צום קריסטנטום, צום וואַטיקאַן און צו... סאָוועט־רוסלאַנד. ער דער־לויבט זיך דאָ „ ווי אַ ייד וועמעס יעדע באַוועגונג עס איז פאַרקניפּט מיטן גאָט פון ישראל" צו מאַכן באַהויפּטונגען וואָס זיינען אי פאַלש, אי שעדלעך.

נאָכן איבערלייענען דאָס ביכל פילט איר אַז דער קוטנער ייִד גליטשט זיך אַלץ מער אַרויס פון אונדזער פאָלקס־סביבה און ווער ווייסט וואו ער קען נאָך חלילה אָנשפּאַרן...

פאַראַן שטעלן אין דעם „עפּיסטל״ אויף וועלכן מיר וועלן זיך אַלע אונטערשרייבן. ווען אַש דערקלערט פייערלעך און דראַמאַטיש אַז די קריסט־לעכע וועלט איז מיטשולדיק אין דער אויסשלאַכטונג פון זעקס מיליאָן ייִדן און אַז היטלערס מעשים זיינען בלויז געווען דער העכסטער פּונקט פון אַנטיסעמיטיזם, ווייסן מיר אַלע אַז דאָס איז ליידער דער טראַגישער אמת. אָדער ווען ער שילדערט דאָס „לעבן״ פון ייִדן אין דער וואַרשעווער געטאָ און זייער דעפּאָרטירונג צו גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע זעט איר פאַר זיך דעם אַמאָליקן אַש פון „פאַרן מבול״. אָבער באַלד ווי ער האָט אויסגעמאָלן ווי עס גייען אויפן וועג צום טויט אַלערליי ייִדן: דער אַסימילירטער ייִד פון פּאַריז און בערלין; דער דימענט־סוחר פון אַנטווערפּען און דער פּוי־ליש־ייִדישער חסיד; דער ציוניסט און דער בונדיסט, גיט זיך אַש אַזאַ זאָג: „אליהו הנביא ווייזט זיי דעם וועג. דוד המלך איז דאָ צווישן זיי, פּונקט ווי עס געפינען זיך דאָ די אָבות און די נביאים. און אויך דער נוצרי איז צווישן זיי״. צי קען דען אַוועלכער ס׳איז ייִד נישט זיין שאָקירט פון אַזאַ סימבאָליק?! מעג מען אפילו אין נאָמען פון „פּאָעטישער פרייהייט״ איינרעדן און אַריינטייטשן רעליגיעז־קריסטלעכע שטימונגען אין די לעצטע שעהן פון אונדזערע מאַרטירער וואָס זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם? איז דען דאָס נישט הוילער שקר?

עס איז געגנוג אומטאַקטיש ווען שלום אַש, אַ באַרימטער ייִדישער נאָ־וועליסט וועמעס וואָרט ס׳איז אַזוי וואָגיק ביי דער בעסערער נישט־ייִדישער וועלט, טרעט אויף אין זיין אייגענעם נאָמען מיט שעדלעכע דערקלערונגען; ער באַנוגנט זיך אָבער נישט דערמיט אַליין. אַש וויל גילטן ווי אונדזער אַלעמענס שליח ציבור און דערלויבט זיך צו זאָגן אַז: „אין די מוחות פון דער גרעסטער צאָל ייִדן, ספּעציעל ביי אונדז אין אַמעריקע, איז פאָרגע־קומען אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג פון מיינונגען לגבי דער פּערזענלעכקייט וואָס איז דער סימבאָל פון דער קריסטלעכער אמונה, און אויך וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע גופא״.

פון וואַנען נעמט עס אַש די פאַקטן פאַר אַזאַ באַהויפּטונג? דאָס איז אפשר אמת בנוגע אַ טייל אָנהענגער פון דעם סינסינעטער „דזשודאַאיזם״

וואָס פאַרנעמט אַ גאַר קליינעם אָרט אין דער ייִדישער אַמעריקע. ס'האָט זיך אָבער זיכער, אין דעם פּרט, גאַרנישט געביטן, נישט ביי די אָרטאָדאָקסישע און נישט ביי די נאַציאָנאַלע ייִדן וועלכע זיינען דער רוב מנין ובנין פון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

אויך אונדז וועלטלעכע ייִדן וועלכע היטן נישט אָפּ אַלע תרי"ג מצוות איז אונדזער אמונה נאָענט און אייגן. אירע קדושים און דענקער; אירע גאונים און צדיקים זיינען אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער גייסטיקער לופט וואָס מיר אָטעמען, און אויב איינער קען דערגיין צו אַזאַ גלאָריפיצירונג פון יעזוסן ווי שלום אַש, איז שווער אים צו באַטראַכטן פאַר אַ היסטאָרישן ייִדן. אָט איז אַן אויסגוס: „די ליבע, די איבערגעבנהייט און די געטריישאַפט וואָס איך פיל צום גרינדער פון דער רעליגיע.... ער, ווי קיינער, פאַר אים, האָט אויפגעהויבן די וועלט פון דער פּוסטקייט און נישטיקייט... ער, ווי קיינער פאַר אים, האָט דערהויבן דעם מענטשן פון זיין זינלאָזער עקסיסטענץ, אים געגעבן אַ תכלית און ציל און אים געמאַכט פאַר אַ טייל פון געטלעכן".

אויב, דאָס איז די אויפריכטיקע רעליגיעזע איבערצייגונג פון שלום אַשן קען אונדז בלויז ווי טאָן וואָס אין די איצטיקע טעג פון פאַרצוויפלונג, ווען מיר זיצן שבעה נאָך מיליאָנען ברידער און שוועסטער, האָט ער געפונען פאַר פּאַסיק זיך צו דערווייטערן פון אונדז. העלפן דערצו קענען מיר נישט. אָבער דאָס ביכל איז נישט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע און שיר נישט, אַפילו אַ „פּאָליטישנסקע" שריפט. אָט איז אַ ביישפּיל:

דער רעליגיעזער מיסטיקער אַש דערקלערט אַז די קריסטן זיינען זיינע ברידער. ער לויבט און באַדאַנקט דעם וואַטיקאַן פאַר די פאַר טויזנט ייִדן וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון די נאַצישע רוצחים. אַש מאַכט זיך אָבער נישט וויסנדיק אַז ביז איצט שטיצט דער וואַטיקאַן די פאַשיסטישע רעגירונג אין שפּאַניע און, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין קליינעם חלק אין קלעריקאַל־פאַשיסטישן דאָלפוס־רעזשים אין עסטרייך וואָס האָט דערשטיקט דאָס סאָציאַליסטישע ווין אין אַ טייך בלוט און וועלכע האָט באַהאַנדלט ייִדן ווי פּאַריער. אויך די אַטאַקע מצד אַשן אויפן איסלאַם און די מאַכמעדאַנער איז שעדלעכע פּאָליטיק. זי וועט קיינעם קיין טובה נישט טאָן. צו וואָס איז דאָס נייטיק צו שאַפן אומזיסטע שונאים פאַר אונדזערע ברידער אין די מאַכמעדאַנישע לענדער וואו ייִדן האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן געלעבט אין פרידן און פריינטשאַפט.

אָבער נאָך בולטער קומען צום אויסדרוק אַשס פּאָליטישע חשבונות אין זיין דערקלערונג וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. אין 1941 איז אַש, אין זיין בוך „וואָס איך גלויב", אַרויסגעטראָטן קעגן אַטעאיזם און קאָמוניזם און גע־טענהט אַז די וויזיע פון מאַרקסיזם „ברויט און אַרבעט" פּאַרלייקנט דעם מיסטישן ווערט פון מענטשן. ער פּאַרט, דאָרטן, צוזאַמען דעם „הערינג־קאָלעקטיוויזם" פון באָלשעוויזם און די „מאַסן־פּאַרשקלאַפונג פון נאַציזם" און פירט אויס אַז „אין ביידע פאַלן האָט מען אַרויסגערופן דעם צויבערנאָמען פון גאָט פון סאָציאַלער באַפרייאונג כדי אונטערצודריקן אַלע פּערזענלעכע ווערטן... דער מענטשלעכער מין איז מיט געוואַלד אָוועקגעריסן געוואָרן פון דעם וואָס שטעלט מיט זיך פאָר וואוקס און פּראָגרעס און איז צוריק־געוואָרפן געוואָרן אין אַ צושטאַנד וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנימאַלישער וועלט".

איצט, אין 1945, האָט אַש זיך אַרומגעזען אַז „דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד האָט געוויזן דער וועלט דורך מעשים ווי טיף־פאַרוואָרצלט עס איז די געט־לעכע לערע אין דער נשמה פון איר פאָלק און ווי פאַלש עס איז די באַ־שולדיקונג, וואָס די נאַציס האָבן פאַרשפּרייט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים האָט צעשטערט דעם קריסטלעכן אידעאַל אין זיין פאָלק".

אָן ספק, אַז אין משך פון די לעצטע פיר בלוטיקע יאָר האָט אַש געקענט ענדערן זיין באַציאונג צום סאָוועטן־רעזשים. אָבער אַש שרייבט זיין „עפּיסטל" ווי אַ רעליגיעזער מענטש, מוז ער דאָך במילא זיין אַ קעגנער פון מאַרקסיזם וועלכער איז נאָך אַלץ די אָפיציעלע שטאַטס־פילאָסאָפיע פון סאָוועטן־פאַר־באַנד. היינט ווי פּאַרט זיך דאָס מיט זיין פריער־ציטירטן זאַץ וועגן „קריסט־לעכן אידעאַל" אין רוסלאַנד?

די הויפּט־הנחה פון שלום אַשס אני־מאמין איז אַן ייִדנטום און קריסטנ־טום זיינען אין תוך אידענטיש און אַז די אונטערשיידן צווישן זיי זיינען אומוויכטיק. אויף זייט 9 גיט אַש זיין גייסטיקן קרעדאָ אַז ייִדנטום און קריסטנטום זיינען איין דערשיינונג וואָס הענגען אָפּ איינס אָן אַנדערן; אַז דאָס ייִדנטום וואָלט געוואָרן פאַרשטיינערט אויב דאָס קריסטנטום זאָל חלילה אונטערגיין און פאַרקערט; ווייל „ביידע, דאָס ייִדנטום און קריסטנטום זיינען צוויי העלפטן פון אַ גאַנצקייט און ס'וועט נישט זיין קיין שלום ביז וואַנען די צוויי העלפטן וועלן זיך נישט פאַראייניקן און ווערן איין טייל פון

גאָט". עטלעכע מאָל חזרט אַש איבער אַז די „ייִדיש־קריסטלעכע אידעע", איז געמיינשאַפטלעך פאַר ייִדן און קריסטן, ווייל ביידע וואַרטן אויפן קומען פון משיחן (די קריסטן וואַרטן אויף זיין צווייטן קומען).

מען דאַרף בלויז זיין אַ ביסל באַקאַנט מיטן ייִדישן רעליגיעזן געדאַנק און מיט דער משיחישער באַוועגונג ביי ייִדן צו וויסן אַז דער ייִדישער משיח־אידעאַל מיינט קודם־כל די אויסלייזונג פון עול הגלות און די אויפ־ריכטונג פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פון ייִדישן פאָלק, און ערשט דאַן די באַפרייאונג פון דער גאַנצער וועלט פון מלחמה, אָרעמקייט און אומגערעכטיקייט; דער קריסטלעכער משיח אָבער איז נישט רעאַל און זיין „קעניגרייך איז נישט פון דער וועלט". אַש וואַרפט אָפּ די דאָזיקע משיח־קאָנצעפּציע און דערקלערט זיך פאַר אַן אָנהענגער פון די מקובלים און חסידים ביי וועמען דער משיחיזם האָט צוגעקראָגן אַ מיסטישע באַ־פאַרבונג. אַש איז אָבער אומגערעכט ווען ער וויל אָפּווישן דעם טיפן אונ־טערשייד צווישן משיח — מיטאָס ביי די קאַבאַליסטן און ביי די קריסטן. אויך ביי די באַגרינדער פון קבלה און חסידיזם איז אין צענטער פון דער משיח האָפענונג געשטאַנען די גאולה פון פאָלק ישראל און נישט די פאַר־געבונג פון די „ערשטע זינד" ווי ביי קריסטן.

דאָס קריסטנטום איז תוכיק אַנדערש פון היסטאָרישן ייִדנטום, ווי אַלע ייִדיש־רעליגיעזע דענקער האָבן אין משך פון דורות אונדז געלערנט. ייִדישע געלערנטע האָבן אָנגעוויזן אויף די טיפע, וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן ייִדנטום און קריסטנטום: דער ייִדישער באַגריף פון אחדות הבורא קען נישט דערלאָזן צו דער צעטיילונג פון דער גאָטהייט אין אַ דריי־אייניקייט ווי די קריסטלעכע רעליגיע לערנט; בעת דער יודאַאיזם איז אָפּטימיסטיש אין זיין וועלט־באַנעם און קאָנצענטרירט זיך אויף דער וועלט, אויף תורה לערנען און אויף טאָג־טעגלעכע מצוות, איז דאָס קריסטנטום פּעסימיסטיש, יענוועלטיק און באַפרייט דעם גלויביקן פון דער תורה און די מצוות.

ס'איז שווער זיך אויסצוטענהן מיט אַשן: אַט רעדט ער ווי אַ רעלי־גיעזער מיסטיקער, אַט ווי אַ פּאָליטיקער, און אַט ווי אַ נביא פון אַ נייעם גלויבן וואָס איז האַלב־ייִדיש, און האַלב־קריסטלעך. געמיינט האָט ער אפשר גוט. אָבער וואָס זיין כוונה זאָל נישט האָבן געווען ביים שרייבן זיין „בריוו צו די קריסטן", קען ער בלויז אַרויסרופן פאַרדרוס ביי מערסטע ייִדן, אַחוץ,

אפשר, ביי אַ קליין הייפעלע עקסטרעמע רעפאָרם־יאַהודים. נאָר אַזאַ צערו־דערטע צייט ווי אונדזערע, ווען אַלע יסודות פון דער ציוויליזאַציע, זיינען צעטרייסלט און „אַ וועלט וואַקלט זיך צווישן טאָג און נאַכט" קען פּראָדו־צירן אַזעלכע ווערק ווי שלום אַש האָט אונדז נאָר וואָס דערלאַנגט.

(1945)

# ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — „דער ווערטער־האַר"

## (רעדע וואָס איז געהאַלטן געוואָרן צו די שלושים)

עס איז שווער ווען דער מענטש שטייט נאָענט צו אונדז, ווען מיר האָבן נישט גענוג פּערספּעקטיוו, אים צו זען אינגאַנצן, אין זיין גאַנצער גרייס. ערשט ווען ער רוקט זיך אָפּ פון אונדז אויף אַ דיסטאַנץ, דערזעען מיר אים אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

עס האָט געלעבט צווישן אונדז אַ סך יאָרן ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַ שעפערישער מענטש וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זעלטענע קאָמ־בינאַציע: ער איז געווען אַ מענטש פון וואָרט און גלייכצייטיק פון טאַט, אַ דיכטער און אָראַטאָר, אַ פּאָעט וואָס ווייסט די סודות פון וואָרט — פון דינעם געשליפענעם ביואַנסירטן וואָרט, און גלייכצייטיק איז ער גע־ווען אַ פאָלקס־רעדנער, וואָס קען צוקומען צום האַרץ פון פאָלקס־מענטש און אים באַווירקן צו מעשים. אַ מענטש וואָס האָט ליב געהאַט דעם שרייב־טיש, ד"ה צו זיין ביחידות, און גלייכצייטיק האָט ער געהאַט די פעאיקייט צו באַפריינדן זיך מיט מענטשן, דעם טאַלאַנט צו פאַרברידערן זיך. דאָס איז אַ זעלטענע קאָמבינאַציע וואָס ווייניק קינסטלערישע מענטשן פאַרמאָגן.

גאָר אַמאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק נאָך, האָט אונדז ביאַלאָסטאָצקי אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז ער איז נישט צופרידן מיט זיין ליד:

כ׳האָב געקליבן און געשריבן לידער
און זיך ניט צונויפגערעדט מיט מײַנע ברידער.
צאַם געבראָכן און געהאַפּט אַלץ מאָרגן, מאָרגן.
הינטער ריטמען איז געבליבן אַלץ פאַרבאָרגן.
רייד פון מויל געצופּט, געריסן ווי זייגקינד ביי אַ מאַמען,
און געקומען זיינען זילבן, אויסגעציילטע גראַמען;
און דאָס רויע און דאָס קוואַליקע פון טיפן
האָב פאַרביטן אויף לעגענדע און אויף מיפן.

הער איך: איינער גריסט אַ צווייטן, וואָרט האָט וואָרט געטראָפן.
איך — מיר דוכט, איך זינג נאָר, ווייל איך קען ניט רעדן אָפן.

זאָל מיך טרייסטן, בענטשן, ווער עס קען נאָר בענטשן,
מיך — דעם ווערטערהאָר, דעם שטומען
פון די שטומסטע צווישן מענטשן.

אָבער אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן, האָט דער „ווערטער־האָר״ ביאַלאָסטאָצקי, דער וואָרט־קינסטלער, וואָס האָט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט אויף יעדער פּלאַטפאָרם, ביי פריידיקע און טרויעריקע געלעגנהייטן, כמעט אויפגעהערט צו שרייבן לידער און אַנשטאָט דעם, זיך „צונויפגערעדט מיט ברידער״. ער האָט דאָס „קוואַליקע פון טיפן״ אויסגעזונגען אויף שול־שימחות, אין זיינע רעפעראַטן און רעדעס. ער האָט געדונערט קעגן דעם ככל־הגויימדיקן קאָנפאָרמיזם וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין אונדזער לעבן און געזעלשאַפטלעכקייט; ער האָט באַקעמפט די שפּראַך־אַסימילאַציע, דאָס פאַלשע אַנטלויפן פון זיך, כדי צו ווערן כלומרשט אַ טייל פון דער גרויסער וועלט. ווייל, ווי אַ תלמיד מובהק פון פּרצן האָט ער געוואוסט, אַז „נישט דערפאַר האָבן מיר טויזנטער יאָרן געליטן, מיר זאָלן אונדזער ציוויליזאַציע פאַרגעסן, מיר ווילן און דאַרפן זי וויטער פירן; מיר ווילן אויך האָבן אַ חלק אין שותפות. נישט פאַרשליסן זיך אין געטאָ, מע זאָל אַרויס פון געטאָ, נאָר מיט אייגענעם גייסט, מיט אַן אייגן גייסטיק פאַרמעגן״. אָט דער וועלטלעכער ייד ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שטרייטן פאַר יידישער וועלטלעכקייט; דוקא

ער וואָס איז געווען פאַרליבט אין עמערסאָן און וואָלט וויטמאַן — ער איז גלייכצייטיק געווען דער מאָנער, דער וועקער און דער קעמפער פאַר דער חשיבות און דער ווערטפולקייט פון דער יידיש־קולטור.

ווארעם מע קען נישט זיין אַ שעפערישער מענטש, סיידן מע איז געטריי צו זיך, סיידן מע איז עכט און אינערלעך פריי, און אמתע פרייהייט הייסט זיין אַ שקלאַף צום אייגענעם געוויסן, צום רוף פון הארצן, צום שטילן קול פון דער טיפסטער איבערצייגונג. נישט צופאַסן זיך צום אַרום, וואָס איז אָפט מאָל נישט מער ווי אַן אַנטלויפן צו אַ לעבן־שטייגער, וואָס קען נישט באַזינען די אייגענע עקסיסטענץ, און וואָס האָט נישט קיין שייכות צום אמתן „איך". דער מענטש איז פריי, ווען ער פאָלגט דעם רוף וואָס קומט ממעמקים; ווען ער געהערט צו אַ קאָלעקטיוו, דורך וועלכן ער קען רעאַליזירן זיין אמתן מהות, וואָס גיט אַן אָנהאַלט זיין פערזענלעכקייט.

דער סענסיטיווער פּאָעטישער עסייאיסט ביאַלאָסטאָצקי האָט נאָכן טויט פון יצחק אייזיק הורוויטש און נחמן סירקין לאַמענטירט:

...ס'איז אונדז יינגערע און גרינגערע
אומעטיק אַזוי אַ שרעק. —
צו בלייבן מיטן ביסל יידישקייט אַליין
אויף איסט בראָדוויי,
אָן זיי,
וואָס זיינען אַוועק —
גלויביקע, העלאויגיקע.

אָט דער סקעפּטיש גלייביקער ביאַלאָסטאָצקי וואָס האָט גוט געקענט די שווערע מערכה און דעם ביטערן קריזיס וואָס די יידיש־קולטור מאַכט איצט דורך אין אַמעריקע; ער איז פונדעסטוועגן געבליבן פאַרעקשנט־קעמ־פעריש און האָט גייסטרייך געשפּונען זיין חלום אין וואָר — ווארעם ער האָט געוואוסט, אַז חלום איז אַזוי רעאַל ווי וואָר, אויב נישט רעאַלער. ווייל וואָס איז רעאַליטעט? דאָס אידעאַלע איז אפשר דאָס רעאַלסטע. אַלץ איז פאַרגענגלעך אַחוץ די כלומרשט נישט־ממשותדיקע מענטשלעכע טרוימען, זוכונגען און אידעאַלן. דער דורכשניטלעכער מענטש דערזעט דאָס ערשט

אין צייט פון אַ פּערזענלעכן קריזיס; אָבער דער סענסיטיווער, קינסטלע־רישער מענטש זעט שטענדיק די אומרעאַלקייט פון דער אַזוי גערופענער רעאַליטעט, און די ממשותדיקייט פון טרוים.

דערפאַר האָט ער, ביאַלאָסטאָצקי, אַזוי באַפליגלט מיט זיין וואָרט דעם יידישן לערער, דעם שול־טוער, דעם פאָלקסמענטש וואָס איז געטריי זיך. אין אַ צייט ווען מ׳איז אַזוי פאַרנומען מיט פאָרשן די צייט־טענדענצן, מיט ציילן און קלאַסיפיצירן באַוועגונגען און אידעען, אויף אַזאַ מין פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכן יאַריד האָט ביאַלאָסטאָצקי מיט זיין גליענדיק וואָרט דע־מאָנסטרירט, אַז די ישועה פאַר אונדז וועט קומען פון נביאים און פּאָעטן, פון וויזיאָנערן און אידעאַליסטן, פון דעדיקירטע יידישע לערערס און שול־טוערס.

ביאַלאָסטאָצקי איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער אויף די שמחות פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. ער האָט געוואָרעמט דעם איזאָלירטן איינ־זאַמען יידישן לערער און שול־טוער, און זיי האָבן זיך דערפילט געשטאַרק פון זיינע אויפטריטן. דער יידישער לערער, כדי ער זאָל קענען אָנגיין מיט זיין אַרבעט אין אַ סביבה וואָס מעסט דערפאָלג קוואַנטיטאַטיוו, מוז — פונקט ווי דער דיכטער — האָבן אמונה אין דעם ווערט און אין דעם אויפטו פון זיין באַרוף. אָט דערפאַר האָט ער דערפילט דעם טיפן וויטיק איבער דעם חלל וואָס ביאַלאָסטאָצקיס אַוועקגיין האָט געלאָזט.

עס וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר אונדזער פאָלק צו קענען לעבן — און נאָך מער צו קענען שאַפן — אין משך פון הונדערטער יאָרן אין אַ פיינדלעכער וועלט, ווען עס וואָלט נישט געווען באַזעלט פון אַ גרויסער ליבע: אהבת־המקום, אהבת־תורה, אהבת־ישראל. דער דיכטער און אָראַ־טאָר ביאַלאָסטאָצקי האָט פאַרמאָגט — אין אַ מאָדערנער שפּראַך אויסגע־דריקט — אַ ליבשאַפט צום אמת פון זיין האַרץ, אַ ליבשאַפט צו דער יידישער און ספּעציעל צו דער נייער יידיש־קולטור, אַ ליבשאַפט צום יידי־שן יחיד, אָט אַזוי ווי ער איז, מיט אַלע זיינע דעפעקטן. אַ דאַנק דער דאָזיקער קוואַליקער ליבע, וואָס איז געקומען פון די טיפענישן, האָט ער זיך פאַרברידערט מיט יעדן מענטשן מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. ער האָט די נישט־געשריבענע לידער זיינע, אַריינגעזונגען אין זיין טאָג־טעגלעכן באַריר מיטן יידישן לערער, מיטן יידישן שרייבער,

מיטן שול־טוער, מיטן לייענער — דערפֿאַר וועט ער אונדז אַזוי שטאַרק פֿעלן. אָבער דערפֿאַר וועט זיין תורה שבעל־פּה — זיין גליאיק, פֿאַרליבט וואָרט — פּונקט ווי זיין געשריבן וואָרט — ווי זיין ליד און עסיי, אונדז ווייטער אינספּירירן און לייכטן.

(1962)

# דריטער טייל:

## ייִדישע דערציִאונג פאַר פרייע ייִדן — אין לאַנד פון פרייהייט

### צו יונגע פריינט

איך זוך צו אייער האַרץ אַ וועג
דורך פײַן פון נעכט, דורך מי פון טעג,
בין מקריב עוולות און פאַרדראָסן —
און אייער האַרץ בלייבט אַלץ פאַרשלאָסן.

.....................................

און אייך צו מאַכן גרינגער נאָך
פאַרשווער איך מער מײַן אייגענעם יאָך,
איך שפּאַן זיך אײַן אין זיבן לייצעס
מיט מײַנע שוין צעבייגטע פּלייצעס.

.....................................

וואָלט איך באַדאַרפט ביים לעצטן צאַנק
אַ קליינעם וואונק כאָטש פון אַ דאַנק
אין אייך פאַרנעמען און דערשפּירן,
אַז גאָט וועט וועלן אייך באַרירן.

.....................................

איך זוך צו אייער האַרץ אַ וועג,
און אייער האַרץ אַנטלויפט אַוועק;
די ווערטער מײַנע איך באַיאָע
מיט אייביקייט פון אַ צוואה.

ה. לייוויק

# דאָס פּנים פון ייִדישן חינוך אין אַמעריקע

## א

דער היגער ייִדישער קיבוץ האַלט איצט אין מיטן פון אַן ערנסטן חשבון הנפש אין שייכות צו זיין גייסטיק לעבן. מיר האַלטן ביים סוף פון „פּיאָנערן־פּעריאָד״ אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע ווען מע האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן צום אַרום און זיך אָפּגעבן דער עיקר מיט די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע נויטן. דער פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע און אינטעגראַציע אין דער אַמעריקאַנער סביבה שיינט צו זיין פאַרענדיקט. עס נעמען איבער די פירערשאַפט אין ייִדישן לעבן, נייע אַמעריקאַניזירטע ייִדן, און זיי ווילן נישט אַקצעפּטירן דעם סטאַטוס פון צווייט־קלאַסיקע בירגער אין ייִדישן וועלט־פאָלק. מע הייבט אָן ערנסטער טראַכטן אַז מיר דאַרפן קולטור, תורה, נישט בלויז פאַר דאָרטן, מעבר־לים, נאָר אויך פאַר דער זייט ים, פאַר אַמעריקע. און דאָס איז מחייב, אין דער ערשטער ריי, פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן די ייִדישע דערציאונג פון אויפוואַקסנדיקן דור. כדי דאָס צו טאָן ווי געהעריק דאַרף מען קודם־כל גרינטלעך קענען דעם מצב פון ייִדישן חינוך היינט־צו־טאָג.

איז טאַקע פאַראַיאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויספאָרשונג וועגן ייִדישער דערציאונג אין אַמעריקע, אויף וועלכער אַ קאָמיסיע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר א. מ. דושקין און ד״ר וו. ז. ענגלמאַן האָט געאַרבעט, — אין משך פון זיבן יאָר*. די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע שטודיע״ גיט אונדז אַ בילד פון ייִדישן חינוך איבערן לאַנד. אַ ביסל פריער איז אַרויס אַן אויספאָרשונג וועגן ניו־יאָרקער ייִדישע שולן פון אַלע מינים — „די קוואַ־ליטאַטיווע שטודיע״ — אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר עזריאל טשיפּקין. פון אָט דיביידע שטודיעס קען מען קריגן אַ באַגריף וואָס עס טוט זיך אויפן פעלד פון ייִדישער דערציאונג אין אַמעריקע.

„די נאַציאָנאַלע שטודיע״ האָט זיך באַגרענעצט צו 33 רעפּרעזענטאַ־טיווע ייִדישע געמיינדעס: גאַר גרויסע, מיטעלע און קליינע (ניו־יאָרק

* Jewish Education in the United States. Volume I, by A. M. Dushkin & U. Z. Engelman; Amer. Assoc. for Jewish Education, 1959.

איז אויסגעלאָזט געוואָרן). לויט דעם איבערזיכט האָבן אין האַרבסט 1958 געלערנט אין אַלע מינים שולן 553,600 קינדער און יוגנטלעכע (אין עלטער פון 5 ביז17). 47.1 פראָצ. פון די קינדער האָבן געלערנט אין נאָכמיטאָג־שולן (3 טעג אין רוב פאַלן); 45.1 פראָצ. — אין איינטאָגיקע זונטיק־שולן; און 7.8 פראָצ. אין טאָג־שולן. לויט ריכטונגען האָבן 21 פראָצ. געלערנט אין אָרטאָדאָקסישע שולן; 38.6 פראָצ. אין קאָנסערוואַטיווע שולן; 28 פראָצ. אין רעפאָרם; 11 פראָצ. אין פאַרשיידענע שולן, און 1,3 פראָצ. אין ייִדיש־שולן (דאָס מיינט אַרום 6000 תלמידים). אין ניו־יאָרק איז דער פראָצענט־זאַץ אין די פאַרשיידענע מינים שולן אַנדערש: בלויז 35 פראָצ. קינדער לערנען אין זונטיק־שולן, און אין די טאָג־שולן לערנען 21,4 פראָצ. פון אַלע תלמידים. דער איבערזיכט באַשטעטיקט אַז מיר האָבן במשך די לעצטע 10 יאָר (1948 — 1959) פּראָגרעסירט קוואַנטיטאַטיוו; די טאָטאַלע ייִדישע קינדער־רעגיסטראַציע אין די ייִדישע שולן האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 131.2 פּראָצענט.

אין דער ערשטער ריי גיט זיך די שטודיע אָפּ מיט עלעמענטאַרער ייִדישער דערציאונג, אָבער אַפילו אויף דעם געביט האָט מען אויסגעלאָזט עטלעכע תוך־זאַכן: מע האָט למשל נישט גענוג געפאָרשט דעם קוריקולום און נישט אָפּגעשאַצט קריטיש די מעטאָדאָלאָגיע פון די לימודים. מע האָט אויסגעלאָזט דאָס פּראָבלעם פון מיטלשול־בילדונג און וועגן צוגרייטן און געפינען לערער. דער עיקר האָט מען געפאָרשט די סביבה: וואָס זאָגן און וואָס טראַכטן די עלטערן, די שול־טוער, די קהילה־פירער, די תלמידים. מע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט 4 שטחים: א) מיט דער צאָל תלמידים: זייער עלטער, וויפל צייט זיי געפינען זיך אין דער ייִדישער שול און די סיבות פאַרוואָס זיי פאַלן אַרויס נאָך עטלעכע יאָר; ב) די סטרוקטור, פונקציעס און פּראָבלעמען פון שול־פאַרוואַלטונגען; ג) די צילן פון די פאַרשיידענע דערציערישע פּראָגראַמען: צילן פון די איינטאָגיקע, נאָכמיטאָג־ און טאָג־שולן; ד) דורך אַנקעטעס האָט מען פּרובירט אויס־געפינען די באַציאונג צו דער ייִדישער שול מצד די עלטערן, קינדער, לערערס און טוערס.

לאָמיר פריער פון אַלץ פאַרצייכענען עטלעכע תוך־זאַכן וואָס „די נאַ־ציאָנאַלע שטודיע” האָט פעסטגעשטעלט. די עלטערן וואָס זיינען אינטער־וויואירט געוואָרן דערציילן אונדז אַז דער עיקר זיינען זיי אויסן מיט דער

יידישער דערציאונג פון זייערע קינדער יידיש ווישן, נישט בלויז אידענ־טיפיקאַציע, אָדער סענטימענטן פאַרן יידישן פאָלק. אין דורכשניט לערנט אַ יידיש קינד אין שול 3 יאָר און אין אַ זונטיק־שול — 4 יאָר. מערסטע קינדער (6 פון 10) געפעלט די יידישע שול אָבער 4 פון 10 באַציען זיך נעגאַטיוו צו איר. 52 פראָצענט פון די סטודענטן אין די יידישע מיטלשולן (מע האָט אויסגעפרעגט 500 תלמידים) געפעלט דער אינהאַלט פון די לימודים, אָבער נישט די מעטאָדן פון לערנען. 90 פראָצענט פון די עלטערן האָבן זיך אויסגעדריקט אַז זייער אינטערעס אין יידישער דערציאונג איז איצט פיל גרעסער ווי מיט 15־20 יאָר צוריק.

ב

ס׳איז כדאי זיך אַ ביסל געגויער אָפּצושטעלן אויף דעם פונקט: צילן פון יידישער דערציאונג — ווי די עלטערן פאַרשטייען עס. אַרום 2000 עלטערן — דער עיקר מוטערס — זיינען געוואָרן אינטערוויואירט אין 18 שטעט. 68 פראָצענט פון די דאָזיקע אויסגעפרעגטע עלטערן זעען דעם הויפּט־ציל פון דער יידישער שול אין יידיש ווישן; מיט ווישן מיינען זיי: יידישער קולטור־הינטערגרונט, רעליגיע, געשיכטע, און תנ״ך. 8 פראָצענט זיינען אויסן מיטן יידישן חינוך אידענטיפיקאַציע מיטן יידישן פאָלק. 11 פראָצענט ווילן קינדער זאָלן קריגן אַ באַציאונג צו יידיש לעבן, צו יידישע ווערטן און אידעען. 12 פראָצענט ווילן די קינדער זאָלן שפּעטער זיך באַטייליקן אין יידישן לעבן.

פאַר אונדזער יידיש־סעקטאָר איז ספּעציעל אינטערעסאַנט די אַנקעטע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן קהילה־פירער. מ׳האָט אויסגעפרעגט 1561 כלל־טוער — מיטגלידער פון פאַרוואַלטונגען פון סינאַגאָגעס, פעדע־ריישאָנס און קאָמיוניטי־קאָונסילס, צווייגן פון בני־ברית, אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט אאַז״וו. זיי זאָלן אָנווייזן אויף אַ ליסטע פון 35 מעגלעכע רעזולטאַטן פון יידישער דערציאונג און וואָס פאַר אַ צילן זיי האַלטן פאַר זייער וויכטיק, אָדער אומוויכטיק. פון 28,328 ענטפערס, האָבן 956 ענטפערס באַטאָנט אַז די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור האַלטן זיי פאַר אַ וויכטיקן טייל פון יידישן ווישן. דאָס איז איבער 3 פראָצ. אויף דער פראַגע: האַלט איר אַז יידיש דאַרף ווערן די צווייטע גערעדטע שפּראַך

פון קינד — האָבן 100 ענטפערס דאָס באַטראַכט פאַר זייער וויכטיק, 155 — וויכטיק; 386 — ווינטשנסווערט. אויף דער פאָרמולירונג: פעאיקייט צו לייענען די יידישע ליטעראַטור ווי אַ ציל פון יידישער דערציאונג האָבן 85 ענטפערס געענטפערט: זייער וויכטיק; 197 — וויכטיק, 563 ווינטשנסווערט. וואָלט מען אפשר פון דעם געמעגט דרינגען, אַז אַ סענטימענט פאַר יידיש איז יאָ פאַראַן צווישן אַמעריקאַנער יידן. אָבער וואָס טוט מען, און צי טוט מען גענוג אָט דעם סענטימענט צו קאָנקרעטיזירן — אָט דאָס איז אַן ערנסטע, די סאַמע וויכטיקסטע פראַגע וואָס מיר דאַרפן פאַר איר געפינען אַן ענטפער — אַ שנעלע לייזונג.

מ׳קען אפשר פון דעם אויך אָפּלערנען אַז מערסטע יידישע עלטערן אין אַמעריקע ווילן נישט בלויז עמאַנציפּאַנטע און געבאָטן־(מצוות) יידישקייט; זיי זיינען קריטיש־טראַכטנדיקע מענטשן און זיי ווילן פאַרשטיין דעם אויפקום און די אַנטוויקלונג פון יידישע גרונט־דאָקטרינען און ווערטן. ס׳קאָן אויך זיין אַז דער איינשטעל דריקט אויס דאָס שולד־געוויסן פון די עלטערן, אָדער זייער באַדויערן זייער אייגן אומוויסן. ווילן זיי, אין דעם פּרט, מתקן זיין ביי די קינדער וואָס מ׳האָט אַליין פאַרפעלט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין די ניו־יאָרקער אָרטאָדאָקסישע שולן האָט מען מער באַטאָנט טואונגען, מצוות מעשיות.

וואָס שייך דער באַציאונג פון תלמידים — געפעלט 60 פּראָצ. תלמידים די יידישע שול. 40 פּראָצ. פון עלעמענטאַר־שול־תלמידים באַציען זיך אָבער נעגאַטיוו. 91 פּראָצ. האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן ליב די פּאָבליק סקול און בלויז 64 פּראָצ. די יידישע שול. 84 פּראָצ. האָבן ליב פּאָבליק סקול־לערערס און בלויז 76 פּראָצ. האָבן ליב יידישע לערערס. איז דאָס צוליב דער פּערזענלעכקייט פון לערער? האָט עס צו טאָן מיט די מעטאָדן פון לערנען? האָט עס צו טאָן מיטן פּרעסטיזש פון דער פּאָבליק סקול וואָס איז די „קאַריערע שול” און די שול פון דער הויפּט־קולטור פון לאַנד? די סיבות זייענען דערווייל נישט קלאָר.

אויף די דערקלערונגען, פאַרוואָס עלטערן קלייבן אויס אַ באַשטימטן טיפּ שול, איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן. 1561 קהילה־פירערס האָבן אויף דער פראַגע „פאַרוואָס שיקסטו דיין קינד אין דער אָדער אין אַן אַנדער שול?” געענטפערט: 13 פּראָצ. צוליב באַקוועמלעכקייט — צייט, אָרט, קאָמוניקאַציע; 5 און אַ האַלב פּראָצ. — צוליב פריינד; 27 פּראָצ. —

צוליב משפּחה־הינטערגרונט, ד״ה עלטערן האָבן געלערנט אין אַזאַ שול; 9.7 פּראָצ. צוליב אידעאָלאָגישער אָריענטאַציע; 25 פּראָצ. — צוליב דער שולס רעפּוטאַציע אין געגנט, אין שטאָט, צווישן באַקאַנטע. 20 פּראָצ. צוליב אַלגעמיינע דערציערישע צילן פון דער שול.

אַפילו אויב די אַנקעטע איז דער עיקר כאַראַקטעריסטיש פאַר סובוירביאַ (פאַרשטעט), איז וויכטיק צו האָבן אין זינען אַז אידעאָלאָגיע איז נישט דער צענטראַלער מאָמענט פאַר עלטערן פון צווייטן און דריטן דור; די רעפּוטאַציע פון דער שול שפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל ביי 50 פּראָצ. עלטערן. אפשר וועט טאַקע די רעפּוטאַציע באַשטימען די צוקונפט פון אונדזער שול. און דאָ איז דער הויפּט־גורם דער לערער. אויב אונדז — איך מיין די יידיש־וועלטלעכע שולן — זאָל געלינגען צו קריגן אַ גוטע רעפּוטאַציע, ד״ה אַז אין דער שול דערגרייכט מען אַ סך, קען אונדזער שול אין באַשטימטע געגנטן זיין מער ווי בלויז אַ מינאָריטעט־שול.

ווער זיינען די יידישע עלטערן וואָס שיקן זייערע קינדער אין אַ דריי־טאָגיקער, אין אַ זונטיק־שול, אין אַ פינף־טאָגיקער שול, אין אַ טאָג־שול? לויט דער אויספאָרשונג האָט דאָס געבוירן־לאַנד פון די עלטערן שטאַרק צו טאָן מיטן טיפּ שול וואוהין מע שיקט דאָס קינד. עלטערן וואָס שיקן זייערע קינדער אין אַ נאָכמיטאָג־שול זיינען 71 פּראָצ. מאַמעס און 64 פּראָצ. טאַטעס געבוירן אין אַמעריקע; אין זונטיק־שולן 84 פּראָצ. מאַמעס און 78 פּראָצ. טאַטעס געבוירן דאָ אין לאַנד; אין טאָג־שולן בלויז אַ קליינער פּראָצענט עלטערן געבוירן אין אַמעריקע. מיט אַנדערע ווערטער: וואָס מער אַמעריקאַניזירט אַלץ וויניקער צייט אויף דער יידישער דערציאונג פון קינד. אויב דאָס זאָל טאַקע ווייזן וואוהין דער ווינט בלאָזט, וואָלט די צוקונפט אויסגעזען גאַנץ טונקל.

אָבער טאַקע צוליב דער ערנסטקייט פון דער פּראָבלעם באַדאַרפן מיר דעם פאַקט וועגן און מעסטן צוזאַמען מיט דעם אויבן־ציטירטן אויסגעפינס וועגן יידיש־וויסן, און, דער עיקר, וועגן דעם רעזולטאַט וואָס מערסטע עלטערן דערוואַרטן פון אַ יידישער דערציאונג. יידיש וויסן איז דאָך מחייב אָפּגעבן מער צייט אויפן לערנען, היינט ווי פאַרענטפערט מען די דאָזיקע אויבן־אויפיקע סתירה? ווייזט דאָס אפשר, פון איין זייט, די דערווייליקע נעפּלדיקייט אין די מוחות ביי דעם צווייטן דור אין אַמעריקע: און פון דער צווייטער זייט, מעג מען האָפן אַז „דער אַפּעטיט וועט קומען מיטן

עסן״ און אַז דער דריטער דור וועט זיך נישט אָפּשטעלן און זיך באַגנוגענען בלויז מיט די השגות פון צווייטן דור. די „שטודיע״ שטעלט פעסט (זייט 226) אַז עס גייט אויך אָן אַ טענדענץ אין דער פאַרקערטער ריכטונג — צו אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג פאַר אַן אַלץ מער וואַקסנדיקער צאָל קינדער. והראיה: אין משך פון די לעצטע צען יאָר איז דער פּראָ־פּאָרציאָנעלער וואוקס געווען אַמגרעסטן אין די נאָכמיטאָג־שולן — נישט אין די זונטיק־שולן.

וואָס שייך דער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג פון יידישן לערער, איז זיין אַלגעמיינע בילדונג צופרידנשטעלנדיק, אָבער די יידישע בילדונג אויף אַ קאָלעדזש־מדרגה איז בלויז פאַראַן ביי 22 פּראָצ. לערערס אין זונטיק־שולן; 58 פּראָצ. האָבן בלויז געהאַט יידישע עלעמענטאַרע בילדונג אָדער געלערנט אין אַ זונטיק־שול. בלויז 40 פּראָצ. יידישע לערערס אין אַלע שול־טיפּן האָבן געקראָגן פּראָפעסיאָנעלע פּעדאַגאָגישע בילדונג.

## ג

וואָס זיינען די אויפטואונגען פון די תלמידים? און צי קען מען בכלל געבן אַ באַשטימטן ענטפער אויף פראַגן וואָס זיינען שייך די דערציע־רישע רעזולטאַטן ווי וויט זיי באַאיינפלוסן די קולטור, די באַציאונגען, דעם גייסטיקן וואוקס פון אַ יחיד אָדער כלל? עס איז אַ גרויסער ספק צי די דאָזיקע אַבסטראַקטע ענינים לאָזן זיך בכלל מעסטן, און ספּעציעל אין שייכות צו יידישער דערציאונג, ווייל דאָ זיינען פאַראַן באַזונדערע שוועריקייטן: ראשית, דאַרף מען דאָך, איידער מע מעסט די רעזולטאַטן פון לערנען פעסטשטעלן די דערציערישע צילן לויט וועלכע מע קען אָפּשאַצן וואָס מען האָט דערגרייכט; צווייטנס, זיינען דערוויל נישטאָ קיין סטאַנ־דאַרדיזירטע טעסטן וואָס וועלן אָביעקטיוו מעסטן די פעולה פון די תלמידים. האָט מען טאַקע אויף אַן אַל־אַמעריקאַנישן מאַסשטאַב נישט געקענט וויסנ־שאַפטלעך אָפּשאַצן די דערגרייכונגען פון די תלמידים. פונדעסטוועגן האָט מען זיך באַמיט דורך נישט־סטאַנדאַרדיזירטע טעסטן צו דערגיין וואָס די תלמידים אין די יידישע שולן טוען אויף און אויסצוגעפינען די צופרידנ־קייט אָדער אומצופרידנקייט פון די עלטערן און תלמידים. אין ניו־יאָרק זיינען ספּעציעל דורכגעפירט געוואָרן גרינטלעכע טעסטן, ווי עס באַווייזט

אונדז די פריער־דערמאַנטע „קוואַליטאַטיווע שטודיע"*. דאָ איז אַגב אינ־טערעסאַנט צו מערקן די אויפטואונגען פון די תּלמידים אין אונדזערע ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פאַרגלייך מיט קינדער אין די אַנדערע מינים לערן־אינסטיטוציעס — הגם מע דאַרף געדענקן אַז בלויז אַ קליינע צאָל ייִדיש־וועלטלעכע שולן, און דערצו פינף־טאָגיקע — איז פאַרטראַטן אין דער ניו־יאָרקער אויספאָרשונג.

די טעסטן אין ניו־יאָרק זיינען געווען אויף די לימודים העברעאיש, ייִדישע געשיכטע, יום־טובים און מנהגים; און עס איז אויך געווען אַן אַנקעטע וועגן דער באַציאונג פון די תּלמידים צו דער שול וואו זיי לערנען זיך. אין דער אויספאָרשונג האָבן זיך באַטייליקט 376 שולן וואו עס האָבן געלערנט 53 פראָצ. פון אַלע תּלמידים וואָס באַזוכן אַ ייִדישע שול, און אויך די ייִדיש־וועלטלעכע שולן פון אַרבעטער־רינג און ש״ע־שולן האָבן אָנטייל־גענומען אין דער אויספאָרשונג. פון מעגלעכע 82 פונקט האָבן די ישיבות געהאַט אַ דורשניטלעכן ציכן פון 73, די העברעאישע נאָכמיטאָג־שולן 49.1 און די וועלטלעכע שולן 53.7. דאָס מיינט אַז די העברעאיש־קענטענישן פון קינדער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן זיינען דורכשניטלעך העכער ווי אין די העברעאישע נאָכמיטאָג־שולן.

די רעזולטאַטן פון דעם געשיכטע־עקזאַמען באַווייזן אַז די וועלטלעכע שולן שטייען ווידער אויף דעם זעלביקן אָרט ווי די ישיבות אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע טיפּן שולן, נאָר דער אונטערשייד צווישן זיי און די ישיבות איז אַ סך אַ קלענערער. פון 80 מעגלעכע פונקטן האָבן די ישיבות אַ דורכשניט פון 46, די וועלטלעכע שולן 42.7, די העברעאישע נאָכמיטאָג־שולן 36.3 און די רעפאָרם איין־טאָגיקע שולן 29.1. דאָ זעען מיר ווידער אַז אונדזערע ייִדיש־וועלטלעכע שולן האָבן אַרויסגעוויזן זייער אויפטואריש־קייט, בעת מ׳לערנט דאָ ווייניקער צייט ווי אין די ישיבות. אין דעם עקז־זאַמען וועגן די יום־טובים זיינען די רעזולטאַטן כמעט די זעלביקע ווי אין די אַנדערע עקזאַמענס. פון מעגלעכע 100 פונקטן האָבן די ישיבות אין דורכ־שניט געהאַט 79.7, די וועלטלעכע שולן 60.4, די העברעאישע נאָכמיטאָג־שולן 57.5 און די איין־טאָגיקע רעפאָרם־שולן 42.9. עס ווייזט זיך אַרויס ווידער אַז די ייִדיש־שולן שטייען אויפן צווייטן אָרט.

* Survey of Jewish Education in Greater New York, 1951—1952 Qualitative Study; Jewish Education Committee 1959; N. Y.

אַז די קינדער האָבן ליב די שול ווערט באַשטעטיקט פון דער דורכגעפירטער אַנקעטע צווישן תלמידים פון די נאָכמיטאָג־שולן מכוח זייער באַציאונג צו דער שול. די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע ווייזן אַז די תלמידים פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן האָבן אַ זייער גוטע באַציאונג צו זייער שול. נאָך מער: וואָס עלטער די קינדער זייַנען, אַלץ מער האָבן זיי ליב די שול. אין די אַנדערע שול־טיפּן אין דער פּראָצעס פּונקט פאַרקערט: וואָס עלטער די קינדער ווערן אַלץ ערגער ווערט זייער באַציאונג צו דער שול. הייסט עס אַז אין פאַרגלייַך מיט אַנדערע מינים שולן טוען מיר אויף אַ סך.

לויט די נישט־סטאַנדאַרדיזירטע טעסטן וואָס זייַנען געגעבן געוואָרן מאַכן די קינדער נישט קיין פאָרשריט אין העברעאיש נאָך די ערשטע דריי זמנים; אין די נידעריקע קלאַסן לערנט מען בעסער העברעאיש ווי אין די עלטערע קלאַסן. מיידלעך קענען מער ווי ייִנגלעך. אין ייִדישער געשיכטע גייט מען פאָרויס אין די העכערע קלאַסן. אין די טאָג־שולן איז די פּעולה אַ בעסערע ווי אין אַנדערע טיפּן שולן. וואָס שייך דער באַציאונג פון די עלטערן, שטעלט די „נאַציאָנאַלע שטודיע" פעסט אַז 35 פּראָצ. פון די עלטערן זייַנען צופרידן מיט דער שול, און די קינדער אַליין האָבן זיך אויסגעדריקט אַז זיי האָבן הנאה פון די צוגרייטונגען צו בר־מצווה, פון יום־טובים־פייַערונגען און פון געשיכטע־לימוד. דער העברעאיש־לימוד גייט אומעטום שוואַך. דער דאָזיקער לימוד לייַדט פון צוויי גרונט דעפעקטן: ווייניק צייַט און אומקלאָרקייט בנוגע צילן. פאַר די תפילות, וואָס ווערן געלערנט מעכאַניש, גיט מען אָפּ מערסטע צייַט. דער רוב קינדער לערנט נישט אויס גענוג העברעאיש כדי הנאה צו האָבן פון תנך אין אָריגינאַל; עס איז פאַר זיי אַ „געניטונג אין ווערטערבוך" — מע קען זיך נישט רירן פון אָרט. אין געשיכטע זייַנען די אויפטואונגען צופרידנשטעלנדיק.

ד

וואָס זייַנען די וויכטיקסטע אויספירן און רעקאָמענדאַציעס וואָס די מחברים שלאָגן פאָר אויפן גרונט פון דער „נאַציאָנאַלער שטודיע?" 1) מע זאָל גרינדן אַ „קוריקולום־אינסטיטוט" וואָס זאָל זיך כסדר פאַרנעמען מיט קאָנקרעטיזירן די אַלגעמיינע צילן פון ייִדישער דערציאונג אין לערן־

פּראָגראַם. דער „אינסטיטוט" זאָל פאַרשן אַלע אַספּעקטן פון לערן־פּראָצעס אין שייכות מיט דער ייִדישער שול, און ער זאָל שאַפן די נויטיקע אינ־סטרומענטן און מעטאָדן ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די דערציערישע צילן און נאָרמען וואָס די שולן מוזן דערגרייכן כדי צו רעאַליזירן זייערע אויפ־גאַבן. 2) די צדקה־פעדעראַציעס זאָלן אויף זיך נעמען אַ גרעסערע אַחריות פאַר ייִדישער דערציאונג. 3) לערערס זאָלן קריגן אַ בכבודיקן געהאַלט זיי זאָלן אָפּגעבן די גאַנצע צייט אויף לערנען מיט די קינדער; נישט דאַרפן אַנהאַלטן עטלעכע שטעלעס כדי צו האָבן פּרנסה. 4) מע זאָל שאַפן אין דער היים און אין דער ייִדישער געמיינדע אַן אַטמאָספערע פון רעספּעקט פאַר ייִדישער דערציאונג.

מ׳קען זיכער גאָרנישט אויסזעצן קעגן די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס. אָבער צי איז דאָס גענוג? אַוודאי איז ריכטיק וואָס די מחברים שטרייכן אונטער, אַז אַמעריקאַנער ייִדישע דערציאונג איז געוואַקסן אין דער ברייט און איצט דאַרף זי גיין אין דער טיף; אָבער צי קען מען אויסלאָזן אין אַזאַ שטודיע די גרונט־פראַגע: פון וואָס דאַרף באַשטיין — האָבנדיק אין זינען אַז מיטן לימוד העברעאיש גייט עס שלעכט אין רוב שולן און אַז מע פטרט אַזוי פיל צייט אויף לערנען מעכאַנישע עברי — דער קוריקולום פון ייִדישן קינד אין אַמעריקע, און צי דאַרף מען ניט גרינטלעך ענדערן דעם פּראָגראַם פון די לימודים אין מערסטע דערציאונג־אַנשטאַלטן וואו די קינדער פאַרברענגען צווישן 3 און 5 שעה אַ וואָך?

און לאָמיר אָננעמען אַז מיר האָבן די בעסטע לערערס פאַרן איצטיקן קוריקולום: צי פירט ער אָבער צו אַ שעפערישן ייִדישן המשך אין אַמע־ריקע, און צו דערציען אָט יענעם טיפּ ייִדישע פּערזענלעכקייטן וואָס מיר שטרעבן אויפצובריענגען אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט? און נאָך אַן עיקרדיקער ענין: ווי פאַרוואַנדלט מען די היגע ייִדישע דערציאונג אין אַן אַמעריקאַנער ייִדישע דערציאונג; ווי האַרמאָ־ניזירט מען זי מיט דער פּערזענלעכקייט פון תלמיד, מיט דער אַלגעמיינער דערציאונג, אַזוי אַז וואָס עלטער דער תלמיד ווערט, זאָל זיין אינטערעס אין דער ייִדישער שול נישט אויסגעוועפּט ווערן — ווי מיר זעען דאָס איצט? און צי קען מען זיך פאַרוויגן מיטן ניגון פון אַ בשותּפותדיקן קור־ריקולום פאַר אַלע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ — ווי עס ווילן אונדז איינשמועסן די אָנפירער פון דער אויספאָרשונג? אויסלאָזנדיק

דעם ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר, צי מיינט המשך אין אַמעריקע דאָס זעל־
ביקע פֿאַר די ייִדן פֿון מזרחי, פֿאַר די רעפֿאָרם־ייִדן און פֿאַר די אָנהענגער
פֿון ראַביי מרדכי קאַפּלאַן? אַפֿילו ביי אונדז ייִדיש־ייִדן דאַרף מען דאָך
אויך אויפֿסנייַ דעפֿינירן וואָס עס מיינט קיום און המשך אין אַמעריקע —
דער ערשטער און פּרימערער ציל פֿון ייִדישן חינוך. דאָ קען מען דאָך
נישט — און מיר ווילן נישט — לעבן אַזוי איזאָלירט פֿון דעם אַרום
ווי אַמאָל אין מזרח־אייראָפּע. דאָ באַדייט דאָך המשך: לעבן אין צוויי
קולטורן, אין דער אַמעריקאַנער און ייִדישער! טאָ ווי גרויס זאָל זיין
דער שטח פֿון דער ייִדישער אין פֿאַרגלייך מיט דער אַמעריקאַנישער קול־
טור? שטרעבן מוזן מיר צום מאַקסימום אָבער מיר דאַרפֿן אויך אָנערקענען
די רעאַלע מעגלעכקייטן, כדי שפּעטער נישט אַריינצופֿאַלן אין יאוש, און
כדי נישט אויסצולאָזן דעם עיקר צוליבן טפֿל. אויב אַזוי וואָס דאַרף מען
אָפּקלייבן פֿון אונדזער גייסטיקער ירושה ווי דאָס סאַמע מינימאַל־תּוכיקסטע,
וואָס יעדער ייִדיש קינד דאַרף איינזאַפּן אין זיין עמפּינדלעכסטן עלטער?
אָט די אַלע גרונטפֿראַגן און נאָך אַ סך אַנדערע קען מען נישט איגנאָרירן
אויב מע וויל מדריך זיין די בלאָנדזשענדיקע ייִדן פֿון צווייטן און דריטן דור.

דערצו דאַרף מען די בעסטע אויספֿאָרשונגען פֿון דעם מין נעמען מיט
אַ סך רעזערוואַציעס, וואָרעם אין לעבן פֿון אַ קאָלעקטיוו און יחיד זיינען
פֿאַראַן פּראָצעסן און נישט־אַנטפּלעקטע אומבאַוואוסטע מאָטיוון וואָס די בעס־
טע אַנקעטעס פֿון פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן וועלן נישט דערגרונטעווען;
פּונקט ווי נישט יעדער מענטש בכלל קען לייכט אויפֿדעקן און פֿאַרשטיין
די פּסיכישע פּראָצעסן וואָס גייען אָן טיף אין אים, אינערלעך. דערצו דאַרף
מען האָבן דאָס טיפֿע אויג פֿון אַ קינסטלער, — מע קען נישט געוויינלעך
מעסטן אויף וויפֿל דעם קינדס פּערזענלעכקייט איז פּינקטלעך באַרייכערט
געוואָרן דורך אַ ייִדיש ליד, דורך אַ יום־טוב־פּייערונג אָדער דורך אַ
לעקציע אין געשיכטע — פֿון אינספּירירטן לערער. דאָס זיינען פֿאַרבאָר־
גענע, אוממעסטבאַרע אָבער זייער ווערטפֿולע מאָמענטן אין דערציאונג.
דאָס אַלץ איז אויסגעלאָזט געוואָרן אין די „שטודיעס". פֿונדעסטוועגן איז
כדאַי באַקענען זיך און צו קענען די סביבה פֿון דער היגער ייִדישער שול
פֿון אַלע ריכטונגען און דאָס — האָט די „נאַציאָנאַלע שטודיע" אויסגע־
פֿאָרשט. אַ דאַנק דעם קענען מיר איצט אָנהייבן ערנסט טראַכטן וואָס
מע דאַרף אויסבעסערן, און מתקן זיין דאַרף מען אַ סך.

(1960)

# וואָס איז דער ענדציל פון ייִדישער דערציאונג?

## (אַן ענטפער יעקב גלאַטשטיינען)

דער ייִדישער דיכטער און פובליציסט יעקב גלאַטשטיין איז היינטיקן זומער געווען אויף אַ וואַקאַציע אין קעמפּ „בויבעריק", פון שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט. האָט ער אויפן סמך פון זיינע איינדרוקן אָנגעשריבן צוויי אַרטיקלען (זעט: „טאָג" פון 9טן און 16טן אויגוסט, 1960) אין וועלכע ער קומט אַרויס מיט אַ ריי טענות צו דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, וואָס דאַרפן, לויט מיין מיינונג, אויפגענומען ווערן. וואָרעם, אויב גלאַטשטיינס פאַקטן און זיינע מסקנות זיינען ריכטיקע, דעמאָלט זיינען אַ שאָד די אַלע אָנשטרענגונגען וואָס די שולטוערס און לערערס מאַכן כדי אויפצו־האַלטן אונדזערע שולן. וועל איך דאָ נישט באַרירן די קעמפּ־פּראָגראַמען — אויף דעם זאָלן ענטפערן די קעמפּ־דירעקטאָרן. אָבער דער דיכטער האָט תרעומות אויף דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציאונג און ער טראָגט אַרויס אַ פּסק־דין וואָס רירט אָן דעם סאַמע תוך, דעם זכות הקיום פון אונדזערע שולן.

אײדער מיר נעמען אויף גלאַטשטיינס ענדגילטיקן ווערדיקט לאָמיר זען צי די פאַקטן שטימען. עס איז גוט וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזער געזעלשאַפט צום אינעווייניקסטן מצב, צו די אויפטועו און אויך צו די נישט־פאַרווירקלעכטע טרוימען פון די פּיאָנערן פון ייִדיש־וועלטלעכער דערציאונג. אין דער דערציאונגס־וועלט הערשט אַ „פּערמאַנענטער קריזיס" אין אַלע ציטן. אויך אונדזערע טאַטעס האָבן זיך באַקלאָגט אויף אונדז אַז מיר האָבן נישט דערפילט זייערע האָפענונגען; מיר זיינען אַרויס לתרבות רעה. אין אַמעריקע, ווי ס'איז גוט באַקאַנט, הערט „דער קריזיס אין דערציאונג" נישט אויף צו באַשעפ־טיקן אַלע ערנסטע פובליציסטן, פּאָליטיקערס און לערערס. איז גוט, מיין איך, וואָס אונדזער דיכטער פאַרנעמט זיך מיט דער צענטראַלער פּראָ־בלעם פון ייִדישן קיום — די דערציאונג פון אונדזערע קינדער. קיינער וועט אויך נישט באַשטרייטן דעם פאַקט אַז אונדזער ייִדיש־וועלטלעכער סעקטאָר טוט צו ווייניק פאַר די שולן. ס'איז אויך אמת אַז אונדזערע רעוויזיעס גייען נישט טיף גענוג און אַז אונדזער חשבון־הנפש — וואָס

יידישע פּעדאַגאָגן הערן נישט אויף צו מאַכן — האָט דערוויל נישט אויפגעוועקט ביי אונדז יענע כוחות וואָס זיינען נייטיק כדי איבערצובויען דעם גאַנצן בנין פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אין אַמעריקע, כדי צו געווינען גרעסערע שיכטן פון צווייטן און דריטן דור, און אין פאַרגלייך מיט דעם ברייטן פאַרנעם וואָס די סינאַגאָגע־יידן וויזן אַרויס.

אָבער וועגן די אַלע ענינים רעדן און דיסקוטירן אָפט יידישע לע־רערס און שול־טוערס אויף זייערע פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן און שול־צוזאַמענפאָרן. אין דעם פּרט איז גלאַטשטיין וויניק מחדש. דער חידוש ביי גלאַטשטיינען ליגט אין די פאַקטן וואָס זיינען „אימפּרעסיאָניסטיש" אָבסער־וירט געוואָרן — אין אַ זומער־קעמפּ פון וועלכן די מערסטע קינדער באַזוכן נישט במשך דעם יאָר אונדזערע שולן — און אין דעם אויספיר וואָס איז געבויט אויף די דאָזיקע איינדרוקן.

לאָמיר באַטראַכטן די הויפּט־פּונקטן, אויף וועלכע גלאַטשטיין בויט אויף זיין באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער יידיש־וועלטלעכער דערציאונג. טענה נומער איינס: „וואו ליגט די צרה?" פרעגט י. גלאַטשטיין, און ער ענטפערט: „אין דער זעלבסטצופרידענער גלייכגילטיקייט וואָס איז שוין אַלט 25 יאָר". איז טאַקע במשך די לעצטע 25 יאָר גאָרנישט פאָרגעקומען אין דער יידישער דערציאונג? גלאַטשטיין לייענט די יידישע פּרעסע און ער ווייסט וועגן די קוריקולומס וואָס האָבן אונטערן דרוק פון די געענדערטע באַדינגונגען אין דער אַרומיקער ווי אין דער יידישער וועלט, זיך געביטן אין דער ריכטונג פון מער יידישן אינהאַלט און מער פייער־לעכקייטן און צערעמאָניאַלן. אים איז באַקאַנט אַז אין אַלע טיפן יידישע שולן האָט מען במשך די לעצטע צוואַנציק יאָר איינגעשטעלט דעם לימוד פון חומש, דעם סיסטעמאַטישן לימוד פון העברעאיש, די פאַרטיפטע יום־טוב־פייערונגען און די צוגרייטונג צו בר־מצווה. אַלע יידיש־וועלטלעכע ריכטונגען האָבן אין די שולן אַריינגעבראַכט מער יידיש־טראַדיציאָנעלן אינהאַלט. יידישע דערציערס הערן נישט אויף צו שטורעמען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט מיט קריטיק, מיט פּלענער; זיי קען מען זיכער נישט באַשולדיקן אין גלייכגילטיקייט.

טענה נומער צוויי: „די יונגע עלטערן איז גאָרנישט געבליבן פון זייער יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אַחוץ אפשר אַ געדענק־לידל". אויב דאָס וואָלט אַזוי געווען, טאָ פאַרוואָס האָבן די יונגע עלטערן, גראַדואַנטן

פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, אויפגעבויט און האַלטן אויס, און שיקן זייערע קינדער אין פּונקט אַזעלכע שולן, וואו זיי האָבן געלערנט? פון די זיבעצן שלום־עליכם־שולן אין ניו־יאָרק און אומגעגנט זיינען זיבן אָרגאַניזירט געוואָרן במשך די לעצטע פאַר יאָר פון דאָ־געבאָרענע עלטערן, און די איבעריקע צען שולן ווערן אויסגעהאַלטן און פאַרוואַלט מיט דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון די היגע עלטערן. אַן ענלעכע פּראָפּאָרציע פון עלטערן־טוערס אין פאַרגלייך מיט זיידעס שולטוערס איז אויך חל אויף די אַרבעטער־רינג־שולן. היינט ווער צווינגט אָט די אַלע גראַדואַנטן פון אונדזערע שולן צו שיקן זייערע קינדער אין אַזעלכע שולן, און זיך אָפּצוגעבן מיט דער שול־אַרבעט פון קלייבן פאָנדן, צוגרייטן שמחות פאַר די קינדער, און זיך אַליין לערנען ייִדיש, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע ליטעראַטור וכדומה? די דאָזיקע אַלע יונגע, דאָ־געבאָרענע עלטערן באַנוצן נישט אין טאָג־טעגלעכן לעבן קיין ייִדיש. דאָך בויען זיי שולן פאַר זייערע קינדער, וואו ייִדיש פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין קוריקולום. מער ווי איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף קאָנפערענצן פון דאָ־געבאָרענע עלטערן, וואו זיי האָבן ערנסט דיסקוטירט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דעם ייִדיש־לימוד, צו פאַרלענגערן די צייט פאַר דעם לימוד און צוצוגרייטן מאַטעריאַלן כדי צו פאַרגרעסערן די פּעולה פון לערער.

אַרום אַכציק פּראָצענט פון די עלטערן אין אונדזערע ייִדיש־שולן זיינען געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע; דאָך ווילן זיי אַ שול פאַר זייערע קינדער וואָס זאָל איינשליסן ייִדיש אין קוריקולום. פאַרוואָס? מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מיר דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן די עלטערן פון אונדזערע שולן, אָנפרעגנדיק וואָס זיי טראַכטן מכוח דער וויכטיקייט פון געוויסע לימודים און שול־טעטיקייטן. אויף דער פראַגע: צי האַלט איר אַז דער ייִדיש־לימוד איז פון גוואַלדיקער וויכטיקייט האָבן 87 (זיבן־און־אַכציק) פּראָצענט געענטפערט פּאָזיטיוו, און צווישן זייערע מאָטיווירונגען זיינען געווען אַזעלכע: ייִדיש פאַרבינדט מיך מיט פריערדיקע דורות; ייִדיש איז אַ טייערע ירושה וואָס טאָר נישט שטאַרבן; ייִדיש גיט אַן אינטימע פאַרבינדונג מיט ייִדישער טראַדיציע; ייִדיש ווערט גענוצט פון ייִדן איבער דער וועלט; ייִדיש פאַרמאָגט אַ רייכע ליטעראַטור וואָס מ׳קען צום בעסטן אָפּשאַצן אין אָריגינאַל; דורך ייִדיש קען מען בעסער פאַרשטיין ייִדישע פּראָבלעמען. פון די אַלע ענטפערס קען מען זיך משער זיין

אַז די עלטערן שאַצן אָפּ דעם קיומיסטישן ווערט פון יידיש. זיי פילן אַז יידיש וועט לאָזן שפּורן אין די נשמות פון די קינדער און וועט זיי פאַר־פלאַנצן אין יידישן פאָלקס־באָדן. צי קען מען וועגן אַזעלכע עלטערן זאָגן אַז ס׳איז זיי גאָרנישט געבליבן „אַחוץ אַ געדענק־לידל?"

און דאָ קומען מיר צו דער דריטער און דער הויפּט־טענה פון דיכטער: „איך זאָג קאַטעגאָריש" — מעסט ער די שולן מיטן האַרבן מידת הדין — „אַז אויב די יידישע שולן האָבן נישט אַרויסגעגעבן כאָטש עטלעכע הונדערט יידישע צייטונג־"לייענערס האָט מען זיי נאָך געמעגט פאַרמאַכן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אָדער זיי דראַסטיש רעווידירן". לויט דעם פּסק־דין, הייסט עס, אַז דער הויפּט־ציל פון אונדזער יידיש־וועלט־לעכער דערציאונג איז צוצושטעלן לייענערס פאַר דער יידישער פּרעסע! אָבער — ווי שטאַרק דער יידישער לערער זאָל נישט וועלן דערגרייכן דעם ציל — איז דאָס די צענטראַלסטע אויפגאַבע פון יידישער דערציאונג? איז די איינציקע קריטעריע פון אונדזער שול צי די תלמידים לייענען אַ יידישע צייטונג אָדער נישט?

אַוודאי קענען מיר געפינען אַ האַלבע טרייסט אין דער אַלגעמיינער צרה וואָס אויך די תלמידים פון די העברעאיסטישע שולן זיינען נישט געוואָרן קיין העברעאיש־לייענערס, הגם דאָרטן גיט מען אָפּ מער צייט אויף דעם העברעאיש־לימוד ווי מיר קענען אָפּגעבן אויף יידיש. און פּונקט אַזוי קען מען געפינען אַ שטיקל נחמה אין פאַקט וואָס די תלמידים פון די תלמוד תורהס זיינען נישט געוואָרן קיין פרומע יידן, אַפילו ווען זיי זיינען אַפיליאירט מיט אַ סינאַגאָגע; פונדעסטוועגן פאַלט נישט איין אַ העברעאיסט אָדער אַ רעליגיעזן ייד מ׳זאָל פאַרמאַכן די רעליגיעזע חינוך־אַנשטאַלטן. די צרת רבים העלפט אונדז אָבער ווייניק, כאָטש זי דעמאָנסטרירט דורך איר אַלגעמיינקייט אַז די קראַנקייט איז נישט כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַרן יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר.

אָבער וואָס אונדז חידושט איז אָט וואָס: ראשית, אונדזערע שולן עקסיסטירן שוין באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט און אַפילו אין זייער גאָלד־דענער תקופה — ד"ה ביז 1930 — ווען די איצטיקע זיידעס זיינען נאָך געווען דער הויפּט־קאָנטינגענט פון דער עלטערנשאַפט אין אונדזערע שולן און מ׳האָט געהערט יידיש אין די היימען, — האָבן די גראַדואַנטן אויך נישט גערעדט צווישן זיך קיין יידיש און נישט געוואָרן, אין רוב פאַלן,

קיין לייענערס פון דער יידישער פרעסע; היינט, ווי זשע קען מען איצט, ווען די אייניקלעך פון די ערשטע שול־טוערס לערנען שוין אין די שולן, און אין די היימען פון די טאַטעס הערט מען אין טאָג־טעגלעכן לעבן נישט קיין יידיש — ווי קען מען מאָנען איצט אַז די שולן זאָלן צושטעלן לייענערס פאַר דער יידישער פרעסע? איז דאָס רעאַליסטיש? והשנית, ליגט טאַקע דער גאַנצער זכות הקיום פון אונדזערע שולן אין יידיש־לייענערס? יידיש איז און וועט פאַרבלייבן אַ צענטראַלער לימוד אין דער יידישער שול, וואָרעם מיר ווייסן אַז שפּראַכלעכע אַנדערשקייט איז דער בעסטער אופן אויסצודריקן און איינצוהאַלטן די אייגנאַרטיקייט פון יידישן כלל. יידיש איז און וועט זיין אַ לאַנגע צייט אַ צעמענטירנדיקער כוח וואָס וועט פאַרקניפּן אינטים דורות און יידישע קיבוצים. אָבער קען מען זיך פאַרלאָזן אויף יידיש ווי אויף דער איינציקער גאַראַנטיע קעגן אַסימילאַציע?

אויב אַזוי וואו זשע ליגט די עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פון אונדזערע שולן? איך מיין, אין אירע הויפּט־צילן: אין פאַרפלאַנצן אַ געפיל פון אַנגעהעריקייט, פון לאָיאַליטעט צו אונדזער פאָלק און געווינען דאָס האַרץ פון אונדזער יוגנט פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום און פאַר אַלע אויסשטראַלונגען פון אונדזער פאָלקס־זשעני. אָדער ווי דער יידישער דערציער, ד״ר י. בערקסאָן, דריקט דאָס אויס: טראַנספאָרמירן דעם יידישן יחיד וואָס איז על פּי צופאַל געבאָרן געוואָרן אַ ייד אין אַ יחיד וואָס איז באַוואוסטזיניק פאַרבונדן מיטן יידישן כלל. אַזוי פאָרמולירן מיר טאַקע אונדזערע דערציערישע צילן אין די שולן פון אַרבעטער־רינג און פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט. מיר ווילן אַז דאָס יידישע קינד זאָל זיך באַטייליקן אין יידישן קאָלעקטיוון לעבן און ער זאָל האָבן אַ פאַרשטענדעניש און ליבע פאַר דער יידישער קולטור־ירושה. מיר טוען דאָס דורך אַ קוריקולום וואָס באַשטייט פון יידישער געשיכטע, פון חומש, פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, פון העברעאיש, פון פייערלעכקייטן — געדענקענדיק די אַמעריקאַנער סביבה, די פערזענלעכקייט פון קינד און די מענטאַליטעט פון מאָדערנע יונגע אַמעריקאַנער יידן. מיר באַמיען זיך אַריינצופירן געוויסע יידישע טראַדיציעס אין דער היים, און מיר פּרוואָון שאַפן פאַר עפנטלעכע געלעגנהייטן און פאַר דער משפחה אַ צערעמאָניאַל וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר מאָדערנע וועלטלעכע אַמעריקאַנער יידן; דאָס איז מחייב צופאַסן

די יִדישע ירושה צו די גייסטיקע נויטן און השגות פון דריטן דור — אַ דור ווען עס קומט אויס צו לעבן אין אַ גייסטיקן קלימאַט און אין אַ וועלט וואָס איז ראַדיקאַל אַנדערש פון דער וועלט מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק — ווען די יִדישע וועלטלעכע שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן.

מיר קענען זיך נישט באַרימען אַז מיר רעאַליזירן אונדזערע צילן אויף הונדערט פּראָצענט; אָבער דער פאַקט וואָס במשך די לעצטע יאָרן קומען אונדזערע אַמאָליקע תּלמידים אַריין אין די שול־פאַרוואַלטונגען און זיי זיינען די איניציאַטאָרן פון נייע שולן באַווייזט אונדז אַז די קערנדלעך וואָס מיר האָבן אין זיי פאַרפלאַנצט גייען אויף; אַז אונדזער מי האָט זיך געלוינט. אויב מיר קענען נישט אַלץ פועלן ביי אונדזערע קינדער, טאָרן מיר זיי אויך נישט אָפּשטויסן פון זיך און זיי זאָגן אָדער־אָדער: אָדער איר נעמט אָן אונדזער גאַנצע תּורה, אָדער מיר וועלן אייך נישט העלפן אין אייערע בלאָנדזשענישן. ערשטנס, איז אַזאַ שטייפער צוגאַנג עלול זיי אָפּצושטויסן אינגאַנצן פון אונדז און זיי דערפירן צו פולער אַסימילאַציע. וואָרעם דאָ אין אַמעריקע, וואו יִדישער באַוואוסטזיין ווערט דערוואָרבן דורך פרייוויליקן אויסוואַל, און ווערט נישט אַרויפגעצוואונגען פון דרויסן — דאָ קלייבט יעדער יִיד אויס יענע אינטערפּרעטאַציע פון יִדישקייט וואָס איז באַדייטונגספול פאַר אים; נאָר ווען דער תּלמיד אַקצעפּטירט פרייוויליק די יִדישע ירושה וועט זי ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין „איך".

די קאַרדינאַלע פּראָבלעם איז: צו געווינען די לאָיאַליטעט פון די יונגע דורות פאַר אַ שעפערישן יִדישן המשך און צו האַרמאָניזירן דעם קינדס אַלגעמיינע אַמעריקאַנער באַגריפן מיט דער אידעען־וועלט פון דער יִדישער קולטור, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן זאָל ער נעמען אויף זיך דעם יִדישן עול, צוזאַמען מיט אַלע ראַנגלענישן פאַר קיום האומה. קיין שום ריכטונג אין יִדישן לעבן האָט ביז איצט נישט געפונען די תּרופה אויף דער דילעמע אין אונדזער קאַמף פאַר קיום אין אַמעריקע. ווי פאַר־זיכערט מען יִדיש־שעפערישן המשך — ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט אין אַ פריי לאַנד — בנוגע דער צענטראַלער פראַגע זיינען די סינאַגאָגאַלע יִדן נישט אין קיין בעסערער לאַגע ווי מיר. אויך זיי האָבן נישט דעם שפּרוך וואָס וועט זיי גאַראַנטירן אַז די קומענדיקע דורות וועלן גיין אין די פוסטריט פון די טאַטעס.

צווייטנס, דאַרפֿן מיר געדענקען אַז די דאָזיקע יוגנט אונדזערע — די איצטיקע טאַטעס און מאַמעס פֿון די שולן — האָט באַקומען איר ייִדישע דערציאונג אין אַ געשיכטלעכער תקופֿה, ווען אונדזער וועלטלעכקייט איז געווען אַ כּלל־הגווימדיקע, וואָס האָט סימפּליפֿיצירט אונדזערע ספּעציפֿישע פּראָבלעמען און נויטן, און האָט אונדז געמאָסטן מיט פֿרעמדע מאָסן. אונדזערע זין און טעכטער זיינען פּראָדוקטן אי פֿון דער פּראַגמאַטישער אַמעריקע, אי פֿון אונדזערע אייגענע ערלעכע, אומפּאַרמיידלעכע בלאָנדזשענישן. אָבער אויב מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן אונדזערע טאַטעס און מיר האָבן אַ היפּשע צייט געבלאָנדזשעט ביז מיר האָבן געפֿונען אַ סינטעז פֿון אַלטער און נייער ייִדישקייט, פֿאַרוואָס זאָלן מיר, די אַמאָליקע רעבעלן, פֿאַרלאַנגען פֿון אונדזערע קינדער זיי זאָלן אָננעמען דעם היינטיקן סטאַטוס־קוואָ וואָס איז דער רעזולטאַט פֿון אַ רעוואָלוציע וואָס די זיידעס האָבן געמאַכט? האָט דען נישט קיין רעכט יעדער דור איבערצושאַצן פּראָגראַמען אין ליכט פֿון ערשטע פּרינציפּן? לאָמיר זיין גערולדיק „בערדיטשעווריש״ (לויט גלאַטשטיינס אויסדרוק) מיט זיי; לאָמיר אויך צו זיי אָנווענדן דעם אַהבת ישׂראל־צוגאַנג, וואָס מיר פּרעדיקן לגבי פֿריערדיקע „זינדיקע״ דערשיינונגען און דורות אין אונדזער געשיכטע.

ס׳איז גוט, וואָס אַ דיכטער ווי יעקב גלאַטשטיין רופֿט צו דראַסטישע רעוויזיעס און צו אַן ערנסטן חשבון הנפש אין אונדזער ייִדיש־וועלטלעכן חינוך. דערביי דאַרף מען אָבער זיין געוואָרנט נישט צו מינימיזירן אונדזער אַרבעט און אונדזערע דערגרייכונגען. וואָרעם טאָמער חלילה זאָלן צוזאַמענברעכן אונדזערע שולן וועלן די תלמוד־תורהס נישט לערנען פֿאַר אונדז מיט ייִדישע קינדער אַ קאַפּיטל פּרץ, שלום־עליכם, לייוויק און מאַני לייב. מ׳דאַרף אויך געדענקען דעם פֿונדאַמענטאַלן פֿאַקט אַז נאָך די אַלע דעפֿעקטן און בלויזן וואָס מיר וועלן געפֿינען מוזן מיר פֿאַרבלייבן געטריי און עכט מיט זיך — נישט לאָזן זיך פֿאַנגען פֿון כּלומרשטע גאַס־טענדענצן וואָס דאַרפֿן גילטן פֿאַר אונדז ווי דער אמת. ניין! מיר דאַרפֿן האָבן דעם מוט נישט אַלע מאָל צו זיין אין דער מאָדע. נישט געקוקט אויף דער סטאַטיסטיק דאַרפֿן מיר האָבן די העזה צו לעבן מיט אונדזערע איבערציגונגען, און נישט ביי יעדער שוועריקייט, וואָס מיר באַגעגענען אין אונדזער אַרבעט, זיך איינוויגן מיטן לידל: „גיט אונדז צוריק די אַלטע רעליגיע; ס׳איז געווען גוט פֿאַר אונדזערע פֿאָטערס. ס׳איז גוט גענוג פֿאַר אונדז!״

נייַן! דער ענטפער אויף אונדזערע דילעמעס ליגט נישט אין עבר. אונדזער ייִדיש־וועלטלעכע שול מוז זיך אַדאַפּטירן צו די נייע לעבנס־תנאים, צו די צייט־אידעען, צו די ראַנגלענישן און נויטן פון אונדזערע זין און טעכטער.

(1960)

# אויפן וועג צו אַ דערציאונג־פילאָסאָפיע פון אַמעריקאַנער ציוניזם

דער אַמעריקאַנער ציוניזם איז מיטן אויפקום פון מדינת־ישראל גע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער סיטואַציע, וואָס פאַרלאַנגט אַן איבערפאָרמו־לירונג סיי פון זיין אַלגעמיינער אידעאָלאָגיע, סיי פון זיין דערציאונגס־פילאָסאָפיע. ווי אַן אָנהייב אין דעם דאָזיקן שווערן פּראָצעס האָט דער „נאַציאָנאַלער דערציאונגס־קאָמיטעט" פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָפּגעהאַלטן — אין ניו־יאָרק — אַן ענגע קאָנפערענץ כדי צו „רעאָריענטירן די ציוניסטישע דערציאונג היינט צו טאָג".

הגם די דאָזיקע באַראַטונג האָט קיין רעזאָלוציעס נישט אָנגענומען, איז זי פונדעסטוועגן פון גרויס וויכטיקייט סיי מיט איר צוזאַמענשטעל, — אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַרום פופציק ציוניסטישע דענקער, שרייבער, דערציער און פירער — סיי מיט איר ערנסטן אינהאַלט, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אין די דורכגעטראַכטע, טיף־גראָבנדיקע רע־פעראַטן, וועגן די סאַמע תוכיקסטע פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב. אין דער דאָזיקער אסיפה פון דער ציוניסטישער אינטעליגענציע האָבן זיך אויך געמערקט די ערשטע אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען, וואָס וועלן מסתמא מיט דער צייט זיך בולטער אויסדריקן אין די רייען פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין אַמעריקע. עס איז דעריבער כדאַי זיך צו באַקענען מיט די וויכטיקסטע געדאַנקען, וואָס זיינען אויף דער קאָנפערענץ אַרויס־געזאָגט געוואָרן.

דער איינציקער נישט־ציוניסט וואָס האָט געלייענט אַ רעפעראַט, איז געווען מנחם באָריישאָ ע״ה. ער האָט אויף זיין טיפּזיניק־פּאָעטישן אופן פאַר־טיידיקט דעם טעזיס, אַז ציוניסטישע דערציאונג אין אַמעריקע מוז ווערן יידישע דערציאונג, מוז שטעלן דעם טראָפּ אויף דערציען יידן: „יידן מיט ליבשאַפט פאַר זייער פאָלק, זייער געשיכטע, זייער היסטאָריש און ווידער אויפגעלעבט לאַנד, זייער היסטאָרישער שפּראַך, אָבער קודם־כל — יידן;״ אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַ שותפות מיט ארץ־ישראל אויף דער באַזע איין יידיש פאָלק, וואָס גייט זיין היסטאָרישן וועלט־גאַנג.

מנחם איז אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ מוטיק אַרויסגעטראָטן פאַר אַ יידישער דערציאונג, וואָס שליסט איין אַלע אוצרות וואָס מיר האָבן געשאַפן במשך פון אונדזער גאַנצער געשיכטע; „ווער עס באַציט זיך צום יידישן לשון מיט ביטול און וויל עס פאַרלייקענען, דער שניידט זיך צו אַ יידיש פאָלק לויט זיין אייגענער מאָס״. ער טרעט אויך אַרויס קעגן באַנוגענען זיך צו זיין אין אַמעריקע אַ צוגאָב־קולטור: צו זיין אויך־יידן.

אייניקע פון די רעפעראַטן האָבן שטאַרק קריטיקירט די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר אָפּגעבן זיך דער עיקר מיט פּאָליטיק און געלט־קלייבעריי. ד״ר שמעון האלקין האַלט, אַז דער היגער ציוניזם איז פאַרוואַסערט געוואָרן, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פילאַנטראָ־פּישער און הומאַניטאַרער באַוועגונג פאַר יידן פון יענער זייט ים; אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פילאָסאָפיע, וואָס איז פונקט אַזוי גוט פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום, ווי פאַר אַנדערע ווייניקער גליקלעכע יידישע קיבוצים. ער האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז דער אַמעריקאַנער ציוניזם, וועלכער האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פון רעטונג און הילף, קען איצט, נאָכן אויסליידיקן זיך פון די פּליטים־לאַגערן, ווערן אָפּגעשוואַכט. דערפאַר פאַרלאַנגט ער אַז דער קלאַסישער ציוניזם מיט אַלע זיינע אימפּליקאַציעס פון יידישער היימלאָזיקייט און געפאַר פאַר אַסימילאַציע, זאָל איינגעהאַמערט ווערן אין דער היגער יידישער מענ־טאַליטעט.

אויב אין ד״ר האלקינס רעפעראַט הערן מיר די שטים פון אַ שולל־הגלות, וועלכער זעט נישט קיין תקומה פאַר יידן אין „גלות־אַמעריקע״,

דערזעען מיר אין ד״ר א. דושקינס אָפּהאַנדלונג — „איבער אַ פּראָגראַם פון ציוניסטישער דערציאונג אין אַמעריקע״ — די אידעאָלאָגיע פון מלוכה־צענטריזם, וואָס איז איצט די סאַמע פאַרשפּרייטסטע אין די רייען פון די ציוניסטישע דערציער אין אַמעריקע.

נאָך דעם ווי ד״ר דושקין דריקט אויס זיין גלויבן, אַז די וויכטיקסטע ווירקונג פון ישראל אויף אונדזער היגער דערציאונג וועט באַשטיין אין קאָנקרעטיזירן און מאָדערניזירן די עטישע ווערטן פון ייִדישקייט, דורך דעם וואָס ייִדישע דערציער וועלן כסדר קענען אָנווייזן אויף די דערגריי־כונגען פון מדינת־ישראל, גיט ער איבער זיין דערציאונגס־פּראָגראַם פאַר אַמעריקאַנער ייִדן. די זון פון ייִדישער קולטור, וועט, לויט אים, נאָר שיינען אין דער ייִדישער מלוכה; מיר דאָ וועלן בלויז לעבן מיט איר לבנהדיקן אָפּשיין. דערפאַר האַלט ער, אַז העברעאיש איז די צענ־טראַלע אַקס, אַרום וועלכער עס דאַרף זיך דרייען דער גאַנצער לימוד פון אונדזערע היגע קינדער, און אַז דער מאָדערנער העברעאיש זאָל ווערן די שפּראַך פון קולטור פאַר אַמעריקאַנער ייִדן. צו אַלע אַנדערע אַרגומענטן פאַרן לימוד פון העברעאיש, קומט איצט צו „די קלאָרע נויט פאַר דער קולטורעלער פאַרבינדונג מיטן העברעאישן שטאַט״.

אַזוי ווי ער איז איבערצייגט, אַז קיין קרבנות טאָרן נישט זיין צו שווער פאַרן העברעאיש־לימוד, מוז מען דערפאַר איינשפּאַנען פאַר דער אויפגאַבע די סאַמע געטרייע ציוניסטן. כדי צו שאַפן אַ העברעאיש־באַ־וואוסטזיניק אַמעריקאַנער ייִדנטום, דאַרף די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָפּע־לירן צו אַלע ציוניסטן, אַז זיי זאָלן איבערנעמען די פירערשאַפט אין די לאָקאַלע שול־פאַרוואַלטונגען. איצט, באַקלאָגט ער זיך, שטייען אין דער שפּיץ פון אַ סך צענטראַלע דערציאונגס־ביוראָען פאַרעווע ציוניסטן, אָדער גאָר נישט־ציוניסטן, און וואָס ס׳איז נאָך ערגער: די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע גראָבט אונטער דעם העברעאיזם דערמיט, וואָס יעדער איינער, אַפילו ווען ער האָט נישט קיין שום קענטשאַפט אין העברעאיש, קען זיין אַ ציוניסטישער פירער.

אַוודאי פאַרשטייט ד״ר דושקין די אומגעהויערע שוועריקייטן ביים שאַפן אַ באַדייטנדיקע העברעאיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, אָבער ער באַ־שטייט עקשנותדיק, אַז קיין לאָגיק טאָר דערביי נישט גענומען ווערן אין

אַכט, ווייל „די שוועריקייטן זיינען נישט גרעסער ווי ביים שאַפן די יידישע מלוכה".

ווי די דיסקוסיע האָט שפּעטער באַוויזן, האָבן מערסטע פון די באַטייליקטע אין דער אסיפה, מסכים געווען מיט ד"ר דושקינס דערציאונגס־פילאָסאָפיע און מיט זיין פּראָגראַם פאַרן יידישן חינוך אין אַמעריקע.

אָבער אַ פּאָזיטיוו וואָרט וועגן אַמעריקע — אין גייסט פון יידישקייט אין אַ „רעליגיעזער ראַם" האָט געזאָגט ד"ר ראָבערט גאָרדיס, דער פאָרזיצער פון דערציאונגס־קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין אַ דורכגעטראַכטן און אויסשעפּנדיקן רעפעראַט פאָרמולירט ער אַ פילאָסאָפיע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע וואָס קען, אויב זי זאָל אָנגעווענדט ווערן אין אירע פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע אימפּליקאַציעס, העלפן שאַפן דעם יסוד — על כל פנים פאַר סינאַגאָגאַלע יידן — פון אַ זינפול, יידיש קולטור־לעבן אין אַמעריקע. עס איז כדאי צו באַקענען זיך גענויער מיט זיינע קאָנצעפּציעס.

ראשית כל שטעלט ער פעסט, אַז ווי ברייט די חלוצישע באַוועגונג זאָל זיך נישט פונאַנדערוואַקסן אין אַמעריקע, וועט אַלץ בלויז אַ קליינער פּראָצענט אַמעריקאַנער יידן זיך באַזעצן אין ישראל; דער גרעסטער רוב וועט בלייבן דאָ. ביי אים, דעם איינציקן רעדנער אַחוץ מנחמען, הערן מיר אויך אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש און אַ פאַרשטענדעניש פאַר דעם מעכטיקן כוח, וואָס אונדזער פאָלקס־שפּראַך באַטייט פאַר אונדזער קיום. ער איז אָפן מודה, אַז די קליינע געווינסן פון העברעאיש אין אַמעריקע וועלן ווייט נישט פאַרגיטיקן די גרויסע פאַרלוסטן וואָס יידיש לייִדט.

די גרונט־שטריכן פון ד"ר גאָרדיסעס טעזיס קען מען בקיצור איבערגעבן אַזוי: סיי דער טערמין „נאַציאָנאַליזם" סיי „רעליגיע" זיינען פרעמדע קאַטעגאָריעס, וואָס קענען נישט אָנגעווענדט ווערן אויף אונדזער אומה. דאָס האָבן קריסטלעכע געלערנטע פּרובירט מעסטן אונדז מיט זייער מאָס, און אונדזערע סעקולאַריסטן האָבן קינסטלעך איבערגענומען די דאָזיקע קאָנצעפּציעס. אין דער אמתן אָבער איז אחד־העם דורכגעפאַלן מיט זיין פּרוּוו צו שאַפן אַ סעקולערן, עטישן נאַציאָנאַליזם, און דערפאַר איז זיין רוף איינצושטעלן „נאַציאָנאַלע מצוות" געבליבן אַ קול קורא במדבר; מע קען נישט אָפּטיילן די יידישע רעליגיע פון יידישן פאָלק.

צו די שוללי־הגלות און מלוכה־צענטריסטן ענטפערט ד״ר גאַרדיס מיט אַ פּולן חיוב־הגלות: נישט לאַנד ישראל, נאָר עם־ישראל איז אייביק. — „קיין זאַך איז נישט פּערמאַנענט אין דער יידישער געשיכטע, אַחוץ דאָס יידישע פאָלק״. ער וואַגט צו דערמאָנען, אַז נישט בלויז זיינען אונטערגעגאַנגען די יידישע קיבוצים אין די תפוצות, נאָר אַז אויך דער ארץ־ישראלדיקער צענטער איז שוין דריי מאָל חרוב געוואָרן, און ס'איז נישטאָ קיין זיכערקייט אַפילו אין א״י קעגן מלחמות און חורבנות. דערפאַר דאַרפן מיר באַטראַכטן די תפוצות ווי אַ גלייכן שותף צו ישראל. איבערגייענדיק צו שעפערישע אויפטואונגען פון 26 יאָר־הונדערטער יידישע געשיכטע — זייט דעם חורבן בית־ראשון — אין דער דיאַספאָרא, קומט ער צום אויספיר, אַז נישט געקוקט אויף די אַסי־מילאַציע־געפאַרן, זיינען דאָך פאַראַן פאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס גאַראַנטירן, ווי ווייט מע קען דאָס אין אַן אומזיכערער וועלט פאָרויסזען, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט בלייבן לדורות.

ווי שטעלט זיך ד״ר גאַרדיס פאָר אונדזער סטאַטוס אין אַמעריקע? נאָר אין מזרח־איראָפּע, וואו יידן האָבן געבילדעט אַ געשלאָסענע געמיינ־שאַפט, מיט ווייניק פאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער צוגעבונ־דנקייט צו זייערע גוישע שכנים, נאָר דאָרטן, מיינט ער, האָבן געקאָנט אויפקומען די סעקולער־נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס פון אַ דובנאָוו און אַ זשיטלאָווסקי. דאָ אָבער, וואו יידן פאַרמאָגן נישט קיין באַזונדער שפּראַך און נישט קיין קולטור־אויטאָנאָמע געמיינשאַפט, דאָ זיינען נישט חל די דאָזיקע טעאָריעס. אויך דעם קולטור־פלוראַליזם וואַרפט ד״ר גאַרדיס אָפּ, ווי אַ גאָר שוואַכן אָנשפּאַר, אויף וועלכן מיר קענען זיך ווייניק פאַרלאָזן ביים בויען אונדזער נאַציאָנאַלן בנין, ווייל — אויך די ליבעראַלע אַמע־ריקאַנער, וועלכע באַציען זיך מיט טאָלעראַנץ צו דער קולטור־ירושה פון די פאַרשידענע אימיגראַנטישע גרופּעס, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אויך זיי אונטערשיידן זיך פון די הונדערט־פּראָצענטיקע רע־אַקציאָנערע, פאַן־פאַכנדיקע אַמעריקאַניזאַטאָרס, בלויז אין טעמפּאָ און מעטאָד פון אַסימילאַציע. אויך זיי זיינען קעגן דעם אַז די אַלע איינגע־וואַנדערטע פעלקערשאַפטן זאָלן, אויף אייביק, פאַרבלייבן באַזונדערע איינסן. דערצו דאַרף מען אויך געדענקען, אַז נישט געקוקט אויף לואיס אדאמיק (דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער טעאָריע פון קולטורעלן פלוראַליזם), וועלן

די אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער פון די דייטשן, סקאַנדינאַווער, און אַנ־דערע זיך נישט ווען אויפהאַלטן ווי סעפּאַראַטע גרופּעס. ס׳איז דערפאַר פאַלש, אַז מיר ייִדן זאָלן דאָ בויען אונדזער צוקונפט אויף אַנאַלאָגיעס מיט דער צוקונפט פון די שוין אויף דריי־פערטל אַסימילירטע אימיגראַנטישע גרופּעס אין אַמעריקע — אויב מיר מיינען טאַקע אַ צוקונפט מיט אַן אייגן ייִדיש פּנים. גאָרדיס פאַרגעסט אָבער, ראשית, אַז אונדזער רעכט אויף אַנדערשקייט איז נישט בלויז באַזירט אויף אַנאַלאָגיעס מיט אַנדערע גרופּעס — נאָר אויף דער „אַמעריקאַנער אידעע״; והשנית, אַז אויך יענע ייִדן וואָס קענען נישט אַפירמירן רעליגיע האָבן אַ זכות הקיום אין ייִדישן פאָלק*.

פאַראַן בלויז איין פאָרמול, וואָס קען אונדז פאַרזיכערן ווייטער צו גיין אונדזער אייגענעם גאַנג אין אַמעריקע: מיר זאָלן אָנערקענען דעם רעליגיעזן יסוד פון אונדזער לעבן — אַזוי מיינט ד״ר גאָרדיס. אַמעריקע איז גאַסטפריינדלעך און דערלויבט באַזונדערע גרופּן־לאָיאַליטעטן, ווען זיי טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. אָבער דערביי טאָר „רעליגיע״ נישט אינטערפּרעטירט ווערן אויפן שטייגער פון די אַסימילאַטאָרן — פון „קאָנ־סיל אָו דזשודאַאיזם״ — דורך אַריינפּאַקן זי אין אַ סדום־בעטל און אָפּ־שניידן אַלע נאַציאָנאַל־קולטורעלע עלעמענטן אירע. פאַרקערט: די ייִדישע רעליגיע דאַרף אינטערפּרעטירט ווערן, בהסכם מיט פינף און דרייסיק יאָרהונדערטער ייִדישע געשיכטע, אין טערמינען פון אונדזער גאַנצער קולטור־ירושה. די דאָזיקע רעליגיעז־קולטורעלע קאָנצעפּציע קען שאַפן דעם צעמענטירנדיקן פּרינציפּ, אַרום וועלכן אַלע ייִדישע פונקציעס זאָלן זיך גרופּירן: ייִדישע ליטעראַטור אין העברעאיש, ייִדיש און ענגליש; ייִדישע דערציאונג, קונסט און טעאַטער, וועלכע זיינען אַלע אַטריבוטן פון תורה אין ברייטן זינען פון קולטור; ייִדישע פילאַנטראָפּיע און קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווידער, רעפּרעזענטירן תורה אין איר עטישן אַספּעקט.

מיט אָט דער פילאָסאָפיע ווערט דאָס ייִדישע וועלטפאָלק נישט פאַר־משפּט צו אַ פּאַסיווער ראָלע. פאַרקערט: אַ ייִד וועט קענען — שטרייכט ד״ר גאָרדיס אונטער — לעבן אַ רייך, פילפאַרביק ייִדיש לעבן איבער דער גאָרער וועלט — ווייל ייִדישע אמונה און קולטור זיינען אוניווערסאַל

* זע אויבן: האָראַס קאַלען און קולטור־פּלוראַליזם, זייטן 192־200.

אין פּאַרנעם. אַזאַ ייִדישע וועלט־אַנשויאונג וועט אויך אויסהיטן, אַז מדינת־ישׂראל זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ צענטער פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. עס וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר אונדזער פאָלק, אויב דער אוניווערסאַ־ליסטישער עלעמענט אין יהדות זאָל איינגעשרומפּן ווערן, פּונקט ווי עס איז געווען פאַטאַל ווען מיט אַ יאָרהונדערט צוריק האָבן די „רעליגיעזע" אַסימילאַטאָרן באַזייטיקט דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט. דאָס אָנערקענען דעם רעליגיעז־עטישן כאַראַקטער פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם וועט, פירט ער אויס, נישט בלויז דינען ווי אַ בריק צווישן אַמעריקאַנער ייִדנטום און ישׂראל, נאָר אויך ווי אַ שליאַך צווישן עם ישׂראל און דער וועלט.

וועלטלעכע ייִדן קענען אַוודאי נישט אָננעמען אַ ריי צענטראַלע הנחות פון ד"ר גאָרדיס. אייניקע וועלן באַשטיין, אַז אַן אייגענע שפּראַך מוז בלייבן דער סימן מובהק פון ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע. אַנדערע וועלן אָנווייזן — און מיר דוכט מיט רעכט — אַז דער תּוך פון אחד־העמיזם און דובנאָ־וויזם איז פאַר וועלטלעכע ייִדן וואָס קענען זיך נישט צווינגען צו גלייבן — ווייט נישט אָפּגעלעבט*.

מ'קען אויך אָפּפרעגן, צי ד"ר גאָרדיסעס רעליגיעז־קולטורעלע ייִדישקייט, אויב זי זאָל טאַקע מחייב זיין אַן אייגנאַרטיק ייִדיש פאָלקסלעבן, מיט אַן עכט־ייִדישער היים, און אַ סאָלידער ייִדישער דערציאונג, צי וועט די דאָזיקע ייִדישקייט טאַקע טאָלערירט ווערן פון אַלע סאָרטן אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען ברייטהאַרציק צו אַלע קריסטלעכע סעקטעס אין אַמע־ריקע. צי וואָלטן אויך זיי נישט אויפגעהויבן אַ געשריי: ייִדישער סע־פּאַראַטיזם!

פונדעסטוועגן מיינען מיר פאַרט, אַז ד"ר גאָרדיסעס אַרויסטריט אויף דער ציוניסטישער דערציאונגס־קאָנפערענץ, אין אַ צייט, ווען פון אַלע זייטן זאָגט מען אונדז אָפּ דאָס לעבן, און דאָס רעכט צו פירן אַ לייטיש־ייִדיש לעבן, אין דער צייט פון דעפּיטיזם, איז עס אַ באַדייטונגספולע דערשיינונג. וועלטלעכע ייִדן וועלן געפינען אין זיינע געדאַנקען באַריר־פּונקטן און הנחות, אונטער וועלכע זיי וועלן זיך אונטערשרייבן מיט ביידע הענט. עס איז דערמוטיקנדיק און אפשר סימפּטאָמאַטיש צו הערן פון אַ יונגן, אַמעריקאַנער רעליגיעז־ציוניסטישן דענקער אַזעלכע חיוב־הגלות־

* זע: דובנאָוויזם פאַר אַמעריקאַנער ייִדן, זייטן 138־152.

דיקע רייד. עס ווילט זיך ווינטשן, אַז דאָס זאָל זיין דער אָנהייב פון אַ פּראָצעס, וואָס זאָל דעמאָנסטרירן, אַז די אַמעריקאַנער ציוניסטן זיינען אַרויף אויפן אַלט־ייִדישן דרך פון אונדזער וועלטפאָלק, וואָס ד״ר גאָרדיס האָט זיי געהאָלפן דערזען.

(1949)

# ישראל־און כלל־ישראל־באַוואוסטזיין אין ייִדישער דערציאונג

אַנטוויקלען אַ ישראל־און כלל־ישראל־באַוואוסטזיין ביי אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער מיינט איינפלאַנצן ווערטן, געפילן, סענטימענטן. ביז היינט איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין זיכערע טעכניק ווי אַזוי איבערצוגעבן ווערטן. לערנען מיט קינדער ידיעות איז נישט קיין גאַראַנטיע, אַז די קינדער וועלן גיין אין די פוסטריט פון זייערע טאַטעס און מאַמעס. ענטפערס אויף אַנקעטעס וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן צווישן קאַלעדזש־סטודענטן — וואָס האָבן געלערנט אין ייִדישע שולן, אַריינגערעכנט טאָג־שולן, — שאָקירן ממש מיט זייער גלייכגילטיקער באַציאונג צו דער ייִדישער ירושה. נישט דורך אַנאַליזירן פּראָבלעמען, נישט מיט אודיאָ־וויזועלע מעטאָדן קען מען קולטיווירן ליבשאַפט צו די אידעאַלן פון די לערער און די עלטערן. דער פּערזענלעכער ביישפּיל פון דעם לערער, דער ייִדישער איינהאַלט פון דער היים, די עכטקייט און קרבנות־גרייטקייט פון די עלטערן שפּילן דאָ אפשר אַ דעצידירנדיקע ראָלע. און דאָס איז נוגע אַזוי גוט תלמידים פון דער נאָכמיטאָג־שול ווי פון דער טאָג־שול.

פּונקט ווי ביים לערנען עטיק, רעליגיע, ווירקן דער עיקר די אמונה און ביישפּיל פון לערער, דער אינהאַלט און אויפפיר פון דער סביבה, דער צייט־גייסט, די פּערזענלעכקייט פון קינד, אַזוי אויך מיט איבערגעבן אידעאַלן. אויף וויפל די סביבה ווייזט אַרויס קרבנות־גרייטקייט פאַר דעם אידעאַל, אויף אַזוי פיל איז דעם לערער לייכטער אַרויסצורופן אידעאַליזם

אין זיך, און אין זיין תלמיד. אויב מע פאַדערט בלויז פון דעם לערער צו זיין אַן אידעאַליסט, מוז קומען די אומפאַרמיידלעכע אַנטוישונג. דער יידישער קהל דאַרף קודם כל אַליין דעמאָנסטרירן אידעאַליזם. אונדזערע כלל־טוער דאַרפן זיין דורכגעדרונגען מיט אידעאַלן, און נישט באַטראַכטן עס ווי אַן אומגליק, ווען זייער קינד וויל ווערן אַ יידישער לערער. אין אַן אידעאַליסטישער סביבה וועט דער לערער זיין דער חלוץ וואָס וועט ווייזן דעם וועג. ער וועט פלאַנצן יידישע ווערטן און די פלאַנצונגען וועלן זיך אָננעמען אין די צאַרטע נשמות פון יידישע קינדער. עס איז נייטיק, דער־פאַר, צו שאַפן דעם גיגסטיקן קלימאַט וואָס וועט מיטהעלפן אין דעם לערערס אַרבעט.

אין מדינת־ישראל, גייען אַ סך דערציער אַרויס פון דער גרונט־הנחה, אַז די שול קען שאַפן דעם גייסטיקן קלימאַט און צו גלייך מיט דער אַרמיי, קען זי איבערמאַכן דעם יוגנטלעכן. אַזוי ווי די אַרמיי מושטירט אויס דעם זעלנער און ער ווערט דערצויגן בצלמו ובדמותו פון דעם פירער, אַזוי אויך די שול. אפשר איז דאָס מעגלעך אין ישראל — הגם איך צווייפל שטאַרק אין דעם — צוליב די דאָרטיקע ספּעציפישע תנאים פון „אין ברירה״; ביי אונדז אָבער אין אַמעריקע וואו עס איז דאָ אַ ברירה, און מע קען יאָ אָדער נישט זיין קיין ייד; מע קען זיין אַ גאַנצער, אַ האַלבער אָדער אַ פערטל ייד — דאָ גילט נישט דער כלל, אַז די לערער קאָנען אַבסאָלוט גאַראַנטירן צו פאַרפלאַנצן זייערע ווערטן דורך דעם קוריקולום, אָדער ווייל זייער דערציאונגס־פילאָסאָפיע האַלט אַז דער אמת פאַרלאַנגט אַזוי.

דאָס איז חל אַפילו אויף דער היגער יידישער טאָג־שול, וואו מיר האָבן דאָס קינד אין רשות פון לערער פאַר דער מאַקסימאַלער צאָל שעהן אַ טאָג. מכל שכן אין אַ נאָכמיטאָג־שול, וואו מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערציען בלויז אַ קליין פּיצעלע פון דעם קינדס „איך״. אויב מיר ווילן זיין זיכער דאַרפן מיר פרעגן די יוגנט אַליין, די וואָס האָבן געלערנט אין אונדזערע שולן און פון וועלכער ס׳זיינען אויסגעוואַקסן סאָציאָלאָגן, פסיכאָלאָגן און אַנדערע געלערנטע. וואָס זאָגן זיי? זיי זאָגן אונדז, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאַכט פאָרשונגען איבער קינדער, וואָס האָבן יאָ געלערנט און נישט געלערנט אין יידישע שולן — טאָגשול־קינדער אָדער נאָכמיטאָג־שול קינדער — זעען זיי נישט קיין געוואַלדיקן אונטערשייד אין יידישן באַוואוסטזיין פון די צוויי מינים קינדער. פון דאַנען דאַרפן מיר

לערנען אַז מיר טאָרן נישט איבערטרייבן; אַלץ ווענדט זיך נישט אין דער ייִדישער שול.

דערצו דאַרף מען געדענקען אַז אונדזערע שולן זיינען געבויט געוואָרן ווי פאָלקצענטרישע שולן, — אַז לאַנד, ארץ־ישראל איז בלויז איינס פון די מיטלען פאַר קיום האומה; על כל פנים, פאַר איין טייל פון דעם ייִדישן פאָלק. עס זיינען אָבער פאַראַן אויך אַנדערע וועגן וואָס פירן צו קיום האומה: ייִדישע אמונה פאַר דעם פרומען, און ייִדישע קולטור אין אַלע אירע עמאַנאַציעס אַריינגערעכנט רעליגיע — פאַר דעם וועלטלעכן ייִדן. דער וועלטלעכער ייִד וואַרפט נישט אָפּ די אויסשטראַלונגען פון דער ייִדישער אמונה, ער האַלט זיך בלויז נישט אין זיי דאָגמאַטיש, און נישט דווקא אין זייער רעליגיעזער באַפּאַרבונג.

אין דער איצטיקער צייט, ווען אין ישראל לעבן צוויי מיליאָן ייִדן אַן אינטענסיוו ייִדיש לעבן, מוזן אַלע ייִדישע קיומיסטן, פאָלקיסטן, סאָציאַ־ליסטן, טעריטאָריאַליסטן, אַנערקענען די וויכטיקע ראָל פון ישראל אין ייִדישן חינוך. אין מדינת־ישראל איז פיל לייכטער צו אַנטוויקלען די ייִדישע פערזענלעכקייט פון אונדזערע קינדער. מדינת־ישראל איז אַ טעַ־ריטאָריעלער צענטער, וואו די מערהייט־קולטור איז די ייִדישע קול־טור, — ווייל יעדער ייִדישיסט וועט דאָך צוגעבן אַז אויך העברעאישע קולטור איז ייִדישע קולטור. מיט דער צייט, — גלייב איך, וועט די ישראל־קולטור אַריינגעמען מער ייִדיש־קאָמפּאָנענטן. און ס׳איז קלאָר אַז ווי די מערהייט־קולטור פון לאַנד איז זי אַ פעסטערע גאַראַנטיע קעגן אַסימילאַ־ציע, איידער די ייִדישע סוב־קולטור אין אַמעריקע. וואָרעם דאָ זיינען מיר אַ מינאָריטעט־גרופּע מיט אַ סובאָרדינירטער קולטור, וואָס מוז זיך כסדר ראַנגלען מיט די פאַרפלייצנדיקע כוואַליעס פון דער אַמעריקאַנער קולטור. מיין איך דעריבער אַז ישראל דאַרף פאַרנעמען, און זי פאַרנעמט טאַקע, אַ גרעסערן שטח אין קוריקולום פון דער היגער ייִדיש־נאַציאָנאַלער שול, ווי יעדער אַנדערער ייִדישער ישוב אין די תפוצות.

דערביי דאַרף דער לערער וויסן, אַז ווען נישט די פּרושים — די פאַרצייטיקע עוואָלוציאָניסטישע „פאָלקיסטן״ — וואָלט נישט געווען קיין עם ישראל, נאָך דעם ווי ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער פּאָליטישע זעלבּ־שטענדיקייט. מיר, די היינטיקע פּרושים, מוזן גלייכצייטיק באַטאָנען די צענטראַלקייט פון ישראל, וואו ס׳לעבט און ס׳אַנטוויקלט זיך אַ ייִדיש־

שעפערישער קיבוץ, וואָס וועט האָבן אַ פּאָזיטיווע השפּעה אויף אַלע תּפוצות. ישראל, דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז נאָר ווען מיר וועלן געווינען די לאָיאַליטעט פון די קומענדיקע דורות פאַר קיום האומה, נאָר דאַן קען מען האָפן וועט דער ישראל־באַוואוסטזיין ווערן טיף פאַרוואָרצלט אין דעם ייִדישן קינד. וואָרעם פּונקט ווי ס'האָט נישט קיין באַדייטונג די בר־מצוה־דרשה, אָן אַ פריערדיקער תּוכיקער ייִדישער דערציאונג, אַזוי איז זינלאָז אַ ישראל־באַוואוסטזיין, אָן אַ טיף געפיל פון אָנגעהעריקייט צום כלל־ישראל. די הויפּט־אָנשטרענגונג פון ייִדישער דערציאונג מוז זיין צו געווינען דאָס ייִדישע קינד פאַר ייִדישער קאָנטינואיטעט, ער זאָל ווערן אַ שותּף צום גורל פון זיין פאָלק, און אומצעררייסבאַר פאַרקניפּט מיט זיין גייסטיקער ירושה. דאָס איז דער תּמצית פון כלל־ישראל־באַוואוסטזיין.

וועט זיך אונדז איינגעבן צו פאַרפלאַנצן ביים ייִדישן קינד דעם כלל־ישראל־באַוואוסטזיין, — אַ פאַרלאַנג, אַ ליידנשאַפט פאַרן ייִדישן המשך, — דעמאָלט קענען מיר האָפן אַז — ס'וועט ממילא קומען אַ ישראל־באַוואוסטזיין. מיינען מיר דאָך נישט מיט ישראל באַוואוסטזיין נאָר צוגרייטן עולים קיין ישראל. מיר מיינען שותּפים, וואָס זאָלן זיך פילן ווי מיט־קעמפנדיקע, מיטבאַטייליקטע אין געראַנגל פאַר דער עקסיסטענץ פון ישראל; אַזעלכע וואָס וועלן אפשר אויך עולה זיין פון צייט צו צייט קיין ישראל. פריער דאַרף מען פאַרקניפּן דאָס קינד מיטן ייִדישן גורל. שפּעטער, ווען דער באָדן איז שוין צעאַקערט דאַן קען קומען דער ישראל־באַוואוסטזיין.

די ערשטע אויפגאַבע, איז דעריבער צו געווינען דעם קינדס לאָיאַ־ליטעט פאַר זיין פאָלק. נישט בלויז ווען ער איז אַלט 13 יאָר, ווען ער איז אין אונדזער רשות, נאָר ווען ער וועט אַלט זיין 30 יאָר און מער, ווען ער אַליין וועט ווערן אַ פאָטער.

דעריבער: אַלע שטראָמען אין דער ייִדישער געשיכטע, אַלע שעפע־רישע ייִדישע קיבוצים, אַלע באַוועגונגען און שיטות פון ייִדישן געדאַנק, דאַרפן געבן אַ יניקה דער ייִדישער פערזענלעכקייט, וואָס מיר ווילן אויס־בילדן אין אונדזער שול. אין קוריקולום פון אונדזער שול טאָר נישט פעלן די ייִדישע ליטעראַטור, דער חדר, דער אויטאָנאָמיזם, דער ייִדישער סאָ־ציאַליזם פון אַלע שטרעמונגען. די אַלע באַשטאַנד־טיילן דאַרף אויך אַריינ־נעמען דער קריקולום פון דער ישראלדיקער שול. מיר האַלטן נאָך דערוויל

ווייט דערפון אַז אין ישראל זאָל מען איינשליסן אין דעם קוריקולום די אַלע קאָמפּאָנענטן וואָס איך האָב אויסגערעכנט. די אַלע מאָמענטן אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס נישט־ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן האָבן אַרייגע־בראַכט אין דעם אוצר פון ייִדישע טראַכטונגען זיינען זייער נייטיק כדי דאָס קינד זאָל קריגן טיפע וואָרצלען אין דעם עבר און באַזונדערס אין דעם נאָענטן עבר פון מזרח־אייראָפּע.

אַ סך קולטור־ציוניסטן, תלמידים פון אחד־העם, חיים גרינבערג, מאַר־טין בובער פאַרשטייען אַז מע מוז זאָרגן נישט בלויז וועגן ייִדן־שטאַט נאָר אויך פאַרן קיום היהדות; זיי געדענקען און באַגרייפן די אַקטועלקייט פון אחד־העמס אַמאָליקער וואָרנונג, אַז מע דאַרף נישט אַזוי פיל דאַגהן וועגן אַ ייִדן־מלוכה ווי וועגן אַ באמת ייִדישער מדינה — זי זאָל זיין ייִדיש און ייִדישלעך אין איר אינהאַלט. אחד־העם האָט שטאַרק געזאָרגט, אין יענער שיער נישט פּרעהיסטאָרישער צייט, אַז צום רודער פון דער מלוכה זאָלן נישט צוקומען קיין גויאישע ייִדן.

אויב מיר נעמען אָן די אָנגעוויזענע גרונט־הנחות, דאַן דאַרף דער לערער באַקענען דאָס ייִדישע קינד — אויף דער מדרגה און אין דער מאָס וואָס ער קען אויפנעמען — מיט די פאַרשיידענע דרכים און אינסטרומענטן, וואָס ייִדן האָבן אין משך פון זייער געשיכטע באַנוצט, אין קאַמף פאַר זייער קאָלעקטיווער עקסיסטענץ, פאַר זייער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט. ער דאַרף אָנווייזן אַז אין ישראל לעבט אַ טייל פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט די בעסטע אויסזיכטן צו ווערן דער שעפערישסטער קיבוץ אין ייִדישן וועלט־פאָלק, ספּעציעל ווען ס׳וועט איינגעשטעלט ווערן אַ דויערנדיקער שלום מיט די אַראַבישע שכנים, בעת אין אַמעריקע — וואו ס׳איז נישטאָ קיין פיזישע סכנה פאַרן ייִדישן יחיד, — זיינען מיר אין שטענדיקער סכנה מצד דער קולטור־אַסימילאַציע. די שטילע, לאַנגזאַמע, אָבער אומאויפהערלעכע אַסי־מילאַציע־געפאַר פאַרלאַנגט אַ וואַכזאַמע, פּערמאַנענטע העלדישקייט, און דאָס איז שווערער ווי אָפּהאַלטן אַ נצחון אין אַ בלוטיקער מלחמה. עס איז שווערער צו זיין אַ ייִד אין אַמעריקע, איידער אין ישראל!

און דאָס פירט דירעקט צו דער מסקנה, אַז מיר דאַרפן אַרויסהייבן יענע מאָמענטן אין אויפבוי פון ישראל, וואָס האָבן אַ באַדייטונג פאַר ייִדן אין די תפוצות. אין דעם פּרט זיינען די שטילע, „אומדראַמאַטישע״ גייסטי־

קע אויפטועך פון די ייִדן אין ישראל אַזוי וויכטיק און אפשר וויכטיקער פאַר אונדז ווי די פיזישע גבורה. אַוודאי איז אויפן מאָמענט לייכטער אָנצוצינדן די פאַנטאַזיע פון קינד, ווען דער לערער דערציילט אים וועגן אַ נצחון אין סיני. אָבער דער שטילער קאַמף מיט אומברחמנותדיקן מדבר, מיט די זומפּן, מיט קראַנקהייטן, פאַרלאַנגט אַ גרעסערע גבורה, און דער דאָזיקער העראָאיזם איז אויך ייִדישלעכער; און דאָ אין אַמעריקע דאַרפן מיר האָבן די אינספּיראַציע פון דעם סאָרט העראָאיזם! דאָס איז די גבורה צו קענען אָנהאַלטן דאָס ייִדישע פּנים, צו זיין אויטענטיש מיט זיך, נישט צו ווען בייטן די ייִדישע נעמען, נישט צו פאַרוואָרפן די אייגענע שפּראַך, צו האָבן דעם מוט צו זיין עכט און נישט נאָכמאַכעריש. אָט די מאָמענטן אין ישראל־לעבן דאַרף מען אונטערשטרייכן!

דער ייִדישער לערער טאָר אויך נישט פאַרזען ייִדישע אויפטואונגען אין אַמעריקע. מיר זיינען דאָ נישט קיין גייסטיקע דלים וריקים! אין משך פון די לעצטע 75 יאָר, זייט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מזרח־אייראָפּעאישע מאַסן־אימיגראַציע, זיינען מיר ווייט נישט אַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָלרייטניקעס! אין דעם שווערן פּעריאָד פון עקאָנאָמישער פאַרוואָרצלונג האָבן מיר באַוויזן צו שאַפן זאַכן, וואָס וועלן בלייבן אין אונדזער פאָלקס־אוצר לעולם ועד. מיר האָבן דאָ געשאַפן די ייִדישע ליטעראַטור מיט איר הערלעכער פּאָעזיע. די ייִדישע פּרעסע, ייִדישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון קינדערגאָרטן ביזן אוניווערסיטעט. ייִדישע קינדער דאַרפן וויסן אַז מיר זיינען, אונטער שווערע באַדינגונגען, אַ שעפערישע מינאָריטעט. ייִדישע תלמידים דאַרפן אויסגעפינען, — דורך ליטעראַטור, דורך ייִדישער געשיכטע, דורך געזאַנג, פייערונגען פון ימים־טובים, אַז מיר זיינען ווי אַ פאָלק אַן אוניקום צווישן די פעלקער. דאָס ייִדישע קינד אין אַמעריקע דאַרף זען די צוויי פאָליוסן פון ייִדישער עקסיסטענץ — די מעגלעכקייטן פון דער ייִדישער מערהייטס־קולטור אין ישראל, און די באַגרענעצטע אָבער אייגנאַרטיקע מעגלעכקייטן פון דער ייִדישער מינדערהייטס־קולטור אין אַמעריקע — וואָס קענען זיך קעגנזייטיק באַפרוכפּערן און באַאיינפלוסן אַז ביידע זאָלן באַרייכערט ווערן.

(1959)

# דער וועלט־באַנעם פֿון דער נייער ייִדישער שול

## א

עס איז נישט נייטיק צו באַווייזן אַז קיין דערציאונגס־טעאָריע און קיין קוריקולום קענען נישט אויסמיידן גרונט־פֿילאָסאָפֿישע איינשטעלונגען און ווערטן־אורטיילן; עס איז אַקסיאָמאַטיש אַז יעדער טיפּ שול איז באַזירט אויף אַ פֿילאָסאָפֿיע וועגן דער געזעלשאַפֿט, וועגן פֿאָלק און יחיד. אין אונדזער פֿאַל מיינט עס אַז די צילן פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול זיינען געבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון אַ טעאָריע וועגן ייִדיש לעבן, וועגן דער ייִדישער צוקונפֿט אין די תּפֿוצות, וועגן דעם טיפּ ייִד וואָס די שול דאַרף שטרעבן צו פֿאָרמירן. די ייִדיש־וועלטלעכע שול פֿון אַלע שאַטירונגען און איר אידעאָלאָגיע איז אָבער אויסגעפֿורעמט געוואָרן מיט 45־50 יאָר צוריק אין פּאָליטיש־סאָציאַלע באַדינגונגען און אין אַ גייסטיקן קלימאַט וואָס איז געווען ראַדיקאַל אַנדערש פֿון דער היינטצייטיקער סביבה — דער ייִדישער און אַלגעמיינער.

מ׳וואָלט געקענט, בקיצור, כאַראַקטעריזירן די הויפּט־שטריכן פֿון יענער צייט אַזוי: ייִדן האָבן געלעבט אין מזרח־אייראָפּע (רוסלאַנד אָדער פּוילן) אין אַ מולטי־נאַציאָנאַלן שטאַט וואו דער ייִדישער קיבוץ איז באַטראַכט געוואָרן — סיי פֿון גויים, סיי פֿון ייִדן — ווי אַ נאַציאָנאַלער מיעוט, וועמעס קהילה־לעבן ס׳איז געווען עפּנטלעך־רעכטלעך נאָרמירט. בדרך כּלל זיינען ייִדן געווען קולטורעל איזאָלירט פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג הגם ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ כּסדר שטייגנדיקע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע. די ייִדיש־ראַדיקאַלע פּאַרטייען פֿון אַלע שאַטירונגען זיינען געווען אָריענטירט קעגן רעליגיע און זיי האָבן אַקצענטירט אַז ייִדישע אַנדערשקייט דריקט זיך אויס דער עיקר אין לינגוויסטישער און קולטורעלער באַזונדערקייט. אין יענער סאָציאַל־פּאָליטישער ראַם האָט די ייִדיש־וועלטלעכע שול אויסגעבויט איר פּראָגראַם אויף פֿינף גרונט־הנחות: פֿאָלקישקייט אָדער נאַציאָנאַליזם כּכל הגויים; אומעטומיקייט, אָדער מיט ישראל אין צענטער — ביי די פּועלי־ציון; וועלטלעכקייט; ייִדיש (און העברעאיש ביי די פּועלי־ציון) און פּראָגרעסיווקייט.

אויך דאָ אין אַמעריקע, וואוהין עס האָבן אַריבערגעוואַנדערט לערערס

און שול־טוערס וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין די מזרח־אייראָפּעאישע יידיש־ראַדיקאַלע פּאַרטייען, האָט די יידיש־וועלטלעכע שול זיך אַנטוויקלט אויף די אימפּליקאַציעס וואָס זיינען אַרויסגעפלאָסן פון די פריער אויסגע־רעכנטע גרונט־פּרינציפּן. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דער קורי־קולום פון דער היגער יידיש־וועלטלעכער שול איז אַ קאָנקרעטיזאַציע פון פילאָסאָפישע איינשטעלונגען און אויסערלעכע באַדינגונגען פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. איז דאָס גילטיק און לאָגיש פאַרן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע פון 1960 נאָך דעם ווי ס'איז פאָרגעקומען אַן „ערד־ציטערניש״ אין אַלע ישובים פון יידישן וועלט־פאָלק?

לאָמיר דאָ בלויז דערמאָנען די סאַמע וויכטיקסטע שינויים אין דער דרויסנדיקער וועלט און אין דער אינעווייניקסטער יידישער וועלט במשך די לעצטע צוואַנציק יאָר. די ענדערונג אין דעם גייסטיקן קלימאַט פון אונדזער צייט — ביי קריסטן און ביי יידן — האָט מיט זיך געבראַכט אַ צעטרייסלונג אין געמיט פון מאָדערנעם מענטש וואָס זוכט אַן אינהאַלט אין דער ירושה פון דורות, אין טראַדיציעס און ווערטן וואָס זאָלן אים געבן אַ געפיל פון באַשטענדיקייט און אייביקייט. ער איז נישט באַפרידיקט מיטן אומאויפהערלעכן געיעג נאָך נייע מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן וואָס קענען נישט שטילן זיין נשמה־הונגער. ביי יידן בענקט מען נאָך דעם פאַרלאָרענעם גן־עדן פון די זיידעס און עלטער־זיידעס. דערצו איז אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער סביבה ראַדיקאַליזם קיין מאָל נישט געווען געפּאָרט מיט אַנטי־רעליגיע, נאָר בלויז מיט אַנטי־קלעריקאַליזם.

מע דאַרף אויך נישט איבערחזרן אַז מיר זיינען געוואָרן אַן אַמעריקאַ־ניש־יידיש פאָלק: אַכציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין דאָ געבאָרן, און דאָס מיינט אַז מ'האָט אַ שוואַכערן אינטערעס אין אַלטע אידעאָלאָגישע שטרייטן פון פריערדיקן דור, און אַז מ'איז אינטעג־רירט אין דער לאַנד־קולטור און מ'וויל נישט קיין סעפּאַראַטיזם און אַוודאי נישט קיין סטאַטוס פון אַן עטנישער מינאָריטעט — ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין מזרח־אייראָפּע. מע קען אויך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט אַז יידיש גליטשט זיך אַרויס פון די מיילער פון יונגן דור. אויב אַזוי צי קען מען האָפן אַז יידיש וועט זיין דער הויפּט־שומר קעגן אַסימי־לאַציע? אויב לינגוויסטישע וועלטלעכקייט הערט אויף צו זיין די שטאַרק־סטע פאַרטיידיקונג־ליניע פון יידישן קיום אין אַמעריקע — צי דאַרף מען

נישט אויפבויען נייע פאַרטיידיקונג־ליניעס פאַר ייִדישן המשך אין אַמעריקע?

אונטערן דרוק פון די געענדערטע אויסערלעכע באַדינגונגען און ווי אַ רעזולטאַט פון די נייע אינערלעכע פּראָצעסן אין היגן ייִדישן לעבן האָט דער קוריקולום פון דער ייִדישער־וועלטלעכער שול במשך די לעצטע 20 יאָר זיך געביטן אין דער ריכטונג פון מער ייִדישקייט. מ׳האָט במשך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איינגעשטעלט דעם לימוד פון חומש, דעם סיסטעמאַטישן לימוד פון העברעאיש, די פאַרטיפטע יום־טוב־פייערונג און די צוגרייטונג צו בר־מצוה.

ב

אָבער בעת די פּראַקטיק פון אונדזער שול, די עלטערנשאַפט און דער קינדער־עלעמענט האָבן זיך געביטן, איז די טעאָריע געבליבן כמעט ביים אַלטן. דער ייִדישער לערער און שול־טוער זיינען מבולבל און אומצופרידן. דער לערער האָט נישט קיין סאַטיספאַקציע אין דער אַרבעט, ווייל די דערגרייכונגען זיינען אַזוי ווייט פון די געשטעלטע צילן, און דער שול־טוער מאָנט נאָך אַלץ די שול זאָל אונדז צושטעלן ייִדיש־ריידערס און ייִדיש־לייענערס — וואָס דאָס איז איבער אירע כוחות. אונדזער ייִדיש־וועלטלעכע שול האָט באַוויזן איר לעבנס־פעאיקייט, אָבער כדי זי זאָל וואַקסן און זיך פאַראַנקערן אין דריטן און פערטן דור ייִדן אין אַמעריקע מוז זי קלאָר און רעאַליסטיש פאָרמולירן אירע גרונט־קאָנצעפּציעס און צילן אין קאָנטעקסט פון די ייִדיש־אַמעריקאַנער באַדינגונגען אין יאָר 1960.

לפי דעתי דאַרפן אויף ס׳ניי פאָרמולירט ווערן פיר גרונט־קאָנצעפּציעס אין דער אידעאָלאָגיע פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע: וועלטלעכקייט, פּאָלקישקייט, צווייקולטורישקייט, ייִדיש און ייִדישקייט.

די מאָדערנע ייִדיש־וועלטלעכע שול איז ענג פאַרבונדן מיטן אויפקום פון ייִדישער וועלטלעכקייט. אָבער די אידיי פון וועלטלעכקייט האָט דורכגעמאַכט אַ ריי גילגולים וואָס האָבן זי געענדערט צוזאַמען מיט די באַדינגונגען אין וועלכע זי איז אויסגעוואַקסן. פאַר זשיטלאָווסקין און אויך פאַר דובנאָוון האָט וועלטלעכקייט געמיינט אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך און זי טאָר נישט אַרויפגעצוואונגען ווערן אויפן ייִדישן יחיד. דער ייִדישער

יחיד מוז האָבן די ברירה זי אָפּצוואַרפן אָדער אָנצונעמען ווייל ס׳איז נישטאָ ביי אונדז קיין רעליגיעזער „מע מעג״ און קיין רעליגיעזער „מע טאָר נישט״. „מיר מעגן אַלץ, אַפילו פאַסטן יום־כיפור, און צינדן ליכט לכבוד שבת און נאָך ערגערע זאַכן, אויב מיר געפינען אין זיי אַ נאַציאָ־נאַל־פּאָעטישן אינהאַלט״, האָט זשיטלאָווסקי געהאַלטן. פאַר דובנאָוון איז געווען קלאָר אַז מע קען זיין אַ פאַרוואָרצלטער ייִד נישט אַקצעפּטירנדיק די רעליגיעזע עלעמענטן אין דער ייִדישער ירושה, „וואָרעם ייִדישקייט איז אַ קולטור־סיסטעם און יעדער מין ייִד קען זיך אָפּקלייבן פון אונדזער קולטור וואָסער טייל אָדער שטרעמונג ס׳איז אים אַמנאָענטסטן״. אָבער די „ערדציטערניש״ אין דער ייִדישער וועלט האָט אויך טראַנספאָרמירט די ייִדישע וועלטלעכקייט פון אַ כּכל־הגוי׳מדיקער צו אַ וועלטלעכקייט וואָס טראָגט אַ ספּעציפיש־ייִדישן כאַראַקטער און וואָס וואָרצלט אין אונדזער עבר. ייִדישע וועלטלעכקייט איז אויך מחייב זיין צוגעבונדן צו ייִדישע טראַדיציעס, אָבער נישט זיין געבונדן דורך זיי; וואָרעם אַזוי לאַנג ווי די אַלע טראַדיציאָנעלע פירונגען זיינען נישט קיין מוז, צוליב אַ „מע טאָר נישט אַנדערש״ — נאָר ס׳איז אַ פרייוויליקע טאַט — איז עס וועלטלעך.

אַזאַ וועלטלעכקייט מעגן מיר אָנרופן — לויט דזשאַן דיואיס דעפיניציע — רעליגיעזע וועלטלעכקייט. וואָרעם דער אַדיעקטיוו רעליגיעז מיינט אַ באַ־ציאונג, אַ געמיט־צושטאַנד, אַ דיספּאָזיציע צו אַן אידעאַל פאַר וועלכן מ׳איז גרייט צו ברענגען קרבנות; בעת דער סובסטאַנטיוו „רעליגיע״ באַציט זיך לויט דיואין — צו דאָקטרינען און אינסטיטוציעס וואָס באַשעפטיקן זיך דער עיקר מיט איבערנאַטירלעכע כּוחות איבער וועלכע דער מענטש האָט נישט קיין קאָנטראָל. אין דיואיס אייגענע ווערטער: „יעדע טעטיקייט וואָס מיר פירן אָן לטובת אַן אידעאַל, נישט געקוקט אויף שטערונגען און פערזענלעכע געפאַרן, צוליב דעם ווייל מיר זיינען איבערצייגט אַז די טע־טיקייט האָט אַן אַלגעמיינעם און דויערדיקן ווערט — אַזאַ טעטיקייט איז רעליגיעז אין קוואַליטעט״. לויט דער דעפיניציע איז אונדזער וועלטלעכ־קייט — וואָס צילט צו פאַרזיכערן ייִדישן קיום — רעליגיעז. וואָרעם אַלצדינג אין וואָס מ׳גלייבט טיף איז לויט דיואין רעליגיעז. עס איז נישטאָ קיין סתירה אין דער באַצייכענונג רעליגיעזע וועלטלעכקייט.

וואָס שייך אונדזער סטאַטוס ווי אַ קאָלעקטיוו — פאָלקישקייט אין אַמע־ריקע — קענען מיר נישט אָננעמען די פאָרמולע — פּראָטעסטאַנטיש־קאַ־

טוליש־ייִדיש — ווייל דאָס איז אַ האַלבער אמת; מיר פּאַסן זיך נישט אַריין אין אַ בלויז רעליגיעזער קאַטעגאָריע, ווייל מיר זיינען ייִדן אַפילו ווען מיר זיינען נישט רעליגיעז און נישט פרום. ווי ש. ניגער האָט אָנגעוויזן אין זיין פּאָלעמיק קעגן די חסידים פון „אַ רעליגיעזער ראַם"־ייִדישקייט, זיינען ייִדן קרובים צווישן זיך אַפילו ווען זיי זיינען רעליגיעז ווייט איינע פון די אַנדערע, און אַפילו ווען זיי זיינען גאָרנישט רעליגיעז. מיר זיינען אַן אייגנאַרטיקער קולטור־היסטאָרישער קיבוץ וואָס אונדזער אייגנאַרטיקייט שליסט איין נישט בלויז אמונה־זאַכן, נאָר אויך וועלטלעכע קולטור, שפּראַך, עטיק און היסטאָריש באַוואוסטזיין. אונדזער באַזונדערקייט איז אַן אַנדערע ווי די באַזונדערקייט פון אַנדערע גרופּעס. ייִדיש פאָלק אין אַמעריקע איז אַ קולטור־היסטאָרישע ענטיטעט וואָס שליסט איין אַחוץ רעליגיע אַנדערע עלעמענטן פון אַן עטישן, סאָציאַלן און פילאָסאָפישן כאַראַקטער. ייִדיש פאָלק אין די תפוצות איז אַ גייסטיק־היסטאָרישער קאָלעקטיוו וואָס איז אַן אייגנאַרטיקער פענאָמען אין דער וועלט־געשיכטע — ווי דאָס פאַרשטייט אַ טיפער דענקער ווי ריינאָלד ניבאָר. דער קריסטלעכער פילאָסאָף־טעאָלאָג, וואָס קען אונדזער היסטאָרישן גאַנג, ווייסט אַז: „מיר טאָרן נישט פאַרלאַנגען אַז דער זעלטענער היסטאָרישער נס — דאָס ייִדישע פאָלק — זאָל זיך אַריינפּאַסן אין וועלכער ס'איז לאָגיק אָדער זאָל זיך צופּאַסן צו אַ היסטאָרישער אַנאַלאָגיע. עס האָט נישט קיין פאַרגלייך. מע מוז דעם נס אָפּשאַצן מיט זיין אייגענער מאָס". מע קען דעריבער נישט — סיידן מ'קוקט דורך אַלטמאָדישע פּאַרטיי־ברילן — פאַרגלייכן ייִדן אין אַמעריקע צו דער קאַטוילישער, שוואַרצער, אָדער וועלכער ס'איז אַנדער מינאָריטעט. אונדזער פאָלקישקייט מוז זיך נישט אַריינפּאַסן אין אַלגעמיינע קאַטעגאָריעס.

צוויי־קולטורישקייט מאַי קאָ משמע לן? לויט דעם „פאַרמבולדיקן" ייִדישיזם האָט די ייִדישע שול געדאַרפט צוגרייטן דעם תלמיד בלויז פאַר דער ייִדישער קולטור. דאָס איז געווען דער אידעאַל. אָבער אַפילו אין מזרח־אייראָפּע האָט מען דאָס געקענט דערגרייכן בלויז אין לענדער וואו דער נישט־ייִד איז געשטאַנען קולטורעל אויף אַ נידעריקערער מדרגה ווי דער ייִד — אין ליטע, לאַטוויע און ווייסרוסלאַנד; אָדער אין די שטעט ווילנע, קאָוונע, מינסק. אָבער מ'האָט אַפילו בימי ייִדיש־רענעסאַנס, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך נישט געקענט דערשלאָגן אויפצובויען

ייִדיש־גימנאַזיעס אין וואַרשע, קראָקע, אָדער קיעוו; מכּל שכּן אין אַמע־ריקע, וואו די אַלגעמיינע קולטור דרינגט אַריין אין אַלע ווינקלען פון ייִדיש־קאָלעקטיוון און יחידישן לעבן און וואו אונדזער ייִדיש־קולטור איז בלויז סופּלעמענטאַר און וואו זי פאַרנעמט זייער באַגרענעצטע שטחים אין גייסטיקן לעבן פון יונגן דור. דאָ מוז מען — אויב מיר ווילן טאַקע שאַפן אַ הארמאָניש־גאַנצע אַמעריקאַנער ייִדישע פּערזענלעכקייט — צוגרייטן לכתחילה דעם תּלמיד צו לעבן און צו שאַפן אין צוויי קולטורן. אַוודאי איז נישט גרינג צו זיין שעפעריש אין צוויי קולטורן; ס׳איז אָבער נישט אוממעגלעך, אַ סימן: פילאָן, דער רמב״ם, משה מענדעלסאָן, זאַנגוויל, לודוויג לואיסאָן, בראַנדייס, האָראַס קאַלען און אַ סך אַנדערע. אָט די אַלע ייִדיש־שעפערישע פּערזענלעכקייטן דאַרפן טאַקע אַרויסגערוקט ווערן אין דער ייִדישער שול.

ייִדיש און ייִדישקייט: אין אַ לאַנד וואו דער ייִדישער קיבוץ איז אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער קולטור; אין אַ לאַנד וואו עס זיינען כמעט נישטאָ קיין דיסקרימינאַציעס; אין אַ צייט ווען דער פילאָסאָפישער סקעפּטיציזם און רעלאַטיוויזם מינעוועט אונטער אַלע דאָגמאַטישקייטן — אין אַזאַ לאַנד און אין אַזאַ צייט איז שפּראַכלעכע אַנדערשקייט דער בעסטער און פרייסטער און פּראָדוקטיווסטער אופן אויסצודריקן און איינ־צוהאַלטן די אַנדערשקייט פון ייִדישן קאָלעקטיוו. אָבער מיר ווייסן אויך ווי שווער עס איז דער מצב פון ייִדיש ביים יונגן דור; דערפאַר מוזן מיר פאַראַנקערן דאָס היגע ייִדישע קינד אין טראַדיציעס, אין תּנ״ך, אין ייִדישן אינהאַלט. ייִדיש איז אונדז טייער און מוז פאַרבלייבן אַ צענטראַלער לימוד אין קוריקולום פון דער ייִדישער שול. ייִדיש איז אַ צעמענטירנדיקער כּוח און אַ באַנד וואָס פאַראייניקט דורות און קיבוצים — אָבער מען קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף ייִדיש ווי אויף דער דאַמבע קעגן אַסימילאַציע. וואָרעם איצט, בעת דאָס קינד הערט זעלטן אין דער היים ייִדיש, לערנט ער זיך נישט אויס פריי רעדן די שפּראַך אַז ער זאָל זי קענען באַנוצן ווען ער גראַדואירט די שול. דערצו איז די ייִדישע היים אויסגעליידיקט פון יעדן ייִדישן אינהאַלט — מוז די שול געבן דעם קינד וואָס מער ייִדישע ווערטן. דערפאַר ווערן טאַקע אונדזערע טעקסטביכער כּסדר אָנגעפילט מיט ייִדישן אינהאַלט, מיט יום־טוב, מיט קבלת־שבת — אַ ייִדישקייט וואָס גייט נישט להיפּוך וועלטלעכקייט, מיט אַנדערע ווערטער, אין דער

פֿאָלקשול ווערט ייִדיש דער עיקר מאָטיווירט מיט די ייִדישקייט־ווערטן און ייִדישע סענטימענטן וואָס זי פֿאַרפֿלאַנצט אין קינד; אויף אַ מיטל־שול־מדרגה קען מען האָפֿן אויסצולערנען דעם תּלמיד זיך באַנוצן טאָג־טעגלעך מיט דער שפּראַך.

ג

וואָס זײַנען די אימפּליקאַציעס פֿון די דאָזיקע גרונט־קאָנצעפּציעס פֿאַר אונדזער קוריקולום? קיין יחיד קען נישט און דאַרף נישט שאַפֿן קיין פּאַרטיקע לימודים־פּראָגראַם; דאָס מוז זײַן אַ בשותּפֿותדיקע אַרבעט פֿון גאַנצן לערער־קאָלעקטיוו צוזאַמען מיט פֿאַכלײַט דערציִערס און פּסי־כאָלאָגן. אָבער אויף עטלעכע גרונט־ליניעס אין אַ באַנײַטן קוריקולום פֿאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע וויל איך דאָ אָנווינקען.

מיר וועלן דאַרפֿן געפֿינען מער צײַט פֿאַרן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. דערצו איז נייטיק צו באַקענען דאָס קינד מיט געקליבענע טיילן פֿון נביאים און כּתובֿים — נישט בלייבן בלויז בײַם חומש. אין ליטעראַטור זיך נישט אָפּגעבן אַזוי פֿיל מיט שטייגער־לעבן פֿון מזרח־אייראָפּע ווי מיט ייִדיש־אוניווערסאַלע אידעען און דאָס מיינט אַרויסרוקן אין דער ערשטער ריי פּרצן. שבת, יום־טובֿ און בר־מצווה־צוגרייטונגען איז נייטיק צו פֿאַרבינדן מיט לערנען דאָס קינד עטלעכע הויפּט־מאָטיוון אין ייִדישן וועלט־באַנעם און אויך אונדזער גרונט־איינשטעל ווי נאַציאָנאַל־קולטוריס־טישע ייִדן. אַ סך קינדער ווייסן נישט, ווען זיי גראַדויִרן אונדזערע שולן, ווער מיר זײַנען און וואו מיר פּאַסן זיך אַרײַן אין אַמעריקאַנער ייִדישן קהילה־לעבן. זיי הערן וועגן רעפֿאָרמער, אָרטאָדאָקסן און קאָנסערוואַטיוון, אָבער וואָס ווילן מיר — מיר ייִדיש־וועלטלעכע ייִדן? זיי ווייסן נישט וועגן אונדזער באַגריף פֿון פֿאָלקישקייט, אומעטומיקייט, אונדזער כּלל־ישׂראלדיקייט. און דאָ מעגן מיר עפּעס אָפּלערנען פֿון אַנדערע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן וואָס האָבן געשאַפֿן טעקסטביכלעך וועגן זייער וועלט־באַנעם פֿאַר 12־יאָריקע תּלמידים. מיר נייטיקן זיך אין אַזאַ טעקסט־ביכל פֿאַרן לעצטן יאָר עלעמענטאַר־שול, וואָס זאָל באַקענען די קינדער מיט אונדזערע גרונט־איינשטעלונגען און אידעאַלן.

מ׳קען נעמען ווי אַ מוסטער צוויי טעקסט־ביכלעך וואָס די רעפֿאָרמער האָבן אַרויסגעגעבן וועגן מאָדערנע ייִדישע פּראָבלעמען און גלויבונגען.

ווערן דאָרטן באַהאַנדלט אַזעלכע ענינים: ווער איז אַ ייִד? וואָס האַלט אונדז ייִדן צוזאַמען? פאַרוואָס זאָלן מיר פאַרבלייבן ייִדן? וואָס זאָגן אונדזערע שונאים וועגן אונדז? וואָס איז ציוניזם? צוליב וואָס דאַרפן מיר ייִדישע דערציאונג? זאָלן זיין געמישטע חתונות? אין וואָס גלייבן ייִדן? וואָס מיינט פאַר אַ ייִדן אַן אידעאַל לעבן? פאַרוואָס איז שבת אַזוי וויכטיק? ווי דאַרף מען פייערן שבת אין אַ ייִדישער היים? וואָס איז דער ייִדישער לעבנס־שטייגער? זיינען ייִדן אַ פאָלק אָדער אַ רע־ליגיעזע גרופּע?

אַוודאי ווייס איך, אַז אַ סך פון די פראַגעס ווערן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דיסקוטירט מיט די תלמידים אין אונדזערע שולן. איז ראשית קען מען זיך אויף צופעליקייטן נישט פאַרלאָזן; צווייטנס, קען מען אַזעלכע גרונד־פראַגעס אין ייִדישער עקסיסטענץ נישט איבערלאָזן בלויז צו דער תורה שבעל פה פון לערער. די קינדער דאַרפן קריגן אין דער האַנט אַריין אַ ביכל וואָס זיי זאָלן קענען אַליין לייענען און וואָס דער לערער זאָל סופּלעמענטירן און פאַרטיפן. און בנוגע דעם ביכל דאַרף גילטן דער כלל: שמע בכל לשון שאתה שומע. וואָרעם דאָ גייט אין סאַמע עיקר: צו געווינען די לאָיאַליטעט פון תלמיד פאַרן נצח ישראל און צו מאַכן אים סענסיטיוו צו די גרונדמאָמענטן אין אונדזער היסטאָרישער דראַמע פאַר קיום.

דער לעצטער אַל־אַמעריקאַנער צוזאַמענפאָר וועגן ייִדישער דערציאונג האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ „קוריקולום־אינסטיטוט" — וואָס זאָל שאַפן די נייטיקע אינסטרומענטן און פּראָצעדורן צו באַשטימען די נאָרמען וואָס די שולן דאַרפן שטרעבן צו דערגרייכן אין די ראַמען פון פּעדאַגאָגיש־מעגלעכן. מיר, וועלטלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך דערלויבט איבערצושאַצן קריטיש די פאַרהייליקסטע און אָנגענומענע באַגריפן אין אונדזער דורות־דיקער קולטור נייטיקן זיך אין אַן איבערשאַצונג פון אונדזער קוריקולום אין ליכט פון דעם איצטיקן צייט־גייסט, אין ליכט פון די היינטיקע באַ־דינגונגען און דעם נייעם קינדער־עלעמענט. אונדזער קוריקולום מוז זיך כסדר שטעלן די פראַגע: פירט ער צו אַ ייִדיש שעפערישן המשך אין אַמעריקע, און צי איז ער עלול אונדז צו געבן אַ ייִדישע פערזענלעכקייט וואָס וועט אַקצעפּטירן אַלץ וואָס איז ווערטפול אין אונדזער גייסטיקער ירושה?

מיר דוכט זיך אַז דער איצטיקער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער קולטור און די נייע ווינטן וואָס בלאָזן אין דער אַמעריקאַנער דערציאונגס־וועלט זיינען גינסטיק פאַר אונדזער שווערער, נישט־קאָנפאָרמיסטישער ייִדישקייט. אָנגעזעענע אַמעריקאַנער דענקערס און כלל־טוערס ווייזן אָן אַז דער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער דערציאונג שטאַמט נישט דער עיקר פון מאַנגל אין געלט, נאָר פון מאַנגל אין ערנסטקייט אין שייכות צו נאַציאָנאַלע צילן. די דערציערישע דילעמעס שפיגלען אָפּ אַ טיפן קולטור־קריזיס אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע.

די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם וואָס פון איין זייט דאַרף מען אין אַזאַ קאָמפּליצירטער וועלט ווי אונדזערע זיך באַמיען אַז אַלע שרייפלעך זאָלן זיך דרייען און דער יחיד זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם געזעלשאַפטלעכן מעכאַניזם. אין מען דערפאַר דערגאַנגען צו צופּאַסונג (אַדזשאַסטמענט) וואָס איז בלויז איין טראָט פון קאָנפאָרמיזם, גלייכשאַלטונג, ניוועלירונג פון דער פערזענלעכקייט.

פון דער אַנדערער זייט נייטיקן מיר זיך, כדי נישט צו סטאַגנירן, נאָר צו גיין פאָרויס, אין אָריגינעלע שעפערישע „איבערנאָרמאַלע״ מענטשן —מענטשן וואָס טראַכטן זעלבשטענדיק און קענען גיין קעגן שטראָם; מענטשן וואָס טראַכטן נישט דער עיקר אין טערמינען פון מאַטעריעלע רייכטימער, נאָר וואָס זיינען דעדיקירט צו אידעאַלן; מענטשן וואָס פאַרמאָגן אַן אינערלעכן דראַנג פאַר העכערע ווערטן. אָט דער פּאַראַדאָקס פון אונדזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע — און נישט נאָר אַמעריקאַנער — איז אויך קענטיק ביי אונדז, אַמעריקאַנער ייִדן. אין אַ וועלט וואו דעם אויבן־אָן פאַרנעמען די וואָס קענען זיך דערלויבן די גרעסטע תענוגים, אין אַזאַ וועלט איז שווער צו געפינען אידעאַליסטישע לערערס אַפילו פאַר די פּאַבליק־סקולס, מכל שכן פאַר די ייִדישע שולן. דערפאַר פאַרשטייען אַלע טיפערע אַמעריקאַנער פובליציסטן און געלערנטע, אַז אַ דערציאונגס־רעפאָרם איז מחייב אַ רעקאָנסטרוקציע אין אַמעריקאַנער קולטור־ווערטן. פונדעסטוועגן שמעלצט זיך ביסלעכווייז דאָס אייז סיי אין דער אַלגעמיינער אַמעריקע, סיי ביי אונדז.

עס מערקט זיך אין אַמעריקע אַ טענדענץ אָפּצושאַצן און אַרויפצוקוקן נישט בלויז צום מענטש פון טאַט, נאָר אויך צום מענטש פון געדאַנק: צום וויסנשאַפטלער, קינסטלער און שרייבער. מ׳הייבט אָן שטרעבן נישט

צו זיין ווי אַלע, נישט צו דורכשניטלעכקייט, נאָר צום אויסנאַם, צו פּער־פעקציע אויף אינטעלעקטועלע געביטן. דער קולט פון לייכטקייט, פון לייכטע פאַרגעניגנס, פון אַ „גוד־טיים" הערט אויף צופרידנצושטעלן. מ'הייבט אָן זוכן אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן.

מיר דוכט זיך דעריבער, אַז אין אַזאַ לופט וועט זיין גרינגער צו געווינען יידישע קינדער און יידישע עלטערן פאַר אַ פאַרטיפטן און אינ־טענסיוון לערנען פון יידישער געשיכטע, פון יידישער ליטעראַטור און פון יידישע ווערטן. אין אַזאַ לופט וועט זיין גרינגער צו אָטעמען פאַר דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ דינאַמישע מינאָ־ריטעט אין היגן יידישן קיבוץ.

(1960)

# דער מאָרגן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע

1

היינטיקס יאָר, ווען די יידישע וועלט פאַרצייכנט אַ האַלבן יאָרהונדערט יידיש־וועלטלעכע דערציאונג, איז אַ פּאַסיקע צייט צו באַטראַכטן און אַנאַ־ליזירן דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג; ס'איז ממש דרינגענדיק צו מאַכן אַן ערלעכן און אומדערשראָקענעם חשבון הנפש כדי פעסטצושטעלן וואָס ס'איז, אויף ווייטער, — פון אונדזערע אַלטע גרונט־אידעען און מעטאָדן, — פאַרבליבן נוצלעך און אָנווענדבאַר, און וואָס מע דאַרף אין ליכט פון אונדזערע דערפאַרונגען און רעזולטאַטן — רעווידירן, קאָרעגירן, אָדער אפשר גאָר אינגאַנצן אויפגעבן. איך וועל אין דעם אַרטיקל נישט אויס־שעפּן אַלע פאַזן פון יידיש־וועלטלעכן חינוך אין אַמעריקע; דאָס פאַרלאַנגט שיער נישט אַ גאַנץ בוך. איך וויל זיך דאָ באַנוגענען מיט בלויז עטלעכע צענטראַלע אַספּעקטן, הויך־פּונקטן אין דעם דאָזיקן שפּערישן קאַפּיטל

אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע. דאָס קען אונדז אפשר העלפן מתקן זיין די טעאָריע און פּראַקטיק פון אונדזער שול, כדי מיר זאָלן דערפּאָלגרייך אויפנעמען די פאָדערונגען פון דער נייער צייט און דעם נייעם דור. און רעכענען זיך מיט דעם נייעם דור מוזן מיר ווייל די היגע ייִדישע שול איז טאַקע אַן אַמעריקאַנישע שול: אַכציק פּראָצענט פון אירע תּלמידים זיינען קינדער פון הי־געבוירענע עלטערן. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק וועט די שול — אויב זי וויל האָבן אַ צוקונפט — מוזן נעמען אין באַטראַכט די שטימונגען, די וואונטשן און די פּראָבלעמען פון די דאָזיקע טאַטעס און מאַמעס.

יעדער איינער וואָס וועט פּרובירן כאַראַקטעריזירן דעם איצטיקן גייס־טיקן קלימאַט אין אַמעריקע וועט מוזן באַמערקן אַז איבערראַשונגען פון נאַציאָנאַלע צילן, פון איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס — פון דערציאונג, זיינען סימפּטאָמאַטיש פאַרן היינטצייטיקן קריזיס. אָט די כסדרדיקע רע־וויזיעס און דאָס שטרעבן צו אינאָוואַציעס, שטעלן מיט זיך פאָר אַ צענ־טראַלן שטריך אין פּנים פון לאַנד. דער ברייט־אָנגענומענער געדאַנק אַז „צופּאַסונג צום לעבן" דאַרף זיין אַ גרונט־ציל פון דערציאונג, — אָט דער פּרינציפּ אין פּראָגרעסיווער דערציאונג ווערט איצט שטאַרק קרי־טיקירט, און בהדרגה שלאָגט זיך דורך אַ וועג די אידעע אַז אָריגינאַליטעט, שעפערישקייט, נאָן־קאָנפאָרמיזם דאַרפן זיין די צילן פון אַ גוטער דער־ציאונג. מע הערט שוין אויף צו דעפינירן נאָרמאַל ווי דורכשניטלעך; צו זיין העכער ווי דורכשניטלעך — ווערט שוין באַטראַכט... ווי נאָרמאַל. עס הערן זיך שוין שטימען פון גאָר וויכטיקע דערציער אַז דערציאונג דאַרף פאַרפלאַנצן אין תּלמיד אַ שטרעבן צו שלימות; זי דאַרף אין אים אַנט־וויקלען אַ שעפערישע אומצופרידנקייט מיטן לעבן וואָס דער דורכשניט־לעכער מענטש פירט. מ'גיט איצט אָפּ אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט צו די באַגאַבטע, איבערנאָרמאַלע תּלמידים, און דער סטאַטוס פון אינטע־לעקטואַל אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעשאַצט. עס גייען אָן פיבערהאַפטע רעווידירונגען פון די לימודים־פּראָ־גראַמען אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס־שול און אין דער מיטל־שול; און דער יונגער דור — ווייזן אַלע אויספאָרשונגען — איז סקעפּטיש און פאַרדעכטיק בנוגע אַלע דאָגמאַטישקייטן און פריער־פאַרשריבענע תּרופות. אַזוי זעט אויס די דערציערישע פיזיאָנאָמיע פון דער אַלגעמיינער אַמעריקע.

אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן האָט זיך אָן שום ספק פאַרשטאַרקט, ביים היי־געבוירענעם דור, דער דראַנג פאַר קיום. אַ סך פון דעם יינגערן דור, וואָס שייך דעם אינהאַלט פון יידישקייט, בלאָנדזשען טאַקע, אָבער זיי זוכן אַ וועג צו דער פאָלקס־ירושה; און די זוכונגען זיינען דערמוטיקנדיק. אַמעריקאַנער יידן אין זייער גרעסטן רוב, ווילן בלייבן יידן. און בעת מיט אַ דור פריער האָט מען זיך געשראָקן אַז אַמעריקאַניזאַציע וועט פירן צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע, זעט מען איצט איין אַז אַקולטוריזאַציע און אינטעגראַציע האָבן קיין שום שייכות נישט מיט גייסטיקער אויפלייזונג. די יידישע קהילה־אָרגאַניזאַציע — אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם — ווערט אַלץ מער פאַרפעסטיקט; און דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע באַשעפטיקט אַלץ ווייניקער אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. הגם אַמעריקאַנער יידן גיבן נאָך אַלץ אָפּ צו ווייניק צייט און מיטלען אויף יידישער דערציאונג, מוז מען פונדעסטוועגן מודה זיין אַז אונדזער כלל־טעטיקייט איז איצט אויפמערקזאַמער צו אינעווייניקסטע קולטור־ דערציערישע אויפגאַבן ווי מיט אַ דור פריער. אַלע פאָרשונגען באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז במשך די לעצטע צען יאָר האָט זיך די טאָטאַלע יידישע קינדער־רעגיסטראַציע אין אַלע מינים יידישע שולן פאַרגרעסערט אויף 131,2 פּראָצענט (אַרום 600,000 קינדער לערנען אין אַלע שול־טיפּן). ס'איז טאַקע אמת אַז 45,1 פּראָצענט פון די דאָזיקע קינדער קריגן בלויז אַ טייל־לעפּעלע דערציאונג אין איינטאָגיקע שולן. אָבער דער פּראָפּאָרציאָנעלער וואוקס איז געווען אַמגרעסטן אין די דריי־טאָגיקע נאָכמיטאָג־שולן, נישט אין די איינטאָגיקע. די סינאַגאָגאַלע יידישקייט פון די קאָנסערוואַטיוון, רעפאָרמער, און נאָך מער פון די רעקאָנסטרוקציאָניסטן, מאַכט ערנסטע פּרוּוון צוצופּאַסן די יידישע אמונה צו דער אַמעריקאַנער סביבה און צו דער מענטאַליטעט פון יינגערן דור. אויך אונדזער טראַדיציאָנאַליזירטע וועלטלעכקייט — דאָס אַריינפירן פּאָעטיש־צערעמאָניאַלע פייערונגען ביי שבת־יום־טובדיקע געלעגנהייטן — איז אַ פּרוּוו צו אַמעריקאַניזירן אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלע יידישקייט.

עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז נישט געקוקט אויף דעם כלומרשטן אויפשטייג פון רעליגיע ווערט דאָס יידישע, ווי דאָס אַלגעמיינע, לעבן אַלץ מער סעקולאַריזירט, פאַרוועלטלעכט. איינער פון אונדזערע יונגע סאָציאָלאָגן, מאַרשאַל סקלאַר, ווייזט אָן, אַז דער יידישער קאָלעקטיוו אין

אַמעריקע איז וועלטלעכער ווי די פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן; „פּאָרשונגען פון דעת הקהל ווייזן אַז ייִדן זײַנען ווייניקער רעגולער אין דאַוונען בציבור ווי פּראָטעסטאַנטן, שוין נישט רעדנדיק פון קאַטאָליקן. ייִדן זײַנען אויך וועלטלעכער אידעאָלאָגיש: אַ קלענערער פּראָצענט ייִדן ווי אָנהענגער פון די אַנדערע צוויי רעליגיעזע גרופּעס מיינען אַז זיי גלייבן אין גאָט*.

אויף נאָך איין וויכטיקן שטריך פון ייִדיש־אַמעריקאַנער קאָלעקטיוו איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן — מיטלקלאַסיקייט. ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט אַז דער איבערוועגנדיקער רוב פון היגן ייִדישן קיבוץ געהערט סאָציאַל־עקאָנאָמיש צום מיטלקלאַס. דאָס מיינט, אַז בדרך כּלל שפּיגלט זײַן גײַסטיקע וועלט אָפּ די השגות פון מיטלקלאַס; אידעען און אידעאַלן שפּילן דאָ נישט קיין צענטראַלע ראָלע; דער קולט איז: אַ לײַכט, געמיטלעך לעבן, אָן ראַנגלענישן מיטן אַרום, אָדער מיט זיך. ניטאָ דאָ קיין ליידנשאַפט, נישט צו סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, נישט צו רעליגיעזע און נישט צו וועלטלעכע ווערטן. פון דער אַנדערער זײַט אָבער מיינט מיטלקלאַסיקייט אַ הויכער לעבנס־סטאַנדאַרד און הויכע בילדונג (זיי זײַנען קאָלעדזש־גראַדואירטע); און דער דאָזיקער עולם גיט זיך שטאַרק אָפּ מיט דער דערציאונג פון זייערע קינדער אין ייִדישע שולן, זײַנען זיי קריטיש בנוגע די קוואַליפיקאַציעס פון די לערער, און בנוגע דעם ניווא פון לערנען, ד"ה אַז זיי ווילן ערשטקלאַסיקע לערער וואָס זײַנען קוואַליפיצירט צו לערנען לויט די בעסטע מעטאָדן וואָס די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק האָבן געשאַפן.

אָט אין דער אַלגעמיינער און ייִדישער ראַם באַוועגט זיך די ייִדיש־וועלטלעכע שול אין אַמעריקע. און אין די דאָזיקע לעבנס־באַדינגונגען, אין מיטן די אַלע רעוויזיעס, איבערראַשונגען האָט זי באַוויזן צו זײַן לעבנס־פֿעיִק, פֿאַר נישט־אומבאַדײַטנדיקע שיכטן פון די הי־געבוירענע עלטערן. אַ סימן: אַכציק פּראָצענט פון אירע תּלמידים זײַנען שוין דער דריטער דור געבוירענע אין אַמעריקע.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם וואָס ייִדיש לעבן אין אַמעריקע ווערט אַלץ מער סעקולאַריזירט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַ סך ייִדישע אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן גיבן צו אַז ייִדישקייט איז מער ווי אַ רעליגיע;

* Marshall Sklare: Changing Patterns in American Jewish Life, p. 15.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַרום פופציק פּראָצענט אַמעריקאַנער ייִדן זיינען נישט אַפיליאירט מיט קיין שום טיפּ סינאַגאָגע — פונדעסטוועגן וועלן מיר דאַרפן אַריינפירן אַ ריי מאָדיפיקאַציעס און נייע אַקצענטירונגען אין קוריקולום פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול — אויב מיר ווילן איינעמען גרעסערע שיכטן פון דער נישט־רעליגעזער עלטערנשאַפט. און וואָס איז נאָך וויכטיקער: אויב מיר ווילן פאַרזיכערן אַז די גייסטיקע לעבנס־זאַפטן מיט וועלכע מיר שפּייזן די תלמידים אין אונדזער שול זאָלן שפּעטער נישט אויסטריקענען.

## 2

וואָס דאַרפן זיין די הויפּט־קריטעריעס פון קוריקולום פאַר אונדזער שול? מיר דאַכט זיך, אַז די לימודים אין אַ ייִדישער שול דאַרפן ווערן באַזירט אויף די דאָזיקע גרונט־הנחות:

א. דער ייִדישער יחיד זאָל אַקצעפּטירן אונדזער גייסטיקע ירושה ווי זיין פּערזענלעכן קנין.

ב. געווינען די לאָיאַליטעט פון תלמיד פאַרן ייִדישן קיום אומעטום, אַז ער זאָל זיך פילן אחריותדיק פאַר אונדזער גורל און המשך.

ג. דער ייִדישער יחיד זאָל וועלן געניסן און — אויב ער איז פעאיק און טאַלאַנטירט — פּראָדוצירן ייִדישע קולטור, ד״ה פאַרזיכערן אַ שעפערישן ייִדישן המשך.

ד. צוגרייטן דעם תלמיד צו לעבן גלייכצייטיק אין צוויי קולטורן, אין דער אַלגעמיינער און ייִדישער.

פון די דאָזיקע גרונט־הנחות איז געדרונגען אַז יעדער לימוד אין דער ייִדישער שול דאַרף זיין זינפול פאַרן תלמיד און פאַרן כלל. צווייטנס, אַלץ וואָס פאַרוועבט דעם תלמיד אין דעם געוועב פון אייביקן ייִדישן זיין, און אַלץ וואָס איז באַדייטפול אין זיין הייִנטצייטיקער עקסיסטענץ ווי אַ מאָדערנער ייִד, מוז זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון די לימודים. אין דער ערשטער ריי איז דאָס חל אויף ייִדיש, העברעאיש און אויף דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. ייִדיש — ווייל דאָס לשון פון טויזנט יאָר נוסח אשכנז פאַרבינדט מיט דורות און קיבוצים אין אַ סך לענדער; און ווייל ייִדיש און די מאָדערנע ליטעראַטור אויף ייִדיש זיינען דער שאַץ־קאַמער, דער פּרעזערווירער פון ייִדישן עטאָס, פון ייִדישער ספּעציפישקייט, פון

יידישן גורל און זיי זיינען דעריבער די בעסטע מאָדערנע מיטלען צו פאַרפלאַנצן די קינדער אין יידישן גייסטיקן באָדן. העברעאיש — ווייל זי איז אָנגעזאַפּט מיט דורות־אַלטע יידישע ווערטן און ווייל זי פאַרבינדט די קינדער מיטן נייעם ישראל — וואָס דאַרף פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט אין דער יידישער שול. די דאַזיקע מאַסן, זיינען אַוודאי אָנווענדבאַר אין שייכות צו יידישער געשיכטע, וואָס שפּיגלט אָפּ אַחוץ דעם קאַמף פון כלל פאַר זיין פיזישער און גייסטיקער עקסיסטענץ — אויך די ראַנגלעניש און דיאַלאָגן — במשך דער פיר־טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע — פון אַלע אונדזערע גייסטיקע ריזן מיט זיך, מיט גאָט, מיט דער וועלט. די אויסערגעוויינלעכע יחידים וואָס פאַרקערפּערן יידישן עסענץ, קענען באַזינגען און אינספּירירן אונדזער יוגנט און געווינען איר לאָיאַליטעט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

אָבער אויב עס גייט דער עיקר אין פאַרפלאַנצן יידישע ווערטן, יידישע אידעען און אידעאַלן דאַן טאָרן מיר אויך נישט פאַרנאַכלעסיקן, — אין דער יידיש־אַמעריקאַנער נאָכמיטאָג־שול — די אַלע היסטאָרישע ווערק וואו דער יידישער עטאָס האָט געפונען זיין פּערמאַנענטן אויסדרוק: דעם תנ״ך, די אגדה, דעם ספר הכוזרי, געוויסע פיוטים און תפילות. מיר קענען און דאַרפן פון די אַלע רעליגיעזע שאַפונגען אַרויסשיילן זייער אייביקן, קערנדיקן אינהאַלט וואָס איז נאַרהאַפטע צידה לדרך פאַר אונדזער היינטיקן דור. צום טייל האָבן מיר דאָס במשך די לעצטע יאָרן געטאָן, אָבער נישט גענוג.

און דאָ איז זיך כדאי אָפּצושטעלן אויף צוויי אַספּעקטן אין יידישן לעבן וואָס זיינען פון קאַרדינאַלן באַדייט פאַר דער צוקונפט פון דער יידי־שער שול. ערשטנס וועגן דער אָפּגעפרעמדטער אַמעריקאַנער יידישער אינטעליגענץ, צווייטנס — וועגן דער דאָ־געבוירענער עלטערנשאַפט בכלל. ווי עס דעמאָנסטרירט דער „קאָמענטאַרי"־סימפּאָזיום, פון לעצטן יאָר, איז אַ טייל פון דער יונגער אַמעריקאַנער יידישער אינטעליגענץ, בדרך כלל נעגאַטיוו געשטימט צום אינסטיטוציאָנאַליזירטן, ביוראָקראַטיזירטן מיטל־קלאַס־דאָמינירטן יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס האָט, — לויט איר מיינונג — ווייניק שייכות צו יידישער עסענץ, צום תוך פון יידישקייט וואָס מיינט פאַר איר אידעאַליזם, גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט. עטלעכע פון די בעסטע פאַרשטייער פון דער אינטעליגענץ בענקען נאָך אַ נאָך־

קאָנפאָרמיסטישער יידישקייט וואו דער נביאישער אידעאַל פון אַ באחרית־הימים־וועלט זאָל פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ. עטלעכע אַנדערע אינטע־לעקטואַלן ווייזן אַרויס אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש־וועלטלעכער קולטור. דערפאַר אפשר ווערן אין סימפּאָזיום אַזוי אָפט דערמאָנט מאַרקס, פרויד און איינשטיין; די לעצטע צוויי זיינען דאָך געווען וועלטלעכע יידן וואָס האָבן געמאַכט אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אין דער וועלט. ווי ווייניק מיר זאָלן נישט האַלטן פון מאַרקס׳ באַציאונג צו יידישקייט — מוזן מיר פונדעסט־וועגן צוגעבן זיין קאָלאָסאַלע ראָלע ביים אויפרודערן דעם סאָציאַלן באַ־וואוסטזיין במשך די לעצטע הונדערט יאָר. פרויד — דער ווינער שפּראַכלעך־אַסימילירטער ייד, האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אַ גאַנצער ריי אויסשטראַלונגען פון יידישן פאָלקס־זשעני — ספּעציעל צו יידישן הומאָר און יידישן אינטעלעקטואַליזם. ער איז אַפילו געווען אַן ערן־מיטגליד פון ייוואָ אין ווילנע; דער פרויד וואָס האָט פאַר אונדז אויפגעדעקט די אָפּ־גרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה און די פאַרהוילענע ברויזונגען פון קעסלגרוב וואָס הייסט אונטערבאַוואוסטזיין — אָט דער פרויד האָט גע־האַלטן אַז רעליגיע שטעלט מיט זיך פאָר אַ נעווראָז פון דער מענטשהייט — אַ מין עסקייפּיזם, אַן אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט; און ווי פון נעווראָז בכלל, דאַרף דער פּסיכאָאַנאַליז אונדז דערפון אויסהיילן. איינשטיין — דער יידיש־באַוואוסטזיניקסטער פון דעם דריילינג — איז געווען אַ וועלטלעכער, יידישער הומאַניסט מיט סימפּאַטיע צום ציוניזם. מע מעג אים באַצייכענען ווי אַן אחד־העמיסט אָדער דובנאָוויסט מיט אַ מערב־איי־ראָפּעאישן אַקצענט. אָט די דריי דענקער זיינען די נביאים פון דער יונגער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע. יעדער פון די דריי איז געווען אַן אינאָוואַטאָר אויף זיין פעלד: אַ פּיאָנער וואָס איז אַ סך אויסגעשטאַנען ביז וואַנען זיינע טעאָריעס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער וויסנשאַפט־לעכער וועלט. פרויד און איינשטיין קענען זיכער באַצייכנט ווערן ווי וועלטלעכע יידן — נוסח מערב־אייראָפּע. צי איז דאָס נישט אַן איבעריקע ראיה אַז דער יונגער אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע איז נעענטער צו אונדזער וועלטלעכער יידישקייט ווי צו דער סינאַגאָגאַלער פון אַלע דריי ריכטונגען? דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג טהאָרנטאָן וועבלען האָט, דוכט מיר, געטראָפן אין פּינטל ווען ער האָט אַרגומענטירט אַז די הויפּט־סיבה פון ריזיקן יידישן צושטייער צו דער

מערב־ציוויליזאַציע איז דער נאָן־קאָנפאָרמיזם פון דער ייִדישער אינטע־ליגענץ. אויב אַזוי צי איז דער „קאָמענטאַרי"־סימפּאָזיום נישט אַן אַרויס־רוף צו אונדזער ייִדישן וועלטלעכן סעקטאָר אַז ער זאָל אַנטוויקלען אַ ברייטפאַרצווייגטע שול־ און קולטור־אַרבעט צווישן אָט דער נאָן־קאָנפאָר־מיסטישער אינטעליגענץ? איך קען עדות־זאָגן פון מיינע אויפטריטן אין טעמפּלען און צענטערס אַז אַ סך פון צווייטן און דריטן דור וואָס זיינען געוואָרן מיטגלידער אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס טוען עס בלויז באין ברירה, ווייל זיי געפינען נישט קיין וועלטלעך־ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין יענע סובורבס. זיי פילן זיך אָבער אין די סינאַגאָגעס נישט „אין דער היים", און זיי דערקלערן אַ סך מאָל אָפן אַז ס׳איז ביי זיי בלויז אַ פאָרם פון אידענטיפיקאַציע מיט ייִדן, אָבער נישט קיין אידעאישע צוגעבונדנקייט צום רעליגיעזן אני־מאמין פון יענע אינסטיטוציעס.

און איצט וועגן צווייטן אַספּעקט — וועגן כאַראַקטער־שטריך פון דער היגער יונגער ייִדישער עלטערנשאַפט. דאָס איז אַ דור וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער מערב־קולטור און וואָס זוכט איצט זיינע ייִדישע וואָרצלען. ער פילט אַ פוסטקייט אין דער נשמה און ער אַנט אַז די 4000־יאָריקע ירושה קען באַזינען זיין לעבן. ער איז נישט באַפרידיקט בלויז מיט זיין מאַטעריעלן האָב און גוטס; ער האָט דערפילט אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם. ס׳איז אַ דור וואָס האָט ייִדישע סענטימענטן און אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט, אָבער ער פאַרמאָגט נישט קיין ייִדישן וויסן. קומענדיק צוריק אַהיים פילט ער זיך פאַרלוירן צווישן אַזוי פיל דערשיינונגען וואָס זיינען פאַר אונדז — מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן — זעלבסטפאַרשטענדלעכ־קייטן און טרויאיזמען, אָבער פאַר אים — רעטענישן און אומפאַרשטענד־לעכקייטן. ער גאַרט דעריבער צו פאַרשטיין, צו וויסן — דעם מהות, דעם זין פון ייִדישקייט. ער וויל אויסגעפינען ייִדישע קאָנצעפּציעס, ער וויל באַנעמען אינטעלעקטועל ייִדישקייט, ייִדישע גרונט־אידעען און היסטאָ־רישע דערפאַרונגען. ער קאָן זיך נישט באַפרידיקן בלויז מיט ייִדישע מנהגים און צערעמאָניעס — אַ מין „ייִדישער ביהייוויאָריזם" ווי העשל האָט עס אָנגערופן. אַז ער האָט אַ פאַרלאַנג נאָך וויסן — האָט אויך באַ־שטעטיקט „די נאַציאָנאַלע שטודיע איבער ייִדישע דערציאונג". אויב דאָס איז די מענטאַליטעט פון צווייטן און דריטן דור — דאַן דאַרף אונזער שול זיך קאָנצענטרירן אויף מער אינהאַלט.

אין יענע אימיגראַנטישע יאָרן ווען די היים און אַפּילו די גאַס זיינען געווען ייִדישע, און ייִדישע אייגנאַרטיקייט ווי שפּראַך, לעבנס־אויפפיר, און אַפילו די ייִדישע טאָג־טעגלעכקייט — איז געווען אַנדערש פון דער טאָג־טעגלעכקייט פון דער אַרומיקער וועלט, דאַן איז נישט נייטיק געווען זיך אָפּצוגעבן אין שול אַזוי פיל מיט אידעען, מיט פּאַרוואָסן, מיט ייִדישע ווערטן, און מיט אינהאַלטן. מע האָט אַ סך קאָמפּאָנענטן פון ייִדישקייט איינגעזאַפּט אומדירעקט דורך לעבן ווי אַ ייִד, דורך באַטייליקן זיך אין קהלשן ייִדישן לעבן, מע האָט דאַן נישט געפרעגט: מיט וואָס בין איך אַ ייִד? צי איז כדאי צו זיין אַ ייִד? צי איז מיין קולטור ווערטפול? אָבער איצט ביים צווייטן און דריטן דור, ווען די ייִדישע היים, די טאָג־טעגלעכע שפּראַך, דער לעבנס־אויפפיר איז נישט אַנדערש פון דעם נישט־ייִדישן אַרום — אין אַזאַ צייט מוז די שול פאַרענטפערן קשיות און אבעיות; זי איז דער פּלאַץ פאַר שאלות און תשובות; זי דאַרף געבן וויסן און זי דאַרף באַוואָפענען דאָס קינד מיט ייִדישע באַגריפן און אינהאַלטן. דעריבער קען מען נישט וואַרטן ביז וואַנען דאָס קינד וועט זיך אויסלערנען גענוג ייִדיש צו פאַרשטיין אַ ריי גרונט־אידעען פון ייִדישקייט. ווער ווייסט ווען דאָס וועט געשען? עס דאַרף אין דעם פאַל נישט דעצידירן בלויז די שפּראַך, נאָר דער תוך: אַנדערש גיבן מיר די תלמידים אַן אינהאַלט וואָס איז אויף אַ נידעריקערער מדרגה ווי זיי זיינען פעאיק אויפצונעמען. אפשר דערפאַר פאַרלירן מיר זיי נאָך 2־3 יאָר.

אַוודאי מוז ייִדיש פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין קוריקולום, ווייל ייִדיש איז דער בעסטער און פּרייסטער אויסדרוק פון ייִדישער אַנדערש־קייט, און אַ באַנד וואָס האַלט צוזאַמען און פאַרקניפּט אינטים דורות און קיבוצים. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז דערצו אַ רייכער אוצר פון ייִדישער חכמה, ייִדישער שיינקייט און ייִדישע אידעען וואָס וועלן העלפן פאַרוואָרצלען די יונגע דורות אין ייִדישן באָדן. אָבער אויב מיר דאַרפן מאַכן אַ קפיצת הדרך און ביז בר־מצווה אָנלאָדן דאָס ייִדישע קינד מיט אייביקע ייִדישע עסענצן, דאַן מוזן מיר געדענקען אַז ייִדישע אידעען, אי־דעאַלן און ווערטן זיינען אויך פאַרקערפּערט אין די עלטערע ווערק פון דער ייִדישער — אין ברייטסטן זין פון וואָרט — ליטעראַטור אין עטלעכע לשונות.

מיינט דאָס אַז מיר זאָלן רעדוצירן דעם ייִדיש־לימוד אין אונדזער שול? בשום אופן נישט. מיר דאַרפן צוגעבן צום קוריקולום נישט אָראָפּ־נעמען. מיר דאַרפן באַלאַנסירן ייִדיש לשון און ייִדישן אינהאַלט. אויב מיר ווילן פאַרבלייבן אַ לעבעדיקער שטראָם אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן דאַרפן מיר געדענקען דעם ערשטן ציל פון אונדזער שול: דערציִען יורשים פאַר אַ שעפערישן ייִדישן קיום אויפן יסוד פון אַ פרייער, נישט־דאָגמאַטישער ייִדישקייט, דאָס איז מחייב זיין פאַרעקשנט וועגן גרונט־איינשטעלונגען און עלאַסטיש בנוגע מעטאָדן. אַזוי האַנדלט יעדע אידעאישע גרופּירונג, וואָס איז סענסיטיוו צו צייט און אָרט. אויך אונדזער שול וואָס איז געבוירן געוואָרן ווי אַן אויסדרוק פון אַ גייסטיקער רעוואָלוציע אין ייִדישן לעבן, טאָר נישט אויף דער עלטער ווערן קאָנסערוואַטיוו.

3

מאָדיפיצירן דעם קוריקולום פון אונדזער שול, אַז מיר זאָלן זיך מער אָפּגעבן מיט ייִדישע ווערטן, ייִדישע טראַדיציעס, ייִדישע באַגריפן — ווי כלל־ישראל, קידוש־השם, אתה בחרתנו און ענלעכע — איז נאָך נישט קיין גאַראַנטיע וואָס וועט פאַרזיכערן איר צוקונפט. דאָס איז בלויז אַן ערשטער באַדינג. פון נישט קלענערער וויכטיקייט איז דער צושטראָם פון אַ נייער מחנה, יונגע אידעאַליסטישע לערער. ס'איז נישט נייטיק איבערצוחזרן אַז דאָס איז מחייב זיכערקייט, פרעסטיזש אָדער סטאַטוס — ווי ס'איז די מאָדע עס אָנצורופן אין דער אַמעריקע פון סאָציאָלאָגן — פאַרן לערער. אָבער דער טאַלאַנטפולער לערער מוז אויך קריגן סאַטיס־פאַקציע אין דער אַרבעט, און דאָס איז מחייב גרויסע שולן, מיט עטלעכע לערער, מיט מער צייט פאַרן לערנען ווי מיר האָבן איצט; אַנדערש קען מען ווייניק דערגרייכן, און אַ קנאַפּע פעולה אין לערנען האַקט אונטער די פליגל ביי יעדן שעפערישן לערער. אָבער פונוואַנען וועלן קומען אָט די דאָזיקע לערער־חלוצים? נישט פון אַ געזעלשאַפט וואו די גרעסטע דעה האָבן די מנדבים וואָס פאַרמאָגן די מאה, און וואו די מסתפּקים במעוט דאָמינירן. מיר דוכט זיך אַז כדי אונדזער יוגנט זאָל גרייט זיין אויף קרבנות — און ייִדישע לערעריי באַדייט קרבנות־גרייטקייט אין דער היינ־טיקער אַמעריקע פון קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן — דאַרף אונדזער גאַס

ווידער פאַרהילכט ווערן פון אידעאישע שטרייטן, פון מחלוקת לשם שמים. אין דעם איצטיקן פּאָליטיש־סאָציאַלן קלימאַט אין אַמעריקע ווייזן זיך סימפּטאָמען פון פאַרבעסערונגען אין דעם פּרט.

אַחוץ דעם וועט די וועלטלעכע יידישע היים דאַרפן אַריינפירן דעם יידישן יום־טוב אין דער אינטימער משפּחה־ספערע, און דאָס מיינט אויס־אַרבעטן מאָדערן־טראַדיציאָנעלע צערעמאָניאַלן, מיט אַ יידישן טעם און ריח פאַר יעדן יידישן יום־טוב — נישט בלויז פאַר חנוכה און פּסח. עס איז ביי מיר נישטאָ קיין ספק אַז מיט די אָנגעקליבענע דערפאַרונגען אויף דעם געביט קען מען, מיט דער הילף פון קינסטלער, באַשאַפן אַ פּאַסיקן ריטואַל אויך פאַר ראש־השנה און יום־כּיפּור, און אַוודאי פאַר סוכּות און שבועות.

פאַרן וואוקס פון דער יידיש־וועלטלעכער שול איז אויך לעבנס־נייטיק אַן עליטע, אַ וואַכזאַמע אינטעליגענץ וואָס זאָל אויפסניי פאָרמולירן אַ ראַציאָנאַל אין הסכּם מיט די נייסטע אידעאישע ווינטן אין דער הומאַ־ניסטיק, און וואָס זאָל קעמפן פאַר דער דאָזיקער פילאָסאָפיע אַזוי ווי זשיטלאָווסקי, דובנאָוו, ניגער האָבן עס געטאָן אין זייער צייט. היינט איז שוין באַלד נישט פאַרבליבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן קיין יידיש־רעדנ־דיקע קעמפנדיקע, טיף־איבערצייגטע יידיש־וועלטלעכע אינטעליגענץ — ספּעציעל אַזאַ וואָס איז אינטים פאַרוועבט אין דער יידישער און אַמערי־קאַנער קולטור און וואָס קען אַלע נשמה־קנייטשן פון די היגע יונגע דורות. די פאַרבליבענע רעשטלעך פון דער איינגעוואַנדערטער יידיש־וועלטלעכער אינטעליגענץ זיינען צעטומלט. מע פּרעדיקט רעליגיע — אָבער דער עיקר פאַר יענעם; מע האַלט אַז אמונה איז גוט פאַר יידן — אָבער ווידער אַמאָל פאַר יענעם; בעת אַליין פּראַקטיצירט מע נישט וואָס מע פּרעדיקט. היינ־טיקע בעלי־תּשובֿות וואָס אידעאַליזירן די ישיבֿה, פאַרגעסן אַז אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן טאַקע פּראַקטיצירט דעם „אורח חיים״ און דעם „יורה דעה״ וואָס זייערע קינדער האָבן געלערנט אין ישיבֿה. פאַרן וואוקס פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע איז אימפּעראַטיוו אַן אינ־טעליגענץ וואָס וועט זי באַשיצן קעגן די אַלע רעליגיאָניסטן; וואָס וועט זי אַרומרינגלען מיט וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש, און וואָס וועט אין הסכּם מיט די לעצטע אויסגעפינסן אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן אַריינפירן אויסבעסערונגען אין קוריקולום.

4

ווער עס ווייסט וועלן אונטערציען אַן ערלעכן סך־הכל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ייִדיש־וועלטלעכע דערציאונג אין אַמעריקע, וועט מוזן צו־געבן אַז אונדזערע שולן האָבן דערצויגן צוויי דורות תלמידים וואָס וואָלטן אָן דער ייִדיש־וועלטלעכער שול געווען פאַרלאָרן געגאַנגען; וואָרעם די אַלע אַגנאָסטישע עלטערן וואָלטן זייערע קינדער אין די רעליגיעזע תלמוד־תורהס נישט געשיקט. אונדזער שול האָט אויסגעהאַלטן דעם איבערגאַנג פון אימיגראַנטישן צום צווייטן דור אין אַמעריקע, נישט ווי קעגנער האָבן געטענהט אַז מיטן אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע, וועלן די שולן אונ־טערגיין. מיר האָבן געוואונען די לאָיאַליטעט פון אונדזערע תלמידים פאַר ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום — אַ סימן זיי, די אַלע אַמאָליקע תלמידים, בויען איצט ייִדיש־וועלטלעכע שולן. אַז אונדז איז געלונגען צו פאַרפלאַנצן אין אונדזערע קינדער אַ ליבשאַפט צו אונדזער גייסטיקער ירושה, באַווייזט דער פאַקט וואָס זיי שיקן זייערע קינדער אין אונדזערע שולן.

אחד־העם און אַנדערע ייִדישע דענקער האָבן אַמאָל אַנגעוויזן אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן פאַר ייִדישקייט, צו בליען אין באַדינגונגען פון פרייהייט. אָבער מיר זיינען אין אַמעריקע אינטעגרירט אין דער קולטור, אין דער פּאָליטיק, אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד, און דאָך בלייבן מיר ייִדן — אין פרייהייט. מיר זיינען וועלטלעכע ייִדן, אָבער מיר שרעקן זיך נישט פאַר רעליגיע. וואָרעם אויב רעליגיע מיינט איבערנאַטירלעכקייט, דאָגמעס, אַבסאָלוטן, דאַן זיינען מיר סעקולערע ייִדן. אָבער אויב רעליגיע באַדייט — ווי דער אָריגינעלער זינען פון דעם באַגריף איז: זיין געבונדן, אחריותדיק צום קאָסמאָס, אַ פיעטעט פאַר די יסודות פון אונדזער עקסיס־טענץ, זיין באַזאָרגט פאַרן גורל פון ייִד, וועלט און מענטש, — דאַן זיינען מיר וועלטלעכע ייִדן — רעליגיעז.

פון דער אַנדערער זייט מוזן מיר אויך, צו אונדזער באַדויערן, צוגעבן אַז מיר האָבן נישט דערצויגן אין אונדזערע שולן — ייִדיש־ריידער און ייִדיש־לייענער. אונדזערע תלמידים, אַחוץ מיט קליינע אויסנאַמען, לייענען נישט דאָס ייִדישע בוך און נישט די ייִדישע צייטונג. אַזאַ אויפגאַבע איז איבער די כוחות פון דער ייִדישער נאָכמיטאָג־שול; וואָרעם אַפילו ווען די היים — אין די אימיגראַנטישע יאָרן — איז נאָך געווען אַ ייִדיש־ריידנ־דיקע, האָט די ייִדישע שול נישט געקאָנט דערציען קיין ייִדיש־לייענענדיקע

און ייִדיש־ריידנדיקע יוגנט. מכל שכן איצט ווען צו דער פּאַבליק־סקול, צו דער גאַס איז צוגעקומען אויך אַן ענגליש־ריידנדיקע היים. אָבער אויב ייִדיש ווערט ביי אונדזערע קינדער פאַרוואַנדלט בלויז אין אַ לשון קודש — נישט קיין לשון חול; אַ לשון פון ייִדישער קדושה, פון ייִדישן הומאָר, ייִדישער נגינה, ייִדישן נוסח — דאַן בלייבט נאָך אַלץ דער זכות הקיום פון אונדזער שול — מיט ייִדיש ווי אַ צענטראַלן לימוד — אַזוי גילטיק איצט, ווי אַמאָל. לאָמיר געדענקען אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזערע תלמידים איז גע־בליבן נשמהדיק פאַרבונדן מיט אונדזער לעבן און קולטור — און אַט די דאָזיקע נשמהדיקייט איז, אין אַ גרויסער מאָס, צו פאַרדאַנקען דער ייִדי־שער פּאָעזיע, דעם ייִדיש־ליד, דער ייִדיש־ליטעראַטור.

5

גלייכצייטיק, דאַרפן מיר זאָגן צו די ייִנגערע דורות: לערנט זיך פון ערשטן דור אין אַמעריקע. דער דור פון די פּיאָנערן האָט נישט בלויז פאַרברויכט, געניצט די ייִדישע קולטור — נאָר ער האָט זי אויך געשאַפן. ער האָט נישט בלויז געשיקט זיינע קינדער אין די ייִדישע שולן, נאָר ער האָט אויך פּראָדוצירט לערער, פּאָעטן, פּובליציסטן. דער צווייטער דור האָט דערווייל צוגעשטעלט בלויז קאָנסומענטן — אָבער נישט קיין פּראָ־דוצענטן פון דער ייִדיש־קולטור. ער לעבט דערווייל אויף די גייסטיקע אינוועסטירונגען פון ערשטן דור. ער מוז אָנהייבן פּראָדוצירן „קאַפּיטאַלע" סחורה: ער דאַרף שאַפן לערער, כלל־טוער פאַר יענע אינסטיטוציעס וואָס זיינען אים טייער.

איך מיין אַז עס ווענדט זיך אינגאַנצן אין אונדז צי די ייִדיש־וועלט־לעכע שול וועט איינעמען גרעסערע קאַדרען עלטערן פון 3טן און 4טן דור. אַמעריקאַנער ייִדן ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן זיין ייִדן. דער סטאַטוס פון ייִדישער אַנדערשקייט ווערט אַקצעפּטירט אין אַמעריקע. פּלוראַליזם — רעליגיעזער און קולטורעלער — איז אַן אַמעריקאַנער פילאָסאָפיע. ס'איז אָבער אַ לאַנד וואו יעדער ייִדישער יחיד דאַרף פריוויליק אַקצעפּטירן אונדזער קולטור. דאָס מוז קומען מאהבה — נישט מיראה. דאָס קינד דאַרף דורכן לערער ווערן סענסיטיוו צו אונדזערע שיינקייטן, צו אונדזער עטאָס,

צו אונדזער חכמה, צו אונדזער טראַגיק. דאָס איז מחייב מוסטערהאַפטע לערער; מיר האָבן אַזעלכע, אָבער ווייניק. כדי צו קריגן מער אַזעלכע לערער, װעלן מיר אַלע דאַרפן ברענגען קרבנות: די עלטערן, די שולטוער, דער גאַנצער קאָלעקטיוו, נישט בלויז דער לערער. אַ שעפערישער מיעוט מוז האָבן אמונה, אידעאַליזם, עקשנות, און גרייטקייט צו נייע פאַרמעסטן און עקספּערימענטן. די אַמעריקאַנער ייִדישע שול האָט דורכגעמאַכט צוויי אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס: די אימיגראַנטישע, און די אינטעגרירנדיקע. מיר האַלטן שוין איצט ביים דריטן עטאַפּ — ביי אַליין־דערקענונג און אין דער תקופה קען אונדזער שול — אויב זי וועט נישט סטאַגנירן פּראָגראַמאַטיש און מעטאָדיש, — זיך פאַרפעסטיקן און אפשר אויך פונאַנדערבליען.

דערביי מוז מען אויך געדענקען די געוואַלדיקע ענדערונגען וואָס זיינען במשך דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט פאָרגעקומען אין דער גרויסער וועלט און ספּעציעל אין אונדזער ייִדישער וועלט. פּונקט ווי נאַציע ווערט אַנדערש דעפינירט אין אַמעריקע און אַנדערש אין מזרח־אייראָפּע, אַזוי איז די דעפיניציע פון ייִדישן קיום נישט די זעלביקע פאַר אַמעריקע ווי פאַר אייראָפּע! מיר שטרעבן דאָ נישט צו אַזאַ סעפּאַראַטיזם ווי מיר האָבן געוואָלט אין פּוילן. און אויך אין מזרח־אייראָפּע איז די ייִדישקייט פון דער ייִדישער יוגנט — צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — נישט געווען אָנגעפילט מיטן זעלביקן אינהאַלט, ווי דער תוכן פון ייִדישקייט פון זייערע זיידעס. ראָמאַנטיקער האָבן זיך ליב איינצואוויגן מיט ניגון: „אַמאָל, אַמאָל, ווען מיר זיינען יונג געווען, איז געווען אַ גאָלדענע צייט". אָבער צי איז דאָס דער אמת פאַר רייפע, קריטישע, מענטשן? ספּעציעל פאַר קינדער פון אַ פאָלק וואָס האָט דער וועלט געגעבן אַ וויזיע פון אַ צוקונפטיקער — גאָלדענער צייט — אַ באחרית הימים? אויב ס'איז פאַראַן אַ ייִדישער וועלטבאַנעם איז עס אין דער ערשטער ריי דער רעיון — אַז די וועלט איז כסדר אין אַ פּראָצעס פון ווערן, פון ענדערן זיך; אַז מיר קענען זי מתקן זיין, אָדער מאָדערן אויסגעדריקט: דער מענטשלעכער ווילן באַשטימט די כוואַליע פון דער צוקונפט. דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ גייט ערשט אַרויס פון פּיאָנערן־פּעריאָד: מיר טרעטן איצט אַריין אין דער תקופה פון אַמעריקאַנער ייִדישער שעפערישקייט, פון העלפן זיך אַליין מיט תורה און חכמה. אין דעם פּעריאָד קען די ייִדיש־וועלטלעכע שול, אויב זי וועט

זיך קאָנצענטרירן אויפן עיקר, — דערציאונג פאַר אַ שעפערישן קיום פאַר מאָדערנע, נישט־דאָגמאַטישע, נישט קאָנפאָרמיסטישע ייִדן — גע־ווינען די בעסטע פאָרשטייער פון דער יונגער אינטעליגענץ און באַדיי־טנדיקע שיכטן פון דער היגער עלטערנשאַפט.

(1962)

# אַמעריקע — אין דער ייִדישער שול

די טוערס פון די אַרבעטער־רינג־ און שלום־עליכם־שולן האָבן באַלד פון אָנהייב אַקצעפּטירט אַמעריקע ווי אונדזער היים. איינער פון די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער שול־אידעאָלאָגיע איז אוטעטאָמיקייט — אַז וואו מיר זיינען קענען מיר זיין ייִדן, אויב מיר ווילן עס שטאַרק; און אַז מע קען אויך אין אַמעריקע ממשיך זיין אַ פולבלוטיק ייִדיש לעבן. אמת, גלות מיינט שטענדיקע שפּאַנונג — און כסדרדיקע זאָרג וועגן קיום; אָבער מיר פילן אַלע, אַז הגם עס איז לייכטער צו זיין אַ ייִד אין אַ ייִדיש לאַנד, איז אָבער אַ ייִדישע מדינה נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר מאַקסי־מאַלער ייִדישקייט. עס זיינען געווען תקופות אין דער ייִדישער געשיכטע ווען ייִדישע שעפערישקייט אין ארץ־ישראל איז געשטאַנען אויף אַ נידע־ריקערער מדרגה ווי אין גלות.

מיר, די וועלטלכע ייִדן, האַלטן עס כמעט פאַר אַקסיאָמאַטיש, אַז די ייִדישע טראַדיציע אַנטוויקלט זיך כסדר און אַז יעדער דור שאַפט זיין תורה שבעל־פה וואָס ווערט שפּעטער קאַנאָניזירט. דער געדאַנק אַז דעמאָקראַטיע איז דער הויפּט־אָנשפּאַר פאַר ייִדישן קיום אין אַמעריקע איז אַ גרונט־יסוד אין אונדזער וועלט־באַנעם און שול־אידעאָלאָגיע.

אין די שולן פון אַרבעטער־רינג און שלום־עליכם־אינסטיטוט ווערט אַמעריקע און דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע באַטאָנט, הגם נאָך ווייט נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס. די אַמעריקאַנער יום־טובים ווי דער פערטער יולי, דעקאָרעישאָן־דעי, טענקסגיווינג און די געבוירן־טעג פון וואַ־

שינגטאָן און לינקאָלן, ווערן געפּייערט מיט אונדזערע קינדער. אין אונדזערע טעקסטביכער האָבן מיר אָפּטיילונגען וועגן אַמעריקע. אין די טעקסטביכער זיינען אויך פאַראַן ביאָגראַפיעס, שילדערונגען פון ייִדיש־אַמעריקאַנער העלדן, און וועגן דעם אָנהייב פון ייִדישן ישוב אין אַמעריקע.

אין אונדזערע מיטלשולן ווערט געגעבן אַ קורס איבער געשיכטע פון ייִדן אין אַמעריקע. מיר באַקענען אויך די תּלמידים אין אונדזערע מיטל־שולן מיט די צענטראַלע ייִדישע פּראָבלעמען און מיט די אינסטיטוציעס וועלכע שטעלן צוזאַמען דאָס אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילה־לעבן אין אַמע־ריקע. אַחוץ דעם ווערן די קינדער באַקאַנט גאַנץ אויספירלעך מיט די שטרעמונגען אין ייִדישן רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן, און סאָציאַלן געדאַנק במשך די לעצטע 150 יאָר, מיטן הויפּט־טראָפּ אויף אַמעריקע.

די לעצטע לערער־באַראַטונג פון די ש"ע־און אַרבעטער־רינג־שולן האָט אַרויסגעבראַכט צוויי שטאַנדפּונקטן. דער רוב לערער האָט געטענהט אַז דאָס ביסל וואָס מיר שליסן אײַן אין קוריקולום וועגן אַמעריקע איז נישט גענוג. מע מוז זיך קאָנצענטרירן מער אויפן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע; הגם אונדזער היגע געשיכטע איז נאָך יונג און מיר האָבן ווייניק לע־גענדאַרישס וואָס קען פאַרכאַפּן די קינדער, מוז מען אָבער אַריינברענגען דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שעפעריש־ייִדישע פון אונדזער היגן ייִדישן לעבן אין דער שול.

די ייִדישע ליטעראַטור, האָט דער צד געטענהט, שטעקט נאָך אַלץ אין דער אימיגראַנטישער עפּאָכע — אין דער צייט פון „סוועטשאָפּ" און דעם אויפקום פון אַן אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן אין אַמעריקע. די לעצטע 25 יאָר ווערן נאָך דערווייל נישט גענוג אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש. דאַרף מען איבערזעצן פון די ענגליש־ייִדישע שרייבערס דאָס בעסטע פון זייערע שאַפונגען און דאָס ברענגען צו אונדזערע קינ־דער. מע מוז צוביינדן די קינדער וואָס מער און זיי פאַראַנקערן וואָס טיפער אין דעם ייִדישן לעבן פון אַמעריקע. ווייל אויב מיר ווילן עס זאָל זיין אַ דאָרטן, מוז אויך זיין אַ דאָ; מע קען נאָר דעמאָלט האָפן צו געווינען חלוצים פאַר ארץ־ישראל, ווען מיר וועלן אויפוועקן אַ גלויבן אין די שעפערישע מעגלעכקייטן פון היגן ייִדישן לעבן און אַ בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ ייִדיש לעבן אויפן אָרט. נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן ביי אונדזער יוגנט פאַרפלאַנצן אַ גלויבן אין דער צוקונפט פון היגן ייִדישן ישוב,

וועלן זיי אפשר שטרעבן צו אַ נאָך מער שלימותדיק יידיש לעבן — אין ישראל. אויב אָבער מיר וועלן שפּרייטן דעפּיטיזם און האָפענונגסלאָזיקייט בנוגע אונדזער צוקונפט דאָ, וועלן מיר אַוודאי נישט דערציען קיין יידישן דור פאַר דאָרטן.

די דאָזיקע לערערס האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מע זאָל באַקענען די היגע יידישע שרייבערס מיט דער פּראָבלעם און בעטן יענע פון זיי וואָס זיינען פּאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, זיי זאָלן אַרויסהייבן וואָס מער פּאָזיטיווע טיפּן כדי מיר זאָלן דאָס קענען ברענגען צו אונדזערע תלמידים אין די שולן; אויך אַז דער „פּעדאַגאָגישער בולעטען" זאָל האָבן פּראָיעקטן איבער היגע יידישע אינסטיטוציעס; עס זאָלן אַראַנזשירט ווערן קאָנטעסטן איבער פּראָבלעמען פון יידישן היגן לעבן; וואָרטקינסטלער זאָלן מאָלן יידיש־אַמעריקאַנער העלדן וואָס וועלן אידעאַליזירט ווערן מצד אונדזער יוגנט. אַזעלכע געשטאַלטן זיינען אַן עמאַ לאַזאַרוס, אַ לואי בראַנדייס, אַ ברוך וולאַדעק. אויך דער אָנהייב פון דער יידישער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע פאַרמאָגט אין זיך לעגענדאַרישס און דאַרף דעריבער פאַרקערפּערט ווערן אין די כרעסטאָמאַטיעס פאַר די יידישע שולן. דער עיקר פון אַלץ אָבער איז, אַז דער לערער זאָל שאַפן אַן אַטמאָספער און אַ גלויבן אַז דאָ קענען מיר לעבן ווי גאַנצע יידן.

געווען אויך אַן אַנדער צד צווישן די לערערס, אמת אַ מיעוט בלויז, וואָס האָט געטענהט, אַז ווייל דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז נאָך כאַאָטיש; ווייל עס האָט זיך נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט קיין „נוסח אַמעריקע", קען מען דעריבער נישט מאַכן קיין גרויסן ווען פון אונדזערע קליינע נאַציאָנאַלע אויפטוען אויפן היגן באָדן. די שעפערישע דערגרייכונגען פון דער יידישער אַמעריקע זיינען דערווייל צו קליין אַז זיי זאָלן קענען צינדן און שפּייזן דעם אידעאַליזם פון אונדזער יוגנט. דעריבער קען מען אויך נישט „באַשטעלן" ביי די שרייבערס קיין יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווייל עס האָט זיך נאָך נישט אויסגעפורעמט קיין יידיש־אַמעריקאַנער טיפּ; און פון דעם ביסל אינסטיטוציעס וואָס מיר האָבן, קען מען נאָך דערווייל נישט מאַכן קיין לימוד.

מע האָט זיך אויך באַקלאָגט אַז עס איז שווער פאַרן יידישן שרייבער צו שרייבן אין יידיש פאַר אונדזער יוגנט, ווייל ער דאַרף באַנוצן אַזאַ

פאַרוואַסערט בלוטלאָז לשון (כדי די קינדער זאָלן עס פאַרשטיין) אויף וועלכן קיין קינסטלער קען גאָרנישט אויסדריקן.

⁂

די טיפערע קולטור־ציוניסטן זעען אַלץ מער איין אַז יידישע דער־ציאונג אין אַמעריקע דאַרף זיין עם־ישראל־צענטריש, נישט מדינת־ישראל צענטריש. אַזעלכע ציוניסטן ווי מאָריס סעמיועל, ראָבערט גאָרדיס, מרדכי קאַפּלאַן האָבן שוין לאַנג צוריק איינגעזען אַז קיין זאַך איז נישט פער־מאַנענט אין דער יידישער געשיכטע אַחוץ — יידיש פאָלק. „די הנחה אַז עס איז אין תוך אוממעגלעך פאַר אַ יידן זיך פילן היימיש אין אַ נישט־יידישער סביבה, איז אַן עצה פון פאַרצווייפלונג, און מיר קענען נישט בויען אַ חינוך־סיסטעם אויף פאַרצווייפלונג". (זע: ד"ר מ. מ. קאַפּלאַנס בוך „די צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייד", זייט 435). די דאָזיקע הנחה איז שוין ביים סאַמע אָנהייב פון די שלום־עליכם־שולן אָפּגעוואָרפן געוואָרן. שוין אין 1927 האָט די שלום־עליכם־שול־אידעאָלאָגיע אַקצעפּטירט אַמעריקע און האָט געשטרעבט „אויפן פּראָדוקטיווסטן אופן הארמאָניש צו באַהעפטן די אַלגעמיין־ אַמעריקאַנער אין די יידיש־וועלטלעכע דערציאונגס־עלע־מענטן". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז וועלטלעכע יידישקייט דאַרף אינטעגרירט ווערן מיט אַמעריקאַנישקייט, כדי מיר זאָלן אָנהאַלטן אונדזער אידענטיטעט אין אַמעריקע. דערביי זאָלן מיר זיך נישט באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אויך־יידן, נאָר אַנטוויקלען דאָ אַ פולבלוטיק, קרעאַטיוו יידיש לעבן.

אַפילו ווען איר בויט נישט אויף אַנאַלאָגיעס מיט אַנדערע עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע; אַפילו ווען איר זייט מסופק צי דער צווייטער און דריטער דור פון סקאַנדינאַוון און איטאַליענער וועט זיך אָנשטרענגען אָנצוהאַלטן אַ סעפּעראַט גרופּן־לעבן; אַפילו דאַן האָט אַמעריקע גענוג לעבנס־רוים פאַר אונדזער אייגנאַרטיקן יידישן קיום אויב אונדזער נאַ־ציאָנאַלער לעבנס־ווילן וועט נישט פאַרוואַסערט ווערן. דער דע־מאָקראַטישער לעבנס־סדר, ווי האָראַס קאַלען און לעצטנס פּראָפ' אָסקאַר הענדלין האָבן באַוויזן, אַנערקענט דאָס רעכט פון יחידים און אויך פון גרופּעס צו זיין אַנדערש פון דער מערהייט־באַפעלקערונג. (זע: אָסקאַר

הענדלין: „דאָס לעבן פון גרופּעס אין אַמעריקאַנער לעבן־שטייגער"; אין „קאָמענטאַרי", נאָוועמבער 1949). ס'וועגדט זיך דער עיקר אין אונדז גופא צי מיר ווילן אָנהאַלטן און פונאַנדערבויען אַ רייך, פילקאָלירנדיק ייִדיש לעבן אין אַמעריקע.

אַוודאי זיינען דאָס, הײַנט־צו־טאָג, שיער נישט טרואיזמען. אָבער פאַראַן נאָך גענוג קולטור־טוערס און לערערס וואָס מעסטן אַלצדינג אין אַמעריקע מיט דער היימיש־אייראָפּעאישער מאָס; אויב דער צערעמאָניאַל פון בר־מצווה, און בת־מצווה — אָדער פון פּסח־סדר, למשל, — איז אַנדערש פון היימישן ריטואַל וואָס זיי געדענקען פון די קינדער־יאָרן, איז אַ סימן, אַז עס טויג נישט. אין־דער־אמתן הייסט דאָס נישט אַנערקענען אַז אויך דער היגער פינף־מיליאָניקער ייִדישער קיבוץ האָט אַ רעכט צו שאַפן אַ ייִדיש־קייט „נוסח־אַמעריקע". אָבער נישט געקוקט אויף אַלע שוליי־אַמעריקע, פאָרמירט זיך טאַקע פאַר אונדזערע אויגן אַן אַמעריקאַנער ייִדישער לעבן־שטייגער און עס קומט פאַר אַן אויפשוואונג אויף אַ סך געביטן פון אונדזער קולטור. מיר, לערערס און קולטור־טוערס, דאַרפן זיך באַפרייען פון דעם שפּלות־קאָמפּלעקס לגבי אַמעריקאַנער ייִדישער שעפערישקייט.

קיינער וועט נישט פאַרגלייכן די נאַציאָנאַלע אויפטוען פון היגן ייִדישן קיבוץ צו דער גייסטיקער ירושה וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט דאָס פאַרשניטענע מזרח־אייראָפּעאישע ייִדנטום; קיינער טאָר אָבער אויך נישט מינימיזירן די אינסטיטוציאָנעלע און קולטורעלע דערגרייכונגען פון יונגן היגן ייִדישן ישוב. אַז די ייִדישע ליטעראַטור — ספּעציעל די פּאָעזיע — האָט דאָ געהאַט אַ גאָלדענע תקופה, איז אַ דבר ידוע; אַז אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם ווערק וואָס הייסט: מדינת־ישראל, וועט אויך קיינער נישט באַשטרייטן. ס'איז צייט אָבער, אין אונדזערע ייִדיש־קרייזן, איינצוזען אַז די ווערק פון מרדכי קאַפּלאַן, מילטאָן שטיינבערג, מאָריס סעמיועל, אַ טייל ביכער פון לודוויג לויסאָן, טשאַרלס אַנגאָף, האָראַס קאַלען, די אויטאָביאָגראַפיע פון מאָריס קאָהען, און די ווערק פון אַ ריי אַנדערע — הגם זיי זיינען געשריבן אין ענגליש — זיינען דאָס פונדעסטוועגן ייִדיש־נאַציאָנאַלע ווערק. דאָס זיינען ביכער פון אַ נאַציאָנאַל־דערציערישן ווערט וואָס קענען העלפן פאַרפלאַנצן אין אונדזער היגער יוגנט ייִדישע געפילן און אידעען.

ווי קאָנקרעטיזירט מען אָבער דעם דאָזיקן איינשטעל אין אונדזער

קוריקולום? צו די אַלע גוטע סוגעסטיעס וואָס די חברים לערערס האָבן געמאַכט וויל איך פֿאָרשלאָגן מע זאָל איינפֿירן, אין לעצטן יאָר פֿאָלק־שול, דעם לימוד: אַמעריקאַנער ייִדישע געשיכטע. פֿאַר דעם צוועק איז נייטיק אַ באַזונדער ביכל וואָס זאָל אין אַ לייכטער פֿאָרם דערציילן דעם עפּאָס ייִדיש־אַמעריקע; ווי עס איז אויפֿגעקומען דער אַמעריקאַנער קיבוץ־גלויות מיט זיינע פֿאַרצווייגטע אינסטיטוציעס, מיט די אומצייליקע כאַראַקטערפֿולע פּערזענלעכקייטן, און וועגן דער קאָלאָסאַלער ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט בעת די צוויי וועלט־מלחמות — סיי ביים אויסקעמפֿן מינאָריטעטן־רעכט, סיי ביים שאַפֿן די ייִדישע מדינה. דאָ איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל דראַמאַטישקייט, אַזוי פֿיל ליכט און צוזאָג וואָס וועט פֿאַרכאַפּן אונדזערע קינדער! אַן עמנואל נח און עמאַ לאַזאַרוס, אַ מאָריס ראָזענפֿעלד און אַ יוסף באַראָנדעס, אַ לואיס בראַנדייס און אברהם ליעסין — זיי און נאָך אַנדערע דאַרפֿן זיך נישט פֿילן געפֿאַלן לגבי אונדזערע טרוימערס און מנהיגים פֿון פֿריערדיקע תּקופֿות. אַרום אַ טייל פֿון זיי וועלן שפּעטערדיקע דורות אפֿשר שפּינען לעגענדעס. שוין איצט, מיין איך, קענען זיי ווייזן אַ מוסטער פֿון אַ גוטן אַמעריקאַנער ייִד, און שוין היינט וועלן זיי וועקן גלויבן אין דער צוקונפֿט פֿון ייִדן אויפֿן היגן קאָנטינענט.

**(1951)**

# דער עקסיסטענציאַליזם און דער קריזיס אין דערציאונג

מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק איז געווען אַנאָנסירט אין היגן וואָכנבלאַט „ניו־לידער״ אַ דעבאַטע צווישן צוויי יונגע געלערנטע, פּראָפֿעסאָרן אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און אין קאָלאָמביע — איבער עקסיסטענציאַליזם. איך און אַ חבר מיינער זיינען צוגעקומען צום זאַל, און ווי אַנטוישט זיינען מיר ביידע געווען ווען מ׳האָט אונדז דערקלערט אַז דער אודיטאָריום פֿון עטלעכע הונדערט מענטשן — איז איבערגעפּאַקט און ס׳איז מער קיין

אַרט נישטאָ. די עקסיסטענציאַליסטישע שיטה איז שוין אויך דאָ, אין אַמעריקע, ווייט אַריבער די ד׳ אמות פון אוניווערסיטעטן און אינטעליגענטישע זשורנאַלן. מ׳באַגעגנט אָפט אַרטיקלען אין פּאָפּולערע פּעריאָדישע שריפטן אויף דער טעמע, און אַזעלכע נעמען ווי ניבור, טיליטש, זשאַק מאַריטען זיינען ברייט באַקאַנט ווי די טעאָרעטיקער פון דער פילאָסאָפיע.

וואָס וויל דער עקסיסטענציאַליזם? מ׳קען נישט באַצייכענען דעם עקסיסטענציאַליזם ווי אַ סיסטעמאַטישע שיטה; ס׳איז אַ רעוואָלט קעגן דער טראַדיציאָנעלער פילאָסאָפיע, ווייל זי איז אַקאַדעמיש, ווייט פון לעבעדיקן מענטשן, און פלאַך־אָפּטימיסטיש. ס׳איז אַ פּראָטעסט וואָס דריקט אויס דעם נייעם גייסטיקן קלימאַט פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיר לעבן כסדר אין מלחמה־שפּאַנונג, אין אַ שטימונג פון נישט אַהין־נישט אַהער, ווען דער באָדן אונטער די פיס איז אומזיכער. דער עקסיסטענציאַליזם דאָס איז די איראַציאָנעלע כוואַליע אין דער וועלט פון אידייען וואָס לייקנט און וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק אַז מ׳קען דערגרייכן אָביעקטיווקייט און אמת. דער מענטשלעכער מוח און שכל זיינען פאַרשפּאַרט, און דער מענטש איז פאַרמשפט צו שטערבן, צו זוכן אָבער נישט צו געפינען — מיינען די עקסיסטענציאַליסטן. לויט דער עקסיסטענציאַליסטישער וויזיע איז דאָס מענטשלעכע לעבן פול מיט פּאַראַדאָקסן. דער מענטש פּרוּווט זיך שאַפן טעאָריעס דורך פאַראַלגעמיינערן זיין דערפאַרונג, אָבער ער איז פון דער נאַטור גענייגט צו זיין ענג־פּאַרטייאיש; ער וויל זיך פאַרבינדן מיט זיינע מיטמענטשן, אָבער אין דער אמתן איז ער איזאָלירט אין זיך גופא; ער שטרעבט צום גרענעצלאָזן, צום אַבסאָלוטן, אָבער זיין שכל איז באַגרענעצט און ער איז רעלאַטיוו סיי אין זיינע מחשבות, סיי אין זיינע טואונגען. פאַר דעם מענטשנס מצב זיינען כאַראַקטעריסטיש — לויט דעם עקסיסטענציאַליזם — קריזיס, שפּאַנונג, איינזאַמקייט, פאַרצווייפלונג, אַנגסט.

אַז דער באָדן אויף וועלכער דער עקסיסטענציאַליזם איז אויסגעוואַקסן איז נישט קיין געזונטער — איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. די צוויי וועלט־מלחמות, מיט זייערע פיזישע פאַרוויסטונגען, און דער חורבן אין די הערצער און מוחות פון עטלעכע דורות; אַ יאָרהונדערט פון געצנדינסט און אוטאָפּיסטישע האָפענונגען אויף אייביקן שלום, יושר און כסדרדיקן פּראָגרעס — אָט דאָס איז דער מקור פון דער וויזיע. ס׳איז אַ חזיון וואָס וואַרפט אָפּ דעם גלויבן אין פּראָגרעס, וואָס באַטאָנט דאָס טראַגישע אין מענטשלעכן לעבן

און וואָס האַלט אַז דער אמת איז סוביעקטיוו, קאָנקרעט און אינדיווידועל. ער הייבט אויף דעם ווערט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און ער שטרייכט אונטער דאָס עמאָציאָנעלע לעבן וואָס איז וויכטיקער ווי דער אינטעלעקטועלער אַספּעקט. „וואָרעם דאָס האַרץ האָט זיינע סיבות וואָס דער מוח קען נישט באַנעמען".

דער עקסיסטענציאַליזם איז ווייט אַריינגעדרונגען אין דער היינט־צייטיקער פילאָסאָפיע, אין דער ליטעראַטור און אין דער טעאָלאָגיע. איצט פּרוּווט ער משפיע זיין אויף דער פּסיכאָלאָגיע און דער דערציאונג. און פּונקט ווי אַנדערע אידעען־שיטות — דער רענעסאַנס־הומאַניזם אָדער דער פּראַגמאַטיזם למשל — האָבן קאָנקרעטיזירט זייערע וועלט־אַנשויאונגען אין אַ דערציאונגס־פילאָסאָפיע מיט אַ ספּעציפישן קוריקולום, אַזוי וויל דער מחבר אונדז אָנווייזן אויף די דערציערישע אימפּליקאַציעס פון עקסיסטענציאַליזם*.

2

אַלע וואָס פאַרשן דעם קריזיס אין דער אַמעריקאַנער דערציאונג ווייזן אָן אויף אַ גרונט־מאָמענט: יחיד און כלל; ווי אַזוי האַרמאָניזירט מען די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו וואָס דערפירן צום סאָציאַלן קאָנפאָרמיזם, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט איז פאַראַן די נאַטירלעכע, איינגעבאָרענע פאַרשיידנקייט ביי מענטשן וואָס פאַרלאַנגט, — אין די אינטערעסן פון דער פּערזענלעכקייט, און אויך צוליבן כלל — אַנדערשקייט, אָריגינאַליטעט. ווי האַלט מען אויף אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט אין אַ קאָמפּליצירטן סאָציאַלן אָרגאַניזם וואָס אַנטמוטיקט דעם אויסנאַם־מענטש, דעם ניט־קאָנפאָרמיסט? ווי גרייט מען צום בעסטן צו די יוגנט אָנצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען איר איניציאַטיוו, איר טאַלאַנט אין אַ וועלט וואָס באַלוינט מער אָרדענונג, צופּאַסונג צום דורכשניט, ווי אינדיווידועלן אויפטו? אונדזער דינאַמישע געזעלשאַפט האַלט זיך כסדר אין בייטן און זי בייטיקט זיך אין מענטשן וואָס זיינען פעאיק אויפצונעמען דאָס נייע, וואָס זיינען עמפּינדלעך צו ענדערונגען; אָבער דאָס איז מחייב די דערמוטיקונג פון טאַלאַנטירטן

* *Existentialism and Education,* by George F. Kneller, Philosophical Library, N. Y. 1958.

אויסנאַם־מענטשן. גלייכצייטיק דערמיט מוז מען געדענקען אַז דער היינטי־קער קאָמפּליצירטער סאָציאַלער אָרגאַניזם נייטיקט זיך, כדי אַלע שרייפּעלעך פון דער מאַשין זאָלן זיך כסדר דרייען, אין אַדמיניסטראַטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרס, ספּעציאַליסטן, ביוראָקראַטן. אָן דעם וועלן מיר האָבן אַ כאַאָס. דער דאָזיקער אַספּעקט פון דער ציוויליזאַציע שאַפט אַן אַטמאָספער וואָס איז עלול צו האַמעווען אינדיווידועלע שעפערישקייט און וואָס פירט צו קאָנפאָרמיזם, און צו געזעלשאַפטלעכער סטאַגנאַציע. ווי לייזט מען אָט די דילעמע?

אָט דאָ קומען מיר צום עקסיסטענציאַליזם וואָס הערט נישט אויף אונטערצושטרייכן די פּראָבלעם פון ראַטעווען די פּערזענלעכקייט וואָס ווערט ניוועלירט אין בבל פון אומפּערזענלעכע כוחות. דער צענטראַלער מאָטיוו אין עקסיסטענציאַליזם באַשטייט אין דעם אַז מענטשלעכע עקסיסטענץ מיינט אינדיווידועלע עקסיסטענץ. ס׳איז אַ פּרואוו אָפּצושוואַכן דעם דרוק, און די פאָדערונגען פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, און אויף ס׳ניי צו זוכן אַ דערציאונג פון און פאַר דעם יחיד. דער עקסיסטענציאַליזם איז דער עיקר פאַראינטערעסירט אין געמיט פון מענטשן, אין זיין פעאיקייט זיך צו ווידמען זיינע אייגענע אמתן, און זיין כוח ליב צו האָבן און אָפּצושאַצן ווערטן: צו זיין עכט, אויטענטיש מיט זיך. דאָס גוטע מיינט פאַר אים די אַפירמאַציע פון „איך״; שלעכטס — הייסט נאָכגיין בלינדערהייט נאָך דער מאַסע.

פון דעם קומט אַרויס דער געדאַנק אַז דער לערער טאָר נישט באַשיצן דעם תּלמיד קעגן די פאָלגן פון זיינע אייגענע באַשלוסן. דער תּלמיד דאַרף פאַרשטיין אַז ער טאָר נישט וואַרפן די שולד אויף דער סביבה, אויף זיין פאַמיליע, אויף דער מענטשלעכער נאַטור, אָדער אויף אַ שלעכטער עצה. פּנים אל פּנים מיט זיך שטייט דער מענטש אַליין. דעריבער דאַרף מען פאַרפלאַנצן אין אים דאָס באַוואוסטזיין אַז עס זיינען אומפאַרמיידלעך, ביי יעדן יחיד, פעריאָדן פון פרוסטראַציעס און איינזאַמקייט. אַזוי ווי דער אמת איז סוביעקטיוו, הייסט עס אַז עס זיינען נישט פאַראַן קיין אָביעקטיווע קריטעריעס פאַר דעם וואָס איז גוט, שיין און ריכטיק. אויסצוגעפינען דאָס מוז דער מענטש אַריינקוקן אין זיך גופא.

פון דעם דרינגט אויך אַרויס דער אויספיר אַז דער לערער טאָר נישט אַרויפצווינגען זיינע באַליבטע ווערטן אויפן תּלמיד, ווייל דאָס קען ווערן אַ שולחן ערוך פאַר אַן אויפפיר וואָס ווערט אומקריטיש אָקצעפּטירט — און דאָס הייסט אָננעמען יענעמס אמת. און ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערע זינד

פאַרן עקסיסטענציאַליזם ווי אָננעמען פאַרטיקע אמתן וואָס מ׳האָט אַליין נישט דורכגעוויטיקט; „ווען איינער הערט ווי זיינע אידעען ווערן בוכשטעבלעך ציטירט דאַרף ביי אים דאָס האַרץ איינזינקען״.

סיי דער פראַגמאַטיזם פון דזשאַן דיואי, סיי דער עקסיסטענציאַליזם, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, באַטאָנען די וויכטיקייט פון יחיד. אָבער בעת דיואי זעט דעם מקור פון ווערטן אין דער קעגנזייטיקער השפעה פון יחיד און סביבה, האַלט סאַרטר אַז בלויז דער יחיד באַשאַפט ווערטן — ווערטן וואָס מאַכן דעם זומפּ פון מענטשנס דערפאַרונג פאַרשטענדלעך און זינפול פאַר אים. פאַר דעם פראַגמאַטיסט איז דער אידעאַל: דער אינטעגרירטער און צוגעפּאַסטער מענטש. ווערטן פאַר דיואין ליגן פאַרבאָרגן אין דער דערפאַרונג פון כלל, און די באַטייליקונג אין דער געזעלשאַפט איז דער דרך־המלך וואָס פירט צו דער דערציאונג פון יחיד. דערפאַר האָט די פּראָגרעסיווע דערציאונג — וואָס איז געבויט אויפן פראַגמאַטיזם — אַזוי שטאַרק באַטאָנט דאָס סאָציאַלע. פּראָגרעס מיינט ענדערונג, בייקייט און דאָס הייסט אַז די רעאַליטעט איז נישט קיין פאַרענדיקטע. דעריבער קומען אויף כסדר נייע פּראָבלעמען און דיואיס שלאָג־וואָרט איז געוואָרן: „פּראָבלעם־לייזונג״. דאָס איז אַן אַרויסרוף צום אינטעלעקט וואָס דאַרף כסדר פאַרשן די שינויים אין דער געזעלשאַפט און ווי אַזוי זיך צוצופּאַסן צו זיי. נישטאָ דאָ קיין אייביקע ווערטן און צילן, סיידן אפשר דער וואוקס פון תלמיד.

פאַרן עקסיסטענציאַליזם איז אַליין־עקזאַמינירונג און אַליין־דערקענונג, נישט סאָציאַלע צופּאַסונג, דאָס ערשטע געבאָט. דאָ איז נישט וויכטיק צו פאַרענטפערן פּראַגעס — וואָרעם מ׳קען דאָך גאָרנישט לייזן די תוכיקסטע פּראַגעס פון מענטשלעכער עקסיסטענץ! די הויפּט־אויפגאַבע איז — לויטן עקסיסטענציאַליזם — אַריינצוהאַמערן אין מענטשן די פּראַגעס ביז וואַנען זיי ווערן פאַרן יחיד פערזענלעך דרינגענדיק און פּיינפול. דעם תלמיד דאַרף מען, קודם כל, אָפּראַטעווען נישט פאַרן סדר העולם, נישט פאַר דער טראַדיציע נאָר פאַר זיין אייגענעם נישט־עקזאַמענירטן „איך״, און פון יענע וואָס שטערן אין זיין פרייען, מאָראַלישן אויסוואַל. דער לערער דאַרף דאָ נישט זיין אַן אומפּאַרטייאישער בורר, אָדער אַ מוסטער וועמען די תלמידים דאַרפן אימיטירן. אַוודאי דאַרף דער לערער טון זיינע פּראָפעסיאָנעלע פליכטן; אָבער ער דאַרף רעספּעקטירן דעם תלמידס „איך״, זיינע עלטערן און חברים. דאָס איז מחייב, לויט דעם מחבר, דריי צילן: (1) באַהאַנדלען

די לימודים אויף אַזאַ אופן אַז דער תלמיד זאָל אַליין אַנטדעקן דעם אמת; (2) ער דאַרף זיך באַמיען אַז דער תלמיד זאָל זעלבסטשטענדיק טראַכטן און זאָל זיין פריי און גוט; (3) דער תלמיד זאָל באַטראַכטן עפּעס ווי דעם אמת ווייל ער האָט זיך איבערצייגט אַז ס'איז אמת. דער העכסטער דערצי־ערישער ציל איז: דעם יחידס פאַרשן זיך אַליין. פאַר דיואין — כאָטש זיין היפּטאינטערעס איז דעם יחידס וואוקס און אַנטוויקלונג — דאַרף די געזעלשאַפט, ווען מ'דאַרף דעצידירן, האָבן די אויבערהאַנט. די געזעלשאַפט טאָלערירט די אונטערשיידן צווישן מענטשן וואָס זי שאַפט. די פּערזענלעקייט דאַרף פאַרקערפּערן די ווערטן וואָס זיינען אָנגענומען פון דער געזעלשאַפט. די קריטעריע איז אַלעמאָל: וואָס איז גוט פאַר דער גרעסטער צאָל. אָבער אויב סאָציאַלע צופּאַסונג איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט — לויטן פּראַג־מאַטיזם — וואָס וואָלט געשען מיט די גרויסע מאַרטירערס אין געשיכטע אויב זיי וואָלטן זיך צוגעפּאַסט? האָט זיך סאָקראַטעס צוגעפּאַסט צו דער מערהייט אין זיין צייט, און האָט ער געוואָרט אַז דער דעת הקהל זאָל מסכים זיין מיט אים? פאַרן עקסיסטענציאַליזם איז נישט וויכטיק דער מענטש ווי אַ סאָציאַלע באַשעפעניש, נאָר אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין צעבראָכנקייט; ווייל דאַן איז ער אויטענטיש, עכט, „גאַנץ", אויף דער העכסטער מדרגה; כמעט ווי ביי ר' מענדל קאָצקער: ס'איז נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ. דער לערער טאָר, דאָ, נישט פּרעזענטירן דעם תלמיד מיט פּאַליאַטיוון, פּסיכאָלאָגישע רפואות, אָדער אַנדערע ניצלעכקייטן. דעם פּראָ־בלעם־מעטאָד האַלט דער עקסיסטענציאַליסט פאַר אומפּערזענלעך און אומ־פּראָדוקטיוו, ווייל די פּראָבלעמען זיינען סאָציאַל־אָריענטירט און דאָס, מיינט ער, איז אומוויכטיק. נאָר אין פאַל די פּראָבלעם קומט אויף ביי דעם וואָס זוכט די לייזונג איז וויכטיק זי צו לייזן.

סאָקראַטעס מיט זיין כלומרשטן נישט־וויסן דאַרף זיין דער מוסטער פאַרן לערער־עקסיסטענציאַליסט, און דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט — נישט דער קוריקולום — איז דער עיקר. סאָקראַטעס איז דער מוסטערהאַפטער לערער ווייל, ערשטנס, האָט ער אויפגערודערט די אַטענישע יוגנט פון זיין צייט דורך זיין עכטקייט און אמתדיקייט. צווייטנס, האָט ער זי איבערצייגט אַז זי דאַרף עקזאַמענירן איר עקסיסטענץ און דאָס האָט זי געמאַכט אומ־צופרידן מיט איר לעבן. דריטנס, אַ דאַנק אים האָט די יוגנט איינגעזען אַז אירע אָקצעפּטירטע פילאָסאָפיעס, זיינען זינלאָז. פערטנס, די „סאָקראַטישע

איראָניע״ באַטייט אַז דער לערער מאַכט אַן אָנשטעל אַז ער קען נישט דעם ענין, כדי צו באַפרייען דעם סטודענט פון דער מורא פאַרן העכערן וויסן פון לערער.

בעת דער לערער גייט אָפּשאַצן, צוזאַמען מיט די תלמידים, דעם ווערט פון אַ היסטאָרישער, גרויסער פערזענלעכקייט דאַרף ער צו ערשט מודה זיין אַז ער — ווי סאָקראַטעס האָט געפּרעדיקט — ווייס נישט צי דער העלד האָט אַ באַטייט פאַר אונדז; דערנאָך עקזאַמענירן זיך און זיינע לעבנס־צילן, און ערשט דעמאָלט צוטרעטן צו געבן זיין אָפּשאַצונג. וואָרעם אַנדערש הייסט עס דאָך אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער אַרויפצווינגען אויפן תלמיד יענעמס אמת, און דאָס לייקנט אָפּ דעם תוך פון דערציאונג. ערשט ווען דער סטודענט אַפּראָפּריאירט דאָס לערנען ווי אַ טייל פון זיין וועזן — ערשט דאַן האָט עס אַ זין פאַר אים. אַזאַ צוגאַנג נעגירט די אוניווערסאַלקייט, די אָביעקטיוויקייט פון וויסן. אָבער לויט דעם עקסיסטענציאַליזם איז עס די איינציקע דערציאונג וואָס מ׳מעג אָנרופן הומאַניסטיש, ווייל דער מענטש ווערט דאָ דער יסוד פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין; און דער מענטש שטייט איבערן וויסן, איבערן שכל, איבער דער שול.

פון עקסיסטענציאַליסטישן שטאַנדפּונקט דאַרפן די סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן פאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין קוריקולום. נישט אַזוי צוליב זייער ווערט ווי אַן אַנאַליז און אָפּשאַצונג פון מענטשלעכע האַנדלונגען, נאָר מער צוליב דעם רושם וואָס זיי מאַכן אויפדעקנדיק דעם מענטשנס ליידן, טראַגעדיעס, האַס, ליבע, פאַרגעניגנס. אין דער ליטעראַטור, ווי אין די אַנדערע צווייגן פון קונסט, ווערן דעמאָנסטרירט עכטע שעפערישקייט און עכטע עקסיסטענץ. דאָס אַלץ קען זיין אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַרן סטודענט און אים העלפן זיך דערקענען. דורך די סאָציאַלע וויסנשאַפטן קריגן מיר אַ געלעגנהייט צו פאַרשטיין טיפער די שייכות פון יחיד און דער גרופע.

3

אַפילו ווען איר זעט נישט די תרופה וואָס דער עקסיסטענציאַליזם האָט פאַרצולייגן אויף געזונט־מאַכן די היינטיקע קראַנקע וועלט; אַפילו ווען איר פילט אַז דאָס איז בלויז אַ רעאַקציע פון סופּער־סענסיטיווע יחידים צו דער רעגימענטאַציע וואָס אַ טעכנאָלאָגישע ציוויליזאַציע האָט געבראַכט;

און אַפילו ווען איר מיינט אַז די שיטה דריקט אויס דעם מאָדערנעם צע־רודערטן גייסט, אָדער איז אַ שאָק־באַהאַנדלונג פאַר אַליין־צופרידענע אָפּ־טימיסטן — אַפילו ווען איר זעט דאָס אַלץ איין, קענט איר פונדעסטוועגן נישט גרינג־שעצנדיק אָפּוואַרפן די עקסיסטענציאַליסטישע קריטיק אויף אונדזער וועלט. עס זיינען נישטאָ ביי קיין שום היינטיקער אידעאָלאָגיע קיין פשוטע היילמיטלען פאַר דער קאָמפּליצירטער קראַנקייט פון דער איצטיקער ציוויליזאַציע; דער עקסיסטענציאַליזם האָט זיכער זיינע פאַרדינסטן. ער ציט די אויפמערקזאַמקייט צו דער איבערשאַצונג פון דער איצטיקער מאַסן־קולטור מיט אירע געפאַרן פאַר דער פּערזענלעכקייט. ער דערמאָנט אַז מיר זיינען אַוועק צו ווייט אין אונדזער באַטאָנען דעם כלל, און אַז מיר האָבן פאַרגעסן אַז די גרופּע באַשטייט פון יחידים. ער מאַכט אַ דראַמאַטישן אַפּיל צו יענע וואָס האָבן ליב פרייהייט, פאַרשיידנאַרטיקייט און שעפערישע אָרי־גינאַליטעט. ער רופט צו אַליין־קריטיק און צו אומצוטרוי אין סטערילע אַבסטראַקציעס, און אָביעקטיווע אַבסאָלוטן. ער באַטאָנט דאָס עמאָציאָנעלע אין מענטשלעכן לעבן. און מע מוז דאָך מודה זיין אַז יוגנטלעכע פאַרברע־כערישקייט וואָלט אפשר פאַרקלענערט געוואָרן ווען דער לערער זאָל קול־טיווירן אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע עמאָציעס.

אָבער גלייכצייטיק דערמיט דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן אַז שוואַר־צער פּעסימיזם איז נישט קיין פּאַסיקער קעגנגיפט צו אַליינצופרידנקייט, און עקסטרעמער סוביעקטיוויזם איז נישט קיין שפּיגל אין וועלכן מ׳קען קריגן אַ קלאָר בילד פון דער וועלט. צווייטנס, ווי קען מען נעמען ערנסט די מאָטאָ: פאַרש און דערקען זיך, ווען מ׳נעגירט דעם כלל? צי קען מען באַטראַכטן דעם „איך״ אָפּגעטיילט פון דער סביבה, ווען צום גרויסן טייל רעפלעקטירט דאָך אונדזער פּערזענלעכקייט די פריערדיקע דורות, די עלטערן און די סביבה. אויב דער יחיד איז גייסטיק געזונט איז ער דאָך אַ רינגעלע אין דער קייט פון אַמאָל ביז היינט! און אויב דער יחיד איז דער איינציקער קוואַל פון ווערטן — ווייל ס׳איז נישטאָ קיין נאָרמען און קיין ווערטן־סיסטעם — הייסט דאָך דאָס דערקלערן אַ צושטאַנד פון תוהו ובוהו; טאָ, וואָסער אָרט פאַר אחריות וועט זיין אין אַ געזעלשאַפט פון כאַאָס? און צי וועט דער יחיד קריגן אַ תיקון ווען ער וועט זיך צוריקציען פון זיינע מיטמענטשן און ער וועט לעבן אין אַ חלל? אַן איזאָלירטע עקסיסטענץ איז אומפּרוכט־באַר און אוממעגלעך — אויב נישט אומעטיש.

צו סומירן: דער עקסיסטענציאַליזם האָט נישט קיין פּאַרטיקן ענטפער אויף דעם קריזיס אין דער אַמעריקאַנער דערציאונג. ער האָט אַפילו נישט געשטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז. ער האָט אָבער יאָ — ווי דער מחבר פון דעם בוך ברענגט עס שאַרף אַרויס — אַ סך אינטערעסאַנטע, טיפע אַריינבליקן אין אונדזערע איצטיקע דילעמעס, און דער ייִדישער לערער וועט אַ סך געווינען פון אַ קריטישן לייענען דאָס דאָזיקע בוך.

**(1961)**

# אַ בליק פאָרויס

(רעדע ביים יובל־באַנקעט פון ש״ע שולן, דעצ. 1963)

עס איז היינט ביי אונדז אַ גרויסער יום־טוב — אַ האַלבער יאָר־הונדערט ש״ע־שולן. איז עס גוט באַקאַנט, אַז דאָס זיינען געווען פינף יאָר־צענדליקער פון עקשנות, פון אידעאַליזם, פון אַקערן, און זייען אויף אַ האַרטן באָדן — פון גרויסע שוועריקייטן, פון נישט־דערפילטע האָפענונגען אָבער אויך פון אַ היפּש ביסל אויפטוען, דערגרייכונגען. וויל איך זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיטן נעכטן; נאָר בלויז מיטן נאָענטסטן מאָרגן.

אָבער קודם כל וואָס הערט זיך איצט? צי האָבן מיר עפּעס אָנגעגרייט פאַר מאָרגן? אַלע אונדזערע שולן האָבן זיך געעפנט היי־יאָר און מיר האָבן אויך געגרינדעט אַ נייע שול אין מאַנהעטן; און הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַ געהעריקן אַפּאַראַט וואָלט מען געקענט עפענען עטלעכע נייע שולן.

וואָס שייך קוואַליטעט שטייען מיר אויף דער וואַך נישט צו לאָזן פאַרקלענערן די צאָל לערן־שעהן אין די קלאַסן. מיר באַמיען זיך אָנצוהאַלטן אַ הויכן סטאַנדאַרד אין די לימודים. מע דאַרף אונטערשטרייכן, אַז מער ווי אַ העלפט פון אונדזערע שולן ווערן שוין אָנגעפירט פון יונגן היי־געבוירענעם דור.

און דאָס פירט מיך דירעקט צום מאָרגן פון אונדזערע ש״ע־שולן. עס איז אַקסיאָמאַטיש אַז דער אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער און די היגע סביבה

קענען נישט פאַרבלייבן אָן אַ ווירקונג אויף אַלע מינים יידישקייטן — אויף רעליגיעזער פּונקט ווי וועלטלעכער — ווערגן דעם איז נישט נייטיק זיך אויסצוברייטערן. הגם די אַמעריקאַנער גאַס — ווי מיר זעען עס אין חודש דעצעמבער — איז פאַרקריסטלעכט, בלייבט פונדעסטוועגן די סעפּאַראַציע פון קירך און מלוכה אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אין אַמעריקאַנער עפנטלעכן לעבן. פּלוראַליזם, אָדער דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט, איז אויך אַ צענטראַלער שטריך אין אונדזער דענקען און לעבן — סיי אין אַמעריקע בכלל סיי אין יידישן קיבוץ. אין דער דאָזיקער ליבעראַלער געזעלשאַפט וואו מיר לעבן איז אונדזער פיזישער קיום נישט אין סכנה; אונדזער הויפּט־זאָרג איז שעפערישע יידישע עקסיסטענץ.

אָבער, כדי צו פאַרזיכערן אַ קרעאַטיוון יידישן קאָלעקטיוו אין אַמעריקע, מוזן מיר האָבן צוזאַמענהאַלטנדיקע בענדער, רייפן, צאַמען, סיגים. פאַר די פופציק פּראָצענט נישט־אַפיליאירטע יידן קענען נישט גילטן די אַלטע צאַמען פון „מ׳מעג״ און „מ׳טאָר נישט״ — דאָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר מאָדערנע, פרייע יידן, פאַר וועמען דער תוך פון יידישקייט איז פאַרקערפּערט אין יידישן אוניווערסאַליזם וואָס ציט זיך פון די נביאים ביז אַלבערט איינשטיין. מיר, וואָס באַטראַכטן ווי אַ הויפּט־עלעמענט אין יידישקייט דעם עטישן דינאַמיזם — ווי לעאָ בעק האָט עס אָנגערופן — דעם משיחיזם, דעם באחרית הימים־אידעאַל — פאַר אונדז קען זיין די שטאַרקסטע צוזאַמענהאַלטנדיקע באַנד — שפּראַך, יידיש און העברעאיש; יידיש איז נאָך אַלץ דער בעסטער סיג אויפצוהאַלטן יידישן סעפּאַראַטיזם, וואָס סעפּאַרירט נישט, וואָס שאַפט נישט קיין געטאָ. דערפאַר בלייבט אונדזער ש״ע־שול מיט יידיש ווי אַ צענטראַלער לימוד באַרעכטיקט. יידיש, צוזאַמען מיט שבת־און יום־טוב־פייערונגען זיינען די בעסטע קאָמפּאָנענטן אין יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס זיינען צוגעפּאַסט און אָננעמבאַר פאַר מאָדערנע פרייע יידן אין אַמעריקע. אָט דאָס איז איין ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס יידיש? פאַראַן נאָך סיבות פאַרן לימוד פון יידיש, אָבער וועגן זיי איז נישט נייטיק דווקא היינט צו רעדן.

אַוודאי האָט זיך אַ סך געביטן אין יידישן לעבן במשך די לעצטע 25 יאָר, און דעריבער האָט זיך אויך דער גייסט פון אונדזער שול געענדערט: זי איז איצט מער יידישלעך, מער פאַראַנקערט אין דער היסטאָרישער ירושה. מיר האָבן אין די לעצטע 20 יאָר באַרייכערט מיט מער

יידישלעכן אינהאַלט אונדזער קוריקולום, און סיסטעמאַטיש איינגעשטעלט די פייערונגען פון שבת און יום־טוב. אָבער דער גרונט־ציל פון אונדזער שול איז געווען און בלייבט צו דערציען די יונגע דורות פאַר שעפערישן יידישן קיום וואָס איז האַרמאָניש מיט דער וועלט־אַנשויאונג, מיט דער מענטאַליטעט פון מאָדערנע יידן, און מיט די אויסגעפינסן פון דער וויסנשאַפט. אונדזער יידיש־וועלטלעכע שול מאַכט מעגלעך פאַר נישט־קאָנפאָרמיסטישע יידן צו בלייבן געטריי דעם תוך פון יידישקייט און גלייכצייטיק זי צוצופאַסן צום גייסטיקן קלימאַט פון אונדזער צייט.

און איצט דערלויבט מיר צו פאַרענדיקן מיט אַ ריי באַגריסונגען. אין דער ערשטער ריי וויל איך אויסדריקן אונדזער אָנערקענונג צו די פּיאָנערן שול־טוער; די זייער און פּלאַנצער, די היטער און אַפּהיטער פון אונדזער וויינגאָרטן. די אַלע וואָס האָבן ביים בראשית פון אונדזער שול געהאַט דעם מוט צו גיין קעגן דעמאָלטדיקן שטראָם פון „מעלטינג פּאָט״, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז גלייכצייטיק מיט דער אַמעריקאַניזאַציע דאַרף גיין אַ יידישיזאַציע; אַז מיר זיינען לויט זשיטלאָווסקיס אויסדרוק נישט בלויז 3 פּראָצענט פון אַמעריקע, נאָר 100 פּראָצענט פון זיך; אַז ריכטיק פאַרשטאַנענער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין סתירה צו אינטערנאַציאָנאַליזם; אַז צו ווערן אַ טייל פון דער גרויסער וועלט — דאַרף מע נישט אַנטלויפן פון זיך; וואָרעם אַ פרעמדער לעבנס־שטייגער קען נישט באַזינגען די אייגענע עקסיסטענץ. מיר זאָגן צו אייך מיט די ווערטער פון נביא ירמיה: זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה — דער היסטאָריקער פון דער שלום־עליכם־שול וועט געדענקען אַז אַ דאַנק אייער עכטקייט, אַ דאַנק אייער פאַרליבטקייט אין יידישער תורה און חכמה, אין יידיש און אין יידישן יום־טוב — אַ דאַנק דעם גייט אויף מיט געזאַנג וואָס איר האָט פאַרזייט מיט טרערן. געדענקט, אַז אויב מיר האָבן נישט אַלץ דערגרייכט, זיינען אָבער אונדזערע תלמידים געבליבן נשמהדיק פאַרבונדן מיט אונדזער לעבן און קולטור; און אָט די דאָזיקע נשמהדיקייט איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם יידיש־ליד, דער יידיש־ליטעראַטור, דער יידישער שול! זייט האַרציק געגריסט פּיאָנערן שול־טוער!

ספּעציעל וויל איך דאָ האַרציק באַגריסן איינעם פון די הויפּט־שווימער קעגן שטראָם פון פלאַכן, ככל־הגוויימדיקן ראַדיקאַליזם, מיין לערער, און דער דערציער פון אַ דור יידישע לערער; דער מענטש פון פאַרשן

און גלויבן, ווי אַ וויסנשאַפטלער זוכט ער דעם אמת און ווי אַ ייִד איז ער פאַרליבט אין ייִדישע ווערטן. וויסנשאַפטלעכקייט און ייִדישקייט — זיינען די אַקס אַרום וועלכער ס׳באַוועגט זיך זיין געדאַנק, זיין פען. אָבער גלייכצייטיק מיט זיין פאַרטיפטער אַרבעט צו פערפעקטירן אַט די האַר־מאָניע, האָט ער געהאָלפן אויספורעמען דאָס געשטאַלט פון דער ש״ע־שול, אַ דערציאונגס־אינסטיטוציע וואָס איז אַ פּרוואוו צו פאַרקערפּערן די דאָ־זיקע האַרמאָניע. איך מיין דעם פּיאָנער־דענקער פון אונדזער שול ל ייבוש לעהרער, וועמען מיר אַלע ווינטשן צו זיין 75סטן געבוירנטאָג, נאָך לאַנגע יאָרן פון שאַפן לטובת אונדזער פאָלק!

איך וויל באַגריסן די חברים לערער, די פירער און אינספּירירער, וואָס אָן זייער אידעאַליסטישער אַרבעט אין קלאַס וואָלטן מיר נישט גע־קענט אָנהאַלטן די תלמידים צווישן די פיר ווענט פון אונדזער שול, בעת די גאַס ליפערט גרעסערע אַטראַקציעס. דער ייִדישער לערער וואָלט נישט געקענט טאָן זיין שווערע אַרבעט בשלימות ווען ער וואָלט נישט געווען אַ פרייוויליקער שקלאַף צו זיין באַרוף; ווען ער וואָלט נישט געקראָגן קיין טיפע סאַטיספאַקציע פון זיין אַרבעט אין קלאַס; ווען ער וואָלט נישט גע־האַט קיין פריידיקע איבערלעבונגען ווי אַ מיטשאַפער פון דעם קינדס ייִדישער פערזענלעכקייט. און פונקט ווי אָן אחריותדיקער קינסטלער קען זיך נישט באַפרייען פון זיין טאַלאַנט, אַזוי איז דער דעדיקירטער ייִדישער לערער צוגעשמידט צו זיין עבודת הקודש אין קלאַס. קאָלעגן, זייט האַרציק באַגריסט!

זייט האַרציק באַגריסט איר אַלע פריינד און מיטהעלפער, איר אַלע עלטערן און סימפּאַטיקער. עס איז נישטאָ קיין ערלעכער און פאַרשפּילטער קאַמף! אַלץ וואָס מיר טוען לשמה, פאַר דער באַרייכערונג פון אונדזער קולטור־לעבן ווערט פאַרשריבן און אָפּגעשאַצט — עס גייט נישט פאַרלאָרן!

ואחרון אחרון — איר גראַדואַנטן, תלמידים פון אונדזערע שולן — היינטיקע יונגע טאַטעס און מאַמעס! אַוודאי האָט איר — פונקט ווי מיר אַלע — אַ סך פאַרגעסן פון דעם וואָס איר האָט געלערנט אין שול. אָבער איך בין זיכער, אַז איר קענט נישט פאַרגעסן די ליבשאַפט פון אייערע לערער צו אייך, זייער אידעאַליזם, זייער קרבנות־גרייטקייט! איר קענט נישט פאַרגעסן די אַלע שיינע און דערהויבענע מאָמענטן וואָס איר האָט איבערגעלעבט אין שול. איר קענט נישט פאַרגעסן דאָס ליד, די מעלאָדיע

וואָס די שול האָט אַריינגעזונגען אין אייער געמיט. לאָזט נישט דעם ניגון, דעם חלום, די אידעע פון דער יידישער שול זיך אויסוועפּן! זעט אַז אויך אייערע קינדער זאָלן עס איינזאַפּן! נעמט אויף דעם אַרויסרוף פון אונדזער פריי לאַנד, און באַווייזט אַז אויך אין פרייהייט קען אויפבליען אַ יידישער רענעסאַנס! האָט דעם מוט צו זיין אומאָפּהענגיק אין אייער מחשבות; האָט דעם מוט צו האָבן איבערצייגונגען! געדענקט אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד נישט בלויז פון פּראַגמאַטיקער, נאָר אויך פון טראַנסצענדענטאַליסטן אַזעלכע ווי פּאַרקער, געריסאָן, טהאָראָ און עמערסאָן — פילאָסאָפישע אידעאַליסטן און וויזיאָנערן!

עס איז געווען אַן אַמעריקאַנער היסטאָריקער טשאַרלס ביערד וואָס האָט אונדז געלערנט — אין „דהי רייז אָוו אַמעריקען סיוויליזיישאָן", אַז די געשיכטע פון אַ ציוויליזאַציע אויב מע באַנעמט זי ריכטיק קען ווערן אַ כוח צו באַווירקן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער ציוויליזאַציע.

אונדזער געשיכטע פון די ש"ע־שולן במשך דעם ערשטן האַלבן יאָר־הונדערט — אויב מיר זאָלן זי ריכטיק אָפּשאַצן, קען פירן צו אַ התעוררות; קען אונדז סטימולירן צו אַ גרויסן פּאַרמעסט אויפן פעלד פון יידישן חינוך אין אַמעריקע; קען פירן צו אַ ניי, גרויס קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג. אָט דאָס ווינטשן מיר פון גאַנצן האַרצן!

## פערטער טייל:

# עפּילאָג:

# אַ קיומיסט אויפֿן הר־ציון

# אַ קיומיסט אויפֿן הר־ציון

## (דאָס ערשטע מאָל אין ישראל)

### א

ווען אַ ייִד, וואָס טראַכט אַ גאַנץ לעבן וועגן קיום האומה און וואָס ראַנגלט זיך מיט ייִדישער פּראָבלעמאַטיק אין די תפוצות ביים אויפשטיין און ביים שלאָפֿן גיין, ווען אַזאַ ייִד פּאָרט דאָס ערשטע מאָל קיין ישראל, קען ער נישט פּרעטענדירן אויף וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיווקייט — אויב אַזאַ זאַך איז בכלל מעגלעך אין דער וועלט פון איבערצייגונגען און אי־דעאַלן. עס האָט זיך אים לכתחילה געוואָלט געפינען דאָס גוטע אין ישראל. וואָרעם ייִדישער קיום און ארץ־ישראל זיינען נישט פאַר אַ נאַציאָנאַלן ייִד קיין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס, צו וועלכע מע קען צוגיין בלויז מיטן מוח. אַזאַ ייִד ווייסט — אויב ער איז ערלעך מיט זיך — אַז דאָס האַרץ — לויט פּאַסקאַלס זאָג — האָט זיך זיין לאָגיק וואָס דער שכל קען נישט פאַרשטיין; אָבער ס׳איז די טיפסטע, די ערלעכסטע לאָגיק. פאַר אַ ייִדן פאַר וועמען ארץ־ישראל איז אַלע מאָל געווען אַ הייליק לאַנד, און ווע־מען ירושלים של מעלה, און די צפת פון די מקובלים האָט אַלע מאָל געוואָרעמט — אַזאַ ייִדן האָט דער עיקר אינטערעסירט וואָס די נייע ישראל — מדינת־ישראל — וואָס איז כסדר אויסגעשטעלט צו אָנפאַלן מצד די שכנישע פעלקער און מוז דעריבער אָפּגעבן אַ גרויסן טייל פון איר ענערגיע און בודזשעט אויף מיליטערישער גרייטקייט — וואָס קען אַזאַ מיליטאַריזירטע מדינה צוטראָגן צו שעפערישער ייִדישער עקסיסטענץ אומעטום: אין ישראל און אין די תפוצות; זייענדיק געצוואונגען צו לעבן ספּאַרטאַניש צי וועט זי קענען גלייכצייטיק ווערן אַן „אַטען" — אַ צענטער פון גייסטיקער שעפערישקייט.

אים האָבן אינטערעסירט אַזעלכע פראַגן: צי איז פאַראַן, צווישן דעם היינט און דעם מאָרגן אין ישראל און דעם היינט און מאָרגן אין גלות אַ פאַרבינדונגס־רינג, אָדער האָט דער נייער דור קיין שום שייכות נישט מיט אונדז ייִדן אין די תפוצות? צי קענען ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן פילן

אַ המשך פון זיך בלויז צווישן געלערנטע, קינסטלער און די פרומע ייִדן פון מאה־שערים, בעת די יוגנט, די סאַבראַס, האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיט אונדז גלות־ייִדן? און ווי זעט אויס דער „נייער מענטש", דער פּראָדוקט פון די קיבוצים, דער וועמען א. ד. גאָרדאָן האָט געוואָלט הייליקן דורך אַרבעט, דורך פאַרוואַנדלען זיין וואָך אין אַ שבת? און די קיבוצים וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַן אַנדער צייט, אין אַן אַנדער גייסטיקן קלימאַט, און ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען — ווי קוקט אויס זייער צוקונפט?

און עס האָט זיך פשוט געבענקט צו זען דעם אידעאַל פון אַזוי פיל דורות ייִדן אין דערווירקלעכקייט: איז דער קלימאַט דערטרעגלעך? ווי זעט אויס דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון ייִדן? זעט מען אַ שמייכל אויף די פּנימער? זיינען די מענטשן פריינדלעך — ווי איז דער לעבן־סטאַנדאַרד און דער גייסטיקער ניוואָ פון לאַנד? אָט די דאָזיקע זאַכן האָבן אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט.

ב

איך בין געווען אין ישראל דריי וואָכן, און במשך דער צייט האָב איך דורכגעשניטן דאָס לאַנד פון כפר גלעדי אין צפון, ביז אילת ביים רויטן ים. איך האָב באַזוכט אַלע גרעסערע שטעט און עטלעכע קיבוצים. בין איינגעשטאַנען אין האָטעלן און האָב געוואוינט אין די היימען פון מיינע צאַלרייכע קרובים — אין תל־אביב, רמת־גן, ירושלים, חיפה, עפולה, חדרה, כפר אתא — מענטשן וואָס זיינען צום גרעסטן טייל אַריינגעקומען מיט דער דריטער עליה, ד"ה מיט אַ 30־35 יאָר צוריק. איך האָב זיך צוגעקוקט און געשמועסט מיט זיי וועגן זייער לעבן — און זיי געהערן צו אַלערליי שטאַנדן, פאַרמעגלעכע און אַזעלכע וואָס מאַכן קוים אַ לעבן, און צו עטלעכע דורות — און זייערע פּראָבלעמען. איך האָב אויך גערעדט מיט פירנדיקע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען: מיט טוער פון מפא"י, אחדות עבודה, השומר הצעיר, בונדיסטן, מיט ייִדישע, העברעאישע שרייבער און געלערנטע. און וואָס איז דער קווינטעסענץ פון דעם אַלעם? וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק?

ערשטנס, די אומטעטומיקייט פון ייִדן: אין אַלע שיכטן, אין אַלע ווינקלען פון לאַנד, און אין אַלע באַשעפטיקונגען. אַפילו ווען איר האָלט נישט אַז דער אינדוסטריעלער אַרבעטער איז אַ גרעסערער מיוחס ווי דער

קרעמער, און אַפילו ווען איר צווייפלט אין דעם אמת פון די אַמאָליקע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, וואָס פלעגן אַזוי לײדנשאַפטלעך קעמפן פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע אָדער אַגראַריזאַציע אין ייִדישן פאָלק — אַפילו דאָן מאַכט אויף אייך אַ רושם דער פאַקט וואָס אומעטום, וואו איר שטייט און גייט, — אין די קופּער־מינען פון נגב, צווישן אינזשענירן פון די באַנען, מאַטראָזן פון די פלאָטן, פילאָטן פון עראָפּלאַנען, די קעלנער און באַדינער פון די רייכסטע האָטעלן, — צווישן די אַלע געפינט איר אויס־שליסלעך ייִדן. איר באַזוכט פאַבריקן, ווײנקעלערס, קיבוצים, און אומע־טום, ביי אַלע אַרבעטן און אויף אַלע פּאָזיציעס זעט איר ייִדן און ייִדן. דאָס מאַכט אויף אייך אַ רושם. איר דערפילט אין ישראל דעם טעם פון אַ נאַציאָנאַלער אינטימקייט מיט זיך אַליין, וואו דער ייִד דאַרף זיך נישט, ביודעים אָדער בלא יודעים צופּאַסן צום גוי — ווי ס'איז דער פאַל אין די תפוצות, וואו ייִדן בילדן אַ קליינעם פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט מיט וועלכער ייִדן זיינען ייִדן — ייִדן מכל המינים, מיט בערד און אָן בערד, אין מאָדערנער קליידונג און אין טראַ־דיציאָנעלער הלבשה — אָט די נאַטירלעכקייט פון אַלערליי ייִדן מיט זייער ייִדישקייט, מיט זייער אויפפיר, מיט זייערע מאַניערן — דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק.

צווייטנס, די שיינקייט פון לאַנד און די אייגנאַרטיקייט פון ירושלים, חיפה, צפת און טבריה. די אויסטערליש־שיינע פּאַנאָראַמע וואָס איר זעט אַרומפאָרנדיק אין גליל, ביים אַרײנפאָר קיין ירושלים, קיין צפת, און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער לאַנדשאַפט אין גאַנץ ישראל, אויך אין נגב, וואו איר זעט אי שפּורן פון פריערדיקע ציוויליזאַציעס, אי מעגלעכקייטן פאַר דער צוקונפט — דאָס איז אַ קוואַל פון גרויס צופרידנקייט.

דריטנס, די ריינקייט אין גאַס און אין שטוב; דער הויכער לעבנס־סטאַנדאַרד סיי בנוגע וואוינונגען, סיי אין פּרט פון קליידונג און עסן. אַז מע קריגט איצט אַלץ אין ישראל איז יעדן באַוווּסט, און אין די פּשוטסטע שטאָטישע רעסטאָראַנען, פּונקט ווי אין די קיבוצים סערווירט מען טאַקע, אויף גאַנץ מעסיקע פּרייזן באַטעמט עסן.

פערטנס, דאָס געפיל פון זיכערקייט ביי ייִדן נישט געקוקט אויף דער נאָענטקייט פון די גרענעצן, ספּעציעל, אין ירושלים. פאַר אַ פרעמדן, וואָס קומט אויף אַ ווייל אין לאַנד, איז עס פּשוט אומבאַגרייפלעך, ווי אַזוי

די ייִדן אין ישראל, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט שונאים, גייען אָן מיט זייערע באַלדיקע אַרבעטן און מיט זייערע לאַנג־טערמיניקע פּלענער פון אויפבוי, אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט עקסיסטירט קיין שטענדיקע סכנה פון מלחמה. ווען איר באַקענט זיך מיטן נידעריקן קולטורעלן ניוואָ פון די אַראַבער, הייבט איר אָן פאַרשטיין פון וואַנען ס׳נעמט זיך דאָס געפיל פון זיכערקייט ביי ייִדן.

פינפטנס, די העברעאיזירטקייט פון דער גאַס און פון אַלע דורות, וואָס עס דוכט זיך אויס אויפן ערשטן בליק, ווי עס וואָלט געווען אַ טייל פונעם לעבנס־שטייגער פאַר אַ סך צענדליקער יאָרן. יונג און אַלט, ייִדן פון אַלערליי לענדער און קולטורן באַמיען זיך צו רעדן עברית. און דאָס איבערראַשט אייך אויפן ערשטן מאָמענט. אָבער ווען איר באַקענט זיך אַ ביסל בעסער מיטן ישראל־שטייגער — זעט איר, אַז די העברע־איזירטקייט איז ווייט נישט אַזוי פאַרוואָרצלט — ספּעציעל אין דער אינ־טימער לעבנס־ספערע פון היים — ווי ס׳קוקט אויס אויף דער אויבערפלאַך.

ואחרון, אחרון — ירושלים מיט איר אייגנאַרטיקייט, מיט איר נשמה יתירהדיקייט, מיט אירע בערג, אירע גאַסן און קוואַרטאַלן, פון וועלכע עס שטראַלט אַרויס די פּאָעזיע, דער אייביקער חלום פון אונדזער אומה; די הייליקע שטאָט איז פאַר מיר געווען די טיפסטע איבערלעבונג. דאָ האָב איך דערפילט, ווי די פסיכישע סטרונעס, וואָס האָבן מיך פאַרבונדן מיט פריערדיקע דורות וואָלטן זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגיאָריקן שלאָף, און בעת איך האָב געקלעטערט אויף ירושלימס היסטאָרישע בערג האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט געקלעטערט אויפן לייטער, וועגן וועלכן יעקב האָט געחלומט אין בית אל. דאָ איז — פאַר איינעם וואָס ברענגט מיט זיך אַ סך תנכיש־היסטאָרישע אַסאָציאַציעס — שווער געווען אונטערצושיידן צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט.

ירושלים מיט אירע שטיינערנע מאַסיווע בנינים, געבויט אין אַן אייגנ־אַרטיקן היסטאָרישן סטיל; די אַריסטאָקראַטישקייט, די שלווה פון דער הייליקער שטאָט גיט אייך ס׳געפיל, אַז דאָ קען מען ממש אָנטאַפּן מיט די הענט די נשמה־וויבראַציעס פון דער כנסת־ישראל. און ווען איך בין פרייטיק־צו־נאַכט געגאַנגען צו אַ קבלת־שבת אין אַ חסידישער שול און האָב זיך צוגעהערט צו די תפילות און געזאַנגען, וואָס האָבן מיט זייער עכטקייט און פלאַקערנדיקער רעליגיעזיטעט צעטרייסלט דאָס סקעפּטישע

געמיט פון אַ מאָדערנעם אַמעריקאַנער ייִד — האָב איך מקנא געווען אָט די תמימותדיקע, אמונהדיקע ייִדן וואָס קריגן שוין איצט עולם־הבא — דאָ אויף דער וועלט.

נאָך שטאַרקער האָב איך דערפילט, ווי ס׳פאַרשווינדט די גרענעץ צווישן טרוים און ווירקלעכקייט אויפן הר־ציון.

מיר זיינען געגאַנגען אויף די אומצייליקע טרעפּ פון באַרג אַלץ העכער און העכער, זיך אַלעמאָל צוגעקוקט צו דער פּאַנאָראַמע פון ירושלים, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט צופוסנס פון באַרג. אָט זיינען מיר אַרויף אויפן שפּיץ פונעם באַרג און אַריבערגעקוקט איבער דער גרענעץ צו דער אַלט־שטאָט, וואו עס געפינט זיך דער כותל מערבי. מיר זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו מע האָט אונדז געוויזן די קברים פון דוד המלך און די אַנדערע מלכי בית דוד. און הגם ס׳איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט און איינ־שטימיקייט צווישן געלערנטע, אַז דאָס איז טאַקע דער תנכישער הר־ציון און אַז דאָ געפינען זיך טאַקע די קברים פון די מלכי בית־דוד — האָבן זיך אין מיר אָפּגערופן דורותדיקע ציון־בענקשאַפטן. עס האָבן ווידער אויפגעלעבט די רעליגיעז־פּאָעטישע איבערלעבונגען פון דער יוגנט: די געזאַנגען פון תהילים, פון ישעיה, פון ר׳ יהודה הלוי. און ווען דער רב האָט געמאַכט אַן אל מלא רחמים, האָב איך זיך נישט געשעמט פאַר מיינע טרערן. עס האָבן מיך נישט געאַרט די אַלע בעטלערס וואָס האָבן אַגרעסיוו געפאָדערט נדבות, איך האָב זיי אַלע געגעבן. דאָ אויף דעם אָרט האָב איך דערפילט די קאָנקרעטיזירונג פון צוויי טויזנט־יאָריקן פאָלקס־חלום. אָט צו דעם פּלאַץ האָבן די בעסטע, די איידלסטע פון אונדזער פאָלק גע־שטרעבט צוצוקומען. איך האָב זיך דערפילט ווי אַ טיילכל פון דער פאָלקס־נשמה וואָס האָט דאָ איר משכן. און אַ גרויסע באַפרידיקונג איז עס געווען, וואָרעם די צאַרטסטע האַרץ־וואונטשן פון זיידעס און טאַטעס האָב איך זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן.

### ג

פאַר יעדן איינעם וואָס איז אַ ביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די „אוטאָפּיסטישע" עקספּערימענטן — במשך דעם 19טן יאָרהונדערט — אויפן געביט פון קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע, איז פאַרשטענד־

לעך, אַז מיטן אויפקום פון דער ישראל־מלוכה, מיטן וואוקס פון די שטעט, מיט די ענדערונגען אין די לעבנס־באַדינגונגען און אין „גייסטיקן קלימאַט" — ווי אַ רעזולטאַט פון אָט די אַלע דערשיינונגען, האָט געמוזט אַנטשטיין אַ קריזיס אין די קיבוצים. די צייט פון כיבוש עבודה און שמחת עבודה; די צייט פון טריקענען זומפּן פון מאַלאַריע, פון דעם פּיאָנערן־גייסט — יענע צייט איז שוין לאַנג אַריבער. דער אידעאַליסטישער חלוצים־דור פון דער צווייטער עליה רוקט זיך ביסלעכווייז אַוועק פון דער סצענע. צו די נייע אימיגראַנטן און דער סאַבראַ־יוגנט, פאַר וועמען דער ציוניזם איז נישט אַ לעבנס־אידעאַל, וואָס וואָרצלט טיף אין דער אַלטער אָדער דער נייער יִדישער (העברעאישער) קולטור, אַפּעלירט נישט שטאַרק דער קיבוץ. איז דאָך טאַקע די פּראָפּאָרציע פון דער קיבוץ־באַפעלקערונג געפאַלן במשך די לעצטע צען יאָר. דאָס אַלץ האָב איך געוואוסט איידער איך בין געפאָרן קיין ישראל. פונדעסטוועגן איז דער קיבוץ געווען דער אָביעקט פון מיין שטאַרקסטן נייגער אין ישראל, ווייל דאָס איז דאָך געווען דער אינקובאַטאָר פאַרן „נייעם ייִד".

איך האָב באַזוכט 4־5 קיבוצים. אין צוויי האָב איך פאַרבראַכט שעהן לאַנג מיט קרובים און אָנפירער, וואָס האָבן מיך באַקאַנט מיט אַ סך פּרטים פון קיבוץ־לעבן; האָב געגעסן אין אַלגעמיינעם עס־צימער, האָב באַזוכט עטלעכע דירות וואו עס לעבן אַ פּאָרל און אַן עלטערע פּרוי — זייער מו־טער. די פעלדער, לאַנקעס, די פאַבריק מאַכן אַלע זייער אַ גוטן איינדרוק. די דירות, — הגם זייער באַשיידענע, — ריין און באַקוועם — מיט ביכער און בילדער און אַנדערע „פּריוואַטע" קאָמפאָרטן, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פון אַמאָליקע פּרימיטיווע באַדינגונגען.

אין שמועס מיט אַ פירנדיקן קיבוצניק, וואָס האָט מיר זייער פריינד־לעך און געדולדיק פאַרענטפערט אַלע פראַגעס און קשיות, האָב איך פונ־דעסטוועגן אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז די צוקונפט פון די קיבוצים איז שטאַרק פאַרוואָלקנט און אונטער אַ גרויסן פראַג־צייכן. אויף אַ טייל פון די סיבות האָב איך שוין פריער אָנגעוואונקען. אָבער שמועסן מיט געוועזענע קיבוצניקעס האָבן פאַר מיר נאָך קלאָרער געמאַכט די סיבות פון באַרג־אַראָפּ. אַחוץ דעם וואָס עס זיינען איצט דאָ אַ סך גרעסערע מעג־לעכקייטן צו מאַכן אַ קאַריערע אין שטאָט, אין מלוכה־דינסט, אין די פּראָ־

פעסיעס, און בילדונגס־אַנשטאַלטן, האָבן זיך בולטער אַרויסגעשיילט די אינערלעכע ראַנגלענישן און דילעמעס וואָס דער יחיד באַגעגנט אין קי־בוצישן לעבן.

אַ סך יחידים קענען נישט אויפלייזן זייערע פּריוואַט־אינדיווידואַליס־טישע נייגונגען און ס'ווערט פאַר זיי אומדערטרעגלעך שווער דער קאָ־לעקטיוויסטישער דרוק — הגם ס'הערשט איצט נישט, ווי באַקאַנט, יענע שאַרפע קאָמוניסטישע לעבנס־פאָרעם ווי אַמאָל. כ'האָב געזען וואוינונגען, וואו מע קען שוין פּריוואַט אויפנעמען געסט און וואו מע האָט שוין אַ נישקהשהדיק איינגעאָרדנטע דירה, מיט אַ פיינער פּריוואַטער ביבליאָטעק. אויך די קינדער פאַרברענגען אָפטער און לענגער מיט די עלטערן, און די דערציאונג איז ווייט נישט אַזוי בציבורדיק ווי אַמאָל. פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף די אַלע קאָנצעסיעס צו די „קליינבירגערלעכע" נייגונגען אין מענטשן — וויל די יוגנט, גאַנץ אָפט, נישט פאַרבלייבן אין די קיבוצים, וואו זיי זיינען אויפגעוואַקסן.

איר באַגעגנט יונגע מוטערס וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ, ווייל זייערע קינדער וועלן האָבן גרעסערע מעגלעכקייטן אין שטאָט; יונגע טאַ־טעס וועלן אייך דערציילן, אַז אין שטאָט איז דאָס לעבן לייכטער, אינ־טערעסאַנטער און... ס'איז דאָ אַ האָפענונג אַז אויף אַ „רעגנדיקן טאָג" וועט מען האָבן עפּעס אָפּגעשפּאָרט; בעת ווען דו צעשיידסט זיך מיטן קיבוץ קענסטו קיין שום אָפּשפּאָרעכץ נישט מיטנעמען. דאָס זיינען פּראַ־זאַאישע אָבער זייער ממשותדיקע סיבות. דערצו טאָר מען אויך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן געענדערטן „מאָראַליש־גייסטיקן קלימאַט" ביי דער יוגנט אין ישראל, פּונקט ווי אין דער גרויסער וועלט: ס'איז אַ צייט פון גייסטיקער מידקייט, פון אַנטוישונגען, פון אויסגערונענע אידעאַלן, וואָס מוזן דערפירן צו קאַריעריזם; אוודאי נישט ביי אַלע — אָבער ביי גרויסע יוגנטלעכע מאַסן. (צו די ליכטיקע אידעאַליסטישע מינאָריטעטן אין ישראל וועל איך באַלד קומען).

ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען אַז ביי מיין גאַנצער סימפּאַטיע פאַרן סאָציאַלן אידעאַליזם פון די קיבוצניקעס, האָב איך נישט געקענט פאַרקוקן דעם באַשיינפּערלעכן פאַקט, אַז דער טיפּ מענטש וואָס ווערט דערצויגן אין דער קבוצה איז שטייף־דאָגמאַטיש אין זיין דענקען און ער מיינט,

אַז ער באַזיצט דעם גאַנצן און דעם איינציקן אמת; אַז נאָר ער איז אידעאַליסטיש, פּראָדוקטיוו און וועג־ווייזעריש. עס איז אויך געבליבן מיין איינדרוק, אַז דער נייער ייִד פון קיבוץ האָט ווייניקער צובונד און שייכות מיט דורותדיקער ייִדישקייט און מיט פריערדיקע דורות ייִדן, ווי די רעליגיעזע ישראלדיקע יוגנט.

ד

אויב אַזוי — אויב איך, דער „וועלטלעכער ייִד" פון אַמעריקע, האָב דאָס דערפילט, קומענדיק אויף אַ ווייל — איז שוין גאַרנישט קיין וואונ־דער, וואָס די טיפערע וועלטלעכע מחנכים אין ישראל האָבן אויפגעהויבן אַ באַוועגונג צו געבן דער יוגנט אַ ייִדישקייט־באַוואוסטזיין; די „תודעה יהודית" איז טאַקע געבוירן געוואָרן אויפן באָדן פון די אַלע דערשיינונגען. אויב די יוגנט — האָט מע זיך געכאַפּט — ווערט אָפּגעפרעמדט פון דער פאָלקס־קולטור, קען זי נאָך חלילה געשטאַלטן די ייִדישע מדינה אין אַ נישט־ייִדישער פּיזאָנאָמיע; פּרובירט מען איצט אַריינפירן אין קוריקולום פון דער ייִדישער מלוכה־שול אין ישראל אַ לימוד פון ייִדישער טראַדי־ציע, מנהגים און רעליגיע.

ווי אַ ייִדישער דערציער וואָס ווייסט דעם טיפן באַדייט פון ייִדיש פאַר דער פאַרוואָרצלונג פון יונגן דור אין אייביקן ייִדישן באָדן, האָט זיך מיר געגלייגט אויפן שכל, אַז אַ קאָמפּאָנענט אין „ייִדישקייט־באַוואוסט־זיין" וואָלט אויך געדאַרפט זיין דער ייִדישער לשון. האָב איך אַ סך מאָל פּרובירט פאַרפירן אַ שמועס אויף דער טעמע. אין רוב פאַלן האָט מען דעם ענין אָפּגעפּטרט מיט תירוצים — אויסמיידנדיק אַן אָפנהאַרציקע דיס־קוסיע. אַזוי האָט מיר אַ פירנדיקער מענטש אין אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר" אָפּגעענטפערט: „דער ענין איז מער נישט אַקטועל". מע האָט מיר אָבער דערציילט — און ס'איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט — אַז די אָנפירער פון אַ קיבוץ האָבן זיך געווענדט צו אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער אָרגאַ־ניזאַציע, אַז אויב מע וועט זיי פינאַנציעל שטיצן זיינען זיי גרייט צו עפענען אַ ייִדיש־נאָכמיטאָג־שול.

פונדעסטוועגן האָב איך געקראָגן אַ געלעגנהייט דירעקט צו כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם מיט יונגע מענטשן, ס׳רוב פון זיי סאַבראַס. געווען איז דאָס אין שבי־ציון, וואָס געפינט זיך אין גליל. איך האָב עטלעכע טעג פאַרבראַכט אין דעם גרויסאַרטיקן בית דולפין ביים ים. פאַרנאַכט האָב איך צושפּאַצירט צו אַ דערבייאיקן פּענסיאָנאַט, וואו עס זיינען איינגעשטאַנען יונגע ישראלדיקע פּאָרלעך, און צו מיין פרייד׳קער איבערראַשונג זיינען אַרום האָטעל געזעסן אַ 20־15 פּאָרלעך, אין אַ קרייז, און געזונגען יידישע לידער פון מאַנגער, געבירטיק, רייזען און אַנדערע יידישע דיכטער. ווען איך האָב זיך מיט זיי אַ ביסל נעענטער באַקענט — און דער רוב האָט געקענט רעדן יידיש — האָב איך זיי געפרעגט: „איר זענט דאָך נאַציאָנאַל־וועלטלעכע יידן, וואָס ווילן אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט יידן אין די תפוצות, צי פילט איר נישט אַז יידיש איז אַ מיטל צו שטאַרקן אייער יידישקייט־באַוואוסטזיין און אייער בונד מיט אַנדערע יידישע שבטים?" אויף דעם זיינען געקומען אַזעלכע ענטפערס: „דער יידיש וואָס מיר הערן דאָ פון אַמעריקאַנער יידן, איז אַ קנאַפּע אַטראַקציע פאַר אונדז"; „און אייער יוגנט רעדט דען יידיש?"; „מיט אַמעריקאַנער יידן פון אונדזער עלטער, וועלן מיר דאָך קיין יידיש נישט קענען רעדן".

אָבער ווען מיר האָבן ווייטער געפירט די פריינדלעכע דעבאַטע און איך האָב אָנגעוויזן אויף די גרויסע ווערטן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין יידיש און אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן איינצלנע נישט אַזוי שטאַרק געקעמפט קעגן מיין אַרגומענטאַציע; זיי האָבן מיך שטאַרק געוואָלט הערן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז צווישן דער ישראלדיקער יוגנט מוז זיך געפינען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מיעוט, וואָס ווערט אַלץ סענסיטיווער צו דער יידיש־ירושה. איך האָב געפילט, אַז דער אַמאָליקער דאָגמאַטיש נעגאַטיווער איינשטעל צו דער „גלות־קולטור" ווערט שוואַכער, און אַז אפשר זיינען מיר אויפן שוועל — על כל פנים וואָס שייך אַ מיעוט פון דער אינטעליגענטערער יוגנט — פון אַ בעסערער שטימונג לגבי דער „באָבע־יידיש"...

אַן ענלעכן איינדרוק האָב איך געהאַט, ווען איך האָב פאַרבראַכט אויפן באַלקאָן אין חדרה ביי מיינע פלימעניקעס אַ פרייטיק־אָוונט און געשמועסט מיט אַ גרופּע ותיקים — מענטשן אין די פריע 40ער — וועגן זייערע

אייגענע קינדער. זיי האָבן אָפּן מודה געווען, אַז הגם זייערע יונגע סאַבראַס — זין און טעכטער זיינען טייערע, פייערדיקע פּאַטריאָטן פון דער יידישער מדינה, וואָס וועלן גיין פאַר איר אין פייער און אין וואַסער, פונדעסטוועגן פעלט זיי יענע טיפע יידישע פאַרוואָרצלטקייט און יידישלעכקייט וואָס זיי אַליין — די עלטערן — פאַרמאָגן.

צוקוקנדיק זיך צו אָט דער פּראַגמאַטישער, אַמביציעזער, זעלבסטזיכער־רער ישראל־יוגנט, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַרגלייך מיט די ערשטע דורות משכילים, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער גרויסער וועלט און דערביי געריסן שטיקער פון דער אייגענער יידישער וועלט; זיי האָבן געזען שיינקייט נאָר ביי די „נאָרמאַלע" פעלקער, און בלויז חסרונות אין דער היים. אָבער די שיכרות האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער אי־בערברוך איז, ווי באַקאַנט, געקומען מיטן אָנהייב פון די 80ער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. אויך די איצטיקע ישראל־יוגנט איז דער פּראָדוקט פון אַ „צייט־גייסט", וואָס האָט פאַרלייקנט אַלץ וואָס שטאַמט פון גלות. זי איז דער פּראָדוקט פון אַ טיף־גייענדיקער רעוואָלוציע אין יידישן פאָלק, וואָס האָט אין זיין יונגן אידעאישן פאַנאַטיזם געמוזט פאַרמיאוסן דעם „דאָ", כדי צו בויען דעם „דאָרט". דערווייל לעבט מע נאָך אין ישראל אויף די אַמאָליקע אידעאָלאָגישע שיריים... און פּונקט ווי אין ווירטשאַפט־לעך־פּרימיטיווע לענדער פעלט אַ מיטל־קלאַס, אַזוי פעלט אין רעוואָלו־ציאָנערע לענדער אַ גייסטיקער „מיטל־קלאַס" — אַן אינטעליגענץ וואָס וואָס זאָל פאַרקערפּערן און לעבן סיי מיט די אַלטע, סיי מיט די נייע ווערטן. אַזוי איז דאָס איצט אין ישראל: דער רוב פון דער יידישער באַפעל־קערונג איז צעטיילט צווישן די צוויי עקסטרעמען פון אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, פון איין זייט, און דער שלילת־הגלות־יידישקייט פון די סאָ־ציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען — פון דער צווייטער זייט.

אָבער ס'קומט בהדרגה אַן ענדערונג אין מאָראַליש־גייסטיקן קלימאַט, און ס'וועט קומען דער סינטעז פון גלותדיקער און ישראלדיקער קולטור. פּונקט ווי ביי אונדז אין אַמעריקע זוכט מען אויך אין ישראל וואָרצלען אין עבר. עס פאַרמירט זיך אַן אַלט־נייער לעבנס־נוסח, וואָס וועט איינ־קאָרפּאָרירן אַ סך שטריכן פון אַמאָליקן שטייגער אין מזרח־אייראָפּע. אַלץ איז דערווייל אין פערמענטאַציע; אָבער ווען . . . וועט זיך אויסקריס־

טאַליזירן דאָס פּנים פון דער מדינה, וועט עס זיין אַ ייִדישער פּנים, ווייל מיט דער לאַבאָראַטאָריע ישראל פירן אָן אַ סך פון די בעסטע האַרץ־און מוח־מענטשן אין אונדזער וועלט־פאָלק. נישט געקוקט אויף דעם וואָס ישראל מוז שטענדיק זיין גרייט זיך צו פאַרטיידיקן, שאַפט מען דאָרטן גייסטיקע ווערטן און מע לעבט — אַ גרויסער טייל פון פאָלק — מיט קולטור און קונסט. תורה — אין ברייטסטן זין פון וואָרט — איז נאָך אַלץ דער אידעאַל ביי אַ סך ייִדן אין ישראל.

(1961)

גענזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאָן

438